STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08787

DOS ERSHTE UN DOS TSENTE YOR MEDINES YISROEL

Melech Noy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך נוי (נײַשטאַדט)

דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר
מדינת ישראל

(צוריקבליק און איבערבליק)

מלך נוי (נייסטאַדט)



דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר

מדינת ישראל

(צוריקבליק און איבערבליק)

פארלאג
י.ל.פרץ
ביבליאטעק
תל-אביב. ישראל

1958

דאָס דאָזיקע בוך דערשיינט
אין העברעיש אונטערן נאָמען:
בראשית ובעשור
למדינת ישראל.

מלך נוי — נײשטאָדט / דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר
פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב
Publishing I. L. Peretz Library,
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*

Melech Noy (Neustadt)
DUS ERSTE UN DUS ZENTE JUR
MEDINAT ISRAEL

©

נדפס בישראל

Printed in Israel 1958

דפוס „אורלי״, יסוד המעלה 27, תל־אביב

א י נ ה א ל ט :

זייט

פאַרבאַמערקונג 11

1. דער גרויסער נס — מדינת ישראל (צום ערשטן יום־העצמאות) . . 21

2. מאָביליזאַציע־רוף 30

3. אָפּהיטן אונדזער סוווערעניטעט
(געפאַר פון עטלעכע קריג־פירונגען) 35

4. אויפן וועג צו דער צייטווייליקער יידישער רעגירונג 44

5. דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט (6—12 אפריל 1948) באַשליסט . 57

6. אין דער ערשטער וואָך פון באַפרייונגס־קריג 69

7. די טאָפּלטע אויפגאַבע (פאַרן ערשטן קאַמף־איבעררייס 76

8. אין די טעג פון דעם ערשטן קאַמף־איבעררייס
(אויסצוגן פון טעלעגראַמעס) 81

9. „אַלטאַלענאַ" — די שיף מיט געווער פון אצ"ל 84

10. די ערשטע פאָרשלאַגן פון גראַף בערנאַדאָט 96

11. צווישן ערשטן און צווייטן קאַמף־איבעררייס
(אויסצוגן פון טעלעגראַמעס) 102

12. נאָך דעם צווייטן קאַמף־איבעררייס
(אויסצוגן פון טעלעגראַמעס) 104

13. מלחמה־פראָנט און שלום־פראָנט 109

14. דערציונג צו מלוכהשן דענקען 115

15. דער נצחון און די געפאַרן 129

16. אין שאָטן פונעם בערנאַדאָט־מאָרד 135

17. דער אָנהויב : מלוכה־בודזשעט און מלוכה־שטייערן 141

18. קאָמוניקאַציע נויטן און פּלענער (אונדזער ענטפער אויף די תוהו ובוהו
און בלאָקאַדע־פּלענער) אַ געשפּרעך מיטן קאָמוניקאַציע־מיניסטער
| דוד רמז | — 1948 און 1958 — 148

19. נאָכן נצחון אין דרום
(די מיליטערישע אָפּעראַציע „עשר המכות") . . . 166

20. באַרימערײַ און ווירקלעכקייט (פון אַ געשפּרעך אין ניו־יאָרק מיט
אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס") 172

21. ערשטע וואַלן אין מדינת ישראל
א. וואַל־צוגרייטונגען 176
ב. די פּאַרטייען ערב די װאַלן 180
ג. דער וואַל־זיג פון מדינת ישראל 198
22. אונדזער שטרעבן צו שלום
(וואַפנשטילשטאַנד־אונטערהאַנדלונגען אין ראָדאָס) . 205
23. די הסתדרות אין ערשטן יאָר פון דער מדינה
א. אַ סך־הכל פאַר װאַלן 212
ב. דער רעזולטאַט פון די װאַלן 225
24. עליה און קאָלאָניזאַציע 231
25. פרייד און זאָרג אין ירושלים (די עפענונג־זיצונגען פון דער קאָנסטיטואַנטע) 240
26. שװעריקייטן װאָס מען קען גובר זיין 248
27. די ערשטע רעגולערע רעגירונג פאַר דער כנסת
(נאָך די אַלגעמיינע װאַלן אין יאַנואַר 1949) 262
28. יקרות — אַ שווערע זאָרג (מיטלען קעגן אינפלאַציע) . . . 269
29. אַ רייזע קיין באר־שבע (אין דרום און אין נגב — 1949 און 1958) . 276
30. אין גליל העליון 297
31. דער שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן (קעגן דער יקרות־געפאַר) . . . . 308.
32. די זיבעטע הסתדרות קאָנפערענץ
א. עקאָנאָמישע און פּראָפעסיאָנעלע פראַגן . . . 315
ב. די הסתדרות אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע 321
33. די כנסת אין איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט 328
34. דער ערשטער יאָר־בודזשעט פון מדינת ישראל 338
35. נאָכשריפט: די מדינה־בודזשעטן אין די יאָרן 1956/1957, 1957/58,
און 1958/59 345
36. פראַגן פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק
א. דעמאָנסטראַטיווע צעשפּליטערונג 353
ב. פּאָליטישער דרוק אויף מדינת ישראל . . . 358
37. געפאַלן דער פרייזן־אינדעקס
(זאָל די הסתדרות האַלטן איר אָפּמאַך ?) 371
38. זיכערהייטס־דינסט (געזעץ פאָרשלאָג אין דער ערשטער כנסת) . . . 379
39. „להוציא דבה על הארץ"
(װער איז שולדיק אין די שוועריקייטן ?) 386
40. אַ וואָרט צום שלום 402

פאַרצייכענונג פון בילדער

בילד 1, זייט 17 : געביין פון ד״ר הערצל געבראַכט אין היימלאַנד ;

„ 2, „ 18 : 14־טן מאי 1948 — פּראָקלאַמירונג פון דער מדינת ישראל ;

„ 3, „ 19 : אַראַבער בלאָקירן אַריינגאַנג אין דער אַלט־שטאָט ;

„ 4, „ 19 : פאַרברעכערישער אויפרייס אין ירושלימער בן־יהודה־גאַס ;

„ 5, „ 20 : הגנה־גרופּע אין ירושלימער אַלט־שטאָט (אַנהויב 1948) ;

„ 6, „ 20 : אַראַבישע ציל־שיסער אין תל־אביב און חיפה ;

„ 7, „ 34 : ענגלענדער אַרעסטירן הגנה־מיטגלידער ;

„ 8, „ 53 : כפר עציון (אַלגעמיינער אַנבליק) פאַר דער מלחמה ;

„ 9, „ 53 : רבדים, (אַלגעמיינער אַנבליק) פאַר דער מלחמה ;

„ 10, „ 54 : די לעצטע קאַמפן אין ירושלימער אַלט־שטאָט (שטח אַרום דער ניסן ב״ק־שול) ;

„ 11, „ 55 : וואַסער־מאַנגל אין ירושלים אין צייט פון באַלאַגערונג און קאַמפן ;

„ 12, „ 56 : ציוניסטישער א. ק אין תל־אביב (6־12 אפּריל 1948) ;

„ 13, „ 56 : שארית הפליטה פון יידן אין ווין אויף הערצלס קבר ;

„ 14, „ 68 : יידן אין בודאַפּעסט הערן וועגן אויפריכטונג פון דער מדינה ;

„ 15, „ 120 : גרינדונג־קאָנפערענץ פון מפ״ם (יאַנואַר 1948) ;

„ 16, „ 121 : יינגלעך אין ירושלימער אַלט־שטאָט אינעם דינסט פון דער הגנה ;

„ 17, „ 121 : קדיש לאַזינסקי (לוז) אין דער שוצליניע אין דגניה ב׳ ;

„ 18, „ 122 : ד. בן־גוריון און ישראל גלילי ;

„ 19, „ 122 : די ברענענדיקע שיף „אַלטאַלענאַ״ ביים תל־אביבער ים־ברעג ;

„ 20, „ 123 : קאַראַוואַנען מיט פּראָדוקטן קומען אין באַלאַגערטן ירושלים ;

„ 21, „ 123 : די חב״ד־גאַס אין דער אַלט־שטאָט נאָך אַ שווערן קאַמף־טאָג ;

„ 22, „ 124 : קאָמאַנדירן פון הגנה נאָך דער טרייהייט־שבועה צו צה״ל ;

„ 23, „ 125 : ד. בן־גוריון און יעקב דורי — כ׳ תמוז תש״ח ;

„ 24, „ 126 : גאָלדע מאירסאָן (מאיר) גיט איבער אין מאָסקווע איר באַגלייביקונגס־שריפט ;

„ 25, „ 127 : פּראָפ. חיים חייצמאַן נאָך זיין קומען אין לאַנד (אָקטאָבער 1948) ;

„ 26, „ 128 : ענגלישע סאָלדאַטן פירן מיט כוח מעפּילים צו גירוש־שיפן ;

„ 27, „ 128 : לעצטע ענגלישע סאָלדאַטן פאַרלאָזן דאָס לאַנד ;

„ 28, „ 134 : משה שרת און ראלף באַנטש (1948) ;

„ 29, „ 161 : דוד רמז אין פּראָג מיט דעם טשעכאָסלאָוואַקישן קאָמוניקאַציע־מיניסטער (1948) ;

„ 30, „ 161 : מען שטימט אָפּ אינעם צײַטווייליקן מדינה־ראַט ;
„ 31, „ 162 : נײַע טראַנסאַטלאַנטיק־שיף פון „צים" און אָנבליק פון חיפה ;
„ 32, „ 163 : עולים גייען אַראָפּ פון אַ מעפּילים שיף ;
„ 33, „ 163 : עולים פון מצרים קומען אָן אין מדינת ישראל ;
„ 34, „ 164 : צענדליקער טויזנטער יידן פאַר דער מאָסקווער שול (ראש־השנה 1948) ;
„ 35, „ 181 : אָפּשניט פונעם שאָסיי לעבן לאַטרון ;
„ 36, „ 181 : נאָך די קאַמפן אין דרום. צעשטערטע בנינים אין נגבה ;
„ 37, „ 182 : סאָלדאַטן פון צה"ל שטימען ביי וואַלן אויף זייערע פעלד־פּאָזיציעס ;
„ 38, „ 182 : ערשטער אינערן־מיניסטער — יצחק גרינבוים, אינעם 75־טן געבוירן־טאָג ;
„ 39, „ 183 : אַראַבער און אַראַבישע פרויען נעמען אָנטייל אין וואַלן ;
„ 40, „ 184 : יידן אין בוקאַרעשט דעמאָנסטרירן (1948) פאַר מדינת ישראל ;
„ 41, „ 184 : אין שליחות פון דער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע (נאָוועמבער 1948) ;
„ 42, „ 217 : אין צייכן פון פריינטשאַפט מיט גאַנאַ — פנחס לבון און דזשאָן טיטאַגאַ ;
„ 43, „ 217 : אברהם הארצפעלד און סעקרעטאַר פון ברית פועלי א"י אין טייבה ;
„ 44, „ 218 : פייערלעכע זיצונג פונעם ועד הפועל פון הסתדרות נאָכן יו־ען באַשלוס אין 1947 ;
„ 45, „ 219 : רערן־פאַבריק פון „כור" אין עכו ;
„ 46, „ 220 : קראַנקנהויז און אַמבולאַטאָריע פון קופת חולים אין אילת ;
„ 47, „ 220 : צענטראַלע מרפאה פון קופת חולים אין באר־שבע ;
„ 48, „ 253 : קינדער פון ירושלימער אַלט־שטאָט צוריק פון געפאַנגענשאַפט (אָנהויב 1949) ;
„ 49, „ 253 : משה דיין און אבדלא אל־תל (אָנהויב 1949) ;
„ 50, „ 254 : ערשטער מדינה־פּרעזידענט פּראָפ. חיים ווייצמאַן גיט אָפּ זיין שבועה אין דער כנסת (17־טן פעברואַר 1949) ;
„ 51, „ 255 : פאַרזאָרגטע מאַמעס פרעגן וועגן זייערע זין אין געפאַנגענשאַפט ;
„ 52, „ 256 : ערשטע רעגולערע רעגירונג נאָך די וואַלן אין יאַנואַר 1949 ;
„ 53, „ 268 : בוימוואָל פון ישראלדיקע פעלדער פאַר טעקסטיל־אינדוסטריע אין קרית־גת ;
„ 54, „ 275 : קולטור־צענטער פון דער הסתדרות אין אילת ;
„ 55, „ 289 : פּרעזידענט חיים ווייצמאַן אין באר־שבע (אָנהויב 1949) ;
„ 56, „ 290 : קרובים און פריינט וואַרטן אָפּ עולים אין חיפהער האַפן ;
„ 57, „ 291 : יום העצמאות 1957, אין די גאַסן פון תל־אביב ;

„ 58, „ 292 : אַ קייט בערג האָט מען געמוזט אַדורכהאַקן ביים בויען דעם שאָסיי קיין אילת ;
„ 59, „ 292 : דער אַדורכגעהאַקטער וועג צווישן די בערג ;
„ 60, „ 293 : יידן אין ניו־יאָרק מאַניפעסטירן פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל ;
„ 61, „ 294 : 300 געפאַלענע אין גוש־עציון און לאטרון ווערן געבראַכט צו אייביקער רו אויפן הר הרצל (נאָוועמבער 1950) ;
„ 62, „ 295 : קופּער־גרובן אין תמנע (מכרות שלמה) ;
„ 63, „ 296 : נייער יידישער יישוב — קרית נצרת אין די בערג פון נצרת ;
„ 64, „ 307 : ישראל־דעלעגאַציע שרייבט אונטער וואָפנשטילשטאַנד מיט ירדן ;
„ 65, „ 329 : פּרעזידענט יצחק בן־צבי גיט אָפּ די שבועה אין כנסת (נאָוועמבער 1952) ;
„ 66, „ 329 : פּאָטער פון מדינה־פּרעזידענט קומט צו דער כנסת־זיצונג ;
„ 67, „ 330 : אליעזר קאַפּלאַן שרייבט אונטער די מגילת העצמאות ;
„ 68, „ 330 : אַראַבישע כנסת־מיטגלידער הערן די סימולטאַנטע אַראַבישע איבערזעצונגען ;
„ 69, „ 331 : אַרבעטער און מאַשינען פון „סולל בונה" בויערן אין די פעלדזן פון תמנע ;
„ 70, „ 332 : עולים־לאַגערן אין די ערשטע יאָרן פון דער מאַסן־עליה ;
„ 71, „ 332 : נייע דירות פאַר עולים ;
„ 72, „ 365 : די נייע רעגירונג נאָך די וואַלן אין 1955 ביים מדינה־פּרעזידענט ;
„ 73, „ 366 : אין יו־ען אין לייק־סאַקסעס (מערץ 1949) ;
„ 74, „ 366 : ביים ערשטן צוזאַמענפאָר פון איחוד עולמי אין מדינת ישראל (אַפּריל 1950) ;
„ 75, „ 367 : יום העצמאות 1958 אינעם ירושלימער אמפיטעאַטער ;
„ 76, „ 368 : די ישראל־פאָן פלאַטערט אויפן הר־סיני (נאָוועמבער 1956) ;
„ 77, „ 378 : רב אלוף משה דיין ווערט באַשטימט אַלס רמטכ"ל (דעצעמבער 1953) ;
„ 78, „ 401 : ביילינסאָן קראַנקנהויז פון קופּת חולים.

די בילדער זענען אויסגעקליבן פון די גרויסע בילדער־זאַמלונגען פונעם פּרעסע־ביוראָ פון דער רעגירונג, בילדער־זאַמלונג פון קרן היסוד, פאָטאָגראַפישער־דינסט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. אויך פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות, קופּת־חולים, געזעלשאַפט „צים", אויסגאַבן פון סולל בונה און בנק הפועלים, „דבר השבוע", „דבר", „למרחב", דעם בוך „גוש עציון במלחמתו", „נפתולי דור", אלבום העשור פון צה"ל, פון אַ גאַנצער ריי חברים און פריינט — א. אָרענשטיין (אַ ריי בילדער און אויפקלערונגען פון דער ירושלימער אַלט־שטאָט), פּרופ׳ ל. קדר (דאָס בילד פון מאָסקווער „אַגאָניאָק"), אורי דביר (שאָסיי קיין אילת), יוסף תמרי (אָנבליק פון די קופּער־גרובן) און אַנדערע.

די מערסטע קלישעס זענען ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן פאַר דעם בוך, נאָר אַ קליינער טייל קלישעס זענען אויסגעבאָרגט. אַלע וואָס האָבן אונדז געהאָלפן ביים באַקומען בילדער און אויסגעבאָרגט קלישעס — אַ גאָר האַרציקן דאַנק פאַר זייער פריינטלעכקייט און חברישער הילף.

פֿאָרבאַמערקונג

א

אָנהויב 1958 איז די צאָל יידן אין מדינת־ישראל מער ווי צוויי און אַ האַלב מאָל גרעסער ווי אינעם טאָג פֿון דער אויפֿריכטונג פֿון דער מדינה, מיט צען יאָר צוריק. אויף יעדע הונדערט מיטגלידער פֿון דער הסתדרות, אינעם טאָג פֿון פּראָקלאַמירן די מדינה, זענען איצט פֿאַראַן 350 מיטגלי־דער. אַרום ניין הונדערט טויזנט עולים זענען געקומען אין לאַנד אין די דאָזיקע קנאַפּע צען יאָר. הונדערטער טויזנטער פֿון צווישן זיי האָבן פֿאַר זייער קומען אין לאַנד נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט (און נישט צוליב זייער שולד) זיך צו באַקענען מיט זיין יונגסטער געשיכטע; צו באַקומען אַ קלאָר בילד פֿון דער עפּאָפּייע פֿון אויפֿקום פֿון אונדזער־זייער מדינה, פֿון די גרויסע קרבנות וואָס דאָס פֿאָלק האָט מקריב געווען פֿאַר דער באַפֿעסטי־קונג פֿון זיין לאַנד; אויך נישט פֿון די אָנהויבן פֿון דער ברייט־פֿאַרמאָסטענער מלוכהשער אויפֿבוי־אַרבעט און פֿון דעם אויפֿנעם און דער איינגלידערונג פֿון דער מאַסן־עליה.

דאָס איז דער באַוועגגרונד און די באַרעכטיקונג פֿאַר דעם דאָזיקן בוך.

עס וועט זיין אַן ערנסטער חסרון, אויב אַ גרויסער טייל בירגער פֿון מדינת־ישראל און אויך ברייטע קרייזן פֿון יידן אין חוץ־לארץ וועלן מיט דעם אַלעמען נישט זיין גענויער באַקאַנט, נישט וויסן ווי האָט געלעבט און מיט וואָס האָט געלעבט זייער מדינת־ישראל אין דעם ערשטן יאָר פֿון איר עקזיסטענץ; די פֿראַגן וואָס האָבן דעמאָלט באַשעפֿטיקט אירע איינ־וווינער און אירע אָנפֿירנדיקע מענטשן; וואָס מיר האָבן דעמאָלט געהאַט און וואָס האָט אונדז געפֿעלט. עס איז נויטיק דאָס צו וויסן, כדי צו קענען

אָפּשאַצן אין אַ ריכטיק ליכט וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין די צען יאָר און אויך וואָס מיר דאַרפן נאָך דערגרייכן. אויך יידן אין חוץ־לארץ דאַרפן דאָס אַלצדינג וויסן.

ב

אין פלוג זענען צען יאָר אַ גאָר קורצער צייט־אָפּשניט אויף אָפּצו־שאַצן גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. אָבער ביי אונדזערע באַדינגונגען, איז יעדער חודש געווען אַ יאָר און יעדעס יאָר אַ צענדליק יאָרן. אַזאַ צוריקבליק איז דערפאַר נוצלעך אויך פאַר די יעניקע, וואָס האָבן מיטגע־לעבט די געשעענישן די גאַנצע צייט, און פאַר די צענדליקער טויזנטער וואָס זענען, אין לויף פון די צען יאָר, פון קינדער — געוואָרן דערוואקסע־נע. נישט קיין אָפּשאַצונג איז דאָס בוך נאָר אַ צוריקבליק און אַ דערמאָנונג פון אַ נישט ווייטער פאַרגאַנגנהייט. אויך אַ פאַרזוך צו באַגלייטן דעם צוריקבליק מיט אַן איבערבליק וועגן דער אַנטוויקלונג אינעם צענטן יאָר.

עס איז נישט לייכט צו באַשטימען אין וועלכער פאָרם צו דערציילן וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען אינעם ערשטן יאָר פון דער מדינה. די צייט וואָס טיילט אונדז אָפּ פון דער געשעעניש איז אַ קורצע און עס פעלן נישט אַזעלכע וואָס האָבן מיטגעלעבט די געשעענישן און זענען ביכולת, מיט דער הילף פון מאַטעריאַלן, אפשר אפילו בלויז פון זכרון, צו רעקאָנסטרואירן די דאָזיקע תקופה. דער שרייבער פון די שורות האָט נישט געוואָלט רעקאָנסטרואירן, נאָר איבערגעבן די געשעענישן אַזוי ווי מיר האָבן זיי דעמאָלט דורכגעלעבט און געפילט — נישט ווי מיר זעען זיי און שאַצן זיי אָפּ היינט, ווען מיר ווייסן שוין מער־וויניקער די רעזול־טאַטן פון די געשעענישן. נאָך פינקטלעכער: ווי דער שרייבער פון די קאַפּיטלעך האָט זיי אין יענע טעג געזען און אָפּגעשאַצט.

צו דעם צוועק זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַ ריי אַרטיקלען, וואָס זענען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יענער צייט, אויף דער „הייסער מינוט" — צווישן פעברואַר 1948 און אויגוסט 1949, אין סאַמע גאַנג פון די געשעענישן. אַ גרויסער טייל פון די אַרטיקלען זענען געשריבן געוואָרן פאַרן „מאָרגן זשורנאַל" אין ניו־יאָרק און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויך אין אַ ריי צייטונגען און צייטשריפטן אין ארץ־ישראל און אין אַנדע־

רע לענדער. אין געוויסע פאַלן זענען די אינפאָרמאַציעס דערגאַנצט געוואָרן, לויט די טעלעגראַפישע באַריכטן וואָס זענען אין יענער צייט געשיקט געוואָרן עטלעכע מאָל אין דער וואָך צום ניו־יאָרקער „מאָרגן זשורנאַל".

דער הויפּט־חידוש באַשטייט אין דער באַמיִונג צו באַגלייטן די מערסטע געשעענישן און ידיעות, פאַקטן און ציפערן, מיט באַזונדערע באַמערקונגען, וואָס סומירן דעם המשך ביז אָנהויב 1958. בנוגע געוויסע באַזונדערס וויכטיקע ענינים — די אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט און שפּייז־פּראָדוקציע; מלוכה־בודזשעטן; קאָמוניקאַציע־דינסטן; אַנטוויקלונג פון נגב אאז"וו — פאַרנעמען די באַמערקונגען נישט ווייניקער אָרט ווי די אָריגינעלע אַרבעטן.

ג

דער מחבר פונעם בוך האָט נישט געהאַט פאַר זיינע שילדערונגען קיין באַזונדערע מקורות וואָס אַנדערע האָבן זיי נישט געהאַט. ער איז געווען באַקאַנט מיטן גאַנג פון די ענינים אין דער גלייכער מאָס ווי יעדער בירגער אין לאַנד וואָס האָט זיך באַמיט צו וויסן וואָס עס קומט פאָר. דער צוועק פון דעם בוך איז נישט צו אַנטפּלעקן אומבאַקאַנטע זאַכן. פונדעסטוועגן וועלן די קאַפּיטלעך פונעם בוך אָן־אַ־ספק דערמאָנען אַ סך פון די וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים מיטגעלעבט יענע טעג, פּאַסירונגען וואָס זענען זיי אַרויס פונעם זכרון, אָדער וואָס זיי האָבן נישט געשענקט גענוג אויפמערקזאַמקייט אין יענע טעג. און דער עיקר, וואָס מיר האָבן שוין פריער געזאָגט; פאַראַן היינט אין לאַנד הונדערטער טויזנטער וואָס האָבן מיט צען יאָר צוריק, אינעם גאַנג פון די געשעענישן, גאָר נישט געקענט זיין באַקאַנט מיט זיי.

די קאַפּיטלעך פונעם בוך נעמען אַרום די מערסטע ענינים וואָס האָבן אונדז באַשעפטיקט אינעם ערשטן יאָר פונעם קיום פון מדינת־ישראל. אַזוי ווי דאָס בוך איז אין פאָרויס איינגעצוימט געוואָרן אין אַ באַשטימטער ראַם (די טעמעס וועגן וועלכע דער מחבר האָט געשריבן אין יענע טעג), איז נישט אַלץ וואָס איז געשען אין יענעם יאָר באַהאַנדלט געוואָרן אין בוך. אַחוץ דעם ערשטן קאַפּיטל: „דער גרויסער נס — מדינת ישראל", ווערן די קאַפּיטלעך געגעבן אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. אין צווי־

פאַלן: „ערשטע וואַלן אין דער מדינת־ישראל" און „וואַלן צו דער זיבעטער הסתדרות־קאָנפערענץ", איז דער דאָזיקער סדר נישט אָפּגעהיט געוואָרן געווי, צוליב דער איינהייט פון דער טעמע.

ד

ווי געזאָגט, זענען די אַרטיקלען געשריבן געוואָרן אין לויף פון די געשעענישן, מיט דער באַמיִונג זיי מסביר צו זיין און פאַרשטענדלעך צו מאַכן דעם לייענער אין חוץ־לארץ. דער מחבר וויל נישט לייקענען, אַז ער האָט זיך אויך באַמיט מסביר צו זיין די מאָטיוון פון דער ישראל־רעגירונג, פון דער מערהייט אין דער כנסת און פון דער הסתדרות — און ווי דער מחבר איז איבערצייגט, פון דער מערהייט פונעם ישוב. ער האָט זיך אָבער אויך באַמיט אויפצוקלערן אַנדערע מיינונגען, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך פאַר איינעם וואָס האַלט די אַנדערע מיינונגען פאַר טעותדיקע. דער מחבר האָט שרייבנדיק, נישט געקענט פאַרגעסן, אַז ער שרייבט פאַר אַ לייענער־קרייז וואָס האָט פאַרשידענע מיינונגען און באַקומט אינפאָרמאַציעס פון פאַרשידענע מקורות. די אָריגינעלע אַרטיקלען זענען געשריבן געוואָרן אויף דער „הייסער מינוט" און פאַר אַ טאָג־צייטונג — איז אומפאַרמיידלעך געווען, אַז עס זאָלן נישט זיין איבערחזרונגען. די דאָזיקע ווידערהאָלונגען זענען, לויט מעגלעכקייט, אַרויסגענומען געוואָרן.

די נאָך־באַמערקונגען זענען געגעבן געוואָרן נישט אין דער פאָרם פון הערות באַצייכנט מיט שטערנדלעך צום סוף פון יעדער זייט און נישט ביים סוף פונעם בוך, נאָר זיי זענען אַריינגענומען געוואָרן אין טעקסט גופא מיט אַן אַנדערער שריפט און קירצערע שורות — כדי עס זאָל לייכטער זיין זיי צו דערקענען. מיר האָפן, אַז דאָס וועט זיין אַ פאַרלייכטערונג פאַרן לייענער.

די באַמערקונגען האָבן געפאָדערט אַ סך מי, באַזונדערס די וואָס האָבן אַ שייכות מיט ציפערן. נישט שטענדיק איז לייכט צו באַקומען פּינקטלעכע ציפערן וועגן ענינים וואָס זענען אין צושטאַנד פון „ווערן". אויב דאָ און דאָרטן זענען די ציפערן אומפולשטענדיק — איז עס נישט די שולד פון דעם מחבר׳ס נאַכלעסיקייט אָדער אומאויפמערקזאַמקייט.

ביי די פאַרגלייכונגען צווישן די יאָרן 1947 /49 און 1957/58 האָט דער מחבר זיך באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, צו אילוסטרירן דעם וווּקס מיט

ציפערן וועגן קוואַנטיטעטן פון אונדזער פּראָדוקציע אָדער דעם וווּקס פון מלוכה־דינסטן וכדומה. פאַראַן אָבער פאַלן ווי עס איז נישט געווען קיין אַנדערער וועג ווי דאָס איבערגעבן אין טערמינען פון פונטן. איז אָבער די שווערקייט וואָס דער ווערט פונעם ישראלדיקן פונט האָט זיך באַדייטנדיק געענדערט אין לויף פון די יאָרן. מיר נעמען זיך נישט אונטער צו זאָגן לויט וועלכן מאָדוס דאַרף מען פעסטשטעלן די דאָזיקע ענדערונ־גען. פאַראַן פאַרשידענע אופנים און מען קומט ציטנווייז צו פאַרשידענע רעזולטאַטן. נישט אַריינגייענדיק אין עצם ענין, איז אָבער קלאָר, אַז מען מוז דעם ישראל־פונט אין די יאָרן 1948/1949 כּפלען אויף 4 ביז 5 מאָל, ווען מען וויל פאַרגלייכן מיט דעם יאָר 1957.

*

די דאָזיקע אַרבעט האָט געפאָדערט פון מחבר זיך צו ווענדן צו אַ סך חברים און פריינט, וואָס זענען פירנדיק טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן און בעטן פון זיי אויפקלערונגען און ציפערן. די מערסטע האָבן פריינטלעך געענטפערט און זיך באַמיט אויפצוקלערן וואָס זיי זענען געבעטן געוואָרן — אַ גאָר האַרציקן דאַנק זיי אַלעמען פאַר זייער גוטן ווילן און הילף.

מ. נ.

תל־אביב, אייר תשי״ח — סוף אפּריל 1958.

„אין באַזעל האָב איך געגרינדעט דעם יידישן שטאַט. וואָלט איך דאָס היינט אַרויסגעזאָגט אויפן קול, וואָלט מיר אָפגעענטפערט אַן אַלגעמיין געלעכטער. אפשר אין פינף יאָר און זיכער אין פופציק יאָר אַרום וועט יעדער זען די ריכטיקייט דערפון”.

ט ע אָ ד אָ ר ה ע ר צ ל

(3־טן סעפטעמבער 1897, נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס).



בילד 1 : צענדליקער טויזנטער גיבן אָפּ כבוד דעם אָנדענק פֿון ד״ר הערצל, איידער דער ארון מיטן געביין, וואָס די רעגירונג האָט אַריבערגעפֿירט פֿון ווין, קימט צו קבורה אויפֿן הר־הרצל אין ירושלים (אויגוסט 1949, ביים תל־אביבער ים־ברעג).

בילד 2 : 14־טער מאי 1948, תל־אביבער מוזיי, ד. בן־גוריון לייענט די מגילת העצמאות.
אויבערשטע ריי : צייטווייליקע רעגירונג, לינקס צו רעכטס : ב. שיטרית — פּאָליציי און מינדערהייטן ; דוד רמז — קאָמוניקאַציע ; פּ. ראָזענבליט (רוזן) — יוסטיץ ; פּ. בערנשטיין — האַנדל, אינדוסטריע און לעבנסמיטל באַזאָרגונג ; הרב י. ל. פישמאַן (מימון) — רעליגיעזע ענינים און מלחמה־באַשעדיקטע ; ד. בן־גוריון — פּרעמיער און זיכערהייט ; משה שפּירא — עליה און געזונט ; משה שערטאָק (שרת) — אויסערן־ענינים ; אליעזר קאַפּלאַן — פינאַנצן ; מ. בנטוב — אַרבעט און אויפבוי א. ציזלינג — לאַנדווירטשאַפט. עס פעלן : יצחק גרינבוים — אינערן־מיניסטער (אין באַלאַגערטן ירושלים) און הרב י. מ. לעווין — סאָציאַלע הילף (אין אויסלאַנד).
רעכטס זיצן אין דער ערשטער ריי : נ. ניר־ראַפאַלקעס, ז. ווארהאפטיג און צבי לוריע. הינטער זיי : מ. שאַטנער

בילד 3 : באַוואָפנטע אַראַבער בלאָקירן דעם אַריינגאַנג אין דער ירושלימער אַלט־שטאָט.

בילד 4 : די ירושלימער בן־יהודה גאַס, איז אויפגעריסן געוואָרן און געהאַט אַ סך קרבנות. „אומבאַקאַנטע” דריי לאַסט־מאַשינען מיט אויפרייס־מאַטעריאַל, באַגלייט פון אַ געפּאַנצערטן ענגלישן פּאָליציי־וואָגן, זענען איינמאָל אין די טעג פון גערעַנגל, 6 פאַרטאָג אַהין געקומען און אויסגעפירט דעם פאַרברעך.

בילד 5: ירושלימער אַלט־שטאָט, אָנהויב 1948, אַ הגנה גרופּע פאָטאָגראַפירט אויף אַ דאַך לעבן דער שול „בית־אל" פון די מקובלים. אין הינטערגרונט לינקס די „בית יעקב" שול — חורבת ר' יהודה החסיד. דער שמאָלער בנין אויבן רעכטס, די ישיבה „אוהל שם". פון דער גרופּע זענעןביידע לינקס געפאַלן: עמנואל מידב, שטייט אין דער אויבערשטער שורה, און יאסקע אפקוביץ זיצט אין דער אונטערשטער שורה.



בילד 6: 1948, פאַר דעם 14־טן מאי: אייך אין תל־אביב און חיפה האָט מען אַזוי געמוזט אַדורכגיין אַ טייל גאַסן; אַראַבישע צילשיסער האָבן געלויערט אין שכנותדיקע גאַסן אויף דעכער פון הויכע בנינים.

דער גרויסער נס — מדינת ישראל

(צום ערשטן יום העצמאות)

א

דאָס איז געשען ערשט מיט אַ יאָר צוריק, און מען קען גאָרנישט תופס־זיין, אַז עס איז נישט מער ווי אַ יאָר. אַזוי פיל האָט זיך פאַר אונדז געענדערט אין דעם יאָר, אַזוי רייך אין געשעענישן און קרבנות איז פאַר אונדז געווען דאָס יאָר. בעת מען בלעטערט אין צייטונגען — פון אַ יאָר צוריק, דערמאַנען זיי אַ ווייטע פאַרגאַנגענהייט, הגם אַלץ איז דאָך אַזוי פריש און האָט נאָר וואָס פּאַסירט. צווישן די מאַטעריאַלן פון יענע טעג, האָט זיך ביי מיר פאַרוואַלגערט אַ נישט פאַרענדיקטער און נישט באַנוצטער קאָנספּעקט פאַר אַ באַריכט וועגן דער היסטאָרישער זיצונג אינעם תל־אביבער מוזיי, דעם 14־טן מאי 1948. איך האָב דעמאָלט איבערגעריסן דאָס שרייבן און קיין באַריכט נישט אָוועקגעשיקט.

„אַן איינגעהאַלטענע פרייד" איז די איבערשריפט פון דעם נישט אָפּגעשיקטן באַריכט, וואָס זיין אָנהויב זאָגט: „יעדער איינער פון די עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט פרייטאָג, דעם 14־טן מאי נאָכמיטאָג, אינעם איבערגעפּולטן קליינעם זאַל פון תל־אביבער מוזיי, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה — מדינת ישראל — און עס איז פאַרגעשטעלט געוואָרן איר צייטווייליקע רעגירונג, האָט געפילט, אַז ער איז אַן עדות פון אַ גרויסער היסטאָרישער פּאַסירונג. עס זענען נישט נויטיק געווען קיין אויסערלעכע עפעקטן, קיין באַזונדערע אַראַנזשירונגען, כדי צו פאַרגרעסערן די פייערלעכקייט און ערנסטקייט פון דער שטימונג. דאָס איז געקומען פון זיך אַליין, אַן וועלכער עס איז רעזשי. דאָס האַרץ איז ביי יעדן איינעם געווען איבערגעפּולט מיט דאַנקבאַרקייט און גליק, וואָס ער האָט זוכה־געווען צו דער שעה; וואָס ער איז

אַליין אַן עדות ווי זיינע פאַרבאָרגענע חלומות ווערן ווירקלעכקייט — אָבער אויך איבערגעפּולט מיט זאָרג און ציטער פאַר דער אחריות, וואָס מיר נעמען אויף זיך, אָפּצוהיטן פון איצט אָן אונדזער מדינה; פאַר די סכנות און קרבנות, וואָס וואַרטן אונדז, כדי צו זיכערן איר קיום״.

איך האָב, ווי געזאָגט, דאָס שרייבן נישט פאַרענדיקט און דעם באַריכט נישט אָפּגעשיקט, הגם פאַר מיר איז געלעגן אַ טעלעגראַם פון „מאָרגן־זשורנאַל״ אין ניו־יאָרק פונעם 13־טן מאַי: „טעלעגראַפירט אַן אַרטיקל, שפּאָרט נישט קיין ווערטער״ און איך האָב שטאַרק געוואָלט דערפילן דעם ווונטש. איך האָב אָבער געפילט, אַז שרייבן נאָר וועגן דער גרויסער פרייד, וואָס די היסטאָרישע געשעעניש האָט אַרויסגערופן, וועט זיין בלויז אַ האַלבע שילדערונג פון דעם וואָס אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן פילן. און עס איז נישט לייכט געווען צו טעלעגראַפירן, אין אַ מאָמענט ווען יידן אין דער גאָרער וועלט זענען מלא פרייד, וועגן דער אומרויקייט וואָס נאָגט דאָס האַרץ, וועגן די שוועריקייטן, וואָס וואַרטן אונדז יעדע מינוט.

די מיטאָג־צייטונגען, עטלעכע שעה פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, האָבן געמאָלדן, אַז ענגלאַנד האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָמאַנדע איבער דעם אַראַבישן לעגיאָן און ער איז איצט אַ זעלבשטענדי־קער אַראַבישער כוח. פריער האָבן די ענגלענדער געהאַט פאַרזיכערט, אַז דער אַראַבישער לעגיאָן וועט נאָר באַנוצט ווערן צו היטן אָרדענונג און וועט זיך צוריקציען נאָך דער פאַרענדיקונג פונעם מאַנדאַט־רעזשים. און מען דאַרף געדענקען, אַז דער אַראַבישער לעגיאָן פון עבר־הירדן, וואָס ווערט אויס־געהאַלטן פון די ענגלענדער, ווערט אָנגעפירט און באַוואָפנט פון די ענגלענדער, איז פּאַקטיש צווישן די אַראַבישע אַרמייען די בעסט־אָרגאַני־זירטע און בעסט־באַוואָפנטע מיליטערישע פאָרמאַציע. דעם 13־טן מאַי האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון „דבר״ געמאָלדן: דער אַראַבישער לעגיאָן מיט דער הילף פון טאַנקען און אַרטילעריע, באַגלייט פון טויזנטער באַוואָפנטע אַראַבער, האָט זיך אַריינגעריסן אינעם שטח פון כפר עציון. די ראַדיאָ־סטאַציע פון דער „הגנה״, האָט צוזאַמען מיט דער שילדערונג פון דער פייערלעכער זיצונג אינעם תל־אביבער מוזיי, געמאָלדן, וועגן די יידישע פונקטן אין גוש עציון, וואָס זינט וואָכן זענען זיי באַלאַגערט און קעמפן קעגן טויזנטער באַוואָפנטע אַראַבער, צווישן זיי אויך הונדערטער

רעגולערע סאָלדאַטן פונעם אַראַבישן לעגיאָן: „אין כפר עציון זענען, ווייזט אויס, אַלע געפאַלן, מענער און פרויען; רבדים און עין צורים האָבן שווער געליטן און די קאַמפן זענען אָפּגעשטעלט; אין משואות יצחק ווערן נאָך די קאַמפן פאַרגעזעצט״. אין דער ירושלימער אַלטשטאָט, איז די לאַגע געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער.

גוש עציון ליגט אין די חברונער בערג, אויפן וועג פון ירושלים צווישן בית לחם און חברון־שאָסיי. די קבוצה כפר עציון (אָנהויב תש״ח 220 נפשות) האָט זיך באַזעצט אין יאָר 1943, די אַנדערע ערשט שפּעטער. זי איז געווען די גרעסטע פון די 4 יידישע פונקטן אין גוש עציון און די לעצטע אויפן וועג פון ירושלים קיין חברון, 2 קילאָמעטער פונעם הויפּט־כביש, אויף אַ קרוב 1000 מעטער הויכן באַרג. אויך די אַנדערע 3 פונקטן זענען געווען אין די בערג.

אינעם לעצטן קאַמף אין כפר עציון, אַ טאָג פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה, זענען געפאַלן 127 קעמפער, צווישן זיי 21 פרויען. נאָר פיר זענען געבליבן ביים לעבן. אַ טאָג פריער זענען געווען 24 געפאַלענע. צווישן די 151 געפאַלענע — 79 חברים פון דער קבוצה. די פאַרטיידיקונג פונעם גוש עציון האָט געקאָסט 240 געפאַלענע. די קאַמפן אין יענעם געביט האָבן זיך געפירט מער ווי 5 חדשים. צווישן די 240 געפאַלענע, איז אויך די גרופּע פון ל״ה, אַן אָפּטיילונג פון 35 „הגנה״־קעמפער — פלמ״ח און חי״ש, (צווישן זיי 17 סטודענטן פונעם ירושלימער־אוניווערסיטעט), וואָס זענען דעם 16־טן יאַנואַר 1948 געפאַלן ביז צום לעצטן, איילנדיק צו הילף די באַפאַלענע אין גוש עציון, נישט אויפן הויפּט־וועג, נאָר פון הרטוב צווישן די בערג איבערן האֶלה־טאָל (וווּ דוד האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק געשלאָגן גלית הפּלישתי), פון וועלכן עס פירן אַלטע וועגן אין די בערג פון גוש עציון. זיי האָבן נישט געקענט באַנוצן דעם הויפּט־וועג, ווייל די ענגלענדער האָבן שטאַרק אָפּגעהיטן מען זאָל נישט פאַרשטאַרקן די יידישע פונקטן. אויך אַ הילף־גרופּע פון דער „הגנה״, פון 80 קעמפער האָט נישט באַוויזן זיך דורכצושלאָגן אַ וועג צו די 35 העלדישע קעמפער, אַרומגערינגלט פון טויזנטער אַראַבער. דאָס ענגלישע מיליטער איז געווען „נייטראַל״. ערשט דריי טעג שפּעטער האָבן זיי געבראַכט צו

די יידן אין גוש עציון די קערפּערס פון די 35 געפאַלענע, וועלכע מען האָט אין נאָוועמבער 1950 געבראַכט צו קבורה אויפן הר־ציון אין ירושלים, צוזאַמען מיט די אַנדערע געפאַלענע פון גוש עציון. שוין דעם 11־טן דעצעמבער 1947 זענען 15 קילאָמעטער פון ירושלים געפאַלן 10 פון דער וואַך, וואָס האָט באַגלייט אַ שיירה (קאַראַוואַן) קיין גוש עציון. דעם 27־28 מערץ 1948, זענען לעבן נבי דניאל געפאַלן 15 באַגלייטער פון אַ שיירה קיין גוש עציון.

אַ טאָג נאָכן לעצטן קאַמף אין כפר עציון, איז געקומען צו אַ קאַפּי־טולאַציע־אָפּמאַך בנוגע די פאַרבליבענע 3 פונקטן אין גוש עציון — משואות יצחק, עין צורים און רבדים. די וואָס האָבן געקעמפט זענען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט. אַ טייל פרויען, שווער־פאַרוווּנדעטע און נישט־קעמפער, האָט מען איבערגעפירט קיין ירושלים. ערשט 2 וואָכן שפּעטער האָט דער אַראַבישער לעגיאָן באַפרייט 89 פרויען פון געפאַנגענשאַפט.

די קעמפער פון דער ירושלים׳ער אַלט־שטאָט האָבן קאַפּיטולירט דעם 28־טן מאַי, נאָך זעקס חדשים באַלאַגערונג, נאָכדעם ווי זיי זענען פאַרבליבן אָן אַמוניציע און מעדיקאַמענטן פאַר 200 פאַרוווּנ־דעטע. אַרום 60 געפאַלענע האָט מען נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו ברענגען צו קבורה. 1200 יידן פון דער אַלט־שטאָט האָט מען איבערגעפירט קיין ירושלים און 290 אין עלטער פון 15 ביז 50 יאָר זענען אַוועק קיין עבר־הירדן אין געפאַנגענשאַפט, צווישן זיי 50 פאַרוווּנדעטע. 4 קראַנקן־שוועסטער האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן מיטצוגיין אין געפאַנגענשאַפט מיט די פאַרוווּנדעטע.

די לופט־אָנפאַלן אויף תל־אביב האָבן זיך אָנגעהויבן. פון אַלע עקן לאַנד האָט מען געמאָלדן, וועגן דעם אָנהייב פון דער אינוואַזיע פון די אַראַבישע מדינות. עראָפּלאַנען און אַרטילעריע האָבן באַשאָסן די געגנט פון דפנה און דן אין גליל העליון; עין גב, אויף דער מזרח־זייט פון כנרת, איז שווער באָמבאַרדירט געוואָרן; עראָפּלאַנען און אַרטילעריע האָבן אָנגעגריפן די יישובים פון עמק הירדן: צמח, אפיקים, אשדות יעקב, שער הגולן, גשר, מסדה, די דגניהס; אַרטילעריע האָט באַשאָסן רמת־הכובש, לעבן כפר סבא; אין דרום האָבן טאַנקען און אַרטילעריע שווער

אַטאַקירט כפר דרום און נירים. אויך ניר־עם און אורים זענען געוואָרן אָנגעגריפן; עטרות, אין צפון פון ירושלים, אויפן וועג קיין שכם, האָט מען געמוזט פאַרלאָזן.

איך האָב אויך נישט געקענט פאַרגעסן די עטלעכע ווערטער, וואָס אונדזער פרעמיער, ד. בן־גוריון, האָט מיר געזאָגט באַלד נאָך דער זיצונג אינעם מוזיי־זאַל, בעת איך האָב אים געווונטשן מזל טוב: „די הויפּט־שוועריקייטן און סכנות הויבן זיך ערשט אָן". און ווען מיר, אַ גרופּע חברים, האָבן עטלעכע שעה שפּעטער, אים באַזוכט אין זיין וווינונג, האָט ער נישט געקענט פאַרברענגען מיט אונדז, ווייל דער הויפּט־שטאַב פון דער „הגנה" איז שוין געזעסן מיט אים ביי אַ גאַר ערנסטער באַראַטונג.

ב

דעם 14־טן מאַי 1948, ווען מדינת ישראל איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָבן מיר געהאַט הינטער זיך אַ גאַנצע ריי באַדייטנדיקע מיליטערישע דערגרייכונגען. די אַראַבער אין יפו האָבן דעם 13־טן מאַי קאַפּיטולירט און די שטאָט איז געווען אין די הענט פון דער „הגנה" (נאָכדעם ווי די „הגנה" האָט דעראָבערט די מערסטע צוגאַנגס־וועגן צו דער שטאָט). עס איז געווען נאָך דעם דורכפאַל פון קאַוקאַדזשיס אַרמיי ביי משמר העמק; נאָך דער דעראָבערונג פון קאַסטעל־באַרג לעבן ירושלים, פון בית שאן, צפת, טבריה, חיפה און נאָך און נאָך. מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז אין די אַלע קאַמפן, זינט נאָענט אַ האַלב יאָר, זענען די אַראַבישע שכנים־לענדער און ענגלאַנד נישט קיין נייטראַלע צושויער. אָפיציעל האָבן אָבער די רעגולערע אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער, כאילו אָפּגעהיט די גרענעצן פון מאַנדאַט־געביט. מיר האָבן געוווּסט, אַז נאָכדעם ווי דער בריטישער נציב העליון וועט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די זעלבשטענדיקייט פון מדינת ישראל וועט ווערן פּראָקלאַמירט, וועלן זיי — די אַראַבישע רעגולערע אַרמייען, מיט זייער גאַנצער קראַפט זיך וואַרפן אויף אונדז.

דאָס ענגלישע מיליטער, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין לאַנד און וואָס קלייבט זיך גאָרנישט צו פאַרלאָזן אירע פּאָזיציעס אין שכנות פון מדינת־ישראל, וועט ווייטער נישט זיין נייטראַל. מען האָט אונדזערע מענטשן זייער דייטלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי וועט זיין די לאַגע

און מיר װעלן נישט זײַן בכוח אויסצוהאַלטן דעם דרוק; אַז מיר האָבן נישט װאָס צו װאַרטן אויף װעלכער עס איז הילף, װײַל מען װעט אונדז נישט העלפן. און נישט נאָר די ענגלענדער האָבן דאָס קלאָר און דײַטלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אויך גאָר אײַנפלוסרײַכע קרײַזן אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן זיך שטאַרק באַמיט, אַז מיר זאָלן חלילה נישט האָבן קיין אילוזיעס. און זײ, די עצה־געבער, פרײַנט און פײַנט, האָבן גאָרנישט געוווסט וויפיל זאָלן זײ שיטן דעמאָלט אויף אונדזערע וווּנדן — ווי נישט גענוג מיר זענען באַוואָפנט פאַר אַ מאָדערנעם קריג, אויף אָפּצו־שטויסן רעגולערע אַרמייען, וואָס גרויסע וועלט־מאַכטן האָבן זײ באַזאָרגט מיט מאָדערנע וואָפן, בעת אונדזער באַוואָפענונג איז געווען די גאַנצע צײַט אומלעגאַל און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו ברענגען שווערע וואָפן.

אין יענע טעג פון סוף אַפּריל־אָנהויב מאַי 1948, איז עס נישט געווען קיין לײַכטער באַשלוס פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געננוי געוווּסט די לאַגע. אָבער קיין אויסוועג איז נישט געווען. מען האָט נישט געטאָרט פאַרזוימען די היסטאָרישע געלעגנהייט, וואָס האָט זיך געשאַפן מיט ענגלאַנדס מעלדונג צו פאַרענדיקן דעם 15־טן מאַי דעם מאַנדאַט־רעזשים.

אין דער צווייטער העלפט יאַנואַר 1948, האָט עס נאָכאַמאָל באַשטע־טיקט אינעם לאָרדן־הויז, לאָרד ליסטוואל, אינעם נאָמען פון דער בריטישער רעגירונג.

אין לאַנד האָט עמעץ פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז משה שערטאָק, וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע, איז קעגן דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען שאַרפע וואָרנונגען קעגן דער פּראָקלאַמירונג. מיר האָבן געוואָרט מיט שפּאַנונג אויף זײַן צוריקקומען. און עס איז אַלעמען לײַכטער געוואָרן, נאָך דער באַגעגעניש מיט אים, ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אַז די קלאַנגען זענען פאַלשע. אמת, אין לאַנד איז דער באַשלוס שוין געווען אַ פעסטער און קיין שום אַנדערע מיינונגען, וואָלטן אים נישט באַוויזן צו ענדערן. עס איז אָבער גוט געווען און עס איז לײַכ־טער געווען, וואָס אין אַזאַ אחריותדיקן און געפאַרפולן מאָמענט האָבן אַלע געהאַט איין מיינונג.

די קלאַנגען זענען געווען נישט ריכטיקע, אַז שערטאָק (שרת) איז געווען קעגן דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, אָבער ריכטיקע

ווען די וואָרנונגען מצד גאָר וויכטיקע מלוכה־מענער אין אַמעריקע, איצט נישט צו פּראָקלאַמירן די אויפריכטונג פון דער מדינה.

אין יענע טעג, פאַרן 14־טן מאַי, איז אויך געמאַכט געוואָרן דער לעצטער פּרווו צו קומען צו אַ הסכם מיט אַבדאַלאַן. אַן ענגער קרייז האָט געוווּסט אַז גאָלדע מאירסאָן מאַכט באַמיוּנגען און זי טרעפט זיך מיט אים. דעם 11־טן מאַי באַכמיטאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון מפא״י, אינעם זאַל פון קרן קימת אין תל־אביב. גאָלדע איז געקומען אין מיטן דער זיצונג. די אויגן פון אַ טייל אַנוועזנדע זענען מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געווען געווענדט צו איר. וואָס פאַר אַן ענטפער ברענגט זי? פון איר פּנים האָט אָבער קיינער נישט געקענט אַראָפּלעזן וואָס פאַר אַ תשובה זי ברענגט פונעם הערשער פון עבר־הירדן. זי האָט ווי געוויינלעך, צו אַלעמען פריינטלעך געשמייכלט, און אַזוי שמייכלענדיק זיך אָוועקגעזעצט לעבן בן־גוריונען. נאָך וויניקע מינוטן האָט בן־גוריון פאַרלאָזט די זיצונג און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַ שוועריקייט איז צוגעקומען. אויף צומאָרגנס איז נאָר געווען אין דער צייטונג: „גאָלדע מאירסאָן איז געקומען צו דער זיצונג פון אַ באַזוך אין חיפה און אין דער קבוצה גשר״ (די קבוצה גשר איז האַרט לעבן דער גרענעץ פון עבר הירדן. דאָרט איז אויך געווען די וויכטיקע עלעקטריציטעט־סטאַציע נהריים). אבדאלא האָט פאַרגעשלאָגן אַ ברייטע אויטאָנאָמיע, אָדער אַ מעמד פון גלייכהייט אין אַ פאַרייניקטער מדינה, מען זאָל אָבער נישט פּראָקלאַמירן קיין יידישע מדינה.

ג

פרייטאָג, דעם 14־טן מאַי 1948 צווישן 4 און 4.30 נאָכיטאָג, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע זיצונג אין תל־אביבער מוזיי און די גרינדונג פון דער מדינת־ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן (אָפיציעל האָט עס געהייסן: מושב הכרזת העצמאות — די סעסיע פון פּראָקלאַמירן די זעלבשטענדיקייט). דאָס אָרט פון דער זיצונג איז געהאַלטן געוואָרן בסוד און אין דער פערזענלעכער איינלאַדונג איז בפירוש געזאָגט געוואָרן: „מיר בעטן צו האַלטן בסוד דעם אינהאַלט פון דער איינלאַדונג און די צייט, ווען דער ראַט קומט זיך צונויף״. אָבער אַ סך הונדערטער תל־אביבער האָבן דערשמעקט דעם סוד און געוואַרט פאַרן בנין פון מוזיי. פּינקטלעך 4 אַזייגער האָט בן־גוריון געעפנט די זיצונג און שוין 7 מינוטן שפּעטער

הערן מיר די באַדייטונגפולע ווערטער: „דערמיט פּראָקלאַמירן מיר די גרינדונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, דאָס איז מדינת־ישראל". אַ האַלבע שעה שפּעטער איז די זיצונג געשלאָסן געוואָרן. אַ באַזונדערע געמיינזאַמע אויסגאַבע פון אַלע ארץ־ישראל־צייטונגען „יום המדינה", מיט דער דאַטע „ה" איר, תש"ח, 4 אזייגער נאָכמיטאָג, אינעם לעצטן טאָג פון דער הערשאַפט פון פּרעמדע", זאָגט אָן דעם עולם וועגן דער גרויסער היסטאָרישער פּאַסירונג.

וועגן די פּארהאַנדלונגען אַרום דער בילדונג און דעם פּאַרטיי־פּאָליטישן צוזאַמענשטעל פון דער צייטווייליקער רעגירונג און מדינה־ראַט, זע די וויטערדיקע קאַפּיטלעך: א) אויפן וועג צו דער צייטווייליקער יידישער רעגירונג; ב) דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַשליסט. פון די 37 מיטגלידער פון דער מועצת העם האָבן 12 געפעלט, 11 האָבן נישט געקענט קומען פון ירושלים און איינער איז געווען אין חוץ־לארץ. די 11 אין ירושלים האָבן דאָרטן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַשטעטיקט די מגילת העצמאות. געחתמעט האָבן זיי ערשט שפּעטער. 5 פון די 37 וואָס האָבן געחתמעט די מגילת העצמאות זענען אין די 10 יאָר נפטר געוואָרן: הרב גאָלד, ד. צ. פּנקס, אליעזר קאַפּלאַן, אברהם קאַצענעלסאָן (ניסן) און דוד רמז.

אינגאַנצן אַ האַלבע שעה האָט געדויערט די זיצונג. דער פּאַרשטאָרבענער, באַקאַנטער מיטאַרבעטער פון „דבר", י. מ. ניימאַן, האָט צומאַרגנס געשריבן: נאָכדעם ווי אַלע האָבן אונטערגעשריבן די אומאָפּהענגיקייטס־דעקלאַראַציע (מגילת העצמאות), האָט זיך אויפגעשטעלט הרב פישמאַן און מיט אַ פון וויינען זיך שטיקנדיקער שטימע געבענטשט „שהחיינו". דער תל־אביבער מוזיי האָט זיך אין דעם מאָמענט פאַרוואַנדלט אין אַ מקום קדוש, אין אַ בית תפילה. מען האָלט זיך נישט, אַלע זענען איינגעהאַלטן, ווי פאַרשטיינערט, און מען שטייט „דום" לכבוד דעם גרויסן מאָמענט. די פייערלעכקייט איז ענלעך צו יום כפור — אַ טאָג פון חשבון הנפש און אַ יום הדין.

די ערשטע געזעצגעברישע האַנדלונג פונעם צייטווייליקן מדינה־ראַט איז: מבטל מאַכן די געזעצן פונעם באַקאַנטן ווייס־בוך פון 1939, וואָס באַגרענעצן די עליה; מבטל מאַכן דעם באָדן־געזעץ פון דער מאַנדאַט־

רעגירונג פון יאָר 1940, וואָס באַגרענעצט די געביטן אין וועלכע יידן מעגן קויפן באָדן אאז״וו.

די פרייד אין גאַס איז אומבאַשרייבלעך. זי ווערט נישט קלענער אויך ווען ביים טונקל ווערן וואָרנט דער ראַדיאָ נישט צו באַנוצן קיין ליכט אין די גאַסן און פאַרהענגען די פענצטער, אַז דאָס ליכט זאָל נישט אַרויס אין גאַס. די וואָס זענען פאַרבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט אין גאַס און אין די קאַפע־הייזער — און אַ סך זענען פאַרבליבן — הערן נאָך די וויכטיקע ידיעה, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אָנערקענט מדינת־ישראל. ווערט די פרייד נאָך באַדייטנדיק גרעסער. אָבער אויך די אָנפירער פון דער „הגנה״ האָבן אַ וואַך־נאַכט פון אַ גאַר אַנדערן מין. מען דערוואַרט די באָמבאַרדירונג פון תל־אביב. די נאַכט איז אַריבער רויק. ערשט דרייצן שעה נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, שבת, אַרום האַלב זעקס אינדערפרי, קומען זיי אָן — די עגיפּטישע עראָפּלאַנען, און די ערשטע באָמבעס פאַלן אויפן תל־אביבער לופט־פּאָרט, און שפּעטער אויפן תל־אביבער האַפן און אין די גאַסן פון תל־אביב.

אין די דאָזיקע שעהען האָט אַ מעפּילים־שיף, דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער קאַמף פאַר פרייער עליה, זיך דערנענטערט ביי טאָגליכט צו די ברעגן פון לאַנד. די מצרישע באָמבעס האָבן נישט געענדערט דעם פאַקט וואָס יידן זענען אין תל־אביבער האַפן פריי אַראָפּ פון דער מעפּילים שיף און די יידישע מדינה האָט געגעבן אירע ערשטע אַריינפאָר־דערלויבענישן.

דער נישט־גלייכער קאַמף פון ווייניקע קעגן אַ סך, פון שוואַך־באַוואָפנטע קעגן באַוואָפנטע מיט מאָדערנע וואָפן האָט זיך אָנגעהויבן. דער רעזולטאַט איז אַלעמען באַקאַנט. אין יענע טעג האָט מען אָבער געמוזט האָבן גאָר אַ סך מוט און גאָר אַ סך גלויבן, כדי צו שטיין אין דעם קאַמף.

אָט דער באַוווּסטזיין, אַז דאָס איז אַ היסטאָרישער מוז און קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ, האָט דערפירט צו דעם גרויסן נס, וואָס הייסט מדינת־ישראל; האָט אונדז געהאָלפן דערגרייכן דעם מעמד פון היינט, אַ יאָר נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון אונדזער זעלבשטענדיקייט.

תל־אביב, חול המועד פסח, 22־טן אַפּריל 1949.

מאָביליזאַציע־רוף

(פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה)

דער אונדז אויפגעצוווּנגענער פאַרטיידיקונגס־קריג פאָדערט די מאָביליזאַציע פון אַלע כוחות פונעם גאַנצן פאָלק. קודם־כל, פאַרשטייט זיך, אין ארץ־ישראל, אָבער נישט נאָר אין ארץ־ישראל. דער מאָביליזאַציע־רוף נעמט אַרום אַלע יידן אין גאָר דער וועלט. דער אָנגריף איז געווענדעט קעגן האַרץ פונעם פאָלק, קעגן זיין קראַפט־צענטער און רוח־החיים. עס איז נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין ייד, וואָס די אויף אונדז אויפגעצוווּנגענע מלחמה זאָל נישט זיין פאַר אים אויך זיין זאַך.

און עס מוז יעדן ייד זיין קלאָר, אַז דאָס וואָס מיר זאָגן איצט קריג, מיינט טאַקע בפועל ממש מלחמה, און האָט נישט קיין שום פאַרגלייך און קיין שום ענלעכקייט צו די אַלע באַגריפן און פאָרמען פון קאַמף, געראַנגל, אומרוען, פאַרטיידיקונג, מיט וועלכע אונדזער געשיכטע איז אַזוי רייך. מען האָט אונדז אויפגעצוווּנגען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט און מיר מוזן אים אויסקעמפן און מיר מוזן האָבן כוח צו טראָגן די לאַסט און צו זיגן. מיר מוזן זיגן, ווייל מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה און קיין אַנדערן וועג.

לויט דעם וואָס לאָרד ליסטוועל האָט געמאָלדן דעם 20 יאַנואַר 1948 אין בריטישן לאָרדן־הויז, זענען פון סוף נאָוועמבער 1947 ביז דעם 18־טן יאַנואַר 1948 געפאַלן 333 יידן און 633 זענען פאַרווּנדעט געוואָרן. „פּאַלעסטיין פּאָסט" האָט סוף יאַנואַר 1948 געמאָלדן, אַז אין די ערשטע 8 וואָכן נאָכן יו־ען־באַשלוס זענען געפאַלן 408 יידן און 749 זענען פאַרווּנדעט געוואָרן. אין חודש פעברואַר 1948 זענען געפאַלן 198 יידן, 171 זענען שווער פאַרווּנדעט געוואָרן און 386 לייכט פאַרווּנדעט. אין חודש מערץ 1948, זענען געפאַלן 270 יידן. אין דעם חודש (מערץ), זענען אַרום 1000 אַראַבער דערהרגעט געוואָרן אין די קאַמפן מיט דער „הגנה".

אין אָט דעם גורל־געראַנגל, איז דער וויכטיקסטער פאַרבאַדינג פאַר אונדזער שטאַנדהאַפטיקייט און דער עפעקטיווקייט פון אונדזער אָפּוועהר־קראַפט — דער פולער און גלייכער אָנטייל פון גאַנצן פאָלק, די גלייכע פאַרטיילונג פון דער לאַסט און קרבנות פון פירן דעם קריג, צווישן אַלע טיילן און שיכטן פון פאָלק. די לאַסטן און קרבנות פון אַ מדינה טראָגן מיר שוין, הגם מיר האָבן נישט קיין מלוכהשע צוואַנגס־קראַפט אַרויפצולייגן און פונאַנדערטיילן די לאַסטן. אָבער איצט איז דאָס נישט קיין פראַגע פון באַפעלן און שטראָפן, נאָר פון געוויסן. די מאָראַלישע פליכט און דאָס באַוווּסטזיין פון יעדן איינעם, אַז ער טאָר זיך נישט שטעלן אין אַ פּריווילעגירטערער לאַגע, ווי די, אין וועלכער עס געפינען זיך זיינע פאָלקס־ברידער און שוועסטער, וואָס טראָגן דעם עול. אונדזערע ברידער און שוועסטער אין ארץ־ישראל, וואָס פירן העלדיש און דערפאָלגרייך דעם קאַמף זינט מער ווי 11 וואָכן, און הונדערטער פון זיי האָבן שוין געבראַכט דעם גרעסטן קרבן, — זיי האָבן נישט געוואַרט אויף קיין צוואַנגס־באַפעלן און פאַראָרדענונגען; זיי האָבן נישט געמאַכט קיין חשבונות וויפיל פליכטן זיי האָבן ביז דעמאָלט דערפילט. זיי האָבן געהאַנדלט פון אייגענער איניציאַטיוו ווי זייער געוויסן און זייער פליכט־באַוווּסטזיין האָט זיי באַפוילן.

די דאָזיקע פראַגנט־פליכט און אויך אַנדערע פליכטן טאָרן נישט זיין קיין לאַסטן נאָר פאַר יענע, וואָס האָבן עס פריוויליק גענומען אויף זיך. אין דעם זין מוז נאָך אַ סך געענדערט ווערן אין אונדזער לעבן, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין חוץ־לארץ. נישט איבעראַל איז שוין פאַראַן דאָס באַוווּסטזיין, אַז דאָס איז אַ קריג, וואָס מען פירט אויסשליסלעך און נאָר קעגן אונדז, אַז דאָס זענען אונדזערע קינדער וואָס גיבן אָפּ טאָג־איין טאָג־אויס זייערע לעבנס פאַר דער פרייהייט פון פאָלק. לכן, קען נישט זיין קיין גלייכגילטיקער, קיין אָפּוואַרטנדיקער, ווייל דערמיט שוואַכט ער אָפּ אונדזער כוח; לכן איז קלאָר, אַז פאַר דעם וואָס רוקט זיך אָפּ פון דערפילן זיין פליכט איז נישטאָ קיין אַנדערער נאָמען ווי דעזערטיר; אַז דער וואָס נוצט אויס די לאַגע, כדי צו פאַרגרעסערן זיינע פאַרדינסטן, מוז באַטראַכט און באַהאַנדלט ווערן ווי איינער וואָס האַנדלט צום שאָדן פון פאָלק.

נישט וועגן יורידישע באַגריפן האַנדלט זיך איצט. מיר קענען

פאַרמעל לעת עתה קײנעם נישט צװינגען און נישט באַשטראָפן. און קען זײן אַז עמיצער װעט פּרוּװן אויסנוצן צום שלעכטן אונדזער צײטװײליקע פאַרמעלע מאַכטלאָזיקײט אויף דעם געביט. אָבער עס דאַרף און מוז געשאַפן װערן איבעראַל אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער און עס מוז הערשן אַזאַ רעזשים אין אונדזער לעבן, אַז דער װאָס דערפולט נישט זײן פליכט און איז נישט קײן פולער שותף אינעם טראָגן די לאַסט, זאָל פילן אַז ער איז מחוץ לכלל. אַנדערש האָבן מיר נישט קײן שום מאָראַלישע רעכט צו פאָדערן פון אונדזער יוגנט אין ארץ־ישראל דאָס װאָס מען פאָדערט און מען מוז פאָדערן. מיר װעלן אַנדערש נישט קענען קוקן מיט אַ רײנעם געװיסן אין די אויגן פון יענע טאַטע־מאַמעס, ברידער־שװעסטער, פרויען, װאָס זײערע נאָענטסטע און טײערסטע האָבן אָפּגעגעבן זײער לעבן, כדי מיר זאָלן קענען לעבן.

גרויסע און שטאַרקע מדינות זײנען נכשל געװאָרן אויב אײנעם פאָלק, אין יענעם טײל, װאָס האָט געטראָגן דעם הויפּט־עול און געבראַכט די גרעסטע קרבנות, האָט נישט געהערשט די איבערצײגונג, אַז אין דער עת־צרה פאַר אַלעמען בעמען אַלע אָנטײל אין דער לאַסט און אין די קרבנות. דאָס איז אין אַ פיל גרעסערער מאָס גילטיק פאַר אונדז, װאָס די לאַסטן און קרבנות נעמט מען אויף זיך פרײַװיליק און מיט אַזאַ װוּנדערבאַרער זעלבסטפאַרשטענדלעכקײט, װי מיר האָבן עס געזען במשך אַ סך יאָרן, און אין זײן העכסטן אויסדרוק — אין די לעצטע 11 װאָכן.

פאַראַן אַ סברה, אַז מיר שטײען ערשט בײם אָנהויב פונעם קאַמף, אַז די שװעריקײטן װעלן נאָך װערן אַ סך גרעסער און עס װעלן זיך נאָך פאָדערן אַ סך גרעסערע קרבנות. מוזן מיר דערצו צופּאַסן אונדזער לעבן אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ.

פעברואַר, 1948

די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם פון דער „הגנה" אין 1947 האָט אַרומגענומען אַרום 60 טויזנט מיטגלידער, װאָס דאָס איז דעמאָלט געװען נאָענט 10% פון גאַנצן ישוב, אָבער דער גרעסטער טײל — אַרום 42 טויזנט, זענען געװען בעיקר אויסגעבילדעט צו מיליציע־צװעקן. 8000 זענען געװען פאָרמאַציעס פון יוגנטלעכע. נאָר 9 ביז 10 טויזנט

זענען געווען אויסגעבילדעט און איינגעטיילט אַלס פעלד־פּאַרמאַ־ציעס. אַחוץ דעם אַרום 3000 מיטגלידער פון פּלמ״ח, וואָס 2000 פון זיי זענען געווען מאָביליזירט. אַרום 85% פון די וואָפן און אַמוניציע, זענען געווען צעטיילט איבערן לאַנד, אין די איינצלנע פּונקטן, צו פאַרטיידיקונג־צוועקן. אין רשות פון דער „הגנה״ זענען געווען אַרום 11 טויזנט ביקסן; 3000 אויטאָמאַטישע ביקסן; 700 לייכטע מאַשין־געווערן; 170 מיטעלע מאַשין־געווערן; 700 לייכטע קוילן־וואַרפער און 100 מיטעלע (פרשן צבאי, אין „הארץ״ פונעם 29־טן נאָוועמבער 1957).

נאָך אין די אומלעגאַלע צייטן האָט זיך דער „הגנה״ איינגעגעבן אויפצובויען אַ געוויסע אייגענע געווער־ און אַמוניציע־פּראָדוקציע, וואָס איז געווען פון געוואַלדיקן נוצן ווען עס זענען סוף 1947 אויסגעבראָכן די קאַמפן. אין דעצעמבער 1947 האָט זיך אָנגע־הויבן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון די יונגע יאָרגענג און ערשט שפּעטער פון די עלטערע יאָרגענג. זע ווייטערדיקע באַמערקונג. פאַראַן מיינונגען, אַז נאָך דער פולער מאָביליזאַציע האָט צבא הגנה לישראל געהאַט סוף 1948 אין איר רשות אַ הונדערט־טויזנט־קעפּיקע אַרמיי. זאב שרף פאַרעפנטלעכט אין אַפּריל 1958, אַז אין דער זיצונג פון די י״ג (מינהלת העם) דעם 13־טן מאַי 1948, האָט בן־גוריון נאָך די באַריכטן פון יגאל ידין און י. גליל׳י רעזו־מירט: פון די 25 טויזנט מאָביליזירטע זענען אין מאָמענט 15 טויזנט באַוואָפנט. מיר קענען נאָך צורעכענען 15 טויזנט אין די משקים און מושבות, וואָס האָבן וואָפן און הגם זיי זענען פאַרמעל נישט קיין מיליטער קענען זיי אָבער זיין אויסגעצייכנטע סאָלדאַטן. די מיליטערישע מאָביליזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן עטלעכע חדשים פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה. לויט דעם באַשלוס פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, האָט דער מרכז המפקד לשרות העם — קאָמאַנדע פונעם פאָלקס־דינסט, גערופן צום דינסט אין דער הגנה די וואָס זענען אין עלטער פון 17 — 23, שפּעטער ביז 25 יאָר. דעם 1־טן מערץ 1948, האָט מען גערופן די עלטערע יאָרגענג — ביז 35. באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע קאָמיסיעס האָבן אונטערזוכט און באַשלאָסן, וועגן באַפרייען פון אַקטיוון־דינסט (עס רעדט זיך וועגן

דער צייט פון פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה). עס זענען אויך באַשטימט געוואָרן שטראָפן פאַר נישט מעלדן זיך, אָבער אין יעדן פאַל פון אַ שטראָף, האָט דער מרכז המפקד געמוזט פריער באַשטעטיקן די שטראָף. ערשט נאָך דעם 9־טן אַפּריל האָט מען אָנגעהויבן מיט מער שאַרפע מיטלען: דער מרכז המפקד האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע וואָס האָבן זיך נישט געשטעלט, אָדער האָבן זיך נישט געמאָלדן צום דינסט, ווערן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און מען טאָר אַזעלכע נישט געבן קיין אַרבעט. די אַרבעטער און אַרבעטסגעבער זענען יעדער איינער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַדורכפירונג פון דעם באַפעל.

בילד 7: פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה — ענגלענדער אַרעסטירן הגנה־מיטגלידער, נעמען צו דאָס געווער צו שיצן יידן אין דער יפוער פאָרשטאָט מנשיה.

אַפּהיטן אונדזער סוווערעניטעט

(געפֿאַר פֿון עטלעכע קריג־פֿירונגען)

א

אַ גרופּע שרייבער האָט די טעג פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער פּרעסע אַ ווײַ־געשריי קעגן אונדזער אינערלעכער צעריסנקייט. זיי האָבן מיט רעכט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער סכנה, וואָס דראָט אונדז פֿון דער צעריסנקייט, אין די טעג ווען אונדזער עצם קיום און דער אויפֿבוי פֿון אונדזער היימלאַנד זענען אין געפֿאַר. דער אויפֿריכטיקער ווײַ־געשריי, געחתמעט פֿון באַקאַנטע נעמען אין אונדזער קולטור־לעבן, האָט נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם.

עס רעדט זיך, וועגן גלוי־דעת, פֿאַרעפֿנטלעכט אָנהויב מערץ 1948, פֿון 18 באַקאַנטע שריפֿטשטעלער פֿון פֿאַרשידענע קרייזן. צווישן זיי י. ד. בערקאָוויץ, אשר באראש, א. צ. גרינבערג, ש. א. האָראָדעצקי, יעקב כהן, יצחק למדן, א. קריב, יעקב ראַבינאָוויץ, ג. שאָפּמאַן, ד. שמעוני און אַנד.

דאָס איז נישט דערפֿאַר, וואָס עמיצער אין ישוב האַלט, אַז די שילדערונג פֿון דער סכנה, וואָס דראָט אונדז פֿון דער אינערלעכער צעריסנקייט, איז איבערגעטריבן. פֿאַרקערט, עס איז גאָר נישטאָ קיין גענוגנדיקער אויסדרוק, וואָס זאָל זײַן בכוח צו באַמאָלן, וואָס עס קען אונדז, חלילה, פּאַסירן, אויב מיר וועלן נישט באַווײַזן גובר זײַן די צעריסנקייט, אויף געביטן פֿון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט פֿאַר אונדזער קיום. אויב עמיצער האָט נאָך נישט דערפֿילט די סכנה מיט אַלע חושים, איז גענוג געווען, אַז ער זאָל אין איינעם אַן אָונט, מיט אַ וואָך צוריק, פֿאַרברענגען עטלעכע מינוט אויפֿן צווייטן־נאָוועמבער־פּלאַץ אין תל־אביב, און זען, פֿון איין זײַט גרופּן באַוואָפֿנטע „הגנה“־מענטשן און פֿון דער אַנדערער זײַט גרופּן

באַוואָפנטע אצ״ל־לייט און אינמיטן טויזנטער מענטשן, טיילווייז בכוונה אַהערגעבראַכטע און אויפגעהעצטע — כדי דאָס בלוט זאָל אים פאַרגלי־ווערט ווערן, נאָר טראַכטנדיק וועגן דעם אומגליק, וואָס אַזאַ סיטואַציע קען ברענגען.

מען רופט דעם צווייטן־נאָוועמבער פּלאַץ אויך מורגראַבי־פּלאַץ. אין די אָונט־שעהען איז דאָרטן אַ גרויסער פּאַרקער. אצ״ל האָט גערופן אַהין זיינע אָנהענגער.

שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס דער שוואַכער רושם פונעם ווייַ־געשריי פון די שרייבער? ווייל יעדער פילט די צוועקלאָזיקייט פון סתם מוסר רייד, וואָס זאָגן נישט קלאָר, ווּעמען מען מיינט און וואָס דאַרף מען טאָן ביי דער איצטיקער סיטואַציע. פאַרקערט, גאָר אַ סך האַלטן, אַז אַזעלכע סתם־דיבורים — „צו אַלע אונדזערע געזעלשאַפטלעכע לאַגערן, באַזונדערס צו זייערע פאַראַנטוואָרטלעכע פירער״ — אַפילו ווען זיי קומען פון ערלעכע שלום־זוכער, זענען אַמאָל עלול צו ברענגען מער שאַדן ווי נוצן. זיי מיינען, אַז רייד, אָן אַן אַדרעס דערוויטערן נאָר, הגם נישט ווילנדיק, די אויסגעבענקטע שעה פון נאַציאָנאַלער צוזאַמענגעשלאָסנקייט.

ב

מיר האָפן, אַז עס וועט קומען צו אַ וועלכער עס איז קעגנזייטיקער סטאַביליזירונג אויף איין לעבנסוויכטיקן געביט, וואָס איז אַ פאַרבאַדינג פאַר אונדזער קיום. און הלואי זאָל עס טאַקע קומען דערצו, אָבער אויך דעמאָלט וועלן אָט די שורות פאַרבלייבן שטאַרק אַקטועל. יידן אין דער גאָרער וועלט דאַרפן וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ביז צום 29־טן נאָוועמבער 1947 האָט זיך געפירט אַ וויכוח, וועגן דעם, צי דער „אירגון צבאי לאומי״ (אצ״ל) און „לוחמי חירות ישראל״ („לח״י״ אָדער שטערן־גרופּע), זענען באַרעכטיקט צו עקזיסטירן אָפּגעזונדערט פון דער „הגנה״ און פירן זעלבשטענדיקע מיליטערישע אַקציעס, וואָס ווערן נישט באַשטימט און נישט קאָנטראָלירט פונעם כלל. אפילו אַ סך סימפּאַטיקער פון אצ״ל און שטערניסטן זענען אָבער זיכער געווען, אַז דעם 29־טן נאָוועמבער האָט זיך דער וויכוח פאַרענדיקט. די פאַרייניקטע נאַציעס האָבן אָנערקענט אונדזער סוווערעניטעט אויף אַ טייל פון ארץ־ישראל. אמת, דער באַשלוס פון דער יו־ען באַשטימט געוויסע איבערגאַנגס־פּעריאָדן און פּראָצעדורן.

מיר זענען נישט אַזוי זיכער, אויב די אַלע טערמינען וועלן געגוי אָפּגע־היטן ווערן. מיר ווייסן אויך, אַז שטאַרקע כוחות באַמיען זיך, מיט אַלע כשרע און נישט כשרע מיטלען, די טערמינען זאָלן נישט אָפּגעהיט ווערן. אָבער פאַר אונדז אַלע אין ארץ־ישראל, מוז דאָך קלאָר זיין אונדזער אַלעמענס ערשטע פליכט, אַז מיר, דער ארץ־ישראלדיקער ישוב, אַלע זיינע שיכטן און קרייזן, זאָלן שוין איצט פול אָפּהיטן און אָנערקענען די סוווערעניטעט פון אונדזער אייגענער מאַכט. אויב מיר אַליין וועלן עס נישט גלייך טאָן, ווי קענען מיר האָפן, אַז אַנדערע זאָלן עס אָנערקענען?

עס האָבן זיך געפירט פאַרהאַנדלונגען פון פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ מיט פאָרשטייער פון אצ״ל, און דאַכט זיך אויך מיט פאָרשטייער פון לח״י. דעם הסכם מיט אצ״ל (זע דעם וויטערדיקן קאַפּיטל: דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַשליסט), איז ערשט געחתמעט געוואָרן דעם 27־טן אפּריל.

מיר האָבן פאָרמעל נאָך נישט די מדינה־מאַכט אין ארץ־ישראל, אָבער שווערע מלוכהשע פליכטן ליגן שוין אויף אונדז. קענען מיר, מעגן מיר דערלאָזן צו אַ מצב, אַז מען זאָל אויסנוצן אונדזער איבערגאַנגס־שוואַכקייט, כדי צונישטצומאַכן די אָנהייבן פון אונדזער אייגענעם מלוכהשן לעבן? און דער ערשטער שריט צו צעשטערן אונדזער מלוכה־לעבן איז דער פאַרזוך צו שטעלן אין ספק די פולע סוווערעניטעט פון דער יידישער מאַכט, אין וואָסער עס איז פראַגע און צוליב וואָסערע טעמים עס זאָלן נישט זיין.

אָט וועגן דעם און נאָר וועגן דעם גייט דער וויכוח. דאָס איז די עיקר־פראַגע, און ווער עס גיט נישט קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער הויפּט־פראַגע, רעדט פוסטע דיבורים, ווי גוט עס זאָלן נישט זיין די כוונות. דעריבער די נוצלאָזיקייט פון דעם אָן־ספק גוט געמיינטן און אין גוטן גלויבן געשריבענעם אויפרוף פון דער גרופּע ארץ־ישראלדיקע שרייבער.

ג

מען האָט אונדז אויפגעצוווּנגען אַ קריג, וואָס מיר האָבן אים נישט געוואָלט. מיר זענען אַרומגערינגלט מיט אַ ים שונאים און מיר מוזן זיך פאַרטיידיקן, ברענגענדיק די גרעסטע קרבנות, וואָס אַ פאָלק איז נאָר בכוח צו ברענגען — אונדזערע קינדער, אונדזער העלדנהאַפטע און אונדז אַזוי־

צום לעבן נויטיקע האָפענונגספולע יוגנט. זענען מיר אָבער אין אַ טראַגי־שער לאַגע, וואָס מען וויל אונדזער אָנפירונג שטעלן אין אַ סיטואַציע, אַז זי זאָל אפילו נישט קענען באַשטימען ווי אַזוי, ווען, מיט וועלכע וועגן און מיטלען צו פירן דעם קריג. ווייל עס זענען נאָך פאַראַן פריוואַטע נעבן־אַרמייען (נישט וויכטיק צי קליינע אָדער גרויסע), וואָס אויך זיי פירן דעם קריג און אויך זיי באַשטימען פאַר זיך ווען און ווי אַזוי אים צו פירן. דאָס איז דאָך די ווילדסטע, אומפאַרשטענדלעכסטע און אומגליקלעכסטע זאַך, וואָס קען נאָר פאַסירן אַ פאָלק אין אַזאַ לאַגע אין וועלכער מיר זענען.

מיר ווילן דאָ בכלל נישט באַרירן די פראַגע, אויב די איצטיקע און פריערדיקע טאַטן פון אצ״ל און לח״י זענען גוטע אָדער שלעכטע. עס לאָזט זיך וועגן דעם אַ סך זאָגן, באַזונדערס ווען די טעטיקייט פון די סעפּאַראַ־טיסטישע אָרגאַניזאַציעס איז געווענדט כלפּי פּנים. אָבער ווי איז דען מעגלעך אַ קריג־פירונג, און וואָסער פאָלק האָט שוין געפירט אַזאַ שווערן קריג און איז נישט צוזאַמענגעבראָכן, אויב דאָס פאָלק האָט געהאַט עטלע־כע קריג־פירערשאַפטן און יעדע פירערשאַפט האָט באַשטימט פאַר זיך אַליין וואָס, ווען און ווי אַזוי מען דאַרף פירן דעם קריג, צו וועלכער געמיינזאַמער אַקציע זי איז יאָ מסכים און צו וועלכער נישט.

דערפאַר איז אַזוי גרויס דער ווייטיק און די באַליידיקונג, אויב גוטע יידן, מיט דער בעסטער כוונה און מיטן בעסטן ווילן, שטעלן אַוועק דעם ענין אַזוי, ווי עס וואָלטן דאָ געווען צוויי צדדים, וואָס האָבן צווישן זיך מיינונגס־פאַרשידנהייטן, און מען זאָגט זיי מוסר פאַרוואָס זיי זענען נישט מוותר אויף זייער פאַרטייאישן צוגאַנג, אין אָנבליק פון דער גרויסער פאָלקס־סכנה. די גוטע יידן דאַרפן קודם־כל ענטפערן אויף איין קאַרדי־נאַלער פראַגע: צי מוזן מיר שוין איצט האָבן אין ארץ־ישראל איין סוווע־רענע יידישע מאַכט אָדער נישט? און ענטפערן דאַרף מען אָן אָבערס, נאָר פּראָסט און פּשוט: יאָ אָדער ניין. אויב יאָ, דאַן זאָל מען זיך ווענדן מיט די מוסר־רייד צו די און נאָר צו די, וואָס זאָגן ניין, אָדער וואָס זאָגן מכלומרשט יאָ, אָבער מיט דריידלעך און פאַרבאַדינגונגען. דאָס אַוועק־שטעלן דעם ענין אַזוי, ווי מען וואָלט גערעדט צו צוויי גלייכע צדדים, וואָס ביידע זינדיקן, ביידע דאַרפן תשובה טאָן, שטאַרקט נאָר די יעניקע, וואָס ווילן, אַז די יידישע סוווערעניטעט זאָל באַשטיין פון עטלעכע צדדים, און נאָר דעמאָלט ווען די צדדים רעדן זיך צונויף צווישן זיך אין באַשטימ־

טע ענינים קען מען עפּעס טאָן. קען אַזוי אויסזען אונדזער אויסגעבענקטע מלוכהשע סוווערעניטעט און האָבן מיר אויסזיכטן מצליח צו זיין ביי אַזאַ פירונג?

ד

עס איז נישט קיין סוד, אַז יענע וועלכע טראָגן אויף זיך די לאַסט פון דער יידישער מאַכט, האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ פאַר־שטענדיקונג מיט די אָפּגעזונדערטע מיליטערישע גרופּן. שוין דער עצם פאַקט, וואָס די גרופּן האָבן נישט גענומען אויף זיך אויטאָמאַטיש די דיסציפּלין פון דער יידישער מאַכט, איז אַ גענוג טרויעריק און געפערלעך קאַפּיטל. דאָס מיינט דאָך אָוועקשטעלן די יידישע מאַכט (היינטצוטאָג די באַציאָנאַלע אינסטאַנצן און די „הגנה") אין אַ לאַגע, אַז זי זאָל נאָר קענען באַשטימען דאָס, וואָס עס וועט זיך אַלעמען אויסווייזן פאַר גוט און ריכטיק. וויל מען ביי אונדז איינפירן אַ מנהג, אַז אויב עפּעס אַ קרייז וועט נישט זיין צופרידן, קען ער פשוט זאָגן, אַז ער וויל נישט, און מען דאַרף מיט אים פירן פאַרהאַנדלונגען און אים מפייס זיין?

יענע, וועלכע טראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון מלוכהשער אחריות, האָבן געטאָן דאָס סאַמע מאַקסימום, שוין דערמיט אַליין, וואָס זיי האָבן אפילו מסכים געווען צו דער נישט נאַטירלעכער און געפערלעכער פאָדערונג, אַז די אָפּגעזונדערטע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס ליקווידירן זיך דערווייל נישט. אויף וואָס קענען זיי, מעגן זיי נאָך מוותר זיין?

וועלן אַנדערע קומען און טייטשן: מיר האָבן דאָך נאָך נישט קיין יידישע מאַכט. אַז מיר וועלן זי האָבן וועלן מיר שוין זען. דאָס מיינט מיט אַנדערע ווערטער, לויט אָט דער טייטשונג, אַז אויך מיר יידן דאַרפן אָנערקענען די יידישע מאַכט נאָר דעמאָלט, ווען די גויים וועלן אונדז הייסן. פריער נישט. פריער מעג זיך, למשל, דערלויבן אַ צייטונג אין תל־אביב צו שרייבן אויף דער גאַנצער ברייט פון דער ערשטער זייט: „אַ מטורפדיקער באַפעל פונעם קאָמאַנדיר פון דער „הגנה". אָט די שריי־בער זענען אַמאָל אויך געווען אין לענדער ווו גויים האָבן געהערשט. און מן הסתם איז זיי נישט איינמאָל אויסגעקומען נישט מסכים צו זיין מיט די באַפעלן פון די דאָרטיקע גויישע קאָמאַנדירן. אָבער אַזעלכע קעפּלעך האָבן זיי אין זייערע צייטונגען נישט געדרוקט.

פאַראַן נאָך אַווירקונגס־קרייז פון די צוויי סעפּאַראַטיסטישע קאַמף־

אָרגאַניזאַציעס, וואָס אינעם גלוי דעת פון דער גרופּע שרייבער ווערט ער נישט פאַרדאַמט און נישט דערמאָנט. קענען מיר און מעגן מיר עס פאַרשווייגן, נישט אָנווייזן קלאָר וועגן וואָס און וועמען עס רעדט זיך? די צייטונג־כראָניק פון די טעג דערציילט: באַוואָפנטע זענען געקומען אין דער תל־אביבער פעקלעך־פּאָסט און געפּרוווט צורויבן די פעקלעך, וואָס יידן שיקן אַוועק צו יידן; אצ״ל האָט אין רחובות געוואָרפן אַ באָמבע און אויפגעריסן אַ יידיש־קאַפע־הויז, אויף דער הערצל־גאַס, עק וויצמאַן־גאַס; אַן אומבאַקאַנטער האָט געבראַכט אַ צעטל אין דער תל־אביבער חברה־קדישא, אַז דער ייד לוי, וואָס לח״י האָט דערמאָרדעט, ליגט דאָרט און דאָרט; אצ״ל האָט געגנבעט אייזן־רערן אין דער מוניציפּאַלער־פּאַרוואַלטונג פון בני־ברק, בעת זיי זענען אַדורכגעפאָרן מיט די רערן איינעם פון די יידישע רעווידיר־פּונקטן אויפן פּתח־תקוהער שאָסיי, און די יידישע שומרים האָבן זיי געוואָלט פאַרהאַלטן, האָט איינער פון די טעראָריסטן געשאָסן אויף די יידישע שומרים; באַוואָפנטע האָבן דעם 1־טן פעברואַר צוגערויבט אין תל־אביב ביים סוחר דוד שולמאַן פאַר 15 טויזנט פונט טעקסטיל־סחורות; באַוואָפנטע האָבן צוגערויבט אין ביוראָ פון „המעפּיל״ צוויי שרייב־מאַשינען אאז״וו, אאז״וו.

די איבערפאַלן, כדי צו באַקומען געלט אָדער ווערטזאַכן, האָבן זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט שפּעטער, ווען יעדער האָט שוין געוווּסט, הגם נאָך נישט פאָרמעל, אַז פּאַקטיש איז שוין פאַראַן אַ צענטראַלע יידישע מאַכט און זי קאָנטראָלירט און פירט אָן די ענינים. דעם 27־טן אַפּריל 1948, האָרט פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, האָט לח״י אַדורכגעפירט אַן איבערפאַל אויף דער באַרקלעס־באַנק אין תל־אביב (זיי זענען געקומען אין מונדירן פון דער יידישער פּאָליציי) און צוגענומען 200.000 פונט.

ה

די אָפּגעזונדערטע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווילן זיך נישט ליקווידירן, זאָגן, אַז אויך איצט, אין דער תקופה, ווען עס איז פאַר אונדז נאָך פאַראַן איין ציל און איין אויפגאַבע, צו זיכערן די יידישע זעלבשטענדיקייט, מוזן זיי עקזיסטירן אַלס באַזונדערער באַוואָפנטער כוח, וואָס באַשטימט אַליין וואָס ער נעמט יאָ אָן פון די באַשלוסן פון דער יידישער

מאַכט און וואָס ער נעמט נישט אָן. אויב אפילו זיי וועלן, למשל, זיין איינגעגלידערט אלס באַזונדערע אָפּטיילונגען אין דער „הגנה" און וועלן זיך אונטערוואַרפן איר הויפּט־קאָמאַנדע, פאַרלאַנגען זיי אָבער פאַר זיך דאָס רעכט אויף געוויסע פרייהייטן. און עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן קיין קלייניקייטן. אָט, למשל, מיינט די יידישע מאַכט, וועלכע מיר האָבן ביים היינטיקן טאָג, אַז מיר דאַרפן, לויט מעגלעכקייט, פאַרמיידן אַ גלייכצייטיקן קריג מיט די אַראַבישע אָנפאַלער און מיטן ענגלישן מיליטער. די וואָס האָבן אָנגענומען דעם באַשלוס וויסן גאַנץ גוט, וואָס די ענגלישע רעגירונג טוט, כדי אונדז צו שטערן. אָבער זיי האַלטן, אַז דער באַשלוס איז וויכטיק קודם־כל פאַר אונדז. מען קען האַלטן, אַז עס איז אַ שלעכטער באַשלוס און אַז מיר דאַרפן דוקא פירן אונדזערע מיליטערישע אָפּעראַציעס גלייכצייטיק קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער און קעגן ענגלישן מיליטער, און מיר האָבן דערויף געגוג כוח און וואָפן. אָבער אונדזער מאַכט האָט באַשלאָסן אַז מיר קענען נישט; קען דאָך אַ גרופּע נישט פאָדערן דאָס רעכט פאַר זיך צו האַנדלען אַנדערש, און דערמיט לגמרי ענדערן די קריגפירונג און שטערן אַלע קריג־פּלענער.

אויב ווער נישט איז מיינט, אַז אויך אַזאַ זאַך איז מעגלעך, און לשם שלום דאַרף מען אויך דערויף מסכים זיין, זאָל ער עס אָפן זאָגן און נישט באַנוצן זיך מיט סתם ווערטער, כאילו ער ווייסט נישט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און דעריבער ווענדט ער זיך צו „ביידע צדדים". דער סתםרוף צו „ביידע צדדים" מיינט, אַז מען דאַרף נאָכגעבן אין אַזעלכע פרטים, וויל נאָר וועגן אַזעלכע ענינים האַנדלט זיך איצט. קען מען דען פירן אין אַ לאַנד אַ מאָביליזאַציע פאַר צוויי־דריי פאַרשידענע מיליטערן; אַ געלטאַקציע אויף אויסצוהאַלטן צוויי־דריי פאַרשידענע אַרמייען און דאָס אַלץ ביי דעם געפאַרפולן מצב אין וועלכן מיר לעבן. מיר זענען זיכער, אַז גאָר אַ סך האָבן נישט ערנסט איבערגעטראַכט צו וואָס זיי זענען עלול צו דערפירן, העלפנדיק נישט ווילנדיק, אַז אַזאַ סיטואַציע זאָל ביי אונדז הערשן.

דעם 1־טן מערץ האָבן די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פּראָקלאַמירט אין לאַנד די זאַמלונג פון דריטהאַלבן מיליאָן פונט פאַר זיכערקייטצוועקן: אַ פאָלקס־אַקציע פאַר „אונדזער שוץ־שטייער" — מפעל עממי — „מס להגנתנו", האָט אצ"ל גלייך אויך פּראָקלאַמירט אַן אייגענע געלט־אַקציע.

די סכנה איז גרויס, מען מוז דערפירן צו אַן אינערלעכן שלום. דאָס וועט נאָר דערגרייכט ווערן ווען אַלע יידן וועלן פאַרשטיין, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין־איינציקע יידישע מלוכה־מאַכט, און זי באַשטימט אין אַלע אַן אויסנאַם־פראַגן, און נישט נאָר טעאָרעטיש, און נישט ערשט דעמאָלט, ווען די גויים וועלן עס גוזר זיין. יעדער ייד אין ארץ־ישראל מוז פאָלגן די יידישע מאַכט, אָן תנאים און באַדינגונגען. אויב די סעפּאַראַ־טיסטישע גרופּן וועלן וויסן, אַז עס זענען נישטאָ קיין יידן, וואָס סימפּאַ־טיזירן מיט זייערע אָפּגעזונדערטע מעשים — וועלן זיי מוזן ציען דערפון די נויטיקע קאָנסעקווענצן.

תל־אביב, אָנהויב מערץ 1948.

דער יידישער ישוב אין לאַנד האָט באַגלייט מיט טיפער זאָרג די באַמיונגען פון דער ענגלישער רעגירונג צו מאַכן וואָס שווערער די רעאַליזירונג פונעם יו־ען באַשלוס וועגן שאַפן די יידישע מדינה. די אויספיר־קאָמיסיע פון יו־ען, אין דער פראַגע, וואָס איר פאָרזי־צער איז געווען קארל ליסיצקי (טשעכאָסלאָוואַקיע), האָט אָנהויב פעברואר עפנטלעך געוואָרנט, אַז די זיכערקייט אין ארץ־ישראל און די אַדמיניסטראַטיווע דינסטן וועלן צוזאַמענברעכן נאָכן שלוס פונעם מאַנדאַט, אויב מען וועט נישט אין צייט ווירקן קעגן דעם. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָבער עקשנותדיק געהאַלטן דערביי, אַז די אויספיר־קאָמיסיע פון יו־ען זאָל נישט קומען קיין ארץ־ישראל פריער ווי צוויי וואָכן פאַרן שלוס פונעם מאַנדאַט. יעדער בר־דעת האָט פאַרשטאַנען, אַז דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט און עס מוז קומען אַ פולשטענדיקער תוהו ובוהו. די יו־ען אויספיר־קאָמיסיע האָט באַשלאָסן פּאָזיטיוו וועגן אַ יידישער מיליץ, לויט דער יידישער פאָדערונג, און זי האָט אויסגעדריקט איר גרייטקייט צו באַהאַנד־לען די פראַגע פון אַן אַראַבישער מיליץ אין דעם געביט וואָס דאַרף בילדן די אַראַבישע מדינה. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו דערלויבן. דער בריטישער פאָרשטייער אין יו־ען אַלעקסאַנדער קאַדאָגען האָט בפירוש געענטפערט דער יו־ען אויספיר־קאָמיסיע: ענגלאַנד וועט זיך באַציען זייער שלעכט צו אַ פאַרזוך פון דער אויספיר־קאָמיסיע צו קומען קיין

ארץ־ישראל פריער ווי צוויי וואָכן פאַרן שלוס פונעם מאַנדאַט. די ענגלישע רעגירונג וועט נישט קענען דערלויבן די שאַפונג פון אַ באַוואָפנטער מיליץ פאַרן שלוס פונעם מאַנדאַט־רעזשים. דאָס האָט אויך באַשטעטיקט דער בריטישער קאָלאָניע־מיניסטער קריטש דזשאונס קומענדיק קיין ניו־יאָרק אין דער צווייטער העלפט פעברו־אַר 1948 צו די באַראַטונגען פון יו־ען. נאָר אַ פּאַקטישע יידישע מאַכט, וואָס האָט פּלאַנמעסיק געאַרבעט, חדשים פאַר דער אויפריכ־טונג פון דער מדינה, האָט געקאָנט פאַרהיטן דעם תוהו ובוהו. ענגלאַנד האָט געמאָלדן וועגן פאַרענדיקן דעם בריטישן מאַנדאַט־רעזשים דעם 15־טן מאי 1948. די פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט־רעגירונג אין די לעצטע חדשים פון איר הערשאַפט, האָט געפירט, צו אַ פולשטענדיקן תוהו ובוהו אויף אַלע געביטן. סוף פעברואַר 1948 האָט ענגלאַנד דערקלערט, אַז דער ארץ־ישראלדיקער פונט איז נישט מער אינעם שטערלינג־בלאָק; ארץ־ישראל האָט באַקומען ברען־שטאָף און אַ סך שפייז־פּראָדוקטן פון אויסלאַנד — האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז עס וועלן פאַרבלייבן ליידיקע פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען; די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט אַ גרויסן טייל פונעם פּאָסט־פאַרקער אאז״וו. האָבן די יידישע נאַציאָנאַלע אינ־סטאַנצן גענומען אויף זיך, נאָך איידער די מדינה איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן, די מערסטע פונקציעס פון מלוכה־פירונג. דער ישוב האָט דאָס געוווסט און אָנערקענט די סוווערעניטעט פון די אינסטאַנצן און געזען אין זיי די יידישע מדינה־מאַכט, נאָך פאַרן 14־טן מאי 1948. דאָס איז נישט נוגע נאָר דעם געביט פון קריג־פירונג מיט די אַראַבער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלער לאַנד־אַמט פאַר פּראָדוקטן־פאַרזאָרגונג, זייער פאַרטיילונג און אויפ־זיכט בנוגע שפייז־פּראָדוקטן; אַן אויפזיכט־אַמט צו רעגולירן דעם אימפּאָרט; אַן אויבערשטע איינקויף־צענטראַלע; אין 37 וויכטיקע־רע פלעצער איבערן לאַנד, זענען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע געריכטן קעגן פּרייז־טרייבעריי; ווער עס האָט באַדאַרפט פאָרן קיין חוץ־לארץ האָט געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש פון מרכז „לשרות העם״; אין אַ שפּעטערדיקן טערמין האָט מען אויך געעפנט ביוראָען איינצומאָנען שטייערן אאז״וו, אאז״וו.

אויפן וועג צו דער צייטווייליקער יידישער רעגירונג

א

עס איז אַ גוטער סימן פאַרן ארץ־ישראל־ישוב און פאַר דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, וואָס נישט געקוקט אויף די פּאַרשאַרפטע אינערלעכע באַציאונגען, איז אין די איצטיקע פאַר אונדז ביטער־שווערע טעג, פאַראַן אַ האָפענונג, אַז קיין שום ערנסטער טייל אין ישוב וועט נישט בעגירן די יידישע סווערענע מאַכט, וועלכע ווערט איצט געשאַפן. דאָס צונויפרעדן זיך וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון די צייטווייליקע יידישע רעגירונגס־אינסטאַנצן — רעגירונגס־ראַט און קאַבינעט, איז נישט לייכט. עטלעכע און צוואנציק פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אין טאַש בריוו פון דער אויספיר־קאָמיסיע פון יו־ען, אין וועלכע מען פרעגט זייער מיינונג, וועגן דער בילדונג פון דעם צוקונפטיקן ראַט פון דער יידישער מדינה. דאָס האָט ביי יעדן פון זיי געקענט שאַפן דעם רושם, אַז אָן אים וועט מען די רעגירונגס־אינסטאַנצן נישט קענען בילדן. פונדעסטוועגן איז מען ווי־עס־איז געקומען צו אַ באַשלוס, און אפילו אין אַ בערך קורצער צייט, לויט אונדזער טעמפּאָ פון אָננעמען באַשלוסן אין אַזעלכע ענינים.

אין די באַשלוסן פון יו־ען האָט זיך גערעדט וועגן שאַפן אין חודש אַפּריל 1948 אַ יידישן מדינה־ראַט אין דעם טייל וואָס איז באַשטימט אַלס יידישע מדינה און אַזאַ אַראַבישן ראַט אין דעם טייל וואָס איז געווען באַשטימט אַלס אַראַבישע מדינה. די יידישע אינסטאַנצן האָבן זיך באַמיט צו רעאַליזירן דעם באַשלוס אין צייט. דעם 1־טן מערץ 1948, האָט אַ פול־זיצונג פונעם ועד הלאומי באַשלאָסן, וועגן דער שאַפונג פונעם צייטווייליקן רעגירונגס־ראַט (ברייטערע, געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט) פון דער יידישער מדינה. זע אויך דעם

ווייטערדיקן קאַפּיטל: דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַשליסט.

אמת, נישט אַלע זענען צופרידן מיטן באַשלוס. פאַראַן גרופּן וואָס טענהן, אַז מען האָט זיי באַעוולט, און פאַראַן גרופּן וואָס דראָען, אַז זיי וועלן נישט אָנטיילנעמען אין די רעגירונגס־אינסטאַנצן, אויב מען וועט נישט פאַרגרעסערן זייער פאָרשטייערשאַפט. אָבער יעדער פילט, אַז דאָס ענדערט נישט דעם עצם־פאַקט, וואָס כמעט אַלע גרופּירונגען אין ישוב — פון דער אָרטאָדאָקסישער „אגודת ישראל" ביז די קאָמוניסטן, וועלן, ווייזט אויס, אָנערקענען די סוּווערעניטעט פון דער יידישער מאַכט, וועגן וועלכער עס האָבן באַשלאָסן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע און דער ועד־הלאומי, און וואָס דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט וועט אים דאַרפן ראַטיפיצירן. דאָס איז אָן־ספק אַ וויכטיקע פּאָליטישע רייפקייט־צייגעניש פאַרן גאַנצן ישוב (דער ציוניסטישער א. ק. האָט דעם באַשלוס באַשטעטיקט דעם 12־טן אפּריל 1948).

ב

ווען די צייט זאָל עס דערלויבן, וואָלט מען אויך די צייטווייליקע רעגירונגס־אינסטאַנצן צונויפגעשטעלט אויפן יסוד פון וואַלן אין ישוב. דער ועד־הלאומי האָט טאַקע געהאַט באַשלאָסן, וועגן נייע וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים (די לעצטע וואַלן זענען פאָרגעקומען אין זומער 1944).

אסיפת הנבחרים — ביז דער אויפריכטונג פון דער מדינה — די רעפּרעזענטאַנטן־פאַרזאַמלונג פונעם ארץ־ישראלדיקן ישוב, וואָס פלעגט אויך אויסקלייבן דעם ועד הלאומי.

אַזוי שנעל ווי די לאַגע וועט עס דערלויבן, וועלן פאָרקומען אַלגעמיינע וואַלן. די איצט־פאָרגעשלאָגענע רעגירונגס־אינסטאַנצן זענען צייטווייליקע, און דאָס ווערט בפירוש אונטערגעשטראָכן — דער ישוב אין ארץ־ישראל וועט נישט מוותר־זיין אויף זיין רעכט דירעקט צו באַשטימען זיינע געזעצ־געבערישע אינסטאַנצן.

איצט האָט מען קיין וואַלן נישט געקענט אַדורכפירן. קיין שום פאַרטיי האָט עס נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך. האָט מען זיך באַמיט צו געפינען די בעסט־מעגלעכע פאָרם, וואָס זאָל אַממערסטן אָפּהיטן די דעמאָ־קראַטישע יסודות פון אונדזער צוקונפטיקן מלוכהשן לעבן. איז געווען

נאַטירלעך און האָט זיך אַלעמען געלייגט אויפן שכל, ווען מען האָט פאַר־געשלאָגן, אַז דער צייטווייליקער רעגירונגס־ראַט, זאָל געבילדעט ווערן פון די דעמאָקראַטיש־אויסגעקליבענע אָנפירנדיקע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן — די ליטונג פונעם ועד־הלאומי און די ארץ־ישראל־מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

דער דאָזיקער פּשוטער וועג האָט געהאַט דעם חסרון, וואָס ער האָט נישט אַרומגענומען אַלע גרופּירונגען אין ישוב. און דאָסמאָל האָט מען געוואָלט, לויט מעגלעכקייט, אַלעמען אַרומנעמען. אגודת ישראל און פּועלי אגודת ישראל, זענען נישט אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אויך נישט אין דער כנסת־ישראל (ועד הלאומי). זיי נעמען נישט אָנטייל אין די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און נישט אין די וואַלן פון דער אסיפת־הנבחרים. אויב מען באַגנוגנט זיך, לכן, מיט דער צונויפגיסונג פון די צוויי אויבערשטע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן און מען שאַפט נישט קיין פאָרם פון קאָאָפּטירונג, מיינט עס, אַז אגודת ישראל פאַרבלייבט מחוץ דער ראַם פון דעם צייטווייליקן רעגירונגס־ראַט. דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט. און עס איז נישט געווען קיין ערנסטער ספק אַז מען דאַרף זיי יאָ קאָאָפּטירן.

שווערער איז די לאַגע לגבי יענע גרופּירונגען, וואָס זענען יאָ אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אין דער כנסת־ישראל, אָבער זיי זענען נישט פאַרטראָטן נישט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און נישט אין דער ליטונג פון ועד־הלאומי. אין דער עקזעקוטיווע נישט — ווייל זיי זענען נישט צווישן די קאָאַליציע־פּאַרטייען, און אין ועד־הלאומי נישט, ווייל זיי האָבן אין זומער 1944 באָיקאָטירט די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים. איצט וויל מען אָבער אויסמיידן, אַז זיי זאָלן נישט זיין אינעם צייטווייליקן מדינה־ראַט.

ג

דאָס לעצטע איז חל קודם־כל אויף די רעוויזיאָניסטן. זיי זענען נישט אין דער ציוניסטישער קאָאַליציע און זיי האָבן אין 1944 באָיקאָטירט די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים. דאָס נישט זיין צווישן די קאָאַליציע־פּאַרטייען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, קען נאַטירלעך נישט זיין קיין מאָטיוו אויף אויסצושליסן עמעצן פון זיין פאַרטראָטן אינעם רעגי־

רונגס־ראַט פון דער זיך שאַפנדיקער יידישער מדינה. אַ סך האָבן אָבער געטענהעט, אַז מען טאָר נישט פאַרגעסן דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן באָיקאָ־טירט די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים, און נאָר דערפאַר זענען זיי נישט אין ועד־הלאומי, טאָר מען נישט געבן קיין פרעמיע פאַר אַזאַ האַנדלונג. פונדעסטוועגן איז נישט געווען קיין ערנסטע קעגנערשאַפט, אַז זיי זאָלן זיין פאַרטראַטן אינעם רעגירונגס־ראט מיט צוויי צוקאָאָפּטירטע פאַרשטייער. די רעוויזיאָניסטן פאָדערן אַ פאַרגרעסערונג פון זייער פאַרשטייער־שאַפט, הגם זיי פאַרשטייען, אַז דער פאַקט וואָס זיי האָבן באָיקאָטירט די לעצטע וואַלן, איז נישט קיין גוטער מליץ־יושר.

זיי האָבן צום סוף באַקומען 3 פאַרשטייער אויף 37.

אויך אַ טייל פון די ספרדים אין ישוב, די רעכט־געשטימטע, האָבן באָיקאָטירט די לעצטע וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים. לגבי זיי איז דער ענין נאָך קאָמפּליצירטער, ווייל זיי זענען אויך נישט קיין באַזונדערע גרופּירונג אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. מען האָט אָבער געוואָלט אויסמיידן, לויט מעגלעכקייט, וויכוחים, האָט מען דעריבער מסכים־געווען, אַז זיי זאָלן האָבן אַ פאַרשטייער אינעם צייטווייליקן רעגי־רונגס־ראַט.

פאַראַן נאָך אַ קרייז, וואָס האָט בשעתו נישט אָנטיילגענומען אין די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים. דאָס איז דער קרייז אַרום תל־אביבער בירגערמייסטער ישראל רוקח. אין דעם קרייז זענען אויך די בירגער־מייסטער פון רמת־גן און פתח־תקוה, טיילן פון די פרדסים־באַזיצער און אַ טייל אינדוסטריעלע. זיי האָבן נאָך מיט אַ צייט צוריק געגרינדעט דעם „איחוד אזרחי" (בירגערלעכע פאַרייניקונג). הגם צאָלמעסיק נישט קיין גרויסע גרופּע, איז אָבער איר השפעה אינעם ישוב נישט קליין, צוליב אַ גאַנצער ריי שליסל־פּאָזיציעס, וואָס אירע מענטשן פאַרנעמען — אין די מוניציפּאַליטעטן און אינעם עקאָנאָמישן לעבן.

אין פתח־תקוה האָט זיך זינט דעמאָלט, די לאַגע אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג געענדערט. פאַראַן אַ מערהייט פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמען מיט די רעליגיעזע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס, און דער בירגערמייסטער איז אַ חבר פון מפא"י.

די מענטשן געהערן פאָרמעל צו דער אַלגעמיין־ציוניסטישער

אָרגאַניזאַציע, צום רעכטן טייל. און דוקא פאַרשטייער פון די אַלגעמיינע־ציוניסטן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, האָבן אולטימאַטיוו געפאָדערט, אַז קיין שום אָרט זאָל נישט געגעבן ווערן יענעם קרייז, אַלס פאַרשטייערשאַפט פון אַ באַזונדערער ווירטשאַפטלעכער גרופּע. זיי קאָנען זיין פאַרטרעטן נאָר אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע־ציוניסטן. אַלע האָבן אָנגענומען דעם פּרינציפּ, אַז מען אָנערקענט נישט קיין פאַרשטייערשאַפטן פון ווירטשאַפטלעכע גרופּן אין די רעגירונגס־אינסטאַנצן. איז מען גרייט געווען צו פאַרגרעסערן די פאַרשטייערשאַפט פון די אַלגעמיינע־ציוניסטן, כדי אויך יענע גרופּע זאָל קענען האָבן אַ פאַרשטייער. דער דאָזיקער קרייז האָט אָבער צווישן זיך נישט געקענט אַדורכקומען, און נישט געוואָלט מסכים־זיין צום פאַרגעשלאָגענעם קאַנדידאַט פון די אַלגעמיינע־ציוניסטן. דאָס אָרט איז, לכן, פאַרבליבן ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן — דער פאַרטרעטער אַ פאַרשטייער פון דער „עליה הדשה", אַ רעפּרעזענטאַנט פון די פּראָגרעסיווע ציוניסטן. במשך אַ סך יאָרן איז פּ. בערנשטיין, געווען דער וואָרט־זאָגער פון אָט דער רעכטער גרופּע פון ישראל רוקח און זיינע פריינט. ער איז איצט אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, און דערמיט אינעם צייטווייליקן רעגירונגס־ראַט. פונדעסטוועגן טענהעט די דאָזיקע גרופּע, אַז זי איז נישט רעפּרעזענטירט. זי פאָדערט פאַר זיך אַ באַזונדערן פאַרשטייער.

ד

אַ גאָר באַזונדער פּראָבלעם איז די פאַרשטייערשאַפט פון דער אין דער לעצטער צייט פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי מפּ"ם („התנועה לאחדות העבודה — לינקע פועלי ציון" און „השומר הצעיר"). זיי האָבן אין ועד־הלאומי דריי פאַרשטייער. היות, זיי זענען נישט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, ווערט זייער פאַרשטייערשאַפט אינעם רעגירונגס־ראַט נישט גרעסער, אַזוי־ווי ביי די קאָאַליציע־פּאַרטייען, ווען די צוויי קערפּערשאַפטן — ועד־הלאומי און ציוניסטישע עקזעקוטיווע בילדן צוזאַמען דעם רעגירונגס־ראַט. זיי האָבן קיין וואָלן נישט באַקאָטירט און עס קומט זיי נישט צו פאַרקלענערן קינסטלעך זייער פאַרשטייערשאַפט. נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען נישט אין דער קאָאַליציע, וואָס בילדעט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע. מפלגת פועלי ארץ־ישראל האָט דעריבער געפאָדערט,

אַז מען זאָל דערפֿולן זייער פֿאַרלאַנג און זיי געבן 5 פֿאָרשטייער אינעם רעגירונגס־ראַט און 2 אין קאַבינעט.

די אַנדערע פּאַרטייען האָבן געהאַלטן, אַז אויב מען וועט אין איצ־טיקן מאָמענט אָפּנייגן פֿונעם מעכאַנישן פּרינציפּ פֿון צוזאַמענגיסן ביידע לייטונגען — אַ חוץ די בולטע אויסנאָמען, אויף צו פֿאַרהיטן, אַז געוויסע קרייזן זאָלן אינגאַנצן פֿאַרבלייבן מחוץ די רעגירונגס־אינסטאַנצן — וועלן קומען אָן אַ סוף נייע פֿאָדערונגען. זענען זיי מסכים, אַז מפּ״ם זאָל האָבן צוויי מיטגלידער אין קאַבינעט, הגם זיי האָבן נאָר דריי מיטגלידער אינעם רעגירונגס־ראַט. די פֿאַרגרעסערונג פֿון זייער פֿאָרשטייערשאַפֿט אינעם רעגירונגס־ראַט, פֿון 3 אויף 5, זאָל מען דערווייל לאָזן אָפֿן און מען וועט עס אויסבעסערן ביי אַ נאָענטער געלעגנהייט.

מפּ״ם וויל דאָס בשום אופֿן נישט אַקצעפּטירן און האָט געמאָלדן, אַז אויב זיי באַקומען נישט תיכף ומיד 5 פֿאָרשטייער אינעם רעגירונגס־ראַט, וועלן זיי אין אים נישט אָנטיילנעמען און אויך נישט אין קאַבינעט. זיי האָבן אָבער גלייכצייטיק געמאָלדן, אַז דאָס ענדערט נישט זייער פּרינ־ציפּיעלע שטעלונג, אַז די פֿונעם ועד־הלאומי און ציוניסטישער עקזעקו־טיווע פֿאָרגעשלאָגענע רעגירונגס־אינסטאַנצן זענען די סוווערענע יידישע מאַכט, וואָס ווערט אויך פֿון זיי אָנערקענט.

מען דאַרף האָפֿן, אַז עס וועט סוף־כל־סוף נישט קומען דערצו, אַז זיי זאָלן זיין מחוץ די צייטווייליקע רעגירונגס־אינסטאַנצן. דאָס וואָלט געווען אַ צוגאָב־שוועריקייט, וואָס מען דאַרף אויסמיידן. אויך אָן דעם וועט די צייטווייליקע יידישע מאַכט, דאַרפֿן גובר זיין גענוג און איבערגענוג שוועריקייטן.

זיי האָבן צום סוף באַקומען 5 פֿאַרטרעטער.

ה

לייענט מען די פּרעסע פֿון די פֿאַרשידענע גרופּן, וואָס האַלטן, אַז מען האָט זיי נישט געגעבן קיין גענוגנדיקע פֿאָרשטייערשאַפֿט אין רעגי־רונגס־ראַט, הערט מען נאָר איין־איינציקע טענה: מפלגת פּועלי ארץ־ישראל — מפּא״י איז שולדיק. נישט וויכטיק פֿאַרוואָס און פֿאַר־וועמען דווקא זי, אָבער מפּא״י איז שולדיק. קומט אויס אַ משונהדיקער פּאָליטישער צוגאַנג: מפּא״י קען אַלצדינג טאָן ווען זי וויל נאָר. אַ נישט באַהאַוונטער

מוז, לכן, באַקומען דעם רושם, אַז מפלגת פועלי ארץ־ישראל איז די מער־הייט אין ישוב און אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און זי באַשליסט מיטן כוח פון איר מערהייט. דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. אין די פּאַר־שלאָגן פאַרן רעגירונגס־ראַט באַקומט מפלגת פועלי ארץ־ישראל 10 פון 32 פּאַרשטייער און אינעם מלוכה־קאַבינעט 4 פון 13 מיטגלידער. זי האָט נישט קיין מערהייט נישט אינעם ועד־הלאומי און נישט אין דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע. דאָס ענדערט אָבער נישט דאָס וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז אַלע טענות זענען נאָר צו מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

אויך ווען מען האָט שפּעטער פאַרגרעסערט די צאָל מיטגלידער פונעם רעגירונגס־ראַט אויף 37, איז די צאָל מפא״י־פּאַרשטייער פאַרבליבן 10. ביי די וואַלן וואָס זענען פאָרגעקומען (יאַנואַר 1949), איז די פּאַרשטייערשאַפט פון מפא״י געווען באַדייטנדיק גרעסער.

די רעוויזיאָניסטן, די גרופּע פונעם בירגערמייסטער רוקח, די ספרדים פונעם רעכטן סעקטאָר — אַלע האָבן זיי טענות צו מפא״י. אָבער אויך פון מפ״ם קומען טענות און אָנגריפן אויף מפא״י — און נאָר אויף מפא״י, פאַרוואָס זיי האָבן נישט קיין 5 פּאַרשטייער אינעם רעגירונגס־ראַט.

נישט האָבנדיק די כוונה דערצו, האָבן די אַלע גרופּן, וואָס בדרך־כלל באַקעמפן זיי מפלגת פועלי ארץ־ישראל, באַשטעטיקט, אַז זיי אַליין זעען אין דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל דעם וויכטיקסטן ממשותדיקן כוח פונעם ישוב, וואָס דאַרף צוזאַמענהאַלטן און צעמענטירן די אינסטאַנצן פונעם ישוב און פון דער צוקונפטיקער יידישער מדינה, און אויב אַזוי — און עס איז אַזוי, פאַרוואָס די אומאויפהערלעכע אָנגריפן אויף דעם דאָזיקן כוח, וואָס אַלע האַלטן, אַז ער דאַרף און מוז זיין און אַז אָן אים וועלן די ענינים אינעם ישוב און אין דער יידישער מדינה אַ סך ליידן?

ו

די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און די לייטונג פון ועד־הלאומי האָבן דעם 24־טן מערץ עפנטלעך געלאָזט וויסן, אַז באַלד נאָכדעם ווי עס וועט אָפּלויפן דער טערמין פונעם בריטישן מאַנדאַט, אָבער נישט שפּעטער ווי דעם 16־טן מאַי 1948, וועט זיין טעטיק אַ צייטווייליקע יידישע רעגירונג. דערווייל ווערן געמאַכט אַלע אָנשטרענ־גונגען נישט צו דערלאָזן, אָדער לכל הפחות צו באַגרענעצן דעם תוהו

ובוהו, וואָס די איצטיקע מאַנדאַט־רעגירונג פאַרשטאַרקט אים און וויל אים ווי עס ווייזט אויס, נאָך מער פאַרשטאַרקן. אין דער רעוויזיאָניסטישער פרעסע און אויך אין די צייטונגען, וואָס זענען גייסטיק נאָענט צו זיי, האָט מען באַלד אָנגעהויבן אַטאַקירן אונדזערע לייטונגען, פאַרוואָס זיי האָבן אָפּגעלייגט ביז צום 16־טן מאַי דעם טערמין פון דער אָפענער פּראָקלאַמירונג פון דער טעטיקייט פון דער יידישער רעגירונג.

עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז דעם 15־טן מאַי ווערט פאַרענדיקט דער טערמין פונעם בריטישן מאַנדאַט־רעזשים. דאָס איז געווען אַ שבת. דעם 9־טן מאַי האָט ד. בן־גוריון אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין זאַל פון טעאַטער „הבימה" געמאָלדן, אַז מוצאי שבת וועט פּראָקלאַמירט ווערן די מדינה. אין די לעצטע טעג האָט זיך אָבער די לאַגע שטאַרק צוגעשפּיצט. אויך האָט די פרעסע געמאָלדן דעם 12־טן מאַי, אַז די ענגלענדער האָבן באַשלאָסן מיט 24 שעה פריער, צו פאַרענדיקן זייער ציווילע הערשאַפט אין לאַנד. האָט מען באַשטימט די אָפיציעלע מדינה־פּראָקלאַמירונג אויף פרייטיק דעם 14־טן מאַי נאָכמיטאָג.

מיר האָבן פאַר זיך ווידעראַמאָל אַ ביישפּיל פון אויסנוצן פאַר אַגיטאַציע־צוועקן אַן אָנגעוויטיקטע לעבנסוויכטיקע פראַגע, וועגן וועלכער איין צד קען אָפן און קלאָר רעדן און דער צווייטער צד מוז שווייגן. די רעוויזיאָניסטן און זייערע אָנהענגער שרייבן, אַז די ענגלישע אדמיניסטראַציע איז פיינטלעך צו אונדז און מען דאַרף זי תיכף באַזייטיקן. זיי שטעלן דעם ענין אַזוי אַוועק, ווי דאָס איז אייגנטלעך נאָר אָפּהענגיק פונעם באַשלוס פון אונדזער אָנפירונג. לויט זייער שרייבן מוז יעדער ייד פרעגן: פאַרוואָס טאָקע וויל די אָנפירונג נישט אָפּשאַפן פריער די פיינטלעכע בריטישע אדמיניסטראַציע?

די שרייבער וויסן אָבער זייער גוט, אַז דאָס איז אין איצטיקן מאָמענט אַ ריין מיליטעריש־סטראַטעגישע פראַגע. קען זיין, אַז בעווין און זיינע פריינט וואָלטן געווען גאָר שטאַרק צופרידן, ווען מיר פאָלגן אָט די גוטע עצה פון די רעוויזיאָניסטן און זייערע פריינט און ער וואָלט געקענט שוין איצט געבן דעם בריטישן מיליטער אין ארץ־ישראל אַ קלאָרן באַפעל גאַנץ אָפן צו קעמפן מיטן גאַנצן כוח קעגן יידישן ישוב, וואָס האָט נישט אָפּגעוואַרט דעם טערמין פון דער פאַרענדיקונג פונעם בריטישן מאַנדאַט.

אָבער אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע קרייזן האַלטן, אַז מען דאַרף נישט פאַרשאַפן בעווינען דעם פאַרגעניגן. די „הגנה" פילט מער ווי יעדע אַנדערע גרופּע, וואָס די בריטישע „נייטראַליטעט" מיינט. זי באַצאָלט טאָג־איין טאָג־אויס אַ הויכן בלוט־פּרייז פאַר אַט דער „נייטראַליטעט". אָבער זי האָט אויך אירע אויסרעכענונגען און לפי די אויסרעכענונגען, ווייזט אויס, האָט אונדזער אַנפירונג באַשלאָסן, וואָס זי האָט באַשלאָסן.

תל־אביב, 28־טן מערץ 1948.

די שיקאַנעס פונעם מאַנדאַט־רעזשים, זענען אין דער גאָר לעצטער תקופה אַריבער אַלע מאָסן. דעם 29־טן מערץ 1948, האָבן זיי געכאַפּט די מעפּילים־שיף „יחיעם" מיט 737 עולים. דאָס איז געווען אין די טעג ווען דער ישוב האָט באַווײנט די 46 געפאַלענע אויפן וועג צום קבוץ יחיעם, וואָס האָבן געקעמפט ביז דעם לעצטן, פירנדיק הילף פאַר דעם קבוץ, ווען אַ טויזנטקעפּיקע אַראַבישע באַנדע איז זיי באַפאַלן (בריטיש מיליטער, וואָס איז געווען אויפן אָרט האָט זיך אָפּגעטראָגן, מיט דער טענה, אַז די צאָל אָנפאַלער איז צו גרויס). מען האָט די 737 יידן פאַרטריבן קיין קאַפּריסין (ציפּערן). דעם 13־טן אַפּריל האָבן זיי פאַרהאַלטן די שיף „טירת צבי" מיט 817 עולים, צווישן זיי 70 קינדער און 16 קראַנקע. מען האָט אַלע פאַרשיקט. אפילו דעם 27־טן אַפּריל האָבן זיי נאָך געכאַפּט די שיף „נחשון" מיט 600 עולים און זיי פאַרשיקט. בסך הכל האָבן די ענגלענדער קאָנצענטרירט נאָר אויף דעם אינדזל ציפּערן אַרום 24,000 מעפּילים.

די דאָזיקע באַציונג און דער ווילן צו דערפירן אין לאַנד צו אַ תוהו ובוהו, איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַלע געביטן. דעם 9־טן מאַי, למשל, האָבן דריי שיפן, וואָס האָבן געבראַכט 10.000 טאָן לעבנסמיטל און בוי־מאַטעריאַלן (און יעדער פאַרשטייט מיט וויפיל אומגעדולד מען האָט דערויף געוואַרט), פאַרלאָזט דעם חיפהער האַפן, מיט די סחורות, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט לענגער וואַרטן אויף דער ריי צו אָפּלאָדן די סחורות. עס איז נויטיק געווען אַ סך כוח און דיסציפּלין איינצוצוימען די ביטערקייט און זיך נישט לאָזן אַריינציען אין אַן אָפענעם מיליטערישן קאַמף מיט די גוט באַוואָפנטע, שטאַרקע בריטישע מיליטערישע כוחות.



בילד 8: **כפר עציון (אַלגעמיינער אָנבליק), פאַרפאַסטן פון ירושלים, חרוב געוואָרן אַ טאָג פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה. 151 זענען געפאַלן, נאָר 4 זענען געבליבן לעבן.**



בילד 9: **רבדים (אַלגעמיינער אָנבליק), דער ייִנגסטער פון די פיר פונקטן אין גוש עציון. דעם 14־טן מאַי 1948 האָבן 80 געמוזט אַוועק אין געפאַנגענשאַפט, צווישן זיי פאַרוווּנדעטע. דעם אָרט האָבן די אַראַבער חרוב געמאַכט.**



בילד 10 : ירושלימער אַלט־שטאָט, דער שטח אַרום דער שול „תפארת ישראל" (ניסן ב"ק) וואָס די אַראַבער האָבן אין די לעצטע קאַמפן צעשטערט. צווישן 15־טן און 25־טן מאַי 1948 זענען אויף דעם שטח געפירט געוואָרן אַכזריותדיקע קאַמפן און אַלץ איז חרוב געוואָרן. גאַנץ אין הינטערגרונט (10) — דער הר הצופים, די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק. 1) אַ הויכער בנין, באַנוצט געוואָרן פון אַראַבישע ציל־שיסער, האָט אונז גורם געווען אַ סך קרבנות; 2) די שול „תפארת ישראל", צעשטערט געוואָרן אין די לעצטע קאַמפן; 3) אַראַבישע פּאָזיציעס אין דער המידן־גאַס וואָס די הגנה האָט אויפגעריסן נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן אויפגעריסן דאָס הויז פון הרב אָרנשטיין; 4) הויז פון הרב אָרנשטיין — וויכטיקער צענטער פון דער הגנה. די אַראַבער אין יאַנואַר 1948, און שפּעטער די ענגלענדער, האָבן עס פּולשטענדיק צעשטערט; 5) דער עומר מעטשעט; 6) אין דעם בנין האָט זיך באַפעסטיקט די הגנה נאָכדעם ווי אירע פּאָזיציעס 2 און 4 און אויך דער קראים הויף (7) זענען צעשטערט געוואָרן; 8) הויף פון ר' שמחה ב"ק, פון אים האָבן געפירט קעלער־דורכגענג צו דער ניסן ב"ק שול און אַנדערע הגנה־פּאָזיציעס; 9) קליינע המידן גאַס, לעצטע פאַרטיידיקונגס־ליניע וואָס האָט אויך געשיצט די שולן „יוחנן בן־זכאי", „סטאמבול", „אליהו הנביא", נאָכדעם ווי דער גאַנצער שטח פון צפון־זייט איז געוואָרן איין חורבה.



בילד 11: בעת די קאַמפן איז אין ירושלים געווען אַ וואַסער־מאַנגעל. ירושלים באַקומט וואַסער פון די קוואַלן אין ראש־העין (65 קילאָמעטער פון ירושלים) און די עיראַקער האָבן דעם אָרט באַזעצט. אין די קאַמפן צווישן 9—18 יולי האָט צה״ל פאַרטריבן די עיראַקער, אָבער איינע פון די שעפּ־סטאַציעס איז געווען אין לאטרון, אין די הענט פון די ירדנער. יעדער האָט באַקומען וואַסער לויט דער צאָל נפשות אין דער משפחה. די זעק אין די פענצטער, צים שוץ קעגן קוילן.

בילד 12 : ציוניסטישער א. ק. אין תל־אביב (6—12־טן אפריל 1948). באַשלאָסן וועגן פראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה און וועגן אירע אינסטאַנצן. אין דער ערשטער שורה, רעכטס צו לינקס : ב. לאָקער, פּראָפ׳ זעליג בראָדעצקי, ד. בן־גוריון, א. דאָבקין. צווייטע שורה : י. שפּרינצאַק (שטייט), אלימלך נייפעלד און הרב מאיר בערלין (בר־אילן) (אַראָפּגייענדיק פון דער בימה), וואָס זיין רעדע, שוין דעמאָלט שווער קראַנק, האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם.

בילד 13 : נאָך דעם באַשלוס פּין יו־ען וועגן שאַפן אַ יידישע מדינה : די שארית הפליטה פון יידן אין ווין קומט צו הערצלס קבר.

דער ציוניסטישער אַקציאָנס-קאָמיטעט באַשליסט

א

די וויניקע טעג צווישן 6־טן און 12־טן אַפּריל 1948, ווען עס איז אין תל־אביב אָפּגעהאַלטן געוואָרן די סעסיע פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועלן זיכער פאַרבלייבן אינעם זכרון פון די אָנטיילנעמער. די ראַם און דער הינטערגרונט פון דער סעסיע האָבן, נישט ווייניקער ווי דער סדר־היום, אונטערגעשטראָכן איר באַזונדערקייט. די געשלאָסענע זיצונגען אין זייטיקע געסט; דער באַשיידענער פּלאַץ אין עפנטלעכע עפעקטן און דערצו באַוואָפנטע יידישע סאָלדאַטן אַלס וואַך אַרום דעם צונויפקום־אָרט (פּרויען־היים פון מזרחי), האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן די באַזונדערקייט.

פיר חדשים זענען אַריבער זינט דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, ווען די יו־ען האָט מיט אַ גרויסער מערהייט פון 33 קעגן 13 שטימען (10 אָפּגעהאַלטענע) באַשלאָסן, וועגן דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל. אין די דאָזיקע פיר חדשים איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן ווי שטאַרק, און כמעט אויסשליסלעך, עס הענגט אָפּ פון אונדז אַליין, אויב און אין וועלכער מאָס דער באַשלוס וועט רעאַליזירט ווערן. ווי שווער און געפאַרפול עס זענען די וועגן פון רעאַליזירונג און וויפיל בלוט־קרבנות יידן אין לאַנד וועלן מוזן ברענגען, כדי דער באַשלוס זאָל ווערן אַ רעאַליטעט.

קורץ פאַרן צונויפקום פונעם א. ק. (דעם 19־טן מערץ), איז די וועלט איבעראַשט געוואָרן פון דער דערקלערונג פונעם אַמעריקאַנער פאַרשטייער אוסטין, אין יו־ען, אַז זיין רעגירונג קלייבט זיך פאַרצושלאָגן אַן ענדערונג אינעם יו־ען־באַשלוס: באַגנוגענען זיך דערווייל מיט „אַ טראַסטישיפּ" (נאמנות — אפּוטרופסות). הגם מען האָט געוווּסט אין ארץ־ישראל, אַז די באַאַמטנשאַפט פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט, פונעם אַמע־

ריקאַנער פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום און די נאַפט־לייט, פירן אַ שווערן קאַמף קעגן אונדז, האָט פונדעסטוועגן די ידיעה איבעראַשט און געמאַכט אַ שווערן רושם. אָבער פאַר די יידן אין לאַנד איז קלאָר געווען, אַז די פּאַר אונדז נישט גינסטיקע ענדערונג פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, קען און וועט נישט ענדערן אונדזער וועג פון צוגרייטן און פּראָקלאַמירן די אויפריכטונג פון דער מדינה. עס וועלן זיך פאָדערן מער ליידן, מער אָנשטרענגונג און מער קרבנות, אָבער קיין אַנדערער וועג איז נישטאָ. אגב, איז נישט געווען קיין איבערטרייבונג אין דעם וואָס מען האָט געזאָגט, אַז די רעאַליזירונג פונעם אַמעריקאַנער „טראַסטישיפּ״־פאָרשלאָג, וועט פאָדערן מער מיליטער ווי דער חלוקה־פּלאַן. אַזאַ פאָרשלאָג וועט האָבן קעגן זיך ביידע צדדים. (מיליטערישע קרייזן אין אַמעריקע האָבן אָפּגעשאַצט, אַז מען וועט דערצו דאַרפן 100 טויזנט סאָלדאַטן). דאָס איז געווען איין זייט פונעם הינטערגרונד פון אונדזער פּאָליטישער לאַגע אין יענע טעג.

פון דער אַנדערער זייט די שווערע קאַמפן פונעם ישוב קעגן די פאַרשטאַרקטע אַראַבישע אָנפאַלער זינט חדשים, וואָס פאָדערן טאָג־טעגלעך אַזוי פיל קרבנות. די יידן אין דער ירושלימער אַלט־שטאָט זענען שוין כמעט 4 חדשים אין שטרענגער באַלאַגערונג; אַראַבער היטן די צוגאַנגס־טויערן; און אויך די הונדערט־טויזנט ירושלימער יידן אָן אַ רעגולערער און זיכערער פאַרבינדונג מיט אונדז, אָן גענוג שפּייז, אָן גענוגנדיקער פאַרטיידיקונגס־מעגלעכקייט. דעם 5־טן אַפּריל האָט געשריבן אַ גאָר באַקאַנטע ירושלימער פּערזענלעכקייט (אונדזער היינטיקער מדינה־ פּרעזי־ דענט): „שוין צען טעג ווי עס איז נישטאָ קיין אַריין און קיין אַרויס פון ירושלים, סיידן אויף אַדלער־פליגל. מיר זעען נישט קיין צייטונגען פון תל־אביב, עס קומען נישט קיין קאַראַוואַנען, מען ברענגט נישט קיין שפּייז, נישטאָ קיין רעגולערע פּאָסט, כמעט ווי עס איז נישטאָ קיין אויסנדיקע טעלעפאָנישע פאַרבינדונג״.

אין די לעצטע טעג פאַר דער סעסיע פונעם א. ק. זענען די קאַמפן נישט שוואַכער געוואָרן און די קרבנות נישט קלענער. דאָס זענען געווען די טעג, ווען 46 פון אונדזערע פאַרטיידיקער זענען געפאַלן אויף דעם וועג קיין יחיעם; 12 זענען געפאַלן אויפן וועג פון כפר עציון קיין ירושלים; זיבן יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן וועג קיין תל־נוף; 17 אונדזע־

רע פאַרטיידיקער זענען געפאַלן אינעם קאַמף אויף צו זיכערן דעם וועג קיין ירושלים (די קאַמפן פון חולדה און ירושלימער בערג). דאָס איז געווען די טעגלעכע כראָניק, אונדזער בלוטיקע רעאַליטעט אין יענע טעג. און אין די סאַמע טעג פון דער א. ק. זיצונג — דער גרויסער אַנגריף פון אַ טויזנט־קעפּיקער אַראַבישער מחנה אויף משמר העמק.

איז גוט געווען וואָס די סעסיע פונעם א. ק. איז נאָך 14 יאָר, ווידער פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל. די בערך דריי צענדליק אָנטייל־נעמער פון חוץ־לארץ, האָבן, הגם נאָר במשך אַ וואָך צייט, איינגעזאַפּט אין זיך די אַטמאָספער און אונדזער לעבנס־שטייגער אין די דאָזיקע טעג. זיי האָבן, אמת, נאָר באַזוכט תל־אביב, ווייל עס איז נישט מעגלעך געווען אָפּצוהאַלטן די זיצונג אין ירושלים, אָבער אויך אין תל־אביב האָט געשמעקט מיט פּראָנט. טאָג־טעגלעך דירעקטע באַריכטן פון געקומענע פון פאַרשידענע פראָנט־אָפּשניטן; אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, בעת דער א. ק. האָט באַראַטן, האָט מען אויך אין צפון פון תל־אביב גוט געהערט די שיסערייען און אויפרייסן פון פאַרשידענע זייטן און מען האָט אפילו געקענט אונטערשיידן וועלכע וואָפן זענען טעטיק אינעם מאָמענט.

אָבער נישט נאָר עדות פון שווערע פראָנט־נייעסן איז געווען די א. ק.־זיצונג. עס זענען אויך געווען דערמוטיקנדיקע נייעס, און די עיקר־דיקע אין יענע טעג: מען האָט דעראָבערט דעם קאַסטעל, אַדורכגעבראָכן דעם וועג קיין ירושלים (מבצע „נחשון״), דערפאָלגרייך אָפּגעשלאָגן דעם אָנפאַל אויף משמר העמק און נאָך.

דאָס האָט דערמעגלעכט, אַז צוויי גרעסערע טראַנספּאָרטן, איינער פון 170 לאַסט־אויטאָמאָבילן און דער צווייטער פון 247 אויטאָ־מאָבילן מיט שפּייז און אַנדערע נויטיקע פּראָדוקטן זאָלן קענען קומען אין דער פון אונדז זינט וואָכן אָפּגעשניטענער, באַלאַגער־טער הויפּט־שטאָט.

דער וועג קיין ירושלים איז אַרום 20־טן אַפּריל, נאָך קאַמפן לעבן באב אל ואד און לאַטרון ווידער איבערגעריסן געוואָרן. ערשט נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה, איז בליץ־שנעל געבויט געוואָרן אַ נייער וועג (דער אַזוי גערופענער „בורמא־וועג״), וואָס האָט געזי־כערט פונעם 4־טן יוני די פאַרבינדונג מיט ירושלים.

ב

הגם די סעסיע פונעם א. ק. איז שטאַרק געשטאַנען אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין לאַנד אין יענע טעג, איז נישט די באַשטימונג פון דער קאַמף־פירונג געווען דער צוועק פון דער סעסיע. דריי הויפּט־אויפגאַבן האָט זי באַדאַרפט דערפולן: א) געבן אַן עפנטלעכן, אויטאָריטאַטיוון ענטפער אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק אויף דעם „טראַסטישיפּ”־פאָרשלאַג פון די אַמעריקאַנער; ב) דערפילן די פונקציע פון דער העכסטער געזעצגעבערישער אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע ביים שאַפן די אינסטאַנצן פון דער יידישער מדינה; ג) באַשליסן וועגן דעם אָפּמאַך מיט אצ״ל (ארגון צבאי לאומי). דער א. ק. האָט אויך באַהאַנדלט פינאַנציעלע ענינים און אָנגענומען באַשלוסן וועגן אַ גאַציאָנאַלער הלוואה אין ארץ־ישראל. די לאַגע אין ירושלים האָט פאָרגומען אַ סך אָרט אין די באַראַטונגען. די זאָרג האָט אָן ספק פאַרשטאַרקט די באַמיונגען נישט צו דערלאָזן, אַז ירושלים זאָל זיין אָפּגעשניטן פון אונדז. מען האָט אויך באַראַטן וועגן די אויפגאַבן וואָס דאַרפן פאַרבלייבן, נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, אין דער קאָמפּעטענץ פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע וכד׳. אָבער אויף די פריער דערמאנטע דריי פראַגן האָט דער א. ק. געדאַרפט געבן אַ באַלדיקן ענטפער.

דער א. ק. האָט דאַסמאָל נאָר באַשטימט דריי קאָמיסיעס: א) פּאָליטישע; ב) ווירטשאַפטלעכע (איינגעשלאָסן פינאַנץ־ענינים); ג) אַ קאָמיסיע פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אינסטיטוציעס (נישט ווי געוויינלעך אַן אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע). דאַסמאָל האָט מען צוגעפּאַסט דעם נאָמען פון דער קאָמיסיע צו דער גאַנץ באַזונדערער אויפגאַבע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן א. ק. — פראַגן פונעם צייטווייליקן מדינה־ראַט און פון דער „ענגער קערפערשאַפט”. פאָרזיצער פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע איז געווען ד״ר ישראל גאָלדשטיין; פון דער ווירטשאַפטלעכער קאָמיסיע — האָלענדער; פון דער קאָמיסיע פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אינסטיטוציעס (זי האָט געציילט 27 חברים) — דער שרייבער פון די שורות.

די פּאָליטישע קאָמיסיע פונעם א. ק. איז נישט געווען די ערשטע קערפערשאַפט, וואָס האָט רעאַגירט אויף דעם „טראַסטישיפּ”־פאָרשלאַג פון

די אַמעריקאַנער. באַלד אויף צומאָרגנס, דעם 21־טן מערץ 1948, נאָך דער אַמעריקאַנער דערקלערונג אין יו־ען (די דערקלערונג איז באַקאַנט געוואָרן שבת, ווען די צייטונגען אין ארץ־ישראל דערשיינען נישט), האָבן אַלע מאַסגעבנדיקע אינסטאַנצן און פירנדיקע מענטשן אין ארץ־ישראל דערקלערט קלאָר און אומצוויידייטיק, אַז עס וועט נישט זיין קיין שום „טראסטישיפּ". אויך נישט קיין צייטווייליקער און קורצער.

דער ציוניסטישער א. ק. האָט באַקרעפטיקט אין נאָמען פון יידן אין אַלע לענדער דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם ווילנס־אויסדרוק און אים צוגעגעבן זיין גאַנצע אויטאָריטאַטיווע וואָגיקייט, כדי עס זאָל ביי קיינעם ,ישט פאַרבלייבן קיין שום צווייפל. די יידישע זעלבשטענדיקייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם א. ק.; עס איז קלאָר באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיט דער פאַרענדיקונג פון דעם אנטוישנדיקן רעזשים פון דער מאַנדאַט־רעגירונג (דעם 15־טן מאַי 1948), הערט אויף די הערשאַפט פון פרעמדע אין ארץ־ישראל און עס וועט אָנהייבן איר טעטיקייט די רעגירונג פון דער יידישער מדינה. אין די באַשלוסן איז קלאָר געקומען צום אויסדרוק, אַז דאָס יידישע פאָלק און דער ארץ־ישראלדיקער ישוב וועלן זיין קעגן יעדן פאָרשלאָג, וואָס איז עלול אונטערצוגראָבן אָדער אָפּשלעפּן די אויפריכטונג פון דער מדינה.

די פּאָליטישע קאָמיסיע האָט אחוץ די פּאָליטישע ענינים אויך באַהאַנדלט די פראַגע פון דעם אָפּמאַך מיט אצ"ל. די דאָזיקע פראַגע האָט שטאַרק אינטערעסירט דעם גאַנצן א. ק. און געוואָרפן אַ שטאַרקן שאָטן אויף זיינע באַראַטונגען. אין דער פראַגע זענען די מיינונגען געווען שטאַרק צעטיילט. פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע — יצחק גרינבוים און משה שפּירא, האָבן פאַר דער זיצונג פון א. ק. געפירט פאַרהאַנדלונגען און געבראַכט אַ פאָרשלאַג פון אַ הסכם מיט אצ"ל. דער פאָרשלאַג האָט ביי דער אַרבעטערשאַפט אַרויסגערופן אַ סך זאָרג און אַ שאַרפע קעגנערשאַפט. אויך די פאָרשטייער פון די אַרבעטער זענען געווען פאַר אַ הסכם. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז אַלע אצ"ל־אָנהענגער זאָלן זיך איינגלידערן אין דער „הגנה" מיט גלייכע רעכט און מיט גלייכע פליכטן. די טענה איז געווען, אַז איצט קען עס דאָך גאָרנישט אַנדערש זיין, ווייל די „הגנה" איז איצט אונדזער איינציק־אָנערקענטע פאָלקס־אַרמיי. זי שטייט אונטער דער דיסציפּלין און פולער קאָנטראָל פון די נאַציאָנאַלע אינסטי־

טוציעס. אין אירע רײען װערט דאָס פֿאָלק מאָביליזירט צום אָפּװער־קאַמף, און זי פֿירט די קאַמפֿן אין אונדזער אַלעמענס שליחות.

דער פֿאָרגעשלאָגענער הסכם האָט נישט באַשטימט די אױפֿלעזונג פֿון אצ״ל, אַלס באַזונדערע באַװאָפֿנטע קערפּערשאַפֿט. אין אַ געװיסער מאָס איז אצ״ל אפילו אָנערקענט װי אַ גלײכבאַרעכטיקטער פּאַרטנער. יעדער װאָס װעט דערקלערן, אַז ער איז אַן אָנהענגער פֿון אצ״ל, װעט זײן באַפֿרײט פֿון פֿאָלקס־דינסט; אצ״ל האָט אַ רעכט צו װערבירן נײע מיט־גלידער און זאַמלען געלט פֿאַר זײנע צילן בײ ייִדן אין דער גאָרער־װעלט. די דאָזיקע פּונקטן טראָגן אין זיך אַ סך געפֿאַרן און זענען נישט צוגעפּאַסט צו דער װירקלעכקײט.

די װאָס האָבן געשטיצט דעם הסכם־פֿאָרשלאָג האָבן נישט געװאָלט מסכים זײן צו קײן שום ענדערונגען, אפילו נישט פֿון טעכנישע אײנצל־הײטן. האָט זיך געפֿירט אַ גאָר שאַרפֿער, לאַנגער װיכוח. צום סוף איז דער הסכם באַשטעטיקט געװאָרן אין אַ נאָמענטלעכער אָפּשטימונג מיט 39 שטימען קעגן 32 און 5 אָפּגעהאַלטענע. עס האָבן נאָר געפֿעלט 3 פֿון די 79 שטימבאַרעכטיקטע מיטגלידער פֿונעם א. ק. שױן דער דאָזיקער רעזולטאַט פֿון דער אָפּשטימונג זאָגט עדות װי אָנגעװײטיקט די פֿראַגע איז און װי גרױס עס זענען געװען די זאָרג און די ספקות.

װי שטאַרק באַגרינדעט עס זענען געװען די ספקות קען מען זען אינעם װײטערדיקן קאַפּיטל: „אַלטאַלענאַ" — די שיף מיט װאָפֿן פֿון אצ״ל.

ג

די קאָמיסיע פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון די אינסטיטוציעס האָט באַדאַרפֿט באַשטימען דעם צוזאַמענשטעל פֿון דער מועצת־העם (פֿאָלקס־ראַט) און מינהלת־העם (פֿאָלקס־לײטונג). די ערשטע אַ ברײטערע קערפּערשאַפֿט, די צװײטע — די צוקונפֿטיקע רעגירונג. מען האָט בכוונה לכתחילה באַנוצט די דאָזיקע טערמינען, כדי נישט צו געבן ענגלאַנד אַ געלעגנהײט צו פֿײנטלעכע צוגאָב־האַנדלונגען, מיט דער טענה, אַז מיר װאַרטן נישט אָפּ דעם 15־טן מאי און שאַפֿן אַ ייִדישע רעגירונג נאָך װען זײ זענען אין לאַנד. נאָך דער פֿאַרענדיקונג פֿון דעם מאַנדאַט־רעזשים װעלן די נעמען צוגעפּאַסט װערן צו דער טערמינאָלאָגיע װאָס װעט װערן באַנוצט נאָך דער מדינה־אױפֿריכטונג.

די מועצת העם האָט זיך שפּעטער גערופן: מועצת המדינה הזמנית — ציטווייליקער מדינה־ראַט. די מינהלת העם: הממשלה הזמנית — ציטווייליקע רעגירונג.

בעצם האָט מען די אויבן־דערמאַנטע פראַגן אַ סך באַהאַנדלט נאָך פאַר דער זיצונג פון א. ק. די פאַרהאַנדלונגען זענען אָבער געפירט געוואָרן הויפּטזאַכלעך צווישן די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פאַקטאָרן אין ארץ־ישראל. דאַסמאָל איז דער ענין געבראַכט געוואָרן פאַר דעם אַלוועלטלעכן ציוניסטישן פאָרום. מען האָט נישט געקענט אויסמיידן דאָס איבערחזרן די גאַנצע סדרה פון פאַרהאַנדלונגען און אַרגומענטאַציעס. מיר זענען אָבער געשטאַנען אונטער דעם שווערן דרוק פונעם צעפאַלונגס־פּראָצעס פון אַלע מדינה־דינסטן און דער מאַנדאַט־רעזשים האָט אַ חלק אין דעם צעפאַלונגס־פּראָצעס. דער פּאָסט־פאַרקער, איז שוין טיילווייז אָפּגעשטעלט און עס דראָען ווייטערדיקע פאַרקירצונגען פון זיינע דינסטן; דעם 15־טן מערץ האָט די מאַנדאַט־רעגירונג געמאָלדן, אַז די פּאָליציי וועט באַקומען אין חודש אַפּריל איר לעצטן געהאַלט אין ארץ־ישראל; דעם 15־טן מערץ האָט די ט.וו.א. (טראַנס וואָרלד איירליינס) איבערגעריסן איר דירעקטע פאַרבינדונג אַמעריקע—ארץ־ישראל (מיט קאַיראָ נישט).

שפּעטער האָבן אויך אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע לופט־געזעלשאַפטן איבערגעריסן זייער דירעקטע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל.

די מאַנדאַט־רעגירונג האָט מער נישט געזאָרגט צו ברענגען אין לאַנד ברען־שטאָף און לעבנסוויכטיקע פּראָדוקטן, וואָס מען מוז זיי אימפּאָרטירן אאז״וו. ביי אַזאַ לאַגע האָט אַ יידישע פאַראַנטוואָרטלעכע, קאָמפּעטענטע אינסטאַנץ געמוזט תיכף איבערנעמען די זאָרג. לכתחילה זענען געווען פּאָרויסגעזען 32 מיטגלידער אין דער מועצת־העם, און 13 מיטגלידער אין מינהלת־העם (רעגירונג). אָבער, כדי צו דערמעגלעכן אַלע קרייזן, צו זיין פאַרטראָטן אין דער ציטווייליקער געזעצגעבערישער אינסטאַנץ פון דער מדינה, ביז צו די וואַלן — אויך די וואָס זענען נישט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אָדער לייטונג פונעם ועד־הלאומי — האָט מען פאַרגרעסערט די צאָל פון די ראַט־מיטגלידער אויף 37.

לפי דעם אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנטן פּרינציפּ: מיטגלידער

פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, לײטונג פון ועד הלאומי און צוקאָאָפּטירטע (די 13 פון דער מינהלת העם צווישן די 37).

דער פאָרשלאַג, וואָס דער שרײבער פון די שורות האָט דעם 12־טן אַפּריל געבראַכט אין נאָמען פון דער קאָמיסיע צום אַקציאָנס קאָמיטעט, האָט געזאָגט: „דער ציוניסטישער א. ק. פּראָקלאַמירט, אין אײנקלאַנג מיט די באַשלוסן פון דער עקזעקוטיווע פון דער ייִדישער אַגענץ און פון דער פול־זיצונג פון ועד הלאומי, וועגן שאַפן אַ מועצת העם צונויפגעשטעלט פון דער אויסגעקליבענער פאָרשטײערשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אין ארץ־ישראל און דער אויסגעקליבענער פאָרשטײערשאַפט פון דער כנסת ישראל — די לײטונג פונעם ועד־הלאומי, מיט צוגאָב־פאָרשטײער פון געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן נישט קײן פאָרשטײער אין די צוויי דערמאַנטע קערפּערשאַפטן. די צאָל פון די אַלע פאָרשטײער איז 37 (מפלגת פועלי א״י — 10; אַלגעמײנע ציוניסטן — 6; מזרחי און הפועל המזרחי — 5; פאַרײניקטע אַרבעטער־פּאַרטײ (מפ״ם) — 5; אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל — 3; פאַרײניקטער ברית הצה״ר (רעוויזיאָניסטן) — 3; קאָמוניסטן — 1; ויצ״א — 1; עליה חדשה — 1; תימנ׳ער — 1; ספרדים — 1; פאָרשטײער פון די אַראַבער, וואָס אָנערקענען די ייִדישע מדינה, וועלן אָנטײלנעמען אין דער מועצה.

אויף דער פול־זיצונג פונעם א. ק. זענען פאָרגעשלאָגן געוואָרן אַ רײ ענדערונגען. אָבער אַלע ענדערונג־פאָרשלאָגן זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דער פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע איז באַשטעטיקט געוואָרן.

אויב מיר פאַרגלײכן דעם צוזאַמענשטעל פון דעם צײַטווײַליקן רעגירונגס־ראַט מיטן אויסגאַנג פון די וואַלן צו דער ערשטער כנסת, דעם 25־טן יאַנואַר 1949, זעען מיר, ווי נישט באַגרינדעט עס זענען דעמאָלט געווען די טענות פון געוויסע פּאַרטײען, אַז מען באַוואָלעט זײ. מפא״י האָט געהאַט אין צײַטווײַליקן רעגירונגס־ראַט 10 פון 37 מיטגלידער — דאָס מײנט 27%, אָבער אין דער ערשטער כנסת מער ווי 38%. מפ״ם האָט געהאַט פּראָפּאָרציאָנעל כמעט די גלײַכע פאָרשטײערשאַפט ווי אין דער ערשטער כנסת. די אַלגעמײנע־ציוניסטן

און דער רעליגיעזער בלאָק האָבן געהאַט אין דער כנסת אַ קלענערע פאָרשטייערשאַפט ווי אין צייטווייליקן רעגירונגס־ראַט. די רעוויזיאָניסטן (גראָסמאַנס ריכטונג) האָבן געהאַט אין צייטווייליקן רעגירונגס־ראַט 3 פאָרשטייער (8%) אין דער ערשטער כנסת קיינעם נישט, נאָר 14 דעפוטאַטן (11%) פון דער „חרות״־פאַרטיי. אויף יעדן פאַל איז קלאָר, אַז יענע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן זיך באַמיט ביים שאַפן דעם צייטווייליקן רעגירונגס־ראַט, האָבן דערביי גענומען אין אַכט אַלע כוחות פון ישוב און זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער ליבעראַליטעט צו די אַנדערע פאַרטייען.

בנוגע דער קלענערער קערפּערשאַפט פון 13 — צייטווייליקע רעגירונג — האָט דער פאָרשלאַג, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט געבראַכט, געזאָגט: „דער ציוניסטישער א. ק. פּראָקלאַמירט אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ און דער לייטונג פון ועד הלאומי די אויפשטעלונג און דעם צונויפמענשטעל פון דער מינהלת העם פון 13 מיטגלידער, וואָס וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך אין איר טעטיקייט פאַר דער מועצת העם״.

אויך דער דאָזיקער פאָרשלאַג האָט אינעם פּלענום אַרויסגערופן אַ לענגערן מיינונגס־אויסטויש. דער פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע איז געווען, אַז די ענגערע קערפּערשאַפט, די רעגירונג, זאָל זיין פון 13 מיטגלידער: 4 — מפא״י, 2 — אַלגעמיינע ציוניסטן, 2 — מפ״ם, 2 — מזרחי און הפועל המזרחי, 1 — אגודת ישראל, 1 — עליה חדשה און 1 — פון די ספרדים. די רעוויזיאָניסטן האָבן געפאָדערט אַ פאָרשטייערשאַפט אין דער ענגערער קערפּערשאַפט. די פראַגע האָט אַרויסגערופן אַ סך ויכוחים. מען האָט אפילו איבערגעריסן די זיצונג פאַר פראַקציע־באַראַטונגען. צום סוף האָט מען אַדורכגעפירט אין דער פראַגע אַ נאָמענטלעכע אָפּשטימונג. דעם פאָרשלאַג פון די רעוויזיאָניסטן האָט מען אָפּגעוואָרפן מיט 38 שטימען קעגן און 24 פאַר, 3 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן.

די קעגנערשאַפט צום פאָרשלאַג פון די רעוויזיאָניסטן איז בעיקר באַגרינדעט געוואָרן דערמיט, אַז אין דער רעגירונג דאַרפן זיך באַטייליקן די פאַרטייען, וואָס בילדן די קאָאַליציע אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין ועד הלאומי. אויך מפ״ם איז נישט אין דער ציוניסטישער

עקזעקוטיווע (אַפּריל 1948). עס איז אָבער געווען אַ ווילן זיי אַריינצונעמען אין דער קאָאַליציע.ביים סוף פון דער זיצונג האָבן אָבער דער קאָנגרעס־אַדוואָקאַט און דער קאָנגרעס־געריכט געפּסקנט, אַז דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט איז נישט בארעכטיקט צו קלייבן נייע מיטגלידער אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. ער קען נאָר באַשטימען אַ נייעם מיטגליד אויפן אָרט פון איינעם וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט.

ביי דער סעסיע האָט ד״ר משה סנה רעזיגנירט אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע (אַלס פאַרשטייער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן) און אויף זיין אָרט איז אַריין אין דער עקזעקוטיווע משה קול (קאָלאָדני). ביי דער סעסיע פונעם א. ק. אָנהויב סעפּטעמבער 1948, זענען מפ״ם און רעוויזיאָניסטן אַריין אין דער עקזעקוטיווע.

ד

עס איז אויך געווען אַ ויכוח וועגן דעם, אויב מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע קענען גלייכצייטיק אויך זיין מיטגלידער פון דער רעגירונג. מען האָט נישט אָנגענומען קיין שום באַשלוס. נישט נאָר דערפאַר, וואָס די גאַנצע לאַגע איז נאָך צו ניי און קיינער ווייסט נישט וואָס די נאָענטסטע חדשים וועלן אונדז לערנען, אָבער אויך צוליב דעם וואָס דער רוב איז נישט געווען וויליק צו באַשליסן וועגן אַזאַ פּרינציפּ־פראַגע.

די פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן מיט אַ סך מער שאַרפקייט ביי דער סעסיע פונעם ציוניסטישן א. ק. סוף אויגוסט 1948. הגם מען האָט אָפיציעל נישט באַשלאָסן, אַז מיטגלידער פון דער רעגירונג זאָלן נישט זיין קיין מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, האָט מען עס אָבער פאַקטיש אַדורכגעפירט. די מיטגלידער פון דער רעגירונג — ד. בן־גוריון, מ. שרת, יצחק גרינבוים, הרב פישמאַן, מ. שפּירא, פּ. בערנשטיין, און אויך גאָלדע מאירסאָן זענען אַרויס פון דער ציונ. עקזעקוטיווע און נאָר אל. קאַפּלאַן איז פאַרבליבן. איצט זענען שוין מודה אַ סך וואָס האָבן דעמאָלט געהאַלטן פון דער צעטיילונג, אַז דאָס איז נישט געווען קיין גוט דורכגעטראַכטער שריט און קיין פאַרשטאַרקונג פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט עס זיכער נישט געבראַכט.

אין אַ טעלעגראַפישן באַריכט וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט דעם 22־טן אויגוסט 1948 געשיקט צום „מאָרגן זשורנאַל״ אין

ניו־יאָרק ווערט געזאָגט: אין די פאַרהאַנדלונגען פון דער וועלט־קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט ראַביי סילווער געפאָדערט אַ דעצענטראַליזאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ קלאָרע טיילונג צווישן מדינת ישראל און דער ציוניסטי־שער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַנדערש וועט מען אונדז באַצייכענען ווי אַ ציוניסטישער קאָמאינטערן. עמנואל נוימאַן האָט אונטערגע־שטראָכן, אַז דער אָנטייל פון ישראל־מיניסטאָרן אין דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע איז שעדלעך, געפערלעך און אַבסורדאַל.

עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, וועגן די אויפגאַבן און קאָמפּעטענצן פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ. דער פאָר־שלאַג, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט געבראַכט צום אָקציאָנס־קאָמיטעט אין נאָמען פון דער קאָמיסיע האָט געזאָגט: נאָך דער אויפשטע־לונג פון דער מינהלת העם און איבערגעבן איר אַ טייל פון די קאָמפּעטענצן פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ (ציוניסטישע עקזעקוטיווע), וועלן בלייבן אין דער קאָמפּעטענץ פון דער לעצטער: א) לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע; ב) אַלע ענינים וואָס זענען פאַר־בונדן מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער עליה אין די גלות־לענדער; ג) עליה פון יוגנט און קינדער; ד) אָרגאַניזאַציע, אויפקלערונג, ציוניסטי־שע פּראָפּאַגאַנדע און קולטור־טעטיקייט; ה) דערציונג אין די גלות־לענדער; ו) יוגנט און החלוץ; ז) אַנטוויקלונג פון ירושלים; ח) פינאַנצן און פאָנדן. ווי מען זעט — אַ נישט־פולשטענדיקער פאָרשלאַג. דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אויפן פּלענום, אינעם ויכוח אַרום דעם פאָרשלאַג. אָבער אין די טעג איז נישט מעגלעך געווען אויסצואַרבעטן אַ קלאָרערן און אויספירלעכערן פאָרשלאַג. צום סוף האָט מען דעם פאָרשלאַג אַקצעפּ־טירט מיטן צוגאָב, אַז די עקזעקוטיווע דאַרף ברענגען צו דער נאָענטסטער סעסיע פונעם א. ק. אַן אויספירלעכערן פאָרשלאַג וועגן די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג (יידישע אַגענץ).

די סעסיע פונעם א. ק. סוף אויגוסט־אָנהויב סעפּטעמבער 1948 האָט נישט קיין סך געענדערט ביים פאָרמולירן די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער 23־טער ציוניסטישער קאָנגרעס (אויגוסט 1951) האָט פאָרמולירט יסודות און אַ טעטיקייטס־פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ביי דער שלום־זיצונג האָט ה׳ ד. בן־גוריון צווישן אַנדערן געזאָגט: „עס איז נאָך נישט געווען קיין ציוניסטישער כינוס, אפילו נישט קיין קאָנגרעס, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף דער באַוועגונג אַזאַ מוראדיקע אחריות... די געפאַר איז גרויס און זי וועט גרעסער ווערן. איך זאָג דאָס איצט, ווען מיר האָבן דערגרייכונגען אויף די פראָנטן... מיר טאָרן נישט פאַרזען די האַרבקייט פון דער סכנה. ביז איצט האָבן מיר נאָר געזען אַ קליינעם טייל פון די כוחות פונעם שונא... מיר ווייסן נישט ווער וועט מאָרגן שטיין קעגן אונדז". ה׳ י. שפרינצאַק האָט געזאָגט: „אין דער סעסיע האָבן מיר באַשטימט די ערשטע יסודות פאַר אונדזער קיום און זעלבשטענדיקייט אין לאַנד... מיר האָבן אַוועקגעשטעלט די באַלאַגערטע ירושלים אויפן ערשטן אָרט פון אונדזערע זאָרגן... ירושלים וועלן מיר היטן. די יידישע ירושלים וועלן מיר פאַרטיידיקן, מיר זאָרגן זי זאָל לעבן, מיר וועלן זאָרגן, אַז זי זאָל ווייטער זיין די הויפטשטאָט פון ארץ־ישראל.

בילד 14: יידן אין בודאַפעסט הערן אין ראַדיאָ וועגן דער אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל.

אין דער ערשטער וואך פון באפרייאונגס-קריג

א

עס וועט זיין נישט ריכטיק אויב מיר וועלן זאָגן, אַז די פאַר־שטאַרקטע מלחמה־שוועריקייטן, זינט דער פּראָקלאַמירונג פון אונדזער זעלבשטענדיקייט, זענען פאַר אונדז אַן איבעראַשונג. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס מוז נישט קומען, אַז די וואָס באַשטימען היינט דעם גורל פון פעלקער און לענדער קענען עס פאַרהיטן, אויב זיי וועלן נאָר באמת האָבן אַ פעסטן ווילן דערצו. מיר האָבן אָבער געוווסט, אַז מיר מוזן אויך זיין גרייט דערצו, אַז דאָס קען קומען, און דעמאָלט וועלן מיר מוזן מקריב זיין נאָך מער טייערע קרבנות. עס וועט קומען אַ סך לייד און צעשטערונג פון מיט מילבן־פלייס און ליבע אויפגעבויטע ווירטשאַפטלעכע און קולטור־רעלע ווערטן. אונדזער גאַנץ לאַנד, אַלע אונדזערע שטעט, דערפער און זידלונגען וועלן זיין אין פראָנט, יעדער וועט זיין אין געפאַר.

איצט, ווען די מלחמה פירט זיך שוין און עס זענען שוין פאַראַן ליידן און צעשטערונג און אַ סך טייערע קרבנות, וועט אפשר זיין פאַר־שטענדלעכער, פאַרוואָס מיר האָבן נישט תמיד געפאָדערט נאָר דעם מאַקסימום און מיר זענען אפילו געווען גרייט מוותר צו זיין אויף געוויסע זאַכן, וואָס קומען אונדז, און אין וואָס מיר נויטיקן זיך זייער שטאַרק. מיר האָבן מיט אַלע כוחות געוואָלט אויסמיידן די ביטערע מלחמה, די ליידן, קרבנות און צעשטערונג. עס איז פאַר קיינעם פון אונדז קיין ספק נישט געווען, אַז אויב עס וועט נישט זיין קיין אַנדערע ברירה און מען וועט אונדז אויפצווינגען די מלחמה, וועלן מיר זי פירן. מיר זענען אָבער גרייט געווען צו אַ סך וויתורים, כדי זי נישט מוזן פירן. קען זיין, אַז אין חוץ־לארץ האָט מען אָפט געקוקט אויף אונדז מיט איבעראַשונג און אומצו־פרידנקייט, פאַרוואָס מיר זענען אַזעלכע קאָמפּראָמיסלער און פאַרוואָס מיר זענען אַזוי איינגעהאַלטן און פאַרוואָס פירן מיר זיך נישט אַזוי ווי עס איז היינט אָנגענומען אין דער וועלט, אַז נאָר דער כוח באַשטימט.

ב

אויב מיר האָבן נישט גענוג געקענט אונדזער אייגענעם כוח, איז עס געווען דערפאַר, וואָס מיר האָבן נישט געוווסט אין דער פולער מאָס, וואָס פאַר אַ טייערע יוגנט מיר פאַרמאָגן. נישטאָ אין דער וועלט אַזעלכע קעמפער, וואָס שייך פערזענלעכן מוט, אויסדויער און קרבנות־גרייטקייט. אַלע באַשרייבונגען זענען נאָר אַ שוואַכע שילדערונג אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט. די אַראַבישע אָנפאַלן, מיט דער הילף פון אַלע אַרומיקע שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, ביז דער אויפריכטונג פון דער מדינה, זענען צוזאַמענגעבראָכן אונטער די שטאַרקע קלעפּ פון אונדזערע קעמפער. איצט פירן קעגן אונדז קריג 5 אַראַבישע מדינות, וואָס צאָלמעסיק איז זייער באַפעלקערונג מער ווי דרייסיקפאַכיק גרויס ווי אונדזערע. די אַראַבישע לענדער האָבן זינט חדשים און יאָרן געקענט זיך צוגרייטן אָפן און אָן וועלכער עס איז שטערונג; קויפן וואָפן און ברענגען די וואָפן ווי זיי האָבן נאָר געוואָלט. מיר זענען אָבער געווען געבונדן, מען האָט אונדז שטאַרק געהיטן, אַז מיר זאָלן גאָרנישט באַקומען. און פאַראַן אַ גרויסע אימפּעריע, וועלכע לייקנט אפילו נישט, אַז זי שיקט וואָפן צו די אָנפאַלער, אַז זי לערנט זיי ווי־אַזוי אָנצופאַלן אויף אונדז, אַז זי האַלט אויס די אָנפאַלער. אָט די אימפּעריע, איז 30 יאָר געזעסן אין אונדזער לאַנד. זי קען יעדן ווינקל, זי ווייסט גענוי וווּ עס ליגן אַלע אונדזערע פאַבריקן און לעבנס־וויכטיקע אונטערנעמונגען — און דאָס אַלץ ווערט באַנוצט לטובת דעם אָנפאַלער. (מען האָט איבערגעגעבן, אַז ביי די קאַמפן אויף אַדורכצוברעכן דעם וועג קיין ירושלים, האָבן אומבאַקאַנטע עראָפּלאַנען אינסטרואירט די אַראַבישע אַרטילעריע).

עס רעדט זיך וועגן דער לאַגע אין 1948, און וועגן דער באַפעלקערונג פון מצרים, עיראַק, סיריע, ירדן און לבנון. סוף 1957, מיטן וווקס פון דער צאָל יידן אין מדינת ישראל, איז די באַפעלקערונג פון די דערמאָנטע 5 אַראַבישע מדינות אַרום 20־פאַכיק גרויס. די לעצטע אָפּטיילונגען פונעם בריטישן מיליטער, האָבן פאַרלאָזן מדינת־ישראל ערשט דעם 30־טן יוני, זעקס וואָכן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה (עטלעכע וואָכן פריער ווי זיי האָבן געהאַט לכתחילה געפּלאַנט). ביז דעם טאָג האָבן די ענגלענדער

קאָנטראָלירט דעם חיפהער האָפן און מען האָט אַהין נישט געקענט ברענגען קיין וואָפן אָדער עולים. ערשט דעם 29־טן יוני האָבן זיי דעם האָפן איבערגעגעבן דער חיפהער שטאָט־פאַרוואַלטונג. דער קאָמאַנדיר פונעם בריטישן מיליטער אין ארץ־ישראל, גענעראל מאַק־מילאַן, האָט סוף יוני מודיע געווען, אַז צווישן 15־טן מאַי און 30־טן יוני האָט מען מער ווי 17 טויזנט בריטישע סאָלדאַטן עוואַקואירט פון מדינת־ישראל. ער האָט אויך געמאָלדן, אַז מען האָט זינט דעם 15־טן מאַי אַרויסגעפירט פון לאַנד, אַרום 43.500 טאָן וואָפן און אַמוניציע. עס איז אָבער נישט געווען קיין סוד, אַז אַ סך וואָפן און אַמוניציע זענען פאַרבליבן ביי די אַראַבער.

עס איז אַזאַ אייגנשאַפט ביי מענטשן, אַז זיי הערן נאָר דאָס וואָס עס ווילט זיך זיי הערן, דאָס וואָס זיי ווילן, אַז עס זאָל טאַקע זיין. פרעגן מענטשן שוין אין דער ערשטער מלחמה־וואָך — ווי קומט עס, אַז איר האָט נישט קיין שווערע אַרטילעריע; ווי קומט עס, אַז איר האָט נישט קיין „ספיטפייערס" און באָמבערס אאַז"וו אא"וו. און זיי האָבן שוין פאַרגעסן, אַז אַזעלכע קליינינקייטן איז שווער צו ברענגען אין אַ רייזעקופערט און אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער אָדער בוידעם־שטיבל. און ביז דעם 14־טן מאַי האָט די אימפּעריע, וואָס האָט באַוואָפנט און געלערנט אונדזערע אַנפאַלער, שטאַרק געהיטן, אַז מיר זאָלן אָט די „כלים" נישט קענען באַקומען. אויך איצט איז דער טראַנספּאָרט גאָרנישט אַזוי פשוט. קען זיך אַמאָל אפשר טרעפן, אַז אפילו יידן אין חוץ־לארץ באַגרייפן גאָר נישט די פולע מאָס פון דער העראָישקייט פון אונדזערע קעמפער, די פולע מאָס פון זייער מיליטערישער מערווערטיקייט, וואָס עס מיינט, אַז הגם עס הערשט אַזאַ נישט גלייכקייט, הן צאָלמעסיק און הן אין דער מעגלעכקייט פון באַוואָפעבונג — ליידן אונדזערע שונאים קלעפּ נאָך קלעפּ. אפשר האָט זיך איינגעבירגערט עפּעס אַ מיסטישער גלויבן, אַז אונדזער יוגנט קען מיט הוילע הענט קעמפן קעגן טאַנקען און עס איז געבוג צו שיסן מיט אַ מאַשינגעווער אויף „ספיטפייערס" און מיט ביקסן אויף אַרטילעריע.

ג

מיר ווייסן, אַז מיר וועלן די שווערקייטן גובר־זיין. מיר גלויבן טיף דערינען. עס איז ממש צום שטוינען ווי טיף אָט דער גלויבן איז

דאָ בײ יעדן אײנעם אין האַרצן אין די שווערע טעג. מיר װײסן, אַז אױך אונדזערע „ספּיטפײערס" װעלן קעמפן, אַז אױך אונדזער אַרטילעריע װעט שיסן און אױך אונדזערע טאַנקען װעלן באַגלײטן אונדזערע בחורים. און הגם עס איז דערװײל שװער, איז אָט דער גלױבן אומדערשיטערלעך. קען זײן, אַז אײנער פון די הױפּט־קװאַלן פון אונדזער גלױבן איז דער פאַקט, װאָס מיר האָבן דאָך נישט קײן אַנדערע ברירה. מיר מוזן קעמפן און מיר מוזן זיגן. נישטאָ קײן אַנדערער װעג פאַר אונדז. עס איז פאַר אונדז, דערײ־בער, נישט קײן פראַגע װאָס מיר האָבן שױן און װאָס עס פעלט אונדז נאָך. און װען מיר װאָלטן אפילו נישט געהאַט דאָס װאָס מיר האָבן, און װען מיר װאָלטן אפילו נישט געהאַט די זיכערקײט, אַז מיר װעלן האָבן דאָס װאָס מיר האָבן נאָך נישט — אונדזערע מענטשן װאָלטן גראָד אַזױ געקעמפט װי זײ קעמפן הײנט.

אין אָט די פיל שעהן, װאָס מיר דאַרפן איצט פאַרברענגען אין די „שעלטערס", און אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, װען מען טראַכט װעגן אונדזערע קינדער אױף די פיל פראָנט־פּונקטן אין לאַנד, װילן מיר זײער שטאַרק אױסגעפינען די ממשותדיקע שותפותדיקײט פון אונדזער פראָנט מיטן פראָנט, װאָס עס האָבן שױן געשאַפן אין די ערשטע מלחמה־טעג די ײדן אין גאָר דער װעלט. עס װילט זיך דאָך אַזױ שטאַרק הערן, אַז זײ האָבן באַגריפן, אַז מיר קעמפן דאָ נישט נאָר פאַר אונדזער אײגענער פרײהײט, נאָר נישט װײניקער פאַר זײער פרײהײט און פאַר זײער זיכערקײט. מיר װילן שטאַרק הערן, אַז אין די טעג האָט זיך עפּעס געענדערט אין זײער לעבנס־שטײגער און אין דעם אופן װי זײ ברענגען צום אױסדרוק זײער גורל־שותפותדיקײט מיט אונדזער עקזיסטענץ־קאַמף. אָבער אין די ערשטע 8־9 טעג פון דער מלחמה האָבן מיר עס לײדער נישט גענוג געהערט. און דאָס טוט װײ, בפרט פאַר אַ מענטשן װאָס האָט קײנמאָל נישט געװאָלט גרינגשעצן די געװאַלדיקע נאַציאָנאַלע װערטן פון ײדנטום אין חוץ־לאָרץ.

ד

איך האָב געטרױמט, װעגן אַ װעג, װאָס זאָל אונדז דערמעגלעכן דערגרײכן אונדזער גאולה אָן דער מלחמה, װאָס מיר מוזן איצט פירן. איך האָב אָבער געװוּסט, אַז אױב עס װעט נישט זײן קײן אַנדערער אױס־װעג, װעלן מיר גײן אױף דעם אױפגעצװוּנגענעם װעג. אין יענע חדשים

האָב איך מיר אין מיין פאַנטאַזיע אויסגעמאָלט, ווי־אַזוי וועלן יידן אין חוץ־לארץ רעאַגירן, ווי־אַזוי וועלן ציוניסטן און מיינע חברים אין חוץ־לארץ רעאַגירן, אויב עס וועט נישט זיין קיין אַנדערער וועג און מיר וועלן מוזן פירן אַזאַ קריג. וואָס וועלן טאָן יידן אין אַמעריקע און ענגלאַנד, אין פראַנקרייך און אין אַרגענטינע, אין דרום־אַפריקע און אין קאַנאַדע, הערנדיק, אַז מען וויל צעשטערן דעם פאָלקס לעצטע האָפנונג אויף פריי־הייט, זיכערקייט און זעלבשטענדיקייט.

איך האָב געוווסט, אַז דאָ אין לאַנד, פירנדיק דעם קאַמף, מוז מען דענקען און האַנדלען זייער רעאַל. מען מוז זיין קאַלטבלוטיק און זיך נישט לאָזן פראָוואָצירן און האַנדלען נאָר לויט איין־איינציקן כלל, וואָס קען אונדז פירן צום זיג. אָבער יידן אין חוץ־לארץ, האָב איך געטרוימט, וועלן נישט קענען האַנדלען רויק, טאָרן נישט זיין קאַלטבלוטיק. זיי מוזן און וועלן האַנדלען אימפולסיוו. זייער היים און זייער צוקונפט וויל מען צעשטערן. דער שטאָלץ פון זייער לעבן, דאָס האַרץ פון זייער עקזיסטענץ איז אין געפאַר. זייער אייגענע זיכערקייט שטייט אין שפּיל, מוזן זיי אימפולסיוו רעאַגירן, אפילו ווען עמיץ זאָל עס אָנרופן היסטעריש.

און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז בעת בעווין וועט אין זיין ציניזם דערגיין אַזוי ווייט, אַז מיט ענגלישע וואָפן און הסכמה און מיט ענגלישער אָנפירונג וועט מען פירן קריג קעגן אונדז, וועלן צענדליקער טויזנטער יידן אין די שטעט פון בריטישן קאָמאַנוועלט און אין אַנדערע הויפּט־שטעט, טאָג און נאַכט זיין פאַרזאַמלט פאַר די רעגירונגס־בנינים און בריטישע דיפּלאָמאַטישע פאָרטרעטונגען און אויפדעקן פאַר דער גאַנ־צער וועלט דעם פאַרברעך, וואָס ווערט באַגאַנגען; וועלן אונדזערע פריינט אויף דער קאָנפערענץ פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און ביי יעדער אַנדערער געלעגנהייט — און זאָלן עס זיי נאָר 20 — 30 און אפילו יחידים — נישט דערלאָזן, אַז בעווין און זיינע העלפער זאָלן רויק קענען רעדן, און זיי וועלן אָן אויפהער זיי דערמאָנען די ראָלע, וואָס זיי דערפילן. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט אָנגענומען און דאָס שטימט נישט מיטן „פּאָינט אָוו אָרדער“, און דאָס איז ווילד און היסטעריש און פּאָליציי קען צעטרייבן און אַרעס־טירן, און מען קען מענטשן אַרויסוואַרפן פון פאַרזאַמלונגען און מענטשן קענען דערביי ריזיקירן זייער קאַריערע אאַז״וו. אאַז״וו. איך האָב אָבער אויך גערעכנט, אַז עס מוז דאָך פאַרט זיין ביי אייגענע מענטשן אַ באַדער־

פעניש צו טאָן אין אַזעלכע שעהן עפּעס גאָר באַזונדערס, אפילו אָן איבערלעגונג און מחוץ די רעגולערע ראַמען.

און איך האָב פאַנטאַזירט, אַז אינעם מאָמענט ווען די בריטישע אימפּעריע וועט אָפן באַוואָפענען אונדזערע אַנפאַלער מיט שווערע וואָפן און די פרייע אַמעריקע וועט נישט דערלויבן צו שיקן אונדז געווער און זי וועט געבן הלוואות ענגלאַנד, וועלן הונדערטער טויזנטער יידן אין ניו־יאָרק און אין טשיקאַגאָ און אין אַנדערע צענטרען, זיין טאָג און נאַכט אין די גאַסן און נישט דערלאָזן די אַרומיקע וועלט זיין רויק, ביז די דאָזיקע הימלשרייענדיקע עוולה וועט אָפּגעשאַפן ווערן. און, אויב פראַנקרייך און בעלגיע און אַנדערע לענדער וועלן דערוויל נישט אָנערקענען אונדזער זעלבשטענדיקייט, און פראַנקרייך וועט שיקן וואָפן קיין לבנון, און אָפּוואַרטן ווי דער ענין וועט זיך אַנטוויקלען, וועלן דאָס טאָן יידן אין פּאַריז און אין בריסעל, אין יאָהאַניסבורג און אין מעלבורן. און אַ סך טויזנטער יונגע יידן וועלן קומען צו אונדז מיט אַלע וועגן און ביי אַלע באַדינגונגען. (וואָס עס איז אין אַ געווויסער מאָס אויך געשען). עס וועט נישט זיין דאָס גע־וויינלעכע רעגולערע לעבן ביי יידן אין חוץ־לאָרץ. עס איז איין פּראָגט און אויך זיי וועלן שטיין בפועל ממש אין דעם פּראָגט.

פאַראַן אַ מיינונג, אַז 15 — 20 פּראָצענט פון דער הלוואה, וואָס ענגלאַנד האָט באַקומען אין די יאָרן 1946/47 פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט זי אויסגעגעבן פאַרן קאַמף קעגן דער עליה, אויס־האַלטן דאָ איר מיליטער און אויף שיקן וואָפן די אַראַבער.

ה

איך וואָלט דאַסמאָל זייער געוואָלט זיין נישט גערעכט. איך האָב אָבער ליידער פאָרט נישט דעם רושם, אַז אין די ערשטע 9 — 8 טעג פון אונדזער שווערן קריג, האָט זיך אַ סך געענדערט אין דער רוטינמעסיקער, רעגולערער אַקטיוויטעט פון יידן אין חוץ־לאָרץ. עס זענען פאָרגעקומען אַ סך פייערונגען און ברכות האָט מען אונדז געשיקט און מיר נעמען זיי אָן מיט דאַנקבאַרקייט, ווי אַ באַווייז פון טיפער פאַרבונדנקייט, ווי עס איז טאַקע אין דער אמתן. אַ סך מיטינגען און סאָלידאַריטעטס־באַשלוסן, גוט און ערלעך געמיינטע. און געלונגענע געלט־זאַמלונגען, וואָס עס איז זייער, זייער וויכטיק. אָבער דאָס אַלץ האָט מען דאָך אויך געטאָן ביי אַנדערע געלעגנהייטן, אין נאָרמאַלע טעג, נישט ווען דאָס הויז ברענט, די שעהן

זענען געציילטע און די איינשטעלעניש איז אַזאַ גרויסע. עס פעלט די אויסעראָרדנטלעכע טאַט, וואָס פאָדערט זיך אין אויסנאַם־סיטואַציעס.

דאָס זענען נאָר געדאַנקען און נישט קיין באַשולדיקונג. אפשר זענען מיר אַליין שולדיק, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן געבונג אויפצוטרייסלען די יידישע מאַסן אין חוץ־לארץ, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז איצט קומט פאָר עפּעס גאָר באַזונדערס. און אפשר זענען שולדיק אונדזערע פירנדיקע מענטשן אין חוץ־לארץ, וואָס האָבן נישט תופס־געווען די ערנסטקייט און גרויסקייט פון דער שעה און האָבן נישט געפונען קיין וועג פאַר אויסער־אָרדנטלעכע האַנדלונגען; און אפשר האָבן זיי גערעכנט, אַז דווקא דורך זייער ווירקן אין חדרי־חדרים וועלן זיי פּראַקטיש מער דערגרייכן.

דאָ רעדט זיך דאָך אָבער וועגן דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט געפילט אין חוץ־לארץ און ווי האָט עס רעאַגירט. קאַלטע אויסרעכענונגען, פּראַקטישע אָפּוועגונגען — דאָס פאַרפליכטעט די, וואָס פירן דאָ דעם פראָנט־קאַמף, נישט די יידישע מאַסן אין חוץ־לארץ. זיי דאַרפן רעאַגירן מיט זייער האַרץ און ברענגען צום אויסדרוק זייערע נשמה־געפילן.

תל־אביב, 23־טן מאַי 1948.

אָפּהיטנדיק דעם געדאַנק פון ברענגען צום אויסדרוק אין דעם בוך, וואָס מיר האָבן געפילט און ווי מיר האָבן אָפּגעשאַצט די געשעענישן בעת זיי זענען פאָרגעקומען, ברענגען מיר אויך דעם דאָזיקן קאַפּיטל, געשריבן 8—9 טעג נאָכן אָנהייב פונעם אינוואַ־זיע־פאַרזוך פון די אַראַבישע מדינות. מיר האָבן שפּעטער באַקומען צוגאָבלעכע ידיעות. עס זענען אויך געקומען מעשים, בפרט די וווּנדערבאַרע גרייטקייט פון יונגע יידן אין אַ סך לענדער, צו זיין שותפים מיט אונדזער ישראלדיקער יוגנט אויפן מילי־טערישן קאַמף־פראָנט. וואָלט מיר אויסגעקומען היינט צו שרייבן דעם פרק, וואָלטן אָן ספק די טענות געווען מילדער. אָבער אין תוך זענען די מערסטע פון זיי געבליבן ריכטיק. אַ גוטער סימן פאַר דער גרייטקייט פון דער ארץ־ישראל־טרייער מחנה, צו הערן אויך האַרבע ווערטער פון קריטיק, איז דער פאַקט, וואָס דער אַרטיקל, איז אין יענע טעג איבערגעדרוקט געוואָרן אין צייטונגען אין 8 — 10 לענדער.

די טאָפּלטע אויפגאַבע

(פאַרן ערשטן קאַמף־איבעררייס)

א

שווער צו געפינען אַ פאַרגלייך צו דער לאַגע אין וועלכער מיר לעבן איצט. מיר מוזן פירן אַ גאָר שווערע, אויף אונדז אויפגעצוווּנגענע מלחמה קעגן אַ פיל צאָלרייכערן שונא, אין אַ צייט ווען די מדינה שטעלט ערשט אירע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט; מיר מוזן בויען אונדזער זעלבשטענדיקייט פון ערשטן שריט אָן, ווען מיר שטייען אין אַ שווערער עקזיסטענץ־מלחמה, וואָס פאָדערט פון אונדז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, אַ סך קרבנות, אַלע אונדזערע כוחות און מיטלען. יעדע איינע פון דיביידע אויפגאַבן איז גענוג, כדי צוצונעמען ביי אונדז די גאַנצע ענערגיע, אַלע מענטשן, מיטלען און יעטוועדן ברעקל כח, וואָס מיר האָבן. איצט מוזן מיר אָבער גלייכצייטיק דערפילן ביידע אויפגאַבן. גובר זיין די גרויסע שוועריקייטן אויף ביידע פראָנטן.

אין דעם ליכט דאַרף מען זען אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער מדינת־ישראל אין די לעצטע וואָכן און אין אָנבליק פון דער לאַגע, וואָס האָט נישט קיין פאַרגלייך, אָפּשאַצן אַלץ וואָס קומט פאָר זינט דעם 14־טן מאַי.

ב

די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט שטאַרק געוואָלט, אַז נאָכן 15־טן מאַי זאָל הערשן אין לאַנד אַ פולשטענדיקער תוהו ובוהו און מיר זאָלן זיין אָפּגעשניטן פון דער וועלט. דאָס וואָלט פאַר איר געווען אַ סאַטיספאַקציע און אַביסל געהויבן איר געפאַלענעם פּרעסטיזש אין גאָר דער וועלט. אין דער ריכטונג האָט זי געמאַכט די גרעסטע באַמיאונגען. זי האָט אָבער געהאָט אַ טעות. עס וועט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אַלצדינג פונקציאָ־

בירט שוין אין דער מדינה נאָרמאַל און גוט. אָבער אַלע אָן אויסנאַם מוזן צוגעבן, אַז די ביז־איצטיקע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון איינאָרדענען אונדזער מדינה־אַדמיניסטראַציע און מדינה־דינסטן שטייגן איבער די דערוואַרטונגען. עס הערשט נישט קיין תוהו ובוהו, און בדרך־כלל האָט דער בירגער דאָס געפיל, אַז די מלוכה־מאַשין באַוועגט זיך און באַהערשט די לאַגע און יעדער טאָג באַפעסטיקט זי מער. די אָרגאַני־זאַציע־פעיקייט, וואָס אונדזער יונגע מדינה האָט אַרויסגעוויזן, קען גאָר נישט גענוג אָפּגעשאַצט ווערן. די לעבנסמיטל־פאַרזאָרגונג איז לעת־עתה אַ נאָרמאַלע; די עלעקטריציטעט־ווערק אַרבעטן; די קאָמוניקאַציע אין לאַנד איז נישט אָפּגעשטעלט; די פּאָסט און דער טעלעפאָן פונקציאָנירן; די פאַרבינדונג מיטן אויסלאַנד איז נישט אָפּגעשניטן אאַז״וו, אאַז״וו. און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די מדינה עקזיסטירט ערשט דריי וואָכן.

אויך אונדזער מיליטערישע לאַגע באַשטעטיקט די לעבנספּעיקייט, אָפּוועראמעגלעכקייט און פעסטקייט פון אונדזער מדינה. נישט קיין אַנדערער ווי דער בריטישער אויסערן־מיניסטער בעווין, אונדזער גוט־באַקאַנטער „פריינט״ און אפשר אפילו דער וואָס האָט גורם געווען דירעקט אָדער אומדירעקט די מלחמה קעגן אונדז, האָט געמוזט מודה זיין אין בריטישן פּאַרלאַמענט, אַז צום סוף פון דער דריטער וואָך פון דער מלחמה, האָבן די אַראַבישע מדינות נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אין דער טעריטאָריע פון דער מדינת־ישראל. און לויט בעווינס פאַרויסזעאונגען האָט אונדזער יונגע מדינה אין דער צייט שוין געזאָלט זיין אין זייערע הענט. איז ביי זיי גרויס די איבעראַשונג וואָס דאָס איז נישט געשען.

ג

וויכטיקע פראַגן מוזן איצט פאַרענטפערט ווערן, אין גאַנג פון די געשעענישן. און זיי ווערן פאַרענטפערט. מען האָט למשל געזעכנט, אַז דאָס געזונטהייטס־וועזן וועט דערווייל פאַרבלייבן אין די ראַמען פון ועד הלאומי. מען האָט נישט געוואָלט פון דער ערשטער מינוט אַרויפלייגן צופיל לאַסטן אויף דער יונגער מדינה. האָט אונדז אָבער די ווירקלעכקייט אַוועקגע־שטעלט פאַר אַ נישט־פאַרויסגעזעענער דערשיינונג: אַראַבישע ישובים זענען אַריבער אין יידישע הענט. עס איז דאָרטן נישט פאַרבליבן קיין שום פאַרוואַלטונג און קיין שום עפנטלעכע דינסטן. נישטאָ ווער עס זאָל דאָרטן

זאָרגן פאַר מעדיצינישער הילף פאַר די פאַרבליבענע אַראַבער. מוז זיך דערמיט פאַרנעמען אונדזער ציישטווייליקע רעגירונג. צענדליקער אַזעלכע ענינים קומען אויף טאָג־טעגלעך. יעדע פון זיי פאָדערט אַ באַלדיקע תשובה און תיכפדיקע פּראַקטישע מעשים. לויט מעגלעכקייט ווערט דער ענטפער געגעבן. שוין אָפּגערעדט פון די שווערע פּראָבלעמען פון מלחמה־פירונג און איבערבויען די פּריוואַליקע „הגנה" אין אַ מלוכהשער אַרמיי.

ד

עס איז זיכער נישט לייכט פאַר אַ ייד אין חוץ־לארץ, אפילו פאַר אַ ציוניסט, אפילו פאַר איינעם וואָס איז מער־ווייניק באַקאַנט מיט די ענינים אין ארץ־ישראל, אינגאַנצן מיטצולעבן אָט די געפאַר־ און קרבנות־פולע און אויך האָפענונגס־פולע טעג און וואָכן. יידן אין דער גאָרער וועלט האָבן נאָך נישט באַגריפן דעם פאַרנעם פון די קרבנות, וואָס אונדזער קעמפנדיקע יוגנט און אין די לעצטע דריי וואָכן אויך אונדזערע אַרבעטער־דערפער, האָבן שוין געבראַכט, כדי צו זיכערן דעם קיום פון מדינת־ישראל. אין די מוחות און הערצער פון יידן אין חוץ־לארץ, איז נאָך נישט אַריינגע־דרונגען די גרויס פון דער סכנה, וועלכע דראָט אונדז און דערמיט אויך זיי, און דער עיקר, אַז הילף פאַר אונדזער יונגער מדינה איז נישט קיין פראַגע פון חדשים נאָר פון טעג. יעדער ברעקל כח מוז וואָס גיכער גע־שטעלט ווערן אין אונדזער רשות. ציוניסטישע יוגנט אין חוץ־לארץ לעבט נאָך נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס מיט דעם געפיל, אַז אין אָט די שעהען איז איר אָרט דאָ אין לאַנד (שוין אָפּגערעדט פון ארץ־ישראלדיקע מענטשן אין מאָביליזאַציע־עלטער, וואָס זייער פאַרבלייבן אין חוץ־לארץ, אויך איצט, איז איינע פון די גרעסטע עבירות).

אין אַ גלייכער מאָס ווייסט מען אפשר אויך נישט אין חוץ־לארץ פון אונדזער פולער קראַפט פון אונדזער לעבנס־ווילן; אונדזער אָפּוועכרוח אויף אָפּצושלאָגן דעם אָנגריף קעגן אונדז. מאַקס בראָד, דער באַקאַנטער שריפט־שטעלער, וועלכער לעבט שוין מיט אונדז אין ארץ־ישראל אַרום צען יאָר, איז די טעג צוריקגעקומען פון אַ רייזע אין אייראָפּע. דערציילט ער, אַז ביז ער איז נישט אַליין אָנגעקומען קיין תל־אביב, איז ער געווען זיכער, אויפן סמך פון די ידיעות, וואָס ער האָט דאָרטן באַקומען, אַז ער וועט טרעפן אַ ברענענדיקע, צעשטערטע שטאָט. עס וועט דעריבער פאַר אַ סך

קלינגען זייער מערקווירדיק, ווען מיר וועלן זיי איבערגעבן, אַז אָט אין די טעג ווען תל־אביב ווערט באָמבאַרדירט (און דער שונא קען באַקומען אָפּן און אַן שווערקייטן עראָפּלאַנען אונדז צו באָמבארדירן און מיר מוזן נאָך אַלץ אין געהיים באַקומען וואָפן, כדי זיך צו פאַרטיידיקן!), איז דער ועד הפועל פון דער הסתדרות (די אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע) געזעסן אויף צוויי פילשעהדיקע זיצונגען און באַהאַנדלט די פראַגע, וועגן די אויפגאַבן פון דער הסתדרות אין דער מדינה. און די פראַגע איז נישט אַזאַ איינפאַכע. די הסתדרות האָט אין די יאָרן פונעם מאַנדאַט־רעזשים, געמוזט נעמען אויף זיך אַ סך מלוכהשע פונקציעס אויפן געביט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג און סאָציאַלער הילף. זי האָט געמוזט נעמען אויף זיך אַ סך פונקציעס פון אַ יידישער מלוכה אויפן געביט פון איינגלידערן די נייע עליה אינעם פּראָצעס פון אַרבעט און אויפבוי; שאַפן אַרבעט; שאַפן אַן אַרבעטנדיקע יידישע לאַנדווירטשאַפט אאז״וו.

שטייט נישט די פראַגע, אַז די הסתדרות האָט בדעה צו פאַרקלענערן אירע אויפגאַבן און פונקציעס און בעיקר איר חלוצישע איניציאַטיוו. זי טאָר עס אויך לעת־עתה נישט טאָן. אָבער במשך 27 יאָר, זינט דער גרינדונג פון דער הסתדרות, האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ פיינטלעכע בריטישע אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט נישט געוואָלט קיין יידישע עליה און דערפאַר האָט זי נישט געוואָלט צו פיל אַרבעטס־מעגלעכקייטן אין לאַנד, קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג און קיין סאָציאַלע געזעצגעבונג — פאַקטאָרן, וואָס פאַרלייכטערן די עליה און איר איינגלידערונג אינעם לעבן פון לאַנד. היינט האָבן מיר אַ רעגירונג, וועלכע איז פּאָזיטיוו פאַראינטערעסירט אין די אַלע ענינים. מוז זיין אַן ענגע קאָאָפּעראַציע און קאָאָרדינאַציע.

אין דער צווייטער אויגוסט־וואָך (1948), איז פאָרגעקומען אַ סעסיע פון דער מועצת ההסתדרות, וואָס האָט באַהאַנדלט אַ ריי פון די נייע פּראָבלעמען, באַזונדערס די פראַגע פון אַן אַרבעטער־געזעצגעבונג אין דער מדינה. עס האָט זיך אויך געפירט אַ ויכוח וועגן דעם, אויב מען זאָל פאָדערן אַ געזעץ וועגן איין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די ענינים פון עליה האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין די באַראַטונגען.

אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל: די הסתדרות אינעם ערשטן יאָר פון

דער מדינה, ווערט אין אַ באַמערקונג איבערגעגעבן וועגן „ביטוח לאומי" (נאַציאָנאַלע פאַרזיכערונג) וואָס פונקציאָנירט אין מדינת ישראל זינט 1954.

אויף אַ צווייטן שטח באַהאַנדלט ווידער דאָס פּרעזידיום פון ציוניס־טישן אַקציאָנס־קאָמיטעט די פראַגע פון קלאָרער דעפינירן די פונקציעס פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (יידישע אַגענטור). עס ווערן צוגעגרייט פאָרשלאָגן פאַר דער נאָענטער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס וועט פאָרקומען נאָך אין די זומער־חדשים. איצט איז די לאַגע אַנדערש ווי אין חודש אַפּריל, בעת דער לעצטער סעסיע פון א. ק. מען מוז איצט שוין קלאָר דעפינירן וועלכע פונקציעס עס נעמט איבער די רעגירונג פון דער מדינת־ישראל און וועלכע עס וועלן פאַרבלייבן אין דער קאָמפּעטענץ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

פאַראַן אַן אַ סוף פראַגן, וואָס מען דאַרף זיי אויפקלערן, דעפינירן, שאַפן נייע פאָרמען, נייע טעטיקייטס־ראַמען און נייע וועגן פון אַרבעט — למשל, אונדזער שטייער־סיסטעם, געריכטס־וועזן, פראַגן פון אימפּאָרט, וואַלוטע אאז"וו. נישט נאָר דאַרף מען די דאָזיקע פראַגן באַהאַנדלען — נאָר טיילווייז אויך גלייך האַנדלען.

דאָס אַלץ מוז געטאָן ווערן אין די טעג, ווען אונדזער עקזיסטענץ־קריג ווערט ווייטער געפירט, ווען אונדזערע מוחות זענען דערמיט פאַרנו־מען און אונדזערע הערצער ציטערן מיט זאָרג וועגן דעם וואָס טוט זיך אויף דער ירושלימער פראָנט־ליניע און אויף די וועגן קיין ירושלים; אויף די קריגס־פראָנטן פון נגב און עמק־הירדן; פון ראס־על־עין און דזשענין; אין דער לופט איבער אונדזערע שטעט און דערפער, און לעצטנס אויך אויפן ים, לענגאויס אונדזערע ברעגעס.

תל־אביב, דעם 7־טן יוני 1948.

אין די טעג פונעם ערשטן קאַמף-איבעררייס

(אויסצוגן פון טעלעגראַמעס)

תל־אביב דעם 20־טן יוני: די ערשטע וואָך פונעם קאַמף־איבער־רייס איז אויסגענוצט געוואָרן מאַקסימאַל פאַר אַ גרינטלעכער רעוויזיע פון די איינצלהייטן בנוגע אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פיר־וואָכיקער קאַמפּאַניע זינט דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. צו פאַר־ריכטן אַלץ וואָס דאַרף פאַרריכט און געשטאַרקט ווערן אין ליכט פון דער מלחמה־דערפאַרונג.

אין דער הסתדרות און אין אַנדערע אינסטיטוציעס זענען פאָרגעקו־מען באַזונדערע באַראַטונגען, ווו עס זענען באַטראַכט געוואָרן די ספּעציע־לע שוועריקייטן פון אונדזערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן, וואָס אַ טייל פון זיי זענען צוליב די געשעענישן געוואָרן פאָדערשטע פּאָזיציעס אין דער מלחמה און זייער באַפעלקערונג האָט אויסגעטראָגן די גאַנצע שווערקייט פונעם אָנגריף, און אויך אויסגעהאַלטן. די היזקים אין די ווירטשאַפטן און פאַרלוסטן פון לעבנס זענען גרויס, און עס פאָדערן זיך גרויסע אָנשטרענ־גונגען און מיטלען וואָס דערגייען אין די מיליאָנען, אויפצושטעלן דאָס צעשטערטע, בפרט אין עמק־הירדן, ארום ירושלים, און נאָך. ווידער אויפשטעלן דאָס צעשטערטע און שאַפן ווייטער נייע פּונקטן איז לויט דער אַלגעמיינער מיינונג פונעם ישוב אַן אויפגאַבע וואָס מען טאָר זי נישט אָפּלייגן.

*

טבריה דעם 29־טן יוני 1948: אין גינוסר, וואָס האָט נישט געליטן פון פיינטלעכע אָנגריפן, און אין מסדה און שער הגולן, וואָס האָבן שווער געליטן, זעסטו קאָנצענטראַציעס פונעם שונא און די באַוועגונגען זיינע.

דאָ איז שווער צו פאַרגעסן אויף איין רגע די פליכט פון שטענדיקער גרייטשאַפט און צוגרייטונג. דאָ ווייזט זיך אַרויס נאָך מערער די גוואַלדיקע חשיבות פון אונדזערע קאָלאָניזאַציע־פונקטן, וואָס זענען געוואָרן פעסטונ־גען אויף דער גרענעץ פון אונדזער מדינה, האַלטן אויף דעם שונא און דערלאַנגען אים קלעפּ שוין ביי זיינע ערשטע טריט.

אויף די וועגן און אין דיווירטשאַפטן קאָן מען פאָרן סיי ביי טאָג סיי ביי נאַכט. עס פילט זיך אָבער די שפּאַנונג און מען איז נישט זיכער ווי לאַנג די שטילקייט וועט אָנהאַלטן. די מיינסטע חברים פון די ווירט־שאַפטן זענען פאַרנומען ביי פאַרפעסטיקונג און שמירה, אַ זאַך וואָס לאָזט נישט פלעגן ווי געהעריק די ווירטשאַפט־צווייגן, שעדיקט שווער די ווירט־שאַפטן גופא און פאַרקלענערט אַ סך די פּראָדוקציע. ענלעך איז דער מצב אין אַ טייל ווירטשאַפטן אין אַנדערע געגנטן, אָבער דאָ קומט צו נאָך אַ פאַרשווערנדיקער פאַקטאָר — נישטאָ די מעגלעכקייט צו באַוואַסערן די באַנאַנעס און גרינצייג, די וויכטיקסטע צווייגן אין די ווירטשאַפטן פון עמק הירדן. נאָך מער ווי די פגיעות וואָס האָבן געטראָפן די בנינים אין דגניה, אין כנרת, אין מסדה און אין שער הגולן, מאַכט אַ שווערן איינדרוק דער אָנבליק פון די חרוב געוואָרענע פעלדער און פלאַנצונגען. אַ ברייט פאַר־מאָסטענע אָנשטרענגונג צוריק צו פירן די דאָזיקע ווירטשאַפטן צו זייער אַמאָליקער הערלעכקייט מוז געמאַכט ווערן באַלד ווי עס וועלן פאַרענדיקט ווערן די קריגס־אַקטיוויטעטן. אייזן איז די אַנטשלאָסנקייט אָפּצוהיטן די אַלע ערטער פאַר יעדן פּרייז און צו זיין גרייט אויף אַלץ וואָס קאָן קומען.

*

חיפה, דעם 2־טן יולי 1948: באַזונדער גרויס איז די פרייד אינעם פּאָרט, וואָס איז איצט דורכאויס יידיש און עס זענען אין אים קיין באַשע־דיקונגען נישט פאָרגעקומען. די ענגלענער האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד מיט צוויי טעג צוריק. קרוב צוויי טויזנט יידישע אַרבעטער האָבן נעכטן געאַר־בעט ביים אָפּלאָדענען מעל פון אַן ענגלישער שיף, צוקער פון אַ גריכישער און אַלגעמיינע משא פון אַ נאָרוועגישער און איטאַליענישער שיף. עס אַנקערט אין האַפן אויך אַ בעלגישע שיף און אַנדערע. און אַט דערנענטערט זיך אַן עולים־שיף. נישטאָ קיין גרענעץ פאַר דער באַגייסטערונג פונעם

גרויסן עולם, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אויפן קיי צו באַגעגענען די שיף מיט די נייע עולים וואָס האָבן זוכה געווען, אַז עס באַגעגענען זיי נאָר יידן.

אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט ציען צו די פלאַט־איינהייטן פון אונדזער מדינה און אַלע זענען שטאָלץ אויף זיי. אַז מען האָט אַ דערלויבעניש קאָן מען צו זיי צוקומען, שמועסן מיט די מאַטראָסן און הנאה האָבן פון זיי פון דער נאָענט.

וואַנדערנדיק איבערן פּאָרט באַגעגנסטו אין אַ באַזונדערן טייל, אַ לאַנגע ריי שיפן, וואָס זענען צום טייל חרוב און צום טייל קאָן מען זיי נאָך פאַרריכטן — דאָס זענען די פיל מעפּילים־שיפן, וואָס די בריטישע מאַכט האָט זיי קאָנפיסקירט אין משך פון יאָרן און איצט האָט זי זיי אָפּגעלאָזט און ווידער זענען זיי אין אונדזער רשות. בולט זענען די נעמען פון די שיפן: הגנה, ברכה פולד, גאולה, אף־על־פי־כן, יציאת אירופה (עקסאָדוס) אאז״וו, אאז״וו. יעדע איינע פון זיי וועקט אַ סך זכרונות פון דעם קאַפּיטל גערױגל און מאַכט נאָך אויסדריקלעכער דאָס געפיל פון דעם גרויסן טאָג וואָס מיר האָבן זוכה געווען, אַז דער פּאָרט מיט אַלץ אין אים זענען ביי אונדז אין די הענט.

*

תל־אביב דעם 9־טן יולי 1948: די פּרעסע שטייט היינט אונטערן צייכן פון דעם פאַקט, אַז די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט ווייטער אָנצוהאַלטן דעם קאַמף־איבעררייס. מען באַהאַלט נישט, אַז מיר האָבן צו דערוואַרטן שווערע סיטואַציעס און טעג, אויב יו־ען וועט נישט צוימען די אַגרעסאָרן אין דער לעצטער מינוט. אין דער גאַנצער פּרעסע קומט צום אויסדרוק די פולע גרייטשאַפט און די זיכערקייט, אַז מיר וועלן זיך מיט די אַגרעסאָרן אַן עצה געבן. ביי דער סכנה פון באַנייטע קאַמפן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אַ זייט אינעוויניקסטע פאַרהאַנדלונגען וועגן טייל פראַגן וואָס זענען פאַרשאַרפט געוואָרן לעצטע וואָך, און עס איז שטאַרק די נטיה צו קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קודם־כל אויף צוריקצושטויסן דעם שונא.

„אלטאלענא“ — די שיף מיט געווער פון אצ״ל

א

דער קאַמף־איבעררייס איז אַריין אין קראַפט דעם 11־טן יוני 1948. אַן אָוונט פריער האָט ד. בן־גוריון, אין נאָמען פון דער צייטווייליקער רעגירונג פון מדינת־ישראל, געמאָלדן: „מיר וועלן אָפּהיטן דעם קאַמף־איבעררייס וואָס איז באַשטימט אויף פיר וואָכן אויב דער פיינט וועט אים אָפּהיטן, און אַזוי לאַנג ווי ער וועט אים אָפּהיטן“. אין די ערשטע צוויי־דריי טעג פונעם קאַמף־איבעררייס האָבן די אַראַבער אויף פאַרשידענע פראָנט־אָפּשניטן נישט אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך, דערביי האָבן זיי כסדר געטענהעט אַז די יידן היטן אים נישט אָפּ. די באַוואָפנטע יידישע כוחות האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד. ביסלעכווייז איז דער קאַמף־איבעררייס אַריין אין קראַפט אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן.

האָבן אַלע אויפגענומען מיט צופרידנקייט די עטלעכע וואָכן פויזע, וואָס מיר וועלן קענען אויסנוצן פאַר דער אינערלעכער שטאַרקונג פון דער מדינה. איז אונדז אָבער נישט באַשערט קיין רויקע רגע. צען טעג נאָכן אָנהויב פונעם קאַמף־איבעררייס זענען מיר אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַן אינערלעכער עקספּלאָזיע, וואָס האָט שווער באַדראָט דאָס אינערלעכע לעבן פון דער מדינה, און כמעט אַ וואָך צייט האָט זי אויף זיך קאָנצענ־טרירט אַלעמענס געדאַנקען, די צייט און מי פון דער מיליטערישער און מלוכהשער אָנפירונג.

ב

אין אַ פריערן קאַפּיטל („דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַשליסט“), ווערט אויספירלעך געשילדערט דער שווערער ויכוח וואָס האָט זיך געפירט אויף דער סעסיע פונעם ציוניסטישן א. ק. (6—12 אפּריל 1948), נאָך פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה, וועגן דעם אָפּמאַך מיט

אצ״ל. מיט אַ קלענער מערהייט איז דעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטעטיקן דעם הסכם. די מערסטע אָנפירנדיקע מענטשן פון דער „הגנה״ האָבן געהאַט שווערע ספקות וועגן אַ גאַנצער ריי פונקטן פון דעם פאָרגעשלאָגענעם אָפּמאַך, זיי האָבן אָבער לאַיאַל אָנגענומען דעם מערהייט־באַשלוס און אין דער לעצטער אַפּריל־וואָך 1948 איז דער אָפּמאַך געחתמעט געוואָרן. די וואָס האָבן דעמאָלט פאַרטיידיקט אַלע פונקטן פונעם הסכם מיט אצ״ל, האָבן געטענהעט: אויב זיי ווילן חוזר בתשובה זיין, דאַרף מען זיי דערביי העלפן און זיך נישט אָפּשטעלן אויף איינצלנע נישט פּאַסיקע פונקטן. בפרט, האָבן זיי צוגעגעבן, אַז אצ״ל פאַרזיכערט, אַז אויב מען וועט חתמענען דעם הסכם, וועלן זיי זיך נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה לחלוטין ליקווידירן. איצט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס זענען געווען גערעכט די וואָס האָבן געצווייפלט אין דער אויפריכטיקייט פון די אצ״ל־פאַרזיכערונגען.

נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה און דעם גרינדונגס־דעקרעט פון צבא־הגנה־לישראל (26־טן מאי 1948), וואָס האָט אין פּאַראַגראַף 4 געזאָגט: „עס ווערט פאַרבאָטן צו גרינדן אָדער אויפהאַלטן וועלכן עס איז באַוואָפנטן כוח אויסער צבא־הגנה־לישראל״, איז געקומען צו אַ ווייטער־דיקן אָפּמאַך מיט אצ״ל. דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט פעסטגעשטעלט: 1. די מיטגלידער פון ארגון צבאי לאומי (אצ״ל) וועלן זיך מעלדן אין צבא־הגנה־לישראל לויט די מאָביליזאַציע־באַפעלן פון דער ישראל־רעגירונג און זיי וועלן שווערן די טרייקייט־שבועה, ווי עס איז אָנגענומען ביים מיליטער; 2. די וואָפן און קריגס־אויסשטאַטונג וואָס איז אין די הענט פון אצ״ל וועלן איבערגעגעבן ווערן צה״ל, אין רשות פון איר הויפּט־קאָמאַנ־דע; 3. אויפן סמך פון זייער פרייען און דעפיניטיוון באַשלוס ליקווידירן אצ״ל און זייער קאָמאַנדע זייער טעטיקייט און זייער עקזיסטענץ אַלס מיליטערישע פאָרמאַציע אין מדינת ישראל און אין דעם געביט אין וועלכן עס הערשט מדינת־ישראל; 4. אצ״ל שטעלט אָפּ יעדע טעטיקייט וואָס איז שייך פאַרשאַפן וואָפן און מיליטער־אויסשטאַטונג, און אירע פאַרבינדונגען גיט זי איבער אין רשות פון צה״ל, צום נוצן פון דער מלחמה.

דעם 1־טן יוני 1948 האָט אצ״ל געחתמעט די אויבנגעבראַכטע באַדינגונגען און זיינע אָנהענגער האָבן זיך אָנגעהויבן שטעלן צום מילי־טער־דינסט.

די רעגירונג האָט נאַטירלעך געקענט נוצן איר מאַכט כדי צו צווינ־גען די מענטשן פון ארגון צבאי לאומי (אצ״ל) זיי זאָלן דערפילן זייער מיליטער־פליכט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע בירגער פון דער מדינה. אצ״ל האָט אָבער געשטעלט באַדינגונגען. הגם דאָס איז נישט ווייניק משונהדיק, וואָס בעת עס עקזיסטירט אַ יידישע מדינה, און זי געפינט זיך אין קריגס־צו־שטאַנד, ווערן געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט אַ גרופּע בירגער פון דער מדינה ווענגן גיין אין מיליטער, האָט אָבער די רעגירונג זיך באַמיט אויס־צומיידן, אין די דאָזיקע שווערע טעג, אינערלעכע קאָנפליקטן און געמאַכט אצ״ל באַשטימטע הנחות.

די רעגירונג האָט מסכים געווען, אַז במשך פון אַ באַשטימ־טער איבערגאַנגס־צייט וועלן די פריערע מיטגלידער פון אצ״ל בילדן באַזונדערע גדודים, וואָס וועלן זיין איינגעגלידערט אין פאַרשידענע איינהייטן און אויף פאַרשידענע פראָנטן. נישט צוליב דער מיליטערישער קאַמף־באַדייטונג פון אצ״ל האָט די רעגירונג געמאַכט די הנחות. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן וואָס באַהאַוונטע אויף דעם געביט האָבן פריער געוווּסט, אַז פונעם שטאַנדפּונקט פון ערנסטער מיליטערישער טעטיקייט אין אַ מלחמה פון אַ רעגולערער אַרמיי, איז דער ווערט פון אצ״ל נישט גרויס. אָבער די רעגירונג האָט געשטרעבט מיט אַלע כוחות אַלעמען צו פאַרייניקן. עס האָט שפּעטער איבערראַשט וואָס סך־הכל האָבן זיך געשטעלט צום מיליטער נישט מער ווי עפּעס איבער 1000 פריערדיקע מיטגלידער פון אצ״ל. גאָר ווייניקע פון זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע וואָפן. אויף אַלע ווענדונגען צו דער פריערער אָנפירונג פון אצ״ל, זיי זאָלן איבערגעבן צה״ל זייערע וואָפן, האָט מען באַקומען אויסמיידנדיקע ענט־פערס, די רשימה פון די וואָפן אין די אצ״ל וואָפן־באַהעלטענישן, וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן צה״ל, איז געווען אַ לעכערלעך קליינע. און ווידער האָט מען נישט געמאַכט קיין ענין דערפון, כדי אויסצומיידן רייבונגען אין די שווערע טעג. אָט דעם גוטן ווילן און אָט די מעסיקייט פון דער רעגי־רונג, האָט אָבער אצ״ל אויסגעטייטשט ווי אַ שוואַכקייט, און האָט באַשלאָסן דערויף צו שפּילן אַ געפערלעכע שפּיל.

ג

דעם 20־טן יוני האָט זיך די רעגירונג דערוווּסט, אַז עס דערנענ־טערט זיך צו די ברעגן פון מדינת־ישראל אַ 4000־טאָן שיף פון אצ״ל מיט אַ לאַדונג פון וואָפן — „אַלטאַלענאַ״. אצ״ל האָט וועגן דעם געמאָלדן און פאַרלאַנגט לאַסט־אויטאָס און שיפלעך אויף אַראָפּצונעמען די לאַדונג. וועגן דעם, צי זאָל מען ברענגען די שיף האָט אצ״ל זיך מיט דער רעגירונג נישט באַראַטן און האָט עס געטאָן אָן איר וויסן. שוין אָפּגעזען וואָס דער ענין האָט אונדז געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע כלפּי יו־ען, ווייל אין די קאַמף־איבעררייס־באַדינגונגען ווערט בפירוש פאַרבאָטן צו ברענגען וואָפן אין דער צייט פונעם קאַמף־איבעררייס — איז דער גאַנצער ענין אין אַ שרייענדיק־בולטער סתירה צו דעם אָפּמאַך וואָס אצ״ל האָט געחתמעט ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, דעם 1־טן יוני. די פאָרשטייער פון זיכערקייטס־מיניסטעריום האָבן געפאָדערט, אַז די שיף מיט די וואָפן זאָל איבערגעגעבן ווערן דער רעגירונג, אָן וועלכע עס איז באַדינגונגען. אצ״ל האָט די פאָדערונג אָפּגעוואָרפן, מיט דער טענה אַז די וואָפן וועלן אַריבער־געפירט ווערן אין די וואָפן־באַהעלטער פון אצ״ל און ער וועט אין דער ערשטער ריי פאַרטיילן די וואָפן צווישן זיינע גדודים. דאָס איז געווען אַן אומדערוואַרטעטער ענטפער, וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט. און ווידער אַמאָל, שוין אָפּגעזען וואָס דאָס איז קעגן דעם אָפּמאַך וואָס אצ״ל האָט נאָר־וואָס געחתמעט — מוז דאָך יעדער זיך שטעלן די פראַגע: צו וואָס דאַרף איצט אצ״ל פאַר זיך באַזונדערע וואָפן? זיינע גדודים האָבן באַקומען פולע אויסשטאַטונג פון צה״ל! מיינט עס דאָך, אַז די וואָפן זענען באַשטימט פאַר אינערלעכע צוועקן. וואָס זענען די צוועקן? און די וויטערדיקע קאָנסעק־ווענץ פון דער האַנדלונג: 1) אצ״ל האָט זיך נישט אויפגעלעזט הגם, ער האָט זיך דערצו פאַרפּליכטעט; 2) אויב אצ״ל באַוואָפנט זיך באַזונדער, וועלן מאָרגן אַנדערע גרופּן פאָדערן פאַר זיך די זעלבע רעכט. ווי וועלן מיר קענען אויסהאַלטן אַזאַ צושטאַנד?

און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אין די טעג פונעם קאַמף־איבעררייס, וואָס איז פיל וויכטיקער פון אַ וואָפן־שטילשטאַנד. אצ״ל קען זיין צופרידן אָדער נישט צופרידן מיטן וואָפן־איבעררייס, אָבער וועגן דעם קען דאָך נאָר די רעגירונג באַשטימען. די יו־ען־פאָרשטייער

זיצן אין לאַנד און קיין שום זאַך פאַרבלייבט נישט קיין סוד. דאָס אַראַבי־שע שווער־באַוואָפנטע מיליטער זיצט אויף די פראָנט־ליניעס; ירושלים איז אַרומגערינגלט פונעם אַראַבישן לעגיאָן און זיין אַרטילעריע; אַ גרוי־סער עגיפּטישער מיליטערישער כוח באַהערשט דעם שאָסיי צום נגב; דאָס סירישע מיליטער זיצט אין משמר הירדן; די אַראַבישע אינוואַזיע־אַרמייען קענען יעדע מינוט ווידער אָנגרייפן. זיי קענען אויסנוצן דעם אינערלעכן קאָנפליקט, מיט דער פאָרמעלער טענה אַז מיר האָבן נישט אָפּגעהיט די תנאים פונעם קאַמף־איבעררייס, כדי צו באַנייען די קאַמפן — בעת מיר זענען פאַרנומען מיט אינערלעכע רייסערייען. געווען אַ סך וואָס האָבן אין די ערשטע שעהן פשוט נישט געוואָלט גלייבן אַז אַזאַ זאַך קומט פאָר, אַזוי אומגלייבלעך האָט עס אויסגעזען. אַז די אַראַבער האָבן טאַקע שפּעטער געוואָלט אויסנוצן די דאָזיקע אינערלעכע שוועריקייט, קען מען לער־נען דערפון, וואָס פרייטאָג דעם 25־טן יוני האָבן די עגיפּטער באָמבאַר־דירט כפר ווארבורג און באר טוביה; לעבן עכו האָבן די אַראַבער אַטאַקירט אונדזער מיליטער און צה״ל האָט געדאַרפט איין דאָרף צוריק דעראָבערן. זיי האָבן אָפּגעשטעלט זייערע פאַרזוכן באַקומענדיק גלייך אַ שאַרפן ענטפער. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן דעמאָלט די פיר וואָכן פונעם קאַמף־איבעררייס אונדז געבראַכט נוצן.

ד

די אצ״ל־שיף האָט טראָץ די וואָרענונגען און פאָדערונגען פון דער רעגירונג, ווען זי איז נאָך געווען ווייט פון ברעג, פאַראַנקערט לעבן כפר ויתקין. מיליטערישע אָפּטיילונגען פון צה״ל וואָס זענען אָנגעקומען אין כפר ויתקין, האָבן שוין דאָרט געטראָפן פאָרמאַציעס פון אצ״ל וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס אָרט און זיך געגרייט אויסצולאָדן די וואָפן פון דער שיף. און דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט נאָך אַ פיל געפערלעכע זאַך: סאָלדאַטן פון צה״ל, פריערע מיטגלידער פון אצ״ל, וואָס מען האָט צוליב דער נאָכגיביקייט פון דער רעגירונג זיי געלאָזט אין באַזונדערע גדודים, האָבן פאַרלאָזט זייערע לאַגערן און זייערע פראָנט־אָפּשניטן אָן אַ דערלוי־בעניש און זענען געקומען קיין כפר ויתקין. געווען אויך פאַלן ווו זיי האָבן איבערגעלאָזט אַנטבלויזטע פראָנט־אָפּשניטן, וואָס זענען געווען אין זייערע הענט און דער שונא האָט געהאַט פאַר זיך אַן אָפענעם וועג. געווען פאַלן

ווען זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען די וואָפן וואָס זיי האָבן באַקומען קומענ־דיק אין צה״ל.

דער קאָמאַנדיר פון דער צה״ל־אָפּטיילונג וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין כפר ויתקין האָט געפאָדערט פון אצ״ל איבערגעבן אין רשות פון דער רעגירונג די וואָפן — אויב נישט וועט ער מוזן האַנדלען און אצ״ל וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די רעזולטאַטן. די אָפּטיילונג פון צה״ל האָט זיך באַמיט צו פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונג. נישט באַנוצנדיק אירע וואָפן, האָט זי אָנגעהויבן אַרומצורינגלען דעם שטח. די מענטשן פון אצ״ל האָבן אָבער אין אַ באַשטימטן מאָמענט אָנגעהויבן צו שיסן און צה״ל האָט געמוזט צוריק שיסן. דער שטח אין וועלכן די אצ״ל־מענטשן האָבן זיך געפונען איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער. ווי ווייט עס איז געגאַנגען די ריקזיכט פון צה״ל קען מען לערנען פון פאָלגנדיקן פּרט: אין אַ געווויסן מאָמענט האָבן די מענטשן פון אצ״ל געבעטן אַ קאַמף־איבעררייס, כדי מען זאָל קענען אַרויסנעמען זייערע פאַרווונדעטע. דער אָפיצער פון צה״ל האָט דערויף מסכים געווען און די פאַרווונדעטע פון אצ״ל האָבן באַקומען זייער ערשטע הילף אין דעם מושב עובדים פון דער הסתדרות, אין כפר ויתקין. ערשט דעם 21־טן יוני נאָכמיטאָג האָבן די מענטשן פון אצ״ל זיך אונטערגעגעבן און די בלוט־פאַרגיסונג האָט אויפגעהערט. די זעקס געפאַלענע פון אצ״ל און צוויי פון צבא ההגנה לישראל (אַחוץ פאַרווונדעטע) פון דעם שוידערלעכן, אומזיניקן קאַמף, וואָס אצ״ל האָט אים אויפגעצוווּנ־גען, האָט מען אָבער מער נישט געקענט לעבעדיק מאַכן.

און נאָך אַ זאַך איז כדאי צו פאַרצייכענען: נאָכדעם ווי די אצ״ל־מענטשן האָבן זיך אונטערגעגעבן האָט מען זיי נישט אַרעסטירט. צה״ל האָט נאָר געפאָדערט פון יעדן איינעם אַ שריפטלעכע פאַרפליכטונג, אַז אין יעדן מאָמענט ווען די רעגירונג וועט פאָדערן וועט ער זיך מעלדן. צה״ל האָט געמאַכט די גרעסטע באַמיונגען כדי צו לאָקאַליזירן דעם קאָנ־פליקט אין דער געגנט פון כפר ויתקין און נישט אַריבערטראָגן אים אין אַ גרויסן ישוב־צענטער. האָט אצ״ל אָבער געטאָן פונקט דאָס פאַרקערטע. די שיף האָט זיך אַרויסגעדרייט פון כפר ויתקין און איז געקומען צו די ברעגן פון תל־אביב.

אין תל־אביב האָט מען דערוויל פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אין דער שיף איז פאַראַן אַ קאָלאָסאַלער קוואַנטום פון אויפרייס־מאַטעריאַל. אויב

מען וועט שיסן אויף דער שיף קען קומען אַן אויפרייס וואָס וועט חרוב מאַכן אַ גרויסן טייל פון דער שטאָט. דאָס האָט מען געמאַכט בכוונה כדי אַרויסצורופן אַ בהלה אין שטאָט. אָבער קיינער האָט דאָך פריער נישט געוווסט דעם אמת און מען האָט געמוזט נעמען אין אַכט אויך אַ מעגלעכ־קייט פון אַ גרויסן אויפרייס. אויך אין תל־אביב האָט אצ״ל זיך אָפּגעזאָגט איבערצוגעבן די שיף דער רעגירונג. די רעגירונג האָט אָבער געמוזט האַנדלען און נעמענדיק אין אַכט אַלע עווענטואַליטעטן האָט מען געמוזט עוואַקואירן דעם טייל פון דער באַפעלקערונג וואָס וווינט אין שכנות פונעם ים־ברעג — אין דער לענג פון איין און אַ האַלבן קילאָמעטער און אין דער טיף פון בערך דריי גאַסן. צענדליקער־טויזנטער מענטשן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און אַריבער צו באַקאַנטע אָדער נעכטיקן אין שול־בנינים, אָדער סתם אין קאָרידאָרן פון הייזער, דערווייטערטע פונעם ים־ברעג. די אצ״ל־מענטשן האָבן אָן יעדער ריקזיכט גורם געווען שווערי־קייטן און ליידן צענדליקער טויזנטער תל־אביבער איינוווינער, אויך פרויען און קינדער. און זיי האָבן עס דאָך געמוזט פאַרויסזען, קומענדיק מיט דער שיף דווקא קיין תל־אביב, אָפּשטעלנדיק זיך אין אַ שטאַרק באַפעלקערטער געגנט, קעגנאיבער דער גאַס ווו עס געפינען זיך די גרוי־סע האָטעלן, כדי די זשורנאַליסטן פון דער גאַרער וועלט וואָס זענען געווען אין תל־אביב זאָלן האָבן וואָס צו דערציילן זייערע לייענער. אויך אין תל־אביב האָט אצ״ל געמאַכט צוגרייטונגען אַראָפּצונעמען מיט כוח די וואָפן פון דער שיף, מיט דער הילף פון זיינע אָנהענגער. צבא ההגנה לישראל האָט זיך דערנענטערט צו דער שיף. עס איז געקומען צו שיסע־רייען און ערשט ווען אַן אַרטילעריע־שאָס האָט געטראָפן די שיף און זי האָט אָנגעהויבן ברענען, האָבן די מענטשן פון אצ״ל אָנגעהויבן צו פאַר־לאָזן די שיף. זיי האָבן געבעטן ביי צה״ל העלפן ראַטעווען די וואָס זענען נאָך אויפן דעק שיף און די וואָס זענען אַראָפּגעשפּרונגען אין ים. די פלמ״ח־מענטשן וואָס אצ״ל האָט ערשט אויף זיי געשאָסן (און צוויי זייערע חברים זענען געפאַלן) זענען אַריין אין ים און אַרויף אויף דער שיף וואָס מען האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט יעדע מינוט עקספּלאָדירן און געראַטע־וועט די אצ״ל־מענטשן (אַלס דאַנק דערפאַר האָט אצ״ל שפּעטער פאַר־שפּרייט קלאַנגען, אַז מען האָט געשאָסן אויף די מענטשן ווען זיי זענען

אַראָפּגעשפּרונגען פון שיף אין ים). אויך די אַקציע פון אצ״ל אין תל־אביב האָט געקאָסט מענטשלעכע לעבנס.

דאַכט זיך, אַז אויף דער שיף איז נישט געווען קיין גרויסער קוואַנטום אויפרייס־מאַטעריאַל, ווי עס האָבן געזאָגט די קלאַנגען וואָס מען האָט פאַרשפּרייט. די אויפרייסן פון דער ברענענדיקער שיף זענען בדרך כלל נישט געווען קיין גאָר שטאַרקע. אויך וועגן דער כמות פון געווער אויף דער שיף האָט מען נישט באַקומען קיין גאַנץ קלאָרן באַגריף. אין דעם ציטווייליקן מדינה־ראַט האָט ד. בן־גוריון גערעדט וועגן 5000 ביקסן און 250 שטיק אויטאָמאַטיש געווער. נישט די כמות פונעם געווער איז געווען אַנטשיידנדיק אין דער גאַנצער פרשה. אַנטשיידנדיק איז דאָ געווען דער עצם פאַקט פון ברענגען אין לאַנד וואָפן אָן דעם וויסן פון דער רעגירונג און דאָס אָפּזאָגן זיך צו איבערגעבן די וואָפן דער רעגירונג — וואָס עס האָט נאָר געקענט האָבן איין באַדייטונג: דער טעראָר וועט ווערן פאַרגעזעצט, און אַזוי ווי די ענגלענדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד — איצט נאָר קעגן יידן. אויב נישט די דאָזיקע כוונה — פאַרוואָס די עקשנותדיקע קעגנערשאַפט צו איבערגעבן די וואָפן צבא הגנה לישראל?

ה

די געשעענישן האָבן געפירט צו אויפגערעגטע באַראַטונגען אין ציטווייליקן מדינה־ראַט און אפילו צו אַן איין־טאָגיקן רעגירונגס־קריזיס, ווען די 2 מזרחי־מיניסטאָרן האָבן דעמיסיאָנירט. זיי האָבן נישט דעמיסיאָנירט ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן וועגן דער אַקציע אין כפר ויתקין, אויך נישט ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן וועגן דער אַקציע ביים תל־אביבער ים־ברעג. זיי האָבן דעמיסיאָנירט שוין נאָך דער אַקציע, ווען די רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן זייער פאָרשלאָג צו באַפרייען אַלע אַרעסטירטע אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן און האָט באַשלאָסן צו באַפרייען נאָר נייע עולים און אַזעלכע וועלכע מען האָט נישט אַרעסטירט מיט געווער אין דער האַנט. לסוף האָט דער מדינה־ראַט באַשלאָסן מיט 24 שטימען קעגן 4: 1) דער ראַט באַשטעטיקט די טעטיקייט פון דער רעגירונג ביים שטערן אַז אצ״ל זאָל ברענגען געווער נישט אין רשות פון דער מדינה — ברעכנדיק ברוטאַל די קאָמפּעטענצן פון דער מדינה און די בפירושדיקע פאַרפּליכטונגען וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך דעם 1־טן

יוני 1948; 2) דער ראַט נעמט אָן מיט צופרידנקייט דעם באַשלוס פון דער רעגירונג צו באַשטימען אַ קאָמיסיע פון מיניסטאָרן צו פאַרזיכערן אַן איינהייטלעך מיליטער, איין דיסציפלין, גלייכקייט אין פליכטן און רעכטן פון אַלע וואָס די מאָביליזאַציע־פליכט איז חל אויף זיי. ווען דאָס אַלצדינג וועט ווערן דורכגעפירט, וועט פראָקלאַמירט ווערן אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע די וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געזינדיקט אין דעם פרט. שפּעטער האָט דער מדינה־ראַט באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן די קאָמיסיע מיט נאָך פיר מיטגלידער פונעם ראַט. די מיניסטאָרן פון מזרחי האָבן צוריקגעצויגן זייער דעמיסיע.

אינעם מדינה־ראַט האָט דער זיכערקייטס־מיניסטער אויפגעקלערט: הגם עס איז געווען אין זיין פולער קאָמפּעטענץ צו האַנדלען אין דער פראַגע, האָט ער אָבער געהאַלטן פאַר בעסער צו ברענגען דעם ענין פאַר דער גאַנצער רעגירונג. זי האָט זיך בעראַטן און באַשלאָסן, און דאָס מיליטער האָט באַקומען קלאָרע אינסטרוקציעס און געהאַנדלט אויף דער אחריות פון דער רעגירונג. דאָס מיליטער האָט געהאַנדלט מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט און מעסיקייט. עס איז פאַרן מיליטער נישט שווער געווען צו פאַרניכטן די באַטייליקטע אינעם אויפשטאַנד — אָבער זיין אויפגאַבע איז געווען בלויז נישט צו דערלאָזן דעם פאַרברעכן.

די געשעענישן האָבן זיך נישט פאַרענדיקט מיטן פאַרניכטן די וואָפן־שיף און מיט די מענטשלעכע קרבנות (14 הרוגים אין תל־אביב). אצ״ל האָט זיך באַמיט ממשיך זיין די געשעענישן. דעם 23־טן יוני 11 אַזייגער פאַרמיטאָג האָבן זיך פלוצים באַוויזן אויף עק ליל־ענבלום־גאַס, אין דער ריכטונג צו דער אַלענבי־גאַס, אַ געפּאַנצערטער אויטאָ פון אצ״ל און אַ צווייטער אויטאָ מיט באַוואָפנטע אצ״ל־מענטשן. דאָס איז איינער פון די באַלעבטסטע פאַרקער־פונקטן פון תל־אביב אין דער דאָזיקער שעה. דאָרט איז אויך דער בנין פון ועד הפועל פון דער הסתדרות און די אצ״ל־מענטשן האָבן געוואָלט צוקומען צו דעם בנין. עס זענען באַצייטנס אָנגעקומען געפּאַנצערטע מאַשינען פון צה״ל און זיי פאַרשטעלט דעם וועג. אצ״ל האָט אָנגעהויבן שיסן אָבער נאָך דעם ווי צה״ל האָט געענטפערט מיט 2 שאַרפע זאַלפן זענען די אצ״ל אויטאָס אַנטלאָפן. ווי געזאָגט האָט זיך דאָס אָפּגעשפּילט 11 אַזייגער פאַרמיטאָג, אין דער שעה פונעם גרעסטן פאַרקער אין יענעם שטאָט־טייל, ווען אַ סך הונדערטער

מענטשן געפינען זיך אין דעםווינקל, וואָס איז פול מיט געשעפטן, קאַפע־הייזער און צענדליקער אויטאָמאָבילן, וואָס פאָרן יעדע מינוט אַדורך. אצ״ל האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער סכנה פון צענדליקער קרבנות, כדי נאָר אַרויסצורופן מהומות אין שטאָט.

אין די נאָכמיטאָג־שעהען האָט אצ״ל משפיע געווען אויף עטלעכע משפחות פון די דערהרגעטע, צו ברענגען די טויטע קערפּערס אינעם הויף פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות. מיט די משפחות זענען מיטגעקומען עטלעכע הונדערט אצ״ל־מענטשן. די טויטע קערפּערס האָט מען אַוועקגעלייגט אין הויף אויף דער הוילער ערד און מען האָט אָנגעהויבן ברעכן פענצטער און טירן פונעם ועד־הפועל־בנין. מען האָט אויך געפּרוווט צו דעמאָלירן די זעצעריי פון „דבר״, וואָס געפינט זיך אין דעם בנין. די זעצער האָבן נישט דערלאָזט דערצו. אפילו פאַר אַזאַ שענדלעכן חילול המתים האָט זיך אצ״ל נישט אָפּגעשטעלט, נאָכדעם ווי ער האָט גורם געווען זייער טויט. אינעם בנין האָט זיך געפונען אַ באַוואָפנטע שוץ־גרופּע פון מיליטער און זי האָט געקענט באַלד פונאַנדערטרייבן די אָנפאַלער. זי האָט אָבער באַקומען אַ באַפעל דערוויל זיך אָפּהאַלטן פון אָפּשטויסן מיט כוח דעם אָנפאַל, נעמענדיק אין אַכט וואָס צווישן די אָנפאַלער זענען אויסגעמישט אויך די משפחות פון די דערהרגעטע (וואָס מען האָט מן־הסתם אויך געטאָן מיט אויסרעכענונג), און דווקא זיי קענען ליידן פון דעם צוזאַמענשטויס. מיט מי האָט זיך איינגעגעבן צו באַוועגן די אָנפאַלער, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם הסתדרות־הויף. אויך אין שטאָט איז געקומען צו פאַרשידענע קלענערע צוזאַמענשטויסן, אָבער פאַמעלעך האָט זיך די אויפרעגונג אָפּגעשטעלט און דאָס לעבן אין דער שטאָט איז אַריין אין זיינע נאָרמאַלע ראַמען.

ו

אַחוץ דער רעוויזיאָניסטישער פּרעסע האָבן אַלע צייטונגען שאַרף פאַראורטיילט די טאַט פון אצ״ל. די צייטונג „הארץ״ האָט דעם 22־טן יוני געשריבן: „אצ״ל האָט אַרויסגעוויזן זיין כוח אין טעראָר־אַקציעס, אָבער אַלס מיליטערישע אָרגאַניזאַציע קענען זיי נישט אָנווייזן אויף קיין איינציקן נצחון אין די איצטיקע קאַמפן... איצט האָבן זיי אויף אַ ברוטאַלן אופן

געבראָכן דעם קאַמף־איבעררייס און אַוועקגעשטעלט אונדזער רעגירונג און אונדז אַלעמען אין אַ גאָר שווערער לאַגע כלפי יו־ען. ווי שטענדיק, שטעלן זיי אַלס באַדינג פאַר זייער נאַציאָנאַלער טרייקייט, מען זאָל נישט טאָן קיין שום זאַך וואָס זיי ווילן נישט און זיי זאָלן מעגן פאַרזעצן זייערע מעשים. נישטאָ קיין מדינה אין דער וועלט וואָס וועט דערלויבן אַזאַ אינער־לעכן צושטאַנד. אויך מיר מוזן זיך באַפרייען פון דער הנחה, אַז מען טאָר נישט באַשטראָפן מיט דער גאַנצער האַרבקייט יידן, ווייל זיי זענען יידן".

אויף צומאָרגנס, דעם 23־טן יוני, האָט דער „הארץ" געשריבן: „אצ"ל האָט געבראָכן אויף אַ ברוטאַלן אופן דעם הסכם וואָס ער האָט געחתמעט מיט געציילטע וואָכן צוריק דערמיט, וואָס ער האָט געבראַכט די שיף מיט וואפן און זיך אָפּגעזאָגט צו איבערגעבן די וואָפן אָן באַדינגונגען אין רשות פון צה"ל. דאָס איז אַ קלאָרער ברוך פון דער מיליטערישער דיסציפלין וואָס איר האָבן זיי געשווירן טרייקייט און אַ שווערער קלאַפּ דער קאָמפּעטענץ פון דער צייטווייליקער רעגירונג. די איינציקע לאָגישע דער־קלערונג דערפאַר איז נאָר די, אַז אצ"ל האָט איבערהויפּט נישט געהאַט בדעה אָפּצוהיטן די באַדינגונגען פונעם הסכם מיט צבא ההגנה לישראל. דערפאַר האָבן זיי געזאַמלט וואָפן וואָס זאָל זיי דערמעגלעכן באַנייען זייער טעטיקייט. די ריכטיקייט דערפון ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דערמיט וואָס אצ"ל האָט נאָכן הסכם נישט איבערגעגעבן קיין אָנזעעוודיקן קוואַנטום פון וואפן".

די צייטונג פון מזרחי „הצופה" שרייבט דעם 22־טן יוני: „וואָס עס האָט נעכטן פּאַסירט, איז אַן אומגליק פאַר אונדזער יונגער מדינה. דער סעפּעראַטיזם איז די גאַנצע צייט געווען אַ זינד. ער איז ווי לייגן אויפרייס־מינעס אונטער די יסודות פון דער מדינה. אין די דאָזיקע טעג האָט אונדז פּאַסירט אַזוינס וואָס מיר האָבן עס נישט פאָרויסגעזען אין די שוידערלעכסטע חלומות. סעפּאַראַטיזם איז איצט אַן אויפשטאַנד". דעם 23־טן יוני האָט דער „הצופה" געשריבן, נאָכדעם ווי ער ציטירט די אויפ־קלערונגען פון דעם קאָמאַנדיר פון אצ"ל מנחם בעגין: „אין די אַלע רייד פון בעגין איז נישט געווען קיין איין וואָרט וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם פאַקט פון ווידערשפעניקייט און די שווערע פגיעה אין דער קאָמפּעטענץ פון מדינת־ישראל און דער ישראל־רעגירונג. קיין שום רעגירונג וואָס איז ראוי צו זיין אַ רעגירונג, קען נישט און איז נישט באַרעכטיקט אָפּצוטרעטן

אַפּילו אַ האָר פון איר רעכט אויף סוווערעניטעט״. דער ״דבר״, די צייטונג פון דער הסתדרות, טיטולירט איר לייט־אַרטיקל ״אַ שאַנד און אַן אומגליק״.

אויב אצ״ל האָט עס יאָ געוואָלט אָדער נישט געוואָלט אָבער זיין טאָט וועט זיכער דינען אַלס הילף פאַר די אויסלענדישע פּאָליטיקער, וואָס לאָזן נישט אָנערקענען מדינת־ישראל מיט דער טענה, אַז זי איז נישט בכוח אַרויפלייגן איר דיסציפּלין אויף די איינוווינער פון לאַנד.

אינעם צייטווייליקן מדינה־ראַט האָט דער אויסערן־מיניסטער משה שרת אויפגעקלערט, אַז דער עיקרדיקער באַוועגגרונד פאַר דער האַנדלונג פון דער רעגירונג איז נישט געווען דער קאַמף־איבעררייס־אָפּמאַך, נאָר דער פאַרזוך פוגע צו זיין אין דער קאָמפּעטענץ פון דער מדינה.

מען גיט איבער, אַז אַ גרויסע צאָל פריערדיקע אצ״ל־אָנהענגער האָבן נישט געפאָלגט דעם באַפעל פון זייערע פירער צו פאַרלאָזן זייערע ערטער אין מיליטער און קומען קיין כפר ויתקין אָדער תל־אביב העלפן אצ״ל אין זיין קאַמף קעגן דער רעגירונג.

דער מדינה־ראַט האָט מיט אַ גרויסער מערהייט באַשטעטיקט די האַנדלונג פון דער רעגירונג. אין זיין רעדע אין דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט האָט דער פּרעמיער פון דער צייטווייליקער רעגירונג, ד. בן־גוריון, געזאָגט צווישן אַנדערע: ״די שיף האָט געטראָגן אין זיך אַ חורבן פאַר ישראל און דערצו איז זי געווען באַשטימט... ווי איז אונדז, אַז מיר מוזן אָנווענדן כוח קעגן יידן אָבער זיבנפאַכיק ווי איז אונדז וואָס יידן צווינגען אונדז דערצו און פעלשן זייערע צוזאָגן און דערקלערונגען... אונדזער מלחמה־אָנשטרענג איז געשטעלט געוואָרן אין געפאַר, דער ענין איז עלול געווען אויפצורייסן אונדזער קריגס־כוח, און דאָס האָבן מיר געמוזט פאַרהיטן״.

די פאָרשלאגן פון גראַף בערנאַדאָט

א

דער יו־ען־פאַרמיטלער, דער שוועדישער גראַף פאלקע בערנאַדאָט, איז סוף מאי געקומען אין לאַנד. ער האָט דערפירט צום 4־וואָכיקן קאַמף־איבעררייס, אָנגעהויבן פונעם 11־טן יוני. דעם 21־טן יוני, האָט גראַף בערנאַדאָט אויף דעם אינדזל ראָדאָס אָנגעהויבן די פארהאנדלונגען מיט די צדדים, וועגן אַ פעסטן אָפּמאַך.

די שלום־פאָרשלאַגן פונעם יו־ען־פאַרמיטלער, גראַף בערנאַדאָט, האָבן איבעראַשט אויך יענע וואָס ווילן נישט אַקצעפּטירן דעם געדאַנק, אַז ער איז נאָר אַ בלינד וועֶרקצייג, וואָס דינט די ענגליש־אַמעריקאַנער אינטערעסן. בפרט האָט איבעראַשט זיין פאָרשלאַג, וועגן דער צוקונפט פון ירושלים. מען האָט שוין פריער געהערט רמזים, וואָס האָבן מער־ווייניקער פאָרויסגעזאָגט דעם גייסט פון די פאָרשלאגן. אָבער, אַז ער וועט פאָר־שלאָגן איינצושליסן ירושלים אינעם אַראַבישן טייל, האָט זיך קיינער נישט פאָרגעשטעלט. זאַכלעך איז דער פאָרשלאג גראָד אַזוי נישט דיסקוטירבאר ווי למשל, דער פאָרשלאָג וועגן עליה. ער האָט אָבער אַרויסגערופן אַ גרע־סערע דערשטוינונג. דער פאָרשלאג האָט דיסקרעדיטירט די פערזענלעכ־קייט פונעם פאַרמיטלער, נאָכדעם ווי אַ סך האָבן ביסלעכווייז, אָנגעהויבן צו רעווידירן זייער פריערדיקע אין פאָרויס שטאַרק נעגאַטיווע מיינונג, וועגן זיינע כוונות.

ב

מען איז אין לאַנד שוין אָפּגעשראָקן און אַנטוישט פון כל־מיני קאָמיסיעס און אונטערזוכונגען, זענען אומצוטרוי און חשד כמעט ווי

אַ נאַטירלעכע ערשטע רעאַקציע אויף אַלע אַזוי־גערופענע נייטראַלע פאָרשלאַגן. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז די יו־ען האָט אין ארץ־ישראל אַ סך פאַרלוירן פון איר פרעסטיזש אין די לעצטע חדשים. עס איז שטאַרק דערשיטערט געוואָרן דער גלויבן אין איר ווילן און מאַכט צו פאַרווירק־לעכן אירע אייגענע באַשלוסן. בפרט נאָך דעם 15־טן מאַי, ווען די אַראַבי־שע מדינות, מיטגלידער פון דער יו־ען, זענען אָפן און אומבאַשטראָפט באַפאַלן מדינת־ישראל און גלייכצייטיק פאַרנומען אין יו־ען בכבודיקע ערטער.

אונדזערע עקסטרעם־רעכטע און עקסטרעם־לינקע פּאָליטישע גרו־פּירונגען, האָבן צוליב גאַנץ אַנדערע, דער עיקר אינערלעכע טעמים אין פאָרויס דיסקרעדיטירט דעם פאָרשלאָג פון גראַף בערנאַדאָטס פאַרמיטלע־ריי און זיינע קאַמף־איבעררייס־באַדינגונגען. די עקסטרעם־רעכטע, כדי צו קענען באַקוועמער באַקעמפן די רעגירונג, אַז זי אַקצעפּטירט „קאַפּיטו־לאַציע״־באַדינגונגען (אַזוי און נישט אַנדערש האָבן זיי גערופן די קאַמף־איבעררייס־באַדינגונגען); די עקסטרעם־לינקע, ווייל מען האָט נישט איינגעלאַדן סאָוויעט־רוסלאַנד צו שיקן פאָרשטייער צווישן די איבערוואַ־כער, וואָס שטייען אין דינסט פון יו־ען־פאַרמיטלער און ווייל זיי האָבן געוואָלט אָפּהיטן אַ געוויסע איינהייטלעכע פּאָליטישע ליניע מיט דעם ראַטנפאַרבאַנד.

עס איז זיכער נישט געווען קיין באַזונדערע פּאָליטישע חכמה צו סטעמפּלען אין פאָרויס די מיסיע פון גראַף בערנאַדאָט ווי אַן אינטריגע קעגן אונדז, אפילו אויב פּאָליטישע קרייזן אין ענגלאַנד אָדער אין אַמע־ריקע האָבן עס געוואָלט און געהאָפט. מיר האָבן אין די לעצטע יאָרן געזען, אַז לפחות דריי וויכטיקע שריט, וואָס מען האָט געמאַכט מיט דער בפירו־שער כוונה אונדז צו צעברעכן, האָבן זיך אַלע דריי אויסגעווירקט קעגן זייערע איניציאַטאָרן און האָבן גאָר באַפעסטיקט און צוגעאײַלט די ראַדי־קאַלע פאַרענטפערונג פון אונדזער ענין: א) די בריטישע פאַרלאַמענטאַ־רישע קאָמיסיע; ב) די בריטיש־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע; ג) דאָס איבער־געבן דעם גאַנצן ענין דער יו־ען. אין די אַלע דריי פאַלן, האָבן זייערע איניציאַטאָרן און זייער גרופּע, שטאַרק געהאָפט, אַז דערמיט וועלן אונדז אָפּגעשניטן ווערן די פליגל און אונדזער ענין וועט שטאַרק ליידן — און יעדעס מאָל האָט זיך אויסגעלאָזן פונקט פאַרקערט.

דער ישוב האָט נישט אינגאַנצן אָנגענומען די אין פּאַריס נעגאַטי־ווע מיינונג פון אַ גרויסן טייל פון אונדזער פּרעסע וועגן גראַף בערנאַדאָטס פּאַרמיטלעריי. דער ישוב האָט דוקא געוואָלט, אַז זיינע באַמיונגען זאָלן זיך יאָ איינגעבן און קודם־כל, אַז עס זאָל קומען צו אַ קאַמף־איבעררייס — נישט צוליב דעפּעטיסטישע טעמים אָדער אומגלויבן אין אייגענעם כוח, נאָר פּשוט וויל מען וויל נישט מוותר זיין אויף קיין שום באַמיונג און קיין שום פּאַרזוך — אפשר וועט מען דאָך קענען קומען צו אַ הסכם בדרכי שלום.

ג

אין עטלעכע ענינים, וואָס האָבן אין די ערשטע דריי וואָכן פונעם קאַמף־איבעררייס געפאָדערט אַן אויסטייטשונג, האָט גראַף בערנאַדאָט באַוויזן אַ ווילן צו אַ געוויסער אָביעקטיוויטעט און גערעכטיקייט. מיר זענען שוין כמעט אָפּגעוווינט געוואָרן פון אַזעלכע זאַכן און דערפאַר איז ביי אונדז נאָך שטאַרקער דער איינדרוק פון אַ געוויסער אָביעקטיוויטעט כלפּי אונדז. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז געוויסע ידיעות, וואָס האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן ספקות און חשדים, האָבן אויסגעטראַכט ענגלישע אינפאָרמאַציע־קוואַלן, כדי אַרויסצורופן ביי אונדז אַ נעגאַטיווע רעאַקציע און דאַן ווייזן דער וועלט, אַז די ארץ־ישראל־יידן קענען מיט קיינעם נישט אויסקומען.

ביים עולם האָט זיך נישט אָנגענומען די שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רעגירונג פּאַרוואָס זי האָט אָקצעפּטירט די „קאַפּיטולאַציע״־באַדינגונגען פון קאַמף־איבעררייס (נוסח רעוויזיאָניסטן און זייערע אָנהענ־גער) און אויך נישט די טענה, אַז היות מען וועט דאָך ממילא מוזן באַנייען די קאַמפן, ווייל מיר וועלן שפּעטער נישט קענען אָקצעפּטירן די פון ענגלאַנד־אַמעריקע אינספּירירטע בערנאַדאָטישע שלום־באַדינגונגען, איז שוין בעסער באַלד צו קעמפן ביזן סוף (נוסח עקסטרעם־לינקע). עס איז געשטיגן דער פּרעסטיזש פון דער רעגירונג, וואָס האָט אָקצעפּטירט דעם קאַמף־איבעררייס, קעגן די גוטע עצות פון אַ סך צייטונגען. היינט איז שוין כמעט נישטאָ קיין ערנסטע צייטונג, וואָס זאָל באַנוצן קעגן דער רעגירונג, דעם אַרגומענט, פּאַרוואָס זי האָט דעם 11־טן יוני אָקצעפּטירט דעם קאַמף־איבעררייס. דער ישוב וועט נישט פּראָטעסטירן, אויב די רעגי־

רונג וועט מסכים־זיין צו פאַרלענגערן דעם קאַמף־איבעררייס, הגם גראַף בערנאַדאָטס פאַרשלאָגן וואַרפט מען אָפּ. די קאָמוניסטישע טאָג־צייטונג „קול העם" פאָדערט פון דער רעגירונג צו איבעררייסן די פארהאנדלונגען מיט גראַף בערנאַדאָט.

ד

קיינער האָט נישט פאָרגעשלאָגן אָנצונעמען גראַף בערנאַדאָטס פאַרשלאָגן אַלס יסוד פאַר פאַרהאַנדלונגען. מען איז אָבער אויך נישט געגאַנגען דעם וועג פון איבעררייסן די פארהאנדלונגען מיט יו־ען־פאַר־מיטלער. מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם פאָרשלאג וועגן ירושלים. אָבער אויך דער פאָרשלאָג וועגן עליה, דינט נישט אַלס באַזיס פאַר פארהאנדלונ־גען. דער פאָרשלאָג זאָגט, אַז במשך די ערשטע צוויי יאָר וועט מדינת־ישראל קענען פירן אַן עליה־פּאָליטיק ווי זי וועט וועלן. אָבער נאָך די ערשטע צוויי יאָר, וועט לויט בערנאַדאָטס פאָרשלאג, די אַראַבישע מדינה, וואָס מיט איר דאַרף די יידישע מדינה בילדן איין פעדעראַלע מלוכה, קענען רעאַגירן קעגן דער עליה־פּאָליטיק. אויב מען וועט נישט קומען צו קיין הסכם, וועט דער ענין אַריבער צו דער קאָמיסיע פאַרווירטשאַפטלע־כע און סאָציאַלע ענינים פון דער יו־ען און אירע באַשלוסן וועלן פאַר־פליכטן. דאָס מיינט באַשרענקען די סוווערעניטעט פון מדינת־ישראל, און דוקא אין אַ פראַגע, וואָס איז פאַר אונדז די וויכטיקסטע. פאַרן ישוב און פאַר אונדזער רעגירונג איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו פירן אַ וויכוח וועגן אַזאַ פאַרשלאַג.

אויך דער פאַרשלאַג פון גראַף בערנאַדאָט מכוח דעם פעדעראַלן כאַראַקטער פון דער יידישער און אַראַבישער מדינה, זייער ווירטשאַפטלע־כע שותפות, זייער קעגנזייטיק צופאַסן די אויסערן־פּאָליטיק און די געמיינזאַמע פאַרטיידיקונגס־מיטלען — קען זיין, אַז דאָס זענען גוטע און נוצלעכע זאַכן. אָבער וועגן דעם צו רעדן איז איצט פאַראַן נאָר איין וועג — מדינת־ישראל זאָל פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אירע שכנים. ביי אַ גוטן ווילן וועט מען מן־הסתם קומען צו אַ הסכם. מדינת־ישראל האָט זיכער אַזאַ גוטן ווילן. אמת, די יו־ען־באַשלוסן פונעם 29־טן נאָוועמבער 1947 האָבן טאָקע גערעדט וועגן אַ ווירטשאַפטלעכער איינהייט, דאָס איז אָבער געזאָגט געוואָרן ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען, בעת דער אַראַבישער

טייל פון ארץ־ישראל וועט ווערן אַ זעלבשטענדיקע מדינה און נישט אַ טייל פון אַ שוין עקזיסטירנדיקער אַראַבישער מדינה.

ה

קיינער האָט נישט ערנסט גערעכנט, אַז די יידן וועלן קענען אַקצעפּטירן אַזעלכע פאָרשלאָגן. דאָס וואָס אויך די אַראַבער וואַרפן זיי אָפּ, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז זיי זענען באמת קעגן זיי. דאָס נעמט זיך פון צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל זיי זענען מן־הסתם נאָך נישט דורכגעקומען צווישן זיך. צווייטנס, ווייל די אַראַבישע פירער, בפרט אין די לענדער אין וועלכע עס איז פאַראַן אַ פּרעסע און אַ געוויסע עפנטלעכע מיינונג, האָבן מורא צו קומען מיט אַ הסכם וואָס אָנערקענט אַ יידישע מדינה, נאָכדעם ווי זיי האָבן ביי יעדער געלעגנהייט געזאָגט, אַז זיי וועלן קיינמאָל דערצו נישט דערלאָזן. זיי ווילן דעריבער בעסער, אַז דער הסכם זאָל אויף זיי אויפגעצוווּנגען ווערן אין אַ געוויסער פאָרם.

פאַרן ישוב שטייט איצט די פראַגע: וועלן די קאַמפן באַניט ווערן דעם 9־טן יולי אָדער וועט דער קאַמף־איבעררייס פאַרלענגערט ווערן? יעדער ווייסט, אַז אין די פיר וואָכן פונעם איבעררייס האָט דער יידישער כוח זיך באַדייטנדיק געשטאַרקט און די אויסזיכטן פון אַ מיליטערישן דערפאָלג זענען געוואַקסן. פונדעסטוועגן וועט די רעגירונג פון ישראל מן־הסתם מסכים־זיין צו אַ פאַרלענגערונג פונעם קאַמף־איבעררייס, און ווי געזאָגט, איז דער ישוב מסכים דערצו.

אין דער פראַגע זענען פאַראַן פאַרשידענע צוגאַנגען פון ביידע קעמפנדיקע צדדים. דער אַראַבישער צד, וואָס ליידט אַממערסטן, וואָס אויף זיין באָדן ווערט דער קריג געפירט און זיינע שטעט און דערפער ווערן חרוב, ער, דער ארץ־ישראלדיקער אַראַבער, איז לגמרי אויסגעשלאָסן פון יעדער מיטבאַשטימונג. אין זיין נאָמען רעדן רעגירונגען פון אַנדערע אַראַבישע לענדער. יענע אַראַבישע רעגירונגען, רעכענען זיך לגמרי נישט מיט די ליידן און קרבנות, נישט פון די ארץ־ישראל־אַראַבער און נישט פון זייערע אייגענע בירגער. גאָר אַנדערש איז אָבער די לאַגע פון אונדזער רעגירונג. יעדע ווירטשאַפט, יעדע קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונג, איז ביי איר וויכטיק. יעדעס מענטשלעכע לעבן איז ביי איר טייער. אויב עס איז נאָר פאַראַן וועלכע עס איז מעגלעכקייט צו פאַרקלענערן ליידן,

אויסצומיידן צעשטערונגען, אָפּצוהיטן מענטשלעך לעבן, ווייל זי אַליין טאָן, כדי עס צו דערגרייכן. יידן וועלן דעריבער מסכים זיין צו אַ קאַמף־איבעררייס, אויב מען וועט זיי נישט אָנגרייפן און נישט וועלן צונעמען ביי זיי די מעגלעכקייט פון אַ פריי לעבן.

תל־אביב, ל־טן יולי 1948.

נאָכבאַמערקונג:

קומענדיק סוף מאַי 1948 אַלס פאַרמיטלער פון יו־ען, איז גראַף בערנאַדאָט געווען באַקאַנט פון זיינע וויכטיקע פאָליטישע און הומאַניטאַרע מיסיעס, צום סוף פון צווייטן וועלט־קריג: א) ביים פאַרמיטלען די קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד; ב) פריער ביי די פאַרזוכן אויסצופועלן ביי הימלערן ראַטעווען יידן און אויך נישט־יידן, בירגער פון סקאַנדינאַווישע און אַנדערע לענדער. אין דער לעצטער צייט איז אויפגעשווומען אַ ספק, וועגן גראַף בערנאַדאָטס אָנטייל אין דער רעטונגס־אַקציע, הגם ער האָט עס אַליין געשילדערט אין זיין בוך „דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ״. דער ענגלישער היס־טאָריקער ה. ר. טרעווער־ראָפּער שרייבט איצט, אַז גראַף בערנאַדאָט האָט פאַרשריבן אויף זיין אייגענעם חשבון די גוטע מעשים פון ד״ר פעליקס קערסטען, הימלערס פּריוואַט־דאָקטאָר. ער כאַראַקטע־ריזירט גראַף בערנאַדאָט אַלס: „ענערגישן הגם נישט זייער אינטע־ליגענטן, מענטשן... אַ נאַאיוון און גאַוודיקן... נישט געוווינט צו קיין דעליקאַטע און קאָמפּליצירטע פאַרהאַנדלונגען... וואָס האָבן אים שפּעטער דערפירט צו זיינע נישט־אָרנטלעכע און אומגערעכטע טענות״. דאָס באַציט זיך אויף דער תקופה פאַר דייטשלאַנדס קאַפּיטולאַציע, אָנהויב 1945. וואָס נוגע גראַף בערנאַדאָטס ראָל אַלס פאַרמיטלער פון יו־ען אין 1948, שרייבט ה. ר. טרעווער־ראָפּער (אין זיין הקדמה צו ד״ר קערסטנערס מעמואַרן־בוך): „ווען נישט דער מיטאָס, וואָס ער אַליין (גראַף בערנאַדאָט — מ. נ.) האָט געשאַפן אַרום זיך, קען מען זיך קוים פאָרשטעלן, אַז מען וואָלט אים אויסגע־קליבן ווי אַ פאַרמיטלער פון דער יו־ען״.

צווישן ערשטן און צווייטן קאַמף־איבעררייס

(אויסצוגן פון טעלעגראַמעס)

12־טן יולי 1948: די שנעלע און וויכטיקע נצחונות פון אונדזער אַרמיי אין די לעצטע דריי טעג ווענדן נישט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע שוועריקייטן וואָס שטייען פאַר אונדז. דער אַראַבישער לעגיאָן האָט נאָך נישט אָנגעהויבן קיין גרויסע קאַמף־אַקציע. עס קאָן זיין, אַז ער זאַמלט כוחות צו אַן איבעראַשונגס־אָנגריף, און עס קאָן זיין, אַז די סיבה פון דער פאַרשפּעטיקונג זענען חילוקי־דעת אין דער אַראַבישער ליגע. די מצרים זענען זיך נוקם פאַר זייערע דורכפאַלן דורך ריקזיכטלאָזער טעראָר־באָמבאַרדירונג פון תל־אביב.

*

14־טן יולי 1948: נישט געקוקט אויף די פאַרשאַרפטע קאַמפן אויף פאַרשידענע פראָנטן און די מערדערישע באָמבאַרדירונגען פון די מצרים אַלס נקמה פאַר זייער מיליטערישן און פּאָליטישן דורכפאַל, גייט וויטער אָן די לויפיקע אַרבעט אויף אַלע געביטן און עס ווערט אַלץ מער פאַר־פולקאָמט דער אויפבוי פון דער מדינה. מען גיט איבער, אַז די איינפאַלן פון ישראל הינטער די מצרישע ליניעס אין דרום האָבן צווישן זיי געמאַכט גרויסע חורבנות און אַריינגעטראָגן פולע דעמאָראַליזאַציע אין זייער אַרמיי.

נעכטן האָט יצחק גרינבוים צום ערשטן מאָל דערציילט פאַר אַ זשור־נאַליסטן־צונויפקום וועגן די טעטיקייטס־ליניעס פונעם אינערן־מיניסטע־ריום און אָנהייב פון זיין אַרבעט.

יצחק גרינבוים איז געזעסן אין באַלאַגערטן ירושלים און איז אָנגע־קומען שפּעטער קיין תל־אביב; דעריבער האָט ער ערשט שפּעטער אָנגעהויבן זיין אַרבעט אַלס אינערן־מיניסטער אין דער צייטווייל־יקער רעגירונג.

*

דעם 18־טן יולי 1948: די אַרבעטס־וואָך האָט זיך אָנגעהויבן אין תל־אביב אין די מאָרגן־שעהען ווי געוויינלעך, נישט געקוקט אויף די פאַר־שטאַרקטע, אומאויפהערלעכע און אומאונטערשיידלעכע באָמבאַרדירונגען איבער פרייטיק און שבת, טאָג ווי נאַכט. יעדער איינער איז געווען ביי דער אַרבעט אויף זיין פּלאַץ, ביי זיין אויפגאַבע. אַז דאָס איז נאָר אַ נקמה פון די מצרים איבער זייער דורכפאַל און מיליטעריש־פּאָליטישער מאַכטלאָ־זיקייט, זעט מען אַלץ קלאָרער פון דעם וואָס זייער באָמבאַרדירונג האָט נישט קיין שום שייכות צו מיליטערישע אָביעקטן. קלאָר, אַז ווען דער עמבאַרגאָ וואָלט אָפּגעשאַפט געוואָרן אָן שהיות און די מצרים וואָלטן געוווּסט, אַז עס דראָט אַ סכנה פון חורבן זייערע אייגענע שטעט, וואָלטן זיי נישט געוואָגט אַזוי צו טאָן.

הגם עס איז קלאָר, אַז א קאַמף־איבעררייס אין סאַמע מיט פון אונדזער געלונגענער אָפענזיווע, וואָס ברייטערט אויס פון טאָג צו טאָג דעם שטח פון אונדזערע דעראָבערונגען, אַנטשפּרעכט נישט אונדזער מיליטע־רישן אינטערעס, האָבן דער ישוב און די פּרעסע צוגעשטימט צום באַשלוס פון דער רעגירונג איינצוגיין אויף אַ קאַמף־איבעררייס. מען שטרייכט אונטער די נייטיקייט צו בייטן די פריערדיקע פּראָצעדור פון באַגרענעצן די עליה (עס רעדט זיך וועגן דער עליה־באַגרענעצונג בעת דעם ערשטן קאַמף־איבעררייס).

*

20־טן יולי 1948: הגם אויף אַ סך אָפּשניטן פירן זיך נאָך קאַמפן, ווייל די אַראַבער ברעכן דעם איבעררייס־באַפעל, רעכנט מען, אַז ער וועט פאָרט אַריין אין קראַפט. דער ישוב האָט דעם איבעררייס אָנגענומען מיט צופרידנקייט, אַלס סימן, אַז אויך אונדזערע שונאים זענען מודה אין די פיל דערגרייכונגען פון אונדזער אַרמיי אין די ניין קאַמף־טעג.

דאָס אַלגעמיינע געפיל וואָס ווערט אונטערגעשטראָכן אין דער פּרעסע איז, אַז עס שטייט פאַר אונדז אַ שווערע פּאָליטישע קאַמפּאַניע. מען דאַרף אויך נישט פאַרזען, אַז דער קאַמף־איבעררייס, אַלס עטאַפּ אין דער מלחמה, פאָדערט אויך צו האַלטן דעם פולן מיליטערישן כוח, און דאָס מיינט זייער אַ שווערע ווירטשאַפטלעכע באַלאַסטונג.

וואָס שייך דער פאָדערונג פון די אַראַבער, אַלס תנאי פאַרן קאַמף־איבעררייס, צוריק צו ברענגען תיכף די אַראַבישע פליטים אין זייערע ערטער, שרייבט די צייטונג „דבר״, אַז נאָכדעם ווי די אַראַבישע מדינות האָבן געבראַכט אַ קאַטאַסטראָפע איבער הונדערטער טויזנטער ארץ־ישראל־אַראַבער, ווילן זיי איצט, דער קאַמף־איבעררייס זאָל זיי באַפרייען פון דער דאָזיקער לאַסט און פאַרבעסערן זייער לאַגע פאַר אַ באַנײַונג פון דער מלחמה.

אין דער הסתדרות האָט מען אָנגעהויבן באַטראַכטן די פראַגע וועגן זיכערן אַרבעט די אַראַבישע אַרבעטער אין מדינת ישראל וואָס נייטיקן זיך דערין. די מיינונג איז, אַז מען דאַרף פעסטשטעלן אַ גלייכן לוין פאַר גלייכער אַרבעט און סטימולירן די אַראַבישע אַרבעטער זיי זאָלן אויפשטעלן קלובן, געברויך־קאָאָפּעראַטיוון אאז״וו, און העלפן דערצו.

נאָך דעם צווייטן קאַמף-איבעררייס

(אויסצוגן פון טעלעגראַמעס)

דעם 23־טן יולי 1948: ד. בן־גוריונס רעדע אינעם צייטווייליקן מדינה־ראַט איז געווען דער געטרייער אויסדרוק פון די געפילן פון יידן אין מדינת ישראל אין איצטיקן מאָמענט. אָן אַ בייטאָן פון גרויסהאַלטונג צוליבן גלענצנדן נצחון פון אונדזער געווער און נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף די הכנות וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין די טעג פונעם קאַמף־איבעררייס און זיי האָבן טאַקע געבראַכט דעם נצחון — און זיי זענען געמאַכט געוואָרן אונטער זיין אָנפירונג און אויף זיין אחריות — האָט ער זיך באַגנוגנט מיט אַ רעאַליסטישער אָפּשאַצונג פון אונדזער כוח און די שוועריקייטן און סכנות וואָס שטייען פאַר אונדז. דאָס עיקרשטע געהיימע געווער אונדזערס איז דער גייסט פון וויזיע און אמונה און איבערגעגעבנקייט אין הארצן פון אונדזער מיליטער און פונעם יידישן מענטש בכלל — האָט ער דערקלערט מיט גרויס פעסטקייט. אונדזער מדינה — האָט ער ווייטער געזאָגט — איז אויפגעשטעלט געוואָרן נישט כדי צו פירן קאַמפן און מאַכן מיליטערישע דעראָבערונגען, נאָר צו בויען די וויסטענישן פונעם לאַנד און אײַנצוזאַמלען די יידישע גלותן. עליה און קאָלאָניזאַציע שטייען בראָש פון אונדזערע זאָרגן.

דער וויכטיקסטער פּאָליטישער טייל פון זיין רעדע איז געווען — דאָס אויסשטרעקן די האַנט צו די אַראַבער, אויפן יסוד פון אַ בונד פון גלייכע. ער האָט געשילדערט די ברכה וואָס קאָן קומען אויב די יידן און די אַראַבער וועלן וויסן צו ווירקן צוזאַמען אַלס זעלבשטענדיקע פרייע פעלקער. דער שלום איז כדאי מיר זאָלן פאַר אים טאָן נישט ווינציקער ווי מיר האָבן געטאָן און מיר וועלן טאָן, אויב עס וועט נייטיק זיין צו טאָן, פאַר דער **מלחמה, האָט ד. בן־גוריון פעסטגעשטעלט.**

די פראַגע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע ווערט אַלץ האַרבער. די פּגעים פון דער מלחמה האָבן פאַרקלענערט די יידישע סטאַדעס מיט 27% און דאָס האָט דערפירט צו אַ ירידה אין דער צושטעלונג פון מילך ; די הינערשטייגן זענען פאַרמינערט געוואָרן און אויך איז באַגרענעצט געוואָרן דער שטח פון די פיש־טייכן. דאָס אַלץ פאָדערט איצט ערנסטע זאָרג און אַ סך גיכע אָנשטרענגונגען. אינעם מדינה־ראַט האָט דער לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער, א. ציזלינג, צו וויסן געטאָן וועגן די באַמיונגען צו פאַרשטאַרקן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע, בפרט דורך אַנטוויקלען ברייטע שטחים פאַר גרינצייג און קאַרטאָפל.

די נאַפט־ראַפינעריעס אין חיפה האָבן באַנייט זייער אַרבעט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און די באַמיונגען פון די יידישע אַרבעטער און אינסטיטוציעס.

*

דעם 25־טן יולי 1948 : מעגלעך, אַז דער דאָזיקער קאַמף־איבעררייס באַטייט אויך דעם סוף פון די קאַמפן, נאָכדעם, ווי די אַראַבישע מדינות, און מער דערפון זייערע שטיצער, האָבן זיך איבערצייגט אין דער העכערקייט פון דער ישראל־אַרמיי. אָבער קיין בטחון דערין איז נישטאָ, ווייל עס איז קלאָר, אַז ישראל קאָן נישט אָננעמען קיין שום שלום־באַדינגונגען, וואָס עס קאָן זיין, אַז מען וועט זיי איר וועלן אָנוואַרפן, און אויך איז מעגלעך, אז עס וועלן געשען זאַכן וועלכע מען קאָן נישט פאָרויסזען. דעריבער מוז מען זיך גרייטן מיט אַלע כוחות צו קאַמפן וואָס קאָנען קומען און פאַרשטאַרקן אונדזער געווער אויף אַלע שטחים, ווייל אין קריג איז אַנטשיידנדיק בלויז דער לעצטער נצחון.

מען דאַרף זיך נישט איבערשרעקן פאַר דער רוגזה פון די ענגלענדער איבער דער אַקטיווירונג פון די ראַפינעריעס, ווייל צום סוף וועלן זיי־

זיך באַרעכענען, אַז דאָס איז געזונטער און די בריטישע נאַפט־געזעל־שאַפט פאַרלירט דערביי גאָרנישט. די ענגלישע מיטגלידער פון דער פאַר־וואַלטונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס זענען אַהערגעקומען פון ציפּערן און האָבן געזען די אַרבעט, האָבן געזאָגט, אַז זי פירט זיך אויפן בעסטן אופן. פון די דריי איינהייטן פון די ראַפינעריעס, איז דערווייל בלויז איינע געלאָזט געוואָרן אין גאַנג.

*

27־טן יולי 1948: וואָס שייך דער פראַגע פון די אַראַבישע פליטים, ווייזט מען אָן, אַז עס איז פאַראַן אויך אַ וועג פאַר אַ באַלדיקער קאָנסטרוק־טיווער איינאָרדענונג. די אַראַבישע לענדער, אויסער מצרים, האָבן אַ שיטערע באַפעלקערונג און זיי נייטיקן זיך אין אַרבעטס־הענט. אויב עס וועט קומען צו אַ רעגולאַציע מיט אַן אַנטוויקלונגס־הלוואה און אינ־טערנאַציאָנאַלער הילף, און אויך הילף פון ישראל, וועט מען קאָנען די מענטשן קאָלאָניזירן און פאַרוואַנדלען די לייזונג פון דער פראַגע אין אַ ברכה פאַרביידע צדדים.

דער שטח פון די 5 אַראַבישע לענדער וואָס האָבן געפירט קריג קעגן מדינת ישראל — מצרים, ירדן, סיריע, עיִרק און לבנון, איז 85 מאָל אַזוי גרויס ווי דער שטח פון אונדזער מדינה.

לויט די פאַקטן, וואָס זענען אויפגעדעקט געוואָרן אין די מלחמה־חדשים, ווייזט אויס, אַז די ציפערן וואָס די ענגלענדער פלעגן פאַרעפנט־לעכן וועגן דער צאָל אַראַבער אין לאַנד זענען געווען איבערגעטריבן.

הגם מען דאַרף זיך נישט איבערשרעקן פאַר די דראָונגען פון די אַראַבישע מלוכה־מענער וועגן אַ באַנייונג פון די קאַמפּ, רופן די צייטונגען צו פאַרשטאַרקטער צוגרייטונג, פאַרזעצונג פון דער מאָביליזאַציע און אויסשמידן דעם ישראלדיקן מיליטערישן כוח. הגם עס איז קלאָר, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דעם אַלעמען איז פאַרבונדן מיט אַ שווערער פינאַנ־ציעלער באַלאַסטונג.

*

30־טן יולי 1948: די נעכטיקע זיצונג פונעם צייטווייליקן מדינה־ראַט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן פאַרלאַמענטאַרישן מעמד, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ סך זשורנאַליסטן און געסט פון אויסלאַנד. משה שערטאָק (שרת) האָט געהאַלטן זיין פּאָליטישע עקספּאָזע.

דער אויסערן־מיניסטער האָט איבערגעחזרט די דערקלערונג וועגן אונדזער גרייטקייט צו אונטערהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע מדינות. דער שווערפּונקט איז דירעקטע אונטערהאַנדלונגען. דערמיט וועלן די אַראַבער אויסגעפּרוווט ווערן צי זיי זענען אויסן שלום. אויך פּאַרמיטלונג וואָס צילט צו דירעקטע אונטערהאַנדלונגען איז געוווּנטשן. אָן אַ צווייפל שטייט פאַר אונדז די פראַגע פון די אַראַבישע פּליטים ווי אַ מענטשלעכע פראַגע וואָס מיר קאָנען זיך צו איר נישט באַציִען גלייכגילטיק. צו אונדזער באַדויערן קאָן מען אויך דאָס דאָזיקע מענטשלעכע פּראָבלעם נישט אָפּטיילן פון די אומשטענדן פון אונדזער לעבן און האַלטן שלום קאָן מען נישט שטיקלעכווייז. דעריבער וועט אויך די לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע קומען בלויז ווען עס וועט קומען דער שלום. דער פאַרשטייער פון די רעוויזיאָניסטן האָט געפאָדערט אינעם ראַט צו באַאַקטירן בערנאַדאָטן. זיין מיינונג האָט נישט געהאַט קיין אונטערשטיצער.

*

1־טן אויגוסט 1948 : עס מערקט זיך אַ שפּאַנונג אין ישוב צוליב דער פאַרשאַרפונג פונעם פּראָבלעם ירושלים. דאָס אויפהאַלטן די שפּייז־טראַנספּאָרטן און די אָפּשטעלונג פונעם וואַסער־צושטראָם קיין ירושלים דורך דעם לעגיאָן פון עבר־הירדן, וואָס האָט אין זיין האַנט אַן אָפּשניט אין דער מיט וועג לעבן לאַטרון, וועט אומפאַרמיידלעך ברענגען צו אַ שאַרפער רעאַגירונג פון דער ישראל־אַרמיי, אויב די יו־ען־אויפזעער וועלן נישט באַוויזן די זאַך צו רעגולירן.

דאָס ישראל־מיניסטעריום פאַר מינדערהייטן האָט אָפּגעהאַלטן באַגעגענישן מיט אַראַבער פון חיפה, עכו און נצרת וועגן פראַגן פון אַראַבישער דערציִונג אַלס צוגרייטונג צו דער עפענונג פון די שולן. די אַראַבישע פאַרשטייער האָבן פאַרלאַנגט איינצופירן אין די אַראַבישע שולן אויך דעם לימוד פון עברית.

*

3־טן אויגוסט 1948 : אונדזער אַרמיי איז בכוח אָפּצושניידן די כוחות פון דעם אַראַבישן לעגיאָן, וואָס זענען סטאַציאָנירט אין לאַטרון און שטערן דעם צושטראָם פון וואַסער און דעם צופיר פון שפּייז מיטן הויפּט־כביש קיין ירושלים. זי האָט נישט רעאַגירט אויף דער שטערונג פונעם לעגיאָן

אויף דער בקשה פון די יו־ען־אויפזעער, וואָס האָבן אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס וועט זיך זיי איינגעבן די זאַך איינצואָרדענען.

די ירושלימער וואַסער־קוואַלן זענען אין ראש העין, לעבן פּתח־תקוה און די עיראַקער האָבן געהאַט באַזעצט דאָס אָרט. די וואַסער־רערן זענען געגאַנגען דורך לאַטרון. דאָרט איז אויך געווען איינע פון די שעפּ־סטאַציעס און די ירדנער האָבן באַזעצט דאָס אָרט. משה שרת, אין זיין בוך „בשער האומות" שרייבט, אַז עבר הירדן האָט געהאַנדלט אין דער פראַגע פון וואַסער־באַזאָרגונג פאַר ירושלים לויט דער אויסטייטשונג פונעם בריטישן פאָרשטייער אין עבר הירדן.

לויט דעם ענדגילטיקן וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט עבר הירדן דאַרף געשאַפן ווערן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל רעגולירן פראַגן פון פאַרקער קיין בית לחם און אויף דעם וועג לאַטרון — ירושלים, וועגן באַנייען די נאָרמאַלע טעטיקייט פון די אינסטיטוציעס אויפן הר הצופים, צוטריט צו די הייליקע ערטער, באַנייען די אַרבעט פון דער וואַסער־סטאַציע אין לאַטרון אדג"ל. די אַראַבער האָבן ביזן היינט סאַבאָטירט די אויספירונג פון דעם טייל פונעם אָפּמאַך.

מיט אַ נישט־באַוואָפנט אויג זעט מען גוט פון אַ ריי פאָדערשטע באַהערש־פּאָזיציעס (משלטים) פון אונדזער אַרמיי דעם כביש קיין ראַמאַללה, דעם הויפּט־וועג פון דער עבר־הירדנדער אַרמיי צו איר באַזע און איר פאַרזאָרגונגס־פּלאַץ. פון דער קליינער דיסטאַנץ זעט מען יעדן אויטאָמאָביל וואָס פאָרט פאַרביי און אויך יעדן איינצלנעם אַראַבער וואָס גייט זיך רויק מיט זיין קעמל. די יידישע זעלנער באַלעסטיקן זיי נישט, הגם זיי קאָנען דאָס זייער גרינג טאָן. מען לאָזט אויך די אַראַבער צונויפזאַמלען זייער תבואה, און בלויז מיט צוויי טעג צוריק האָבן אַ סך הונדערטער אַראַבער געאַרבעט אין דער נאָענט פון אונדזערן אַ משלט און קיינער האָט זיי נישט געשטערט.

די „טאַש", וואָס דער לעגיאָן האַלט אין דער געגנט פון לאַטרון, נעמט אַרום בלויז ווינציקע קילאָמעטער, וואָס מען קאָן זיי זען מיטן אויג פון אונדזערע פּאָזיציעס. לויט דער אָפּשאַצונג פון אונדזערע מיליטער־מענטשן, וואָלטן מיר זי געקאָנט ליקווידירן אין פאַרלויף פון די קאַמפן, ווען מיר וואָלטן נישט געוואָלט זיין אַזוי געגנוי ביים אָנהייבן דעם קאַמף־איבעררייס אין דער באַשטימטער שעה.

מלחמה-פראַנט און שלום-פראָנט

א

אין די צען קאַמף־טעג (9—18 יולי), צווישן ערשטן און צווייטן קאַמף־איבעררייס, האָבן אונדזערע מיליטערישע כוחות געהאַט אַ סך דער־פאָלגן. ביים אָנהויב פון צווייטן קאַמף־איבעררייס געפינט זיך אינעם רשות פון דער מדינת־ישראל נישט נאָר דער גאַנצער שטח, וואָס די „יו־ען" האָט אים באַשטימט דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 אַלס יידישע מדינה, נאָר אפילו אַרום 10 פראָצענט מער. מיר דאַרפן אָבער ביי זיך אַליין נישט שאַפן די אילוזיע, אַז מיר האָבן שוין צעשטערט דעם פיינטלעכן כוח, וואָס האָט געקעמפט קעגן אונדז.

דער יו־ען־באַשלוס פונעם 29־טן נאָוועמבער 1947, זוכנדיק א פשרה, האָט באַשלאָסן וועגן אַ שטח פון 14,920 קוו. קיל. פאַר דער יידישער מדינה. דער שטח פון מדינת־ישראל לויט די וואָפנשטיל־שטאַנד־אָפמאַכן איז 20,700 קוו. קיל. דער ארץ־ישראל שטח ביים מאַנדאַט־רעזשים איז געווען אַרום 27 טויזנט קוו. קיל.

אויף וויפיל עס רעדט זיך וועגן די ארץ־ישראל־אַראַבער, איז זייער מיליטערישער כוח פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס איז קלאָר געווען פאַרן 15־טן מאַי. אָבער בנוגע די אינוואַזיע־אַרמייען פון די אַראַ־בישע לענדער, האָבן אונדזערע קאַמף־כוחות אָפגעשטויסן זייערע אָנגריפן; זיי האָבן באַקומען גוטע קלעפּ; זיי האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן (בערך 20 פראָצענט פון זייערע אינוואַזיע־כוחות); מען האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון אַ ריי וויכטיקע פּאָזיציעס — זייער קראַפט־צענטער האָבן מיר אָבער נאָך נישט צעשטערט.

קען דעריבער זיין, אַז נאָכדעם ווי די אַראַבישע מדינות און בפרט זייערע עצה־געבער און העלפער, האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער וועג פון ליקווידירן מדינת־ישראל מיט כוח, איז נישט אַזאַ לייכטער, און ער איז

נישט קײן שנעלער און זיכערער װעג, װי זײ האָבן זיך אױסגעמאָלן, װעלן די קריגס־אָפּעראַציעס זיך מער נישט באַנײען. עס איז אָבער נישטאָ קײן זיכערקײט, אַז אַזױ װעט עס זײן. די אינערלעכע באַציונגען צװישן די אַראַבישע לענדער, װאָס פירן קריג קעגן מדינת־ישראל, זענען איצט פאַרשאַרפט און פאַרפּלאָנטערט; זײערע באַציונגען מיט ענגלאַנד, זײער באַשיצערין, זענען אַזױ פאַרנעפּלט און אָנגעשטרענגט, אַז מען װײסט נישט װאָס עס קען יעדע מינוט אַרױסשפּרינגען. אַלע אַראַבישע לענדער, אָדער עטלעכע פון זײ, קענען פּלוצים װידער באַנײען די קאַמפן, צוליב דעם אָדער אַן אַנדערן טעם. הגם זײ האָבן זיך גוט פאַרפּלאָנטערט מיט דער מלחמה, האָבן זײ נאָך רעזערװן, װאָס זײ האָבן נישט באַנוצט; זײ קענען באַקומען װאָפן און זײ קענען פאַרזעצן די מלחמה. מוזן מיר װײטער זײן װאַכזאַם און גרײט. דער קאַמף־איבעררײס פאַרזיכערט נישט, אַז די קאַמפן װעלן נישט באַנײט װערן.

ב

די מיליטערישע קראַפט פון די אַראַבישע לענדער, און בפרט זײער קאַמף־פעיקײט, איז אַן אַ שיעור קלענער, װי זײ אַלײן און זײערע בריטי־שע פאַרבינדעטע האָבן במשך יאָרן געפּרװוט אײנרעדן דער װעלט. אינעם קאַמף מיט אונדז האָבן זײ אָבער דעם פאַרטײל, װאָס די קאַמפן װערן נישט געפירט אױף זײער טעריטאָריע. זײער באַפעלקערונג האָט לעת־עתה װײניק געליטן און זײערע אײגענע שטעט און דערפער זענען נישט צעשטערט (די לײדן פון די ארץ־ישראל־אַראַבער נעמען זײ זיך קנאַפּ צום האַרצן); זײער באַפעלקערונג איז צאָלמעסיק מער װי דרײסיק מאָל גרעסער און די הערשער פון די אַראַבישע לענדער װעלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קײן אַװאַנטורע, װען אפילו דאָס זאָל קאָסטן דאָס לעבן פון טױזנטער פון זײערע לאַנדסלײט; זײ װײסן, אַז ענגלאַנד, און אפשר אױך אַמעריקע, װעלן נישט דערלאָזן צו זײער פולן מיליטערישן צוזאַמענבראָך.

אמת, דער פריער דערמאָנטער פאַרטײל טראָגט אין זיך אױך סכנות פאַר זײ, װײל זײ מוזן אָפּהיטן לאַנגע פאַרבינדונגס־ליניעס מיט זײער הינטערלאַנד. עס קומט נאָך צו, װאָס זײערע מיליטערישע רעזערװן זענען גאָר שלעכט אױסגעבילדעט.

דער פאַקט, וואָס זיי מוזן זיך שטאַרק רעכענען מיט אַן אויסלענדישן דרוק, רייצט נאָך מער אויף די פון זיי אַליין אויפגעהעצטע שאָוויניסטישע שטימונג אין זייערע לענדער. די שטימונג האָבן זיי אַליין געשאַפן מיט זייער יאָרן־לאַנגער גרויסקייט־פּראַלעריי, דערציילנדיק טויזנט־און־איין־נאַכט־פאַנטאַזיעס וועגן אייגענעם כוח און גבורה און וועגן אונדזער מכלומרשטער פּחדנות און שוואַכקייט; מיט זייער באַרימעריי, אַז זיי וועלן מיט איין האַנט־באַוועגונג צונישט מאַכן יעדן פּרווו אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה. אָט די פאַנטאַזיע־פּראַלענישן שטייען זיי איצט ווי אַ ביין אין האַלדז. הגם, זיי פאַרשטייען שוין, אַז די יידישע מדינה איז אַ פאַקט, קענען זיי נישט אָפּן צוגעבן, אַז זיי האָבן נישט קיין כוח זי צו צעשטערן.

דערפון נעמט זיך די געוואַלדיקע דיספּראָפּאָרץ צווישן זייערע רייד און צווישן דעם, וואָס זיי קלערן אין דער אמתן. דאָס וואָס זייער פּרעסע שרייבט היינט און וואָס זייערע פאַרשטייער דערקלערן היינט, האָט נישט קיין שום שייכות דערצו, ווי אַזוי זיי וועלן האַנדלען מאָרגן. מיר האָבן עס געזען ביי זייער באַדינגונגלאָזער הסכמה צום צווייטן קאַמף־איבעררייס. הגם, ביז דער לעצטער מינוט האָבן זיי בקולי־קולות פּראָקלאַמירט, אַז זיי וועלן בשום־אופן נישט מסכים זיין. אַזאַ לאַגע פאַרפּליכטעט מדינת־ישראל צו צענפאַכער פאַרזיכטיקייט און שטענדיקער קאַמף־גרייטקייט. מיר האָבן דאָ צו טאָן, מער ווי לגבי אַנדערע לענדער, מיט אַ סך איראַציאָנעלע כוחות, מיט אַ סך אינערלעכע קאָנפליקטן, סיי אין יעדן לאַנד באַזונדער און סיי צווישן איין אַראַביש לאַנד און דעם צווייטן. דער קריג קעגן מדינת־ישראל קען אַמאָל באַנייט ווערן נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס מען רעכנט, אַז מען קען זי באַזיגן און מבטל מאַכן איר עקזיסטענץ, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט גאָר אַנדערע סיבות און צוליב אַנדערע חשבונות.

ג

מיר האָבן מסכים געווען צום קאַמף־איבעררייס ווייל מיר ווילן און דאַרפן אָפּהיטן די באַשלוסן פון דער יו־ען. אויב ביים ערשטן קאַמף־איבעררייס האָט נאָך געקענט זיין אַ סברה, אַז מיליטעריש, איז דער קאַמף־איבעררייס געקומען אין אַ מאָמענט ווען אונדזערע קאַמף־פאָרמאַציעס האָבן געדאַרפט האָבן אַביסל אָפּרו און פאַרשטאַרקונג, איז דער צווייטער קאַמף־איבעררייס אָן ספק געווען פאַר אונדזערע מיליטערישע כוחות

אַ שטאַרקע שטערונג. מדינת־ישראל האָט בײדע מאָל גלײך מסכים געװען, צום קאַמף־איבעררײס. און הגם יעדער אײנער אין ישוב איז איבערצײגט, אַז אויב מיר װאָלטן פאַרגעזעצט די קאַמפן נאָכן 18־טן יולי, װאָלטן מיר איצט געהאַט אַ סך װײטערע, גאָר װיכטיקע, מיליטערישע דערגרײכונגען, האָט דער ישוב אין אַלגעמײן אויפגענומען מיט צופרידנקײט דעם קאַמף־איבעררײס. דאָס נעמט זיך פון דער באַזונדערער מענטאַליטעט פונעם ײדישן מענטש אין ײדישן לאַנד.

מיר װילן בויען און נישט צעשטערן, און אויב עס איז נאָר פאַראַן װעלכע עס איז האָפענונג צו דערגרײכן אונדזער זעלבשטענדיקײט אויפן װעג פון שלום — װילן מיר גײן מיט דעם דאָזיקן װעג. און הגם, די אַראַבישע פאַרלוסטן זענען אַזױ אַ פאַרגלײך גרעסער װי אונדזערע און מיר װײסן, אַז מיר װעלן יעדן אונדזערן צעשטערטן און באַשעדיקטן פונקט שפּעטער נײ־אויפבויען, איז אָבער בײ אונדז גרויס דער פאַרדרוס צוליב די צעשטערונגען. און עס זענען געװען נישט װײניק צעשטערונגען — אין אַ טײל פון אונדזערע װירטשאַפטן אין עמק הירדן, אין גליל, אין דרום, אין דער ירושלימער געגנט. מיר זענען געװען שטאָלץ מיט יעדן נײ־צוגעצ־קומענעם בוים, מיט יעדער פלאַנצונג, מיט יעדן נײ־צוגעקומענעם אויפגעצ־אַקערטן און פאַרפלאַנצטן דונאַם באָדן, מיט יעדן נײעם הינערשטײג און קו־שטאַל. איז די צעשטערונג אונדז גורם אַ סך פאַרדרוס.

און װער קען אָפּשאַצן אונדזער שמערץ, װאָס װײסט נישט פון קײן טרײסט, אין אַנבליק פון אונדזערע העלדישע קעמפער, װאָס האָבן אָפּגעצ־געבן זײער לעבן. יעדער אײנער פון זײ איז געװען פאַר אונדז אַ װעלט פון האָפענונג. זײ זענען געװען דער אָנלען פון אונדזער מדינה, װאָס דאַרף באַשטימען איר כאַראַקטער און װעג, פאַרװאַנדלען אירע װיסטענישן אין פּרוכטבאַרע ײשובים. קען דען זײן פאַר אונדז אַ טרײסט, װאָס דעם שונאס פאַרלוסטן זענען אַ סך, אַ סך גרעסער?

ד

דער קאַמף־איבעררײס, הגם ער לײגט אויף אונדז אַרויף גאָר שװערע לאַסטן פון אויסהאַלטן אונדזער פול־מאָביליזירטע אַרמײ און בינדט פיל טויזנטער מענטשן צו די פּאָזיציע־פּונקטן און רײסט זײ אָפּ פון זײערע אַרבעט־ און שאַפונגס־פּלעצער אין שטאָט און אין דאָרף — איז ער אָבער פאַר אונדזער יונגער מדינה אויך אַ געלעגנהײט צו אָרגאַניזירן

און באַפעסטיקן איר אינערלעך לעבן; אַ געלעגנהייט אָפּצוגעבן מער צייט און מי פאַר קאָנסטרוקטיווע אויפבוי־צוועקן, וואָס שטאַרקן און פאַר־וואָרצלען מדינת־ישראל.

אויך אין די וואָכן ווען די קאַמפן זענען פאָרגעקומען האָט מען די אויפגאַבן נישט פאַרגעסן. צווישן 15־טן מאי און 1־טן יולי, זענען געגריג־דעט געוואָרן נייע 16 לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן אין דרום, אין שומרון, אין עמק־יזרעאל און אין גליל. אויך אין חודש יולי זענען געגרינדעט געוואָרן אַ ריי נייע פונקטן און מען גרייט צו ווייטערע נייע גרינדונגען. אין די ערשטע 7 חדשים פונעם יאָר 1948 — טראָץ אַלע שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן געמוזט גובר זיין אין דער צייט — זענען געקומען אין מדינת־ישראל בערך 55 טויזנט יידן — מער ווי דריטהאַלבן מאָל אַזוי פיל ווי אין די 12 חדשים פונעם יאָר 1947. אין די 11 וואָכן זינט עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינת־ישראל, וואָס בערך די העלפט פון דער צייט האָבן זיך געפירט די קריגס־אָפּעראַציעס און די צווייטע העלפט האָט געהערשט דער קאַמף־איבעררייס, איז אויפגעטאָן געוואָרן גאָר אַ סך אויף צו נאָרמאַליזירן אונדזער מדינה־לעבן, אָבער נאָך ווייט נישט גענוג. אין די קומענדיקע פינף חדשים פונעם יאָר 1948 דאַרפן מיר ברענגען אין לאַנד נאָך אַ סך טויזנטער יידן, און דאָס איז גאָר נישט קיין לייכטע אויפ־גאַבע ביי די איצטיקע גרויסע קאָמוניקאַציע שוועריקייטן. וואָלטן מיר נישט געהאַט אין אונדזער רשות עטלעכע אייגענע שיפן, וואָלט מען גאָר־נישט געקענט קלערן דערפון.

זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה ביז אָנהויב 1958 זענען געגרינדעט געוואָרן אַרום 470 נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן. אַריינגערעכנט אַ ריי פונקטן, וואָס זענען גאָר באַדייטנדיק פאַרגרע־סערט געוואָרן. ביז צו דער מדינה־אויפריכטונג זענען געגרינדעט געוואָרן 260 לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן.

זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה ביז סוף 1948, זענען געקו־מען 101.828 עולים. ביז סוף 1957 — 896.355 עולים. פון זיי — 388.458 פון אייראָפּע: 259.648 פון אַזיע; 221.500 פון אַפריקע אאז״וו. אין יאָר 1957 אַליין זענען געקומען 69.733 עולים. פון זיי 38,889 פון אייראָפּע און 24.112 פון אַפריקע. וועגן דער אַנטוויקלונג פון אונדזער אייגענעם האַנדלס־פלאָט זע ווייטער, אינעם קאַפּיטל: קאָמוניקאַציע־נויטן און פלענער.

אונדזער לאַנדווירטשאַפט נויטיקט זיך איצט אין 10 — 15 טויזנט נייע אַרבעטס־הענט. און דאָס איז אַ גאָר דרינגענדיקע נויטווענדיקייט, ווען מען נעמט אין אַכט וויפיל עס האָט געליטן אין די מלחמה־חדשים אונדזער גרינס־ווירטשאַפט, די מילך־ווירטשאַפט און אַנדערע צווייגן; און אין די שטעט שפּירט מען עס שוין זייער שטאַרק. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין אַ סך ווירטשאַפטן זענען די פאַרבליבענע חברים נאָך היינט פאַרנומען ביי־טאָג און ביי־נאַכט מיט בויען באַפעסטיקונגען און שוץ־ער־טער און אַלס וואַך־פּאָסטנס. אונדזער אינדוסטריע קען איצט אויפנעמען נייע טויזנטער אַרבעטער. עס פעלן מויערער, טישלער און אַרבעטער פון אַ סך אַנדערע פאַכן. מיר דאַרפן באַלד נייע עולים פאַר טבריה און צפת. ווי געזאָגט, ווערט געפּלאַנט דאָס אויפשטעלן פון אַ גאַנצער ריי נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים. אונדזער שטרעבן איז צו גרויסע אויפבוי־מעשים.

ה

עס איז נישט זיכער, אַז מיר וועלן באַלד זוכה זיין דערצו, אַזוי ווי מיר ווילן עס. דער קאַמף־איבעררייס איז אפילו נאָך נישט קיין וואָפן־שטילשטאַנד, וואָס בדרך־כלל שטעלט ער שוין פעסט אין אַלגעמיינע שטריכן די גרענעצן, דעם אויסזען פון צוקונפטיקן שלום. דער קאַמף־איבעררייס איז נאָך אַלץ אַן עטאַפּ פון דער מלחמה. אַלץ פאַרבלייבט נאָך ווייטער נישט זיכער און נישט קלאָר. עס קען נאָך אפילו זיין אַ סיטו־אַציע, אַז די יו־ען זאָל אויף אונדז אַרויפלייגן תנאים, וואָס מיר זאָלן זיי בשום אופן נישט קענען אַקצעפּטירן. עס קענען קומען אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציעס, וואָס מיר קענען זיי היינט נישט פאַרויסזען, נאָך איידער אונדזער ענין איז ענדגילטיק דערליידיקט געוואָרן אויפן אינטערנאַציאָ־נאַלן פאָרום. מיר מוזן דעריבער אויך אין דער קאַמף־איבעררייס־צייט, אין אַלע הינזיכטן, כסדר פאַרשטאַרקן אונדזער מיליטערישן כוח.

פאַר יעדן פון אונדז איז אָבער אויך קלאָר, אַז יעדער טאָג פון אויפבוי און עליה איז וויכטיק פאַר אונדז און שטאַרקט אונדז. אויף וויפיל דער קאַמף־איבעררייס, ביי אַלע זיינע שווערע לאַסטן און באַגרענעצונגען, גיט אונדז אַ בעסערע מעגלעכקייט דערצו, דאַרפן מיר גיין דעם וועג.

תל־אביב, 1 אויגוסט 1948.

דערציונג צו מלוכהשן דענקען

א

די שטאַרקע פּאַרטייאישע צעשפּליטערונג ביי אונדז, איז אָן ספק אויך אַ רעזולטאַט פון אונדזער לאַנגן מלוכהלאָזן לעבן. לאָמיר האָפן, אַז מיט דער באַפעסטיקונג פון אונדזער מדינה און איר נאָרמאַליזירונג, וועט זיך דאָס אויך ענדערן. דאָס וועט נעמען צייט — אָבער די ענדערונגען דאַרפן קומען. אין אָנבליק פון דער פּראָקלאַמירונג פון אונדזער זעלבּשטענדיקייט, איז געקומען אָנהויב 1948 די פאַרייניקונג פון די לינקע מינדערהייטס־פּאַרטייען אין דער הסתדרות העובדים — השומר הצעיר, התנועה לאחדות העבודה און לינקע פּועלי ציון און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן מפ״ם. איצט האַלט ביים געגרינדעט ווערן אַ פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, וואָס וועט אַרומנעמען עטלעכע קלענערע גרופּן: „העובד הציוני", וואָס דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע משה קאָלאָדני (קול) שטייט אין זיין שפּיץ; „עליה חדשה" (בעיקר ציוניסטן פון דייטשלאַנד), בראש מיטן יוסטיץ־מיניסטער ד״ר פּ. ראָזענבליט (פּנחס רוזן) און געוויסע טיילן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן פון גרופּע א׳. אין דעם מאָמענט איז פאַראַן אַ געוויסע פּאַציפיקאַציע אין די באַציונגען צווישן „מזרחי" און דער „אגודה", וואָס האָבן זיך תמיד שאַרף באַקעמפט. אָן ספק האָט דערצו מיטגעהאָלפן, וואָס זיי זיצן צוזאַמען אין דער רעגירונג.

אחדות העבודה — לינקע פּועלי ציון האָבן זיך אין יאָר 1954 אָפּגעטיילט פון מפ״ם און בילדן אַן אייגענע פּאַרטיי. מזרחי און אגודה ישראל זענען געגאַנגען צוזאַמען צו די וואַלן צו דער ערשטער כנסת (יאַנואַר 1949), אַלס רעליגיעזער בלאָק. צו די שפּעטערדיקע וואַלן, זענען זיי געגאַנגען באַזונדער.

אונדזער לאַנג מלוכהלאָז לעבן האָט אונדז איבערגעלאָזט נאָך אַ שווערע ירושה. מען דאַרף זי וואָס גיכער גובר־זיין, ווייל זי טראָגט אין

זיך געפּאַרן. מיר מיינען דאָס נישט רעכענען זיך מיט דער פליכט פון יעדער פּאָליטישער גרופּע און פון יעדן בירגער צו זיין צוריקגעהאַלטן ביים דיסקוטירן אין דער עפנטלעכקייט פראַגן, וואָס קענען ברענגען שאָדן דער מדינה; נישט צו באַנוצן אין פּאַרטייאישן קאַמף טעמעס פון דער אויסערן־פּאָליטיק, וואָס מען ווייסט, אַז די רעגירונג איז נישט פריי צו רעדן וועגן זיי.

אין אַלגעמיין האָט דער ישוב אַרויסגעוויזן אַ סך פּאָליטישע דיסציפּ־לין און פּאָליטישע רייפקייט אין די שווערע חדשים פאַר און נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה. די פּאַרטייאישע ליידנשאַפט, ברענגט אָבער מיט זיך, פון צייט צו צייט, אויך געוויסע שאָטן־זייטן.

ב

דאָס וואָס די וועלט איז איצט געטיילט אין צוויי זיך שאַרף באַקעמפנדיקע בלאָקן, איז פאַר אונדז נאָך אַ גרעסערע געפאַר און שוועריקייט, ווי פאַר יעדן אַנדערן פאָלק. די יונגע מדינת־ישראל מוז אָפּהיטן גוטע באַציונגען מיטביידע בלאָקן. יעדער ווייסט עס, יעדער אַנערקענט עס, אָבער נישט יעדער נעמט עס תמיד אין אַכט.

ביז צום 15־טן מאי האָבן די ענגלענדער אונדז געהיטן אַז מיר זאָלן נישט קענען ברענגען קיין וואָפן אין לאַנד. שווערע וואָפן — בפרט אַרטי־לעריע און עראָפּלאַנען — איז נישט לייכט צו שמוגלען. די אַראַבישע לענדער האָבן די גאַנצע צייט געקענט פריי באַקומען אַלע מינים וואָפן. דערפון נעמט זיך, אַז אין די ערשטע וואָכן, נאָכן 14־טן מאי, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט אַ סך זאַכן (אויפן געביט פון וואָפן), וואָס מיר האָבן דעמאָלט שטאַרק נייטיק געהאַט. פון אַמעריקע האָבן מיר די וואָפן נישט געקענט באַקומען, צוליב דעם עמבאַרגאָ־דעקרעט.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט די גרעסטע באַמיונגען צו באַקומען וואָפן וואָס שנעלער און פאַר יעדן פּרייז און ווו עס לאָזט זיך נאָר. דאָס האָט יעדער איינער געוווסט. יעדן טאָג האָבן מיר געפילט, אַז עפּעס איז צוגעקומען. נישט געקוקט דערויף, האָבן געוויסע צייטונגען, אין יענע אַזוי שווערע טעג, אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן דער רעגירונג, פאַרוואָס זי באַנוצט נישט די מעגלעכקייט פון באַקומען

וואָפן אין די לענדער פון סאָוויעטישן בלאָק. אין דעם דאַזיקן כאָר האָבן אָנטיילגענומען מפ״ם, די רעוויזיאָניסטן און זייערע אָנהענגער, און אפילו די ציטונג פון די שטערניסטן (לח״י). יעדער האָט געוווּסט, אַז פון בעווינס לאַנד באַקומען מיר נישט קיין וואָפן, אַז אין אַמעריקע היט מען אָפּ דעם עמבאַרגאָ — און פונדעסטוועגן ווערט אונדזער וואָפן־באַזיץ יעדן טאָג גרעסער און פּילזייטיקער. האָט מען דאָך פאַרשטאַנען, אַז קיין כישוף איז עס נישט. מען באַצאָלט ערגיץ־ווו זייער גוט געלט און מען באַקומט וואָפן. מען האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן מוזן שווייגן. האָבן מיר טאָג־איין טאָג־אויס געלייענט אַ סך שטראָף־ און מוסר־רייד פאַרוואָס אונדזער רעגירונג שטעלט העכער די סימפּאַטיע צום מערב־בלאָק ווי די מעגלעכקייט פון באַקומען וואָפן אין די לענדער פון מזרח־בלאָק.

עס איז אויך דעמאָלט נישט געווען קיין סוד פאַר מער פאַראַנטוואָרטלעכע קרייזן, אַז מען קויפט און מען באַקומט וואָפן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אויך וועגן קניות אין אַ ריי לענדער, ווו די עיקר־שוועריקייט איז דער עקספּאָרט קיין ישראל (אויך צוליב יורידישע טעמים אין די קויף־לענדער) און מען מוז אַלץ טאָן בסוד. אַחוץ דעם די שוועריקייטן צו ברענגען די וואָפן אין לאַנד:

א) ווייל ביז דעם 30־טן יוני איז בריטיש מיליטער געווען אין לאַנד און דער חיפהער האַפן איז געווען אונטער זייער קאָנטראָל;

ב) די קאַמף־איבעררייס־באַשטימונגען האָבן פאַרבאָטן אַריינצו־ברענגען וואָפן אין לאַנד.

און די נישט־ערנסטקייט פון אָט דער פּאָלעמיק איז געווען אַ טאָפּלטע: א) די שרייבער און רעדנער האָבן גוט געוווּסט, אַז זייערע שטראָף־רייד זענען נישט אויפריכטיק און נישט ריכטיק; ב) פון זייערע רייד האָט זיך געקענט שאַפן דער פאַלשער רושם, אַז די רעגירונג איז אַזוי פּיינטלעך צו די לענדער פון מזרח־בלאָק, אַז זי איז אפילו גרייט מסכן־צו־זיין די עקזיסטענץ פון אונדזער יונגער מדינה, אבי נישט קויפן וואָפן אין די לענדער פון מזרח־בלאָק. יעדער בר־דעת פאַרשטייט דאָך ווי פאַלש, ווי שעדלעך, ווי נישט אמת דאָס איז געווען.

ג

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט די פרעסע פון מפ״ם און קאָמוניסטן אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע, פאַרוואָס מדינת־ישראל שיקט נאָך נישט איר דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער קיין מאָסקווע. סך־הכל עקזיסטירט די מדינה דריי חדשים. דער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד איז היינט שוין ביי אונדז און אונדזער פאָרשטייער האַלט ביים אָפּפאָרן אין די נאָענטסטע טעג קיין מאָסקווע. אויב מען נעמט אין אַכט, אַז די באַשטימונג פון דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער איז פאַרבונדן מיט אַ גענוג לאַנגער פּראָ־צעדור און קעגנזייטיקן הסכם פון ביידע לענדער, מוז מען צוגעבן, אַז אונדזער רעגירונג האָט געהאַנדלט אין אַ שנעלן טעמפּאָ. אָבער די עפנטלעכע פּאָלעמיק האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אינעם ערשטן חודש פון דער עקזיסטענץ פון דער רעגירונג, אפילו נאָך איידער זי האָט געהאַט באַקומען פון רוסלאַנד דעם אָפיציעלן אַקט פון אָנערקענונג (צווישן דער ידיעה אין מאָסקווער ראַדיאָ, אַז ראַטן־רוסלאַנד אָנערקענט מדינת־ישראל און דעם באַקומען די אָפיציעלע מעלדונג, זענען אַוועק עטלעכע וואָכן). יעדער איינער האָט געמוזט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פאַלשן און שלעכטן רושם אַזאַ מין קאַמפּאַניע איז עלול אַרויסצורופן אין מאָסקווע. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן די דערמאָנטע פּאַרטייען צו פירן די קאַמפּאַניע דווקא עפנטלעך, הגם איינע פון זיי — מפ״ם — האָט צוויי מיטגלידער אין דער רעגירונג, וועלכע קענען דאָך צו יעדער צייט פאָדערן אויף די זיצונ־גען פון קאַבינעט אַן אויפקלערונג אין יעדער פראַגע.

דאָס באַנוצן אויסנפּאָליטישע דעליקאַטע פראַגן פאַר אינערלעכע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, האָט זיך נישט געענדיקט מיט די פריער־דערמאנטע ענינים. מען האָט, למשל, פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל פאָדערן פונעם זיכערקייטס־ראַט צו באַטייליקן דעם ראַטנפאַרבאַנד צווישן די אויפזעער, וואָס דאַרפן באַוואַכן דעם קאַמף־איבעררייס. און די פאָדערונג איז ווידער נישט געשטעלט געוואָרן אויף אַ געשלאָסענער זיצונג פון דער רעגירונג, נאָר דווקא אין דער פרעסע. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער רוסישער און דער אַמעריקאַנער פאָרשטייער זענען געקומען אין לאַנד כמעט אין איין צייט, האָבן די פריער־דערמאנטע קרייזן געמאַכט די גרעסטע באַמיונגען, כדי צו אָרגאַניזירן פאַרן ערשטן אַ וואָס רוישיקערן

קבלת־פנים. בעת רעגירונגס־מיטגלידער האָבן דערקלערט, אַז פון פרעמ־דע שפּראַכן וועט מען להבא לערנען אין אונדזערע שולן ענגליש אָדער פראַנצויזיש, האָט מען אָנגעהויבן אין דער פרעסע צו טענהען — פאַרוואָס בישט רוסיש? הגם מען ווייסט דאָך גוט, אַז דאָס לערנען ענגליש אָדער פראַנצויזיש אין די שולן האָט גאָרנישט צו טאָן מיט סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע צו אָט די לענדער, נאָר דאָס זענען די שפּראַכן, וואָס מען מוז באַהערשן, בעת מען וויל אָפּהיטן באַציונגען מיט דעם טייל וועלט, מיט וועלכן מיר האָבן פרייע ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע פאַרבינדונגען.

ד

אין די סאַמע שווערע טעג, אין אָנהויב חודש מאַי, האָבן מפּ"ם און נאָך זיי די רעוויזיאָניסטן און זייערע סימפּאַטיקער צווישן די רעכט־בירגערלעכע קרייזן, אָנגעהויבן אַן עפנטלעכן וויכוח, וועגן דער מכלומרשטער „דיקטאַטור", וואָס ד. בן־גוריון פירט איין אין אונדזער דעמאָלטיקער אַרמיי (פאַר דער גרינדונג פון צה"ל די כּוחות פון דער „הגנה"). דעם וויכוח האָט מען געפירט מיט גאָר אַ סך שאַרפקייט און ליידנ־שאַפט. מען האָט געטענהעט, אין דער פרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען, אַז דאָס ברענגט שאָדן אונדזער אָפּווער־קראַפט. אַחוץ דעם עפעקט פון אַזאַ וויכוח ביי אונדזערע פיינט, איז ער אויך עלול געווען צו ברענגען אין אַ שווערן גייסטיקן קאָנפליקט די יוגנט אויפן פראָנט, וואָס איז מסכן איר לעבן אויפן סמך פון בן־גוריונס באַפעלן. אַז די אַראַבישע אינוואַזיע־אַרמייען האָבן דעם 15־טן מאַי אָנגעהויבן זייער אָנגריף, איז דער עפנטלע־כער וויכוח אָפּגעשטעלט געוואָרן, און אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן הונדערט־פּראָצענטיק דערפילט זייער פליכט מיט דער מאַקסימאַלסטער קרבנות־גרייטקייט. אָבער בעת דעם קאַמפס־איבעררייס, האָט זיך דער וויכוח ווידער באַנייט, און דוקא האַרט פאַרן אויסברוך פון די נייע קאַמפן — אָנהויב יולי 1948, האָט ער אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען. מען האָט אפילו באַנוצט דעם אַרגומענט, אַז דער ערשטער קאַמף־איבעררייס, איז צוליב דער מכלומרשטער „דיקטאַטור"־ווירטשאַפט נישט גענוג אויסגעַ־נוצט געוואָרן אויף צו שטאַרקן אונדזער מיליטערישן כּוח.

די צען־טאָגיקע קאַמפן, צווישן 9־טן און 18־טן יולי, האָבן באַוויזן, אַז מען האָט זיך דוקא יאָ צוגעגרייט און גוט צוגעגרייט.

תל־אביב, אויגוסט 1948.

צווישן די באַשלוסן פון דער מועצה פון מפ״ם, וואָס איז פאָרגעקו־
מען סוף יוני 1948, אין די טעג פונעם ערשטן קאַמף־איבעררייס,
לייענען מיר: „די מועצה איז שטאַרק אומרויק, צוליב די „רעאָרגאַ־
ניזאַציע״־פּאַרזוכן אין דער אָנפירונג פון די זיכערקייטס־ענינים,
וואָס קומען נישט צוליב די באַדערפעניש פון דער מלחמה און דעם
בוי פון צבא ההגנה. זי ווייזט אָן אויף די טענדענצן פון באַהערשונג
און ענגער פּאָליטיקאַנעריי, דעם זלזול כלפי דעם געזעלשאַפטלעכן
באַזיס פונעם פאַרטיידיקונגס־פראָנט, די שאַפונג פון אַ קינסטלעכער
שייד־וואַנט צווישן די פאַרשידענע טיילן פון דער איינציקער פאַר־
טיידיקונגס־אַרמיי״... און צום סוף: „די פּאַרטיי פאָדערט די שאַפונג
פון אַ קאָלעקטיווער, עפעקטיווער אָנפירונג פאַר די זיכערקייטס־
געראַנגלען. דאָס אַפּזאָגן זיך צו שאַפן און אַקטיוויזירן אַזאַ אָנפירונג,
קען שעדיקן די קריגס־אָנשטרענגונג פון מדינת ישראל״.



בילד 15: יאַנואַר 1948 האָבן זיך פאַראייניקט התנועה לאחדות העבודה — פועלי ציון און השומר הצעיר. עס איז געגרינדעט געוואָרן מפ״ם (מפלגת הפועלים המאוחדת). פון לינקס צו רעכטס: י. בן־אהרן, יצחק טאַבענקין (רעדט), יעקב חזן, מאיר יערי און שלמה קאַפּלאַנסקי

בילד 16 : ירושלימער אַלט־שטאָט, סוף מאַי 1948 — נאָך פיל פאַרלוסטן, שאַרפער מאַנגל אין מענטשן, האָט מען אויף דער וויכטיקער פּאָזיציע (עק פון דער המידן־גאַס) אַוועקגעשטעלט איין מאַן מיט אַ ייִנגל אַ פאַרבינדער. דאָס ייִנגל פאַרטרעט דעם הגנה־פּאָסטן, וואָס רוט זיך אָפּ.
דאָס ייִנגל, מרדכי מזרחי, שפּעטער אַ סמל ביי די פּאַראַשוטיסטן, איז געוואָרן פאַרוואונדעט ביי אַ טעטיקייט פאַר דער סיני־אַקציע (1956).

בילד 17 : קדיש לאָזינסקי (לוז) — זינט נאָוועמבער 1955 לאַנדווירטשאַפטס־מיניס־טער, אין דער שוצליניע אין דגניה ב׳, בעת דעם אָנפאַל פון די אַראַבישע אַרמייען, נאָך דעם 14־טן מאַי 1948.



בילד 18 : ד. בן־גוריון און ישראל גלילי האָבן אינעם צייטווייליקן מדינה־ראַט אויפגעקלערט די האַנדלונג פון דער רעגירונג אין דער פּרשה פון דער אצ״ל־שיף „אַלטאַלענא״.



בילד 19 : די ברענענדיקע שיף „אלטאַלענא״. ביים תל־אביבער ים־ברעג, דעם 22־טן יוני 1948.

בילד 20 : אין דער צווייטער און דריטער אַפּריל־וואָך 1948 זענען אָנגעקומען קיין ירושלים, נאָך אַ לענגערן איבעררייס, צוויי גרעסערע טראַנספּאָרטן (אין ביידע איבער 400 לאַסט־אויטאָמאָבילן) מיט די נייטיקסטע לעבנס־פּראָדוקטן.

בילד 21 : ירושלימער אַלט־שטאָט, נאָך אַ שווערן קאַמף־טאָג, צווייטע העלפט מאַי 1948, די חב״ד־גאַס, עק אור־החיים־גאַס.

בילד 22: קאָמאַנדירן פון הגנה נאָך דער טרייהייט־שבועה צו צה״ל. אויבערשטע שורה, רעכטס צו לינקס (שטייען): ישראל עמיר — אָפּטיילונג־שעף פאַר מענטשן־כוחות אין זיכערהייט־מיניסטעריום; מרדכי שומאַכער — גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער דרום־אַפריקע געזעלשאַפט; מרדכי מקלף — לייטער פון דער פּאָטאַש געזעלשאַפט אין סדום; אלוף משנה מישאל שחם — ראש פונעם ממשל צבאי (געביטן פון מיליטערישער אַדמיניסטראַציע); גרשון זאק — לייטער פונעם יוגנט דאָרף — כפר הירוק: אלוף משנה מיכאל בן־גל — פּאַרזיצער פונעם מיליטערישן אַפּעלאַציע־געריכט; שאול יפה אין קבוץ יקום; יצחק שדה; משה כרמל — זינט נאָוועמבער 1955 קאָמוניקאַציע־מיניסטער; שמעון אבידן — אין קבוץ עין השופט; אלוף משה צדוק; דן אבן — אָפּטיילונג־לייטער אין דער עלעקטריציטעט געזעלשאַפט; שלמה שמיר — לייטער פון דער פּאָספּאַטן געזעלשאַפט אין נגב; דוד שאלתיאל — ישראל געזאַנדטער אין מעקסיקע.

מיטעלע שורה: יגאל אלון — חבר פון דער כנסת; יוחנן ראטנער — פּראָפעסאָר אינעם חיפהער טעכניקום; ישראל גלילי — חבר פון דער כנסת; פאליע און דוד בן־גוריון; לוי אשכול — פינאַנץ־מיניסטער; יוסף יאקובסאן — אינדוסטריעלער אין רחובות; אלוף צבי איילון — אָפּטיילונג־שעף פאַר בוי און ווירטשאַפט אין זיכערקייט־מיניסטעריום; יוסף אבידר — ישראל געזאַנדטער אין מאָסקווע.

זיצן אונטן: אליהו בן־חור — הויפּט־אינזשעניר אין דער געזעלשאַפט „כור" פון סולל־בונה; יגאל ידין — לעקטאָר אין ירושלימער אוניווערזיטעט; נחמיה ארגוב; יחזקאל סחר — הויפּט פון דער פּאָליציי אין די יאָרן 1948—1958; שלום עשת — לייטונג פון חברת עובדים פון דער הסתדרות.

ביי די וואָס זענען פאַרבליבן אין מילטער איז אָנגעגעבן זייער מיליטערישער ראַנג, ביי די אַנדערע זייער טעטיקייט־געביט אָנהויב 1958.

דער שבועה־אַקט איז פאָרגעקומען דעם 27־טן און 28־טן יוני 1948. אינעם ערשטן טאָג האָבן אָפּגעגעבן די שבועה 21 קאָמאַנדירן פון צה״ל. דעם צווייטן טאָג אַלע מיליטער־אָפּטיילונגען, אויף די ערטער וואו זיי זענען געווען. אויך די פלמ״ח־אָפּטיילונגען האָבן אָפּגעגעבן די שבועה אויפן לאטרון־פראָנט און אויף די ערטער וואו זיי זענען געווען.



בילד 23 : כ׳ תמוז תש״ח (סוף יולי 1948) — „יום המדינה״, ד. בן־גוריון און יעקב דורי (קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי — רמטכ״ל) נעמען אָפּ אין די תל־אביבער גאַסן, די ערשטע גרויסע דעפּילאַדע פון צה״ל.

ВРУЧЕНИЕ ВЕРИТЕЛЬНЫХ ГРАМОТ ЗАМЕСТИТЕЛЮ ПРЕД-СЕДАТЕЛЯ ПРЕЗИДИУМА ВЕРХОВНОГО СОВЕТА СССР И. А. ВЛАСОВУ ПОСЛАННИКОМ ГОСУДАРСТВА ИЗРАИЛЬ Г-ЖОЙ Г. МЕИРСОН.

בילד 24: די שורות איבערן בילד (רוסיש): דער געזאַנדטער פון מדינת־ישראל, פרוי ג. מאירסאָן, גיט איבער איר באַגלייביקונגס־שריפט דעם וויצע־פאָרזיצער פונעם פרע־זידיום פון אויבערשטן סאָוויעט אין ס.ס.ס.ר. — י. א. װלאַסאָװ. (פון דער מאָסקווער צייטונג „אָגאָניאָק" — סעפּטעמבער 1948).

אונטערן בילד האָט די צייטונג צוגעגעבן: דעם 10־טן סעפּטעמבער האָט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון אויבערשטן סאָוויעט אין ס.ס.ס.ר. — י. א. װלאַסאָװ אויפגענומען אין קרעמעל, דעם באַזונדערן געזאַנדטן און באַפולמעכטיקטן מיניסטער פון מדינת ישראל, ג. מאירסאָן, וואָס האָט איבערגעגעבן איר באַגלייביקונגס־שריפט. אויפן בילד (רעכטס צו לינקס): י. א. װלאַסאָװ, ג. מאירסאָן און דער שטעלפאַרטרעטער פונעם אויסערן־מיניסטער אין ס.ס.ס.ר. — וו. א. זאָרין.

בילד 25 : „וואָס מיר האָבן דערגרייכט איז אַ דאַנק דער גרויסער אַרבעט וואָס איז געטאָן געוואָרן אין לאַנד אין די לעצטע 30 יאָר און די ערשטע חלוצים וואָס האָבן עולה געווען פאַר דער דאָזיקער תקופה". — פראָפ. חיים ווייצמאַן אין צייטווייליקן מדינה־ראַט, קומענדיק אין לאַנד אָנהויב אָקטאָבער 1948. אַרויסגייענדיק פון דער זיצונג אינעם תל־אביבער מוזיי באַגריסט ער דעם עולם.

ערשטע שורה: י. שפרינצאַק, פאָרזיצער פון דער מועצת המדינה; פראָפ. חיים ווייצמאַן און פרוי; צווייטע שורה: מיכאל סימון (פראָטאָקאָל־שעף אין אויסערן מיניסטעריום), מ. נוי (ניישטאַדט) און מאיר ווייסגאַל.

בילד 26 : געראַנגל פאַר פרייער עליה — ענגלישע סאָלדאַטן פירן אינעם חיפהער האַפן מיט כוח עולים וואָס זענען געקומען מיט מעפילים־שיפן צו די שיפן וואָס פירן זיי אין גירוש.

בילד 27 : סוף יוני 1948 אינעם חיפהער האַפן — די לעצטע ענגלישע סאָלדאַטן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דער נצחון און די געפאַרן

א

אין זיין ענטפער־רעדע, נאָך דער אַלגעמיינער דעבאַטע, אויף דער לעצטער סעסיע פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט (סוף אויגוסט — אָנהויב סעפּטעמבער 1948), האָט דער פּרעמיער־מיניסטער ד. בן־גוריון געוואָרנט פאַר פּריצייטיקע נצחון־פייערונגען; פאַר אַן איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם און זעלבסטזיכערקייט און זיך באַמיט צו געבן אַ רעאַליסטישע שילדערונג פון דער לאַגע. ער האָט אונטערגעשטראָכן אונדזערע גרויסע דערגרייכונגען ביים באַפעסטיקן די מדינה און אונדזערע געוואַלדיקע מיליטערישע דערפאָלגן; ער האָט אָבער נישט פאַרשוויגן די גרויסע שוועריקייטן און געפאַרן, וואָס דראָען אונדז נאָך און וועלן אונדז מן הסתם נאָך דראָען אַ לענגערע צייט; די גרויסע אָנשטרענגונגען, וואָס מיר מוזן נאָך מאַכן ביז מיר וועלן דערגרייכן די פולע זיכערקייט פאַר אונדזער זעלבשטענדיקער מדינה.

די רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, בפרט אויף די מיטגלי־דער פונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט פון חוץ־לאַרץ. מיינער אַ גוטער פריינט, אַ באַקאַנטער, פירנדיקער עסקן פון ניו־יאָרק, האָט מיר אויף צומאָרגנס געזאָגט, אַז ער איז געווען גאַנץ דערשיטערט. ער האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז מיר וועלן נאָך דאַרפן גובר־זיין אַזוי פיל שוועריקייטן און סכנות, ביז מיר וועלן זיך קענען דערלויבן אַביסל רו און נחת. מאַנכע אָנטיילנעמער פון דער זיצונג האָבן אפילו געפרעגט, אויב עס איז בכלל גוט געווען, וואָס אונדזער פּרעמיער האָט גערעדט אַזוי אָפנהאַרציק, וועגן די שוועריקייטן און סכנות און, בעיקר, וועגן דעם, אַז דאָס קען דויערן אַ לענגערע צייט.

אָט די פראַגע, שטעלט פאַר אונדז אַוועק אַ גאָר ערנסט פּראָבלעם:

וויאַזוי און וואָס דאַרפֿן מיר דערציילן יידן אין גאַר דער וועלט, וועגן די געשעענישן אין ארץ־ישראל, סיי אין גוטע טעג און אויך אין שווערע, געפּאַרפּולע טעג.

ב

יידן ווילן הערן גוטע נייעס פֿון ארץ־ישראל. יידן ווילן, אַז מיר זאָלן אין מדינת־ישראל זיין שטאַרק און אומבאַזיגבאַר, אַז די גבורה פֿון אונדזער יוגנט זאָל זיין אַ שם־דבר אין דער וועלט און דאָס איז זיכער נישט קיין עוולה. אָט דער טיפֿער ווונטש איז אַזוי פֿאַרשטענדלעך און איז אַן אויסדרוק פֿון אַזוי פֿיל ליבע און זאָרג, אַז מען פֿילט זיך אָפּטמאָל ווי אַ שולדיקער, אויב מען קען נישט אינגאַנצן דערפֿילן זייער ווונטש ביים דערציילן וועגן ארץ־ישראל. יידן האָבן גענוג געליטן און זענען גענוג געטרודפּט געוואָרן. זיי לעבן אומעטום אין אַ פֿיינטלעכער וועלט, וואָס האַלט זיי פֿאַר פּחדנים און מינדערווערטיקע, וואָס מען דאַרף באַשיצן. איז באַטיר־לעך גרויס זייער סאַטיספאַקציע, אַז ערגעץ־ווו אין דער וועלט זענען יידן זעלבשטענדיק, בעלי־בתים פֿאַר זיך און ענטפֿערן מיט קלעפּ אויף קלעפּ, בפֿרט, אַז זיי ענטפֿערן, מיט אַ כוח, וואָס הילכט אָפּ אין דער גאַנצער וועלט.

האָבן מיר אין די לעצטע חדשים אַ סך געלייענט אין די יידישע צייטונגען, וועגן די גבורה־טאָטן פֿון אונדזערע קאַמף־איינהייטן. און עס איז טאַקע געווען וואָס צו דערציילן און מיט וואָס זיך צו באַרימען. מיר האָבן אָבער זעלטן ווען געטראָפֿן אַ שילדערונג פֿון די לאָסטן, וואָס די קאַמפֿן לייגן אַרויף אויפֿן ישוב; וועגן די צעשטערונגען וואָס די מלחמה ברענגט אונדז; וועגן די קרבנות, וואָס דאָס פֿירן די אונדז אויפֿגעצוווּנגע־נע מלחמה פֿאָדערט פֿונעם ישוב. עס איז נישט גוט און עס ברענגט נישט קיין נוצן, אַז מען באַקומט אין חוץ־לארץ דעם רושם, אַז דער ישוב און זיין יוגנט פֿאַרמאָגן איבערמענטשלעכע כוחות און פֿעיקייטן; אַז די מלחמה איז פֿאַר אונדז אַ לייכטע שפּיל און אַלץ איז נאָר ליכט אָן שאָטן.

די גבורה־טאָטן פֿונעם יידישן מענטש אין זיין היימלאַנד, סיי אין צייטן פֿון שלום בעת דער שווערער אויפֿבוי־אַרבעט, סיי אין צייט פֿון קריג אין די קאַמף־פּאָזיציעס, זענען אַזוי געוואַלדיק גרויס, אויך אָן יעדער באַפּוצונג און איבערטרייבונג, אַז עס איז נישטאָ קיין שום חשש צו שיל־

דערן דיווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז. די גבורה־מעשים זענען קודם־כל אַ רעזולטאַט פונעם פאַקט, וואָס דער יידישער מענטש בויט און קעמפט אין זיין היימלאַנד, אויף זיין אייגענעם באָדן, פאַר דער עקזיסטענץ פון זיין אייגענער היים. אָבער גראָד ווי די יאָרן־לאַנגע אויפבוי־אַרבעט, וואָס האָט צוגעגרייט און דערמעגלעכט אונדזער נצחון אינעם קאַמף, איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און קרבנות און מיט דער הילף פון יידן אין דער גאַרער וועלט, אַזוי איז אויך אונדזער מיליטערישער נצחון פאַרבונדן מיט גרויסע קרבנות, מיט געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען און פאָדערט די מאַקסימאַלע מיטבאַטייליקונג נישט נאָר פון יידן וואָס זענען שוין אין לאַנד, נאָר פון יידן אין גאָר דער וועלט.

ג

יידן טאָרן אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז דערווייל זענען מיר אין ארץ־ישראל ערשט אַרום 700 טויזנט נפשות, אַז דעם קריג האָבן אונדז דערקלערט אַ ריי אַראַבישע לענדער, וואָס זייער באַפעלקערונג איז צאָלמעסיק פילפאַכיק גרעסער. ווייטער מוז מען געדענקען, אַז אַט די אַראַבישע לענדער האָבן אַ שטאַרקן פאַרבינדעטן, וואָס איז פאַראינטערע־סירט זיי צו שטאַרקן און צו שיקן זיי וואָפן. מיר האָבן נישט אַזאַ פאַרבינ־דעטן. מיר מוזן קויפן וואָפן אין געהיים. און עס איז אָן ספק אַ גרויסע הילף פאַר אונדז, וואָס מיר קענען קויפן וואָפן. אָבער אויך די, וואָס פאַר־קויפן אונדז וואָפן אין געהיים, און זיי ווייסן, אַז מיר מוזן ביי זיי קויפן די וואָפן, ווייל מיר האָבן נישט קיין סך ברירות — צוליב דעם עמבאַרגאָ אין אַמעריקע און צוליב דעם דרוק פון דער ענגלישער רעגירונג אויף אַ ריי לענדער — זיי מאַכן זיך דערביי נאַטירלעך קודם־כל זייער אייגענעם חשבון, וואָס דריקט זיך אויס פאַר אונדז אין אַ גאָר שווערער פינאַנציע־לער לאַסט.

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים קען מען נישט פאַרעפנטלעכן די צאָל פול־מאָביליזירטע פון אונדזער אַרמיי. זי איז אָבער אַ גענוג גרויסע און פראָפּאָרציאָנעל פילפאַך העכער, ווי אין די אַראַבישע לענדער, וואָס פירן קריג קעגן אונדז. דאָס מיינט, אַז זינט חדשים זענען צענדליקער טויזנטער יונגע מענטשן אָפּגעריסן ביי אונדז פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן און שאַפן נישט קיין פּראָדוקטיווע ווערטן, אין אַ סך אַ גרעסערער פּראָפּאָרץ

ווי ביי אונדזערע שונאים. און די צרה איז, וואָס מיר ווייסן גאָרנישט ווי לאַנג דאָס וועט דויערן. אונדזערע הוצאות אויף אויסצוהאַלטן די ארמיי און כסדר פאַרשטאַרקן איר באַוואָפענונג און אַנדערע הוצאות, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה (און זיי זענען אויך חל אין דער צייט פון קאַמף־איבעררייס ביי די איצטיקע תנאים פון פולער מאָביליזירונג) — האָבן אָנגענומען פאַר אונדז אַסטראָנאָמישע ציפערן. אַ געוויסע צייטונגס־אַגענטור האָט געשריבן, אַז יעדע שעה פון דער מלחמה־פירונג, קאָסט אונדזער רעגירונג אַרום 20—30 טויזנט דאָלאַר. ווייס איך נישט צי דאָס איז אינגאַנצן אמת, אָבער מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז נאָענט צום אמת.

פרעמיער־מיניסטער ד. בן־גוריון, האָט דערקלערט אין 1956, אַז דער באַפרייאונגס־קריג האָט אונדז געקאָסט 500 מיליאָן דאָלאַר.

בערך אַ מיליאָן פונט אַ חודש ווערט אויסגעגעבן פאַר הילף די פאַמיליעס פון די מאָביליזירטע אין דער אַרמיי (אין דורכשניט האָבן אָנגעהעריקע פון מאָביליזירטע באַקומען 25 פונט חודשלעך). דער ישוב האָט געגעבן איבער 5 מיליאָן פונט פאַר דער ערשטער נאַציאָנאַלער הלוואה און ער וועט איצט געבן 10 מיליאָן פונט פאַר דער צווייטער הלוואה. די רעגירונגס־שטייערן וועלן איצט דאַרפן אַרייננברענגען אַרום אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט אַ חודש, אַחוץ מוניציפּאַלע שטייערן און באַשטייערונגען פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן וכדומה, וואָס זענען ביי אונדז פאַקטיש כמעט ווי אָבליגאַטאָריש. דאָס דאַרף געבן אַ ישוב, וואָס ציילט ערשט אַרום 700 טויזנט נפשות, אין אַ צייט, ווען צענדליקער טויזנטער אין מיליטער־עלטער קענען נישט פאַרדינען און זענען באַפרייט פון וועלכע עס איז שטייערן.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן יאָר 1948. פאַרגלייכונגען צום מצב אין יאָר 1957, זע אין דער נאָכשריפט צו דעם קאַפּיטל: ערשטער רעגולערער יאָר־בודזשעט פון מדינת־ישראל.

ד

אַחוץ פאַרשידענע אַנדערע ווירטשאַפטלעכע שאָדנס צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס, האָט אויך שווער געליטן אונדזער אייגענע פּראָדוקטן־פאַרזאָרגונג. מוזן מיר נאָך מער אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד. דאָס פאַרגרעסערט אונדזערע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן. נעמען מיר, למשל, אונדזער מילך און גרינסן־פאַרזאָרגונג: אַרום 2000 מילך־קי זענען פאַר־

ניכטעט געוואָרן בעת די קריגס־אָפּעראַציעס. אַרום 2500 קי האָט מען איבערגעפירט פון באַדראָטע פלעצער אין מער זיכערע ערטער. דאָס האָט אָבער מיט אַ דריטל פאַרקלענערט דעם כמות מילך, וואָס די קי פלעגן געבן. און הגם די צאָל קי אין יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן סעקטאָר איז פאַרקלענערט געוואָרן מיט 15 פּראָצענט, איז דער קוואַנטום מילך געפאַלן מיט 30 פּראָצענט. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס דאָס מיינט פאַר דער באַפעלקערונג. אונדזערע ווירטשאַפטן אין עמק הירדן, ליפערן כמעט צוויי דריטל פון די ארץ־ישראל־באַנאַנעס, האָבן זיי שטאַרק געליטן פון דער מלחמה; בעיקר צוליב דער צעשטערונג פון די וואַסער־אינסטאַלאַ־ציעס און דעם מאַנגל אין אַרבעטס־הענט. מען נעמט אָן, אַז היי־יאָר וועט אונדזער ווירטשאַפט האָבן מיט 30 פּראָצענט ווייניקער באַנאַנעס ווי פאַראַיאָרן. און דאָס מיינט אַ פאַרלוסט פון אַ סך צענדליקער טויזנטער פונטן. גרעסערע גרינס־שטחים זענען היי־יאָר נישט באַאַרבעט געוואָרן. אמת, מען גרייט איצט צו 7.300 דונאַם קאַרטאָפל און 16.000 דונאַם גרינסן. אָבער דאָס וועט געבן רעזולטאַטן ערשט אין אַ צייט אַרום, און דערווייל מוז מען גובר־זיין די שוועריקייטן פון פּראָדוקטן־קנאַפּקייט.

וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין דער מדינת־ישראל, זע דאָס ווייטערדיקע קאַפּיטל: שוועריקייטן, וואָס מדינת־ישראל, זע דאָס ווייטערדיקע קאַפּיטל: עליה און קאָלאָני־זאַציע און אויך דאָס קאַפּיטל: שוועריקייטן, וואָס מען קען גובר זיין.

ה

אין זיין פריער־דערמאָנטער ענטפער־רעדע האָט דוד בן־גוריון אונטערגעשטראָכן, אַז עס איז נישט קיין נס, וואָס די 700 טויזנט יידן האָבן באַזיגט מער ווי 30 מיליאָן אַראַבער. דאָס איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס ביי די יידן איז פאַראַן אַ סינטעז פון כוח און ווילן, אַ פאַקטאָר, וואָס פעלט ביי די אַראַבער. מיר טאָרן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז נישט תמיד מוז דאָס אַזוי זיין. דעריבער איז געווען אין צייט די וואָרענונג נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף נסים און נישט צו פייערן קיין נצחונות, כל זמן די יידישע מדינה שטייט אינעם נאָך נישט פאַרענדיקטן געראַנגל פאַר איר עקזיסטענץ. וואָלטן די מיליאָנען יידן פון דער גאָרער וועלט שוין געווען צוזאַמען מיט אונדז, אָדער אפילו נאָר אַ באַדייטנדיקער טייל פון

זיי, וואָלט מן הסתם בכלל נישט געקומען צו קיין מלחמה. זיי זענען אָבער לײדער נאָך נישט אין מדינת־ישראל. זיי מוזן זיין אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אונדזער געראַנגל אויף לעבן און טויט — מוזן זיי וויסן די גאַנצע שווערקייט און געפערלעכקייט פון דער לאַגע. זיי מוזן מאָביליזירן אַלע זייערע כוחות פאַר דעם איינעם צוועק: פאַרזיכערן אונדזער ענדגילטיקן נצחון אין דעם גורלדיקן קריג.

מיר מוזן האָבן וואָפן און אַ סך וואָפן און וואָס גיכער; מיר מוזן האָבן געלט און אַ סך געלט און וואָס גיכער; מיר מוזן האָבן נאָך יידן און וואָס מער און וואָס גיכער. נאָר דעמאָלט וועט אונדזער יוגנט קענען באַוויזן וווּנדער אין די קאַמפן. איז נויטיק, אַז יידן זאָלן וויסן דעם פולן אמת — די ליכט־ און שאָטן־זייטן. די ליכט־זייטן זענען אַזוי געוואַלדיק גרויס, אַז עס איז נישטאָ קיין שום פחד, אַז די שאָטן־זייטן — וואָס עס מיינט די שוועריקייטן און סכנות און וואָס עס פעלט אונדז — זאָלן קענען אויף אַ האָר אָפּשוואַכן דעם פעסטן גלויבן אין אונדזער ענדגילטיקן נצחון.

בילד 28: משה שרת און ראַלף באַנטש

(נאָך דער דערמאָרדונג פון גראַף בערנאַדאָט, דער הויפּט פון דער יו־ען דעלעגאַציע)

אין שאָטן פונעם בערנאַדאָט־מאָרד

א

מיר האָבן געענוג שנעל און אָן גרעסערע שוועריקייטן גובר־געווען דעם קריזיס, וואָס האָט אונדז געדראָט אין אונדזער אינערלעכן לעבן, אַלס רעזולטאַט פונעם בערנאַדאָט־מאָרד, בעת זיין געזעגענונג־באַזוך אין ירושלים, דעם 17־טן סעפטעמבער 1948. די גרופּע וואָס האָט אינספּירירט דעם מאָרד האָט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט נאָר אַן אָנגריף קעגן דרויסן נאָר אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס קעגן דער יידישער מאַכט. כמעט די גאַנצע פּרעסע האָט שאַרף פאַראורטיילט דעם מאָרד. דער בירגערלעך רעכטער „הבוקר", למשל, האָט געשריבן: „די קוילן וואָס האָבן געטראָפן בערנאַדאָטן זענען דורך אים אַדורך און געטראָפן די פאַרשטייער פונעם יידישן פאָלק, אַלע פיינט פון אונדזער היימלאַנד און די וואָס שטרעבן צו אונדזער חורבן, האָבן זיך געפרייט פון דער טאַט". די צייטונג פון מזרחי „הצופה": „אַ מדינה וואָס וועט דערלויבן, אַז אַ קליינע אָדער אַ גרויסע גרופּע, זאָל נעמען דאָס רעכט אין אירע הענט, צעשטערט זיך אַליין, זי גיט אַרויס אויף זיך אַ טויט־אורטייל, אויב זי רייסט נישט אויס מיטן וואָרצל דאָס שלעכטע".

די פראַגע איז געווען, אויב די ישראל־רעגירונג וועט באַלד אָנגע־ מען מאַסמיטלען אויסצורייסן דעם טעראָריזם מיטן וואָרצל. דערפון איז געווען אַ סך אָפּהענגיק ווי אַזוי די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס און זייערע סימפּאַטיקער וועלן רעאַגירן און ווייטער האַנדלען, און ווי עס וועלן האַנדלען די קרייזן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון די טעראָר־גרופּן אַלס אַ בייטש קעגן דער רעגירונג.

אין די אַנטשיידנדיקע שעהען, ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן וועגן אירע האַנדלונגען, זענען ווידער געקומען די שטענדיקע וואָרנער און צווייפלער און האָבן ווידער פאָרגעשלאָגן האַלבע מעשים, כדי אָפּצו־

היטן שלום־בית און אויסצומײדן אַ בירגער־קריג. דאַסמאָל האָט מען נישט אָנגענומען זײער עצה און דערמיט האָט מען פאַרהיטן אַ שווערן אינערלעכן קריזיס און בלוט־פאַרגיסונג. עס איז כמעט זיכער, אַז האַלבע מעשים פון דער רעגירונג אין יענע טעג וואָלטן געפירט צו אַ פאַרקערטן עפעקט. די טעראָריסטן וואָלטן עס אויסגעטײטשט, אַז די רעגירונג האָט מורא אײנצורײסן מיט זײ און מען וואָלט געמוזט באַנוצן וואָפן־געוואַלט, כדי זײ צו אַנטוואָפענען אין ירושלים. האַלבע מעשים פון דער רעגירונג וואָלטן געדינט אַלס צײכן, אַז מען קען אויך אין אַנדערע טײלן פון לאַנד אַריבערגײן צו אַגרעסיווע האַנדלונגען און נישט נעמען אין אַכט אָנווײזונגען פון דער רעגירונג.

אין דעם געזעץ, וועגן אויפשטעלן צבא הגנה לישראל (צה״ל), דעם 26־טן מאַי 1948, ווערט געזאָגט אין פּאַראַגראַף 4: „עס איז פאַרבאָטן צו גרינדן אָדער פאַרזעצן דעם קיום פון וועלכער־עס־איז באַוואָפנטער קראַפט, מחוץ צבא הגנה לישראל״. צוליב דער ספּעציפישער ירושלימער לאַגע, האָט מען נישט תיכף געפאָדערט פון די סעפּעראַטיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין ירושלים, אַז זײ זאָלן אָפּליפערן זײער געווער, אַזוי ווי דאָס איז געשען אין גאַנצן לאַנד. מען האָט עס ערשט געטאָן נאָכן בערנאַדאָט־מאָרד. צווישן די טענות פון די פּורשים, אויף צו באַרעכטיקן דאָס נישט אָפּליפערן זײערע וואָפן אין ירושלים, האָט מען אויך געהערט דעם אויסרײד, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פון ירושלים איז נאָך נישט אַנטשידן און דאָס וואָס זײ האָבן זיך פאַרפליכטעט לגבי דעם שטח פון מדינת־ישראל (וואָס אויך דאָס האָבן זײ, אגב, נישט אויסגעפירט) נעמט נישט אַרײַן ירושלים.

אויסנפּאָליטיש האָבן מיר דעם קריזיס נאָך נישט גובר־געווען. אמת, די רעאַקציע איז בדרך־כלל נישט אַזאַ שאַרפע ווי מען האָט גערעכנט אין די ערשטע טעג נאָכן מאָרד, בפרט אין אָנבליק פון דער שאַרפער רעאַגירונג אין שוועדן. ראָבערט וועלטש האָט טעלעגראַפירט דעם „הארץ״: „דער בערנאַדאָט־מאָרד האָט אַרויסגערופן אין שוועדן אַן אויסברוך פון אַנטי־ײדישע און אַנטי־ציוניסטישע געפילן״. וויכטיקע אינפאָרמאַטאָרן פון אויסלאַנד וואָרענען אונדז. לויט זײער מײנונג, וועט מען נאָך בײ אַ סך געלעגנהײטן אונדז אַטאַקירן פאַר דער מאָרד־טאַט.

ב

עס וועט זיין נישט גערעכט, צו נעמען ערנסט די מיינונג, וואָס אונדזערע קעגנער האָבן פאַרשפּרייט אין די ערשטע טעג נאָכן מאָרד, אַז די שאַרפע קריטיק פון בערנאַדאָטס פאַרשלאַגן, האָט פסיכאָלאָגיש צוגע־גרייט דעם באָדן פאַרן ירושלימער מאָרד. די קרייזן פון וועלכע עס קומען די מערדער, רעכענען זיך גאָר קנאַפּ מיט דער עפנטלעכער מיינונג און אירע געפילן.

דער טראַגישער טויט פון גראַף בערנאַדאָט שטעלט אָבער פאַר אונדז אַוועק די אַלגעמיינע פראַגע, פון דעם אופן, ווי אַזוי מיר נעמען געוויינלעך אויף מיינונגען, מיט וועלכע מיר זענען נישט מסכים, אויך אַזעלכע, מיט וועלכע מיר קענען נישט מסכים־זיין.

בערנאַדאָט איז נישט געווען קיין ייד און איז נישט געווען קיין ציוניסט. ער האָט נישט געקענט פילן דאָס וואָס מיר פילן און ער האָט נישט געמוזט קומען צו יענע מסקנות צו וועלכע מיר מוזן קומען. ער האָט גענומען אויף זיך צו זוכן אַן אויסוועג אין איינער פון די פאַרפּלאָנטערט־סטע און קאָמפּליצירטסטע וועלט־פראַגן. ער האָט עס גענומען אויף זיך אין מאַי 1948, ווען ביי די רעאַלע באַדינגונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום אַנדערער אויסוועג ווי די וואָפן־אַנטשיידונג צווישן דער יונגער ישראל־מדינה און אַלע אַרומיקע אַראַבישע לענדער. מיר זענען דעמאָלט געווען פאַראינטע־רעסירט, אַז דער באַוואָפנטער קאַמף זאָל נישט געפירט ווערן אויף דער באַזע פון קאַפּיטולאַציע אַן תנאים. איך ווייס נישט, צו מיר זענען היינט פאַראינטערעסירט אין אַזאַ מין קאַמף, הגם מיר זענען מיליטעריש אַן אַ פאַרגלייך פיל שטאַרקער ווי דעמאָלט און אונדזער מיליטערישער זיג איז אַ סך זיכערער ווי דעמאָלט. אונדזער מדינה ליגט אין אַ באַשטימטן וועלט־טייל. אונדזערע פריינט, אויף וויפיל מיר האָבן זיי, זיצן גענוג ווייט פון אונדז. מיר מוזן פאַרבלייבן מיט די שכנים, מיט וועלכע מיר קעמפן היינט, און זיי וועלן דאָ פאַרבלייבן, אויך נאָך אונדזער פולן זיג. דעמאָלט, סוף מאַי 1948, האָבן מיר נישט נעגירט די פונקציע, וואָס בערנאַדאָט האָט גענומען אויף זיך, אין שליחות פון דער יו־ען, הגם מיר האָבן געוווסט ווי קליין עס זענען די שאַנסן, אַז ער זאָל קענען מצליח־זיין.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז בערנאַדאָט איז געשטאַנען אונטער

דער השפּעה פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער פּאָליטיק און האָט געגלויבט, אַז זי איז די ריכטיקסטע; עס קען אויך זיין, אַז אויף אים האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אַראַבישע שילדערונגען, וואָס שטייען נישט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו דער ווירקלעכקייט. נאָכמער, אַז אייראָפּעאישע „פּאַכלייט" האָבן זיך זיכער צוגעאיילט אים צו באַשטעטיקן די אַראַבישע פאַנטאַזיעס אַלס רעאַלע טאַטזאַכן. זיינע ערשטע פּאָרשלאָגן פונעם 27־טן יוני 1948 טראָגן בולטע סימנים פון די ביידע מעגלעכקייטן. אין פאַרגלייך צו זיי זענען די פּאָרשלאָגן פונעם 16־טן סעפּטעמבער 1948 (אַ טאָג פאַר זיין דערמאָרדונג) אַ גרויסער פאָרשריט צו אונדזער גונסטן, אָבער מיר קענען זיי פונדעסטוועגן נישט אַקצעפּטירן און אונדזערע פאָרשטייער אין יו־ען וועלן זיך באַמיען זיי דורכצוואַרפן. די דאָזיקע ענדערונג אין משך פון קנאַפּע דריי חדשים איז זיכער אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון אונדזערע מיליטערישע דערפאָלגן אין די 10 קאַמפּס־טעג, צווישן 9־טן און 18־טן יולי. זיי זאָגן אָבער אויך עדות פון בערנאַדאָטס פעיקייט צו נעמען אין אַכט פאַקטן און זיך רעכענען מיט רעאַליטעטן און אַרגומענטן.

> די פּאָזיטיווע זייטן פון די פּאָרשלאַגן, וואָס גראַף בערנאַדאָט האָט צוגעגרייט פאַר דער יו־ען זיצונג אין פּאַריז, אין האַרבסט 1948, זענען געווען פאָלגנדע: דער גאַנצער גליל ווערט באַשטימט אַלס יידישער געביט; עס ווערט נישט געמאַכט קיין איינווענדונג קעגן דער פּאַקטישער איינשליסונג פון יפו אין דער יידישער מדינה: די באַווייזונג, אַז מען מוז פאַרבייטן דעם וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט אַ פאָרמעלן שלום אָפּמאַך; דער פאָרשלאַג צו קאָמפּענסירן די אַנטלאָפענע אַראַבער, וואָס ווילן נישט צוריקקומען, וואָס עס ווערט אָנגענומען ווי אַן אָנצוהערעניש ווי אַזוי צו לייזן דאָס פּליטים־פּראָבלעם. די נעגאַטיווע זייטן וועגן אָבער ווייט אַריבער די פּאָזיטיווע. זיי זאָגן: דער נגב זאָל זיין אַראַביש; חיפה — אַ פרייער האַפן; לוד — אַ פרייער לופט־פּאָרט; רמלה און לוד — אַראַביש; ירושלים און די סביבה, לויט די באַשלוסן פון יו־ען — אונטער דער אויפזיכט פון יו־ען; דעמאָביליזירן די יידישע אַרמיי, בעת וועגן די אַראַבישע אַרמייען ווערט נאָר געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך צוריקציען אין זייערע לענדער אַאַז"וו.

נישטאָ פאַר אונדז קיין שום פאַרפליכטונג צו אַקצעפּטירן בערנאַ־

דאָטס פּאַרמיטלונגס־פּאָרשלאַגן, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פּשרה־פּאָרשלאַגן. מיר דאַרפן וועגן יעדן פּאָרשלאַג אורטיילן, לויט דעם, אויף וויפיל ער נעמט אין אַכט אונדזערע לעבנסוויכטיקע אינטערעסן. עס וועט אָבער זיין נישט ריכטיק פון אונדז אָוועקצושטעלן אין פּאָרויס יעדן פּאָר־שלאַג־געבער, מיט וועמענס פּאָרשלאַגן מיר קענען נישט מסכים־זיין, אַלס אונדזער שונא, אַלס אַ געדונגענעם פון אונדזערע שונאים — אויף יעדן פּאַל נישט אין פּאָרויס פּסלען זיין גוטן ווילן און זיין שטרעבן צו אַ געווי־סער אָביעקטיוויטעט. מיר דאַרפן פּסלען די פּאָרשלאַגן און אויפּווייזן זייער אומגערעכטיקייט און נישט ווענדן אונדזער גאַנצן כּעס קעגן פּאָר־שלאַג־געבער. עס איז מן הסתם נישט דער לעצטער פּאַל, ווו מיר וועלן געשטעלט ווערן פּאַר אַזעלכע נסיונות. אויך נאָכן דערגרייכן און פּאַרזי־כערן אונדזער זעלבשטענדיקע מדינה, וועלן מיר נישט קענען לעבן איזאָ־לירט פון דער וועלט, איגנאָרירן אירע מיינונגען און זיך שטיצן איינציק־און־אַליין נאָר אויף אונדזערע וואָפן. עס וועט אונדז ווייניק נוצן אויב מיר וועלן תמיד און ביי אַלע געלעגנהייטן קומען צו דער מסקנה, אַז דער וואָס נעמט נישט אָן הונדערט־פּראָצענטיק אונדזער מיינונג, איז אַ שונא. די וועלט, ווי שלעכט, ציניש און פּאַרדאָרבן זי זאָל נישט זיין — מיר זענען נאָך אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון איר. אָט די וועלט וועט נישט אָקצעפּטירן אַזאַ צוגאַנג און מיר וועלן נישט געווינען קיין סימפּאַ־טיע און נוצן מיט אַזאַ צוגאַנג.

ג

מיינער אַ פריינט, וואָס האָט באַזוכט עטלעכע לענדער אין יענעם טייל אייראָפּע, וואָס איז פּאַרבונדן מיטן ראַטנפּאַרבאַנד, האָט מיר דער־ציילט וועגן זיינעם אַן אינטימען געשפּרעך מיט אַ וויכטיקן מלוכה־מאַן אין איינעם פון די וויכטיקע לענדער פון יענעם בלאָק. פּאַראַן יידן אין די לענדער, וואָס מאַכן גרויסע באַמיונגען, אַז די אָרטיקע מלוכה־מענער זאָלן געניי וויסן ווער זענען אין מדינת־ישראל די „בעווין־סאָציאַליסטן" און ווער זענען „אָקטאָבער־טרייע" סאָציאַליסטן. דער מלוכה־מאַן האָט לכן גענוי געוווּסט, אַז ער רעדט מיט אַ „בעווין־סאָציאַליסט". נאָכדעם ווי מיין פריינט האָט אים אויפגעקלערט אונדזער לאַגע אין דעם וועלט־ווינקל, האָט אים דער מלוכה־מאַן אָפן געזאָגט: איר מוזט עפּעס לערנען פון דער

לאַגע אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, למשל אין 1938, איר האָט אין אַן עת־צרה די פריינטשאַפט פון ווייטע לענדער ווייניק גענוצט. זיך צו פאַר־לאָזן נאָר אויף דער פריינטשאַפט פון לענדער, וואָס זענען געאָגראַפיש ווייט און האָבן נישט אין דער נאָענט קיין רעאַלן כוח, איז אַ געפערלע־כע לאַגע.

מיר קענען אונדזער קעגנערשאַפט צו די בערנאַדאָט־פאָרשלאָגן נישט פאַרבינדן מיט די קאָנצעפּציעס, וואָס טיילן איצט די וועלט אין צוויי בלאָקן. מיר מוזן דערביי גיין אונדזער אייגענעם וועג און שיצן אונדזערע אייגענע אינטערעסן. אונדזער הויפּט־אַרגומענט פאַרוואָס מיר זענען קעגן אָפּרייסן דעם נגב פון מדינת־ישראל, קען נישט זיין נאָר ווייל דער נגב וועט דעמאָלט פאַקטיש זיין אין ענגלאַנדס הענט, און אַזאַ פּערספּעקטיוו איז אונדז נישט צום האַרצן (דאָס איז געווען אין יענעם מאָמענט — 1948, די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע רעאַליטעט). אונדזער הויפּט־אַרגומענט איז, אַז מיר מוזן האָבן דעם שטח, כדי צו קענען אויפנע־מען און קאָלאָניזירן יידן אין מדינת־ישראל. מיר קעמפן קעגן אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלן רעזשים אין ירושלים, הגם דאָס איז אַ באַשלוס פון יו־ען פונעם 29־טן נאָוועמבער 1947, אויך ווען אַלע פינף גרויסמאַכטן וועלן זיין באַטיי־ליקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אויפזיכט (פאַראַן גוטע פריינט וואָס מיינען, אַז וואָס עס פעלט אונדז איז דער אָנטייל פון אַלע פינף „גרויסע" אין דער אויפזיכט), ווייל מיר האַלטן אַן אינטערנאַציאָנאַלן רעזשים אין ירושלים פאַר נישט גערעכט. אַוודאי וועט אונדז זיין אַ סך ליבער, ווען אינעם אַראַבישן טייל פון ארץ־ישראל, וועט געשאַפן ווערן אַ זעלבשטענדיקע אַראַבישע מדינה, אַזוי־ווי עס הייסט אין די יו־ען־באַשלוסן פונעם 29־טן נאָוועמבער 1947. עס וואָלט אָבער געווען אַביסל צו פיל פאָדערן פון אונדז, אַז מיר זאָלן פאַרזעצן דעם קריג, ביי דער פּאַסיוויטעט פון דער יו־ען, נאָר דערפאַר וואָס דאָס איז נישט געשען, און דער אַראַבישער טייל ווערט אַנעקטירט פון די אַראַבישע שכנים־לענדער.

הגם עס איז אין דער היינטיקער וועלט־קאָנסטעלאַציע זייער שווער פאַר אַ קליין פאָלק צו גיין אַן אייגענעם וועג, האָבן מיר אָבער איצט נישט קיין אַנדערן וועג. די וואָס עצהען אונדז בלינדע פריינטשאַפט אָדער בלינ־דע קעגנערשאַפט, עצהען אונדז זייער שלעכט.

סוף סעפּטעמבער 1948.

דער אָנהויב: מלוכה־בודזשעט און מלוכה־שטייערן

א

די בודזשעט־ און שטייער־פראַגן פון מדינת־ישראל, וואָס זענען אין די לעצטע וואָכן באַהאַנדלט געוואָרן אויף עטלעכע זיצונגען פונעם ציִטווייליקן מדינה־ראַט, האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס און וויכוחים. די פרעסע האָט וועגן זיי אויספירלעך געשריבן; פּאַרטייען און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעהאַלטן באַזונדערע באַראַטונ־גען; מען האָט דעבאַטירט, אָנגענומען רעזאָלוציעס און געשיקט דעלעגאַ־ציעס צום פינאַנץ־מיניסטער, כדי אויסצופועלן ענדערונגען. אין קעגנזאַץ צו אונדזער פּאַרלאַמענטאַרישער געוווינהייט, ביי ציוניסטישע קאָנגרעסן און אַנדערע יידישע קאָנפערענצן, ווו די בודזשעט־ענינים געהערן בדרך־כלל נישט צו די אינטערעסאַנטע טעמעס, איז די בודזשעט־פראַגע אין מדינת־ישראל געוואָרן איינע פון די אַקטועלע טאָג־פראַגן, מיט אַ סך מיינונגס־פאַרשידנקייט.

דער ויכוח איז נישט קיין אַבסטראַקטער. עס האַנדלט זיך, וועגן אַ זייער רעאַלן ענין, וואָס יעדער בירגער איז פּערזענלעך אין אים פאַר־אינטערעסירט: וויפיל וועט ער דאַרפן צאָלן שטייערן? ווי אַזוי וועט זיין געבויט אונדזער שטייער־סיסטעם? ווער וועט טראָגן דעם הויפּט־עול פון די שטייערן? וועלן די שטייערן זיין דירעקטע אָדער אומדירעקטע? פּראָגרעסיווע אָדער נישט? אויף וואָס וועט די רעגירונג אויסגעבן די שטייערן?

אויך אין חוץ־לארץ פלעגן אַמאָל פאָרקומען יידישע באַראַטונגען וועגן שטייער־ענינים. בעיקר אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער ביז 1939 (אָדער אין געוויסע לענדער, ווי טערקיי, למשל, סוף 1942). דאָס זענען געווען באַראַטונגען וועגן דעם, ווי אַזוי זיך צו שיצן קעגן דעם פאַרמאַסקירטן פרווו פון די רעגירונגען, אַרויפצולייגן אַ האַנט אויף דעם

יידישן פאַרמעגן און פאַרניכטן די ווירטשאַפטלעכע עקזיסטענץ־מעגלעכ־קייט פון די יידן. מען האָט עס געוואָלט אַדורכפירן מיט ספּעציעל פאַר דעם צוועק צוגעשניטענע שטייער־געזעצן. דאָסמאָל, אינעם ויכוח אין מדינת־ישראל, האָבן יידן דעבאַטירט וועגן עצם שטייער־סיסטעם, וואָס זיי דאַרפן פאַר זיך באַשטימען. וועגן דעם, וועלכע שיכטן דאַרפן נעמען אויף זיך אַ גרעסערע לאַסט, נישט ברענגענדיק דערביי קיין שאָדן דער אַנט־וויקלונג פון דער ווירטשאַפט.

דער דאָזיקער לעבהאַפטער ויכוח איז אַ גוטער סימן אַז מיר זענען אויפן וועג צו דער סטאַביליזירונג פון אונדזער מדינה־לעבן, אַ סימן, אַז די ישראל־בירגער זענען זייער זעלבשטענדיקע מדינה אַלס פעסטע רעאַלי־טעט. זיי פאַרשטייען, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַן איינמאָליקן „קאַמפּיין", נאָר וועגן אַ פאַרפליכטנדיקער שיטה, וואָס מען צייכנט איצט אָן איר כאַראַקטער. לויט די איצט באַשטימטע יסודות, וועט מען ווייטער אויסבויען און פאַרפולשטענדיקן דעם סיסטעם, לויט וועלכן מדינת־ישראל וועט באַשטימען אירע שטייער־ און בודזשעט־ענינים.

ב

אויפן ערשטן פייער איז געגאַנגען דער הכנסה־שטייער־פּראָיעקט. הגם עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח אַ שטייער, וואָס דאַרף דעקן נאָר אַ פערטל פון די הכנסות פון די פליכט־צאָלונגען, איז אַרום אים געפירט געוואָרן דער לעבהאַפטיקסטער ויכוח. געוויסע בירגערלעכע שיכטן, מיט דער פאַרטיי פון די אַלגעמיינע ציוניסטן בראש, האָבן שאַרף אָנגעגריפן דעם פּראָיעקט און געטענהט, אַז ער טראָגט אין זיך סכנות פאַר דער פּריוואַט־איניציאַטיוו און ער וועט פאַרטרייבן פרעמד־קאַפּיטאַל פון איב־וועסטירונגען אין ישראל. די גאַנץ לינקע קרייזן, ווידער, האָבן געטענהט, אַז מען באַשטייערט צו הויך מענטשן מיט קליינע פאַרדינסטן און צו נידעריק מענטשן מיט גרויסע פאַרדינסטן.

די פּראָיעקט־געבער רעכענען, אַז דער הכנסה־שטייער וועט געבן בערך 4 מיליאָן פונט אַ יאָר. פאַרן בודזשעט־יאָר 1958/59 ווערן פאָרגע־שלאָגן 250 מיליאָן פונט. ווי געזאָגט דאַרף ער געבן בערך 25 פּראָ־צענט פון דער אַלגעמיינער, רעגולערער הכנסה (אחוץ באַן, פּאָסט אאז"וו).

אין די צייטן פון דער בריטישער מאַנדאַט־רעגירונג האָט דער הכנסה־שטייער בלויז געגעבן 12 ביז 15 פּראָצענט פון די רעגולערע הכנסות. עס איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן דער פּראָגרעסיווער יסוד פון דעם שטייער. די ערשטע 250 פונט יערלעכע הכנסה זענען שטייער־פריי (פריער נאָר 200); פאַר יעדן קינד ביז 20 יאָר זענען 75 פונט שטייער־פריי (פריער 40 פונט פאַרן ערשטן קינד, 30 פאַרן צווייטן קינד, 20 פאַרן דריטן און 10 פאַרן פערטן); אַ פאַרהייראַטער שטייער־צאָלער האָט 100 פונט שטייער־פריי; אויב דער שטייער־צאָלער שטיצט זיינע, אָדער זיין פרויס עלטערן, האָט ער אַ געוויסע סומע שטייער־פריי; אויסגאַבן פאַר לעבנס־פאַרזיכערונג, שפּענדן פאַר נאַציאָנאַלע פאָנדן און פאַר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע צוועקן, ביז צו אַ געוויסער הויך, זענען שטייער־פריי. בסך־הכל איז דערלאָזבאַר, אַז ביז 1200 פונט יערלעכע הכנסה זאָלן זיין שטייער־ פריי.

פון די ערשטע 300 פונט הכנסה, אַריבער דער שטייער־פרייער סומע, צאָלט מען 10% הכנסה־שטייער. דאָס מיינט, אַז ווען איינער פאַר־דינט 900 פונט אַ יאָר, און 600 פונט זענען שטייער־פריי, צאָלט ער הכנסה־שטייער 30 פונט אַ יאָר; פון די צווייטע 300 פונט הכנסה נאָך דער שטייער־פרייער סומע צאָלט ער שוין 15% און 5% מלחמה־צולאָג; פון די דריטע 300 פונט 20% און 10% מלחמה־צולאָג; פון די פערטע 300 פונט 25% און 15% מלחמה־צולאָג און אַזוי ווייטער.

דער מלחמה־צולאָג איז חל נאָר ביז דעם 1־טן אַפּריל 1949.

בדרך־כלל וועט דער הכנסה־שטייער פאָדערן, למשל, פון אַ פאַר־הייראַטן מענטשן מיט 2 קינדער, וואָס פאַרדינט 800 פונט אַ יאָר בערך 15 ביז 22 פונט שטייער; פון 1000 פונט — 40 ביז 50 פונט; 1500 פונט אַ יאָר — 160 ביז 180 פונט; 2000 פונט — 350 ביז 400 פונט; 3000 פונט — אַרום 35 ביז 37 פּראָצענט; 4000 פונט — אַרום 45 — 46 פּראָ־צענט; 6000 פונט — אַרום 55 ביז 57 פּראָצענט.

אויב מען נעמט אַראָפּ דעם מלחמה־צולאָג, ווערט דער שטייער, נאַטירלעך, קלענער. פאַרגלייכט מען די טאַבעלע מיט די הכנסה־שטייער־צאָלונגען בעת דער מלחמה, אין פאַרשידענע לענדער, זעט מען, אַז זיי זענען נאָר עטוואָס העכער ביי די וואָס פאַרדינען מער ווי 4000 פונט

אַ יאָר. אָבער אין אַ סך פאַלן קלענער ביי די קלענערע און מיטעלע פאַרדינער.

אין 1958 זענען יאָר־פאַרדינסטן ביז 2,400 פונט (אַ בעל משפחה מיט 2 קינדער) פריי פון הכנסה־שטייער. ביי אַ חודש־פאַרדינסט פון 250 פונט, צאָלט מען 8 פונט הכנסה־שטייער; פון 300 פונט אַ חודש 18,5 פונט הכנסה־שטייער; פון — 350 פונט אַ חודש — 31 פונט; — 400 פונט אַ חודש — 46 פונט הכנסה־שטייער; 450 פונט אַ חודש — 61 פונט; פון 500 פונט חודש־פאַרדינסט — 80 פונט; 600 פונט אַ חודש — 120 פונט; פון 700 פונט אַ חודש — 168 פונט; פון 800 פונט חודש־פאַרדינסט — 222 פונט הכנסה־שטייער.

ווי געזאָגט רעדט זיך דאָ וועגן אַ בעל־משפחה מיט 2 קינדער. ביי אַ משפחה אָן קינדער איז דער הכנסה־שטייער פיל העכער; ביי אַ חודש־פאַרדינסט פון 300 פונט אַ חודש — 32 פונט הכנסה־שטייער; פון 400 פונט אַ חודש — 62 פונט; פון 500 פונט אַ חודש — 100 פונט; פון 700 פונט אַ חודש — 192 פונט. ביי אַ חודש־פאַרדינסט פון 800 פונט צאָלט מען 249 פונט הכנסה־שטייער.

דער רעגולערער האַלב־יאָר בודזשעט, פאַר דער צייט 1־טער יולי — 31־טער דעצעמבער 1948, רעכנט אויף אַ הכנסה פון 7 מיליאָן און 800 טויזנט פונט. דערפון די גרעסערע העלפט אומדירעקטע שטייערן, בעיקר פון אָפּצאָלן פאַר אימפּאָרטירטע סחורות — 4 מיליאָן פונט, און קרוב איין מיליאָן אַקציז־אָפּצאָלן אויף טאַבאַק, אַלקאָהאָלישע משקאות אאז״וו. די דירעקטע שטייערן זענען קודם־כל דער פריער דערמאַנטער הכנסה־שטייער — צוויי מיליאָן פונט פאַר אַ האַלב יאָר און אַנדערע קלענערע סכומים.

דער הוצאות־בודזשעט פאַר אַ האַלב יאָר איז איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: א) רעגולערער בודזשעט, 4,8 מיליאָן פונט; ב) ספּעציעלער בודזשעט פאַר דער מלחמה־תקופה — 1,7 מיליאָן פונט; און ג) אויסער־אָרדנטלעכער בודזשעט און רעזערוו — 1,3 מיליאָן פונט. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז די 1,7 מיליאָן פונט אויסגאַבן פונעם ספּעציעלן בודזשעט פאַר דער מלחמה־תקופה, דעקן נאָר אַ קליינעם טייל פון די הוצאות, וואָס די מלחמה־פירונג פאָדערט. און די הוצאות פון דער מלחמה־פירונג בילדן

די גאָר, גאָר שווערע לאַסט, וואָס אונדזער יונגע מדינה מוז טראָגן. דער־פאַר מוז דער רעגולערער בודזשעט זיין אַזוי באַשיידן, און מיר זענען דערפאַר אויך געצוואונגען דערוויל אָפּלייגן דרינגענדיקע אויפגאַבן. איינ־דעראמתן איז שוין איצט נויטיק אַ רעגולערער בודזשעט פון מינימום 24 מיליאָן פונט אַ יאָר. עס קענען דעריבער דערוויל נישט געמאַכט ווערן יענע ענדערונגען, וואָס מיר אַנערקענען זייער נויטווענדיקייט און וועלן אַוודאי געמאַכט ווערן מיט דער צייט.

אָבער אויך היינט זעען מיר שוין געוויסע טענדענצן, וואָס זאָגן עדות אויף דער ריכטונג פונעם בודזשעט פון מדינת־ישראל. אין דער תקופה פון דער מאַנדאַט־רעגירונג האָט, למשל, דער בודזשעט פון דער פּאָליציי באַטראָפן בערך אַ דריטל פון די רעגירונגס־הוצאות — 600 טויזנט פונט אַ חודש. איצט זענען זיי פאַרקלענערט געוואָרן — 110 טויזנט פונט אַ חודש — אַרום 12 — 13 פּראָצענט פונעם בודזשעט. ביז דעם 1־טן אַפּריל 1949 — 2.264.000 פונט. דער רעגירונגס־אַנטייל אינעם דערציונגס־בודזשעט איז פאַרטאָפּלט געוואָרן פון 300 טויזנט פונט אַ יאָר אויף 300 טויזנט פונט אַ האַלב יאָר. ביז דעם 1־טן אַפּריל 1949 582.000 פונט. דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל פון דעם דערציונגס־בודזשעט, וואָס באַטרעפט אַרום 5 מיליאָן פונט אַ יאָר און ווערט געדעקט בעיקר פון די מוניציפּאַליטעטן און טיילוויז אויך פון דער יידישער אַגענץ. די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אויסגעגעבן אַרום 50 פּראָצענט פונעם בודזשעט פאַר געהעל־טער; די ישראל־רעגירונג גיט איצט אויס אַרום 20 פּראָצענט פונעם בודזשעט פאַר געהעלטער. די הוצאות פאַרן געזונטהייטס־וועזן — 440 טויזנט פונט אינעם רעגולערן האַלב־יאָר בודזשעט, און פאַר סאָציאַלער הילף — 330.000 פונט, זענען ווייט נישט גענוג.

ביז דעם 1־טן מערץ 1949 פאַרן געזונטהייטס־מיניסטעריום — 952 טויזנט פונט און פאַרן מיניסטעריום פאַר סאָציאַלער הילף — 524 טויזנט פונט. דאָס איז אָבער ווייט נישט אַלץ וואָס ווערט אויסגעגעבן פאַר געזונטהייט. די הוצאות פון קופּת־חולים פון דער הסתדרות, זענען געווען אין יאָר 1948 — 2,7 מיליאָן פונט און אין יאָר 1949 — 4,5 מיליאָן פונט.

מיט רעכט האָט מען אינעם ויכוח אויפגעוויזן, אַז דאָס איז ווייניק. יעדער איז דערמיט מסכים. מען האָט נאָר נישט געוווסט, וועלכע

הוצאות קען מען אין מאָמענט פאַרקלענערן, כדי צו פאַרגרעסערן די הוצאות פאַר די דאָזיקע אויסגאַבן. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אויסגעגעבן 5% פון אירע הוצאות פאַר דעם געזונטהייטס־וועזן און סאָציאַלער הילף, און די רעגירונג פון מדינת־ישראל באַשטימט פאַר דעם צוועק אַרום 15 פראָצענט, אפילו אויך אין איר בודזשעט אין קריגס־צייט. אוודאי דאַרף מען אויך פאַרגרעסערן די בודזשעטן פאַר אַרבעט און אויפבוי וואָס באַטרעפן: 533 טויזנט פונט (ביז דעם 1־טן מערץ 1949 — 790 טויזנט פונט); לאַנדווירטשאַפט — 286 טויזנט פונט (ביז דעם 1־טן מערץ 1949 — 496 טויזנט פונט); האַנדל און אינדוסטריע 240 טויזנט פונט (ביז דעם 1־טן מערץ 1949 — 470 טויזנט פונט); שטיצע פאַר די מוניציפּאַליטעטן — 450 טויזנט פונט (ביז דעם 1־טן מערץ 1949 — 687 טויזנט פונט); רעליגיעזע באַדערפענישן — 80 טויזנט פונט (ביז דעם 1־טן מערץ 1949 — 123 טויזנט פונט) אאז"וו. דאָס פאַרגרעסערן די בודזשעטן איז אָבער דערווייל נישט מעגלעך.

ד

ווי געזאָגט איז געפירט געוואָרן אַ גאַר לעבהאַפטער ויכוח און מען האָט אַ סך קריטיקירט. צום סוף האָט מען אָבער אינעם מדינה־ראַט באַשטעטיקט, מיט אַ גאַר גרויסער מערהייט, דעם הכנסה־שטייער־פּראָיעקט און דעם גאַנצן בודזשעט־פּראָיעקט. יעדער מוז צוגעבן, אַז ביי די אומשטענדן אין וועלכע מיר לעבן, מוזן די שטייערן זיין הויכע און די הוצאות פאַר רעגולערע נויטווענדיקייטן מוזן זיין זייער באַשיידענע. אויב ביי אַזעלכע באַדינגונגען זענען 33% פון די הוצאות באַשטימט פאַר אויפגאַבן פון אַנטוויקלונג און אויפבוי, איז עס אַ וויכטיקע דערגרייכונג.

די בודזשעט־שוועריקייטן פון אַ קליינער מדינה און בפרט אין מלחמה־צייט, זענען, פאַרשטייט זיך, פיל גרעסער ווי פון אַ גרויסער מדינה. אַט מוזן מיר שוין איצט אויסגעבן פאַר אונדזער אויסערן־מיניסטעריום 470 טויזנט פונט פאַר אַ האַלב יאָר (ביז דעם 1־טן מערץ 1949 — 660 טויזנט פונט). דערפון אַ דריטל פאַר אונדזערע דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער־שאַפטן אין אויסלאַנד — אין 11 לענדער.

סוף 1957 האָבן מיר דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער אין אַרום 60 לענדער. דער יערלעכער הוצאות־בודזשעט איז אין יאָר 1957/1958 —

12 מיליאָן פונט און פאַרן יאָר 1958/59 — 12,7 מיליאָן פונט, דערפון 7,8 מיליאָן די פאַרטרעטונגען פון דער מדינה אין חוץ־לארץ.

די הוצאות וואָלטן געווען די זעלבע ווען אונדזער באַפעלקערונג וואָלט געווען צוויי און דריי מאָל אַזוי גרויס. און איצט — די שוועריקייטן פון אונדזערע ספּעציעלע אויפגאַבן. די רעגירונג האָט באַשטימט אין איר האַלב־יאָר־בודזשעט אַ האַלבן מיליאָן פונט פאַר אויפנעמען נייע עולים. פאָרמעל, לויט די באַשלוסן פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, דאַרף די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דעקן אַזעלכע הוצאות. מען האָט אָבער אין חוץ־לארץ זעלטן אַ רעאַלן חשבון וועגן די געוואַלדיקע סומען, וואָס מען מוז האָבן, כדי אויפצונעמען און האַלבוועגס איינאָרדענען, נאָר אין דער ערשטער צייט, 10 ביז 15 טויזנט נייע עולים אַ חודש. די בודזשעטן פון דער יידישער אַגענץ און דער רעגירונג זענען נישט גענוג. פאַראַן אַ סך גערעכטע פאָדערונגען בנוגע דעם פּראָיעקטירטן בודזשעט, נאָר עס איז שווער זיי נאָכצוקומען.

ביי אונדזערע באַדינגונגען איז דאָס אויפהאַלטן די ווירטשאַפט, דאָס דעקן די מלחמה־הוצאות, די באַלאַנסירונג פונעם בודזשעט און די איינפירונג פון דער נייער ישראל־וואַלוטע אַן אַ מכשול — אַ דערפאָלג פון אונדזער פינאַנץ־מיניסטעריום. דער מלוכה־ראַט און די עפנטלעכע מיינונג האָבן עס אָנערקענט.

תל־אביב, אָקטאָבער 1948.

די פאַקטישע הכנסות פון מדינת־ישראל ביז דעם 1־טן אַפּריל 1949, זענען געווען 15,9 מיליאָן פונט, אַחוץ דעם 2,3 מיליאָן פונט פון דער פּאָסט, באַן, האפנס וכדומה און 10 מיליאָן פונט באַזונדערע הלוואות. די הוצאות — 27,5 מיליאָן פונט. אין די הוצאות פאַרנעמען זיכערקייטס־ענינים דעם ערשטן אָרט — 14 מיליאָן פונט. דער ערשטער רעגולערער יאָר־בודזשעט איז געווען דער בודזשעט פאַר דער צייט פונעם 1־טן אַפּריל 1949 ביז דעם 31־טן מערץ 1950. וועגן דעם זע אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל: דער ערשטער יאָר־בודזשעט פון מדינת־ישראל. אין דער נאָכשריפט צו יענעם קאַפּיטל, ברענגען מיר אויך די בודזשעטן פאַר די יאָרן 1956/57, 1957/58 און 1958/59.

קאָמוניקאַציע-נויטן און פּלענער

(אונדזער ענטפער אויף די תוהו ובוהו און בלאָקאַדע פּלענער)

אַ געשפּרעך מיטן קאָמוניקאַציע־מיניסטער | דוד רמז |

א

דוד רמז (פריער דראבקין), געבוירן אין קאפוסט (ווייסרוסלאַנד) דעם 23־טן מאי 1886. עולה געווען אין יאָר 1911. אַלע יאָרן — אַ פּירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ ריי ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס (צווישן זיי אויך „סולל־בונה״) זענען געגרינדעט געוואָרן אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און אַקטיווער מיטהילף, אויך אַ ריי אינסטיטוציעס פאַר קאָנזיטיקער הילף אין דער הסתדרות. אין די יאָרן 1932 — 1945 — גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות. פּאַרזיצער פונעם ועד הלאומי אין די לעצטע שטורמישע יאָרן פאַר דער גרינדונג פון דער מדינת־ישראל. ערשטער קאָמוניקאַציע־מיניסטער פון מדינת־ישראל (14־טן מאי 1948 — אָקטאָבער 1950). פון אָקטאָבער 1950 — דערציִונגס־ און קולטור־מיניסטער. נפטר געוואָרן אין ירושלים דעם 19 מאי 1951 (י״ג באייר תשי״א).

דאָס פּריוואַטע אַרבעטס־צימער פון קאָמוניקאַציע־מיניסטער דוד רמז, אין וועלכן מיר האָבן געפירט אונדזער צוויי־שעהדיקן געשפּרעך, וועגן די נויטן און פּלענער פון זיין מיניסטעריום, איז דעם שרייבער פון די שורות גוט באַקאַנט. דאָס זעלבע באַשיידענע צימער, אין זיין היים אויף דעם קרן־קימת־בולוואַר אין תל־אביב, אין וועלכן מען האָט זיך אַ סך

יאָרן אָפט באַראַטן וועגן וויכטיקע הסתדרות־אַרבעטן. פּלענער פאַר אַ סך הסתדרות־אַקטיוויטעטן זענען געבוירן געוואָרן אין דעם אַרבעטס־צימער אין די 13 יאָר — 1932—1945, ווען ד. רמז האָט אָנגעפירט מיט דער הסתדרות־טעטיקייט. אויך נישט קיין קליינער טייל פון די אַרבעטס־פּלע־נער פון דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר מיטגלידערשאַפט און מיטגליד־אָפּצאָלן אין דער הסתדרות (לשכת המס), וואָס דער שרייבער פון די שורות פירט אָן מיט אים זינט זיין גרינדונג, זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דעם דאָזיקן צימער, ביי דער אַקטיווער מיטהילף און עצות פון דעם גאַסטגעבער.

דאָסמאָל זענען נישט הסתדרות־ענינים די טעמע פונעם געשפּרעך. דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער פון מדינת־ישראל שילדערט ווי מען האָט גובר געווען דעם תוהו ובהו און בלאָקאַדע־פּלענער פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע און שכנותדיקע אַראַבישע מדינות אויפן געביט פון קאָמו־ניקאַציע. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן דעם געביט מער צו צעשטערן ווי אַנדערע ווירטשאַפטלעכע צווייגן. מען האָט געפּלאַנט איבערצורייסן די קאָמוניקאַציע אין לאַנד און דער עיקר אָפּצושניידן די פאַרבינדונג מיט חוץ־לארץ און אַזוי אַרום אונדז דערשטיקן, ווייל אָן אַזאַ פאַרבינדונג קענען מיר נישט עקזיסטירן. זייער פּלאַן האָט זיך נישט איינגעגעבן, אַ דאַנק אונדזערע שנעלע און ענערגישע קעגן־מאַסנאַמען. דאָס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום, פונעם ערשטן טאָג פון זיין טעטיקייט, מאַכט באַמיונגען, אַז דאָס זאָל אויך להבא נישט מעגלעך זיין; אַז די ים־ און לופט־פאַרבינ־דונג מיט חוץ־לארץ זאָל זיין מער ווי ביז איצט אין יידישע הענט; אַז אין לאַנד גופא זאָל אונדזער קאָמוניקאַציע ווערן אויסגעבעסערט און באַפעסטיקט.

פאַראַן אַ שפע פון פּראָיעקטן, סיי פאַר דער וויטערדיקער צוקונפט און סיי פאַר באַלדיקער רעאַליזירונג. דער געביט איז גוט באַקאַנט דעם קאָמוניקאַציע־מיניסטער, ער איז געווען פון די איניציאַטאָרן פון תל־אביבער האַפן; פון דער הסתדרות־געזעלשאַפט „נחשון" פאַר שיף־טראַנספּאָרט און פישעריי; פון די יסוד־לייגער פון אונדזערע באַשיידענע אָנהויבן אויפן געביט פון פליעריי, וואָס האָבן שוין מיט יאָרן צוריק געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אונדזער זעלבשטענדיקער אַקטיוויטעט אויף דעם געביט. אויך אין יענע יאָרן פון באַשיידענע אָנהויבן, האָבן זיינע פאַרשלאַגן אויפן געביט פון ים־ און לופט־פאַרבינדונגען תמיד גענומען

אין אַכט אַ מלוכהשן פאַרנעם פון דער אַרבעט. איצט האָט אים דער גורל אַוועקגעשטעלט בראש פון אונדזער מלוכהשן קאָמוניקאַציע־וועזן.

מען האָט גובר געווען די שוועריקייטן אין די ערשטע פיר חדשים פון דער עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל. מען האָט אַ סך זאַכן דערגרייכט. דאָס איז אָבער נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון דעם, וואָס מען מוז דער־גרייכן — און וואָס גיכער. נישטאָ קיין שום אָפּהאַלט און קיין שום יסוד, אַז מען זאָל עס נישט קענען דערגרייכן — דאָס איז דער לייטמאָטיוו, וואָס קומט אָן אויפהער צום אויסדרוק אין די אויפקלערונגען פון אונדזער קאָמוניקאַציע־מיניסטער. עס הענגט נאָר אָפּ פונעם ווילן, פון דער איני־ציאַטיוו און פון דער העזה פון יידן אליין.

ב

לאָמיר איצט זען, וואָס עס טוט זיך אויף די פאַרשידענע געביטן פון אונדזער קאָמוניקאַציע־וועזן: באַנען, ים־קאָמוניקאַציע, לופט־פאַר־בינדונגען, פאָסט און טעלעגראַף.

וואָס נוגע אונדזערע באַנען, דערציילט דוד רמז:

דאָס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום האָט איבערגעגעבן דעם פינאַנץ־מיניסטער אַ פּלאַן צו בויען נאָך היי־יאָר אַ נייע באַן־ליניע פון חדרה קיין תל־אביב, לענגאויס דעם ים־ברעג. דאָס וועט דערמעגלעכן אַ פאַרקירצטן וועג פון חיפה קיין תל־אביב. די אַלטע באַן־ליניע, איז געווען געבויט אַזוי, אַז ביז חדרה בערך, איז זי געגאַנגען לענגאויס דעם ים־ברעג. אָבער פון חדרה האָט זי זיך דערווייטערט פונעם ים־ברעג און זיך געווענדט מער צו מזרח. זי איז געגאַנגען איבער ריין אַראַבישע שטחים — קאַקון, טול־כרם, קלקיליה, ראש־העין — ביז לוד, אויסמיידנדיק תל־אביב. כדי צו קומען קיין תל־אביב האָט מען געמוזט באַנוצן די זייטן־ליניע לוד־יפו. דאָס האָט פאַרלענגערט דעם וועג צווישן חיפה און תל־אביב מיט איבערי־קע 37 קילאָמעטער.

פונעם צעשפּרייטן אייזנבאַן־מאַטעריאַל אין די פאַרשידענע לאַגערן און באַן־סטאַציעס, האָט דאָס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום שוין צוגעגרייט דאָס נויטיקע מאַטעריאַל פאַרן בוי פון דער נייער ליניע. אויספירן די אַרבעט, אַחוץ די מאַטעריאַלן, וואָס זענען, ווי דערמאַנט, אינעם רשות פון

קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום, דאַרף קאָסטן אַרום אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט. דערפון דער גרעסטער טייל אַרבעטסלוין און אַ געוויסער טייל אויף צו באַצאָלן פאַר די קליינע פּריוואַטע באָדן־שטחים דורך וועלכע די נייע באַן־ליניע וועט דאַרפן גיין.

די פאַרבינדונג צווישן תל־אביב און חיפה איז דער וויכטיקסטער און לעבהאַפטסטער טייל פון אונדזער קאָמוניקאַציע. דאָס איז די פאַרבינדונג צווישן דרום און צפון. דערפאַר איז דער פּלאַן אַזוי וויכטיק. די מעלות פון דער נייער פאַרקירצטער באַן־ליניע וועלן זיין גרויסע: א) דער גאַנצער וועג וועט גיין אין דער גרעסט־מעגלעכער ווייטקייט פונעם אַראַבישן געביט; ב) ביי אַ פאַרקירצטן וועג, זענען אויך די אַמאָרטיזאַציע־ און ברען־שטאָף־הוצאות אַ סך ביליקער; ג) די נייע באַן־ליניע וועט פאַרקלענערן דעם היקף פון דער מאָטאָריזירטער־קאָמוניקאַציע אויפן שאָסיי חיפה — תל־אביב, וואָס עס וועט פאַרלייכטערן די שווערע פראַגע פון באַקומען ברען־שטאָף.

דער פאַקט, וואָס די באַן־ליניע איז געגאַנגען איבער קאקון — תול־כרם — קלקיליה, האָט אונדז אָפּט גורם געווען שוועריקייטן. בפרט, זינט די אומרוען אין 1936. דער יידישער ישוב האָט זיך צוליב דעם, און צוליב דעם קינסטלעך פאַרלענגערטן און נישט באַקוועמען וועג, כמעט אָפּגעוווינט צו באַנוצן די באַן. אונדזערע קאָאָפּעראַטיוון פאַר פאַסאַזשירן־ און לאַסט־טראַנספּאָרט האָבן דערפילט אַ גאַר וויכטיקע אויפגאַבע. איצט מוז קומען אַ קעגנזייטיקע צופּאַסונג און דערגאַנצונג פון די ביידע וויכטיקע צווייגן — באַן און אויטאָ, אין דינסט פון אונדזער קאָמוניקאַציע.

אין די פּלענער פון קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום גייט אויך אַריין, צו זאָרגן, אַז די פּאַסאַזשיר־באַנען זאָלן זיין באַקוועם, ריין און באַפרידיקן אויך די טוריסטן־באַוועגונג, וואָס וועט אין נאָרמאַלע צייטן אָן ספק זיין אַ גרויסע. די קורצע שטרעקע תל־אביב — חיפה, וועט אין פרידנס־צייטן זיין אַ קייט אין דעם וויכטיקן אינטערנאַציאָנאַלן באַן־פאַרקער פון מצרים קיין טערקיי און איראָפּע.

עס איז אָנצונעמען, אַז דער פּלאַן וועט איניגכן רעאַליזירט ווערן. דעמאָלט וועט די תל־אביבער הויפּט־באַן־סטאַציע אַריבערגעפירט ווערן אין צפון פון דער שטאָט, לעבן ירקון. אין יענער סביבה דאַרף מען אויך אַריבערפירן די צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע. צוזאַמען מיטן האַפן און

תל־אביבער פלי־פּלאַץ, וואָס געפינען זיך אין יענער געגנט, ווער אַזוי אַרום אין צפון פון תל־אביב געשאַפן ווערן אַ גרויסער קאָמוניקאַציע־צענטער פאַר אַלע פאַרקער־מיטל. אין דרום פון דער שטאָט, וועט פאַר־בלייבן אַ צווייג־סטאַציע, וואָס וועט באַדינען די קאָמוניקאַציע מיטן דרום. אַ רונד־ליניע אַרום דער שטאָט וועט פאַרבינדן דיביידע באַן־סטאַציעס — דעם צפון מיטן דרום.

אָט דער באַן־פּלאַן, נאָך איידער מען האָט אים אָנגעהויבן רעאַלי־זירן, האָט שוין געפאָדערט אַן אומשולדיקן קרבן. דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער האָט איינגעלאַדן פון צפון־אַמעריקע אַ וויכטיקן פאַכמאַן פאַר באַנען־בוי, דזשאָן ל. לואיס. ער איז געקומען צו אונדז, האָט קאָנטראָלירט דעם פּלאַן און האָט אים באַשטעטיקט. פאַרענדיקנדיק זיין אַרבעט, איידער ער איז צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער אָבער געוואָלט באַזוכן ירושלים. אויפן וועג אַהינצו, לעבן לאַטרון, האָט אים דערגרייכט אַן אַראַבישע מערדער־קויל און אויך ער איז אַריין אין דער לאַנגער רשימה פון די, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר אונדזער פרייהייט און דעם אויפבוי פון אונדזער מדינה.

דער באַן־פאַרקער חיפה־חדרה איז ערשט באַנייט געוואָרן סוף 1948. פון חדרה האָבן די באַן־פּאַסאַזשירן פאָרגעזעצט זייער רייזע קיין תל־אביב מיט אויטאָבוסן. ערשט אין סעפּטעמבער 1949 איז באַנייט געוואָרן דער באַן־פאַרקער חיפה—תל־אביב. דער פּלאַן פון בויען אַ נייע באַן־ליניע פון חדרה קיין תל־אביב, לענג־אויס דעם ים־ברעג, איז שוין רעאַליזירט. אויף דער ליניע חיפה—תל־אביב און תל־אביב—חיפה גייען איצט (1958) צו 12 פּאַסאַזשיר־צוגן טעגלעך אין יעדער ריכטונג. צווישן זיי אויך עקספּרעס־צוגן, וואָס פאָרן 65 מינוט, אָנשטאָט מער ווי 2 שעה פריער. אויף דער ליניע תל־אביב—ירושלים און פאַרקערט — 4 צוגן טעגלעך אין יעדער ריכטונג. עס ווערן געמאַכט אינוועסטירונגען אויסצוטוישן די באַן־רעלסן און אַנדערע אויסבעסערונגען וואָס וועלן דערמעגלעכן צו פאַרגרעסערן די צאָל באַנען צווישן תל־אביב און ירושלים; אַ דירעקטע באַן־פאַרבינדונג צווישן ירושלים און חיפה און פאַר־קירצן די רייזע־צייט: פון תל־אביב קיין ירושלים — אַנדערטהאַלבן שעה; פון תל־אביב קיין חיפה 1 שעה און פינף מינוט. אין יאָר

1949/50 האָבן איין מיליאָן פּאַסאַזשירן באַנוצט די באַן; אין יאָר 1957 — 4,7 מיליאָן (פון זיי קרוב 2/3 אויף דער ליניע תל־אביב— חיפה, מיט 850 טויזנט מער ווי אין יאָר 1956). די פּאַסאַזשיר־צוגן האָבן סוף 1957 אין זייער רשות 6000 זיץ־פּלעצער, אַנשטאָט 1200 אין דער צייט פונעם מאַנדאַט־רעזשים. די לאַסט־צוגן האָבן איבער־געפירט אין יאָר 1949/50 — 520 טויזנט טאָן און אין יאָר 1957 — מער ווי 1,8 מיליאָן טאָן. דערביי דאַרף מען נעמען אין אכט, אַז נאַפט ווערט איצט נישט מער ווערן איבערגעפירט אין די ראַפּי־נעריעס קיין חיפה מיט דער באַן, נאָר מיט באַזונדערע נאַפט־רערן, אילת־אשדוד און אשדוד־חיפה. אין דער צייט פונעם מאַנדאַט־רעזשים, אין די יאָרן פונעם העכסטן פאַרקער פון משאות, האָבן די באַנען איבערגעפירט 820 טויזנט טאָנען, און דעמאָלט איז געווען אָפּן דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרקער. מען מוז אויך געדענקען, אַז ביי אונדז איז דער באַן־פאַרקער, נאָר אין דער לענג פון דער מדינה, נישט אין דער ברייט.

די הכנסות פון דער באַן זענען געווען אין יאָר 1956/57 — 7,3 מיליאָן פונט (5,4 מיליאָן מיט אַ יאָר פריער) און די הוצאות 8,9 מיליאָן (7,7 מיליאָן מיט אַ יאָר פריער), אַ באַ־דייטנדיק קלענערער דעפיציט. אין בודזשעט־יאָר 1957/58 וועלן די הכנסות זיין 8,550 מיליאָן און די הוצאות 11,2 מיליאָן. פאַרן בודזשעט־יאָר 1958/59 זענען פאַרויסגעזען הכנסות אַרום 11 מיליאָן פונט און הוצאות 14,8 מיליאָן פונט. די מאָדערניזירונג פון דער באַן־אויסשטאַטונג האָט דערמעגלעכט צו פאַרקלענערן דעם באַן פּערסאָנאַל אין פאַרגלייך מיט 2 — 3 יאָרן צוריק, הגם די פּאַסאַ־זשיר־ און משאות־באַוועגונג איז אַזוי באַדייטנדיק געשטיגן. דער באַן־פּערסאָנאַל ציילט אינעם בודזשעט־יאָר 1957/58 — 1814 אָנגעשטעלטע, און פאַרן בודזשעט־יאָר 1958/59 זענען פאַרגעזען — 1851 אָנגעשטעלטע (אָקטאָבער 1949 — 1,150). איינצלהייטן וועגן דער באַן־פאַרבינדונג מיט באר־שבע, זע דאָס קאַפּיטל: אַ רייזע קיין באר־שבע. פון די אַרום 600 קילאָמעטער באַן־נעץ אין 1957 זענען 428 קילאָמעטער באַנוצט געוואָרן פאַר דעם באַן־פאַרקער, אַנשטאָט 121 קילאָמעטער סוף 1949., זינט דער אויפ־

ריכטונג פון דער מדינה האָט די רעגירונג אינוועסטירט אין באַן־וועזן אַרום 40 מיליאָן פונט. די משאות אויפנעם־פעיקייט פון דער באַן איז אין 1957 אַרום 60 טויזנט טאָן.
די באַן־סטאַציע אין צפון פון תל־אביב פונקציאָנירט שוין; די צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע — איז נאָך אויפן אַלטן אָרט. אויך איז נאָך נישט אויסגעבויט די רונד־ליניע אַרום תל־אביב, וואָס דאַרף פאַרבינדן די באַן־סטאַציע אין צפון מיט דער באַן־סטאַציע אין דרום, פון וועלכער עס גייען פון תל־אביב די באַנען קיין ירושלים און קיין באר־שבע.

ג

פאַר ים־ און לופט־פאַרבינדונגס־וועגן פון ארץ־ישראל, — זעצט פאַר דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער, זיינע אויפקלערונגען — האָבן יידן באַצאָלט במשך יאָרן אַ סך מיליאָנען די אויסלענדישע געזעלשאַפטן פון כמעט אַלע לענדער. מען האָט געצאָלט גוט געלט פאַרן אַראָנזשן־עקספאָרט קיין חוץ־לארץ און פאַרן אימפאָרט פון מאַטעריאַלן, סחורות און שפייז, און דער עיקר פאַר יעדן עולה קיין ארץ־ישראל. מען האָט אָבער ווייניק געזאָרגט וועגן אַן אייגענעם האַנדלס־פלאָט אויפן ים און אַן אייגענעם לופט־פלאָט. דאָס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום זעט אַלס איינע פון אירע וויכטיקסטע אויפגאַבן, אויסצובעסערן דעם דאָזיקן פעלער. אין די לעצטע חדשים זענען געמאַכט געוואָרן עטלעכע שריט, כדי צו שטאַרקן דעם יידישן ים־האַנדלס־פלאָט. עס איז געלונגען צו פאַרשטאַרקן די ישראל־פאַן מיט צוויי פאַסאַזשיר־שיפן — „נגבה" און „הגלילה", בעיקר פאַר עולים און סחורות־טראַנספּאָרט. צוזאַמען מיט דער שיף „קדמה", וועלן זיי קענען ברענגען אין לאַנד יעדן חודש 3000 מענטשן, אַחוץ סחורות. די שיפן האָט געקויפט די ארץ־ישראלדיקע שיף־געזעלשאַפט „צים" (דאָס וואָרט „צים" ווערט דערמאָנט אין תנ"ך — יחזקאל, קאַפּיטל ל'), וואָס אירע גרינדער זענען די יידישע אַגענץ, די פריער שוין דערמאָנטע הסתדרות־געזעלשאַפט „נחשון" און די ארץ־ישראלדיקע ים־ליניע. אָבער דאָס איז נאָר אַ באַשיידענער אָנהויב, וואָס רופט צו אַן אינטענסיוון המשך. מדינת־ישראל רופט דעם יידישן קאַפּיטאַל און די יידישע פאַך־קענטעניש

און־דערפאַרונג, צו שענקען דעם געביט אויפמערקזאַמקייט און אינוועס־טירן אין אים זייערע כוחות. מדינת־ישראל פון איר זייט, וועט זיין גרייט צו העלפן, מיט וואָס זי וועט נאָר קענען, ביי דעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פונעם יידישן ים־האַנדלס־פלאָט.

סוף 1957 זענען אינעם רשות פון יידישן האַנדלס־פלאָט אין מדינת־ישראל 34 שיפן, וואָס זייער טאָנאַזש איז אַרום 230.000 (50.000 טאָן סוף 1948). מען שאַצט אָפּ זייער ווערט אויף 150 מיליאָן דאָלאַר. פון זיי 4 פּאַסאַזשיר־שיפן און 2 געמישטע שיפן (פאַר פּאַסאַזשירן און סחורות־טראַנספּאָרט) מיט 2978 פּאַסאַזשיר־פלעצער. 23 פון די 34 שיפן זענען פון דער געזעלשאַפט „צים". צווישן זיי די 6 שיפן, וואָס קענען פירן פּאַסאַזשירן. 19 פון די 23 שיפן פון „צים", זענען געבויט געוואָרן נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה און זיי רעכנען זיך צווישן די מאָדערנסטע שיפן. „צים" האָט באַשטעלט אַ גאַנצע ריי נייע שיפן, בעיקר משא־שיפן און טאַנקער, און מען רעכנט צו פאַרטאָפּלען אין די יאָרן 1958 — 1963 די צאָל שיפן פון יאָר 1957. די שיפן פון „צים" האָבן אין יאָר תשי"ז געפירט 108.000 פּאַסאַזשירן צווישן זיי 65.000 עולים. זיי האָבן איבערגעפירט 910 טויזנט טאָן משאות. דער אומזאַץ פון דער געזעלשאַפט „צים" אין יאָר 1957 איז געווען 43,2 מיליאָן פונט. זי האָט אין חוץ־לארץ 13 אָפּטיילונגען און 130 אַגענטן. בעת דער אויפריכטונג פון דער מדינה האָבן די יידישע שיפן באַשעפטיקט אַרום 150 ים־לייט, סוף 1957 אַרום 1700, פון זיי 95% יידישע ים־מאַנשאַפט. סוף 1957 זענען עטלעכע שיפן, צוליב דער אינטערנאַ־ציאָנאַלערווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע אינעם שיף־פּאַרקער, נישט טעטיק. אויב אַלע שיפן וועלן זיין טעטיק, וועט דער האַנדלס־פלאָט באַשעפטיקן איבער 2000 ים־לייט.

דאָס זעלבע איז אויך נוגע אונדזער לופט־פלאָט. אַ סך וועלן זיך אפשר וואונדערן, ווען זיי וועלן הערן, אַז פאַר דער קורצער צייט, זינט צבא ההגנה לישראל (צה"ל) איז געבילדעט געוואָרן, איז אויך אַנטשטאַנען אַ פּאַקטישע קאַמף־קראַפט אין דער לופט. מען קען נאָך נישט דערציילן קיין פּרטים וועגן אונדזערע לופט־כוחות. אָבער דאָס קען מען יאָ זאָגן: נישט ווייניק האָבן דערביי געהאָלפן די חלוצישע אָנשטרענגונגען, וואָס

זענען געמאַכט געוואָרן נאָך אין די צײַטן פֿון דב הוז, לײַטער פֿון דער פּאָליטישער אָפּטײלונג פֿון דער הסתדרות, און בן־יעקב פֿון דגניה (בײדע זענען אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע, סוף 1940). הײַנט זענען פֿאַראַן אויסגעבילדעטע חלוצישע פֿאַך־כוחות, סײַ אַלס פֿליער און סײַ אַלס באָדן־אַרבעטער. אַ גאַר־וויכטיקן אָרט צווישן זײ פֿאַרנעמען יונגע ײדן פֿון צפֿון־אַמעריקע און דרום־אַפֿריקע. פֿאַראַן אַ ראַם פֿאַר דער אויפֿשטעלונג פֿון אַ נאַציאָנאַלער פֿלי־געזעלשאַפֿט — אונטער דער ישראל־פֿאָן — וועלכע וועט זיך נישט האָבן וואָס צו שעמען אין פֿאַרגלײַך מיט ענלעכע געזעלשאַפֿטן אין אַנדערע לענדער.

דער דאָזיקער חלום איז איצט אַווירקלעכקײט. די ישראלדיקע פֿלי־געזעלשאַפֿט „אל־על“, איז איצט באַקאַנט אין אַלע לענדער. אין יאָר 1950 זענען מיט „אל־על“ געפֿלויגן 14,700 פּאַסאַזשירן; אין יאָר 1956 — 36,670 און אין יאָר 1957, 45,000. דאָס מײנט 46% פֿון אַלע רײזנדע, וואָס זענען געקומען אָדער זענען געפֿלויגן פֿונעם לופֿט־פּאָרט אין לוד. ביז סוף 1957 זענען מיט „אל־על“ געפֿלויגן אַרום אַ פֿערטל מיליאָן פּאַסאַזשירן, אַחוץ דעם האָט „אל־על“ אײַנ־געאָרדנט די עליה מיט עראָפּלאַנען פֿון אַרום 160.000 עולים. סוף 1957 האָבן נײַע עראָפּלאַנען פֿון „אל־על“ געשלאָגן דעם וועלט־שנעלקײט־רעקאָרד. די געזעלשאַפֿט „אל־על“ האָט מיט דער הילף פֿון דער רעגירונג אינוועסטירט 46 מיליאָן פֿונט אינעם קויף און אײַנאָרדענען דעם פּאַרקער פֿון 4 מאָדערנסטע פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַ־נען, וואָס דרײַ פֿון זײ זענען זינט סוף 1957 אַרײַן אין פּאַרקער. די פֿלי־געזעלשאַפֿט „אל־על“ אַרבעט ביז איצט מיט אַ דעפֿיציט. בײַם סוף 1957 איז דער דעפֿיציט געווען אַרום 4 מיליאָן פֿונט. מען רעכנט אָבער, אַז נאָכדעם וואָס זינט סוף 1957 ווערן שוין באַנוצט די מאָדערנע, שנעלע פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַנען, וועט מער נישט זײַן קײן דעפֿיציט. די ספּעציעלע לופֿט־געזעלשאַפֿט „ארקיע“ פֿליט נאָר אין לאַנד — דער עיקר לוד—אילת. אין 1955 זענען מיט איר געפֿלויגן 12 טויזנט פּאַסאַזשירן. אין 1957 — 65 טויזנט. זעקס מאָל טעגלעך פֿליען עראָפּלאַנען פֿון „ארקיע“ — סוף 1957, אין יעדער ריכטונג (לוד—אילת).

נאַטירלעך ווירקט דער עצם־קיום פֿון מדינת־ישראל, אַז פֿרעמדע

שיף־ און פלי־געזעלשאַפטן זאָלן זיך גוט איבערלעגן זייער האַנדלונג לגבי אונדז און נישט איגנאָרירן אונדזערע נויטווענדיקייטן, אין אַ צייט ווען מיר זענען אין אַ שווערער לאַגע. אָבער בדרך־כלל איז אַ סך בעסער, ווען מיר דאַרפן זיך נישט פאַרלאָזן נאָר אויף אַנדערע. די זיכערסטע זאַך איז, אַז מיר זאָלן אַליין זיין, לכל הפחות אין אַ געוויסער מאָס, די בעלי־בתים פון אונדזערע ים־פאַרבינדונגען.

גרויסע לופט־געזעלשאַפטן האָבן נאָכגעגעבן דעם דרוק פון מצרים און האָבן אָפּגעשטעלט די דירעקטע פאַרבינדונג מיט אונדז. נאָר די טשעכאָסלאָוואַקישע לופט־געזעלשאַפט איז געווען די גאַנצע צייט נאָרמאַל פאַרבונדן מיט אונדז. אויך די לופט־בלאָקאַדע האָט זיך נישט איינגעגעבן. עס זענען געקומען עראָפּלאַנען און פּאַסאַזשירן פון פאַרשידענע לענדער. אָבער בדיעבד קענען אונדז אָט די פאַרזוכן פון ים־ און לופט־בלאָקאַדע אויך ברענגען נוצן, אויב מיר דאָ, און יידן אין דער גאָרער וועלט, וועלן גוט פאַרשטיין, אַז מיר מוזן קודם־כל אַליין זאָרגן פאַר זיך.

ד

פאַראַן אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך וועגן דעם פּאָסט־פאַרקער צווישן לענדער. יעדע מדינה איז אַ מיטגליד אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָסט־פאַרבאַנד. ביז מיט אַ יאָר צוריק איז געווען אָנגענומען, אַז ווען אַ לאַנד גיט אָן אַן אַפּליקאַציע, וועגן אַנשליסן זיך אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָסט־פאַרבאַנד, ווערט מען אויטאָמאַטיש אויפגענומען. אָבער אויף דער לעצטער, פאַריזער, קאָנפערענץ (1947) איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס (נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדז), אַז להבא וועלן דאַרפן מסכים זיין צו יעדער ניי־אויפנאַמע 2/3 פון די אינעם פּאָסט־פאַרבאַנד אָנגעשלאָסענע לענדער. די שווייצער רעגירונג האָט גענומען אויף זיך צו שיקן אונדזער אַפּליקאַציע צו אַלע מיטגלידער פונעם פּאָסט־פאַרבאַנד. זי האָט עס פונאַנדערגעשיקט נאָך פאַר דעם 1־טן יולי, ווען דער נייער סטאַטוס איז אַריין אין קראַפט, און די תשובות דאַרפן געגעבן ווערן אין לויף פון 4 חדשים. עס איז אָנצונעמען, אַז עס וועלן זיין 2/3 פּאָזיטיווע תשובות. די מיטגלידערשאַפט אין אינטערנאַציאָנאַלן פּאָסט־פאַרבאַנד שיצט

קעגן דעם ווילקיר פון אײנצלנע לענדער און פאַרוועדט זײ צו מאַכן טראַנ־זיט־שוועריקײטן פאַר פּאָסט־שיקונגען, וואָס דאַרפן אַדורכגײן זײער לאַנד.

ביז איצט האָבן זיך שוין אַרום 40 לענדער פאַרבונדן מיט אונדז. אַחוץ די אַראַבישע מדינות זענען פאַרבליבן נאָר ווייניקע לענדער, וואָס האָבן נאָך נישט געשאַפן מיט אונדז קײן אינדיווידועלע פאַרבינדונג אויף דער באַזיס פון קעגנזײטיקײט. מיר פאַרטײלן אָבער אויך די פּאָסט פון יענע לענדער וואָס האָבן זיך נאָך נישט פאַרבונדן מיט אונדז, אויף וויפיל זי קומט צו אונדז אָן. עס איז זיכער נישט אונדזער שולד אויב זינט חדשים ווערן נישט פאַרטײלט קײן צײטונגען און אַנדערע דרוק־זאַכן פון אַמערי־קע, אָדער רעגולערע בריוו (נישט מיט לופט־פּאָסט). זײ קומען פשוט נישט אָן, ווײל פון אַמעריקע שיקט מען זײ נישט אָפּ. דאָס איז פאַרדריסלעך. פון אַ רײ לענדער אין אײראָפּע קומען די צײטונגען שוין אָן רעגולער און זײ ווערן באַלד פונאַנדערגעטײלט (אין די לעצטע טעג איז געקומען אַן ענדע־רונג. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו באַקומען געוויסע דרוק־זאַכן אויך פון אַמעריקע).

אין אינטערנאַציאָנאַלן טעלעגראַפן־פאַרבאַנד האָט מען שוין אַקצעפּ־טירט אונדזער מיטגלידערשאַפט, הגם אויך דאָרטן פאַרפליכטעט דער באַשלוס פון 2/3 הסכמה. אָבער ער איז חל אינעם טעלעגראַפן־פאַרבאַנד ערשט פון יאַנואַר 1949.

כדאי צו באַמערקן, אַז טראָץ אַלע שוועריקײטן האָט אונדזער פּאָסט אויך איצט נישט קײן דעפיציט. די לויפנדיקע הוצאות ווערן געדעקט. עס וועלן אָבער נויטיק זײן מיטלען פאַר נײע אינוועסטיציעס. אַ סך אויפמערק־זאַמקײט גיט מען אָפּ די פּלענער פון אײנאָרדענען ראַדיאָ־טעלעקאָמוניקאַ־ציע. דאָס וועט אין אַ גרויסער מאָס פאַרלײכטערן און פאַרשנעלערן אונדזער פאַרבינדונג מיט גאָר דער וועלט, וואָס עס איז פאַר אונדז אַזוי וויכטיק.

תל־אביב, 19־טן אָקטאָבער 1948.

די בריטישע מאַנדאַטאָר־מאַכט האָט דעם 15־טן מערץ 1948 אָפּגע־שטעלט דאָס שיקן פּעקלעך, דרוקזאַכן און געוויינלעכע בריוו קײן צפון־אַמעריקע, שפּעטער אויך אין אַנדערע לענדער. האָט מען אין צפון־אַמעריקע אויך אָפּגעשטעלט צו שיקן אַזעלכע זענדונגען קײן

ארץ־ישראל. נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה, האָט מדינת־ישראל באַלד באַנייט אַלע פּאָסט־שיקונגען, אָבער אין צפון־אַמעריקע האָט מען די שיקונגען באַנייט ערשט נאָך עטלעכע חדשים.
אין דער ערשטער צייט פון מדינת ישראל איז די פּאָסט געווען איינגעגלידערט אינעם קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום. אין די שפּעטערע יאָרן, איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדער־פּאָסט־מיניסטעריום. די אַנטוויקלונג פון דער פּאָסט זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה איז אַנזעעוודיק. די הכנסות זענען געווען אין יאָר 1949/50 — 2.647 מיליאָן פונט; אין 1952/53 — קרוב צו 12 מיליאָן פונט; אין 1956/57 33.7 מיליאָן פונט. אויב מען נעמט אפילו אין חשבון דעם קלענערן ווערט פונעם פונט אין משך פון די יאָרן, איז עס אויך אַ באַדייטנדיקער וווקס. בדרך־כלל האָט די פּאָסט געהאַט אַן אַקטיוון בילאַנס און די הכנסה איז תמיד איבערגעשטיגן די הוצאה (נישט אַריינרעכנענדיק די אינוועסטירונגען פונעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט). אָבער שוין אינעם בודזשעט־יאָר 1956/57 האָט די פּאָסט צוריקגעצאָלט אויפן חשבון פון אינוועסטירונגען 8,7 מיליאָן פונט און צוריקגעצאָלט אויפן חשבון פון הלוואות און פּראָצענטער 1,7 מיליאָן פונט. דער בודזשעט אינעם יאָר 1957/58 איז 44,75 מיליאָן פונט. פאַרן בודזשעט־יאָר 1958/59 שלאָגט די רעגירונג פאָר אַ בודזשעט פון 48,8 מיליאָן פונט. די רווחים פון דער פּאָסט וועלן פאַרווענדט ווערן צו דעקן די אינוועסטירונג. אויך וועט די פּאָסט צאָלן דער רעגירונג געוויסע אָפּצאָלן פאַר די אַליינרעכט וואָס זי האָט צו באַנוצן באַשטימטע דינסטן (בסך הכל מער ווי 20% פון די הוצאות פון דער פּאָסט).

סוף 1948 זענען געווען אין דער מדינה 19,312 טעלעפאָן־אַפּאַראַטן; סוף 1957 — 87.000 (43.000 ליניעס). אגב, די גרעסטע הכנסה האָט די פּאָסט פון טעלעפאָן. פון די געפּלאַנטע 48,8 מיליאָן פונט — רעכנט מען 20 מיליאָן פון טעלעפאָן, 12 מיליאָן פון בריוו־מאַרקן, 3,7 מיליאָן פון טעלעגראַמעס און 12,2 מיליאָן אַנדערע פּאָסט־דינסטן, אאז״וו. הגם עס זענען צוגעקומען אַזוי פיל נייע טעלעפאָנען, זענען נאָך תמיד פאַראַן איבער 10,000 בקשות וואָס מען האָט נאָך נישט געקענט דערפילן (אין לעצטן יאָר פונעם מאַנדאַט־

רעזשים, בײ אַ פּיל קלענערער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען נאָך מער נישט דערפילטע בקשות אויף טעלעפאָנען). (אינעם בודזשעטט־יאָר 1956/57 זענען 49% פון די הכנסות געווען פון טעלעפאָן־דינסט און 40,9% פון בריוו־מאַרקן).

דעם 31־טן מערץ 1957 האָט די פּאָסט באַשעפטיקט 5.824 אָנגעשטעלטע (פון זײ 1059 ציטווייליקע). אין יאָר 1949 — 2,500; אינעם בודזשעט־יאָר 1958/59 זענען פאַרויסגעזען 6006 אָנגעשטעל־טע. פון זײ 1990 אינעם אינזשעניר־דינסט (טעלעפאָנען, ראַדיאָ). אין יאָר 1956/57 האָט די פּאָסט זיך פאַרנומען מיט איבערשיקן און פאַרטיילן 124,5 מיליאָן בריוו און דרוק־זאַכן־שיקונגען. אחוץ דעם 7,3 מיליאָן לשנה טובה ווינטשקאַרטן. אין יאָר 1950/51 האָט מען געשיקט קיין חוץ־לארץ 471 טויזנט טעלעגראַמעס און עס זענען געקומען פון חוץ־לארץ — 428 טויזנט טעלעגראַמעס. (1,04 טעלע־גראַמעס אויף יעדן איינוווינער). מיטן וווקס פון דער באַפעלקערונג איז אָבער נישט געוואַקסן די צאָל טעלעגראַמעס פון און קיין חוץ־לארץ, נאָר פאַרקערט. אין יאָר 1953/54, למשל, האָט מען געשיקט קיין אויסלאַנד 341,5 טויזנט טעלעגראַמעס און באַקומען פון אויס־לאַנד — 314,5 טויזנט טעלעגראַמעס (0,77 טעלעגראַמעס אויף יעדן איינוווינער). אין יאָר 1956/57 איז די צאָל טעלעגראַמעס פון און קיין חוץ־לארץ נישט באַדייטנדיק געשטיגן. געשיקט 361 טויזנט, באַקומען 359 טויזנט. אין לאַנד גופא האָט מען געשיקט אין יאָר 1949/50 — 403 טויזנט טעלעגראַמעס און אין יאָר 1956/57 — 705 טויזנט. אַרום 60% פון די טעלעגראַמעס וואָס ווערן געשיקט און קומען אָן פון חוץ־לארץ — זענען פון אייראָפּע. פון די טעלע־גראַמעס וואָס קומען אָן, זענען אַרום 35 טויזנט אין יאָר 1957 פון די קאָמוניסטישע לענדער.

אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה פלעגן אָנקומען אַ סך פּעקלעך פון חוץ־לארץ. דעם הויך־פּונקט האָט מען דערגרייכט אין 1952/53 — 771,420 פּעקלעך פון חוץ־לארץ — 47 פּעקלעך אויף יעדע 100 איינוווינער. פון דעמאָלט איז די צאָל כסדר געפאַלן. אין יאָר 1956/57 — 231 טויזנט פּעקלעך — 12,3 פּעקלעך אויף יעדע 100 איינוווינער. לופט־פּאָסט בריוו: געשיקט אין די יאָרן 1951/52 —



בילד 29: דוד רמז אין פּראָג, אָנהויב זומער 1948, וועגן ענינים פון לופט־קאָמוניקאַציע.
רעכטס צו לינקס: אהוד איבעראל (ישראל געזאַנדטער אין טשעכאָסלאָוואַקיע, זינט 1957 אין גאַנאַ), ד״ר א. ליכטוויץ (פּרעסע־אַטאַשע פון דער געזאַנדשאַפט), דוד רמז און גענעראַל סטאַנאָווסקי, טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניקאַציע־מיניסטער.

בילד 30: אינעם צייטווייליקן מדינה־ראַט (הארבסט 1948), מען שטימט אָפּ. ערשטע ריי רעכטס צו לינקס (שטימען): מ. שאַטנער ד״ר אברהם קאַצענעלסאָן—ניסן מ. גראַבאָווסקי (ארגוב), א. דאָבקין, צבי לוריע; ערשטער אין דער צווייטער ריי פון לינקס, שטימענדיק, ד. צ. פּינקס פון אָקטאָבער 1951, קאָמוניקאַציע־מיניסטער, נפטר געוואָרן 1952.



בילד 31 : „ישראל", די נייע טראַנסאַטלאַנטיק־שיף פון דער געזעלשאַפט „צים", אין חיפהער האַפן. אַלגעמיינער בילד פון דער שטאָט.

בילד 32: **פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה: אַזוי האָט מען געמוזט אַראָפּ־נעמען עולים פון די מעפילים שיפן.**

בילד 33: **נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה — עולים פון מצרים קומען אָן אין חיפה.**

בילד 34 : ראש השנה 1948, בײַם אַרױסגאַנג פֿון דער שול אין מאָסקװע. צענדליקער טױזנטער ייִדן רינגלען אַרום מיט ליבע און בענקשאַפֿט די ערשטע אַמבאַסאַדרין פֿון מדינת ישראל, גאָלדע מאירסאָן (מאיר)

6 מיליאָן, באַקומען 7,4 מיליאָן; געשיקט אין יאָר 1956/75 — 6,3 מיליאָן, באַקומען 8 מיליאָן. ראַדיאָ־אַפּאַראַטן (לויט באַצאָלטע דער־לויבעניש), אין 1952 — 166,4 טויזנט, אין יאָר 1957 — 382 טויזנט. דער ווערט פון די פּאָסט־בנינים און דער פּאָסט־אויסשטאַטונג ווערט געשאַצט אויף איבער 60 מיליאָן פונט (סוף 1957).

אין יאָר 1949 זענען געווען אין לאַנד 64 פּאָסט־אַמטן און 47 פּאָסט־אַגענטורן (די פּאָסט־אַגענטורן פונקציאָנירן נאָר אַ באַשטימטע צאָל שעהען טעגלעך, 7 — 6 שעה אָדער אפילו נאָר 2 שעה). דעם 1־טן אַפּריל 1957 — 90 פּאָסט־אַמטן און 131 פּאָסט־אַגענטורן. אין 1950 האָט מען איינגעפירט 2 ליניעס פון באַוועגלעכע פּאָסט־אָפּטיילן (דואר נע), וואָס יעדע באַדינט אַ געוויסע צאָל ישובים (20 — 25 ישובים). אין 1957 זענען שוין געווען 18 אַזעלכע פּאָסט־ליניעס און 1958 וועט זייער צאָל פאַרגרעסערט ווערן ביז 23.

מען נעמט אָן, אַז צוזאַמען מיטן בודזשעט 1957/58 וועט די פּאָסט האָבן אין די 10 יאָר פון מדינת־ישראל אַ הכנסה פון 172,5 מיליאָן פונט. עס וועט פאַרבלייבן אַ ברוטאָ־עודף פון אַרום 59,8 מיליאָן פונט. פון דעם האָט מען צוריקגעצאָלט דער רעגירונג אויפן חשבון פון אירע אינוועסטירונגען 33,3 מיליאָן פונט; צוריקגעצאָלט הלוואות און פּראָצענטער אַרום 10 מיליאָן פונט און 16,5 מיליאָן פונט האָט באַקומען די רעגירונג פונעם נעטאָ־עודף.

נאָכן נצחון אין דרום

(די מיליטערישע אָפּעראַציע „עשר המכות")

א

אין דער ערשטער העלפט אָקטאָבער 1948 האָט מצרים געפּייערט אַ גרויסן פּאָליטישן דערפאָלג. זי האָט דערגרייכט אַ טאָפּלטן נצחון, אַן אינערלעך אַראַבישן און אַן אינטערנאַציאָנאַלן. מצרים האָט געצוווּנגען עיראַק, זי זאָל אָנערקענען די עזה־רעגירונג, מיטן ירושלימער מופתי בראש. דערמיט האָט מצרים דערגרייכט די איזאָלירונג פון קעניג אבדאלא, דעם הערשער פון עבר־הירדן און הויפּט־קעגנער פון מצרים אין דער אַראַבישער ליגע. זי האָט דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין דער האשימישער דינאַסטיע, וואָס די הערשער פון עיראַק און עבר־הירדן געהערן צו איר.

עס רעדט זיך, וועגן חאדזש אמין אל־חוסייני, דעם פּאַרביסנסטן און פאַנאַטישסטן יידן־פיינט צווישן די אַראַבישע פירער. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין דייטשלאַנד, האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט היטלערן. זיין איצטיקער זיץ־אָרט איז קאַיר (אין 1957). ער האָט געזאָלט זיין — און ער שטרעבט נאָך היינט דערצו. — דער הויפּט פון אַ באַזונדערער רעגירונג אינעם עזה־געביט, אַ רעגירונג פון ארץ־ישראל אַראַבער.

מצרים האָט דערמיט אויך דעמאָנסטרירט כלפי דער וועלט, און בפרט כלפי ענגלאַנד, אַז די אַראַבישע ליגע, וואָס די ענגלישע דיפּלאָמאַטיע האָט אויפגעשטעלט, אַלס אַ שטיצע פאַר זיך, איז למעשה אין מצרישע הענט. דאָס מיינט אַן אָנזאָג צו ענגלאַנד, אַז אויב זי וויל זיך להבא שטיצן אויף דער אַראַבישער ליגע, מוז זי גוט לעבן מיט מצרים און דערפילן אירע ווונטשן. דעם צווייטן זיג האָט מצרים דערגרייכט אין פּאַריז, ביי דער יו־עו־סעסיע. מצרים איז אויסגעקליבן געוואָרן אין זיכערקייטס־ראַט און בישט טערקיי, וואָס ריוואַליזירט מיט מצרים פאַרן ערשטן אָרט צווישן די

מוסולמענישע לענדער, וואָס ארום מיטללענדישן ים. טערקיי האָט דאָסמאָל שטאַרק פּרעטענדירט אויסגעקליבן צו ווערן.

אָבער צום סוף פון דער דריטער אָקטאָבער־וואָך, איז פונעם גאַנצן מצרישן פּאָליטישן נצחון ווינציק פאַרבליבן. אין די קאַמפּן מיט דער ישראל־אַרמיי אין דרום ארץ־ישראל, איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער פּאָליטישער זיג. די מצרישע רעגירונג האָט צוליב אינערלעך־פּאָליטישע טעמים, גאָר שטאַרק פונאַנדערגעבלאָזן איר פּאָליטישן נצחון. מצרישע מלוכה־מענער, וואָס האָבן דאָך זיכער געוווּסט די מיליטערישע מערוועדטיקייט פון די יידישע כחות, האָבן אָבער צוליב די איראַציאָנעלע וועגן פון דער אַראַבישער פּאָליטיק, עקשנותדיק און גאַווהדיק אָפּגע־וואָרפן יעטוועדן פּאַרזוך פון צונויפרעדן זיך מיט די יידן און פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונג. זיי האָבן איגנאָרירט די באַשלוסן פון דער יו־ען וואָפן־שטילשטאַנד־קאָמיסיע אַדורכצולאָזן יידישע קאַראַוואַנען צו די יידישע פּונקטן אין נגב, און האָבן זיך אויפגעפירט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען דאָרט די איינציקע בעלי־בתים.

אין דער דריטער אָקטאָבער־וואָך האָט די יידישע מיליטערישע קראַפט אַ סוף געמאַכט צו דער מצרישער איינבילדונג. דערמיט איז צוזאַ־מענגעבראָכן אַ גאַנצער פּאָליטישער בנין. די מופטי־רעגירונג אינעם עזה־געביט האָט געמוזט אַנטלויפן. עס איז אַ ספק, אויב זי וועט איצט קענען שפּילן די ראָל, וואָס מצרים האָט פאַר איר צוגעגרייט. מען גיט איבער, אַז אבדאלאס עלטסטער ברודער — אבדול אילא, וואָס איז איצט דער רעגענט פון עיראַק (דער קעניג איז נאָך צו יונג), וויל איצט נישט חתמענען דעם אָפּמאַך מיט מצרים, דאָס מיינט ער וויל נישט באַשטעטיקן די אָנערקענונג פון דער מופטי־רעגירונג אין עזה. אבדאלא וואָס איז ערשט מיט 10 — 12 טעג צוריק געווען פאַראייניזאַמט און שטאַרק אין קלעם, האָט לייכטער אָפּגעעטעמט. די עגיפּטישע אויטאָריטעט צווישן די אַראַבישע לענדער איז שטאַרק געפאַלן, און דערמיט אַליין האָט זיך ווידער געהויבן אבדאלאס אויטאָריטעט. אַראַבישע מלוכה־מענער פאַרזאַמלען זיך שוין ווידער אין אמאן (רבת עמון), אין אבדאלאס הויפּטשטאָט, און צווישן זיי אפילו דער מצרישער פּרעמיער.

מיט באַפאַלן יידישע קאַראַוואַנען האָבן די מצרים אָנגעהויבן נאָך ביים ערשטן קאַמף־איבעררייס. אַזוי ווייט, אַז דער

הויפּט פונעם יו״ען פּאַרמיטלער־שטאַב, קאָלאָנעל באַנדע, האָט באַשטעטיקט סוף יוני אין אַ בריוו, אַז מצרים נ:טערט דעם דורכגאַנג פון יידישע קאַראַוואַנען צו יידישע פּונקטן, און די יידישע מיליטערישע כּוחות זענען באַרעכטיקט צו האַנדלען. זיי האָבן פאָרגעזעצט די שטערונגען נאָכן צווייטן קאַמף־איבער־רייס, הגם לויט דעם סדר וואָס די יו״ען האָט פעסטגעשטעלט איז פאַרזיכערט געוואָרן פרייע באַוועגונג פאַר ביידע צדדים אויף די וועגן וואָס זיי האָבן באַהערשט. די מיליטערישע מפּלה פון מצרים, אין די קאַמפן אין דער דריטער אָקטאָבער־וואָך (מבצע „יואב״), איז געווען אַ גאָר אַנזעעוודיקע. זייער לופט־פלאָט איז גאָר שווער באַשעדיקט געוואָרן אין נגב. זיי האָבן נישט געקענט קומען קיין תל־אביב, אַזוי ווי ביי די קאַמפן אין זומער 1948. עראָפּלאַנען פון צבא הגנה לישראל האָבן באָמבאַרדירט זייערע פלי־פּלעצער. ים־כּוחות פון צה״ל האָבן באַוויזן צו פאַרזינקען אין די ווייניקע טעג, צוויי מצרישע קריגס־שיפן. צווישן זיי זייער גרעסטע קריגס־שיף, אויפן נאָמען פון דעמאָלטיקן קעניג פאַרוק. באר שבע איז דעראָבערט געוואָרן.

די מלחמה איז דערמיט נאָך נישט פאַרענדיקט. עס וואַרטן אונדז מן הסתם נאָך גענוג שווערע איבערלעבונגען, פּאָליטישע און מיליטערישע. זי קען אָבער פאַרענדיקט ווערן, אויב דער שכל־הישר וועט אין דעם אַראַבישן לאַגער גובר זיין יענע כּוחות, וואָס זייער גאַנצע עקזיסטענץ איז געבויט אויף פרעדיקן האַס און פאַרניכטונג לגבי יידן. דער ערשטער שריט דערצו זענען דירעקטע יידיש־אַראַבישע פאַרהאַנדלונגען. מען לייגט האָפענונגען אויף אַזאַ אָפענער, געמיינזאַמער באַגעגעניש. מען האָפט, אַז דער נייער מיליטערישער דורכפאַל פון דער אַראַבישער מאַכט, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דער ערשטער פידל און פאַר דעם גרעסטן און רייכסטן אַראַבישן רעזערוואַר, וועט פאַרלייכטערן דאָס צושטאַנדקומען פון אַזעל־כע פאַרהאַנדלונגען.

די האָפענונג איז געווען צו אָפּטימיסטיש. דעם 16־טן נאָוועמבער 1948, האָט דער יו״ען זיכערקייטס־ראַט, נאָך אַ דערקלערונג פון גענעראַל ריילי, אַז די יידן האָבן למעשה געזיגט אינעם קריג, זיך געווענדעט צו די יידן און אַראַבער, זיי זאָלן פירן פאַרהאַנדלונגען

וועגן אַ פעסטן וואָפנשטילשטאַנד. די יו־ען פאַרמיטלער האָבן אָבער נישט באַוויזן משפּיע צו זיין אויף קיין איינציקער אַראַבישער מדינה, זי זאָל עס טאָן. די מצרישע מיליטערישע כוחות האָבן ווייטער געשטערט אין דרום די פאַרבינדונג מיט די יידישע געביטן. ביז צבא הגנה לישראל האָט דעם 23־טן דעצעמבער 1948 באַנייט די מיליטערישע אָפּעראַציעס (די דאָזיקע אָפּעראַציע האָט זיך גערופן: מבצע „עין״); פאַריאָגט די מצרים און אָפּגעשטעלט די אָפּעראַציעס נאָך דעם ווי דער יו־ען זיכערקייטס־ראַט האָט עס דעם 29־טן דעצעמבער געפאָדערט. דעם 6־טן יאַנואַר 1949 האָט דער פאַרמיט־לער פון יו־ען ד״ר ר. באַנטש געמאָלדן, אַז מצרים, איז גרייט צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט מדינת־ישראל וועגן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

אָט די לעקציע וואָס מצרים האָט באַקומען וועט אפשר אויך ווירקן אויף די אַנדערע אַראַבישע לענדער און בפרט אויף עבר־הירדן. אויך מיט עבר־הירדן איז פאַראַן אַ האַרבער חשבון. זיי היטן נישט אָפּ די קאַמף־איבעררייס־באַדינגונגען. קיין ירושלים קען מען נאָך אַלץ נישט פאָרן מיט דעם הויפּט־שאָסיי, איבער לאַטרון. איצט, ווען דער ווינטער דערנענטערט זיך, מאַכט מען אין מדינת־ישראל פיבערהאַפטע אָנשטרענגונגען צו בויען אַ נייעם, גוט אויסגעבויטן „בורמאַ־וועג״ קיין ירושלים. עס איז אַ קאָלאָ־סאַלע אַרבעט און מען וואָלט זי מן הסתם געקענט איינשפּאָרן, אויב די יידישע מיליטער־כוחות וואָלטן געעפנט דעם וועג קיין ירושלים, איבער לאַטרון, אַזוי ווי זיי האָבן געעפנט דעם וועג צו די יידישע פּונקטן אין נגב. די יידישע אָנפירונג, איז אָבער זייער פאַרזיכטיק און צוריקגעהאַלטן. אויב עס איז נישטאָ קיין אומבאַדינגטער צוואַנג און מען קען זיך נאָר ווי עס איז אַנדערש העלפן, וויל מען פאַרמיידן קאַמפן. אויך מיליטערישע נצחונות זענען פאַרבונדן מיט קרבנות פאַרן זיגער. נאָך ערגער, וואָס זיצנדיק אין לאַטרון שטערן אבדאלאס לעגיאָנערן די נאָרמאַלע וואַסער־פאַרזאָרגונג פון ירושלים. מען מוז זיך באַגנוגענען מיט די ניי־געלייגטע נויט וואַסער־רערן איבערן „בורמאַ־וועג״, וואָס זענען פיל קלענער ווי די רערן, וואָס מען האָט געלייגט אין רויקע צייטן. די יו־ען־באַאָבאַכטער פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן עס דערלעדיקן, אָבער עס איז נאָך עד־היום נישט דערלעדיקט.

דער ערשטער „בורמאַ־וועג״, איז געווען איבער חולדה, איצט רעדט זיך, וועגן אַ פאַרקירצטערן וועג. זע באַמערקונג זייט 108.

ב

אין דעם טאָג ווען באר שבע איז גענומען געוואָרן (21־טן אָקטאָבער) און דער מצרישער דרום־פראָנט איז כמעט אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן, אונטער די שטאַרקע קלעפּ פון דער ישראל־אַרמיי, האָט דער „דבר", די צייטונג פון דער הסתדרות, געשריבן אין אַ לייט־אַרטיקל: „מיר ווילן נישט קיין פאַרזעצונג פון דער מלחמה. מיר ווילן נישט קיין קריג, נישט מיליטערישע זיגן ווילן מיר, נאָר אויפבוי און פרידן. מיר ווילן, אַז יידן פון דער גאָרער וועלט זאָלן קענען קומען אין זייער לאַנד, זיי זאָלן דאָ שאַפן און בויען און איינשטעלן באַציונגען פון געמיינזאַמקייט, פון קעגנזייטיקער אַכטונג מיט אַלע שכנים. אויב די אַראַבישע לענדער ווילן פרידן, וועט הערשן צווישן אונדז אַ שלום פון אמת און נאָך אַ קורצער צייט וועט זיין צווישן אונדז אַ פריינטשאַפט פון אמת. אויב די אַראַבישע פעלקער ווילן וויזן דעם ווילן דערצו, איז עס נישט קיין לעגענדע".

און הגם פאַר יעדן איז קלאָר געוואָרן, אַז די פאַרזעצונג פון די קאַמפן, אין דער דריטער אָקטאָבער־וואָך, נאָך עטלעכע טעג, מיינט אפשר פאַרנעמען עזה, מיינט אפשר ליקווידירן אייניקע איינגעשלאָסענע מצרישע מיליטער־גרופּן, מיינט דערנענטערן זיך צו ירושלים פון דרום־אויס, האָט נאָר די רעוויזיאָניסטישע פּרעסע געפאָדערט נישט צו נעמען אין אַכט דעם באַשלוס פון יו־ען זיכערקייטס־ראַט און פאַרזעצן די קאַמפן.

דעם 22־טן אָקטאָבער איז אַריין אין קראַפט דער פייער־איבער־רייס אין נגב.

ג

עס איז כלל נישט זיכער אויב די אויסגעשטרעקטע האַנט צו שלום, וועט נישט ווידער פאַרבלייבן הענגען אין דער לופט. אַ סך אַראַבישע און פרעמדע כוחות זענען פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שלום. פון גליל קומען ידיעות וועגן אַראַבישע אָנגריפן. אַרום ירושלים איז נישט רויק. מען ווייסט נישט, אויב דאָס איז נאָר אַ פאַרשפּעטיקטער הילף־אויסדרוק פאַר מצרים פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער, אָדער איז עס טאַקע עפּעס אַן ערנסטער אָנהויב פון נייע קאַמפן אויף אַנדערע פראָנט־אָפּשניטן, מיט דער האָפענונג, אַז דערווייל וועלן פאַרביי די וואַלן אין אַמעריקע; יו־ען וועט באַנייען די פאַרהאַנדלונגען אין דער ארץ־ישראל־פראַגע און די אַראַבער וועלן זוכה זיין פון איר הילף. דאָס וואָלט זיך ווידער אַרויס־

געוויזן אַלס אַ זייער פאַלשער חשבון. דער ישוב האָט געבראַכט צופיל קרבנות, כדי אויפצוריכטן מדינת־ישראל און כדי צו זיכערן די גרענעצן פון מדינת־ישראל, און אויך אַ פאַרדאַרבענע וועלט וועט עס מוזן נעמען אין אַכט. אויב די אַראַבער האָבן אויף מיליטערישע דערפאָלגן און זיי מיינען, אַז די ישראל־אַרמיי האָט דערגרייכט די נצחונות אין דרום דער־מיט, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט דעם צפון אָן א גענוגנדיקער מיליטערי־שער שוץ, וועלן זיי זיך גאָר שנעל איבערצייגן וואָס פאַר אַ טעות זיי האָבן געהאַט. מען קען גאָרנישט גענוג שטוינען וועגן דער איראַציאָנאַלקייט פון געוויסע אַראַבישע האַנדלונגען. די מיליטערישע פּאָזיציע וואָס די אַראַבער פאַרנעמען אין גליל איז פאַר זיי אַ סך אומבאַקוועמער, ווי די פּאָזיציע וואָס מצרים האָט פאַרנומען אין דרום. דער אַראַבישער שטח איז דאָרטן איינגעקלעמט צווישן אַ גענוג ברייטן יידישן שטח ביים ים־ברעג לענג־אויס עכו־ראס־אל־נקורה פון איין זייט און צפת — ראש פנה — חולה, פון דער אַנדערער זייט. עס וועט זיכער נישט זיין גאָר שווער פאַר די יידישע כוחות צו דריקן פון דריי זייטן (אויך פון נצרת) אויף די איינגעקלעמטע אַראַבער און דערגרייכן די גרענעץ פון לבנון. זיי האָבן דעריבער אָנגע־הויבן די אָנגריפן עטוואָס העכער אין גליל העליון, אויף דער ליניע מנרה (רמות)—כפר גלעדי, צווישן די בערג. דאָס וועט באַפרייען די יידישע כוחות פון אָפּהיטן דעם קאַמף־איבעררייס און וועט פירן צו דער פולער אַרויסשטויסונג פון די אראבער פונעם גליל און צום עפענען פאַר דער ישראל־אַרמיי דעם וועג קיין לבנון אין דער גאַנצער ברייט פון דער ארץ־ישראל־גרענעץ.

און אפשר וועלן מיר דאַך זוכה זיין און דער נצחון אין דרום וועט זיין מער ווי נאָר איינער פון די דערפאָלגרייכע עטאַפּן אויפן וועג צום פאַרענדיקן די מלחמה און פאַרזיכערן די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון מדינת־ישראל.

תל־אביב, הושענה רבה תש״ט (24־טן אָקטאָבער 1948).

דעם 20 — 22 אָקטאָבער האָבן פאַוזי קאַוקאַדזשיס באַוואָפנטע גרופּן אָנגעהויבן אַטאַקירן די יידישע ליניעס אין דער געגנט פון מנרה, אין גליל העליון. ביז דעם 30־טן אָקטאָבער האָבן די יידישע מילי־טערישע כוחות זיי לגמרי פאַרטריבן פון גליל און דעם 31־טן אָקטאָבער איז אַריין אין קראַפט דער פייער־איבעררייס.

באַרימערייִ אוןווירקלעכקייט

(פון אַ געשפּרעך אין ניו־יאָרק מיט חיים וויטאַל,
אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״ *)

...אָן ספק, אַ מענטש, וואָס איז גרייט אַוועקצוגעבן זײַן לעבן באַוויַזט אַ גרויסן מוט. אָבער אין לעבן פון אַ פאָלק מוז מען נעמען אין אַכט: ערשטנס, צי איז דער קרבן אַ נוצלעכער און אַ נויטיקער, און, צווייטנס, צי איז די גרייטקייט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן די העכסטע דער־גרייכונג פון העלדישקייט.

מיר ווייַזט אויס, אַז עס איז לייכטער אויפצובורענגען קוראַזש פאַר איניקע מינוטן, כדי צו מאַכן אַן איבערפאַל, ווען אפילו מען ריזיקירט דערביי דאָס אייגענע לעבן, ווי נעמען אויף זיך די שטילע העלדישקייט פון זיבן צענדליקער יאָרן אין ווייטע פאַראייַנזאַמטע פונקטן, און מיט איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג לייגן אַ ציגל צו אַ ציגל, טרוקענען זומפּן און פאַרוואַנדלען זיי אין בליענדע גערטנער, פאַרוואַנדלען שטיינער־בערג אין פּרוכטבאַרן באָדן און זאַמדיקן מדבר אין ישובים.

עס איז אַ היסטאָרישע פעלשונג צו זאָגן, אַז די יידישע מדינה איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק עטלעכע טעראָריסטישע אַקטן. שטעלן מיר זיך פאָר, וואָס וואָלט געווען ווען מיר פאָלגן דאָס, וואָס בעגינס לערער האָבן אונדז געזאָגט מיט צוואַנציק יאָר צוריק: אָפּשטעלן די עליה און בוי־אַרבעט, כל זמן מען וועט אונדז נישט פאַרזיכערן קיין מלוכה־פּאָלי־טישן סטאַטוס. מיר זענען דעמאָלט געווען 150 טויזנט יידן אין ארץ־ישראל. מיר האָבן געהאַט נאָר אַ קליינעם טייל פון די ישובים, וואָס מיר האָבן שוין

---

*) מנחם בעגין, קאָמאַנדיר פון אצ״ל און שפּעטער דער פירער פון „חרות״ האָט אין יענע טעג צום ערשטן מאָל באַזוכט צפון־אַמעריקע.

געהאַט אין 1947. קען זיך עמעצער אויסמאָלן, אַז די יו־ען וואָלט ביי אַזאַ לאַגע באַשלאָסן דאָס, וואָס זי האָט באַשלאָסן דעם 29־טן נאָוועמבער 1947?

און וויפיל האָבן בעגינס לערער און חברים, און בעגין אַליין — אויב ער איז דעמאָלט שוין געווען פּאָליטיש רייף — אָפּגעשפּאָט פון אַלע יענע העלדן, וואָס האָבן אויפגעגעבן זייער פּריוואַט לעבן און אין משך פון אַ סך יאָרן, 365 טעג אין יאָר, געלעבט נאָר מיט דער דאָזיקער אָנשטרענ־גונג און מאַטערניש, און נישט געוווסט, אויב זיי וועלן נאָך אַליין דערלעבן דעם טאָג פון אונדזער זעלבשטענדיקייט.

דער הויפּט־קאַמף קעגן ענגלאַנד איז געפירט געוואָרן אויפן געביט פון עליה. דאָס איז געווען דער אַממערסטן פילבאַרער פּונקט, וואָס האָט געשלאָגן ענגלאַנד.

מיט אַ הסכמה אָפּצושטעלן די עליה, אָדער אפילו נאָר מיט אַ הסכמה זי פּריוויליק שטאַרק צו באַגרענעצן, האָבן יידן אין ארץ־ישראל אַלע יאָרן געקענט דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַ גרויסן טייל פון די אַראַבער און נישט נאָר מיט ענגלאַנד. טראָץ די שווערע באַדינגונגען זענען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געקומען 20 טויזנט „אומלעגאַלע" עולים. אין די דריי יאָר מאַי 1945 — מאַי 1948 — 85.000 „אומלעגאַלע" עולים מיט 78 מעפּילים שיפן. די רעוויזיאָניסטן האָבן זינט 1943 געשיקט איין־איינציקע מעפּילים שיף — בן העכט.

אין דעם פּונקט האָט ענגלאַנד באַוויזן איר פולן באַנקראָט. צענדלי־קער טויזנטער נישט־לעגאַלע עולים האָט מען אַריינגעבראַכט אין לאַנד. אצ"ל האָט אין די 6 — 5 יאָר פאַר דער מדינה־גרינדונג געבראַכט נאָר איין־איינציקע שיף. יעדער ייד אין אַמעריקע קען פאַרגלייכן דעם רעש און טומל, וואָס אצ"ל פלעגט מאַכן אין אַמעריקע, און ווי באַשיידן און שטיל עס איז געווען די אַזוי־וויכטיקע און אַנשיידנדיקע טעטיקייט פון דער „הגנה".

עס איז אַ זינלאָזע און נאַרישע איינבילדונג, אַז אַן אימפּעריאַליסטי־שע גרויס־מאַכט פאַרלאָזט אַ לאַנד, ווייל עס ווערן געהרגעט אירע אַ פּאָר הונדערט מענטשן. מיר ווילן נישט אָפּלייקענען, אַז די מיטגלידער פון אצ"ל אין ארץ־ישראל זענען געטרייע יידן, אָבער מערסטנס פון זייערע מעשים האָבן נישט געבראַכט קיין נוצן דעם יידישן פאָלק. זיי האָבן דאָס

זיכער נישט געוואָלט, אָבער אַזוי האָט זיך געמאַכט, אַז דער רוב פון זייערע טאָטן האָבן גורם געווען פרייד ביי דער אונדז פײַנטלעכער אַראַביש־פרײַנטלעכער ענגלישער אדמיניסטראַציע. נעמט, צום ביישפּיל, די וויכ־טיקערע טעראָר־אַקטן פון אצ״ל, וועט איר זען אַ משונהדיקע טראַגישע דערשיינונג: שטענדיק ווען מיר האָבן דערגרייכט אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער וועלט אַ גרויסע מאָס פון סימפּאַטיע, איז געקומען עפּעס אַווילדער טעראָר־אַקט פון אצ״ל, וואָס האָט אָפּגעווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט פון דער ענגלישער אכזריותדיקער באַציונג צו אונדז, און מיר זענען פּלוצים גאָר געשטעלט געוואָרן אין אַ פּאָזיציע פון באַשולדיקטע.

אַזוי איז דאָס געווען בעת דעם מאָרד פון לאָרד מאָין, בעת דעם אויפרייס פון „מלך דוד האָטעל״, בעת דעם מאָרד פון די צוויי בריטישע סערזשאַנטן אאז״וו. מען האָט נישט געדאַרפט קיין גרויסע העלדישקייט, כדי פון הינטערן פּלויט צו שיסן אויף עטלעכע צופעליקע ענגלישע סאָלדאַטן, אָבער שאָדן האָט עס אונדז געבראַכט אָן אַ סוף.

עפּעס אַנדערש איז, ווען די „הגנה״ האָט אין איר קאַמף אויפגעריסן סטראַטעגיש־וויכטיקע פּונקטן פון ענגלישן מיליטער און ענגלישער אַדמיניסטראַציע, און עפּעס אַנדערש איז ווען מען נעמט צופעליקע מענטשן און מען דערהרגעט זיי.

אצ״ל האָט אין די יאָרן פון זיין טעטיקייט אין ארץ־ישראל אויך איינגעפירט אין אינערלעכן יידישן לעבן די זעלביקע טעראָר־מעטאָדן. קיינער האָט נישט געוווּסט ווער זענען זייערע ריכטער און קיינער האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן, אויב אַ באַשולדיקונג קעגן עמעצן איז ריכטיק אָדער אומריכטיק. בעגין האָט גענומען אויף זיין געוויסן און אויף זיין אחריות, אַלס קאָמענדאַנט פון אצ״ל, אויספירן טויטשטראָף קעגן יידן, ווייל ער, אָדער זיינע מענטשן, האָבן געפּסקנט, אַז די יידן זענען שולדיק. איצט איז דאָ אַ יידישע מלוכה, וואָלט כדאי געווען, אַז אצ״ל זאָל איבער־געבן דער מלוכה אַלע אַקטן, ווו מ׳האָט יידן פאַרמשפּט, און די ריכטער פון מדינת־ישראל זאָלן קענען נאָכקאָנטראָלירן, צי זענען די דאָזיקע יידן געווען שולדיק.

דאָס האָט בעגין נישט געטאָן, הגם עס זענען שוין אַריבער באַלד 10 יאָר זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה.

בעגין רעדט היינט זייער אַ סך וועגן סאָציאַלן פאָרשריט, וועגן

דעמאָקראַטיע און וועגן דעם, אַז עס דאַרף זיין אַן אײנהייטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אָבער אין די אַלע יאָרן פון זיין טעטיקייט האָט ער זיך געשטיצט אויף די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס שטרעבן צו צעברעכן די הסתדרות. די טאָטן פון זיינע מענטשן שטייען אין אַ גרויסן ווידערשפּרוך צו די ווערטער, וואָס ער פּראָקלאַמירט היינט אין אַמעריקע.

די גוזמאות, וואָס די יידישע פּרעסע האָט דאָ געשריבן, וועגן בעגינען, אַלס דעם העלד, וואָס האָט דערגרייכט די יידישע מדינה — וועלן אין ארץ־ישראל נאָר אַרויסרופן אַ שמייכל. דאָרט וועט מען זיך זייער שטאַרק ווונדערן אויף דער נישט ערנסטקייט, וואָס באַקאַנטע יידישע זשורנאַליסטן און וויכטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע עסקנים קענען געבן זייער נאָמען פאַר אַ באַהויפּטונג, וואָס שטייט אין אַזאַ סתירה צו דער ווירקלעכקייט און צום היסטאָרישן אמת. זיי דאַרפן אָננעמען, אַז דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל ווייסט בעסער ווער עס האָט אונדז דערפירט צו דער יידישער מדינה און ווער עס זענען די יידישע העלדן.

אינגיכן וועלן פאָרקומען וואַלן אין מדינת־ישראל, אמתע, פרייע וואַלן. יעדער וועט שטימען לויט זיין בעסטן וויסן און געוויסן. און הגם בעגינס פּאַרטיי וועט, פאַרהעלטנישמעסיק, האָבן גאָר גרויסע מיטלען צו פירן וואַל־פּראָפּאַגאַנדע, וועט אָבער דער יידישער ישוב אין ישראל געבן בעגינען אַ קליינעם צוטרוי.

דער רעזולטאַט פון די וואַלן, דעם 25־טן יאַנואַר 1949 האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע הנחה.

ליידער וועלן אַ טייל יידן אין אַמעריקע העלפן דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פון מ. בעגין און זיינע חברים. זיי וועלן דערמיט שטערן דער יידישער רעגירונג, וועלכער זיי ווילן דאָך העלפן. די יידן אין אַמעריקע, וואָס האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם טאַראַראַם אַרום בעגינען, וועלן זיך שפּעטער זיכער שעמען מיט זייער לייכטזיניקייט.

„פאָרווערטס“, 4 דעצעמבער 1948.

ערשטע וואַלן אין מדינת־ישׂראל

ו) וואַל־צוגרייטונגען

א

עס ווערן געמאַכט די גרעסטע באַמיונגען, אַז סוף יאַנואַר 1949, זאָלן קענען פאַרקומען די וואַלן צו דער ישׂראל־קאָנסטיטואַנטע, (אין העברעאיש: אסיפה מכוננת). דאָס וועט זיין די ערשטע דעמאָקראַטיש־געקליבענע, העכסטע, געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט פון דער מדינת־ישׂראל. דער איצטיקער צייטווייליקער מלוכה־ראַט פון מדינת־ישׂראל (מועצת המדינה) באַשטייט פון 37 מיטגלידער (צווישן זיי אויך די 13 מיניסטאָרן).

זע די פריערע קאַפּיטלעך: אויפן וועג צו דער צייטווייליקער יידי־שער רעגירונג; דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַשליסט.

אין דער אמתן, האָט מען געפּלאַנט די וואַלן אַדורכצופירן פריער; מען האָט גערעכנט, אַז מען וועט עס קענען טאָן נאָך אין חודש אָקטאָבער. (לויט די באַשלוסן פון יו־ען צוויי חדשים נאָך דעם ווי דאָס בריטישע מיליטער וועט פאַרלאָזן ארץ־ישׂראל, נישט שפּעטער ווי דעם 1 אָקטאָבער). שפּעטער האָט מען זיך באַמיט, אַז די וואַלן זאָלן קענען פאַרקומען אין נאָוועמבער אָדער דעצעמבער. צוליב אַ סך טעמים איז וויכטיק געווען, אַז די וואַלן זאָלן פאַרקומען וואָס פריער — סיי צוליב אויסערלעך־פּאָליטישע טעמים און סיי צוליב טעמים פון אינערלעכער סטאַביליזירונג און פעסט־קייט פון מדינת־ישׂראל. די גרויסע פּאַרטייען, און קודם כל מפלגת פועלי ארץ־ישׂראל (מפא״י), זענען געווען פאַראינטערעסערט אין וואָס פריערע וואַלן, כדי צו שאַפן אַ קלאָר בילד וועגן די פּאָליטישע כוחות־פאַרהעלט־נישן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז וואַלן איז נישט לייכט צו רעאַליזירן.

די טעכנישע וואַל־צוגרייטונגען זענען נישט קיין לייכטע. אונדזערע מוניציפּאַליטעטן האָבן נישט קיין רעגולער־געפירטע גענויע איינוווינער־

ליסטן. האָט יעדע קליינע אָדער עטוואָס גרעסערע פּאַרטיי געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו מאַכן, כּלפּי חוץ, דעם אָנשטעל, אַז זי פּאָדערט שנעלע וואַלן און אַפילו זיין ברוגז פאַרוואָס מען פירט נישט אַדורך די וואַלן וואָס גיכער, און פאַרעפנטלעכן פּראָטעסטן אין דער צייטונג. אָבער אין דער וואַל־קאָמיסיע און אין דעם צייטווייליקן מלוכה־ראַט, האָט מען געפּאָדערט וואָס מער טעכנישע פאַרבאַרייטונגען, וואָס זייער רעאַליזירונג מיינט פּאַקטיש אָפּלייגן דעם טערמין פון די וואַלן.

אַלס ערשטע עיקרדיקע צוגרייטונג, איז דעם 8־טן נאָוועמבער 1948 פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאָלקס־ציילונג אין מדינת־ישראל. במשך 7 שעה, פון 5 נאָכמיטאָג ביז 12 אין דער נאַכט, האָבן אַלע בירגער געמוזט פאַרבלייבן אין זייערע וווינונגען. אַרום 14 טויזנט ציילער אין גאַנצן לאַנד (2800 אין תּל־אביב ; 1800 אין חיפה ; 1000 אין ירושלים, אאַ״וו) זענען געגאַנגען פון־שטוב־צו־שטוב, האָבן פאַרשריבן יעדן איינוווינער און גענו־מען פון אים זיין פאָטאָגראַפיע. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען איינגעטיילט אין 560 ציילונגס־פּונקטן, 500 יידישע און 60 אַראַבישע. אַלס רעזולטאַט פון דער ציילונג וועט יעדער וואַל־באַרעכטיקטער בירגער באַקומען אַן אידענטיטעטס־קאַרטע מיט אַ בילד, וואָס וועט אים דינען, לויט דעם געזעץ, אַלס די איינציקע לעגיטימאַציע אויף אָפּצוגעבן זיין שטימע, אינעם טאָג פון די וואַלן. די ציילונג וועט אונדז אויך געבן אַ גענוי בילד וועגן צוזאַמענשטעל פון דער ישראל־באַפעלקערונג, אַ זאַך וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט געהאַט.

די ציילונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז מדינת־ישראל האָט 782 טויזנט איינוווינער, פון זיי 713.000 יידן און 69.000 נישט־יידן. די דאָזיקע ציילונג האָט נישט ארומגענומען אַלע נישט־יידן — פון די געגנטן נצרת, עכו, מידזשדאל, באר שבע און אַראַבישע דערפער אין שרון. וועגן דער צאָל אַראַבער אין מדינת ישראל זע אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל : פּראָגן פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק.

ב

לויט דעם באַשלוס פונעם צייטווייליקן מלוכה־ראַט, וועט די ישראל־קאָנסטיטואַנטע האָבן 120 מיטגלידער (לויט דער צאָל מיטגלידער פון דער

כנסת גדולה אין די טעג פון בית שני). וועגן דער צאָל איז געפירט געוואָרן אַ לאַנגער וויכוח. די פאָרשלאָגן זענען געווען צווישן 71 און 171, און מען האָט די באַשלוסן עטלעכע מאָל געענדערט. די קליינע פּאַרטייען און די פּאַרטייען וואָס האָבן בײַ זיך פאָרשידענע פּראַקציעס, האָבן געפאָדערט צו באַשטימען וואָס מער דעפּוטאַטן. אָבער די גרויסע, מער קאָנסאָלידירטע פּאַרטייען, האָבן אָנגעוויזן, אַז עס וועט זיין אַ פאַרשווענדונג פון כוחות און געלט, ווען אַזאַ קליינע באַפעלקערונג וועט קלייבן דווקא אַ צאָלרייכן פּאַרלאַמענט. מען האָט געבראַכט אַלס ביישפּיל גאַנץ בכבודיקע לענדער, וואָס קומען אויס מיט אַ נישט צאָלרייכן פּאַרלאַמענט. למשל, האָלאַנד מיט 8,7 מיליאָן איינוווינער — האָט דער פּאַרלאַמענט 100 דעפּוטאַטן; אויסטראַליע מיט 7 מיליאָן איינוווינער — 74 דעפּוטאַטן; ניי־זעלאַנד מיט 1,6 מיליאָן איינוווינער — 80 דעפּוטאַטן. ביי דער אָפּשטימונג איז אָבער מיט אַ קליינער מערהייט פון מזרחי, אגודת ישראל, מפ״ם, קאָמוניסטן, תימנער און וויצ״א באַשטימט געוואָרן די צאָל פון 120 דעפּוטאַטן.

וואַל־רעכט וועלן האָבן אַלע בירגער פון ישראל, וואָס זענען פאַר־שריבן געוואָרן אינעם טאָג פון דער ציילונג. און זיי זענען עלטער פון 18 יאָר. אויף אויסגעקליבן צו ווערן, וועט מען דאַרפן אַלט זיין 21 יאָר. כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס ערשטע מאָל וועלן איצט האָבן וואַל־רעכט אַראַבישע פרויען. סאָלדאַטן פון צבא הגנה לישראל וועלן האָבן פּאַסיוו און אַקטיוו וואַל־רעכט.

עס האָט זיך געפירט אַ שאַרפער וויכוח, וועגן דעם, אויב מען זאָל אויך געבן וואַל־רעכט די „מעפּילים", יידן וואָס די ענגלענדער האָבן פאַרשיקט קיין ציפּערן און באַפרייען זיי נישט. די רעגירונג איז געווען קעגן דעם. דער פּרעמיער ד. בן־גוריון האָט אויף דער זיצונג פונעם מלוכה־ראַט דערקלערט פאַרוואָס וואַל־רעכט דאַרפן האָבן נאָר יענע, וואָס זיצן אינעם שטח אין וועלכן עס הערשט מדינת־ישראל. אונדזערע גרענעצן זענען נאָך נישט געגנוי באַשטימט, האָט ווייטער אויפגעקלערט דער פּרעמיער, און דערפאַר מוזן מיר זיך באַנוצן מיט דער דאָזיקער דעפיניציע (דער שטח אין וועלכן עס הערשט מדינת־ישראל) און נישט מיט דער פאָרמולע, אַז וואַל־רעכט האָבן אַלע בירגער פון מדינת־ישראל. דאָס מיינט, אַז אויך איינוווינער פון אַראַבישע פּונקטן האָבן וואַל־רעכט. אויב מיר וועלן אָבער זאָגן, אַז אויך יידן, וואָס מיר האַלטן פאַר ישראל־בירגער און

זיי זיצן אין חוץ־לארץ (ווי למשל, יידן אין ציפּערן), ווייל מען לאָזט זיי נישט אַרויס פון דאָרטן, האָבן וואַל־רעכט, מוזן מיר געדענקען, אַז אין ישראל לעבן אויך אַראַבער, קען אַמאָל עמיצער קומען (און עס וועלן שוין זיין אַזעלכע וואָס וועלן זאָגן, אַז דער עמיצער זאָל קומען) און פאָדערן וואַל־רעכט פאַר די אַראַבער, וואָס זענען אַנטלאָפן פונעם ישראל־געביט, כדי דערמיט שטעלן אין ספק די געזעצמעסיקייט פון אונדזערע וואַלן. טאָר אונדזער סענטימענט פאַר די פאַרשיקטע „מעפּילים" אין ציפּערן, אונדז נישט פאַרפירן צו מאַכן אַ פּאָליטישן פעלער, הגם דאָרטן איז פאַראַן אַ גרעסערע צאָל יידן וואָס נישט צוליב זייער שולד זענען זיי נישט מיט אונדז.

דער מלוכה־ראַט האָט מיט 19 שטימען קעגן 7 באַשטעטיקט די שטעלונג פון דער רעגירונג.

ג

פאַראַן אינעם וואַל־געזעץ־פּראָיעקט אַכט קאַפּיטלעך, מיט 47 פּאַראַגראַפן, וואָס נעמען אַרום אַלע געביטן פון דער וואַל־צוגרייטונג, וואַל־דורכפירונג, קאַנדידאַטן־ליסטע, שטימען־ציילונג און אַזוי ווייטער. ביז מיטן נאָוועמבער האָט מען ערשט געהאַט באַהאַנדלט 5 קאַפּיטלעך. מען האָט באַשטימט, אַז די וואַלן זענען אַלגעמיינע, דירעקטע, גלייכע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע. די שטימען פון גאַנצן לאַנד בילדן איין איינהייט, ביים באַשטימען וויפיל יעדע ליסטע באַקומט דעפּוטאַטן. צווישן די אָנגענומענע פאַרשלאָגן איז פאַראַן אַ באַשטימונג, וואָס זאָגט, אַז אַ קאַנדידאַט, אַ מדינה־באַאַמטער, וועט פאַר דער צייט פונעם וואַל־קאַמף זיך מוזן אָפּזאָגן פון זיין אַמט. אַ ריכטער פונעם העכסטן געריכט וועט זיין דער פאָרזיצער פון דער צענטראַלער וואַל־קאָמיסיע.

אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע האָט זיך געפירט אַרום דער פראַגע, צי אַ ווילער, וואָס שטימט פאַר אַ געוויסער ליסטע, האָט דאָס רעכט אויסצומעקן באַשטימטע קאַנדידאַטן פון דעם צעטל. מזרחי און אגודה, וואָס האָבן געשלאָסן אַ בלאָק צו די וואַלן, האָבן געפאָדערט נישט צו דער־לויבן, אַז דער ווילער זאָל קענען שטרייכן קאַנדידאַטן, וואָס זענען אים נישט סימפּאַטיש. זיי האָבן אַפּנים מורא געהאַט, אַז עס וועלן ביי זיי זיין צופיל קעגנזייטיקע שטרייכונגען. דער מלוכה־ראַט האָט אָנגענומען זייער

פּאָדערונג און דער ווילער וועט אַריינוואַרפן אין וואַל־קעסטל נישט קיין קאַנדידאַטן־ליסטע, נאָר דעם באַשטימטן צייכן (אות) וואָס יעדע ליסטע וועט האָבן.

דער געזעץ־פּראָיעקט זאָגט, אַז די וואַלן וועלן פאָרקומען אין איין טאָג. מען וועט קענען שטימען פון 6 אינדערפרי ביז 12 אין דער נאַכט. 18 שעה נאָכאַנאַנד. עס זענען אויך פאַרויסגעזען ערנסטע שטראָפן פאַר אַלע וואָס וועלן דירעקט אָדער אומדירעקט העלפן צו אומגעזעצלעכע האַנדלונגען בעת די וואַלן.

250 בירגער האָבן אַ רעכט אַריינצוטראָגן אַ קאַנדידאַטן־רשימה (ביז 23 טעג פאַר די וואַלן). פאַר יעדער ליסטע וועט מען קענען שטימען אין גאַנצן לאַנד. די דאָזיקע באַשטימונג קען נאַטירלעך אויך פירן דערצו, אַז עס וועלן זיין אַ סך ליסטעס. דער געזעץ־פאָרשלאַג פאָדערט פולע אומבאַרירלעכקייט פאַר די אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן. נאָר די קאָנסטיטור־אַנטע אַליין וועט קענען באַשליסן, אויב מען מעג אַ דעפּוטאַט אַרעסטירן אָדער פאַרהאַלטן. אויב אַן אַרעסטירטער ווערט אויסגעקליבן, מוז מען אים גלייך באַפרייען.

ניו־יאָרק, סוף נאָוועמבער 1948.

2) די פּאַרטייען ערב די וואַלן

א

1340 קאַנדידאַטן פון 21 וואַל־רשימות קאָנקורירן צווישן זיך וועגן די 120 פלעצער אין דער צוקונפטיקער קאָנסיטואַנטע (נאַציאָנאַל־פאַרזאַמ־לונג) פון מדינת־ישראל. די וואַלן קומען פאַר דעם 25־טן יאַנואַר און 506.567 ווילער, וועלן אַנטשיידן דעם גורל פון די קאַנדידאַטן־רשימות.

די גרויסע צאָל קאַנדידאַטן־רשימות קען שאַפן דעם פאַלשן רושם, אַז דאָס פּאָליטישע לעבן אין אונדזער יונגער מדינה איז נאָך מער צעפּיצלט, ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט. די גרעסערע העלפט פון די 21 קאַנדידאַטן־רשימות האָט נישט קיין ערנסטע אויסזיכטן. אַ טייל פון זיי וועט מן הסתם קיין איין מאַנדאַט נישט באַקומען, אַנדערע איינעם אָדער צוויי דעפּוטאַטן. דאָס וואַל־געזעץ, וואָס האָט געוואָלט זיין דאָס סאַמע



בילד 35 : **דער אָפּשניט פונעם שאָסיי קיין ירושלים, לעבן לאטרון. דער ירדניש־אַראַבישער לעגיאָן האָט אים באַהערשט און מדינת ישראל האָט געמוזט אויסבויען אַ נייעם וועג קיין ירושלים. אַן אויטאָ פון יו־ען פירט אַדורך אַ טראַנספּאָרט.**

בילד 36 : **נאָך די קאַמפן אין דרום, צעשטערטע וואוין־בנינים אין קבוץ נגבה.**

בילד 37 : וואַלן, סאָלדאַטן פון צה"ל שטימען אויף זייערע פעלד־פּאָזיציעס.

בילד 38 : ערשטער אינערן־מיניסטער פון מדינת־ישראל — יצחק גרינבוים צו זיין 75־טן געבוירן־טאָג (1954). לינקס צו רעכטס : א. קלאַרמאַן, לייטער פון קרן־היסוד אין תל־אביב ; יוסף רגב — גראוויצקי ; יצחק גרינבוים ; י. ריפּטין, מיטגליד פון דער כנסת ; משה קול, מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אליהו בערלין, לאַנגיאָריקער גזבר פונעם ועד הלאומי און 1948 מיטגליד פונעם צייטווייליקן מדינה־ראַט, האָט אין 1954 געפייערט זיין 90־טן געבוירן־טאָג.



בילד 39 : אַראַבער און אַראַבישע פרויען (שטימען צום ערשטן מאָל) נעמען אָנטייל אין וואַלן אין מדינת ישראל.



בילד 40 : גאַסן דעמאָנסטראַציעס פון יידן אין בוקאַרעשט (1948) פאַר אַ יידישער מדינה : דער טראַנספּארענט לינקס —„אינזער גרוס דער יידישער מדינה" ; דער טראַנספּאַרענט אינמיטן — „זאָל לעבן מדינת ישראל".



בילד 41 : אין שליח:ות פון דער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע (נאָוועמבער 1948) —ביים כינוס פון ציוניסטישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־אָרק : לינקס צו רעכטס : דוד פינסקי, מ. ני — ניישטאַדט און ראַביי סטיפן ס. ווייז

דעמאָקראַטישסטע, און האָט געוואָלט שיצן די קלענסטע פּאָליטישע מינ־דערהייט, האָט אויך גורם געווען צו דער פּרוכטבאַרקייט פון וואַל־פּאַר־שלאָגן. 250 בירגער האָבן אַ רעכט אַריינצוטראָגן אַ קאַנדידאַטן־ליסטע, איז נישט אַזוי שווער צו באַקומען איבערן גאַנצן לאַנד 250 אונטערשריפטן, וואָס פאַרפליכטן אפילו נישט דעם אונטערשרייבער צו שטימען פאַר דער ליסטע. די פירער פון די קליינע גרופן האָבן זיך געמאַכט אַזאַ חשבון: אָנגענומען אפילו, אַז פונעם האַלבן מיליאָן וויילער וועלן 85 ביז 90 פּראָצענט שטימען, וועט אויך גענוג זיין, ווען אַ ליסטע וועט באַקומען אין גאַנצן לאַנד אַרום 4000 שטימען, כדי צו דערגרייכן אַ דעפּוטאַט. האָפט יעדע קליינע גרופּע, אַז אפשר וועט געשען אַ נס און זי וועט באַקומען אַזאַ צאָל שטימען. זי ריזיקירט גאָרנישט, אויב זי וועט אַדורכפאַלן.

די באַדייטונג פון די וואַלן איז קודם־כל אין דעם, וואָס מיר קלייבן צום ערשטן מאָל די געזעצגעבערישע אינסטאַנץ פון אונדזער זעלבשטענ־דיקער מדינה און וואָס צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישראל וועלן אַלע יידן אָן אויסנאַם אָנטיילנעמען אין די וואַלן. אין אַלע וואַלן, וואָס זענען פאָרגע־קומען ביז איצט, סיי צו די ארץ־ישראלדיקע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן, סיי צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, איז תמיד געווען עפּעס אַ חלק פונעם ישוב, וואָס האָט באָיקאָטירט די וואַלן און שפּעטער געטענהט, אַז ער אָנערקענט נישט די קאָמפּעטענץ פון די אינסטאַנצן. ביי די איצטיקע וואַלן איז דאָס נישטאָ. דאָס איז דער כוח פון אונדזער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט און פון וואַלן צו מדינה־אינסטאַנצן.

ב

צוויי וואָכן פאַר די וואַלן, בעת די שורות ווערן געשריבן, איז דער וואַל־גערודער אין גאַס נאָך נישט קיין גרויסער. די צאָלרייכע וואַל־פאַרזאַמלונגען, עפנטלעכע און אין געשלאָסענע קרייזן, ווערן נישט גאָר שטאַרק באַזוכט. אָבער כלפי פנים גרייטן זיך די פּאַרטייען און גרופּן זייער אינטענסיוו, שוין זינט חדשים. עס ווערט געפירט אַ פיבערהאַפטע אינער־לעכע טעטיקייט, ענגער צו זאַמלען אַרום יעדער פּאַרטיי אירע מיטגלידער און סימפּאַטיקער און צוציען קלענערע גרופּן, וואָס זענען נישט בכוח זעלבשטענדיק צו גיין צו די וואַלן. מען קען זאָגן אָן גוזמא, אַז ביי געוויסע פּאַרטייען ווערן שוין זינט חדשים אַלע זייערע האַנדלונגען דיקטירט פון

דער אײנציקער אױסרעכענונג, װי מען װעט עס קענען אױסנוצן בײם װאַל־קאַמף. דער פֿאַקט, װאָס אײנגיכן דאַרפֿן פֿאַרקומען װאַלן, האָט אין דער לעצטער צײט שטאַרק משפּיע געװען אויף אַ סך פֿאַרשלאָגן, דיסקוסיעס און אָפּשטימונגען אינעם צײטװײליקן מלוכה־ראַט. װילן טאַקע די גרעסערע פּאַרטײען, און קודם־כּל די גרעסטע פּאַרטײ, מפלגת פּועלי ארץ־ישראל — מפא״י, אַז די װאַלן זאָלן פֿאַרקומען װאָס גיכער; די פּאַרטײ־פֿירער זאָלן זײַן מער אין דער לאַגע צו באַהאַנדלען די ענינים פֿרײַ פֿונעם דרוק פֿון װאַל־סטראַטעגיע.

עס זענען געמאַכט געװאָרן באַמיונגען, אַז דער װאַל־קאַמף זאָל געפֿירט װערן, לויט מעגלעכקײט, אָן אַ באַזונדערן רעש און ער זאָל נישט אַרײַנטרײַבן אין צו גרויסע הוצאות. די תל־אביבער שטאָט־פֿאַרװאַלטונג איז אפֿילו געגאַנגען אַזױ װײַט, אַז זי האָט פֿאַרבאָטן אױסצוקלעפּן גרויסע פּלאַקאַטן אין די גאַסן. פֿאַראַן אַ געדאַנק נישט צו געבן קײן בענזין װאָס איז איצט קנאַפּ אין לאַנד, פֿאַר אױטאָמאָבילן, װאָס פֿאָרן אַרום נאָר צוליב גאַסן־פּראָפּאַגאַנדע. עס זענען אויך געמאַכט געװאָרן באַמיונגען, אַז דער ביװאָ פֿונעם װאַל־קאַמף זאָל נישט צו שטאַרק אָראָפּגענידערט װערן. אפֿשר װעלן די אַלע באַמיונגען האָבן אַ געװיסע װירקונג, הגם אויך װײניקער װיכטיקע װאַלן װערן, בדרך־כּלל, געפֿירט בײַ אונדז מיט אַ סך טעמפּעראַמענט און גרויסן רעש. און דאָסמאָל קומען באמת פֿאַר גורלדיקע װאַלן.

די קאַמפּן אין נגב (סוף דעצעמבער 1948) האָבן אין אַ געװיסער מאָס אָפּגעצױגן די אױפֿמערקזאַמקײט פֿון ברײטערן עולם פֿון די װאַלן. די אַבסאָלוטע פֿאַרטונקעלונג אין די אָװנטן האָט משפּיע־געװען צום שלעכטן אויפֿן באַזוך פֿון פֿאַרזאַמלונגען. אָבער אין די פּאַרטײיִשע צענטרען און אין די רעגירונגס־אַמטן, װאָס דאַרפֿן צוגרײטן די װאַלן, האָבן די נגב־קאַמפּן און אפֿילו די לופֿט־אַלאַרמען אויף קײן האָר נישט פֿאַרקלענערט די אינטענסיװיטעט פֿון די װאַל־צוגרײטונגען. מען האָט געאַרבעט מיט דער מאַקסימאַלסטער ענערגיע. אויך אויפֿן געביט פֿון שריפֿטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, דורך די צײטונגען און נאָך מער דורך באַזונדערע שריפֿטן, קלײנע בראָשורן און פֿלוגבלעטלעך, װאָס מען שיקט אהײם צום װײלער, און נישט נאָר אין העברעאיש נאָר אויך אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן, איז די טעטיקײט זײַנט װאַכן אַ גאַר אינטענסיװע און זי װערט שטאַרקער פֿון טאָג צו טאָג.

ג

אין דעם באַשלוס פון יו״ען, סוף נאָוועמבער 1947, איז אויך געווען די רייד וועגן וואַלן אין אַ באַשטימטן טערמין. די ארץ־ישראל־פּאַרטייען האָבן באַלד אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, ווי זיך אַמבעסטן צוגרייטן צו די וואַלן. די צוגעאײלטע גרינדונג פון מפּ״ם, אין אָנהויב 1948, איז געקומען אין אָנבליק דערפון, וואָס די יידישע מדינה איז געוואָרן אַ פאַקט און עס וועלן בקרוב פאָרקומען וואַלן צו אירע געזעצגעבערישע אינסטאַנצן. איז געווען אַן אומווילן ביי די פריער באַזונדערע טיילן פון מפּ״ם צו גיין אָפּגעזונדערט צו די וואַלן. אויך די גרינדונג פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי אין אָקטאָבער 1948, איז געקומען אין אָנבליק פון די זיך דערנענטערנדיקע וואַלן. ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון אַריינטראָגן די וואַל־פאַרשלאָגן (דעם 6־טן יאַנואַר 1949) האָבן „חרות״ (די פּאַרטיי פון אצ״ל) און הצה״ר (רעוויזיאָניסטן) געפירט אונטערהאַנדלונגען, כדי צו פאַרמיידן אַ שפּאַלטונג פון די רעוויזיאָניסטישע רייען. די באַמיונגען האָבן זיך אָבער נישט איינגעגעבן. במשך לאַנגע חדשים האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געמאַכט אַ סך באַמיונגען, כדי צו גיין צו די וואַלן מיט אַ שטאַרקער רשימה. צוערשט זענען אָבער אַוועק די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער ביי־געגרינדעטער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. אין סאַמע לעצטער מינוט איז אַוועק פון זיי דער ירושלימער בירגערמייסטער דניאל אָסטער, ער גייט מיט אַ באַזונדערער ליסטע „למען ירושלים״. די „חרות״־פּאַרטיי האָט שוין געהאַט אַן אָפּמאַך מיטן פירער פון די רעכטע ספרדים־קרייזן א. אלישר און אין סאַמע לעצטער מינוט איז ער אַריבער צו דער ספרדים־פּאַרטיי פונעם מיניסטער פאַר מינדערהייטן ב. שיטרית. אינעם פּראָצעס פון די וואַל־צוגרייטונגען, האָט זיך אויך די אַרבעטער־גרופּע פון עליה־חדשה (עליה חדשה עובדת) פאַרבונדן מיט מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

„חרות״ און הצה״ר (רעוויזיאָניסטן) האָבן זיך ערשט שפּעטער פאַראייניקט. ביי די וואַלן האָט הצה״ר באַקומען נאָר 2892 שטימען און נישט קיין איין מאַנדאַט, דאָס האָט זיי שפּעטער געשטויסן צו פאַראייניקונג.

די ליסטע פון דניאל אָסטער האָט באַקומען סך־הכל 842 שטימען — אָן אַ מאַנדאַט.

ביז דער סאַמע לעצטער שעה פון אַריינטראָגן די קאַנדידאַטן־רשימות, האָט זיך פאַרמירט דער וואַל־פראַנט און עס זענען פאָרגעקומען איבערגרופּירונגען אין די קלענערע פאַרטייען. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז ביז דער סאַמע לעצטער מינוט זענען אין יעדער פאַרטיי געפירט געוואָרן ערנסטע פארהאנדלונגען וועגן צונויפשטעלן די קאַנדידאַטן־רשימות.

דער פאַקט וואָס לגבי ציילן די שטימען בילדעט דאָס גאַנצע לאַנד איין וואַל־קרייז, די וואַלן זענען פּראָפּאָרציאָנעלע און קיין קאַנדידאַטן קען מען נישט שטרייכן אָדער ענדערן זייער ריי — שאַפט אַ לאַגע, אַז דער וויילער קלייבט בעצם נישט קיין קאַנדידאַטן נאָר שטימט פאַר אַ פאַרטיי. 70 ביז 80 פּראָצענט פון די דעפּוטאַטן ווערן אַזוי אַרום באַשטימט שוין אין מאָמענט ווען מען גיט איבער דער וואַל־קאָמיסיע די וואַל־פאָרשלאָגן. דערפון נעמט זיך די גרויסע שוועריקייט אין יעדער פאַרטיי ביים צונויפשטעלן די קאַנדידאַטן־רשימה. אינעם פערזענלעכן צונויפשטעל פון די צוקונפטיקע דעפּוטאַטן קענען די וואַלן קיין סך נישט ענדערן.

ד

הגם עס זענען פאַראַן 21 וואַל־רשימות, ווייסט יעדער איינער, אַז בעצם גייט דער קאַמף צווישן 4 — 5 הויפּט־גרופּן. זיי באַשטימען דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אונדזער מדינה און זיי וועלן אויך זיין מאַסגעבנדיק אין דער קאָנסטיטואַנטע.

די הויפּט־גרופּן זענען: א) די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען; ב) די רעליגיעזע פּאַרטייען; ג) די בירגערלעכע צענטער־גרופּירונגען; ד) „חרות" — רעוויזיאָניסטן. מען וואָלט אפשר נאָך געקענט צוגעבן אַ פינפטע גרופּע — די באַזונדערע עדות (ספרדים, תימנער), אָבער זייערע רשימות נעמען נאָר אַרום אַ טייל פון די עדות, ווייל יעדע פּאַרטיי פאַר זיך האָט אויך צווישן אירע אָנהענגער און קאַנדידאַטן ספרדים און תימנער. אויך די באַזונדערע רשימות פון די פרויען (וויצ"א און אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע פון הפועל המזרחי), קענען נישט פּרעטענדירן צו זיין די פאָרשטייער פון די פרויען, ווייל אין די מערסטע קאַנדידאַטן־רשימות זענען פאַראַן פרויען, וואָס פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין זייערע פּאַרטייען.

ווען די אַרבעטער אין ארץ־ישראל זאָלן זיין אָרגאַניזירט אין איין

פאַרטיי, וואָלטן זיי אָן ספק דערגרייכט ביי די איצטיקע וואַלן אַ גרויסע מערהייט. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז אין זיין גרויסער מערהייט אַן אַרבעטער־ישוב. דער דאָזיקער ספּעציפישער כאַראַקטער פון אונדזער ישוב איז די גרויסע און ווערטפולע ענדערונג, וואָס ארץ־ישראל האָט געבראַכט אין אונדזער לעבן. די אַרבעטער זענען אָבער נישט אָרגאַניזירט אין איין פּאַרטיי, הגם זייער איבערוויגנדיקע מערהייט איז אָרגאַנירט אין דער הסתדרות. אַ טייל פון די רעליגיעזע אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין „הפועל המזרחי" און „פועלי אגודת ישראל". די אָנהענגער פון „העובד הציוני" (אינעם וועלט־פאַרבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן), זענען איצט אין דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. אויך די סאָציאַליסטיש־אָריענטירטע אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין דריי פּאַרטייען: מפא"י, מפ"ם און קאָמוניסטן (איצט אויך אחדות העבודה—פועלי ציון). עס איז לכן קלאָר, אַז צווישן די דעפּוטאַטן וועט זיין אַ גרויסע מערהייט פאָרשטייער פון די אַרבעטער־גרופּן. די אין דער הסתדרות אָרגאַניזירטע אַרבעטער־גרופּן אַליין — מפא"י, מפ"ם, קאָמוניסטן, העובד הציוני — וועלן האָבן אַ מערהייט צווישן די דעפּוטאַטן פון דער ישראל־קאָנסטיטואַנטע.

ה

עס איז פון פאָרויס קלאָר געווען, אַז מפא"י — מפלגת פועלי ארץ־ישראל (ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי) גייט זעלבשטענדיק צו די וואַלן. זי איז די גרעסטע פּאַרטיי אין לאַנד. זי איז די מערהייט־פּאַרטיי אין דער הסתדרות, אָבער נישט די מערהייט־פּאַרטיי אין ישוב. ביי די לעצטע אַלגעמיינע וואַלן וואָס זענען פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל — צו דער אסיפת הנבחרים אין יאָר 1944 און צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1946 — האָט מפא"י באַקומען מער ווי אַ דריטל פון אַלע שטימען. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין די אויבן דערמאָנטע וואַלן האָבן אין יאָר 1944 די רעוויזיאָניסטן און אגודת־ישראל זיך נישט באַטייליקט און אין יאָר 1946 האָבן זיך נישט באַטייליקט אגודת־ישראל און קאָמוניסטן. דער איינפלוס און אָנזען פון מפא"י איז גרעסער ווי פון אַ פּאַרטיי, וואָס פאָרטרעט אַ דריטל פונעם ישוב, בפרט איצט, נאָכדעם ווי זי איז געווען אין די מלחמה־יאָרן און באַלד נאָך דער מלחמה די הויפּט־טרעגערין פון דעם

לאַזונג פון אַ באַלדיקער יידישער מדינה. דער פרעסטיזש פון מפא״י איז געשטיגן, הגם אַלע פּאַרטייען אַן אויסנאַם, פון „חרות״ ביז די קאָמוניסטן, פירן דעם קאַמף קעגן איר. מען מאַכט זי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע שוועריקייטן, הגם זי איז נישט קיין מערהייט אין דער רעגירונג (4 פון 13). אָבער די דערגרייכונגען פאַרשרייבט מען, און מיט רעכט, אויפן חשבון פון אַלעמענס אָנשטרענגונג. שווער זיך פאָרצושטעלן אונדזער מדינה אָן דעם דאַזיקן וויכטיקן כוח אין איר אָנפירונג. דאָס ווייסן גוט אויך די קעגנער פון מפא״י. אָבער כל־זמן מפא״י איז שטאַרק און נעמט אויף זיך דעם הויפּט־עול פון דער מדינה־פירונג, האָבן אַלע פּאַרטייען, אויך יענע וואָס זיצן אין דער רעגירונג, אַ גוטע געלעגנהייט אַרויפצולייגן אויף מפא״י די שולד פאַר פאַרשידענע שוועריקייטן, און שוועריקייטן פעלן נישט אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

עס איז כמעט קיין ספק נישט, אַז הגם ביי די איצטיקע וואַלן וועלן אויך אָנטיילנעמען אגודת־ישראל און אַנדערע קרייזן, וואָס פלעגן פריער נישט גיין צו וואַלן (קרייזן וואָס באַקעמפן מפא״י), און הגם די צאָל וויילער וועט דאָסמאָל זיין מער ווי טאָפּלט אַזוי גרויס ווי בעת די וואַלן אין 1944 אָדער 1946, וועט מפא״י באַקומען לכל הפחות אַ דריטל און אפשר מער ווי אַ דריטל פון אַלע שטימען.

מפ״ם (מפלגת פועלים מאוחדת—פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי) איז אַ פּראָדוקט פון אַ פאַראייניקונג פון דריי גרופּן — השומר הצעיר, „לאחדות העבודה״, דער טייל וואָס האָט זיך אין יאָר 1944 אָפּגעשפּאָלטן פון מפא״י (סיעה ב׳) און פון די לינקע פועלי ציון, אין זייער אַלגעמיינעם פּאָליטישן פּראָגראַם שטרייכן זיי מער אונטער די נויטווענדיקייט פון אַ מזרח־אָריענטאַציע און אין אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־פראַגן שטיצן זיי די קאָמוניסטישע אָריענטאַציע. די דאַנקבאַרקייט פונעם ישוב, און בפרט פון די אַרבעטער, צו די לענדער פון סאָוויעטישן בלאָק, פאַר זייער הילף אין יר־ען, איז אַן אויפריכטיקע. אָבער די ישראל־אַרבעטער ווילן דאָס נישט פאַרבינדן מיט די וואַלן אין דער מדינת־ישראל און עס איז נישט אָנצונעמען, אַז די פּאַרטייען — מפ״ם און קאָמוניסטן, וועלן קענען אַ סך געווינען ביי די וואַלן פאַר זייערע פּאַרטייען, צוליב דער דאַנקבאַרקייט צו די לענדער פון סאָוויעטישן בלאָק.

ביי די פריער־דערמאַנטע וואַלן אין 1944 און אין 1946 האָבן די

פּאַרטייען וואָס בילדן מפּ״ם באַקומען בערך 60% און מער שטימען אין פּאַרגלייך מיט מפּא״י. עס איז אַ ספק, אויב זיי וועלן באַוויזן איינצוהאַלטן די פּראָפּאָרץ. עס איז געפּערלעך פּאָרויסצוזאָגן וואַל־רעזולטאַטן. כדי מען זאָל אָבער האָבן אַ שטיקל פאָרשטעלונג, וועגן דער שטימונג אין לאַנד, דאַרף מען צוגעבן, אַז מען שאַצט אָפּ דעם כוח פון מפּ״ם אויף בערך אַ העלפט פון דעם וואָס מפּא״י וועט באַקומען ביי די וואַלן. דאָס מיינט אַן אָפּשוואַכונג פונעם איינפלוס פון די פּאַרטייען וואָס בילדן היינט מפּ״ם.

די קאָמוניסטן האָבן שטאַרק נישט געוואָלט גיין אַלס אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי צו די וואַלן. זיי ווייסן, אַז דאָס וועט בולט־מאַכן זייער שוואַכקייט צווישן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער. האָבן זיי זיך שטאַרק באַמיט צו שאַפן אַן איינהייטלעכע ליסטע מיט מפּ״ם. די לעצטע האָבן אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין פּאָפּולערע שותפות. זי האָט מאָטיווירט איר אָפּזאָג מיט אידעאָלאָגישע טעמים — ציוניזם, עליה אאז״וו. איז די אויפרעגונג ביי די קאָמוניסטן קעגן מפּ״ם גרויס. זינט וואָכן גייט אַ שאַרפע צייטונגס־פּאָלעמיק צווישן די קאָמוניסטן און מפּ״ם. דער קאָמוניסטישער „קול־העם״ פון 7־טן יאַנואַר שרייבט מיט כעס, אַז דער אויסרייד פון מפּ״ם וועגן דעם, אַז אידעאָלאָגישע אונטערשידן דערלאָזן נישט קיין געמיינזאַמע ליסטע צווישן זיי און די קאָמוניסטן, איז אַ סטראַטעגישער מאַנעווער. וואָרעם אויב נישט סטראַטעגיע, פּאַרוואָס שטערן נישט די אידעאָלאָגישע אונטערשידן, אַז מפּ״ם זאָל אַרבעטן צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מחוץ ארץ־ישראל? דאָרט שטעלט מען נישט קיין שום אידעאָלאָגישע פּאָדערונגען אַלס תנאי פון אַ צוזאַמענאַרבעט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן האָבן די קאָמוניסטן זיך פאַראייניקט מיט דער באַזונדערער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געגרינדעט אין ארץ־ישראל מיט אַ דריי יאָר צוריק, נישט זייענדיק דעמאָלט מסכים מיטן אַנטיציוניסטישן פּראָגראַם פון דער אָפיציעלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איצט האָבן זיי זיך געשלאָגן על חטא און זענען צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי.

> אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן זיי זיך ווידער אָפּגעטיילט און דער כנסת־דעפּוטאַט פון דער גרופּע איז אַריבער צו מפּ״ם.

די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער פּראָ־קאָמוניסטישער אַראַבישער ליגע פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג און זיי בילדן איצט אַ יידיש־

אַראַבישע פּאַרטיי. די אַלע פאַרייניקונגען וועלן די קאָמוניסטן צאָלמעסיק קיין סך נישט נוצן. זיי וועלן וואַרשיינלעך אויך ווייטער פאַרבלייבן אַ קליי־נע מינדערהייט־פּאַרטיי צווישן דער ישראל־אַרבעטערשאַפט, אַזוי ווי זיי זענען אין דער הסתדרות.

ו

דער רעליגיעזער בלאָק נעמט אַרום מזרחי און הפועל המזרחי, אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל. אין דער זעלבשטענדיקער יידי־שער מדינה זענען פרומע יידן פאַר זיך אויפגעגעבן וואָס זיי איז שווער איבערלאָזן פאַר אַנדערע פּאַרטייען. פאַר זיי שאַפט זיך נישט איינמאָל אַ טראַגישער קאָנפליקט צווישן דעם ווילן אָפּצוהיטן תרי״ג מצוות כדת וכדין און דער רעאַליטעט פונעם לעבן, פון אַ מדינה־פירונג, וואָס פאָדערט עלאַסטיציטעט און רעכנען זיך מיט די באַדינגונגען פונעם לעבן. דער עצם פאַקט, וואָס עס איז צושטאַנדגעקומען אַ בלאָק צווישן מזרחי און אגודת ישראל, וואָס האָבן זיך צענדליקער יאָרן באַקעמפט, איז זיכער אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. עס וועט אָבער קומען צו אַ גאָר שווערן קאָנפליקט אינעם ישוב, אויב די רעליגיעזע עלעמענטן וועלן זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיט פאַרזיכערן פולע רעליגיעזע פרייהייט, נאָר וועלן שטרעבן אַרויפצו־צווינגען זייער ווילן אויך אויף נישט רעליגיעזע קרייזן.

נאָר ביי די דאָזיקע ערשטע וואַלן איז געשאַפן געוואָרן אַ בלאָק פון מזרחי און אגודת ישראל. ביי שפּעטערדיקע וואַלן, זענען זיי שוין געגאַנגען באַזונדער.

די אגודת ישראל איז אין ארץ־ישראל אַ נייער כוח אינעם אַלגע־מיינעם פּאָליטישן לעבן. דאָס ערשטע מאָל נעמען זיי אָנטייל אין אַלגעמיינע וואַלן. קען מען נישט אָפּשאַצן, וואָס זייער אָנטייל מיינט צאָלמעסיק. די ריין פּראָפּאַגאַנדיסטישע פאַרעפנטלעכונגען פון רעליגיעזן בלאָק, בפרט אין חוץ־לארץ, אַז ער רעכנט צו באַקומען 40 פּראָצענט פון אַלע שטימען, האָט נישט קיין שום אָנהאַלט. אויב זיי וואָלטן געזאָגט די העלפט דערפון, וואָלט עס אפשר געווען צוגעפּאַסט צו עפּעס אַווירקלעכקייט, הגם שטאַרק אָפּטימיסטיש.

דאָס צושטאַנדקומען פון דעם רעליגיעזן בלאָק איז אָנגעקומען שווער. מחוץ פונעם רעליגיעזן בלאָק זענען פאַראַן צוויי רשימות פון

אָפּגעשפּליטערטע אגודה־גרופּן, וואָס זענען נישט מסכים מיטן הסכם. אַחוץ דעם איז פאַראַן אַ רשימה פון פּרויען, וואָס שטייען נאָענט צום הפּועל המזרחי (אגודת ישראל האָט געפאָדערט, אַז פרויען זאָלן נישט זיין אויפן צעטל פונעם רעליגיעזן בלאָק). עס איז אויך פאַראַן אַ באַזונדערער צעטל פון רעליגיעזע אַרבעטער, וואָס סימפּאַטיזירן מיט דער הסתדרות. דאָס מיינט, אַז אַחוץ דער רשימה פונעם רעליגיעזן בלאָק זענען פאַראַן נאָך 4 רעליגיעזע ליסטעס. זיי וועלן אָבער קיין סך נישט ציען. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אינעם הפּועל המזרחי איז געווען אַ שאַרפער וויכוח וועגן דעם, אויב מען זאָל בכלל גיין אין אַזאַ אַלגעמיינעם רעליגיעזן בלאָק. אַ גרויסער טייל, בפרט די קיבוצים, וואָס זענען קאָנצענטרירט אין דער פראַקציע „למפנה", איז געווען קעגן דעם.

די פיר רעליגיעזע רשימות מחוץ דעם רעליגיעזן בלאָק האָבן נישט באַקומען קיין איינציקן מאַנדאַט, הגם זיי האָבן באַקומען צוזאַמען 7150 שטימען, און אַלס איין ליסטע וואָלטן זיי געקענט באַקומען 2 דעפּוטאַטן.

ז

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט די באַזונדערע סאָציאַלע סטרוקטור פון ישראל־ישוב — זיין אַרבעטער־כאַראַקטער, וואָס באַשטימט דעם אויסזען פון זיין פאָרשטייערשאַפט. אויב מען נעמט אַריין אין חשבון דעם רעליגיעזן בלאָק און אַ פאַרהעלטנישמעסיק שטאַרקע אולטראַ־נאַציאָנאַלע אָדער רעכטע פּאַרטיי, איז קלאָר, אַז עס איז נישטאָ קיין סך אָרט פאַרן בירגערלעכן צענטער. דערביי איז דער דאָזיקער צענטער פּאָליטיש שטאַרק צעטיילט און ביי די איצטיקע וואַלן קומט ער מיט עטלעכע ליסטעס.

די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן מיט צוגרייטונגען צו בילדן אַ שטאַרקע ליסטע, וואָס זאָל זאַמלען אַרום זיך אַן אָנזעעוודיקע צאָל שטימען. עס האָבן אָבער אויפגעלעבט אין אירע רייען די אַלטע קעגנזאַצן צווישן די מער פּראָגרעסיווע און מער רעכטע קרייזן. די קעגנזאַצן זענען נאָך שאַרפער געוואָרן נאָכדעם ווי דער רעכטער טייל האָט פאַרגעזעצט זיינע באַמיונגען, אַז די רעכטע בירגערלעכע קרייזן, אַרום דער גרופּע בירגערמייסטערס פון תל־אביב, רמת־גן, פּתח־תקוה, זאָלן

פאַרנעמען פירנדיקע ערטער ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן. די מערהייט פון צווישן די פּראָגרעסיווע קרייזן, זענען אַרויס פון דער פּאַרטיי און האָבן געבילדעט צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע עלעמענטן די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי. די אַלגעמיינע ציוניסטן זענען אַזוי אַרום אין אמתן געוואָרן אַ רעכטע בירגערלעכע פּאַרטיי, הגם זיי רופן זיך צענטער־פּאַרטיי. די ליסטע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן איז אַ גענוג רעפּרעזענטאַטיווע. אין דער שפּיץ גייען דער האַנדלס־מיניסטער פּ. בערנשטיין, דער תל־אביבער בירגערמייסטער י. רוקח, שושנה פּערסיץ (די טאָכטער פון הלל זלאַטאָ־פּאָלסקי), י. ספּיר, (בירגערמייסטער פון פּתח־תקוה). אָבער דער אויבן־סקיצירטער מצב זאָגט אונדז, אַז קיין גרויסע גליקן קענען זיי נישט דער־וואַרטן ביי די וואַלן.

די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי וואָס איז ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געגרינדעט געוואָרן, איז לכתחילה געגאַנגען צו די וואַלן מיט אַ סך האָפענונגען. ווי געזאָגט האָבן זיך פּאַרייניקט דריי פאַרשידענע גרופּן: די פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן; דער העובד הציוני (וואָס איז פאַרבונדן מיט דער הסתדרות) און די עליה חדשה (ציוניסטן פון די דייטש־רעדנדיקע לענדער). צאָלמעסיק איז די עליה חדשה געווען די שטאַרקסטע גרופּע פון דער נייער פּאַרטיי. אין ישוב האָט מען די נייע פּאַרטיי אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך. דער „הארץ" — די גרויסע בירגערלעכע טאָג־צייטונג, האָט זיך אינגאַנצן געשטעלט אין דינסט פון דער נייער פּאַרטיי (דער „הבוקר" שטיצט די אַלגעמיינע ציוניסטן מיט בערנשטיין־רוקח בראש). אָבער אויך פאַר דער נייער פּאַרטיי איז געקומען אַלס איבעראַשונג דער באַשלוס פון יצחק גרינבוים צו גיין מיט אַן אייגענער ליסטע. אַ ליסטע וואָס האָט נישט קיין אויסזיכטן, אָבער זי טראָגט אַריין אַ צעמישונג אין די רייען פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן. (באַקומען סך־הכל 2514 שטימען). בראש פון דער פּראָגרעסיווער ליסטע גייען דער יוסטיץ־מיניסטער פּ. ראָזענבליט (פּ. רוזן), דירעקטאָר פון ק.ק.ל. ד״ר א. גראַנאָווסקי (גרנות), און מ. קאָלאָדני (קול), מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און פירער פון העובד הציוני.

די אַלגעמיינע ציוניסטן און די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי זענען די צוויי הויפּט־גרופּן פון צענטער. יעדע פון זיי וועט מן הסתם האָבן 5 ביז 8 דעפּוטאַטן. דאַן קומען נאָך אַ ריי קלענערע גרופּן, וואָס וועלן מן הסתם נאָר האָבן איינעם אָדער צוויי מאַנדאַטן. די ספרדים־ליסטע מיטן מינדערהייט־

מיניסטער ב. שיטרית בראש, האָט אין דער לעצטער מינוט באַקומען גרעסערע שאַנסן.

צווישן די 21 רשימות פעלט נאַטירלעך נישט אַ באַזונדערע רשימה פון תימנער, מיט זכריה גלוסקא בראש. קיין גרויסן דערפאָלג וועט די רשימה נישט האָבן.

ער אַליין האָט באַקומען אַ מאַנדאַט.

ח

מיר האָבן אין דער לעצטער צייט איבערגעלעבט אַ געוואַלדיקע רעוואָלוציע אין אונדזער לעבן — פון אַן אַקטיוון אונטערערד־קאַמף ביז אַ זעלבשטענדיקער מדינה. מוז מען אויך נעמען אין אַכט באַדייטנדיקע אויפטרייסלונגען אין אונדזער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זענען דעריבער מעגלעך כל מיני איבעראַשונגען. ווען מיר האָבן פריער אַרויס־געזאָגט אַ מיינונג וועגן דעם בערכדיקן כוח פון די פּאַרטייען, איז עס נאָר געווען אַ פרייע אָפּשאַצונג, כדי מען זאָל אין חוץ לארץ האָבן מער־ווייניקער אַ פאָרשטעלונג, וועגן די געזעלשאַפטלעכע כוחות אין ארץ־ישראל און נישט באַקומען דעם פאַלשן רושם, אַז מער ווי 20 פּאַרטייען באַשטימען אונדזער פּאָליטישן וועג.

נאָך שווערער איז פּראָגנאָזירן וואָס וועט זיין דער כוח פון די צוויי רעוויזיאָניסטישע ליסטעס — „חרות" און הצה"ר — בפרט פאַר אַ מענטשן, וואָס איז נישט זייער אָנהענגער. קלאָר, אַז אין דעם אינערלעכן קאַמף צווישן „חרות" און הצה"ר, דאָס מיינט צווישן מ. בעגין און די אַלטע רעוויזיאָניסטישע פירער, וועט „חרות" זיין דער זיגער ביי די וואַלן. ביי דער לעצטער הצה"ר־קאָנפערענץ אין ישראל (זומער 1948), איז די פּאַר־העלטניש געווען איין דריטל (אַלטע אָנפירונג) און צוויי דריטל („חרות"). עס איז, דאַכט זיך, נישטאָ קיין אויסזיכט, אַז הצה"ר זאָל קענען אָפּהיטן זיין דריטל ביי די וואַלן.

ווי מען גיט איבער, איז איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס האָבן צעשטערט אַ געמיינזאַמע רשימה פון די רעוויזיאָניסטן, דער פאַקט, וואָס די רעוויזיאָניסטישע פאָרשטייער אין צייטווייליקן מלוכה־ראַט האָבן נאָכן בערנאַדאָט־מאָרד געשטימט פאַר די אויסנאַם־געזעצן קעגן טעראָר־אָרגאַ־ניזאַציעס. די רעוויזיאָניסטן האָבן עס לעצטנס געוואָלט אויסבעסערן און

אַרײַנגעטראָגן אין מלוכה־ראַט אַן אינטערפּעלאַציע, וואָס פֿאָדערט אָפּצושאַפֿן די אַנטי־טעראָר גזירה־געזעצן. אָבער, ווי עס שײַנט, האָבן זיי דערמיט זיך נישט באַוויזן צו רעהאַביליטירן. בראש פֿון דער הצה״ר־רשימה גייען ד״ר אלטמאַן און ב. ווײַנשטיין. עס שליסן די רשימה מאיר גראָסמאַן און ש. יוניטשמאַן. בראש פֿון דער „חרות״־רשימה גייען מ. בעגין, אורי צבי גרינבערג און י. מערידאָר, און עס שליסט די רשימה דער שרײַבער י. ה. ייביק. דער רעוויזיאָניסטישער „המשקיף״ שרײַבט, אַז דער פּאַקט, וואָס אַזעלכע באַקאַנטע „חרות״־אָנהענגער ווי אבא אחימאיר, ד״ר פאַן־וויזל און אַדוואָקאַט יוסף שאָפּמאַן זענען בכלל נישט אין דער ליסטע, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי זענען צו שטאַרק באַקאַנט מיט זייער אַנטי־סאָוויעטישער שטעלונג.

פֿון די דאָ דערמאָנטע רעוויזיאָניסטישע פֿירער זענען איצט: ב. ווײַנשטיין, מ. גראָסמאַן און ד״ר פאַן־וויזל בײַ די אַלגעמײנע־ציוניסטן. ד״ר אַלטמאַן, שאָפּמאַן און יוניטשמאַן, זענען כנסת־דעפּוטאַטן פֿון „חרות״.

מיר נעמען אָן, אַז בײדע רעוויזיאָניסטישע רשימות וועלן באַקומען אַרום 15 פּראָצענט און אפשר עפּעס מער פֿון אַלע שטימען. (זיי האָבן באַקומען ווייניקער, זע ווייטער). דאָס איז אַ גאַנץ פֿרײַע שאַצונג. עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז „חרות״ וועט ווײַט נישט באַקומען יענע צאָל שטימען, וואָס זאָל קענען מ. בעגין אַוועקשטעלן אַלס אַן ערנסטן קאַנדידאַט פֿאַרן ישראל־פּרעמיער, אַזוי־ווי זיי באַרימען זיך אין חוץ־לארץ.

די ליסטע פֿון לח״י (שטערניסטן), וואָס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין לעצטער מינוט, איז מער אַ דעמאָנסטראַטיווער אַקט. מען רעכנט נישט, אַז זי וועט ציען אַ סך שטימען. בראש פֿון דער רשימה גייען פרידמאַן־ילין און שמולעוויטש, קעגן וועלכע עס פֿירט זיך איצט דער משפּט אין עכו. (זיי האָבן יאָ באַקומען איין דעפּוטאַט, אָבער נאָר בײַ די וואַלן צו דער ערשטער כנסת).

ט

פֿאַראַן אַרום 30.000 אַראַבישע וויילער. זיי שטעלן אַרויס 4 באַזונדערע רשימות. אַחוץ דעם קאַנדידירן אַראַבער אויפֿן קאָמוניסטישן צעטל און איין אַראַבער אויף דער לח״י־ליסטע (יוסף אבו גוש, אויפֿן זעקסטן

אָרט). עס האָבן אויסזיכטן אויסגעקליבן צו ווערן איינער אָדער צוויי אַראַבער פון דער קאָמוניסטישער רשימה, וועלכע שטייען אויפן צווייטן און פערטן פּלאַץ אין דער ליסטע.

וועגן די אויסזיכטן פון די 4 אַראַבישע רשימות איז שווער צו זאָגן, ווייל מען ווייסט נישט ווי שטאַרק עס וועט זיין די באַטייליקונג פון די אַראַבער אין די וואַלן. לכתחילה האָט מען גערעכנט, אַז זיי וועלן בכלל מורא־האָבן פאַרן מופטי־טעראָר און וועלן נישט קאַנדידירן. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די השפעה פון די מופטי־לייט צווישן די פאַרבליבענע אַראַבער אין מדינת־ישראל איז באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט. פון די פיר אַראַבישע רשימות ווייסט מען, אַז די רשימה פון אַראַבישן אַרבעטער־בלאָק, מיט עבדול רחמן אל חוסייני פון עכו בראש, איז פאַר אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג, זיי קאָאָפּערירן מיט דער הסתדרות און מיט מפא"י אין אַרבעטער־פראַגן. אויך די רשימה פון אַראַבישן פאָלקס־בלאָק איז פאַר אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג; זי קאָאָפּערירט אין די אַרבעטער־ענינים מיט מפ"ם. די דריטע אַראַבישע ליסטע רופט זיך דעמאָקראַטישע ליסטע פון נצרת. מען נעמט אָן, אַז אויך די ליסטע זוכט אַ קאָנטאַקט מיט די יידישע פּאָזיטיווע כוחות. וועגן דער פערטער אַראַבישער רשימה מיט כיאט פון חיפה בראש, זענען נישטאָ קיין גענויערע פּרטים. דאָס איז ווייזט אויס אַ רשימה פון די אַראַבישע בירגערלעכע קרייזן. זי איז געשיקט געוואָרן צו דער הויפּט־וואַל־קאָמיסיע צו שפּעט און מען ווייסט נאָך נישט, אויב מען וועט זי קענען באַשטעטיקן.

מען האָט די ליסטע נישט באַשטעטיקט און עס זענען, לכן, נאָר געווען 3 אַראַבישע רשימות.

י

בדרך־כלל האָבן די קאַנדידאַטן־רשימות נישט געבראַכט קיין גרויסע איבעראַשונגען. עס קאַנדידירן לרוב די זעלבע מענטשן, וועלכע מיר קענען שוין זינט יאָרן פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן און זיצונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות און פונעם ועד הלאומי — אַחוץ דער ליסטע פון „חרות", וואָס איז אינגאַנצן ניי. די 13 מיניסטאָרן פון דער צייטווייליקער רעגירונג קאַנדידירן אויף

7 פאַרשידענע רשימות: 4 אין דער ליסטע פון מפא"י; 2 אין דער ליסטע פון מפ"ם; 3 אין דער ליסטע פון רעליגיעזן בלאָק און די איבעריקע 4 — יעדער בראש פון אַ באַזונדערער ליסטע. אחוץ מ. קאָלאָדני (קול) קאַנדידירט קיינער נישט פון די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויף אַ רעאַלן אָרט.

אין די אַרבעטער־רשימות קאַנדידירן אויף רעאַלע פּלעצער עטלעכע אַקטיווע קעמפער פון דער אַרמיי.

11־ט יאַנואַר 1949.

3) דער וואַל־זיג פון מדינת־ישראל

א

עס איז נישט געווען סתם אַ שיינע מליצה, ווען דער „דבר" האָט אויף צוזאַמענגנס נאָך די וואַלן פעסטגעשטעלט, אַז דער אמתער וואַל־זיגער איז אונדזער יונגע מדינה. דער דאָזיקער זיג איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם עצם פאַקט, וואָס מען האָט באַוויזן גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן — און זיי זענען געווען גאָר גרויסע — און אַדורכצופירן די וואַלן אין צייט, מיט אָרדענונג, און אויך דורכצופירן דעם וואַל־קאַמף אָן צוזאַמענשטויסן און שטערונגען. אויך די רויקייט און ערנסטקייט אינעם טאָג פון די וואַלן זענען אַן ערן־צייגניש פאַר דער פּאָליטישער רייפקייט און מלוכהשער אחריות פון די ישראל־בירגער. ס'איז געווען אַ פולער נצחון פאַר אונדזער מלוכהשן גייסט.

איבער אַ האַלבער מיליאָן וואַל־באַרעכטיקטע האָט פעסטגעשטעלט די אַלגעמיינע ציילונג דעם 8־טן נאָוועמבער 1948. אַרום 30 טויזנט אידענטיטעט־קאַרטן (פּנקסי־זיהוי), וואָס אָן זיי האָט מען נישט געקענט שטימען, האָט מען נישט באַוויזן צו פאַרטיילן ביז צום וואַל־טאָג. פון די פאַרבליבענע 475.000 וואַל־באַרעכטיקטע האָבן 440 טויזנט אָפּגעגעבן זייער שטימע. מען קען זיך גאַרנישט פאָרשטעלן קיין גרעסערע וואַל־באַטייליקונג, קיין העכערע מאָס פון בירגערלעכער פליכט־דערפילונג ביי פרייע וואַלן.

אויך דער רעזולטאַט פון די וואַלן זאָגט עדות, ווען דער מיושבדי־

קייט, ערנסטער פּאָליטישער רייפקייט און מלוכהשער שולונג פונעם ישראל־מענטש אין זיין לאַנד. מען האָט אים נישט באַוויזן צעטומלען און אַראָפּפירן פון גלייכן וועג. די מיטינגען און די הילכער אין די גאַס און דער מבול פילפאַרביקע פּלאַקאַטן האָבן נישט באַשטימט זיין האַנדלונג. ער האָט געהאַנדלט לפי זיין געוויסן און שכל הישר, ביים אָפּגעבן זיין שטימע.

ב

דער שרייבער פון די שורות האָט צוויי וואָכן פאַר די וואַלן געפּרוּווט שילדערן די כוחות־פאַרהעלטנישן אין ישוב, און לויט דעם פּאָרויסזאָגן דעם רעזולטאַט פון די וואַלן. ער האַלט עס נישט פאַר קיין שום באַזונדער מער זיין איַנפאָרמירט וואָס זיין אָפּשאַצונג האָט זיך אין אַלגעמיין באַשטעטיקט. יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן און מיט דער מענטאַליטעט פון אונדזער ישוב, און ער האָט נישט געוואָלט ספּעקולירן אויפן קורצן זכרון פון לייענער, האָט מער־ווייניקער געקענט מאַכן די זעלבע אָפּשאַצונג. און עס וואָלט גוט געווען, אַז יידן אין חוץ־לארץ זאָלן עפּעס לערנען דערפון און זאָלן סוף־כל־סוף אונטערשיידן צווישן באַרימערײ און רעאַליטעט. דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען צו זיין אין ניו־יאָרק אַכט וואָכן פאַר די וואַלן. וויפיל ער האָט זיך נישט באַמיט קלאָר צו מאַכן, אפילו פאַר באַהאַוונטע פּרעסע־מענטשן, אַז מ. בעגין איז נישט קיין שום אַלטערנאַטיווע און קיין שום רעאלער קאַנדידאַט פאַרן אַמט פון ישראל־פּרעמיער; אַז די קאָמוניקאַטן פון די פּריינט פונעם רעליגיעזן בלאָק אין אַמעריקע וועגן דעם, אַז דער בלאָק רעכנט צו באַקומען 40 פּראָצענט שטימען — —זענען לעכערלעכע באַרימערייען; אַז די קאָמוניסטן זענען נישט קיין ערנסטער פאַקטאָר ביי אונדז — האָט עס אים נישט געניצט. מען האָט אים העפלעך אויסגעהערט (צו אַ גאַסט איז מען דאָך העפלעך) — אָבער ביי זיך האָט יעדער געטראַכט, אַז דאָס זאָגט דאָך אַ פּאַרטיי־מענטש און מן הסתם איז עס אַביסל אַנדערש, און די וואַל־רעזולטאַטן וועלן זיין אַנדערע ווי ער זאָגט.

ג

פון די 21 רשימות, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אינעם וואַל־קאַמף האָבן פיר באַקומען 75 פּראָצענט פון אַלע שטימען; פיר ווייטערע ליסטעס

האָבן באַקומען 16 פּראָצענט שטימען. מיר לערנען דערפון, אַז די גרויסע מערהייט ישראל־בירגער זאמלט זיך אַרום עטלעכע געציילטע פּאַרטייען. האָפנטלעך וועלן די רעזולטאַטן פון די וואַלן זיין אַ גענוגנדיקע וואָרענונג פאַר די אַלע, וואָס זענען אַזוי איילִיק צו שאַפן אייגענע ליסטעס. 9 ליסטעס — פון די 21 — מיט נאָענט 20 טויזנט שטימען, וועלן נישט אַדורכפירן קיין איין מאַנדאַט. זייער אַרבעט און די גאָר גרויסע וואַל־הוצאות זענען געווען אומזיסט. צווישן די אַדורכגעפאַלענע ליסטעס, איז צום באַדויערן אויך די ליסטע פון יצחק גרינבוים, וואָס אַלס אינערן־מיניסטער האָט ער גרויסע פאַרדינסטן ביים צוגרייטן און אַדורכפירן די וואַלן. עס איז פאַר־דריסלעך וואָס דער דאָזיקער מוטיקער און פאַרדינסטפולער פּאָליטיקער, האָט אויף אַזאַ אופן פאַרענדיקט זיין אַקטיוו־פּאָליטישע קאַריערע. און עס האָט נישט געמוזט אַזוי זיין. עס זענען לגמרי אדורכגעפאַלן פיר קליינע רעליגיעזע ליסטעס, מחוץ דעם רעליגיעזן בלאָק.

אויך די ליסטע פון וויצ״א, וואָס האָט דערגרייכט איין מאַנדאַט, ביי אַ גאָר שטאַרקער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ סך טויזנטער, איז נישט קיין גרויסער זיג פאַר די, וואָס האָבן זי אינספּירירט. עס איז אויך אַ גרויסע פראַגע, אויב פאַר די יידן פון תימן אין מדינת־ישראל, איז טאַקע בעסער, אַז זיי זאָלן האָבן איין דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט פון אַן אייגענער ליסטע, אָדער עס וואָלט פאַר זיי בעסער געווען נישט צו גיין מיט אַן אייגענער ליסטע און צו פאַרפליכטן אַלע פּאַרטייען, אַז זיי זאָלן זאָרגן פאַר די גערעכטע באַדערפענישן פון דער תימנער עדה.

ד

דער דערפאָלג פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל (מפא״י) איז אַ באַדייטנדיקער. זי האָט באַקומען 155 טויזנט שטימען — מער ווי 35% פון אַלע שטימען. צו פאַרגלייכן דעם רעזולטאַט מיט פריערע וואַלן, האָבן מיר פאַר זיך נאָר די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים אין אויגוסט 1944, און די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין אָקטאָבער 1946. און הגם אין בײדע וואַלן האָבן נישט אָנטיילגענומען פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך דאָסמאָל יאָ באַטייליקט, איז פונדעסטוועגן דער פּראָצענט שטימען פון מפא״י אין איין פאַל העכער און אין צווייטן פאַל דער גלייכער, ווי בעת די פריער

דערמאַנטע וואַלן. די פּאַרטייען וואָס בילדן מפ״ם, און האָבן באַקומען ביי די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים, 21,5 פּראָצענט פון אַלע שטימען און ביי די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס 24,6 פּראָצענט פון אַלע שטימען זענען איצט אַרונטער צו 14,8 פּראָצענט פון אַלע שטימען (64.000 שטימען).

דאָס איז נאָך בולטער, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז מפא״י האָט דאַסמאָל באַקומען 84.000 שטימען מער ווי בעת די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1946, און מפ״ם האָט נאָר באַקומען 15.000 שטימען מער.

אויך בנוגע דעם רעליגיעזן בלאָק קענען מיר נאָר מאַכן אַ פאַר־גלייך מיט פריערע וואַלן, הגם דעמאָלט האָבן אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל זיך נישט באַטייליקט אין די וואַלן. מזרחי און הפועל המזרחי האָבן באַקומען ביי די וואַלן צו דער אסיפת הנבחרים 13,4 פּראָצענט פון אַלע שטימען און ביי די קאָנגרעס־וואַלן (1946) 12,4% פון אַלע שטימען. דאַסמאָל האָט דער רעליגיעזער בלאָק (שוין מיט אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל) אויך באַקומען די זעלבע 12,4 פּראָצענט פון אַלע שטימען. דאָס מיינט, אַז זייער אַבסאָלוטער וווקס — פון 24,432 שטימען ביי די קאָנגרעס־וואַלן (אָן דער אגודה) צו 53.000 וויילער צו דער ישראל־קאָנסטיטואַנטע, איז אין איינקלאַנג מיטן אַלגעמיינעם וווקס פון דער צאָל וויילער — 196.618 בעת די קאָנגרעס־וואַלן און 440.000 ביי די איצטיקע וואַלן. אָן דער אגודה וואָלט, לכן, געווען אַ פּראָצענטועלער צוריקגאַנג פון מזרחי.

ביי די קאָנגרעס־וואַלן האָבן די רעוויזיאָניסטן באַקומען 13,7 פּראָ־צענט פון אַלע שטימען. דאַסמאָל האָבן „חירות״ און די רעוויזיאָניסטן (הצה״ר) באַקומען צוזאַמען 12,2 פּראָצענט פון אַלע שטימען. איז „חירות״ איצט מודה, אַז דאָס איז אַ סך ווייניקער ווי זיי האָבן געהאָפט. דער אָנטייל פון די רעוויזיאָניסטן (הצה״ר) אין די 12,2 פּראָצענט איז אַ גאָר מינימאַ־לער — „חרות״ 49.700 און הצה״ר 2.900. דער דורכפאַל פון „חירות״, איז בעצם די איינציקע און גרעסטע איבעראַשונג פון די וואַלן. אַז מפ״ם וועט באַקומען ווייניקער, איז געווען כמעט זיכער. וואָס נוגע „חירות״ האָט אויך דער שרייבער פון די שורות זיי אָפּגעשאַצט מיט בערך 15% (וואָס אַ סך האָבן עס באַטראַכט אַלס אַ גאָר שטאַרקע אונטערשאַצונג). זייער פּראָפּאַ־גאַנדע איז איבערגעשטיגן אין רעש אַלע פּאַרטייען. באַזונדערס האָט

איבעראַשט זייער דורכפאַל אין ירושלים, ווו זיי פלעגן ביי פריערע וואַלן באַקומען עטלעכע און צוואנציק פראָצענט שטימען און דאַסמאָל נאָר 14%. אויך זייערע אַנדערע פעסטונגען — נתניה, פתח־תקוה, רמת־גן, האָבן נישט דערפילט די דערוואַרטונגען. געראַטעוועט האָט זיי תל־אביב, ווו זיי האָבן באַקומען 16% שטימען בעת אין חיפה, למשל, האָבן זיי נאָר באַקומען 7%.

פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט די אָפיציעלע פּאַרטיי באַקומען 22.661 שטימען, דאָס מיינט 5,3% און די פּראָגרעסיווע האָבן באַקומען 17.786 שטימען — 4,1%, צוזאַמען 9,4%, צוזאַמען מיט די וויצ"א־שטימען — 5.173 שטימען, 5, 10 פּראָצענט. ביי די קאָנגרעס־וואַלן האָבן די דאָזיקע גרופּן צוזאַמען באַקומען 12,4% פון אַלע שטימען. דער אַלגעמיינער רושם איז געווען, אַז די פּראָגרעסיווע וועלן באַקומען מער שטימען. פאַר די אַלגעמיינע ציוניסטן אַליין, וואָס האָבן ביי די קאָנגרעס־וואַלן באַקומען 4,6% שטימען (שוין מיט מכבי), איז עס אַ פאַרשריט.

די קאָמוניסטן האָבן באַקומען ביי די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים אין יאָר 1944 — 2% — שטימען. דאַסמאָל האָבן זיי באַקומען 3,5 פּראָצענט שטימען (15.148). נישטאָ קיין שום ספק, אַז דער צוּוואוּקס פון די אַנדערט־האַלבן פּראָצענט זענען אַראַבישע שטימען (זיי האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמע יידיש־אַראַבישע ליסטע). פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען, אַז לכל הפּחות די העלפט פון זייערע שטימען זענען אַראַבישע. זיי האָבן געפירט אַ גאַר לעבהאַפטע און רייכע פּראָפּאַגאַנדע. זיי האָבן באַנוצט פּאַטריאָטישע לאָזונגען. אונדזער ישוב איז אָבער גענוג דערוואַקסן, כדי צו קענען אונטערשיידן וועגן וואָס עס רעדט זיך.

די ספרדים־ליסטע, האָט גאַנץ גוט אָפּגעשניטן, אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן אין לעצטער מינוט זיך פאַרייניקט צווישן זיך. די ליסטע האָט באַקומען אַן ענלעכע צאָל שטימען ווי די קאָמוניסטן — 15.287. אויך פאַר זייער ליסטע האָבן געשטימט עטלעכע טויזנט אַראַבער. די ליסטע פון לח"י (שטערניסטן) האָט באַקומען 5.299 שטימען — 1,2%. דער פאַקט, וואָס די לח"י־פירער זענען איצט אַרעסטירט און דער אַרעאָל פון מאַרטירער־טום באַקרוינט זיי, האָט מן הסתם באַוויגן אַ סך סענטימענטאַלע וויילער צו שטימען פאַר זיי.

ה

אַלע חששות, אַז די אַראַבער וועלן מורא האָבן צו שטימען, צוליב דעם פּחד פאַר דער עווענטועלער נקמה, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר גרונטלאָז. פון די מער ווי 30.000 אַראַבישע ווייִלער האָבן אַרום 25.000 זיך באַטייליקט אין די וואַלן. פון זיי האָבן 10.600 געשטימט פאַר די צוויי ליסטעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט מפא״י: אַרום 6 ביז 7 טויזנט האָבן געשטימט פאַר די קאָמוניסטן, 2.800 האָבן געשטימט פאַר דער אַראַבישער ליסטע פון מפ״ם; 2 ביז 3 טויזנט פאַר דער ספרדים־ליסטע און די איבעריקע האָבן געשטימט פאַר כמעט אַלע אַנדערע ייִדישע ליסטעס, אפילו פאַר די ליסטעס פון „חרות״ און לח״י.

דער אַרבעטער־כאַראַקטער פון אונדזער ישוב איז געקומען בולט צום אויסדרוק אין די וואַלן. די פּאַרטייען פון דער הסתדרות האָבן באַקומען אַרום 56 פּראָצענט פון אַלע שטימען. אויב מען זאָל נאָך צורעכענען הפּועל המזרחי און פּועלי אגודת ישראל, קען מען אָן ספק זאָגן, אַז לכל הפּחות 65 פּראָצענט פון ישראל־ישוב האָבן געוויילט אַרבעטער־פאָרשטייער.

תל־אביב, סוף יאַנואַר 1949.

אין די וואַלן צו דער ערשטער כנסת (קאָנסטיטואַנטע), האָבן קאַנדידירט 21 רשימות, 12 האָבן באַקומען מאַנדאַטן, 440 טויזנט ווייִלער האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן; צו דער צווייטער כנסת (30 יולי 1951), האָבן קאַנדידירט 17 רשימות, 15 האָבן באַקומען מאַנדאַטן, צווישן זיי 3 רשימות צו איין מאַנדאַט און 4 רשימות — צו 2 אָדער 3 מאַנדאַטן. פון 925 טויזנט וואַלבאַרעכטיקטע האָבן 695 טויזנט ווייִלער זיך באַטייליקט אין די וואַלן. צו דער דריטער כנסת (26־טן יולי 1955), האָבן קאַנדידירט 16 רשימות, מאַנדאַטן האָבן באַקומען 9 ייִדישע רשימות און 3 אַראַבישע. פון 1.057.000 וואַלבאַרעכטיקטע האָבן 887 טויזנט ווייִלער אָנטייל גענומען אין די וואַלן.
די 120 מאַנדאַטן אין דער ערשטער כנסת זענען פאַרטיילט געוואָרן: מפא״י — 46; מפ״ם — 19, עטלעכע חדשים שפּעטער (אויגוסט 1949), איז איינער פון די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן — א. פרעמינגער, אַריבער צו מפ״ם, און זיי האָבן געהאַט אין דער כנסת 20

דעפּוטאַטן; רעליגיעזער בלאָק — 16; „חרות" — 14; אַלגעמיינע ציוניסטן — 7; פּראָגרעסיווע — 5; קאָמוניסטן — 4 — שפּעטער נאָר 3; אַראַבישע ליסטע — 2; פּרויען, שטערניסטן (לח"י), תימנער — צו 1.

אין דער צווייטער כנסת: מפא"י — 45; אלגעמיינע ציוניסטן — 20; מפ"ם — 15; הפּועל המזרחי — 8 און מזרחי — 2; חרות — 8; קאָמוניסטן — 5; פּראָגרעסיווע — 4; אגודת ישראל — 3 און פּועלי אגודת ישראל — 2; ספרדים — 2; תימנער — 1; אַראַבישע ליסטעס — 5 (פאַרבונדן מיט מפא"י).

אין דער דריטער כנסת: מפא"י — 40 דעפּוטאַטן און 5 אַראַבישע דעפּוטאַטן פאַרבונדן מיט מפא"י; „חרות" — 15; אַלגעמיינע ציוניסטן — 13; מזרחי און הפּועל המזרחי — 11; אחדות העבודה — פּועלי ציון — 10; מפ"ם — 9; אגודת ישראל און פּועלי אגודת ישראל יעדע צו 3; קאָמוניסטן — 6; פּראָגרעסיווע — 5.

מען רעכנט, אַז ביי די וואַלן צו דער פערטער כנסת וואָס דאַרפן פאָרקומען אין 1959, וועלן זיין מער ווי 1.250.000 וואלבארעכטיקטע. אַרום 200 טויזנט מער ווי ביי די לעצטע וואַלן אין יאָר 1955 און דריטהאַלבן מאָל אַזוי פיל ווי ביי די ערשטע וואַלן אין 1949. צווישן די איין מיט אַ פערטל מיליאָן וויילער אין 1959 וועלן זיין 98.000 נישט־יידן. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די וואַל־באַטייליקונג וועט זיין בערך אַזוי ווי ביי די פריערע וואַלן, וועט אויסקומען 8,600 שטימען אויף יעדן דעפּוטאַט (די כנסת האָט 120 דעפּוטאַטן) אָנשטאָט 3.800 שטימען ביי די ערשטע וואַלן, 5.700 ביי די צווייטע און 7.100 ביי די דריטע כנסת־וואַלן.

אונדזער שטרעבן צו שלום

א

די וואַפנשטילשטאַנד אונטערהאַנדלונגען צווישן מצרים און ישראל, אויף דעם גריכישן אינדזל ראָדאָס, האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 12־טן יאַנואַר 1949, האַרט פֿאַר די וואַלן צו דער ישראל־קאָנסטיטואַנטע, אין דער סאַמע לעצטער סטאַדיע פֿון פֿאַרשאַרפֿטן וואַל־קאַמף. אָנהויבנדיק די פֿאַרהאַנדלונגען, האָט קיינער נישט געקענט וויסן אין פֿאָרויס, ווי זיי וועלן זיך אַנטוויקלען. און אַפֿילו אינעם מאָמענט פֿון שרייבן די שורות, ווייסט מען נאָך נישט, ווי זיי וועלן זיך פֿאַרענדיקן. מען מוז אויך רעכענען דערמיט, אַז זיי קענען דורכפֿאַלן. אויב זיי וועלן דורכפֿאַלן, וועט די אינערלעכע אָפּאָזיציע אין ישראל דעם פֿאַקט שטאַרק אויסנוצן קעגן דער רעגירונג. בפֿרט אין דער פֿאַרשאַרפֿטער סטאַדיע פֿון וואַל־קאַמף. קען דעריבער זיין, אַז אַן אַנדערע רעגירונג, וואָס וואַל־סטראַטעגיע דיקטירט אירע האַנדלונגען, וואָלט געזוכט אַ וועג, אָפּצולייגן דעם אָנהויב פֿון אַזעל־כע פֿאַרהאַנדלונגען ביז נאָך די וואַלן. דער רעספּעקט צו אונדזער רעגירונג וועט פֿאַרגרעסערט דערמיט וואָס זי האָט עס נישט געטאָן. זי האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט די פֿאַרהאַנדלונגען; זי האָט נישט וואָס צו פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַר אירע בירגער; זי קלייבט זיך נישט צו טאָן וואָס־נישט־איז, וואָס זי זאָל נישט קענען עפֿנטלעך און קלאָר טראָגן דערפֿאַר די פֿולע פֿאַראַנטוואָרטונג. וויל זי נישט אָפּלייגן אויף קיין איינציקן טאָג, צוליב סטראַטעגישע וואַל־חשבונות, די מעגלעכקייט פֿון שלום, אויב אַזאַ איז נאָר פֿאַראַן. די ישראל־דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פֿון וו. איתן, יגאל ידין, ראובן שילוח און אליהו ששון. דער יו־ען פֿאַרשטייער ר. באַנטש איז געווען זייער אַקטיוו אין די אונטערהאַנדלונגען.

דער עצם פֿאַקט פֿון די דירעקטע פֿאַרהאַנדלונגען מיט מצרים אין ראָדאָס, ווי זיי זאָלן זיך נישט פֿאַרענדיקן, איז אַ וויכטיקער פּאָליטישער נצחון לטובת אונדזער מדינה. אויך אַן עפֿנטלעכע אָנערקענונג פֿון

אונדזערן אַ וויכטיקן מיליטערישן נצחון. די ווירקונג אין די אנדערע אַראַבישע לענדער, און אפילו מחוץ די אַראַבישע לענדער, וועט אָן ספק זיין אַ שטאַרקע. מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז שוין זינט יאָרן זענען נישט פאָרגעקומען קיין דירעקטע, אָפיציעלע יידיש־אַראַבישע פארהאנדלונגען. אמת, אַ נישט־אָפיציעלער קאָנטאַקט, איז געווען, און מען האָט אפילו פון צייט־צו־צייט געפירט שמועסן, הגם די אַראַבער פלעגן עס עפנטלעך אָפלייקענען. ביי די געשפּרעכן וואָס ענגלאַנד האָט אראנזשירט אין לאָנדאָן, אָנהויב 1939, זענען די זיצונגען פאָרגעקומען באַזונדער מיט יידן און באַזונדער מיט די אַראַבער, ווייל די לעצטע האָבן נישט מסכים געווען צו געמיינזאַמע זיצונגען. נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק, אין חודש נאָוועמבער 1948, אויף די זיצונגען פון יו־ען אין פּאַריז, האָבן די פאָרשטייער פון מצרים דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט אָנערקענען די יידישע מדינה און וועלן נישט פארהאנדלען מיט דער ישראל־רעגירונג. די יידישע וואָפן און די פאַרפעסטיקונג פון דער מדינת־ישראל, האָבן זיי געצוווּנגען שנעל און ראַדיקאַל צו ענדערן זייער מיינונג. און מען דאַרף אויך געדענקען, אַז פאַרהאנדלונגען מיט מצרים מיינט מיט דעם גרעסטן פון צווישן די אַראַבישע לענדער.

די ישראל־באַפעלקערונג האָט מיט צופרידנקייט אויפגענומען דעם פאַקט פון די פארהאנדלונגען און דעם ערנסטן צוגאַנג פון דער רעגירונג, וואָס וויל אויפריכטיק זיי דערפירן צו אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט. אמת, אין דער פרעסע און אויף די וואַל־פאַרזאַמלונגען פון „חרות״ (און אויך פון די קאָמוניסטן), באַמיט מען זיך אויפצווייזן, אַז די פארהאנדלונגען זענען כולו הפסד. דאָס ענדערט אָבער נישט די אַלגעמיינע שטימונג פון דער באַפעלקערונג, וואָס וויל אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט. זי וויל, אַז מען זאָל ערנסט אויסנוצן יעדע אויסזיכט אויף אַ גערעכטן שלום, וואָס פירט צו אַ פּאַציפי־קאַציע פון אונדזערע באַציונגען מיט די אַראַבישע שכנים און פאַרזיכערט אונדזער פולע זעלבשטענדיקייט. דאָס האָט מען אויך געזען אין דער פרעסע, וואָס איז דאָך אַ באַראָמעטער פונעם אינטערעס פון די לייענער. אויך די סאַמע לעצטע טעג פאַר די וואַלן, האָבן די ידיעות פון ראָדאָס פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דער גאַנצער פרעסע אָן אויסנאַם.

ב

די אַראַבישע לענדער, וואָס זענען באַפאַלן מדינת־ישראל, האָבן געפירט אַ שטאַרק איראַציאָנעלע פּאָליטיק. קען זיין, אַז זיי האָבן טאַקע געמאַכט אַ פאַטאַלן טעות, אָפּשאַצנדיק אַזוי פאַלש אונדזער ווידערשטאַנד־קראַפט. אָבער זייער אייגענעם כוח האָבן זיי דאָך אָן ספק גוט געקענט. מען קען נאָך פאַרשטיין וואָס זיי האָבן אָפּגענאַרט די וועלט און בפרט ענגלאַנד, וועגן זייער כוח. אָבער צו וואָס האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין באַרימען פאַר דער אייגענער באַפעלקערונג, מיט זייערע כאילו גלענצנדיקע מיליטערישע נצחונות און שנעלן ליקווידירן די ישראל־מדינה, אויך נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געוווּסט דיווירקלעכע לאַגע? די הויפּט־שוועריקייט פאַר די אַראַבישע מלוכה־מענער איז איצטער די פראַגע, ווי אַזוי זאָלן זיי דערקלערן דער אייגענער באַפעלקערונג די סיבה פון אַזאַ פאַרענדיקן דעם קריג. דערפאַר האָט יעדע איינע פון די אַראַבישע לענדער געוואָרט, אַז די צווייטע זאָל מאַכן דעם אָנהויבביים פירן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט ישראל און קומען צו אַ הסכם וועגן אָפּשטעלן די מלחמה. וועט שפּעטער פאַר די אַנדערע שוין זיין לייכטער צו געפינען אַן אויסרייד, פאַרוואָס זיי שטעלן אָפּ די מלחמה.

די נצחונות פון צבא הגנה לישראל און די פּאָליטיק פון מדינת־ישראל האָבן צעשטערט די פּאָליטישע קאָמבינאַציעס פון די אַראַבישע לענדער. מיט פיר חדשים צוריק האָט מצרים אינספּירירט די גרינדונג פון דער מופטי־רעגירונג אין עזה־געביט. היינט פאַרטרייבט מצרים פון אירע גרענעצן די אָנהענגער פון דער מופטי־רעגירונג און אין עיראַק מוז דעמיסיאָנירן, נאָך זיבן חדשים הערשאַפט, דער מיליטאַנטער, פּראָמופטיישער מיניסטער־פּרעזידענט פּאַטשאַטשי. אויף זיין אָרט קומט צוריק דער גוט באַקאַנטער פּראָ־ענגלישער 60־יאָריקער נורי־סעיד, באַקאַנט פון זיין ענגלאַנד־טרייקייט. מיט יאָרן־צוריק האָט ער געהאַט מוט פאָרצולייגן אַ געוויסע קאָנסטרוקטיווע לייזונג פונעם אַראַביש־יידישן קאָנפליקט, (נאַטירלעך נעמענדיק שטענדיק אין אַכט די אינטערעסן פון ענגלאַנד). דערמיט איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן דער פראָנט פון די האשעמישע מדינות (עבר הירדן און עיראַק) קעגן מצרים.

דער וואָפנשטילשטאַנד מיט מצרים, איז נאָך מיפּולע פאַרהאַנדלונ־

געגן דערגרייכט געוואָרן דעם 24־טן פעברואַר 1949. דעם 1־טן מערץ האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען מיט לבנון און עבר־הירדן. מיט לבנון זענען די אונטערהאַנדלונגען שוין צוגעגאַנגען לײַכטער און דעם 23־טן מערץ 1949, איז געחתמעט געוואָרן דער וואָפנשטילשטאַנד. די אונטערהאַנדלונגען מיט עבר־הירדן, זענען ווידער געווען נישט קיין לײַכטע. זיי זענען נאָך געוואָרן קאָמפּליצירטער דערמיט, וואָס אין די געביטן, וועגן וועלכע עבר־הירדן האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען איז געזעסן עיראַקיש מיליטער. זיי האָבן נישט געוואָלט פירן קיין פאַרהאַנדלונגען. צום סוף האָט דאָס עיראַקישע מיליטער פאַרלאָזט די געביטן און דער וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך איז צושטאַנד געקומען. מדינת־ישראל האָט מסכים געווען, אַז דער אַראַבישער לעגיאָן זאָל אַרײַן אין געוויסע געביטן און עבר־הירדן האָט איבערגעלאָזט מדינת ישראל וויכטיקע פאַר איר געביטן, צווישן זיי וואדי ערה, געוויסע ענדערונגען אין שרון און אַרום ירושלים. דעם 15־טן אפּריל האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען מיט סיריע. זיי זענען געווען די שווערסטע (די סירישער האָבן געפאָדערט משמר הירדן) און ערשט דעם 20־טן יולי 1949 איז דער הסכם געחתמעט געוואָרן. מיט עיראַק איז נישטאָ קיין הסכם, אָבער מדינת־ישראל האָט נישט קיין דירעקטע גרענעץ מיט עיראַק.

ד״ר וואלטער איתן, דער לייטער פון אונדזער אויסערן־מיניסטעריום, בשעתו אויך איינער פון די וואָס האָבן געפירט די וואָפנשטילשטאַנד־אונטערהאַנדלונגען, פאַרעפנטלעכט אָנהויב 1958 אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די פאַרהאנדלונגען מיט עבר־הירדן. אבדאלא האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיינע אונטערהאנדלער. האָט מען דעריבער געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט אים אַליין. כלפּי־חוץ האָט עס געהייסן, אַז די פאַרהאנדלונגען ווערן געפירט אין ראָדאָס, אָבער פּאַקטיש זענען די ישראל־אונטערהאנדלער אין געהיים געפאָרן יעדע נאַכט אין אבדאלאס רעזידענץ אין עבר־הירדן און פלעגן צוריקקומען קיין ירושלים פאַרטאָג, כדי קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן דערפון.

ג

גראָד ווי מיר מוזן אָפּהיטן אין דער וועלט־פּאָליטיק גוטע באַציונ־גען מיט ביידע וועלט־בלאָקן, איז פאַר אונדז אויך וויכטיק אין דער אַראַבישער פּאָליטיק נישט צו אידענטיפיצירן זיך מיט קיין שום צד פון די צווישן זיך ריוואַליזירנדיקע שכנותדיקע אַראַבישע מדינות. דער אינער־לעכער אַראַבישער אַנטאַגאָניזם איז פאַר אונדז געווען נוצלעך אין די קאַמף־חדשים. בעת אונדזערע לעצטע קאַמפן מיט מצרים האָט אבדאלאס אַראַבישער לעגיאָן זיך פאַרהאַלטן רויק. אוודאי, אויך אבדאלא האָט מורא געהאַט פאַר זיין מפּלה. אָבער מיר וואָלטן געמוזט ברענגען מער קרבנות. ד׳ער דאָזיקער ווילן פון נישט אידענטיפיצירן זיך מיט קיין שום צד, פירט אונדז צו אַ זייער דעליקאַטער און נישט לייכטער לאַגע, בעת די פאַר־האַנדלונגען אין ראָדאָס מיט מצרים און עווענטועל שפּעטער, ביי די פאַר־האַנדלונגען מיט עבר־הירדן.

די פראַגע, ווער וועט הערשן אין די אַראַביש־פאַרבליבענע טיילן פון ארץ־ישראל, איז פאַר אונדז וויכטיק. אוודאי וואָלטן מיר בעסער געוואָלט, אַז אין די שטחים זאָל קומען אַ זעלבשטענדיקע, צו אונדז פריינטלעכע, אַראַבישע מדינה. דאָס וואָלט געווען פאַר אונדז די בעסטע לייזונג. דאָס וואָלט אָבער געווען איינפאַך פאַרן 14־טן מאַי, איידער די אַראַבישע שכנותדיקע לענדער האָבן געשיקט זייערע אינוואַזיע־אַרמייען און אָנגע־הויבן דעם קריג. דעמאָלט זענען געווען אָנגעצייכנטע גרענעצן פאַר דער אַראַבישער נייער מדינה. דערוויל האָט זיך גאָר אַ סך געענדערט. גרויסע טיילן פון אָט דער פּראָיעקטירטער נייער אַראַבישער מדינה — דער גאַנ־צער גליל, לוד, רמלה, יפו אאז״וו. — זענען אין יידישע הענט. אויב עמיצער זאָגט, אַז מען זאָל בשום־אופן נישט דערלאָזן, אַז די אַראַביש־פאַרבליבענע שטחים פון ארץ־ישראל זאָלן איינגעגלידערט ווערן אין די עקזיסטירנדיקע אַראַבישע לענדער, (חרות־באַוועגונג) נאָר זיי זאָלן בילדן אַ באַזונדערע מדינה (מפ״ם און קאָמוניסטן), מוז ער אויך קלאָר זאָגן, וואָס וועט זיין דער שטח פון דער באַזונדערער אַראַבישער מדינה.

די „חרות״־באַוועגונג האָט אַ פּשוטן ענטפער: ווייטער פירן די מלחמה, ביז מיר וועלן אויך דעראָבערן שכם, חברון, יריחו, בית לחם, די ירושלימער אלט־שטאָט — אַלץ איינגלידערן אין דער מדינת־ישראל און זיך דערביי מיט קיינעם נישט רעכענען. אָבער ווי אַזוי מפ״ם שטעלט זיך

פאַר דעם ענין איז נישט אינגאַנצן קלאָר. אמת, אין מדינת־ישראל לעבן איצט ארום 110 טויזנט אַראַבער און אַ טייל פון זיי האָט אפשר אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג. ווער פון אונדז קען אָבער זאָגן וואָס איז די מיינונג פון די עטלעכע הונדערט טויזנט ארץ־ישראל אַראַבער אין די אַנדערע געביטן? ווער קען זיין אַזוי זיכער, אַז זיי וועלן דוקא וועלן בילדן אַ רעגירונג, וואָס זוכט קאָאָפּעראַציע מיט מדינת־ישראל? בלייבט דאָך נאָר דער וועג, אַז מיר זאָלן זיי אויפצווינגען אַן אונדז סימפּאַטישע רעגירונג. דאַרף מען וויסן, אויב דאָס איז די כוונה?

לויט דער ציילונג דעם 8־טן נאָוועמבער 1948 זענען דעמאָלט געציילט געוואָרן 69.000 אַראַבער; סוף 1957 האָבן געלעבט אין מדינת־ישראל 214 טויזנט אַראַבער.

שוין אָפּגעזעהן פון דער אבסורדאַלקייט פונעם עצם געדאַנק, אַז מיר זאָלן פאָרזעצן די מלחמה, ברענגען גרויסע קרבנות — ווייל די פאָרזעצונג פון דער מלחמה וועט נישט זיין קיין לייכטע — כדי אויסצוקעמפן דוקא אַ זעלבשטענדיקע אַראַבישע מדינה, וואָס מיר קענען בשום אופן אין פאָרויס נישט זיין זיכער, וואָס עס וועט זיין איר פּנים.

ד

מיר האָבן אַסך געליטן פון ענגלאַנד און איר רשעות קעגן אונדז אין די 14 חדשים זינט דעם יו־ען־באַשלוס וועגן גרינדן אַ יידישע מדינה. מיר ווייסן, אַז זי האָט אַקטיוו געהאָלפן די אַראַבער אין די לעצטע 14 חדשים צו פירן קריג קעגן אונדז (אונדזער קריג דויערט שוין 14 חדשים!). פונדעסטוועגן קען עס נישט זיין אונדזער אויפגאַבע צו פירן קריג, ביז מיר וועלן באַוויזן צו פאַרטרייבן ענגלאַנד פון די שכנותדיקע לענדער. די באַגרינדונג, אַז מיר מוזן ווייטער פירן קריג, כדי שכם און אַנדערע ערטער זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון עבר־הירדן, וואָרום דעמאָלט וועלן די ענגלענדער דאָרט בויען זייערע באַזעס, — אָט די באַגרינדונג איז נישט גענוג כדי מיר זאָלן ווייטער פירן קריג. און אויב די ענגלענדער בויען זייער באַזע אין עבר הירדן, איז אונדז שוין גוט? און מיר קענען עס דאָך נישט פאַרמיידן. און וואָס וועלן מיר טאָן, אַז מאָרגן וועט ענגלאַנד קומען צו אַ נייעם הסכם מיט מצרים אָדער לבנון, וועלן מיר אין יעדן פאַל דערקלערן קריג?

מען קען פאַרשטיין אַ פאָדערונג, אַז אַ געוויסער אָרט זאָל אייִנגע־גלידערט ווערן אין דער יידישער מדינה, צוליב אַזעלכע און אַזעלכע טעמים, אָבער מיר זאָלן פירן קריג צוליב דער פלוגתא, אויב דער אָרט זאָל זיין אין אַן אַראַבישער זעלבשטענדיקער מדינה, אָדער אין עבר־הירדן — אַט אַזאַ פאָדערונג האָט זיך נישט אָנגענומען, אפילו אין מאָמענטן פון הייסן ליידנשאַפטלעכן וואַל־קאַמף.

נאָכן יו־ען־באַשלוס פון 29־טן נאָוועמבער 1947, זענען געקומען גאָר אַ סך ענדערונגען אין די גרענעצן פון מדינת־ישראל. זיי זענען דער־גרייכט געוואָרן אין שווערע קרבנות־רייכע קאַמפן, וואָס מיר האָבן זיי כלל נישט געוואָלט, נאָר מען האָט זיי אונדז אויפגעצוווּנגען. אויך איצט איז דער שטח פון אונדזער מדינה זייער קליין און די נויט פון עליה און קאָלאָ־ניזאַציע זייער גרויס. עס איז נישט שווער אויפצווייזן, אַז מיר דאַרפן נאָך דאָס און יענץ, אַז אָן דעם און יענעם קענען מיר נישט אויסקומען. אָבער ווער עס זאָגט עס און רעדט אונדז איין, אַז מיר קענען אַלץ דערגרייכן, און מיר דאַרפן זיך מיט קיינעם נישט רעכענען — דער פירט אונדזער מדינה אויף אַ פאַלשן וועג. ווער עס זאָגט, אַז מיר זאָלן פאַרזעצן די מלחמה, אויב דאָס איז נישט אומבאַדינגט נויטיק אויף אָפּצוהיטן אונדזער זעלב־שטענדיקייט און לעבנס־מעגלעכקייט — דער דריקט נישט אויס דעם ווילן פון ישראל־ישוב, וואָס האָט אינעם לעצטן יאָר געבראַכט אַזעלכע שווערע קרבנות.

נישטאָ קיין ספק, אַז די גרויסע מערהייט פון די ווילער וועט איבערמאַרגן קלאָר אַקצעפּטירן די אויסערן־פּאָליטיק פון דער איצטיקער רעגירונג.

תל־אביב, 23 יאַנואַר 1949.

די שורות זענען געשריבן געוואָרן 2 טעג פאַר די וואַלן. דער אויס־גאַנג פון די וואַלן האָט די ווערטער פול באַשטעטיקט.

די הסתדרות אין ערשטן יאָר פון דער מדינה

1) א סך־הכל פאַר וואַלן

א

פאַר אַ גרויסן טייל פון ישראל־ישוב זענען די וואַלן פונעם 25־טן יאַנואַר (צו דער קאָנסטיטואַנטע פון מדינת־ישראל) נאָך נישט געווען דער שלוס פונעם וואַל־קאַמף. כמעט 40 פּראָצענט פון די ישראל־וויילער גרייטן זיך צו אַ צווייטן וואַל־גאַנג, וואָס וועט זיין נישט ווייניקער וויכטיק — סיי פאַר דער ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפט און סיי פאַר אונדזער מדינה, דאָס זענען די הסתדרות־וואַלן (אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל), וואָס וועלן פאָרקומען דעם 13־טן פעברואַר 1949.

אין משך פון די יאָרן, זינט אָנהויב 1949, איז די הסתדרות שטאַרק אויסגעוואקסן, — נאָך אין אַ שנעלערן טעמפּאָ ווי די באַפעלקערונג פון מדינת־ישראל. אירע מיטגלידער זענען סוף 1957 מער ווי 55% פון די וואַל־באַרעכטיקטע יידן אין דער מדינה.

צום 7־טן מאָל זינט איר גרינדונג (חנוכה 1920), וועט די הסתדרות אַדורכפירן אַלגעמיינע וואַלן. דעם 13־טן פעברואַר וועלן אויך פאָרקומען וואַלן צו די אָרטיקע אַרבעטער־ראַטן; וואַלן צו דער קאָנפערענץ פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, צו דער לאַנד־קאָנפערענץ פון די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע און וואַלן צו דער פרויען־אַרבעטער־קאָנפערענץ.

הסתדרות־וואַלן זענען תמיד אַ וויכטיקע געשעעניש אין ישוב צוליב עטלעכע טעמים: די הסתדרות נעמט צאַלמעסיק אַרום אַ גאַר גרויסן טייל פון ישוב און איז זינט איר גרינדונג, אין דעצעמבער 1920, דער שטאַרקסטער אָרגאַניזירטער כוח אין לאַנד; זי איז מיט דער צייט אויסגעוואקסן צו דעם הויפּט־אַגלען פון יעדער קאָנסטרוקטיווער,ווירטשאַפטלעכער און אויך פּאָליטישער אַקטיוויטעט אין ישוב. איז דעריבער פאַר־

שטענדלעך, אַז אין לאַנד און אויך אין חוץ־לארץ, האָט מען נאָכגעפאָלגט מיט שפּאַנונג דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון דער הסתדרות.

דאָסמאָל איז די שפּאַנונג נאָך גרעסער. ביי די וואַלן צו דער ישראל־קאָנסטיטואַנטע, דעם 25־טן יאַנואַר, איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע ענדערונג אינעם אַרבעטער־לאַגער. די גרויסע אָפּאָזיציע־פּאַרטיי אין דער הסתדרות — מפּ״ם, וואָס האָט ביי די לעצטע הסתדרות־וואַלן, אין אויגוסט 1944, גייענדיק מיט צוויי ליסטעס, באַקומען 38,4 פּראָצענט פון אַלע שטימען, (די מערהייטס־פּאַרטיי — מפּא״י האָט באַקומען 53,7% פון אַלע שטימען) — האָט באַקומען ביי די אַלגעמיינע וואַלן, דעם 25־טן יאַנואַר 1949, 14,6 פּראָצענט שטימען, אין פאַרגלייך צו די מער ווי 35 פּראָצענט, וואָס מפּא״י האָט באַקומען. אמת, מפּא״י האָט אויך באַקומען שטימען פון נישט־הסתדרות־מיטגלידער, דעריבער וועט ביי די הסתדרות־וואַלן דער אונטערשיד פון מפּ״ם, אין פאַרגלייך צו מפּא״י, נישט זיין אַזוי גרויס ווי ביי די קאָנסטיטואַנטע־וואַלן. מפּ״ם וועט אויך אָן ספק מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען, אַז די הסתדרות־וואַלן זאָלן איר געבן אַ שטיקל סאַטיספאַקציע, כדי עס זאָל נישט זיין אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישן איר און מפּא״י. מען רעכנט דעריבער, אַז דער וואַל־קאַמף וועט זיין אַליידנשאפטלעכער. מפּ״ם וועט אָבער מן הסתם נישט באַוויזן איינצוהאַלטן איר ביז־איצטיקן צושטאַנד פון איבער 38 פּראָצענט אין דער הסתדרות.

ב

מען האָט שוין אַ סך געשריבן וועגן דעם, וואָס איז די הסתדרות. פונדעסטוועגן האָבן נאָך פיל אין חוץ־לארץ נישט קיין פּינקטלעכע פאָרשטעלונג וועגן דעם. די הסתדרות איז אַ סך מער ווי אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. זי איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אירע נאָרמאַלע אויפגאַבן זענען די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און וואָס דער קרייז פון איר פאַראינטערעסירטקייט און טעטיקייט נעמט אַרום אַלצדינג, וואָס איז נאָר נוגע יידן אין ארץ־ישראל און אין גאָר דער וועלט. מיט אַ קורצער צייט צוריק, איז פאָרגעקומען אַ סעסיע פונעם ראַט פון דער הסתדרות (מועצת ההסתדרות), האָט אַ חבר פון דער יונגערער

גענעראַציע הסתדרות־פירער, פנחס לוביאַניקער (לבון), רעפערירט וועגן דער טעטיקייט פון דער הסתדרות אין די לעצטע פיר יאָר, זינט די וואַלן צו דער זעקסטער הסתדרות־קאָנפערענץ אין אויגוסט 1944. איז אים נישט לײַכט אָנגעקומען אויך אין אַן אויספירלעכן רעפעראַט אַרומצונעמען אַלע געביטן פון דער הסתדרות־אַקטיוויטעט.

פנחס לבון, שפּעטער עטלעכע יאָר מיניסטער אין דער ישראל־רעגירונג, אַ געוויסע צײַט אויך זיכערהייטס־מיניסטער, איצט, זינט 1956, ווידער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות.

דער פיר־יאָריקער באַריכט הויבט זיך אָן מיט דער רעטונגס־אַרבעט פאַר די יידן אין די פון די נאַציס־באַזעצטע לענדער, וואָס די הסתדרות האָט איניצירט און איז געווען דער טרייבנדיקער כוח ביי איר אַדורכפירונג אין די ביטערע מלחמה־יאָרן (דער שרײַבער פון די שורות איז געווען איינער פון די ערשטע שליחים פון דער הסתדרות, וואָס האָבן אין נייטראַלע לענדער אָרגאַניזירט אין די קריגס־יאָרן דעם קאָנטאַקט און די אונטערערד־הילף). און ווען מען רעדט וועגן הילף־טעטיקייט, איז אויך כדאי צו דערמאָנען דעם גרויסן אָנטייל פון דער הסתדרות אין דער גרויסער געלט־אַקציע אין ארץ־ישראל — צוערשט „כופר הישוב" און שפּעטער „מגבית ההתגייסות וההצלה" — מיליאָנען פונטן פרייוויליקע שפּענדן פאַר הגנה, מאָביליזירונג און רעטונג. פיל טויזנטער סאָלדאַטן זענען אַהיימגעקומען פונעם וועלט־קריג און מען האָט זיי געמוזט איינאָרדענען, איז ווידער די הסתדרות געווען די ערשטע, וואָס האָט געטראָגן די אחריות דערפאַר. עס איז נישט קיין איבערטרײַבונג אויב מען זאָגט, אַז די הסתדרות איז געווען דער צענטער, דער רוח־החיים פון דער עליה ב' און פון דעם געראַנגל וואָס מען האָט געפירט פאַר יידישער אומאָפּהענגיקייט אין די לעצטע יאָרן.

די אַלע אויפגאַבן און אַ סך, אַ סך אַנדערע, וואָס קיין שום פּראָפּעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט ווייסט גאָרנישט פון זיי, זענען טאָג־טעגלעכע זאָרגן פון דער הסתדרות. וויפיל ענערגיע, מיטלען און זאָרג גיט אָפּ די הסתדרות, כדי וואָס מער צו פאַרגרעסערן די עליה, אויפנעמען זי און איינאָרדענען. וויפיל זאָרג גיט זי אָפּ אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. פאַראַן נעמען וואָס זענען איצט געוואָרן אַלגעמיינע ווערטן און סימבאָלן און זיי זאָגן גאָר, גאָר אַ סך —

הגנה, פלמ״ח, עליה ב׳, כבוש עבודה א״ו. די הסתדרות איז געווען כמעט די עיקרדיקע הים פון אָט די אַלע אויפטואונגען. וואָס ווייסט וועגן דעם אַלעמען אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון אַן אַנדער פאָלק?

ג

דאָס האָט נישט אָפּגעשוואַכט די נאָרמאַלע טעטיקייט פון דער הסתדרות אויף אַנדערע געביטן. אין די לעצטע פיר יאָר, וואָס זענען געווען יאָרן פונעם כסדרדיקן שטייגן פון יקרות, האָט די הסתדרות געמוזט פירן אַן עקשנותדיקן קאַמף, כדי נישט נאָך מער אַראָפּצונידערן דעם לעבנס־ניוואָ פונעם אַרבעטער. מער ווי אַנדערע ליידט פון אינפלאַ־ציע, אויך אין ישראל, קודם כל דער אַרבעטס־מענטש, עס ווערט אים מיט יעדן טאָג שווערער אויסצוקומען מיט זיין אַרבעטס־לוין. די לוין־שטייגערונג יאָגט נישט נאָך דעם יקרות, בפרט נישט אין דער ערשטער צייט, ביז מען האָט זיך געכאַפּט וואָס עס קומט פאָר. עס האָט זיך געפאָ־דערט אַ סך מי ביז די הסתדרות האָט דערגרייכט, אַז די טייערונגס־הוספה, וואָס דער אַרבעטער באַקומט, זאָל זיין פאַרבונדן מיטן אינדעקס פון די לעבנס־קאָסטן, אַז אויטאָמאַטיש מיטן שטייגן פון די פרייזן זאָל אויך שטייגן דער טייערונגס־צוגאָב, וואָס דער אַרבעטער באַקומט. אין אַ סך פאַלן האָט מען אַחוץ די טייערונגס־הוספות אויך געמוזט פאָדערן לוין־אויסבעסערונגען. מען האָט געמוזט אויסקעמפן פאַרבעסערונגען פון אַרבעטס־באַדינגונגען און פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. און עס איז נישט שטענדיק אָנגעקומען לייכט. אין לויף פון די לעצטע פיר יאָר זענען פאָרגעקומען עקאָנאָמישע שטרייקן, אין וועלכע 25 טויזנט אַרבעטער האָבן אָנטיילגענומען און מער ווי אַ האַלבער מיליאָן אַרבעטס־טעג איז פאַרלוירן געגאַנגען.

אין אַלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט איז אָנגענומען, אַז דער אַרבעטער ווערט קודם־כל אַ מיטגליד אין זיין פאַך־פאַרבאַנד. און עס מוז נישט זיין, אַז זיין פאַך־פאַרבאַנד איז אָרגאַניזאַציאָנעל געקניפּט און פאַרבונדן מיט אַנדערע פאַרבאַנדן און עס מוז אויך נישט זיין, אַז די באַדינגונגען פון מיטגליד־צאָלונגען און הילף וואָס דער מיטגליד באַקומט, זאָלן זיין גלייכע אין אַלע פאַכן.

די הסתדרות איז זינט איר גרינדונג געבויט לגמרי אַנדערש:

גלייכע באַדינגונגען פאַר מיטגלידער, גלייכע מיטגליד־אָפּצאָלונגען אין אַלע פאַכן, אַ גלייכע מאָס הילף אין אַלע פאַכן. צוערשט איז דער אַרבעטער אַ מיטגליד אין דער הסתדרות און שפּעטער ווערט ער אַ מיטגליד אין זיין פאַך־אָרגאַניזאַציע. ניטאָ, דעריבער, קיין אונטערשיד צווישן אַ רייכן און אַ פינאַנציעל שוואַכן פאַך־פאַרבאַנד. אויך אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע האָט די הסתדרות אין די לעצטע פיר יאָר דורכגעמאַכט אַ געוויסע עוואָלו־ציע. כדי צו פאַרשטאַרקן די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיוויטעט, איז די הסתדרות אין די לעצטע יאָרן איבערגעגאַנגען צום פּרינציפּ פון פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן די פאַך־לאַנדפאַרבאַנדן (נישט ענדערנדיק דעם פריער דערמאָנטן פּרינציפּ, אַז אין אַלגעמיינע ענינים באַשטימט די גאַנצע הסתדרות). שוין פון פריער האָבן עקזיסטירט לאַנד־פאַרבאַנדן פון באַאַמטע און האַנדלס־אָנגעשטעלטע; באַן־ און פּאָסט־אַרבעטער; פון דרוקער־פאַך; בעקער און נאָך אַנדערע פאַכן.

זינט דעמאָלט זענען צוגעקומען לאַנד־פאַרבאַנדן פון מדינה־אָנגע־שטעלטע, בוי־אַרבעטער, אינזשיניערן און טעכניקער. דער לאַנד־פאַרבאַנד פון די לערער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות אאז״וו.

מיר ווילן דאָ נישט דערציילן אפילו טיילוויז, וואָס עס זענען די אויפטואונגען פון דער הסתדרות, אָדער שילדערן אפילו אין גרונט־שטריכן איר אָרגאַניזאַציאָנעלן געבוי. מיר האָבן נאָר געוואָלט געבן אַ בערכדיקע פאָרשטעלונג, וועגן וואָס עס רעדט זיך. איז אפשר נאָר כדאי צוצוגעבן, אַז, למשל, „סולל־בונה" — די גרויסע בוי־אונטערנעמונג פון דער הסתדרות — האָט אין די לעצטע פיר יאָר אַדורכגעפירט אַרבעטן פאַר 35 מיליאָן פונט. צווישן זיי די באַפעסטיקונגען אין נגב און גליל, דעם שאָסיי קיין ירושלים וכדומה. „תנובה" און „המשביר" — אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות — זענען געווען אין די שווערע חדשים פון לעבנסמיטל־פאַרזאָרגונג, די הויפּט־אינסטרומענטן, וואָס האָבן געטריי געדינט דעם גאַנצן ישוב. מוראדיק גרויס איז דער חלק פון דער הסתדרות־משפּחה אין דעם טייערן בלוט־קרבן, וואָס מיר האָבן אין די לעצטע 13 חדשים באַצאָלט פאַר אונדזער פרייהייט.

אין די לעצטע יאָרן פירט אויס „סולל־בונה" אויך אַ סך אַרבעטן מחוץ פון מדינת־ישראל. אין דער טערקיי, למשל, האָט „סולל־בונה"



בילד 42: פריינטשאַפט מיט גאַנאַ — פנחס לבון, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות און גענעראַל־סעקרעטאַר פון די געווערקשאַפטן אין גאַנאַ, דזשאָן טיטאַגאַ.

בילד 43: אברהם הארצפעלד און סעקרעטאַר פון ברית פועלי ארץ־ישראל (אָרגאַניזאַציע פון די אַראַבישע אַרבעטער פאַרבונדן מיט דער הסתדרות) מוחמד עבדל ג׳ני אין טייבה, אַ גרויס דאָרף (איבער 5000 איינוואוינער) אין שרון. הינטער הארצפעלדן — יהודית שמחונית.

בילד 44: פייערלעכע זיצונג פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות (3 דעצעמבער 1947, נאָך דעם באַשלוס פון יו"ען וועגן שאַפונג פון אַ יידישער מדינה. דער רעדנער: מ. נמיר (אַ געוויסע צייט ישראל געזאַנדטער אין מאָסקווע, שפּעטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות און זינט נאָוועמבער 1955 אַרבעטס־מיניסטער). לינקס פון רעדנער: ש. אבן־זהר, ד. בן־גוריון, א. ברודני — בראלי, ז. ארן (קולטור־און דערציונג־מיניסטער), י. מרום (מערעמינסקי). רעכטס פון רעדנער: צבי יהודה, מאיר יערי, י. חזן, י. ריפטין, מרדכי אָרען. הינטער צבי יהודה מ. באדער.



בילד 45 : **רערן פאַבריק (צנורות המזרח התיכון) פון „כור" אין עכו. באַשעפטיקט 340 אַרבעטער, דער אומזאַץ אין יאָר 1957 — 5,3 מיליאָן פונט. פראָדוצירט אויך גאַלוואַניזירטע רערן.**



בילד 46 : קופת חולים פון דער הסתדרות — קראַנקנהויז און אַמבולאַטאָריע אין אילת, אויפן נאָמען פון משה דיקשטיין, 17 צימער, קען באַדינען אַ באַפעלקערונג פון צען טויזנט. די גרויסע מערהייט איינוואוינער — מיטגלידער פון דער הסתדרות.



בילד 47 : קופת חולים פון דער הסתדרות — צענטראַלע מרפאה (אַמבולאַטאָריע) אין באר שבע. קופת חולים בויט אין באר שבע אַ גרויס, מאָדערן קראַנקנהייז פאַר 250 קראַנקע.

אויסגעבויט צוויי גרויסע לופט־פּאָרטן און אין אַנקאַראַ אַן 21־שטאָק־קיקן בנין און אויך שאָסייען. אויך אויף דער אינדזל ציפּערן האָט „סולל־בונה" אַדורכגעפירט אַרבעטן. אין 1958 קלייבט זיך „סולל־בונה" אַדורכצופירן אַ ריי וויכטיקע אַרבעטן אין גאַנאַ. אין יאָר 1957 האָט „סולל־בונה" אַדורכגעפירט אין לאַנד און אין חוץ־לארץ אַרבעטן פאַר אַרום 250 מיליאָן פונט. דערפון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון „כור", אַ געזעלשאַפט פון „סולל־בונה", פאַר איבער 110 מיליאָן פונט. „כור" פאַרייניקט סוף 1957 31 אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען וואָס באַשעפטיקן 6.436 אַרבעטער (אין 1948 — 9 אונטערנעמונגען מיט 1,144 אַרבעטער און אַן אומזאַץ פון 2,35 מיליאָן פונט). צווישן די אונטערנעמונגען: די צעמענט־פאַבריקן „נשר" אין חיפה און אין רמלה — 850 אַרבעטער; די פאַבריק פון צעמענט־ און בעטאָן־רערן „יובל גד" — איבער 700 אַרבעטער; די גלאָז־פאַבריק „פניציה" — 500 אַרבעטער; די גומי־רייפן־פאַבריק „אליאנס" אאז״וו, אאז״וו. די פאַבריקן פון „כור" האָבן אין די ערשטע 9 חדשים פונעם יאָר 1957 אויסגעצאָלט אַרבעטס־לוין און געהעלטער איבער 15 מיליאָן פונט. אין די פאַבריקן פון „כור" ווערן אויסגעאַרבעט גלאָז־אַרטיקלען, עלעקטראָניק, שטאָל, עלעקטרישע לאָמפן, זיכערקייטס־גלאָז, מעטאַלענע קעסלען, וואַגאָנען אאז״וו. מען גרייט זיך אויסצואַרבעטן דיזל־מאָטאָרן, אייזן־ און שטאָל־פּאָרמירונג, רוי־אייזן, עלעקטרישע מאָטאָרן, טעלעפאָן־אַפּאַראַטן אאז״וו.

ביי דער יערלעכער בודזשעט־זיצונג פון דער הסתדרות, אָנהויב 1958, האָט דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות פּ. לבון, אין זיין אויספירלעכן רעפעראַט, געמאַכט אַ פאַרגלייך פונעם פאַרנעם און דער טעטיקייט פון אַ ריי הסתדרותישעווירטשאַפטלעכע אונטערנע־מונגען אין 1947 און אין 1957. „תנובה" — די פאַרקויף־געזעל־שאַפט פון די פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט וואָס איז פאַר־בונדן מיט דער הסתדרות: אין 1947 האָט זי פאַרקויפט פּראָדוקטן פאַר 11,8 מיליאָן פונט און אין 1957 פאַר 237 מיליאָן פונט. „המשביר המרכזי" די איינקויף און פאַרקויף־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות און די הסתדרותישע קאָנסום־געזעלשאַפטן, האָבן אין יאָר

1947 געהאַט אַן אומזאַץ פון 11,5 מיליאָן פונט און אין 1957 — 325 מיליאָן פונט. „סולל בונה" האָט אין יאָר 1947 באַשעפטיקט 7700 אַרבעטער און אין 1957 — 30.000 (צוזאַמען מיט די פאַבריקן פון „כור"). דער אומזאַץ פון דער גאַנצער אַרבעטער־ווירטשאַפט וואָס איז פאַרבונדן מיט דער הסתדרות איז געווען אין יאָר 1957 אַרום 2 מיליאַרד פונט, אַנשטאָט 150 מיליאָן אין 1949. אויך ווען מען נעמט אין אַכט די פרייזן־ענדערונגען במשך די יאָרן איז בולט דער גרויסער וווקס.

ד

ביי די וואַלן מיט 4 יאָר צוריק, האָט די הסתדרות געציילט 137 טויזנט מיטגלידער. היינט ציילט זי איבער 190 טויזנט. דעמאָלט זענען געווען וואַל־באַרעכטיקטע אַרום 127 טויזנט מיטגלידער, היינט וועלן זיין וואַל־באַרעכטיקטע נאָענט 175 טויזנט מיטגלידער.

ביי די וואַלן צו דער 8־טער הסתדרות־קאָנפערענץ אין מאַי 1955, האָט די הסתדרות געהאַט 530,000 מיטגלידער און 508,000 זענען געווען וואַלבאַרעכטיקט. סוף 1957 האָט די הסתדרות איבער 619 טויזנט מיטגלידער.

נאָענט אַ דריטל פון אַלע מיטגלידער וועלן דעם 13־טן פעברואר 1949 דאָס ערשטע מאָל נעמען אָנטייל אין די הסתדרות־וואַלן. די הסתדרות, וועלכע נעמט אַרום 70 און מער פראָצענט פון אַלע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. זי איז זינט איר גרינדונג געוואַקסן 43 מאָל אַזוי פיל. (ביז סוף 1957 — מער ווי 140 מאָל אַזוי פיל). אַלע פאַרזוכן צו ברעכן אָדער אָפּשוואַכן די הסתדרות — און אַ סך פאַרזוכן זענען געמאַכט געוואָרן — האָבן זיך נישט איינגעגעבן. די צוויי אָרגאַניזאַציעס פון רעליגיעזע אַרבעטער — „הפועל המזרחי" און פועלי אגודת ישראל און די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון די רעוויזיאָניסטן — בילדן צוזאַמען נאָר אַ קליינעם פראָצענט אין פאַרגלייך מיט דער הסתדרות־מיטגלידער־שאַפט. במשך די 28 יאָר פונעם באַשטיין פון דער הסתדרות, האָבן די אַרבעטער אין זייער מערהייט אויסגעדריקט זייער צוטרוי צו דער זעלבער פאָליטישער אָנפירונג, הגם די הסתדרות־מיטגלידערשאפט האָט זיך פון יאָר צו יאָר ראַדיקאַל געענדערט. אַזוי איז דאָס געווען בעת די הסתדרות האָט געציילט 5 טויזנט מיטגלידער, אַזוי איז דאָס געווען בעת זי האָט

געציילט 25.000 מיטגלידער — און אַזוי וועט דאָס מן הסתם בלייבן אויך איצט, ווען די הסתדרות ציילט נאָענט 200 טויזנט מיטגלידער — אַ באַווײַז ווי ריכטיק די גרינדער און אָנפירער פון דער הסתדרות האָבן צוגעפּאַסט דעם בוי פון דער הסתדרות און איר טעטיקייט צו די ווירקלעכע באַדערפענישן, נויטן און ווינטשן פון די ארץ־ישראל אַרבעטער.

צו די 175 טויזנט מיטגלידער וואָס די הסתדרות האָט געציילט אָנהויב 1948 זענען אין די צען יאָר צוגעקומען נייע 444 טויזנט הסתדרות־מיטגלידער — דער גרויסער רוב נייע עולים, אָבער אויך צענדליקער טויזנטער אין לאַנד געבוירענע און געקומענע אין לאַנד פאַר 1948.

די לעצטע וואַלן, אין אויגוסט 1944, זענען פאָרגעקומען באַלד נאָכדעם ווי „התנועה לאחדות העבודה״ (סיעה ב׳) האָט פאַרלאָזט מפלגת פועלי ארץ ישראל (מפא״י). זייער האָפענונג איז געווען, אַז מפא״י וועט אָן זיי מער קיין מערהייט אין דער הסתדרות נישט באַקומען. דאָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אַ טעות. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט מפא״י דעמאָלט באַקומען 53,7% פּראָצענט פון אַלע שטימען. די פּאַרטייען וואָס בילדן היינט מפ״ם האָבן באַקומען 38,4% שטימען, און נאָענט 8 פּראָצענט האָבן באַקומען דער העובד הציוני, עליה חדשה, העובד הדתי (רעליגיעזע אַרבעטער) און אַנדערע. דאַסמאָל וועט ביי די וואַלן צוקומען אַ נייער פּאַרטנער — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ווי עס מעלדעט „קול העם״, די קאָמוניסטישע טאָג־צייטונג, האָבן זיי זיך געווענדט צו מפ״ם מיטן פאָרשלאָג צו גיין מיט אַ געמיינזאַמען צעטל צו די הסתדרות־וואַלן. עס איז אָבער זיכער אַז מפ״ם וועט דערצו נישט מסכים זיין. די קאָמוניסטן וועלן, לכן, מוזן גיין מיט אַ זעלבשטענדיקן צעטל און זיי וועלן מן הסתם נאָר באַקומען עטלעכע פּראָצענט שטימען.

ה

די הסתדרות־וואַלן האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער יונגער מדינה. מיר האָפן, אַז מיר וועלן ענדלעך קענען אַריבערגיין פון דער מלחמה־אָנשטרענגונג צו קאָנסטרוקטיווער אויפבוי־טעטיקייט. מיר ווייסן אָבער, אַז די לאַסטן, וואָס די שווערע מלחמה האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט, וועלן מיר נאָך אַ סך יאָרן מוזן טראָגן. מיר וועלן אויך מוזן אָפּהיטן אַ רעזשים פון שפּאָרזאַמקייט און אָנשטרענגונג, אויב מיר ווילן אויפנעמען אַ גרויסע מאַסן־עליה — און

מיר ווילן עס דאָך אַלע. מיר מוזן באַקעמפן די כוואַליע פון יקרות, מיר מוזן פאַרגרעסערן אונדזער פראָדוקציע, מיר מוזן שאַפן אַ סך נײַע ווערטן. דער ערשטער פאַרבאַדינג דערפאַר, איז אַ פולע קאָאָפּעראַציע צווישן דער רעגירונג און די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. מיר זעען איצט אין אייראָפּע, וואָס עס מיינט, ווען די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען קאָאָפּערירן נישט מיט זייערע רעגירונגען. אַ קלאַסישער ביישפּיל דערצו איז די סיטואַציע אין פראַנקרייך. ענגלאַנד וואָלט זיכער נישט באַוויזן גובר צו זיין אירע עקאָנאָמישע נאָך־מלחמה־שוועריקייטן, ווען די טרייד־יוניאָנס וואָלטן נישט קאָאָפּערירט מיט דער רעגירונג.

מעגלעך, אַז אין לויף פון דער צייט, מיט דער סטאַביליזירונג פון דער רעגירונג און דער פאַרגרעסערונג פון אירע אַרבעטס־געביטן, וועלן אויך קומען געוויסע ענדערונגען אין דער טעטיקייטס־ראַם פון דער הסתדרות. מען רעדט איצט וועגן אַ פּראָיעקט פון אַלגעמיינער סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטער. מיט דער צייט וועט מן הסתם די רעגירונג אויך איבערנעמען דעם געביט פון פאַך־אויסבילדונג, אַרבעטס־באַזאָרגונג אאז"וו. עס קומען אָבער צו נײַע פּראָבלעמען וואָס די הסתדרות וועט זיי מוזן שענקען אויפמערקזאַמקייט און אָנשטרענגונג. צווישן זיי אויך די ערנסטע פראַגע פון אויסגלייכן דעם לוין פון אַראַבישן אַרבעטער צום לוין פון יידישן אַרבעטער. אָט די אַלע פראַגן זענען וויכטיק נישט נאָר פאַרן אַרבעטער אַליין, נאָר פאַר דער מדינה בכלל, און בפרט די תיכף ברענענ־דיק־אַקטועלע פראַגע פון אָפּשטעלן דעם ווײַט־געלויף פון די פּרייזן, וואָס עס קען נאָר געמאַכט ווערן אין אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג פון דער רעגירונג און דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט (די טענות, אַז די לוין־העכערונגען זענען דער הויפּט־עלעמענט פון דער פּרייזן־שטייגערונג, זענען נישט ריכטיק. דער לוין בילדעט קוים אַ פערטל פון די פּראָדוקציע־קאָסטן). איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז דער אויסגאַנג פון די הסתדרות־וואַלן איז אויך וויכטיק פאַר דערווירטשאַפטס־פּאָליטיק און אַקטיוויטעט פון מדינת־ישראל.

אָנהויב פעברואַר 1949.

זינט דעם יאָר 1954 פונקציאָנירט דער „ביטוח לאומי" (נאַציאָנאַלע פאַרזיכערונג) פון דער רעגירונג, וואָס נעמט אַרום: אַלטער־פאַרזי־

כערונג, מוטערשאפט־הילף און אַרבעטס־אומפאַלן. אין די פיר יאָר זינט דער „ביטוח לאומי״ עקזיסטירט האָט ער אויסגעצאָלט אַרום 60 מיליאָן פונט. די רעזערווע וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די 4 יאָר איז אַרום 100 מיליאָן פונט. 205 טויזנט מוטעו־ס האָבן באַקו־מען וואָכן־געלט. ביי 125 טויזנט אַרבעטס־אומפאַלן האָט דער „ביטוח לאומי״ געצאָלט קאָמפענסאַציע און 35 טויזנט זקנים, אלמנות, יתומים וכדומה באַקומען פענסיע.

אין 1957 זענען געווען אין לאַנד 138 טויזנט אין עלטער פון 60 יאָר און מער, — 7,13 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג. די אלטער־פאַרזיכערונג־פענסיע איז אַ שטאַרק באַשיידענע: אַן איינצל־נער באַקומט — 31 פונט אַ חודש; אַ פּאָרפאָלק — 58 פונט; אַ פּאָרפאָלק מיט אַ קינד — 78 פונט. דער אָפּצאָל פאַר אלטער־פאַרזיכערונג איז דריטהאַלבן פראָצענט פון דער הכנסה. אַ טייל צאָלט דער אַרבעטסגעבער (אַרום 60%). דער בודזשעט פונעם „ביטוח לאומי״ פאַרן יאָר 1958/9 זעט פאָרויס אַ הכנסה פון 56,5 מיליאָן פונט און הוצאה פון 44 מיליאָן.

2) דער רעזולטאַט פון די וואַלן

ו

דער וווּקס פון דער הסתדרות שפּיגלט אָפּ דעם וווּקס פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, און די ענדערונגען אין זיין סאָציאַלער סטרוקטור. אין יאָר 1920, ווען די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן, האָט זי געציילט 4.433 מיטגלידער. עס זענען דעמאָלט געווען אין לאַנד אַרום 60.000 יידן; אָנהויב 1923, ביי די וואַלן צו איר צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ, האָט די הסתדרות געציילט אַרום 8.500 מיטגלידער. אין לאַנד זענען דעמאָלט געווען אַרום 90.000 יידן; סוף 1926, ביי די וואַלן צו דער דריטער הסתדרות־קאָנפערענץ האָט זי געציילט 22.500 מיטגלידער און אין לאַנד זענען דעמאָלט געווען איבער 150.000 יידן; סוף 1932, ביי די וואַלן צו דער פערטער הסתדרות־קאָנפערענץ האָט זי געציילט 34.000 מיטגלידער און אין לאַנד זענען געווען אַרום 190.000 יידן; סוף 1941 ביי די וואַלן צו דער פינפטער הסתדרות־קאָנפערענץ, ווען אין לאַנד זענען שוין געווען

אַרום 475 טויזנט יידן, האָט די הסתדרות געציילט 118.500 מיטגלידער; אין אויגוסט 1944, ביי די וואַלן צו דער זעקסטער קאָנפערענץ, זענען אין לאַנד געווען אַרום 530 טויזנט יידן, און די הסתדרות האָט געהאַט 137.000 מיטגלידער; אָנהויב 1949, ביי די וואַלן צו דער זיבעטער הסתדרות־קאָנפערענץ האָט די הסתדרות נאָענט 190.000 מיטגלידער און אין לאַנד זענען פאַראַן מער ווי 760.000 יידן.

סוף 1957 ציילט די הסתדרות אַרום 619.000 מיטגלידער. אין מדינת־ישראל לעבן אַרום 1.760.000 יידן.

מיר זעען, אַז די הסתדרות־מיטגלידערשאַפט איז שנעלער געוואַקסן ווי דער יידישער ישוב. אַ וויטערדיקער באַוויז, אַז יעדע מאַסן־עליה, אפילו ווען זי באַשטייט נישט דוקא נאָר פון חלוצישע עלעמענטן — ווי למשל, די גרויסע עליה אין די יאָרן 1924 — 1925 פון פוילן; די גרויסע עליה פון דייטשלאַנד אין די יאָרן 1933 — 1934 — פירט אין ארץ־ישראל צו אַ באַדייטנדיקער איבערשיכטונג פון די עולים און אַ גרויסער טייל פון זיי ווערט איינגעגלידערט און פאַרבלייבט אין די רייען פון די אַרבעטער. אָבער אויך אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה און נאָך איר, ווען מיר האָבן מער נישט קיין חלוצישע עליה, ווערט פאַרגרעסערט דער פּראָצעס פון סאָציאַלער איבערשיכטונג און איינגלידערונג אין די רייען פון די אַרבעטער.

נישט נאָר אין צאָלמעסיקן וווקס אַליין באַשטייט דער כוח פון דער הסתדרות. ער באַשטייט קודם כל אין דער פעיקייט צו שאַפן יענע סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס אויך אַ שטאַרקע מדינה קען מיט זיי שטאָלץ זיין. און דער עיקר, האָט די הסתדרות באַוויזן, אונטערצוהאַלטן דעם אינטערעס און די צוגעבונדנקייט פון איר מיטגלידערשאַפט, הגם, צוליב איר שנעלן וווקס, האָט זיך איר צונויפשטעל נישט איינמאָל ראַדיקאַל געענדערט.

אין דער בולטסטער פאָרם איז דאָס געקומען צום אויסדרוק זינט דער אויפריכטונג פון מדינת־ישראל, הגם עס עקזיסטירט נישט קיין חלוצישע באַוועגונג אין אַ ברייטערן פאַרנעם.

אויף יעדע 100 מיטגלידער פון דער הסתדרות בעת דער גרינדונג פון דער מדינה, זענען פאַראַן סוף 1957 נאָך 250 נייע מיטגלידער

אין דער הסתדרות. אויף יעדע הונדערט יידן אין לאַנד בעת דער גרינדונג פון דער מדינה, נאָך 170 ניי־געקומענע יידן.

זעלטן קען אַ פּריוואַטיליקע אָרגאַניזאַציע אויפווייזן אויף אַזאַ אינטע־רעס און פאַרבינדונג צווישן זיך און אירע מיטגלידער, אויך ווען די מיטגלידערשאַפט האָט זיך אַזוי פיל־פאַכיק פאַרגרעסערט. מיר האָבן עס געזען, אַחוץ אין אַ סך אַנדערע פאַלן, אויך ביי אַלגעמיינע וואַלן, וואָס אין דער הסתדרות זענען זיי יעדעס מאָל פאַרבונדן מיט אַ לאַנגער אויפקלער־רונג־אַרבעט פון אַלע פּאַרטייען. דאָס וואַל־רעכט אין דער הסתדרות איז אָפּהענגיק פון דער צאָלונג פון מיטגליד־אָפּצאָלן. אָבער תמיד זענען אַרום 80 פּראָצענט פון די מיטגלידער וואַל־באַרעכטיקט. זינט 1937, ווען עס פונקציאָנירט דער באַזונדערער אַמט פאַר מיטגלידערשאַפט און מיטגליד־אָפּצאָלן (לשכת המס), זענען אַרום 90% פון די מיטגלידער וואַל־באַרעכ־טיקט, ווייל די אויפמאָנונגען פון מיטגליד־אָפּצאָל איז מער רעגולירט. פון די וואַל־באַרעכטיקטע, האָט תמיד אַ גאַר הויכער פּראָצענט אַקטיוו אָנטייל־גענומען אין די וואַלן — 76% אין יאָר 1926; 79% אין יאָר 1932; 87% אין יאָר 1941; 85% אין יאָר 1944, און אויך דאַסמאָל, הגם די הסתדרות־וואַלן זענען פאָרגעקומען ווייניקער ווי דריי וואָכן נאָך דער אָנגעשטרענג־טער און אויפרעגנדיקער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער ישראלדיקער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, זענען אַכציק פּראָצענט פון די וואַל־באַרעכטיקטע מיטגלידער — נאָענט 143.000, געגאַנגען צו די וואַל־קעסטלעך.

אין מאַי 1955, זענען 85% פון 508 טויזנט וואַל־באַרעכטיקטע געגאַנגען צו די וואַלן.

ז

נאָך דעם גאַר אינטענסיוון וואַל־קאַמף צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג, דעם 25־טן יאַנואַר, איז געקומען אַ צייטווייליקער שטילשטאַנד — אָן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אָן צאָלרייכע פּלאַקאַטן אין די גאַסן. אָבער די אינטענסיווע אינערלעכע אַרבעט האָט נישט אויפגעהערט. די פּאַרטייען פון דער הסתדרות האָבן גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די וואַלן. אין דער לעצטער וואָך איז די אינטענסיווע אינערלעכע אַרבעט געשטיגן ביז גאַר און עס זענען שוין פאָרגעקומען גאַר אַ סך עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען — אויך אַ גאַנצע ריי מאַסן־מיטינגען מיטן אָנטייל פון

מענטשן וואָס שטייען בראש פון דער מדינה און דער אַרבעטער־באַוועגונג. די ווענט אין די גאַסן זענען ווידעראַמאָל פול באַדעקט געוואָרן מיט די פּאַרטיי־רופן און לאָזונגען.

דער דערפאָלג פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל, ביי די וואַלן פונעם 25־טן יאַנואַר, האָט באַדייטנדיק פאַרגרעסערט די שפּאַנונג. מען האָט געשטעלט די פראַגע, צי דער דערפאָלג פון מפא״י איז נאָר אַ פאַרביי־גייענדיקע דערשיינונג, אַ מין דאַנקבאַרקייט־אויסדרוק פון ברייטע קרייזן צו דער פּאַרטיי, און בפרט צו איר פירנדיקן מענטשן, ד. בן־גוריון, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן מיט אַזוי פיל אינטואיציע און קוראַזש משפיע־געווען אויף דעם גאַנג פון אונדזערע ענינים, אָדער מיר האָבן פאַר זיך אַ מער סטאַבילע פּאָליטישע דערשיינונג. די קעגנער פון מפא״י אין דער הסתדרות האָבן געטענהעט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, אַז דאָס וועט נישט קומען צום אויסדרוק אין הסתדרות־וואַלן, וואָרום דער זיג פון מפא״י ביי די וואַלן פון 25־טן יאַנואַר קומט דערפון, וואָס אַ סך בירגערלעכע האָבן פאַר איר געשטימט.

אין די וואַלן האָבן אָנטיילגענומען אַ סך טויזנטער סאָל־דאַטן, הסתדרות־מיטגלידער. זיי האָבן געשטימט אין די מיליטער־לאַגערן און אין די פאָדערשטע פראָנט־אָפּשניטן.

ח

מפלגת פועלי ארץ־ישראל, וואָס האָט ביי די וואַלן אין יאָר 1944 באַקומען 53,7% פון אַלע שטימען, האָט פאַרשטאַרקט איר מערהייט — ביז 57,06 פּראָצענט פון אַלע שטימען. עס איז נישט לייכט פאַר אַ מערהייט, וואָס טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע טעטיקייטן אָנצוהאַלטן איר פּאָפּולאַריטעט און זי נאָך צו פאַרשטאַרקן. נאָך עפּעס: ביי די פריערע וואַלן האָט מפא״י טאַקע באַקומען אַ מערהייט אין לאַנד־מאַסשטאַב, אָבער אין אַ גאַנצער ריי וויכטיקע ערטער, און קודם כל אין תל־אביב, האָט זי נישט געהאַט קיין מערהייט. דאָס האָט גורם געווען שוועריקייטן אין די אָרטיקע אַרבעטער־ראַטן. איצט האָט מפא״י אין אַלע יענע ערטער, אין וועלכע זי האָט נישט געהאַט קיין זיכערע מערהייט — תל־אביב, רמת־גן, הרצליה, כפר־סבא, ראשון־לציון, רחובות באַקומען אַ זיכערע מערהייט. גאַנץ איבעראַשנדיק איז דער רעזולטאַט אין תל־אביב: מפא״י האָט

אָנשטאָט 50% אין יאָר 1944 איצט באַקומען אַרום 60%. אין חיפה, אָנשטאָט 53 פּראָצענט — אַרום 61 פּראָצענט.

די צווייטע פּאַרטיי אין דער הסתדרות — מפלגת הפועלים המאוחדת — (מפ״ם), איז צום ערשטן מאָל ביי הסתדרות־וואַלן דערשינען אַלס איינהייטלעכע פּאַרטיי. אין יאָר 1944, זענען זיי געווען דריי גרופּירונגען וואָס זענען אַרויס מיט צוויי וואַל־צעטלען. איין ליסטע פון השומר הצעיר און לינקע פועלי ציון און אַ צווייטע ליסטע פון התנועה לאחדות העבודה. ביידע ליסטעס האָבן דעמאָלט באַקומען 38,4 פּראָצענט פון אַלע שטימען (די ערשטע 20,7% און די צווייטע 17,7%). דאָסמאָל האָבן זיי באַקומען נאָר 34,5 פּראָצענט פון אַלע שטימען. ווען מפ״ם איז געגרינדעט געוואָרן, איז דער לאָזונג געווען מיט געאייניקטע כוחות צו דערפירן מפא״י צו אַ מינדערהייט אין דער הסתדרות. אין דער ריכטונג איז אַ לאַנגע צייט געגאַנגען די אויפקלערונג און די צוגרייטונג צו די קומענדיקע וואַלן.

די הסתדרות־וואַלן האָבן באַשטעטיקט אַן אַלגעמיין באַקאַנטן פאַקט: מפלגת פועלי ארץ־ישראל האָט אַ פיל גרעסערע אָנהענגערשאַפט מחוץ דער הסתדרות ווי מפ״ם. מפא״י האָט באַקומען ביי די וואַלן דעם 25־טן יאַנואַר 155,000 שטימען, ביי די הסתדרות־וואַלן איבער 79 טויזנט שטימען. מפ״ם האָט באַקומען ביי די וואַלן דעם 25־טן יאַנואַר 64,000 שטימען און אין דער הסתדרות ווייניקער ווי 48 טויזנט שטימען.

גאָר איבעראַשנדיק איז דער דורכפאַל פון די קאָמוניסטן. זיי האָבן באַקומען 3,658 שטימען, דאָס מיינט 2,6%. ביי די וואַלן דעם 25־טן יאַנואַר האָבן זיי באַקומען איבער 15,000 שטימען. אָנגענומען אפילו, אַז 40—50 פּראָצענט פון אָט די שטימען זענען געווען שטימען פון אַראַבער, פאַרבלייבן דאָך אַלץ 7.500 יידישע שטימען אָדער נאָך מער, און איצט האָבן זיי באַקומען ווייניקער ווי אַ העלפט דערפון. אין דער צווישן־צייט האָבן זיי געהאַט אַ שפּאַלטונג. עס איז ווידער אַוועק פון זיי דער ארץ־ישראל־טרייער טייל, וואָס האָט זיך מיט זיי געהאַט פאַראייניקט פאַר די כנסת־וואַלן. אָבער דאָס האָט זיי מאַקסימום געקאָסט אַרום 1.000 שטימען. בלייבט נאָך אַלץ די רעטעניש פון זייער גרויסן דורכפאַל.

דער פאָרשטייער פון דער דאָזיקער גרופּע אין דער כנסת, א. פּרעמינגער, איז אין אויגוסט 1949 אַריינגעטראָטן אין מפ״ם. מען מוז קומען צום שלוס, אַז נישט אַנדערש ווי גאָר אַ סך פון

זייערע אָנהענגער זענען נישט קיין אַרבעטער און האָבן גאָר נישט קיין שייכות צו דער הסתדרות. אַט די דריטהאַלבן פּראָצענט שטימען האָבן די קאָמוניסטן אויך באַקומען מיט יאָרן צוריק, ביי די הסתדרות־וואַלן סוף 1941; זיי האָבן דעמאָלט באַקומען 1.957 שטימען (2,2 פּראָצענט פון אַלע שטימען); אין יאָר 1944 האָבן זיי נישט געהאַט קיין אייגענע ליסטע. דאָס מיינט, אַז אין די 7 יאָר זענען זייי פּראָצענטועל נישט געוואַקסן אין דער הסתדרות, טראָץ זייערע גאָר גרויסע אָנשטרענגונגען, גרויסע הוצאות און אַבסאָלוטער פרייהייט פון טעטיקייט (זיי האָבן אפילו אַן אייגענע טאָג־ציישונג). דער פּרעסטיזש פון די קאָמוניסטן האָט שטאַרק געליטן ביי די הסתדרות־וואַלן.

דער „העובד הציוני", וואָס האָט באַקומען ביי די וואַלן אין יאָר 1944 איבער 3.000 שטימען, ארום 3 פּראָצענט פון אַלע שטימען, איז דאָס־מאָל געשטיגן און באַקומען 3 מיט דריי פערטל פון אַלע שטימען — איבער 5.000. אויך אַ צווייטע קלענערע ליסטע איז געוואַקסן. דאָס איז די ליסטע פון די רעליגיעזע אַרבעטער אין דער הסתדרות — העובד הדתי. אין יאָר 1944 — 1.137 שטימען — 1%; דאָסמאָל 2.948 שטימען — 2,2 פּראָצענט, באַלד אַזוי פיל ווי די קאָמוניסטן. אַ באַווייז, אַז עס שטייגט דער קרייז רעליגיעזע אַרבעטער, וואָס נעגירט דעם פאַקט פון אויפשטעלן ספּעציעלע רעליגיעזע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָנערקענט די נויטווענדיקייט פון איין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און פון פריינטלעכער צוזאַמענאַרבעט מיט מפא"י.

תל־אביב, פעברואַר 1949.

די וואַלן צו דער אַכטער הסתדרות־קאָנפערענץ זענען פאָרגעקומען דעם 8־טן מאַי 1955. פון די 508.454 וואַל־באַרעכטיקטע מיטגלידער האָבן 410.461, 84,8 פּראָצענט, זיך באַטייליקט אין די וואַלן. עס האָבן באַקומען שטימען: מפא"י — 57,74 פּראָצענט; אחדות העבודה — פועלי ציון — 14,61%; מפ"ם — 12,54%; העובד הציוני — 5,25%; קאָמוניסטן — 4,09%; אַלגעמיינע ציוניסטן — 3,81%; העובד הדתי (רעליגיעזע אַרבעטער) — 1,96%.

עליה און קאָלאָניזאַציע

א

אין די צוויי חדשים דעצעמבער 1948 — יאַנואַר 1949 זענען אַריינ־געקומען אין מדינת־ישראל 55 טויזנט יידן. מיר לייענען די ציפערן און פילן גאָרנישט זייער באַזונדערן טעם און זייער באַזונדערע באַדייטונג. כדי אָפּצושאַצן דעם פאַקט מוז מען זיך אומקערן צוויי יאָר צוריק, און דערמאַנען דעם רעש אין דער וועלט, אַרום פּרעזידענט טרומאַנס פּאָרשלאַג, אַז ענגלאַנד זאָל דערלויבן די עליה פון הונדערט טויזנט יידן אין משך פון צוויי יאָר. וויפיל זענען מיר דעמאָלט געווען גרייט מוחל־זיין ענגלאַנד פאַר אָט דעם „קרבן" — און ענגלאַנד האָט בשום־אופן נישט געוואָלט דערצו מסכים זיין. נאָך אין יאָר 1939 האָט אונדז ענגלאַנד גרויסהאַרציק צוגעזאָגט 75 טויזנט עולים, אין משך פון 5 יאָר, מיטן באַדינג, אַז דערמיט ווערט פאַרענדיקט די פּרשה יידישע עליה קיין ארץ־ישראל — שפּעטער זאָלן יידן נאָר קענען עולה־זיין מיט דער צושטימונג פון די אַראַבער.

אין די ערשטע פינף יאָר פון מדינת־ישראל איז געקומען אין לאַנד די צענפאַכיקע צאָל עולים — מער ווי 700 טויזנט.

מיר האָבן איצט נישט קיין סעלעקטיווע — און ספּעציעל צוגעגרייטע הכשרה־עליה. עס איז אַן אָנהויב פון קיבוץ גלויות בפועל ממש. דאָס צעשפּרייטע פאָלק הויבט זיך אָן זאַמלען אין אייגענעם היימלאַנד — אַ פאָלקס־עליה פון אַלע שיכטן און קרייזן. פון די 130 טויזנט יידן אין די לאַגערן פון דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, איז די העלפט שוין אין מדינת־ישראל. איצט קומען בערך 5.000 פון זיי יעדן חודש. סוף יאַנואַר האָט אַ שיף געבראַכט קיין חיפה אַרום 4.500 עולים פון בולגאַריע; זענען צווישן די עולים געווען אַרום 600 זקנים און זקנות, עלטער פון 60 יאָר. דריי דורות יידן זענען געקומען מיט דער שיף, משפחות וואָס מיט די קינדער זענען אויך געקומען די עלטערן און זיידע־באָבע. און הגם די

איינאָרדענונג פון די זקנים איז גאָרנישט לייכט, האָט מען אויך זיי ווי־נישט־איז איינגעאָרדענט. דאָס פּאַטערלאַנד נעמט אויף אַלע צעשפּרייטע קינדער — יונגע און אַלטע.

צווישן די 239 טויזנט עולים אין יאָר 1949, זענען 14.904 געווען עלטער פון 60 יאָר.

אין די לעצטע וואָכן זענען אָנגעקומען קיין ישראל 3.000 תימנער יידן, וואָס דער „דזשאָינט" ברענגט זיי מיט עראָפּלאַנען דירעקט פון עדן קיין לוד. דאָס זענען פּליטים פון תימן, וואָס זענען געזעסן אינעם לאַגער השיד, לעבן עדן. דערווייל קומען לרוב זקנים, פרויען און קינדער. וועגן קומען פון די מענער אין מאָביליזאַציע־עלטער פירן זיך נאָך פאַרהאַנדלונגען. יידן, וואָס האָבן נאָך אין זייער לעבן נישט געזען קיין אייזנבאַן, ווערן איצט געבראַכט קיין ארץ־ישראל מיט די מאָדערנסטע לופט־מאַשינען.

מען האָט די שווערקייטן גובר געווען. ביז סוף 1956 זענען געקומען אין לאַנד 49.187 עולים פון תימן (צווישן זיי 3.431 פון עדן). די עסקנים פון דער תימנער עדה רעכענען, אַז סוף 1957 זענען פאַראַן אין מדינת־ישראל אַרום 120 טויזנט נפשות פון דער תימנער עדה, צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך די אין לאַנד געבוירענע.

אין דער זעלבער צייט ברענגען עראָפּלאַנען פון מינכען און פון זאַלצבורג יידן פון דער שארית הפליטה אין איראָפּע, וואָס זענען ביז איצט געזעסן אין די לאַגערן אין עסטרייך און דייטשלאַנד. האָט זיך געטראָפן, אַז צו דער גלייכער צייט זענען אָנגעקומען קיין לוד אַן עראָפּלאַן פון מינכען און אַן עראָפּלאַן פון עדן. די יוגנט פון די צוויי פאַרוואָגלטע און אַזוי דערווייטערטע יידישע שטאַמען האָט זיך באַגעגנט אינעם גרויסן פלי־פּאָרט פון מדינת־ישראל, אין לוד, און באַלד איז די נאָענטקייט צווישן זיי געקומען צום אויסדרוק אין אַ באַגייסטערטן געמיינזאַמען האָרא־טאַנץ. איז געשטאַנען דער אַלטיטשקער רב פון תימן און געוויינט פאַר פרייד. ער האָט דערלעבט, אַז דער חלום פון קיבוץ־גלויות ווערט פאַרווירקלעכט.

ב

מיר ווילן פאָרזעצן די עליה אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. דאָס איז נישט סתם קיין קאַפּריז נאָר אַ מוז, אַ דרינגנדיקע נויטווענדיקייט. יידן מוזן אויסוואַנדערן פון אַ ריי לענדער, און וואָס גיכער. מיר מוזן דאָ האָבן

וואָס גיכער לכל הפחות נאָך אַ מיליאָן יידן, אויב מיר ווילן זיכערן דעם קיום און די אַנטוויקלונג פון אונדזער מדינה; אויב מיר ווילן אָנהויבן באַזעצן און אָנהויבן אַנטוויקלען דעם נגב און אַנדערע געביטן. און מיר מוזן זיי באַפעלקערן און אַנטוויקלען, אויב מיר ווילן זיי זיכערן פאַר דער מדינת־ישראל. איז אָבער פאַראַן אַ פשוטער חשבון וואָס זאָגט, אַז אויפנע־מען און איינאָרדענען יעדן ייד דאַרף קאָסטן אַרום 500 ביז 750 פונט. דאָס מיינט, אַז מיר דאַרפן האָבן אַרום 750 מיליאָן פונט, כדי אויפצונעמען אין די נאָענטסטע 4 — 5 יאָר אַרום אַ מיליאָן יידן. ממש אַ פאַנטאַסטישע סומע! אָבער מיר מוזן זי האָבן און מיר דאַרפן זי באַקומען פון יידישן פאָלק. און מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אויסנוצן דעם דאָזיקן איינמאָליקן און איינציקן שאַנס צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע לאַסט, אפילו ווען זי איז אַ גאָר, גרויסע לאַסט.

דאָ רעדט זיך וועגן אָנהויב 1949, ווען אַ פונט האָט געמיינט 2.80 דאָלאַר.

פאַראַן נויטן וואָס מען קען נישט אָפּלעגן. צענדליקער טויזנטער עולים מוזן האָבן וווינונגען. די וווינונגען זענען נישטאָ. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז ביים אָנהויב פון דער מאַסן־עליה זענען פריי־געוואָרן טויזנ־טער וווינונגען אין יפו, לוד, רמלה, עכו, אין די אַראַבישע טיילן פון חיפה און ירושלים — וווינונגען פון די אַראַבער, וואָס זענען אַנטלאָפן בעת דעם אַראַבישן אינוואַזיע־פּאַרזוך. האָט דאָס וווינונגס־פּראָבלעם פאַר אַ געוויסער צייט פאַרלוירן אַ סך פון זיין שאַרפקייט. אָבער איצט ווערט עס שאַרפער פון טאָג צו טאָג. 250 טויזנט עולים אַ יאָר מוזן האָבן 70 — 80 טויזנט וווינונגען. אמת, מען מאַכט גאָר גרויסע באַמיונגען אויף דעם געביט. עס איז, למשל, געגרינדעט געוואָרן, אַ דאַנק דער יידישער אַגענץ און דער רעגירונג, אַ געזעלשאַפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון ניין מיליאָן פונט, וואָס דאַרף באַלד אָנהויבן מיט אַ גרויסער בוי־טעטיקייט. אָבער אַלע ביז־איצטיקע פּלענער האָבן נאָך נישט דערגרייכט דעם נויטיקן פאַרנעם אויף צו פאַרזיכערן וווינונגען פאַר אַ פערטל מיליאָן עולים יערלעך. עס איז אַ פראַגע פון בוי־אַרבעטער, וואָס זענען, איצט ביים מיליטער; פון געוויסע בוי־מאַטעריאַלן (בפרט האָלץ און אייזן), וואָס מען מוז ברענגען פון אויסלאַנד — אָבער אין דער ערשטער ריי איז עס אַ פראַגע פון גאָר גרויסע מיטלען, וואָס מען מוז תיכף ומיד אינוועסטירן.

אין דער צייט פון מאַי 1948 ביז פעברואַר 1950, האָבן 280 טויזנט עולים באַקומען וווינונגען. אין אַן אַנדער קאַפּיטל — „להוציא דבה על הארץ", ווערט געזאָגט, אַז ביז סוף 1957 זענען געבויט געוואָרן אין לאַנד, פון דער רעגירונג און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אַרום 200 טויזנט סטאַבילע וווינונגען פאַר 800 טויזנט איינוווינער, אויפן ערשטן אָרט פאַר עולים.

ג

מיר ווילן זיך באַמיען צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון אונדזער באַפעלקערונג. היינט־צו־טאָג, אויף אַרום 800 טויזנט יידן, לעבן נישט מער ווי אַרום 80 טויזנט פון לאַנדווירטשאַפט. מיר מוזן מער ווי פאַר־טאָפּלען דעם פּראָצענט־טייל פון אונדזער באַפעלקערונג וואָס לעבט פון לאַנדווירטשאַפט. יעדער וועט פאַרשטיין די טעמים. מיר קענען נישט פאַרזעצן צו זיין אָפּהענגיק אין אונדזער באַשפּייזונג פון פּראָדוקטן, וואָס מען ברענגט פון אויסלאַנד. דאָס שוואַכט אָפּ אונדזער זיכערקייט אין געשפּאַנטע צייטן. דאָס מיינט אַ שטאַרק נעגאַטיוון בילאַנס אין אונדזער עקאָנאָמישן לעבן. דאָס איז אויך נויטיק צוליב אַלגעמיינע זיכערקייטס־טעמים. מיר זענען אַ קליין לאַנד מיט הונדערטער קילאָמעטער לאַנגע גרענעצן. מיר קענען נישט אַנדערש זיכערן אונדזערע גרענעצן, ווי נאָר דערמיט, וואָס מיר וועלן זיי באַפעסטיקן מיט אַ נעץ לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען. און מיר ווייסן דאָך פון דער דערפאַרונג פונעם איצטיקן קריג, אַז אין אַן עת־צרה ווערט יעדע לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונג ביי אונדז פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישער פעסטונג.

אונדזערע גרענעצן — 951 קילאָמעטער: מיט ירדן — 531 קילאָמע־טער; מיט מצרים — 265; מיט לבנון — 79 און מיט סיריע — 76 קילאָמעטער. דער ים־ברעג פון מדינת־ישראל איז 254,5 קילאָמע־טער: 188 קילאָמעטער דער מיטללענדישער ים; 56 — דער ים המלח און 10,5 קילאָמעטער דער אילת־גאָלף (ים סוף).

עס זענען פאַראַן גינסטיקע באַדינגונגען אויף צו פאַרווירקלעכן אָט די פּלענער פון גרויסער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. וויפיל פּלעגן מיר זיך פריִער מאַטערן אויף צו באַקומען באָדן. איצט הערן מיר,

אַז מיט איין שריפטלעכן דאָקומענט, געחתמעט פונעם פּרעמיער ד. בן־גוריון און דעם פינאַנץ־מיניסטער אליעזר קאַפּלאַן, האָט די רעגירונג באַשטעטיקט דעם פאַרקויף פון איין מיליאָן דונאַם באָדן דעם קרן־קיימת לישראל. דאָס וואָס דער ק.ק.ל. האָט דערגרייכט אין 40 יאָר מיפּולער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט, ביי דער ברייטהאַרציקער מיטהילף פון יידן אין גאָר דער וועלט, האָט די ישראל־רעגירונג פאַרטאָפּלט — מיט איין דאָקומענט. די רעגירונג האָט אויך באַשטימט, אַז אַ דריטל פונעם באָדן־פּרייז, וועט ווערן פאַרווענדט פאַר הוצאות פון נייער קאָלאָניזאַציע.

אליעזר קאַפּלאַן — פון די בולטסטע פערזענלעכקייטן פון הפועל הצעיר, שפּעטער מפלגת פועלי ארץ־ישראל. אַ ריי יאָרן קאַסירער פון דער הסתדרות, שפּעטער לאַנגיאָריקער קאַסירער (טרעזשורער) פון דער יידישער אַגענץ, ערשטער פינאַנץ־מיניסטער פון מדינת־ישראל, אַ געוויסע צייט אויך וויצע־פּרעמיער. נפטר געוואָרן אין חודש יולי 1952.

מען האָט אַמאָל זיך געמאַטערט מיט דער פראַגע פון וואַסער. אָן וואַסער קען מען דאָך זיכער נישט קאָלאָניזירן און וואַסער איז נישט ווייניקער וויכטיק אין אונדזער הייסן קלימאַט ווי באָדן. איצט וויסן מיר שוין דעם סוד, אַז אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן הונדערטער מיליאָנען קוביקמעטער וואַסער און מען קען באַוואַסערן נייע הונדערטער טויזנטער דונאַם באָדן. מען דאַרף נאָר דאָס וואַסער ראַציאָנעל פאַרטיילן. די הסתדרות־געזעלשאַפט „מקורות" האָט נאָך פאַרן קריג באַוויזן צו לייגן עטלעכע הונדערט קילאָמעטער שמאָלע, זעקס־צאָליקע, וואַסער־רערן אין נגב און ברענגען וואַסער אין די ווייטסטע פונקטן. דעמאָלט האָבן מיר דערביי געמוזט גובר־זיין געוואַלדיקע שוועריקייטן, ווייל אַ פיינטלעכע בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט נישט געוואָלט, אַז די וויסטעניש פון נגב זאָלן קולטיווירט ווערן. היינט וועט אַן אייגענע יידישע רעגירונג פאַרלייכטערן אַזאַ ווערק — און מען קען לייגן גרעסערע וואַסער־רערן און וואַסער וועט פליסן אומגעשטערט.

די געזעלשאַפט „מקורות" האָט איבערגעפירט אין יאָר 1950/51 — 52,2 מיליאָן קוביק־מעטער וואַסער. זי וועט איבערפירן אין יאָר 1957/58 — איבער 345 מיליאָן קוביק־מעטער וואַסער. די יידישע לאַנדווירטשאַפט האָט פאַרנוצט היי־יאָר 826 מיליאָן ק"מ וואַסער.

אין דער מדינה וועדן פאַרנוצט 1 מיליאַרד און 150 מיליאָן קוביק־מעטער וואַסער יערלעך. ביים היינטיקן טאָג (1957) שאַצט מען אָפּ די וואַסער־מעגלעכקייטן אין לאַנד אויף איין מיליאַרד און 975 מיליאָן קוביק־מעטער יערלעך. (דער באַקאַנטער פאַכמאַן אויף דעם געביט, אינזשעניר שמחה בלאס האַלט, אַז מען קען דער־גרייכן 3 און מער מיליאַרד ק״מ וואַסער יערלעך). פון די 52,2 מיליאָן ק״מ אין יאָר 1950/51 פון „מקורות" האָט דער נגב באַקומען 4,3 מיליאָן, 8,2%. פון די 345 מיליאָן, באַקומט דער נגב 80 מיליאָן ק״מ וואַסער — 23,2%. אין יאָר 1950/51 זענען באַוואַסערט געוואָרן דורך די וואַסערליפערונגען פון „מקורות" — 53,000 דונאַם באָדן, אין יאָר 1957/58 — 480,000 דונאַם באָדן. אין נגב דעמאָלט — 4,500 דונאַם — 10,4%. היינט — 110,000 דונאַם — 22,9%. אינעם יאָר 1947/48 האָט „מקורות" געהאַט אין איר רשות 326 קילאָמע־טער וואַסערדערן. ביז צום סוף פונעם בודזשעט־יאָר 1956/57 האָט „מקורות" געלייגט 2300 קילאָמעטער וואַסער־רערן. די געזעלשאַפט „מקורות" האָט ביז צום סוף פונעם בודזשעט־יאָר 1956/57 אינוועס־טירט — 163 מיליאָן פונט. „מקורות" איז פריער געווען אין בשותפותדיקן רשות פון דער הסתדרות און דער יידישער אַגענץ. לויט דעם פאָרשלאַג פון דער הסתדרות איז „מקורות" לעצטנס אין רשות פון דריי שותפים — די רעגירונג, די יידישע אַגענץ און די הסתדרות. אין יאָר 1958/59 וועט „מקורות" ליפערן 366 מיליאָן קוביק־מעטער וואַסער. דער הוצאות־בודזשעט פאַר דעם יאָר איז 16,4 מיליאָן פונט.

די פראַגע פון זוכן וואַסער און שאַפן נייע באַוואַסערונגס־מעגלעכ־קייטן ווערט איצט באַטראַכט אַלס אַ גאָר דרינגענדיקע אויפגאַבע. די מדינה האָט באַשטימט פאַר דעם צוועק גרויסע בודזשעטן. דאָס לאַנדווירטשאַפט־מיניסטעריום האַלט, אַז מען מוז פאַר דעם צוועק אינוועסטירן אין די נאָענטסטע 5 יאָר, נישט ווייניקער ווי 45 מיליאָן פונט יערלעך.

עס זענען שוין געמאַכט געוואָרן גרויסע אָנהייבן פון אַ שנעלער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. אין די 8 חדשים פון דער עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה, אין דער תקופה פון דער שווערער מלחמה, זענען געגרינדעט געוואָרן 55 נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין אַלע טיילן

פון לאַנד — אין גליל, לענגאויס דעם וועג קיין ירושלים און אין אַנדערע פונקטן. אויב מען נעמט אין אַכט, אַז בעת דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת־ישראל האָבן מיר סך־הכל געהאַט עפּעס מער ווי 200 לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן אויף נאַציאָנאַלן באָדן (אין די זיבן יאָר 1940 — 1946 זענען געגרינדעט געוואָרן 60 פונקטן) — וועט מען פאַרשטיין וואָס עס מיינט פאַר אונדז 55 נייע פונקטן אין 8 חדשים.

די יידישע לאַנדווירטשאַפט האָט היי־יאָר — 1948/49, פאַרזייט אַ פּיל גרעסערן שטח תבואה ווי פריער; כמעט פאַרטאָפּלט דעם שטח גרינוואַרג — און מען האָט עס געקענט נאָך מער פאַרגרעסערן, ווען עס פעלן נישט קיין אַרבעטס־הענט (ליידער האָבן די שלעכטע וועטערן היי־יאָר נישט געגעבן דעם דערוואַרטעטן רעזולטאַט אויף דעם געביט). אָבער דער טעמפּאָ איז ווייט נישט גענוג אין פאַרגלייך צו אונדזערע נויטן. אויב מיר ווילן, אַז ארום 25 פּראָצענט יידן זאָלן לעבן פון לאַנדווירטשאַפט, מוזן נאָך אַ סך פאַמיליעס קאָלאָניזירט ווערן אין דאָרף. הונדערטער נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן מוזן געגרינדעט ווערן און אַ סך, אַ סך מיליאָנען פונטן מוזן געשטעלט ווערן אין רשות פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

ד

אַחוץ פינאַנציעלע מיטלען שטייט פאַר אונדז אויך די פראַגע פון מענטשן, פון יונגע מענטשן מיט חלוצישן גלויבן און ווילן. מען מוז אָן אויפהער וואָרענען פאַר דער אילוזיע, אַז מיר שטייען פאַר לייכטע אויפגאַבן און לייכטע צייטן. אוודאי וועט אונדז זיין אָן אַ פאַרגלייך לייכטער, אַז די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן און מיר וועלן קענען דעמאָביליזירן די אַרמיי. אָבער לייכט וועט נישט זיין. און עס וועט זיך פאָדערן אַ סך חלוצישע אַרבעט. אַנדערש וועט מען נישט באַווייזן צו קאָלאָניזירן דעם נגב און דעם גליל און אַנדערע טיילן פון לאַנד. דער וועג פון דער צוקונפטיקער ישראל־רעגירונג איז אָנגעצייכנט געוואָרן אויף אַ גרויסער דעלעגאַטן־קאָנפערענץ פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל אין תל־אביב מיט עטלעכע טעג צוריק, וואָס האָט באַהאַנדלט דעם וועג פון מדינת־ישראל: פרידן, אויפבוי, מאַסן־עליה, מאָביליזאַציע פון נאַציאָנאַלן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל, פּראָדוקטיוויזאַציע, פּריאָריטעט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער

קאָלאָניזאַציע. נישטאָ קיין ספק, אַז די מענטשן, וואָס האָבן דאָס פּראָקלאַמירט מיינען עס ערנסט און וועלן אַלץ טאָן וואָס זיי וועלן נאָר קענען, אַז די צוקונפטיקע ישראל־רעגירונג זאָל גיין דעם וועג.

עס ווערן אין לאַנד געמאַכט אַ סך באַמיונגען, אַז פון דער נייער עליה זאָלן וואָס מער אַריבער צו אַ לעבן פון לאַנדווירטשאַפט. די באַמיונגען ווערן אויך געמאַכט צווישן די סאָלדאַטן. מען גיט איבער, אַז אַ סך סאָלדאַטן פון צבא הגנה לישראל, האָבן זיך שוין פאַרשריבן אַלס קאַנדידאַטן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע נאָך זייער דעמאָביליזירונג. מען מוז אָבער געדענקען, אַז די איצטיקע עליה פון אייראָפּע איז נישט קיין חלוצישע עליה. און מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז עס קומען איצט קיין ארץ־ישראל נישט נאָר יונגע מענטשן. שטייט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די צפון־ און דרום־אַמעריקאַנער לענדער, און אויך אין די אַנדערע יידישע קיבוצים, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, די פראַגע פון אַ גרויסער חלוצישער באַוועגונג. דאָס איז נישט קיין טעאָרעטישע, נאָר אַ זייער קאָנקרעטע פראַגע, וואָס איז ברענענדיק־אַקטועל. די פראַגע קען מען נישט אָפּלייגן און די חלוצים וועלן נישט קענען רעכענען אויף אַ לאַנגער הכשרה־צייט. זיי וועלן דאַרפן וואָס גיכער עולה־זיין. עליה פון עלעמענטן, וואָס זענען גרייט צו חלוצישע מעשים, איז פון די וויכטיקסטע און ערשטע אויפגאַבן, וואָס עס דאַרף דערפילן די ציוניסטישע באַוועגונג און בפרט די ציוניסטישע יוגנט אין גאַר דער וועלט.

תל־אביב, פעברואַר 1949.

זינט דער גרינדדונג פון דער מדינת־ישראל ביז אָנהויב 1958 האָט די יידישע אַגענץ (ציוניסטישע עקזעקוטיווע) געגרינדעט אַרום 470 נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, אַריינגערעכנט עטלעכע פונקטן וואָס זענען גאָר באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן. די צאָל יידישע דערפער איז אין 1957 אַרום 740. דער שטח באָדן, וואָס יידן האָבן אים באַאַרבעט אין תש״ט (1948/49) איז געווען איין מיליאָן און 180 טויזנט דונאַם (אַחוץ דעם האָבן די אַראַבער באַאַרבעט 390.000 דונאַם באָדן), דאָס מיינט אַרום 8% פונעם שטח פון מדינת־ישראל. אין יאָר 1947 האָבן יידן באַאַרבעט נאָך אַ באַדייטנדיק קלענערן שטח. אין תשי״א האָבן יידן

באַאַרבעט 2,15 מיליאָן דונאַם. אין יאָר תשי״ז האָט מען שוין באַאַר־בעט אַרום 3,8 מיליאָן דונאַם באָדן, וואָס דאָס מיינט שוין אַרום 19% פונעם ישׂראל־שטח. דערביי מוז מען נעמען אין אַכט, אַז פון די 20,7 מיליאָן דונאַם, דער שטח פון מדינת־ישׂראל, זענען בערך די העלפט סטעפּ־באָדן אין נגב, אַרום 3 מיליאָן דונאַם פּאַשע־באָדן און 451 טויזנט דונאַם דער שטח פון ים כנרת און אונדזער חלק אין ים המלח. לפי דער ערשטער ציילונג אין מדינת־ישׂראל (8־טן נאָוועמבער 1948), האָבן 14,7% יידן געלעבט אין דאָרפישע ישובים. אין 1957 איז זייער צאָל נאָענט צו 23%. מען נעמט אָן, אַז די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אין מדינת־ישׂראל דעקט שוין איצט (1957) מער ווי צוויי־דריטל פונעם באַדאַרף אין שפּייז פון דער היינטיקער באַפעלקערונג. אין 1948/49 האָט זי געדעקט אָן אַ פּאַר־גלייך אַ פיל קלענערן טייל פונעם באַדאַרף פון דער דעמאָלט פיל קלענערער באַפעלקערונג, פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה נאָר אַרום 16%. אין תשי״ז איז דער ווערט פון דער אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע געווען אַרום 525 מיליאָן פונט לויט די פרייזן פון תשט״ז, (מיט אַ יאָר פריער נאָר 482,5 מיליאָן פונט). אין יאָר 1949/50 — 50,6 מיליאָן פונט און אין יאָר 1950/51 — 65,3 מיליאָן פונט. די פעלד־געוויקסן זענען געווען מיט 17% מער ווי מיט אַ יאָר צוריק. אייער 23% מער, מילך — 7,3% מער; קאַרטאָפל און גרינוואַרג — 4% מער; פלייש — 2½%; פיש — 3% מער. עס זענען אָבער געווען 3,8% וויניקער פרוכטן דער עיקר באַנאַנעס, צוליב דער קעלט אין געוויסע געגנטן. מען האָפט, אַז אין יאָר תשי״ח (1957/58) וועט דער היקף און ווערט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע נאָך ווייטער שטייגן. די אַראַ־בער האָבן היינט (1957) אין מדינת־ישׂראל 94 דאָרפישע ישובים, אין זייער רשות געפינען זיך 652 טויזנט דונאַם באָדן. די בעדו־אינער אין נגב באַנוצן אַרום 300.000 דונאַם באָדן פאַר פּאַשען זייערע שאָף־סטאַדעס, קעמלען און אַנדערע בעלי־חיים, און צייטנווייז באַאַרבעטן זיי געוויסע טיילן באָדן. מער פּרטים, וועגן דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, זע דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל: שוועריקייטן וואָס מען קען גובר זיין.

פרייד און זאָרג אין ירושלים

(די עפענונג־זיצונגען פון דער קאָנסטיטואַנטע)

א

ט״ו בשבט תש״ט (14 פעברואַר 1949), אַ העלע ירושלימער ווינטערנאַכט, אַ בייסיקער קאַלטער ווינט האָט שאַרף געבלאָזן. אָבער דאָס־מאָל האָט דער ווינט און די קעלט קיינעם נישט פאַריאָגט פון די ירושלי־מער גאַסן. ביי די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער פון אַ פלמ״ח־אָפּטיילונג אין די ירושלימער בערג, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין ירושלים, האָבן אַ סך, אַ סך הונדערטער געטאַנצט אין גאַס. עס האָבן געטאַנצט יונג און אַלט, סאָלדאַטן און ציווילע, ספרדים, תימנער, אשכנזים — אלע עדות, שעהן לאַנג האָבן זיי געטאַנצט, אָן אויפהער און אָן אָפּרו.

שוין אַ סך יאָרן האָט מען אַזוי נישט געטאַנצט אין די ירושלימער גאַסן. אַמאָל, מיט מער ווי 20 יאָר צוריק, פלעגט מען אָפט אַזוי טאַנצן אין די גאַסן פון ארץ־ישראל, פסח נאָכן סדר, שמחת תורה אָדער ביי אַן אַנדערן יום־טוב. עס זענען אָבער נאָכאַנאַנד געקומען שווערע יאָרן — די בלוטיקע אומרוען אין יאָר 1929; דער אומגליק פון די יידן אין דייטש־לאַנד, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט; די אומרוען פון די יאָרן 1936 — 1938, און שפּעטער די וועלט־מלחמה מיט אירע שוידערלעכע ידיעות, וועגן ביטערן גורל פון מיליאָנען יידן. האָט מען אויפגעהערט צו טאַנצן אין די גאַסן פון ירושלים. אויך דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 האָט מען אין ירושלים געגעבן ווייניקער אויסערלעכן אויסדרוק צו דער פרייד ווי אין די אַנדערע ארץ־ישראל־שטעט. דער יו־עָן־באַשלוס וועגן אַ יידי־שער מדינה האָט געזאָלט אָפּרייסן ירושלים פון דער מדינה. דעם 14־טן מאַי 1948, ווען מדינת־ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָט ירושלים איבערגעלעבט אירע גאָר, גאָר שווערע טעג. די ירושלימער מיטגלידער

פון דער מועצת המדינה הזמנית, האָבן אפילו נישט געקענט קומען צו דער פּראָקלאַמירונגס־זיצונג, און האָבן ערשט שפּעטער געחתמעט די מגילת־העצמאות. ערשט דעם 14־טן פעברואַר 1949, אין דעם טאָג ווען אין ירושלים איז געעפנט געוואָרן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (קאָנסטיטואַנטע) פון מדינת־ישראל, האָט מען ווידער געטאַנצט אין די גאַסן פון ירושלים.

ב

אין די וואָכן ווען ירושלים איז געווען באַלאַגערט און מען האָט נישט געקענט צו יעדער צייט דורכברעכן דעם וועג און שיקן פון תל־אביב גענוג הילף, האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי די ירושלימער אַ סך פאַרדרוס און אַ געפיל אַז מען טוט נישט גענוג זיי צו העלפן און צו פאַרלייכטערן זייער לאַגע. ערשט בעת דעם ערשטן קאַמף־איבעררייס, נאָך דער עפענונג פונעם „בורמא־וועג", ווען מען האָט געקענט זיך צוזאַמענטרעפן און צונויפריידן, זענען די מיספאַרשטענדענישן טיילווייז אויפגעקלערט געוואָרן. אַן אויסדרוק דערפון איז דער טעלעגראַם פון תל־אביב פאַר דער פרעסע, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט געשיקט דעם 20־טן יוני 1948:

„די באַטייליקונג פון ירושלימער אין די באַראַטונגען, צום ערשטן מאָל נאָך זיבן וואָכן באַלאַגערונג, האָט מעגלעך געמאַכט אַ געהעריקן איבערבליק איבער אַלץ וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אין דער לעצטער תקופה. עס איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן פאַר אַלעמענס אויגן די איבער־מענטשלעכע גבורה פון די קעמפער און פון דער באַפעלקערונג, און פון דער אַנדערער זייט די גרויסע פאַרלוסטן פון לעבן און שווערע מאַטעריעלע היזקים וואָס דער אַראַבישער לעגיאָן האָט אָפּגעטאָן דורך דער אומאויפהער־ליכער באָמבאַרדירונג, אונטערן קאָמאַנדע און אינסטרוקציע פון ענגלענדער. הגם די פאַרלוסטן פון לעבנס זענען ווינציקער ווי מען האָט זיך פריער אויסגעמאָלן, איז אָבער גרויס די צאָל שווער־פאַרוווּנדעטע און אינוואַלידן, פאַר וועלכע מען מוז תיכף זאָרגן ממשותדיק. די תרעומות פון די ירושלימער, וואָס זענען איצט צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַזוי ווי מען וואָלט זיי פאַרגעסן און נישט געגעבן די פולע הילף בעת דער באַלאַגערונג, זענען שוואַכער געוואָרן, וויבאַלד זיי האָבן זיך באַקענט מיט די מכשולים, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג, און מיט די באַמיונגען וואָס זענען פאַקטיש געמאַכט געוואָרן. איצט פאַרשטייען זיי, אַז נישט פון

מאַנגל אין אויפמערקזאַמקייט, באַמיונגען, און זאָרג, האָבן זיי דאָס אַלץ געמוזט מיטמאַכן. אַלע זענען איבערצייגט, אַז די קאַמף־אַקציע ביי לאַטרון האָט זייער אַ סך פאַרגרינגערט די האַלטונג פון ירושלים".

די קאַמפן ביי לאַטרון, האָבן אונדז גורם געווען אַ סך פאַרלוסטן, זיי האָבן אָבער געבונדן אַ גרויסן טייל פון די כוחות פונעם אַראַבישן לעגיאָן, און די אַראַבער האָבן דידאָזיקע כוחות נישט געקענט פאַרווענדן קעגן ירושלים.

*

ירושלים האָט יענעם טאָג באַקומען אַ געוויסע סאַטיספאַקציע פאַר אירע גאָר באַזונדערעליידן און קרבנות אין די ערשטע מלחמה־חדשים. זי האָט באַקומען אַ געוויסע באַלוינונג פאַרן פאַרמעל, צייטווייליקן, אָראָפּ־געגנידערט ווערן פון איר פריווילעגירטן מעמד. די מיוחסדיקע ירושלים איז לאַנגע יאָרן געוווינט געווען, ווי אַ זעלבפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז מען דאַרף אָנקומען צו איר ביי וויכטיקע פאַסירונגען. ירושלימער פלעגן זיך נישט גאָר שטאַרק איבערנעמען מיט געסט, וואָס זענען דאָרט געקומען טאָג־איין טאָג־אויס, און ערשט רעכט ביי אַ יום־טוב אָדער עפּעס אַ פייערלעכער געלעגנהייט. דאָסמאָל האָבן זיי אָבער נישט געקאַרגט קיין מי און פלייס, כדי וואָס בעסער און פריינטלעכער אויפצונעמען די געסט.

אין דערמאָנטן האָט ירושלים נישט אויפגענומען קיין נייע מענטשן. די פיל הונדערטער אין די גאַסן, און בפרט אויפן וועג, וואָס פירט צום בנין פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין רחביה, ווו עס איז פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, זענען שעהן־לאַנג געשטאַנען, כדי צו זען אַלטע פּנימער. נאָר דאָסמאָל האָבן די אַלט־באַקאַנטע פּנימער געהאַט אַרויסגערופן נייע אַסאָציאַציעס. זיי זענען מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן און הויכע רעגירונגס־באַאַמטע. אפילו ווען זיי האָבן פריער נישט געוווינט אין ירושלים, פלעגן זיי אָבער לכל הפחות צוויי־דריי מאָל אין וואָך קומען אַהין. מען האָט אין ארץ־ישראל נישט געקענט זיך פאַרנעמען מיט געזעל־שאַפטלעכע ענינים און נישט זיין עטלעכע מאָל אין וואָך אין ירושלים. אַ רייזע פון תל־אביב קיין ירושלים האָט זיך פריער גאָרנישט גערעכנט פאַר קיין רייזע. היינט איז עס אַנדערש. דאָס פאָרן אַליין נעמט צוויי מאָל אַזוי פיל צייט, וואָרום דעם אלטן הויפּט־שאָסיי איבער לאַטרון קען מען נישט באַנוצן (פאָרט מען אַרום צוויי שעה אָנשטאָט פריער 70 — 75

מינוטן). האָט מען זיך אין פיל חדשים פון איבערפאַלן און קאַמפן אויך אָפּגעוווינט פון דער לייכטקייט פונעם פאָרן קיין ירושלים. איצט האָט מען שוין אַ יישוב־הדעת, צי עס איז טאַקע אומבאַדינגט נויטיק צו פאָרן אָדער נישט. און מען קומט אַ סך מאָל צו דער מסקנה, אַז עס איז נישט דוקא אומבאַדינגט נויטיק.

דער פאַרקער מיט ירושלים, הגם נישט איבער לאַטרון, איז ווידער אַ שטאַרקער. דער וועג נעמט אָן־ערך אַנדערטהאַלבן שעה.

ג

אודאי, אויב ירושלים וועט ווערן אונדזער פּאַקטישע הויפּט־שטאָט און די רעגירונג מיט אירע אַמטן וועלן דאָרטן אַריבערגיין, וועלן ירושלימער נישט זיין אַזוי באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון זייער שטאָט. דערוויי־ל איז אָבער ביי זיי די זאָרג אַ גרויסע און באַרעכטיקטע. אינדוסטריע און האַנדל זענען נישט געווען דער עיקרדיקער עקאָנאָמישער יסוד פון דער נאָענט הונדערט טויזנט קעפּיקער יידישער באַפעלקערונג אין ירושלים. אין ירושלים האָבן זיך מפרנס געווען אַ סך הונדערטער משפחות דערפון, וואָס זיי האָבן געאַרבעט אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער מאַנדאַט־רעגירונג און פון דער יידישער אַגענץ (ציוניסטישע עקזעקוטיווע). טויזנ־טער מענטשן פון גאַנצן לאַנד און פון אויסלאַנד פלעגן טאָג־טעגלעך קומען און אַרויספאָרן פון ירושלים. דאָס האָט באַשעפטיקט האָטעלן, רעסטאָראַנען, קאַפע־הייזער אאז״ו. טויזנטער מענטשן פלעגן קומען אין די זומער־חדשים וווינען אין ירושלים, און געניסן פון אירע קילע אָוונטן. דאָס אַלעס האָט זיך דערוויי־ל אָפּגעשטעלט. אַ טייל פון די יידישע אַרומיקע לאַנדווירט־שאַפטלעכע ישובים — גוש עציון, רמת רחל, עטרות, נוה־יעקב — זענען צעשטערט געוואָרן. מען פאָרט נישט און מען קומט נישט איבער יריחו, פון ים המלח, וואָס ירושלים איז געווען דער דורכגאַנג־וועג. די דערהאָ־לונגס־היימען אַרום ירושלים — מוצא, קרית־ענבים און אַנדערע ערטער זענען לעת־עתה געשלאָסן. די אוניווערסיטעט פונקציאָנירט נאָך נישט.

עס רעדט זיך וועגן צפון־טייל פונעם ים המלח, וואָס איז הייַנט אין די הענט פון ירדן. מדינת־ישראל האַלט דעם דרום־טייל. פון די 1.020 קוואַדראַט־קילאָמעטער פונעם ים־המלח, זענען 280 אין מדינת־ישראל.

נישטאָ די ירושלימער אַלטשטאָט און דער כותל המערבי, וואָס האָט געצויגן טויזנטער יידן קיין ירושלים. אָט דאָס אַלץ האָט ירושלים עפּעס געגעבן, האָט זי באַלעבט און וויכטיק־געמאַכט, און דאָס פעלט איצט. ירושלימס אָנזען און כוח ליגט דעריך, וואָס זי איז די הויפּטשטאָט.

די יידישע אַגענץ (ציוניסטישע עקזעקוטיווע) איז ווייטער אין ירושלים. אָבער עס איז דערווייל נישט דאָס, וואָס עס איז געווען. אַ סך ענינים וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער אַגענץ, און וואָס האָבן טאָג־טעגלעך געבראַכט קיין ירושלים הונדערטער אינטערעסאַנטן, זענען אַריבער אין די רעגירונגס־ביוראָען אין תל־אביב. פאַראַן אַ סך פּלענער און אַ סך גוטער ווילן און אויך געוויסע באַמיונגען, אַז ירושלים זאָל אָפּהיטן איר פּאָזיציע, נישט געקוקט אויף דער נייער פּאָליטישער סיטואַציע. אָבער דערווייל זענען ירושלימער באַזאָרגט, שטאַרק באַזאָרגט. פאַראַן שוועריקייטן צו אַנטוויקלען אין ירושלים אַ שווער־אינדוסטריע און אויך דער האַנדל איז נישט קאָנצענטרירט אין ירושלים. גייען נישט אַהין קיין סך נייע עולים.

ווער מען פרעגן, פאַרוואָס גייט טאַקע דאָרטן נישט אַריבער די ישראל־רעגירונג און פאַרוואָס רעאַליזירן מיר נישט דעם ווונטש, וואָס לעבט אין האַרצן פון אַלע יידן, אַז ירושלים זאָל אויך דע־פאַקטאָ זיין די הויפּטשטאָט פון דער יידישער מדינה? האָבן מיר געזען ביי דער פייער־לעכער עפענונג פון אונדזער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אַז עס איז נישט אַזוי פשוט. מיר וועלן נאָך מוזן מאַכן אַ סך, אַ סך באַמיונגען, כדי דאָס צו רעאַליזירן. אמת, נישט נאָר די דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער זענען געקומען צו דער פייערלעכער עפענונג. עס זענען אויך געקומען פאַרטרעטער פון האָלאַנד, בעלגיע, שוועדן, דענע־מאַרק, נאָרוועגיע, קובאַ, אורוגוואַי, גוואַטאַמאַלאַ. אָבער עס זענען נישט געקומען די פאַרשטייער פון די פאַרייניקטע שטאַטן, פון פראַנקרייך און ענגלאַנד. און נישט נאָר וואָס זיי זענען סתם נישט געקומען, נאָר זיי האָבן אויך געמאָלדן פאַרוואָס זיי קומען נישט.

נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען און אויפקלערונגען, וועגן דער אומגערעכטיקייט פון אָפּרייסן ירושלים פון דער מדינת־ישראל, און דער אוממעגלעכקייט צו רעאַליזירן אַזאַ באַשלוס, האָט די יו־ען, דעם 9־טן דעצעמבער 1949 באַשלאָסן, איינצופירן אַ פולן אינטער־

נאַציאָנאַלן רעזשים אין גאַנץ ירושלים און איר סביבה. פיר טעג שפּעטער האָט ד. בן־גוריון אָפּגעגעבן אין דער כנסת אַ דערקלערונג וועגן ירושלים און געמאָלדן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, באַלד אַריבערצופירן אירע צענטראַלע אַמטן, וואָס זענען געווען אין תל־אביב, אין דער הויפּט־שטאָט פון דער מדינת־ישראל — ירושלים. דאָס אַריבערפירן די ביוראָען האָט זיך באַלד אָנגעהויבן. אויך די כנסת, וואָס איז נאָך די ערשטע עפענונגג־זיצונגען אַריבער קיין תל־אביב, איז צוריק אַריבער קיין ירושלים און פונעם 26־טן דעצעמבער 1949 שוין דאָרטן אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען. די דאָזיקע שנעלע און אַנטשלאָסענע האַנדלונג פון דער רעגירונג, אין דער צייט ווען אַזאַ האַנדלונג איז נויטיק און עס קומט דער מאָמענט פון האַנדלען, באַשטעטיקט אונדזערע אויספירונגען אין אַ פריערן קאַפּיטל: דערציונג צו מלוכהשן דענקען. אצ״ל, למשל, האָט סוף יולי 1948, אין דער אומפּאַסיקסטער צייט, אָנגעהויבן אין ירושלים מיט אַ גרויסן רעש צו זאַמלען אונטערשריפטן אונטער אַ פּעטיציע, אַז ירושלים זאָל פאַרבלייבן ביי מדינת־ישראל. צוליב דער אויסזיכט צו קענען אפשר האָבן אַ שטיקל פּאַרטייאישן געווינס, האָבן זיי געשאַפן כלפּי־חוץ דעם משונהדיקן רושם, אַזוי ווי ביי יידן וואָלט געווען וועגן דעם אַ ספק, אָדער מיינונגס־פאַרשידנקייטן. לויט דער ציילונג דעם 8־טן נאָוועמבער 1948, האָבן דעמאָלט געלעבט אין ירושלים 83,984 יידן. אַ נישט גרויסע צאָל יידן איז געהאַט אַוועק אין די שווערע חדשים פון באַלאַגערונג און אַ געוויסע צאָל רעגי־רונגס־באַאַמטע איז אַריבער קיין תל־אביב. אָבער שוין סוף 1951 ציילט ירושלים 137,500 איינוווינער און סוף 1956 — 149,440. ירושלים האָט אויך אויפגענומען נייע עולים. — מער ווי 40,000 אין די ערשטע 5 יאָר פון דער מדינה. אין די ירושלימער רעגירונגס־אַמטן זענען סוף 1957 באַשעפטיקט 40% עולים — 2,240 פון 5600 באַאַמטע. אינעם הדסה־פּערסאָנאַל, פון 1,074 מענטשן — 400 עולים, צווישן זיי 200 דאָקטוירים. אינעם יאָר אָקטאָבער 1956 — אָקטאָבער 1957, זענען געקומען קיין ירושלים 1,100 עולים — משפחות. אין יאָר 1957 האָט מען אין ירושלים געבויט מער ווי 600 דירות פאַר נייע עולים. דער בודזשעט־פאַרשלאַג פון דער ירושלי־מער מוניציפּאַליטעט פאַרן יאָר 1958/59 איז 12,5 מיליאָן פונט.

ד

דער איבערגאַנג פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים פון אַ פּריוואַ־ליקער אָרגאַניזאַציע צו אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים פון אַ מדינה, איז נישט קיין לייכטער. בפרט, אַז עס האַנדלט זיך כמעט וועגן די זעלבע מענטשן וואָס זינט יאָרן זענען זיי געזעסן צוזאַמען אין פאַרשידענע קערפּערשאַפטן און זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו אַ באַשטימטן נוסח. אויך נאָך נישט זייענדיק קיין מלוכהשע מאַכט, האָבן מיר שוין באַוויזן דעם וווּנדער פון שאַפן פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטאַנצן: דעם ציוניסטישן קאָנ־גרעס — דעם פּאַרלאַמענט פונעם גאַנצן ציון־טרייען פאָלק, און די אסיפת הנבחרים — דעם פּאַרלאַמענט פונעם ישוב אין ארץ־ישראל. אָבער שטענדיק זענען געווען גרופּן וואָס האָבן אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס עס פעלט אונדז די מלוכהשע מאַכט, כדי צו דערגרייכן פאַר זיך בעסערע פּאָליטישע תנאים דורך דראָען: „אויב איר וועט אונדז נישט נאָכגעבן גייען מיר אַוועק״ — און פיל האָבן עקספּלאָאַטירט אונדזער מורא פאַר צעשפּליטערונג. דער דריטער צד האָט תמיד הנאה געהאַט דערפון און איז אָפּטמאָל גרייט געווען צו שטיצן און צו דערמוטיקן יעדן כוח, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פונעם כלל.

נאָך היינט פאַרגעסן זיך פון־צייט צו־צייט חשובע עסקנים און ווילן באַנייען דעם אַלטן נוסח. דער פּאַרלאַמענט האָט טאַקע באַשלאָסן און אַ מערהייט האָט טאַקע באַשטימט, אָבער זיי האָבן נאָך באַוואָרענישן. זיי זענען נאָך נישט מסכים, ווילן זיי פאָרזעצן דעם וויכוח, נאָך עפּעס אויס־דינגען. האָט דער פאָרזיצער ביי די ערשטע זיצונגען פון אונדזער אסיפה מכוננת — קאָנסטיטואַנטע, אַריינגעלייגט אַ סך מי, כדי אַלעמען קלאָר צו מאַכן, אַז היינט־צו־טאָג איז עס אַנדערש. אַ באַשלוס פון אַ מערהייט מיינט אַ געזעץ און דאָס וואָרפן דעם גט אין פּנים נוצט נישט מער.

פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם צי האָט מען טאַקע אויף דער ערשטער פייערלעכער זיצונג אין ירושלים געמוזט זיך אַריינלאָזן אין דעם שטאַרק וואָכעדיקן וויכוח, וועגן דעם, צי עס זאָלן זיין צוויי אָדער דריי־פיר שטעלפאַרטרעטער פונעם פּאַרלאַמענט־פאָרזיצער. אויב אָבער אַ מערהייט האָט באַשלאָסן, אַז נאָר צוויי, איז עס דאָך געוואָרן אַ געזעץ. וואָס פאַר אַ זינען האָבן דערפאַר געהאַט די באַוואָרענישן און דעקלאַראַ־ציעס? עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז „חרות״ איז לויט דער גרויס די

פּערטע פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט. ערשט נאָך „חרות" קומען די אַלגעמיינע ציוניסטן. די ערשטע פּאַרטיי — מפלגת פועלי ארץ־ישראל, האָט באַקומען דעם פּאָרזיצער. אויב מען וואָלט באַשלאָסן צו קלייבן דריי וויצע־פּאָרזיצערס, מוז מען קלייבן אַלס דעם דריטן וויצע־פּאָרזיצער איינעם פון „חרות". און דער רוב האָט עס געוואָלט אויסמיידן. מען איז נאָך נישט גרייט זיי צו געבן דעם קרעדיט, וואָס מען גיט געוויינלעך אַ גרויסער פּאָליטישער פּאַרטיי. קען מען אויך וועגן דעם האָבן אַן אנדערע מיינונג. אָבער יעדער ווייסט, וועגן וואָס עס האָט זיך געהאנדלט און עס איז נישט ריכטיק אויסצוטייטשן, אַז מען האָט נישט מסכים געווען אריינצונעמען אַן אלגעמיינעם ציוניסט אין פּרעזידיום.

אַלס פּאָרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן יוסף שפּרינצאַק, וואָס איז ביז צום היינטיקן טאָג דער פּאָרזיצער פון דער כנסת. די צוויי וויצע־פּאָרזיצערס זענען געווען: נ. ניר — ראפאלקעס, אויך היינט וויצע־פּאָרזיצער פון דער כנסת, און יוסף בורג, דער איצטיקער פּאָסט־מיניסטער (1957).

שפּעטער איז אין דער כנסת אויסגעקליבן געוואָרן אויך אַ וויצע־פּאָרזיצער פון „חרות".

זעלבפאַרשטענדלעך איז אויך נישט ריכטיק געווען דער טייטש, אַז די 75 דעפּוטאַטן וואָס האָבן געשטימט פאַר צוויי וויצעפּאָרזי־צערס — מפא"י, מפ"ם, קאָמוניסטן, פּראָגרעסיווע — שטעלן מיט זיך פאָר די צוקונפטיקע קאָאַליציע־רעגירונג. דאָס איז נאָר געווען אַ מאָמענט־מערהייט, אין אַ באַשטימטער פראַגע, און זי האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער פראַגע פון דער רעגירונגס־בילדונג.

זיכער קענען אויך היינט פּאַרטייען שטעלן באַדינגונגען פאָר זייער אָנטייל אין דער רעגירונג, און עס איז זייער רעכט און אפילו זייער פליכט צו וויסן וואָס וועט זיין דאָס פּראָגראַם פון דער רעגירונג. עס איז אָבער אָוועק די צייט, אַז אַ מינדערהייט־פּאַרטיי זאָל קענען דיקטירן באַדינגונגען. זיכער איז פיל, פיל בעסער, אַז מיר זאָלן האָבן אַ רעגירונג אויף אַ וואָס ברייטערער פּאַרלאַמענטאַרישער באַזע. אָבער די געזעצלעכקייט פון דער רעגירונג ווערט נישט קלענער, און איר מאַכט ווערט נישט געמינערט, אויב דאָס גיט זיך נישט איין און די רעגירונג האָט נישט הינטער זיך אַ גרויסע מערהייט.

ירושלים, פעברואַר 1949.

שוועריקייטן וואָס מען קען גובר זיין

א

אין ירושלים און אין חיפה האָבן קליינע גרופּן נייע עולים זיך פאַרזאַמלט פאַר די אָרטיקע שטאָט־פאַרוואַלטונגען און געפאָדערט אַ פשוטע זאַך: מען זאָל זיי געבן אַרבעט. אָט די קורצע צייטונגס־ידיעה, אינמיטן די אויספירלעכע שילדערונגען וועגן אַ סך וויכטיקע פּאַסירונגען וואָס פּילן אויס אונדזערע געדאַנקען און געפילן, האָבן אַלעמען מיטאַמאָל צוריקגעפירט צו דער האַרטער רעאַליטעט פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. די גאָר גרויסע געפאַר פון דער אונדז אויפגעצוווּנגענער מלחמה. די גאָר גרויסע שוועריקייטן פונעם איבערגאַנג פון פולשטענדיקן תהו־ובהו צו אַ נאָרמאַלן לעבן, האָבן אינעם באַוווּסטזיין פון אַ סך, אַביסל אָפּגע־שוואַכט דעם חוש פאַר די טאָג־טעגלעכע שוועריקייטן. די מערסטע פון אונדז האָבן אָבער גוט געוווּסט, אַז גרויסע שוועריקייטן זענען פאַראַן, אויף אַ גאַנצער ריי געביטן, און זיי זענען נישט פאַרשווּנדן, פאַרקערט, מיט דער צייט זענען זיי נאָך געוואָרן דרינגענדיקער. די שוועריקייטן וועלן איצט מוזן שטאַרק באַשעפטיקן די נייע רעגירונג, די עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ, די הסתדרות און אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן אין לאַנד — און טאַקע וואָס גיכער אַלץ בעסער.

לויט די ציפערן פון די אַרבעטס־ביוראָען האָבן מיר איצטער אַרום 5 טויזנט אַרבעטסלאָזע. פון זיי 1700 אין חיפה און 650 אין ירושלים. אַזוי ווי אין יאָר 1948 זענען געקומען אין לאַנד מער ווי 100 טויזנט נייע עולים (פון זיי אַרום 18 טויזנט פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה) און אין די צוויי ערשטע חדשים פון יאָר 1949 זענען געקומען ווייטערע 50 טויזנט עולים, איז די צאָל פון פינף טויזנט אַרבעטסלאָזע נישט קיין באַדייטנדיקע. אָבער דערמיט קען מען זיך נישט און טאָר מען זיך נישט טרייסטן. אויך פינף טויזנט מענטשן אָן אַרבעט זענען נישט קיין קליינע זאָרג. אָבער

נישט דאָס איז די הויפּט־פּראָגע. בכלל איז אין ארץ־ישראל קיינמאָל נישט די הויפּט־שוועריקייט דער ישוב, וואָס איז שוין אין לאַנד, נאָר די זאָרג פאַר די יעניקע, וואָס דאַרפן קומען. מיר מוזן אין זינען האָבן, אַז יעדן טאָג קומען איצט אין לאַנד אַריין דורכשניטלעך 800 נייע עולים. מוז מען באַצייטנס זאָרגן ווי זיי איינצואָרדענען און ווי אַזוי זיי וועלן זיך מפרנס זיין.

אין יאָר 1949 זענען געקומען אין לאַנד 240 טויזנט נייע עולים, די מערהייט אין דער ערשטער העלפט פונעם יאָר; אין יאָר 1950 — 170 טויזנט; אין יאָר 1951 — 174 טויזנט.

אַחוץ די נייע עולים, וועלן מיר איצטער אויך מוזן זאָרגן פאַר דער איינאָרדענונג פון די באַפרייטע פון דער אַרמיי. אַ טיילווייזע דעמאָבילי־זאַציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דערוויַיל באַפרייט מען פונעם מיליטער־דינסט נאָר די וואָס האָבן קינדער און געוויסע אויסנאַם־פאַלן. עס איז נאָך נישט קיין מאַסן־דעמאָביליזירונג. מיר האָפן אָבער, אַז די לאַגע וועט וואָס גיכער דערמעגלעכן אַ מאַסן־דעמאָביליזירונג און אַ סך טויזנטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע וועלן קענען ווידער פאַרנעמען זייערע אַלטע אַרבעטס־פּלעצער. אויב נישט, וועט מען מוזן פאַר זיי שאַפן נייע אַרבעטס־פּלעצער. איז די פראַגע: ווי אַזוי וועט זיך דאָס אויסווירקן אויפן אַרבעטס־מאַרק?

און די זאָרג פאַר אַן אַרבעטס־פּלאַץ איז נישט די איינציקע און אפילו נישט די גרעסטע זאָרג. נאָך פריער קומט אַמאָל, לגבי דעם נייעם עולה און אָפטמאָל אויך לגבי דעם דעמאָביליזירטן זעלנער, די זאָרג פאַר אַ וווינונג. אויב עס קומען יעדן חודש אין לאַנד אַרום 20 טויזנט נייע עולים, מוז מען פאַר זיי האָבן לכל הפחות 4—5 טויזנט וווינונגען, און מען דאַרף וווינונגען פאַר באַפרייטע סאָלדאַטן, און די וווינונגען זענען נישטאָ. אַ שטענדיקע גרויסע עליה פאָדערט אויך צו פאַרגרעסערן די סאָציאַלע דינסטן, די נעץ פון דערציִונגס־אַנשטאַלטן און אַנדערע אומצאָליקע איינריכטונגען.

זענען דאָך די דערמאָנטע דאגות גענוג און איבערגענוג, כדי צו באַצייכענען די גרויסקייט פון די שוועריקייטן. אָבער דערמיט שעפּן זיי זיך ליידער נישט אויס. מיר האָבן אַ שטאַרק פּאַסיוון ווירטשאַפטלעכן בילאַנס. דאָס מיינט, אַז מיר מוזן אַריינפירן אין לאַנד אַ סך מער סחורה ווי מיר קענען עקספּאָרטירן. מיר וועלן אויך היי־יאָר מוזן אַריינפירן

אומפאַרגלײכלעך מער סחורות װי מיר עקספּאָרטירן, הגם די רעגירונג באַמיט זיך װאָס מער צו באַגרענעצן דעם אַרײנפיר, און מיר װעלן עקספּאָרטירן נאָר אַ קלײנעם טײל אין פאַרגלײך צום עקספּאָרט. און אויף צו אימפּאָרטירן סחורות מוז מען האָבן פרעמדע װאַלוטע, בעיקר דאָלאַרן. כּדי צו פירן אַ געזונטע װירטשאַפט, מוז מען ענדערן דעם דאָזיקן צושטאַנד פון אַ שטאַרק פּאַסיװן בילאַנס — און װאָס גיכער. װי אַזוי קען מען עס אָבער דערגרײכן?

דער װערט פונעם עקספּאָרט אין יאָר 1949 אין דאָלאַרן איז געװען נאָענט 30 מיליאָן דאָלאַר, דאָס איז דעמאָלט געװען 11,7% פונעם אימפּאָרט. אין יאָר 1955, איז דער עקספּאָרט געשטיגן ביז מער װי 88 מיליאָן דאָלאַר, װאָס עס האָט שוין געמײנט 27,1% פונעם אימ־פּאָרט. אין די יאָרן 1956 און 1957 איז דער עקספּאָרט װײטער געשטיגן. אין יאָר 1956 — 103,7 מיליאָן דאָלאַר (אַרום 29% פונעם אימפּאָרט) און אין יאָר 1957 — אַרום 135 מיליאָן דאָלאַר (31% פונעם אימפּאָרט). די שטײגערונג פונעם עקספּאָרט פון אינדוסטריע־לע אַרטיקלען איז באַדײטנדיק. 35,6 מיליאָן דאָלאַר אין 1956 און 48,6 מיליאָן דאָלאַר אין 1957. װעגן עקספּאָרט פון לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן, זע װײטער. 79 אונטערנעמונגען אין לאַנד האָבן עקספּאָרטירט יעדע פאַר מער װי 100 טויזנט דאָלאַר סחורות אין דעם יאָר. די צעמענט־פאַבריק „נשר", למשל, האָט עקספּאָר־טירט פאַר 2,57 מיליאָן דאָלאַר; צעמענט בכלל האָט מען עקספּאָר־טירט פאַר 3,4 מיליאָן דאָלאַר. פונעם ים־המלח האָט מען עקספּאָר־טירט פאַר 2,49 מיליאָן דאָלאַר פּאַטאַש; די צװײ גומי־רײפן־פאַבריקן 4,7 מיליאָן דאָלאַר; די אויטאָמאָבילן־פאַבריק „קײזער־פרײזער" 1,88 מיליאָן דאָלאַר; די „קרגל" פאַבריק — קאַרטאָן־קעסטלעך און שאַכטלען — 1,3 מיליאָן דאָלאַר אאז"װ, אאז"װ.

ב

די װירטשאַפטלעכע שװעריקײטן, הגם זײ זענען אַ נאַטירלעכע באַגלײט־דערשײנונג פון דעם צושטאַנד אין װעלכן מיר געפינען זיך, זענען בײ אונדז אַ סך קאָמפּליצירטער און שמערצפולער װי אין יעדן אַנדערן לאַנד. װיפיל מען זאָל זיך נישט באַמיען אויפצוקלערן דעם פאַקט, אַז

דאָס אויפנעמען פון אַ גרויסער עליה מוז זיין פאַרבונדן מיטן באַקומען פון חוץ־לארץ קאָלאָסאַלע געלט־מיטלען, ווייזט זיך תמיד ווידער אַרויס, אַז גאָר אַ סך באַגרייפן נאָך אַלץ נישט וואָס דאָס מיינט. נייע עמיגראַנטן אין אַנדערע לענדער האָבן געוויינלעך נישט קיין טענות, אויב זיי שטויסן זיך אָן אין דער ערשטער צייט, אויף שוועריקייטן. פאַרקערט, זיי באַמיען זיך אָפטמאָל צו פאַרשווייגן די שוועריקייטן, צוליב מורא, אַז דאָס קען אַמאָל מסכן זיין זייער רעכט צו פאַרבלייבן אין דעם נייעם לאַנד. ביי אונדז איז עס פאַרקערט. די שוועריקייטן ווערן אָפטמאָל איבערגעטריבן, כדי צו דערגרייכן שנעלער אַן איינאָרדענונג, און ביי פיל הייבן זיך אָן די טענות מיטן ערשטן טאָג פון זייער קומען אין לאַנד. מען פאַרגעסט גאָר שנעל די לאַגע אין וועלכער מען האָט זיך געפונען פאַרן עולה זיין, די אומזיכערקייט און די נישט סטאַבילקייט אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער. די אומגעדולד צו באַקומען וואָס גיכער אַ וווינונג, אַ האַלבוועגס זיכערן אַרבעטס־פּלאַץ, איז גאָר גרויס. דאָס איז פאַרשטענדלעך, אויב מען נעמט אין אַכט, וואָס דער רוב פון די מענטשן, וואָס קומען איצט אין לאַנד, האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן, ביז זיי זענען אַהער געקומען. יעדער פאַר זיך איז באַטירלעך גערעכט און מען קען פון אים נישט פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל געדענקען דעם פאַקט, וואָס מיט אים צוזאַמען קומען יעדן חודש נאָך 19999 יידן און אויך זיי דאַרפן וווינונגען און אַרבעט, און אַז מען קומט אין אַ לאַנד מיט אַ נאָך רעלאַטיוו קליינעם יידישן קיבוץ, אין פאַרגלייך צו די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן וואָס דער קיבוץ דאַרף דערפילן און דערפילט.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז דער צוזאַמענשטעל פון דער הייַנטיקער עליה איז אַן אַנדערער ווי פריער. כמעט אַ העלפט פון די עולים האָבן נישט קיין פאַך. אַרום 8 ביז 9 פּראָצענט פון די עולים, זענען אַזעלכע, וואָס מען מוז פאַר זיי זוכן אַ גאָר באַזונדערע איינאָרדענונג, פון סאָציאַלן כאַראַקטער.

מען קלערט נישט וועגן קיין שום באַשרענקונג פון דער עליה. מען וועט ווייטער אַלץ טאָן, כדי צו פאַרגרעסערן און פאַרשנעלערן די מעגלעכקייטן פון עולה זיין. די עליה איז דרינגענדיק נויטיק נישט נאָר פאַר די יידן, וואָס קלאַפּן אין די טויערן פון לאַנד, נאָר אויך פאַר די יידן וואָס זענען שוין אין לאַנד. אָבער יעדער ייד, סיי דער וואָס דאַרף עולה זיין און סיי דער וואָס איז לעת עתה נאָך נישט עולה, דאַרף וויסן וועגן אַלע

שוועריקייטן. מען מוז קומענדיק אהער אַדורכמאַכן אַ שווערע צייט פון איינלעבן און איינאָרדענען זיך. עס וואַרטן דאָ נישט אויף קיינעם קיין פאַרטיקע דירות און קיין פאַרטיקע זיכערע אַרבעטס־פּלעצער. אמת, אַלע וועלן מיט דער צייט דערגרייכן אי דירות אי אַרבעט, אַזוי ווי עס האָבן עס דערגרייכט די, וואָס זענען ביז אַהער געקומען אין לאַנד, אָבער יעדער וועט מוזן אדורכמאַכן אַ שווערע צייט — אַ קירצערע אָדער אַ לענגערע, אָבער ער וועט זי מוזן אַדורכמאַכן. און יעדער איינער וואָס מיינט, אַז ער ברענגט אַ גרויסן נוצן דעם לאַנד דערמיט, וואָס ער פאַרבאַהאַלט די שוועריקייטן אָדער פאַרקלענערט זיי — ברענגט דערמיט נישט קיין שום נוצן און פאַרקלענערט נישט די שוועריקייטן.

ג

אונדזער ווירטשאַפטלעכער כוח באַשטייט אין דעם, וואָס קיין ארבעט פעלט נישט. מען דאַרף נאָר האָבן מיטלען, כדי די אַרבעטן דורכצופירן. אויב עס וועלן נאָר זיין די נויטיקע מיטלען, קען מען בויען געוויס וווינונגען. מען קען באַדייטנדיק פאַרקלענערן די נעגאַטיווע בילאַנס פון אונדזער ווירטשאַפט, אויב מיר וועלן באַדייטנדיק פאַרגרעסערן אונדזער לאַנד־ווירטשאַפט. אַ גרויסער טייל פון די אַריינגעפירטע סחורות זענען לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס מיר קענען אַליין קולטיווירן. אַ געוויסן טייל פון די אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען קענען מיר אַליין פאַבריצירן.

אונדזער לאַנדווירטשאַפט דעקט איצט (1957) דעם פולן באַדאַרף פון אַ גאַנצער ריי פּראָדוקטן. דער פּראָצענט פון אימפּאָרטירטע לעבנס־מיטל איז גאָר באַדייטנדיק קלענער.

שוין זינט אַ סך יאָרן ליידן מיר אין לאַנד פון אַ וווינונגס־מאַנגל. נאָך אין יאָר 1934 האָבן אין די ארץ־ישראלדיקע שטעט געלעבט אין דורכשניט מער ווי צוויי נפשות אין איין צימער (אין לאָנדאָן ווייניקער ווי 1; אין בערלין 1; אין פּראָג $1\frac{1}{2}$ — אין יענער צייט). דער צושטאַנד איז כסדר געוואָרן ערגער און אין יאָר 1946 זענען מיר שוין דערגאַנגען צו אַ מצב פון מער ווי 3 נפשות אויף אַ צימער. האָט מען טאַקע אַ סך געבויט און עס זענען צוגעקומען אין אונדזערע שטעט נייע הערלעכע קוואַרטאַלן, אָבער די עליה און דער נאַטירלעכער צוּוואוקס זענען געווען

בילד 48: קינדער פון דער ירושלימער אַלט־שטאָט, אַוועקגעפירט סוף מאי 1948 אין ירדני׳שער געפאַנגענשאַפט. פאַרבראַכט לאַנגע חדשים אינעם לאַגער אין עבר־הירדן, קומען אָנהויב 1949 צוריק קיין ירושלים.

בילד 49: אויסטויש פון געפאַנגענע אין ירושלים (פעברואר 1949): משה דיין (לינקס), קאָמאַנדיר פון צה״ל אין ירושלים און אבדאלא אל־תל, (רעכטס) דער אַראַבי׳שער קאָמאַנדיר פון דער ירושלימער אַלט־שטאָט (וועגן אַבדאַלאַ אל־תל, זע ז. 362)

בילד 50 : פּאָרזיצער פון דער כנסת י. שפּרינצאַק, נעמט אָפּ די שבועה פונעם ערשטן מדינה־פּרעזידענט פּראָפ. חיים ווייצמאַן (17־טן פעברואַר 1949).
אין הינטערגרונט (לינקס צו רעכטס) : אלוף שלמה שמיר (קאָמאַנדיר פון ים־פלאָט) ; אלוף אהרון רמז (קאָמאַנדיר פון דער אַוויאַציע) ; י. סחר (הויפּט פון דער פּאָליציי אין לאַנד. פריער סעקרעטאַר פון פּרעזידענט. צווייטע שורה (לינקס צו רעכטס) : מ. ראזעטי, ד״ר י. בורג, נ. ניר־ראפאלקעס, י. שפּרינצאַק, דער פּרעזידענט (מיט אויפגעהויבענער האַנט). דריטע שורה (לינקס צו רעכטס) : ז. שרף, פּ. בערנשטיין, ב. שיטרית, פּ. רוזן, מ. שפירא, מ. שרת הרב מימון, הרב י. מ. לעווין, י. גרינבוים, דוד רמז, א. ציזלינג. די לעצטע אין דער פערטער שורה : די הייפּט רבנים הרב הערצאָג און הרב בן־ציון עוזיאל.

בילד 51 : יידישע קעמפער קומען צוריק פון געפאַנגענשאַפט אין עבר־הירדן. פאַרזאָרגטע מאַמעס פרעגן וועגן זייערע זין וואָס זענען נישט צוריקגעקומען.

בילד 52: ערשטע רעגולערע רעגירונג פון מדינת ישראל נאָך די וואַלן אין יאַנואַר 1949 (רעכטס צו לינקס): הרב מימון, הרב י. מ. לעווין, מ. שפירא, דוד רמז, פ. רוזן, זאב שרף (סעקרעטאַר פון דער רעגירונג), ד. בן־גוריון, משה שרת, אליעזר קאַפּלאַן, דב יוסף, צבי מימון (פּראָטאָקאָליסט), ב. שיטרית, זלמן שזר, גאָלדע מאיר.

שנעלער ווי דער בוי פון נייע הייזער. פון די איבער 100 טויזנט עולים אין יאָר 1948 זענען בערך אַ העלפט אַוועק וווינען אין פריערע אַראַבישע געביטן. כדי אויפצונעמען ווי עס איז אַן עליה פון 20 טויזנט אַ חודש, מוז מען בויען יערלעך לכל הפחות 50 טויזנט נייע וווינונגען. און מען קען עס באַוויזן. אַזאַ בוי־טעטיקייט וועט באַשעפטיקן טויזנטער בוי־אַרבעטער און טויזנטער נישט קוואַליפיצירטע אַרבעטער און גאָר אַ סך אינדוסטריע־אַרבעטער. אָבער צום בוי פון 50 טויזנט וווינונגען דאַרף מען האָבן לכל הפחות 90 מיליאָן דאָלאַר. און כדי מען זאָל גוט פאַרשטיין וואָס אַזאַ סומע מיינט פאַר אונדז, איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז דער יערלעכער רעגולערער בודזשעט פון מדינת־ישראל אינעם בודזשעט־יאָר 1949/50 — אַלע אַן אויסנאַם רעגולערע אויסגאַבן, אַחוץ זיכערקייט־ענינים — זענען ווייניקער ווי 30 מיליאָן פונט.

לויט אַן אונטערזוכונג סוף 1955, האָבן דעמאָלט 38,4% יידן אין מדינת ישראל געלעבט ווייניקער ווי 2 נפשות אין אַ צימער; 32,3% פון 2 ביז 3 נפשות; 29,3% 3 נפשות און מער אין אַ צימער. דאָס מיינט אַ בעסערונג אין פאַרגלייך צו 1946. דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט די שטאַרקע בוי־באַוועגונג אין די יאָרן 1956/57.די אויביקע אונטערזוכונג האָט אויך באַוויזן, אַז 36% משפחות זענען די בעלי־בתים פון זייערע דירות; 38% האָבן געדונגען זייערע דירות פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און 24% פון פריוואַטע בעלי־בתים; 3% זענען סובלאָקאַטאָרן.

פרטים וועגן וווינונגען־בוי אין מדינת ישראל ביז סוף 1957, זע אין דער באַמערקונג אינעם קאַפּיטל: „להוציא דבה על הארץ".

מען דאַרף פאַרזייען נייע טויזנטער דונאַם קאַרטאָפל און גרינוואַרג. דער שווערער ווינטער האָט געבראַכט אַ סך שאָדן אויף דעם געביט — אַרום 30 פּראָצענט קאַרטאָפל, 50 פּראָצענט באַנאַנעס, אויך פּאָמידאָרן א. א. זענען פאַרדאָרבן געוואָרן — אָבער אַחוץ דעם איז דער פאַרזייטער שטח נישט גענוג פאַר דער באַשפּייזונג פונעם אַלץ־וואַקסנדיקן ישוב. מען דאַרף באַדייטנדיק פאַרגרעסערן אונדזער מילך־ווירטשאַפט, און צו דעם צוועק מוז מען גלייך קויפן לכל הפחות 2000 קי. דער דאָזיקער צווייג האָט שטאַרק געליטן פון די מלחמה־אָפּעראַציעס.

אָנהויב 1957 זענען געװען אין דער ײדישער לאַנדװירטשאַפט 44 טויזנט מילך־קי און אַן ענלעכע צאָל קעלבלעך.

בכלל איז דאָך איצט נישטאָ קײן שום סיבה פאַרװאָס מיר זאָלן נישט באַדײטנדיק פאַרגרעסערן אונדזער לאַנדװירטשאַפט. פאַראַן באָדן, פאַראַן מענטשן, פאַראַן אַ גרײטער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די פּראָדוקטן. עס פעלן נאָר מיטלען, און װידער גאָר גרױסע מיטלען. כדי צו באַזעצן הײנט־צו־טאָג אַ פאַמיליע, װאָס זאָל לעבן פון לאַנדװירטשאַפט, מוז מען האָבן 6000 ביז 7500 דאָלאַר. און מיר דאַרפן און מוזן באַזעצן אַ סך טויזנטער אַזעלכע פאַמיליעס.

אײנער פון די באַדײטנדיקסטע פאַכמענער אויפן געביט פון אונדזער לאַנדװירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע האָט לעצטנס דערקלערט, אַז כדי צו רעאַליזירן די שוין גרײטע לאַנדװירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע־פּלענער, װאָס מען קען זײ באַלד אַדורכפירן, דאַרפן מיר האָבן בערך 500 מיליאָן דאָלאַר.

עס װאַרטן אויף זײער רעאַליזירונג אַ סך עפנטלעכע אַרבעטן, װאָס זענען גאָר דרינגנדיק און קענען גאָר אַ סך דינען דער אויפלעבונג פון אונדזער װירטשאַפטלעכן לעבן. אין אַלע עקן פון לאַנד װאַרטן אַזעלכע אַרבעטן, װאָס קענען באַשעפטיקן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. נעמען מיר נאָר אײן בײשפּיל: דעם פּלאַן פון בויען אַ נײעם שאָסײ פון תל־אביב קײן נתניה. הײנט פאָרט מען 42 קילאָמעטער פון תל־אביב קײן נתניה. דער פּלאַן פונעם נײעם שאָסײ, לענגאויס דעם ים־ברעג, מײנט פאַרקירצן דעם װעג מיט בערך 12 קילאָמעטער. דער בוי פון אַזאַ שאָסײ דאַרף אָבער קאָסטן 1,2 מיליאָן דאָלאַר. דאָס װעט זיך אָן ספק אויסצאָלן, װײל יעדער פאַרשטײט װיפיל אַזאַ פאַרקירצטער װעג קען אײנשפּאָרן. אָבער דערװײל דאַרף מען די סומע אינװעסטירן און מען האָט שװעריקײטן זי צו באַקומען. דאָס איז נאָר אײנער פון די קלענערע פּלענער. אַזעלכע בײשפּילן קענען מיר ברענגען אָן אַ שיעור, פון פאַרשידענע טײלן פון לאַנד, אויף גאָר פאַרשידענע געביטן.

און דאָס זענען די שװעריקײטן, װאָס מען מוז גובר זײן.

תל־אביב, 6־טן מערץ 1949.

דער שאָסיי איז אַ נישט־לאַנגע צייט שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן און איז היינט איינער פון די אַממערסטן באַנוצטע וועגן אין לאַנד. זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה האָט די רעגירונג אויסגע־בויט 1100 קילאָמעטער שאָסייען (צווישן זיי דעם שאָסיי באר־שבע —אילת, 237 קילאָמעטער). צוזאַמען מיט די פריערע 1900 קילאָמע־טער שאָסייען, האָבן מיר סוף 1957 אין מדינת ישראל אַ שאָסייען־נעץ פון 3000 קילאָמעטער. אויך פאַר דער נאָענטסטער צייט ווערן געפּלאַנט אַ ריי שאָסייען, צווישן זיי דער שאָסיי סדום—עין־גדי (60 קילאָמעטער). אין די בודזשעטן פון די לעצטע 5 יאָר — 1954/55 ביז 1958/59, זענען באַשטימט געוואָרן פאַר שאָסייען־בוי 20,3 מיליאָן פונט.

די יידישע לאַנדווירטשאַפט האָט אין יאָר תש״ט — 1948/49 פאַר־קויפט 48 טויזנט טאָן גרינוואַרג (פּראָדוצירט האָט מען מער — 71,500 טאָן, מיר רעכענען אָבער נאָר, וואָס איז געקומען אויפן מאַרק צום פאַרקויף), און אין יאָר תשי״ז — 1956/57, אַרום 240 טויזנט טאָן. דאָס דעקט דעם פולן באַדאַרף פון דער היינטיקער באַפעלקערונג און צייטנווייז פאַרבלייבט נאָך אַן עודף. קאַרטאָפל האָט מען פריער אימפּאָרטירט — איצט דעקט אונדזער לאַנדווירטשאַפט דעם פולן באַדאַרף. אין תשי״י האָט מען געבראַכט אויפן מאַרק 14,500 טאָן קאַרטאָפל (די גערעטעניש 25 טויזנט טאָן), אין תשי״ז געבראַכט אויפן מאַרק 62 טויזנט טאָן. אונדזער לאַנדווירטשאַפט האָט געבראַכט אין יאָר תשי״ז אויפן מאַרק 415 מיליאָן אייער (פּראָדו־צירט 550 מיליאָן) — דעם פולן באדארף פון דער באַפעלקערונג, און 22 מיליאָן אייער האָט מען אפילו עקספּאָרטירט. אין יאָר תשי״ח רעכנט מען עקספּאָרטירן 50 מיליאָן אייער. אין די 5 חדשים — נאָוועמבער 1957 — מערץ 1958, האָט מען עקספּאָרטירט 30 מיליאָן אייער. אונדזער לאַנדווירטשאַפט דעקט דעם פולן באַדאַרף פון מילך, אַרום 130 מיליאָן ליטער קי־מילך, אַחוץ שעפּסן־ און ציגן־מילך (און ווידער, עס רעדט זיך נאָר וועגן דעם קוואַנטום, וואָס ווערט פאַרקויפט). עופות פון דער אייגענער לאַנדווירטשאַפט — אין תשי״ז 20.000 טאָן (פאַרקויפט 16.300 טאָן). אין יאָר תש״ט נאָר 5000 טאָן. פיש — פון פיש־פאַנג און פון פיש־צוכט

(קינסטלעכע אָזערעס) — 3.500 טאָן אין תש״ט, און אַרום 11 טויזנט טאָן אין תשי״ז (אַרום 2/3 קאַרפּן פון די קינסטלעכע אָזערעס). אויב מען זאָל צום פאַרברויך פונעם ישוב אויך צורעכענען זאַלץ־הערינג, וואָס ווערן אימפּאָרטירט און פאַרשידענע פיש־קאָנסערוון, דעקט די אייגענע פישעריי מער ווי 50% פונעם אַלגעמיינעם באַדאַרף. די קינסטלעכע אָזערעס פאַרנעמען אין תשי״ז אַרום 40.000 דונאָם.

די יידישע לאַנדווירטשאַפט האָט אין יאָר תש״ט נאָר געגעבן 16.500 טאָן ווייץ (די אַראַבישע 4.700); אין תשי״ז האָט די יידישע לאַנד־ווירטשאַפט געגעבן 83.000 טאָן ווייץ (די אַראַבישע 18.000); גערשטן: תש״ט — 17.000 טאָן; תשי״ז — 85.000 טאָן. דער פאַר־זיי פון ווייץ און גערשטן איז אין תשי״ז געווען אויף 1,1 מיליאָן דונאם. די גערעטעניש איז אין דעם יאָר געווען אַ גאָר גוטע. אַן ענלעכער וווקס איז אויך ביי אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָ־דוקטן. עס זענען אויך צוגעקומען אַ ריי נייע געוויקסן, בוימוואָל (כותנה) אַרום 46.000 דונאָם. זייער ווערט איז אַרום 18 מיליאָן פונט. דאָס וועט דעקן בערך 50 — 40 פּראָצענט פונעם באַדאַרף אין מדינת־ישראל. דער פאַרזיי איז געווען אויף אַ קלענערן שטח ווי אַ יאָר פריער ווייל דער דורכפאַל מיט אַ יאָר צוריק (צוליב די פעלד־שעדיקער) האָט אַ סך אָפּגעשראָקן. דער צווייג האָט אָבער אַ גוטע צוקונפט. די גרעסטע גערעטעניש פון בוימוואָל האָט מען באַקומען אין דער געגנט פון בית שאָן. אין תשי״ח וועט מען פאַרזייען 68 טויזנט דונאָם בוימוואָל. צוקער־ריבן: פאַר די צוקער־פאַבריקן 13 טויזנט דונאם — 59.000 טאָן. ערד־ניס — 15.000 טאָן, במקום 700 טאָן אין 1949/50.

אַ גרויסע אַנטוויקלונג ווייזט דער שטח פון פרוכט. עס זענען איצט (1957) געפלאַנצט 356.000 דונאם פרוכט (אחוץ ציטרוס־פרוכט) — עס־טרויבן און וויין־טרויבן, באַנאַנעס, פלוימען, עפּל, באַרן, אַפּרי־קאָסן, פייגן, מאַנדלען אאז״וו. אין יאָר תשי״ז האָט מען געפלאַנצט 24 טויזנט דונאָם נייע פרוכט־בוימער. נאָך נישט אַלע פלאַנצונגען גיבן שוין פרוכט. אין תשי״ז האָט מען אָראָפּגענומען 43 טויזנט טאָן עס־ און וויין־טרויבן (אין 1949/50 — 15,150); 20,5 טאָן

באַנאַנעס (מיט 300 טאָן וויניקער ווי מיט אַ יאָר פריער — אין 1949/50 נאָר 200 טאָן); 5 טויזנט טאָן עפּל און בארן (מען נעמט אָן, אַז אין 3—4 יאָר אַרום וועלן זיין 25 טויזנט טאָן און מער עפּל און בארן); 6,500 טאָן פלוימען; 1,500 טאָן אַפריקאָסן (בעיקר אין די ווירטשאַפטן פונעם צפונדיקן נגב) אאז״וו. אין יאָר 1949/50 האָט די יידישע לאַנדווירטשאַפט געגעבן 11 טויזנט טאָן פון אַלע סאָרטן פירות (אַחוץ ציטרוס־פּרוכט און טרויבן). ציטרוס־פּרוכט ווערן עקספּאָרטירט אין יאָר 1957/58 — 8,1 מיליאָן קעסטלעך, אַחוץ דעם פאַרברויך אין לאַנד. אין יאָר 1948/49 האָט מען עקספּאָרטירט 3,9 מיליאָן קעסטלעך און אינעם יאָר 1949/50 — 4,2 מיליאָן. פאַראַן איצט (1957) אַרום 246.000 דונאַם פּרדסים, דערפון בערך די העלפט נייע פלאַנצונגען. אינעם לעצטן יאָר האָט מען געפלאַנצט 31.000 דונאַם פּרדס. אחוץ ציטרוס־פּרוכט עקספּאָרטירט מען אויך טרויבן, פרישע פירות, באַנאַנעס, פרישע גרינוואַרג, מעלאָנען, קאַרטאָפל, האָניג, בלומען אאז״וו. דער ווערט פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס מען האָט עקספּאָרטירט אין יאָר 1957, איז 53,7 מיליאָן דאָלאַר, אָנשטאָט 43,6 מיליאָן דאָלאַר אין 1956 (בעיקר, פאַרשטייט זיך, פונעם עקספּאָרט פון ציטרוס־פּרוכט). וועגן דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, זע אויך דעם פרי־ערדיקן קאַפּיטל: עליה און קאָלאָניזאַציע. די אין דער לאַנדווירט־שאַפט באַשעפטיקטע באַפעלקערונג איז געשטיגן אין די לעצטע צען־יאָר פון 90 טויזנט צו 350 טויזנט.

די ערשטע רעגולערע רעגירונג — פאַר דער כנסת

א

קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז די רעגירונג, וואָס ד. בן־גוריון, פּרעמיער־מיניסטער זינט דער אויפריכטונג פון מדינת־ישראל, האָט פאַר־געשטעלט פאַר דער ערשטער רעגולערער זיצונג פון דער כנסת, נאָך די ערשטע וואַלן, וועט באַקומען אַ מערהייט. מען האָט אָבער מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף דער אָפּשטימונג. ביז דער אָפּשטימונג, זענען די רעגירונג־זיצונגען נאָר געווען באַראַטונגען פון קאַנדידאַטן פאַר דער צוקונפטיקער רעגירונג. ערשט נאָך דער דרייטאָגיקער ערשטער רעגולערער אַרבעטס־סעסיע פון דער כנסת, וואָס ביי איר שלוס איז פאָרגעקומען די אָפּשטימונג און די 12 ניי־באַשטימטע מיניסטאָרן האָבן יעדער איינער אָפּגעבן אַ טרייהייט־דערקלערונג צו דער מדינה און אירע געזעצן און צו די באַשלוסן פון דער כנסת — ערשט דעמאָלט איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער ערשטער רעגולערער רעגירונג פון מדינת־ישראל, וואָס אַ דעמאָקראַטיש־געקליבענער פּאַרלאַמענט פון גאַנצן פאָלק אין ישראל האָט איר אויסגעדריקט צוטרוי.

די אסיפה מכוננת (קאָנסטיטואַנטע), איז פייערלעך געעפנט געוואָרן אין ירושלים דעם 14־טן פעברואַר (די וואַלן זענען פאָרגעקומען דריי וואָכן פריער). די סעסיע האָט געדויערט 4 טעג און אָפּגעהאַלטן 6 זיצונגען. דעם 16־טן פעברואַר האָט זי אויסגעקליבן ד״ר חיים ווייצמאַן, אַלס פּרעזידענט פון מדינת־ישראל. זי האָט אויך צווישן אַנדערע געזעצלעכע רעגולירונגען באַשטימט, אַז די געזעצגעבערי־שע קערפּערשאַפט (פּאַרלאַמענט) פון מדינת־ישראל, וועט זיך רופן: כ נ ס ת. די זיצונג אויף וועלכער פּרעמיער ד. בן־גוריון האָט פאַר־געשטעלט די רעגירונג, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין תל־אביב דעם

8־טן מערץ 1949. דאָס איז געווען די 7־טע זיצונג (די ערשטע זעקס, זענען, ווי געזאָגט, פאָרגעקומען אין ירושלים, צווישן 18 — 14 פעברואַר). אין דעצעמבער 1949, איז די כנסת צוריק אַריבער קיין ירושלים.

די 12 ניי־באַשטימטע מיניסטאָרן: ד. בן־גוריון; הרב יצחק מאיר לעווין; גאָלדע מאירסאָן; הרב יהודה ליב הכהן מימון; אל. קאַפּלאַן; דוד רמז; פעליקס ראָזענבליט (פנחס רוזן); זלמן שזר; בכור־שלום שיטרית; משה שפּיראָ; משה שרת.

ב

מען מוז אָפּט מאַכן אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג, כדי זיך אַליין איבערצייגן, אַז דאָס אַלץ, וואָס מען לעבט איבער, איז ווירקלעכקייט און נישט קיין חלום. האַרט ביים תל־אביבער ים־ברעג, דאָרט ווו עס שפּאַצירן זינט יאָרן פּרייטיק־צו־נאַכט און שבת בייטאָג צענדליקער טויזנטער תל־אביבער, האָט מען ממש איבערנאַכט פאַרוואַנדלט צוויי הייזער אין איין באַשיידענעם אָבער אייגנאַרטיקן בנין: דעם צייטווייליקן פּאַרלאַמענט־בנין פון מדינת־ישראל. אין אַ קילן, רעגנדיקן מערץ־טאָג, האָט די כנסת אָנגעהויבן אין תל־אביב אירע רעגולערע זיצונגען. הונדערטער, הונדערטער תל־אביבער האָבן שעהן־לאַנג געדולדיק געוואַרט אין גאַס, כדי צו זען די אָנקומענדיקע און אַרויסגייענדיקע דעפּוטאַטן און מיניסטאָרן. אַ סך האָבן געהאָפט, אפשר וועט זיך מאַכן עפּעס אַ געלעגנהייט אַריינצוקומען אין פּאַרלאַמענט־בנין, וואָס האָט נאָר אַרום 250 פּלעצער פאַר געסט. אינעם העלן, געשמאַקפול־אַראַנזשירטן זיצונג־זאַל, ווערט אָפּגעהאַלטן די ערשטע רעגולערע זיצונג. די 120 דעפּוטאַטן זיצן אין די באַקוועמע נייע פאָטעלן. כמעט אַלע אַלט־באַקאַנטע פּנימער פון פאַרשידענע געביטן פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט אין ארץ־ישראל און נאָך פריער אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. שליחים פון דער „מדינה אין וועג", האָט מען זיי פריער גערופן, האַלב ערנסט האַלב מיט איראָניע — היינט זענען זיי די געזעצגעבערישע אינסטאַנץ פון אַ פרייער מדינה, וואָס די וועלט אָנערקענט שוין איר זעלבשטענדיקייט, ווער אָפן און ווער פאַרבאָרגן, ווער מיט פריינטשאַפט און ווער מיט פיינטשאַפט — אָבער יעדער מיט דרך־ארץ.

דוד בן־גוריון, װעמען דער מדינה־פּרעזידענט האָט באַפולמעכטיקט צוזאַמענצושטעלן די רעגירונג, שטעלט פאַר די נײַע רעגירונג און רעפּע־רירט איר אַרבעטס־פּראָגראַם. און װי עס פּירט זיך בײַ פרײַע פעלקער, אין פרײַע פּאַרלאַמענטן, איז פאַראַן אַ רעגירונגס־זײַט, די דעפּוטאַטן, װאָס שטיצן די רעגירונג און פון אירע רײען װערן באַשטימט די מיניסטאָרן, און פאַראַן אַן אָפּאָזיציע, װאָס איז נישט פאַרטראַטן אין דער רעגירונג. און בדרך כל העמים, קריטיקירט די אָפּאָזיציע דעם אַרבעטס־פּראָגראַם.

האָט עמעצער פון אונדז, אפילו יענע װאָס זענען געבענטשט מיט אַ גאָר רײַכער פאַנטאַזיע, זיך פאַרגעשטעלט נאָך מיט אַ קורצער צײַט צוריק, אַז איצט, אין מערץ 1949, אין חודש אדר תש״ט, װעלן מיר דערצו זוכה־זײַן ?

אויך אויף אַ רעגולערער זיצונג מיט אַ פּראָזאַישן סדר־היום, איז שװער צו פאַרטרײַבן די יום־טובדיקײט, װאָס באַהערשט אַלעמען אין די ערשטע טעג. שװער זיך צו באַפרײַען פון אָט דער אַטמאָספער, װאָס איז אויך אַ געװיסע פאַרפליכטונג צו קעגנזײַטיקן דרך־ארץ און קודם־כל צו רעספּעקט לגבי דער הויכער אינסטיטוציע גופא, דער כנסת. איז רויק אין זיצונגס־זאַל, הגם די פאַרטײ־באַציונגען זענען דװקא געשפּאַנטע און דער דרײַטאָגיקער װיכוח איז אַ געװנוג שאַרפער. נאָר דער ים, אין גאָר באַענטער שכנות, װאָס איז די טעג באַזונדער שטורמיש, באַגלײט די רויקײט אין זאַל מיט זײַן כעסדיקן גערויש. ער דערמאַנט װעגן דער נאָר־װאָס פאַרגאַנגענער שטורמישער תקופה און איז אפשר אויך אַ סימבאָלישע װאָרנונג, צו דערמאַנען, אַז די שטורעם־צײַט איז נאָך נישט פאַרבײַ און עס איז נאָך װיכטיק זיך צו האַלטן פעסט צוזאַמען, אויב מען װיל גובר זײַן די שװערע טעג, װאָס אַ סך פילן, אַז מיר װעלן זײ נאָך האָבן איבערגעגעגוג.

דער אינטערעס קומט אויך צום אויסדרוק אין דער אָפּשטימונג, װעגן דער נײַער רעגירונג. עס שטימען 118 פון די 120 דעפּוטאַטן. 73 פאַר, און 45 קעגן (עס פעלט קײנער נישט פון די אָפּאָזיציע־דעפּוטאַטן — מפ״ם, חירות, אַלגעמײנע ציוניסטן, קאָמוניסטן, לח״י. עס פעלן נאָר 2 דעפּוטאַטן פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע. צװישן זײ גאָלדע מאירסאָן (מאיר), װאָס איז אין מאָסקװע.

ג

עס איז פּאַר אַ סך אַן אַנטוישונג, וואָס אין אונדזער ערשטער רעגולערער רעגירונג זענען נישט פאַרטרעטן אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות וואָס האָבן געבילדעט די צייטווייליקע רעגירונג. אַ סך פילן, אַז עס איז דערפאַר נישטאָ קיין זאַכלעכע באַרעכטיקונג און עס האָט נישט געמוזט אַזוי זיין. אוודאי איז אַ רעגירונג, וואָס שטיצט זיך אויף 75 פון 120 דעפּוטאַטן פולשטענדיק אויטאָריזירט צו פירן איר אַרבעט. עס האָבן אָבער געקענט און באַדאַרפט זיין מער, ווייל צווישן די וואָס פעלן, זענען פאַראַן וויכטיקע פּאָזיטיוו־קאָנסטרוקטיווע כוחות, וואָס דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין זייער מיטאַרבעט און זיי האָבן געקענט אַרבעטן צוזאַמען. און אויך זיי, די דעפּוטאַטן פון מפ״ם און אַלגעמיינע־ציוניסטן, וואָס זענען נישט פאַרטרעטן אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע, קענען זיך נישט דערלויבן, אַז אַ שאַדן פאַר זיך, צו זיין מחוץ די באַשטימענדיקע כוחות אין דער מדינה. פאַראַן אַ געפאַר, אַז זייער פאַרבלייבן מחוץ דער רעגירונג, וועט זיי שטויסן צו אַן אָפּאָזיציע לשם אָפּאָזיציע, צו רייד און האַנדלונגען, וואָס אויך זיי אַליין וואָלטן נישט וועלן, אָבער זיי מיינען, אַז אַלס אָפּאָזיציע מוזן זיי אַזוי האַנדלען.

די לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן איז אין אַ גרויסער מאָס אַ ירושה פונעם נישט נאָרמאַלן פּאַרלאַמענטאַרישן לעבן, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו פירן ביז־איצט. אונדזערע געזעצגעבערישע און אויספירנדיקע אָרגאַנען זענען געווען בדרך־כלל קערפּערשאַפטן פון פּרייוויליקע אָרגאַניזאַציעס. איז שווער פאַר די מינדערהייט־פּאַרטייען זיך אָפּצוגעווינען פון דעם פאַלשן מנהג, צו שטעלן איבערגעטריבענע פאָדערונגען. זיי פאַרגעסן, אַז ביי די נייע באַדינגונגען, פון אַ רעגולערן מלוכהשן לעבן, האָט עס מער נישט קיין ווירקונג; אַז אויך אַ מערהייט פון איין שטימע האָט פולע געזעצגעבערישע קראַפט.

ד

מען האָט פון פאַריס געוווּסט, אַז די 19 דעפּוטאַטן פון חרות, לח״י און קאָמוניסטן קומען נישט אין חשבון פאַר אַ רעגירונגס־קאָאַליציע. די גרויסע מערהייט פון 101 דעפּוטאַטן האָט נישט קיין צוטרוי צו זיי, און

וויל נישט בילדן צוזאַמען מיט זיי קיין רעגירונג. אָבער וואָס איז שייך די 19 דעפּוטאַטן פון מפ״ם און די 7 דעפּוטאַטן פון די אַלגעמיינע־ציוניסטן, איז נישט געווען קיין קעגנערשאַפט, אַז זיי זאָלן אָנטיילנעמען אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע. פאַרקערט, מען האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי ווידער זיין אין דער קאָאַליציע, אַזוי ווי אין דער צייטווייליקער רעגירונג. פרעגט זיך, פאַרוואָס זענען זיי דערווייל פּאַרט נישט אין דער רעגירונג?

מפ״ם און אויך די אַלגעמיינע־ציוניסטן זענען איצט פּאַרטייען. וואָס בילדן פאַרייניקונגען פון פאַרשידענע גרופּן. דער צוגאַנג צו געזעלשאַפט־לעכע פראַגן איז ביי די גרופּן אין יעדער פּאַרטיי אינעווייניק אַ פאַרשי־דענער. עס איז, לכן, לייכטער אָפּצוהיטן דעם שלום־בית אין דער פּאַרטיי ביי אַ פּאַסיווער האַלטונג, ווי ביי אַן אַקטיווער האַנדלונג. דער אָנטייל אין דער רעגירונג איז אָבער אַן אַקטיווע האַנדלונג.

דערצו זענען נאָך צוגעקומען פאַרשידענע טענות. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אין דער צייטווייליקער רעגירונג האָט מפ״ם געהאַט די צוויי פּאָרטפעלן, וואָס האָבן בעיקר צו טאָן מיט אַרבעטער־ענינים, לאַנדווירט־שאַפט און אַרבעט. די מפ״ם־מיניסטאָרן האָבן אָנגעפירט מיט די אָפּטיי־לונגען פון קאָאָפּעראַציע, סאָציאַלע געזעצגעבונג, וווינונגס־בוי און א״וו. האָט מפא״י איצט געטענהעט, אַז עס איז פאַר איר נישט מעגלעך, אַז זי זאָל איבערגעבן אין דער רעגירונג, דווקא דער מינדערהייט־פּאַרטיי אין דער הסתדרות, אָנצופירן מיט די אַלע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אַ נאָענטע שייכות צו אַרבעטער ענינים. זי האָט פאָרגעשלאָגן מפ״ם די געביטן פון לאַנדווירטשאַפט, קאָאָפּעראַציע, עפנטלעכע אַרבעטן, וווינונגס־בוי און גע־זונטהייט. מפ״ם איז אָבער געווען ברוגז, וואָס מען נעמט ביי איר צו דעם געביט פון אַרבעט און מען גיט איר נישט, לויט איר מיינונג, קיין געהע־ריקע קאָמפּענסאַציע.

פאַראַן אויך וויכטיקע געביטן, ווי די פראַגע פון דער אויסערן־פּאָליטיק און דער בוי פון אונדזער מיליטער, ווו עס הערשן חלוקי־דעות. די פראַגן זענען געשטאַנען פאַר די ווילער און די קאָלאָסאַלע מערהייט האָט איןביידע פראַגן אַקצעפּטירט די מיינונג פון מפא״י. קען מען דאָך נישט נאָך די וואַלן אָנהייבן פונדאָסניי דעם וויכוח און זוכן אַ קאָמפּראָמיס אין פראַגן, וואָס די ווילער האָבן וועגן זיי געזאָגט אַ קלאָרע מיינונג. מפ״ם

האָט, למשל, געפאָדערט אין דער רעגירונגס־דעקלאַראַציע אַ נעגאַטיווע פאַרפליכטונג לגבי דעם מאַרשאַל־פּלאַן, אָדער רעגיאָנעלע אָפּמאַכן, וואָס ביידע האָבן גאָרנישט קיין שייכות צו מדינת־ישראל. האָט מפא״י פאַר־געלייגט אונטערצושטרייכן דעם באַזונדערן ווונטש פון פריינטשאַפט מיט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און סאָוויעטן־פאַרבאַנד. קיין זאַכלעכע וויכטיקע אונטערשידן אין דער אינערן־פּאָליטיק האָבן זיך למעשה נישט אַרויסגעוויזן צווישן מפא״י און מפ״ם. אָבער צוליב די דערמאָנטע חלוקי־דעות, און כדי אָפּצוהיטן דעם אינערלעכן שלום־בית, האָט מפ״ם געמיינט, אַז זי דאַרף באַשליסן נישט אָנטיילצונעמען אין דער רעגירונג, הגם אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט אין מפ״ם האָט געפאָדערט יאָ אָנטיילצונעמען.

די אַלגעמיינע־ציוניסטן האָבן דער עיקר געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי געבן צוויי מיניסטאָרן און נישט איינעם. ד. בן־גוריון האָט פאָרגעלייגט עס זאָלן זיין 12 מיניסטאָרן .דער מאָטיוו איז אַ פּשוטער: אַ גרויסער קאַ־בינעט מאַכט שווערער די אַרבעט. דער רעליגיעזער בלאָק (16 דעפּוטאַטן) האָט אָבער אומבאַדינגט געפאָדערט 3 מיניסטאָרן (מזרחי, הפועל המזרחי און אגודת ישראל). האָט מען אויך מפ״ם (19 דעפּוטאַטן) געדאַרפט געבן 3 מיניסטאָרן. אויב כלל ציונים (7 דעפּוטאַטן) באַקומען 2 מיניסטאָרן, וועלן דער רעליגיעזער בלאָק און מפ״ם פאָדערן צו 4 און דאַן מוז זיין אַ קאַבינעט פון לכל הפּחות 21 מיניסטאָרן. דאָס מיינט אַ גאָר שווערע מאַשין. האָט מען עס נישט געקענט אַקצעפּטירן. די טענות פון מפ״ם, אַז מיר האָבן איצט אַ רעכט־קלעריקאַלע רעגירונג — זענען נאָר לשם אַגי־טאַציע. ביידע פּאַרטייען ווילן זיין אין דער רעגירונג און זענען מסכים צו זיצן מיט די אַלע וואָס זענען היינט אין דער רעגירונג. קיינער וועט נישט נעמען ערנסט, אַז נאָר נאָכדעם ווי מפ״ם וועט זיין אין דער רעגירונג וועט איר מערהייט שוין זיין אויס „רעכט־קלעריקאַל״, און נאָר נאָכדעם ווי די אַלגעמיינע ציוניסטן וועלן אַריין, וועט איר מערהייט ווערן אויס „גאָר לינק״.

ה

ד. בן־גוריון האָט אין זיין פּראָגראַם־רעדע אַרומגענומען אַלע גע־ביטן פון אונדזער לעבן: דערציונג, געזונטהייט, סאָציאַלע פאַרזיכערונג, קאַמף קעגן דער טייערונג, אָפּהיטן אַן אָנשטענדיקן, קולטורעלן לעבנס־

סטאַנדאַרט, פּרייז־קאָנטראָל, אויסוואָרצלען ספּעקולאַציע, פאַרגרעסערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט אאז״וו. אָבער די ערשטע און וויכטיקע אויפ־גאַבע איז — דערמעגלעכן און פאַרלייכטערן אַ פּערמאַנענטע און וואָס גרעסערע עליה. ער האָט נישט צוגעזאָגט קיין לייכט לעבן און ער האָט נישט פאַרשוויגן די גאָר גרויסע שוועריקייטן, וואָס דערוואַרטן אונדז. ער האָט נישט פאַרבאָרגן דעם אמת, ווי שטאַרק מיר נויטיקן זיך אין דער הילף פון יידישן פאָלק אין גאָר דער וועלט. אָבער דווקא די אָפענע שיל־דערונג פון די נויטן און שוועריקייטן האָבן פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג וועגן דער ערנסטקייט, מיט וועלכער די נייע רעגירונג וויל רעאַליזירן אירע ברייט־פאַרמאָסטענע אַרבעטס־פּלענער.

תל־אביב, דעם 11 מערץ 1949.

בילד 53: בוימוואָל פון די ישראלדיקע פעלדער געפּאַקט אין באַלן דורך זאַמל־און בינדמאַשינען, פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין קרית־גת. דער בוימוואָל־פאַרזיי אין תשי״ח פאַרנעמט 68 טויזנט דונאַם.

יקרות — א שווערע זאָרג

(מיטלען קעגן אינפלאַציע)

א

מיליטערישע נויטן האָבן אין די מלחמה־טעג פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט פון אונדזערע דאגות. מען האָט נישט געקענט צופיל טראַכטן וועגן אַנדערע זאָרגן. און הגם די געפאַר פון אַ באַנייטער מלחמה, איז נאָך נישט אַריבער, האָפט מען אָבער, אַז זי וועט נישט באַנייט ווערן. יעדנפאַלס דער ברייטער עולם לעבט מיט דעם געפיל, אַז די מלחמה איז שוין הינטער אונדז. זיין הויפט־אויפמערקזאַמקייט איז איצט אויף די טאָג־טעגלעכע ענינים. שטויסט מען זיך אָן יעדן טאָג אויף די אבני נגף, וואָס ליגן אויפן וועג פון אונדזער שנעלן אויפבוי און עליה־אויפנעם־מעגלעכקייט, וואָס מען מוז זיי מיט גרויסער אָנשטרענגונג וואָס גיכער אַפּרוימען.

עס איז אונדז איצט נישט באַשערט קיין לייכט לעבן. אָנשטאָט אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג גובר צו זיין די אַלע שוועריקייטן, האָבן מיר געהאַט אַ שווערן קריזיס אינעם פאַרייניקטן ארץ־ישראל־אַפּיל אין די פאַרייניקטע שטאַטן. דער קריזיס האָט געדויערט עטלעכע חדשים און מן־הסתם גורם געווען אַ סך שאָדן. אויף יעדן פאַל, האָט ער דערוייל באַדייטנדיק פאַרגרעסערט אונדזערע שוועריקייטן. (עס רעדט זיך, וועגן שאַרפן קאָנפליקט, זינט סוף 1948, וועגן דעם, אויב ה. מאָנטאָר קען פאַרבלייבן דער לייטער פונעם פאַרייניקטן אַפּיל). אין לאַנד ווידער, איז צוגע־קומען אַ באַדייטנדיק פאַרשאַרפטע טעטיקייט פון דער אָפּאָזיציע קעגן דער רעגירונג, אין פאַרלאַמענט און מחוץ דעם פאַרלאַמענט. איז דאָס אויך נישט פון די זאַכן, וואָס מאַכן לייכטער די נויטיקע בשותפותדיקע אָנ־שטרענגונג.

ב

מיר מוזן האָבן גאָר גרויסע מיטלען, און וואָס גיכער, כדי פאַרצו־זעצן אונדזער אויפבוי־אַרבעט שנעל, פּלאַנפול און אין דעם ברייטן פאַרנעם וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק. די ארץ־ישראל קאַמפּיינס און די אַמעריקאַנער הלוואה, וועלן אונדז געבן נאָר אַ טייל פון די געלטער, וואָס מיר מוזן האָבן, האָט די טעג דערקלערט פּרעמיער ד. בן־גוריון צו אַ גרעסערער דעלעגאַציע פון תל־אביבער אַרבעטער, מיט וועלכע ער האָט געפירט אַ שמועס וועגן די נויטן פון דער מדינה. אַפילו ווען מיר זאָלן נאַציאָנאַליזירן דעם גאַנצן קאַפּיטאַל וואָס איז אין לאַנד, וואָלט עס אונדז אויך נישט געקלעקט כדי איינאָרדענען די עליה, וואָס מיר דאַרפן אויפנעמען. מיר מוזן ברענגען אין לאַנד קאָלאָסאַלע מיטלען און צווישן זיי אויך פּריוואַטן קאַפּיטאַל.

דאָ הייבט זיך אָן די גרויסע שוועריקייט. מען נעמט אָן, אַז אין יאָר 1945 האָבן יידן פון חוץ־לארץ מיטגעבראַכט אָדער אינוועסטירט אין לאַנד אַרום זעקס מיליאָן פונט פּריוואַט־קאַפּיטאַל און אין יאָר 1946 אַרום זיבן מיליאָן פונט. דאָס איז געווען ביי אַן עליה פון 15 — 16 טויזנט יערלעך. דאָס מיינט, אַז כדי אָנצוהאַלטן אַן ענלעכן מצב ביי אַן עליה פון אַרום 200 — 250 טויזנט יידן יערלעך, וואָלטן זיי געדאַרפט מיטברענגען מיט זיך דעם פופצן־פאַכיקן סכום. אָבער די אויסזיכטן, אַז די איצטיקע עליה וועט מיטברענגען מיט זיך אַזעלכע מיטלען זענען גאָר קליין. מיר הערן גאָר אַ סך וועגן פּלענער פון יידן אין חוץ־לארץ צו אינוועסטירן קאַפּיטאַלן אין ישראל. מען אינפאָרמירט מכח, לכל הפחות, צוויי הונדערט ערנסטע פּלענער וועגן פאַרשידענע גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס יידן אין חוץ־לארץ ווילן דאָ אויפשטעלן. מען רעדט וועגן דעם, ווי וועגן אַקטועלע, באַשלאָסענע ענינים פון היינט־מאָרגן. אָבער דערווייל זענען עס נאָר רייד. מען הייבט נאָך גאָר נישט אָן. מען וויל „נאָך אַ קליין ביסל אָפּ־וואַרטן". אָבער די עליה פון אַרום 20 טויזנט אַ חודש שטראָמט דערווייל און וואַרט אויף אַרבעט.

די טענה פון די וואָס ווילן נאָך „אַ ביסל אָפּוואַרטן" איז אַ צווייפאַכיקע; א) די נאָך נישט קלאָרע אויסן־פּאָליטישע לאַגע; ב) דער יקרות אין לאַנד. וואָס שייך דער ערשטער טענה, איז כדאי צו זאָגן, אַז אין דער היינטיקער

וועלט קען אַ קליין פּאָלק קיינמאָל נישט זיין הונדערט־פּראָצענטיק זיכער מיט זיין לאַגע. דערצו קען מען נאָך צוגעבן, אַז יידן זענען נאָך ווייניקער זיכער מיט זייער לאַגע אין חוץ־לארץ צווישן פרעמדע, אַפילו ווען זיי לעבן אין גרויסע, מעכטיקע לענדער. די צווייטע טענה, וועגן יקרות, איז אַ ריכטיקע, אָבער מען דאַרף נישט איבערטרייבן און זי טאָר נישט דינען אַלס אויסרייד אויף „אָפּצוואַרטן". דער יקרות איז פאַרן ישוב אין מדינת־ישראל אַ פּיל גרעסערע געפאַר ווי פאַר די וואָס דאַרפן אינוועסטירן קאַ־פּיטאַל. דער קאַמף קעגן יקרות מוז איצט ווערן אין מדינת ישראל איינע פון די ערשטע אויפגאַבן. מען מוז אָוועקשטעלן דעם דאָזיקן קאַמף אין דער סאַמע ערשטער ריי פון אונדזערע דרינגנדיקסטע אויפגאַבן. אָן אַ פּלאַנמעסיקער טעטיקייט צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע און אַ פּלאַנמע־סיקן קאַמף מיטן יקרות, אָפּהיטנדיק אָנשטענדיקע לעבנס־באַדינגונגען פאַרן אַרבעטער און פאַרן גאַנצן ישוב, וועלן מיר נישט קומען פאָרויס. דער פינאַנץ־מיניסטער אליעזר קאַפּלאַן האָט ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט נאָך אַ סך דראַסטישער אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע פאָדערונגען, כדי מיר זאָלן קענען מצליח זיין אינעם קאַמף קעגן אינפלאַציע.

ג

מיר געפינען זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז. דער יקרות שטייגט וויל מיר האָבן נישט גענוג פּראָדוקטן. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט מורא צו קומען צוליב דעם יקרות. פּראָדוקטן פעלן אונדז ווייל מיר האָבן נישט גענוג קאַפּיטאַל צו אַנטוויקלען אונדזער לאַנדווירטשאַפט און אונדזער אינדוסטריע. אַרבעטס־הענט פעלן אונדז נישט און באַדן פעלט אונדז איצט נישט. עס הערשט אַ גאַר שאַרפער מאַנגל אין דירות, שטייגן די פּרייזן און דער יקרות ווערט גרעסער און נייע עולים האָבן נישט ווו צו וווינען. אָבער עס פעלט קאַפּיטאַל אויף אַ גראַנדיעזער בוי־טעטיקייט, וואָס וואָלט געקענט באַשעפטיקן אַ סך, אַ סך טויזנטער נייע עולים און פאַרזיכערן זיי וווינונגען. מען זאָגט, אַז האָטעלן, למשל, זענען איצט אַ רענטאַבעלע אינוועסטירונג. פון אַלע עקן וועלט קומען אָן ידיעות, וועגן דעם ווונטש פון יידן צו באַזוכן ישראל. די צאָל האָטעל־צימערן אין ישראל איז ביים היינטיקן טאָג נישט גרויס. הערט מען מכח אַ סך גרויסע און קליינע בוי־

פּלענער אויף דעם געביט, אָבער דערווייל זענען עס נאָר פּלענער. מען קען דעם ביישפּיל אויסברייטערן אויף אַ סך, אַ סך אַנדערע געביטן.

דער יקרות שלאָגט קודם־כּל דעם אַרבעטער און באַאַמטן, וואָס לעבן פון אַ פעסטן געהאַלט. זיי יאָגן קיינמאָל נישט אָן דעם יקרות און וואָס מער ער שטייגט אַלץ ערגער איז פאַר זיי, אויך נאָכדעם ווי זיי באַקומען לוין־הוספות. מיר האָבן לעצטנס געהאַט עטלעכע שטרייקן, וועגן לוין־העכערונגען, וועלכע האָבן אַלע, אַ חוץ דעם זיבן וואָכן־לאַנגן שטרייק אין די צוויי שאָקאָלאַד־פאַבריקן — עלית און ליבער, געדויערט נאָר וויניקע טעג. מען איז שנעל געקומען צו אַ הסכם. אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע אונטערנעמונגען פירט מען פאַרהאַנדלונגען און מען וועט, האָפנטלעך, אויך קומען צו אַ הסכם. עס וועלן זיין לוין־העכערונגען און שפּעטער וועלן דירעקט אָדער אומדירעקט קומען פרייז־העכערונגען.

מיט חדשים צוריק, ווען מען האָט זיך אַרומגעזען אין וועלכער ריכטונג עס גייט די געפערלעכע אַנטוויקלונג, איז געקומען אַ פּלאַן פון אַ געמיינזאַמער טעטיקייט פון דער רעגירונג און דער הסתדרות אָפּצושטעלן אַזאַ געפערלעכע אַנטוויקלונג. דער פּלאַן האָט געמיינט, אַז די רעגירונג זאָל מאַכן עפעקטיווע שריט, כּדי אָפּצושטעלן יעדע פרייז־העכערונג און פאַרזיכערן די ליפערונג פון לעבנסוויכטיקסטע פּראָדוקטן אין אַ מאָס, אַז מען זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צום שוואַרצן מאַרק; און די הסתדרות ווידער וועט אויף אַ באַשטימטער צייט (בערך דריי חדשים, כּדי צו זען די עפעקטיווקייט פון די רעגירונג־מאָסנאַמען), אָפּשטעלן די פאָדערונגען אויף לוין־העכערונגען. איז געווען דער ווונטש פון דער גאַנצער הסתדרות צו מאַכן דעם פּרווו, כּדי אָפּצושטעלן דעם גליטשיקן וועג פון לוין־העכערונגען פון איין זייט און פרייז־העכערונגען פון דער צווייטער זייט. איז איצט געקומען די אינערלעך־פּאָליטישע ענדערונג, מפּ״ם איז נישט אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע. האָט מפּ״ם אָנגעהויבן אַ פאַרשאַרפטן אָפּאָזיציע־קאַמף, אויך מחוץ דעם פּאַרלאַמענט, אין דער הסתדרות. זי איז איצט קעגן דעם פריער דערמאָנטן פּלאַן פון אַ קאָאָפּעראַציע מיט דער רעגירונג, כּדי צו פּרווון אָפּשטעלן דעם יקרות און פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. אין דער הסתדרות איז מפּ״ם נאָר 34,4 פּראָצענט. און אויך צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן נישט מער ווי 37 פּראָצענט. מפּא״י האָט, לכן, אַ גענוג שטאַרקע מערהייט, אַז די הסתדרות זאָל גיין דעם וועג, וואָס זי דאַרף גיין

אין אַזאַ סיטואַציע, כדי צו שיצן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פון דער מדינה. אָבער אַ פאַרשאַרפטע אָפּאָזיציע פון 34,4 פּראָצענט פאַרקלע־נערט נישט די שווערקייטן און מאַכט נישט לייכטער דאָס לעבן.

בכלל, קומט אויס, אַז די לאָגיק און רעאַליטעט פון לעבן מוז קאַפּי־טולירן, ווען מען מוז פירן אָפּאָזיציע פאַר יעדן פּרייז. ווען אַ פּרעמדער מענטש, וואָס קען נישט אונדזער לאַגע און אונדזערע נויטן, וואָלט פאַר־בלאָנדזשעט צו דער זיצונג פון דער כנסת (אין מערץ 1949), בעת מען האָט דיסקוטירט די פראַגע פון דער הונדערט מיליאָן דאָלאַר־הלוואה פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און געהערט נאָר די רעדעס פון די אָפּאָזיציע־פּאַר־טייען, וואָלט ער געמוזט באַקומען דעם רושם, אַז געלט האָבן מיר ווי בלאָטע, און די הלוואה באַדאַרפן מיר אויף כפּרות, און די רעגירונג וויל סתם אַזוי, מיר נישט דיר נישט, טון אַ גרויסע טובה אַמעריקע און נעמען פון איר די הלוואה. ווייסן מיר דאָך אַלע, און מפּ״ם און אַנדערע ווייסן עס אויך, אַז, למשל, די ערשטע 35 מיליאָן דאָלאַר, פון דער הונדערט מיליאָן דאָלאַר־הלוואה, וואָס זענען באַשטימט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנדווירשאַפט, מוזן מיר האָבן ווי לופט צו אָטעמען. און דאָס איז נאָך ווייט נישט גענוג, ווייל מיר דאַרפן כמעט דאָס דריי און פירפאַ־כיקע, כדי צו רעאַליזירן די שוין פאַראַנענע קאָלאָניזאַציע־און אויסבעסע־רונגס־פּלענער, באַוואַסערונג, באַנייען און פאַרגרעסערן דעם אינווענטאַר, אויפן געביט פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט.

ד

מיר האָבן היי־יאָר געהאַט אַ קלימאַטיש שלעכטן ווינטער, וואָס האָט אויך מן־השמים פאַרגרעסערט אונדזערע שווערקייטן. באַזונדערס האָט דערפון געליטן אונדזער אָראַנזשן־עקספּאָרט. מען האָט היי־יאָר געהאָפט צו עקספּאָרטירן איבער 5 מיליאָן קעסטלעך ציטרוס־פּרוכט און מען וועט באַוויזן צו שיקן דריי און אַ האַלבן מיליאָן קעסטלעך. אַרום אַנדערטהאַלבן מיליאָן קעסטלעך ציטרוס־פּרוכט זענען צוליב די קעלטן, רעגן און ווינטן, קאַליע געוואָרן אויפן בוים, נאָך איידער מען האָט זיי אַראָפּגענומען. אַ גרויסן טייל דערפון האָט מען אפשר געקאָנט ראַטעווען, ווען דאָס אַראָפּ־נעמען די פּרוכט וואָלט זיך אָנגעהויבן פריער און אין אַ שנעלן טעמפּאָ. זענען אָבער אין די ערשטע וואָכן געפירט געוואָרן מצד די פּרדסים־

באַזיצער לאַנגע פאַרהאַנדלונגען, ווער און ווי אַזוי זאָל מען אַרבעטן, וויפל מען זאָל צאָלן פאַר דער אַרבעט וכו׳ און מען האָט די אַרבעט שפּעט אָנגעהויבן. איצט, האָט מען אַ פאַרלוסט פון בערך 3 מיליאָן פונט פּרעמדע וואַלוטע, וואָס דער פאַרלוירענער טייל פון עקספּאָרט האָט געקענט אַריינברענגען (פאַקטיש האָט מען באַוויזן צו עקספּאָרטירן 3,9 מיליאָן קעסטלעך. אין 1957 האָט מען עקספּאָרטירט איבער 8 מיליאָן קעסטלעך).

דער שווערער ווינטער האָט אויך גורם געווען, וואָס אַרום 25 פּראָצענט פון דער קאַרטאָפל־גערעטעניש; 30 פּראָצענט פון די פּאָמידאָרן; 45 פּראָצענט פון די באַנאַנעס — זענען קאַליע געוואָרן. מען האָט איצט פאַרזייעט עטלעכע טויזנט דונאַם מער קאַרטאָפל און אַרום 14 טויזנט דונאַם גרינוואַרג. אָבער דאָס גענוגט ווייט נישט פאַר די באַדערפענישן פון ישוב, וואָס ווערן יעדן טאָג גרעסער. עס איז באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן דער שטח פון די קינסטלעכע אָזערעס פאַר פיש־צוכט, וואָס וועט קענען געבן דעם ישוב אַרום 300 טאָן לעבעדיקע קאַרפּן אַ חודש פון פיש־צוכט אין 60 משקים, אַ חוץ פון פישעריי. דער ישוב דאַרף אָבער מער ווי 1000 טאָן פיש אַ חודש. מיר האָבן איצט אַרום 8 פישער־שיפן פאַר ים־פישעריי און מען רעכנט, אַז הײַ־יאָר וועלן צוקומען נאָך 8. דאָס וועט אָבער נאָך אַלץ נישט קענען באַפרידיקן דעם פיש־באַדאַרף פונעם ישוב. אויך אויפן געביט פון אייער, עופות און מילך וועט קומען אַ געוויסע פאַרלייכטערונג. אָבער דאָס אַלעס איז נאָך נישט גענוג פאַרן באַדאַרף פון ישוב און שעפּט ווייט נישט אויס די מעגלעכקייטן פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט, אויב מיר וועלן קענען אינוועסטירן די נויטיקע מיטלען.

אין פריערן קאַפּיטל — „שוועריקייטן, וואָס מען קען גובר זיין״, ווערט אויספירלעך גערעדט וועגן דער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה. בנוגע געוויסע ציפערן, וואָס ווערן דערמאַנט אינעם דאָזיקן קאַפּיטל, ווילן מיר צוגעבן: אין זומער תש״ט האָט מען באַאַרבעט 14 טויזנט דונאַם גרינוואַרג, דערפון די יידישע לאַנדווירטשאַפט נאָר 10 טויזנט דונאַם. אָבער שוין אין האַרבסט תש״י, איז דער שטח גרינוואַרג געוואַקסן ביז 24 טויזנט דונאַם. אין יאָר תשי״ז איז דער שטח גרינוואַרג פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט — 220 טויזנט דונאַם. די באַסיינען פאַר פיש־צוכט, וואָס מען האָט דעמאָלט צוגעגרייט האָבן

געגעבן איבער 3000 טאָן קאַרפּן יערלעך. אין יאָר תשי״ז האָט מען פאַרקויפט 7200 טאָן קאַרפּן, פון פיש־צוכט אין לאַנד.

עס איז נויטיק אַ פּלאַן־ווירטשאַפט און אַ שטרענגע ווירטשאַפט־לעכע דיסציפּלין מצד דעם יחיד און דעם כלל. אַט, למשל, מעלדעט אַ סטאַטיסטיק, אַז אין תל־אביב, איז פונעם יאָר 1939 ביזן יאָר 1948 געשטיגן די צאָל דעטאַל־געשעפטן פון 3,539 ביז 6,708 — דאָס מיינט מיט 90 פּראָצענט, בעת די באַפעלקערונג איז פאַר דער צייט נאָר געשטיגן מיט 50 פּראָצענט. דאָס מיינט, אַז אין דורכשניט קומט אויס אויף יעדן דעטאַל־געשעפט אַנשטאָט 50 קונים אין יאָר 1939, נאָר 35 קונים אין יאָר 1948. ביי שפּייז־קראָמען, למשל, איז דער אונטערשיד פאָלגנדיקער: יעדע שפּייז־קראָם האָט באַדינט 196 נפשות אין יאָר 1939 און נאָר 130 נפשות אין יאָר 1948 (אין ענגלאַנד רעכנט מען 430 נפשות אויף יעדער שפּייז־קראָם; אין די פאַרייניקטע שטאַטן 410 נפשות). אַזאַ אַנטוויקלונג פירט נישט צום ביליקער מאַכן די פּראָדוקטן. ביי אַ פּלאַן־ווירטשאַפט מוז מען עס האָבן אין זינען און דער עיקר פאַרשטיין די פּאָזיטיווע כוונה פון די אינסטאַנצן, וואָס באַמיען זיך צו פאַרמיידן אַזאַ אַנטוויקלונג.

תל־אביב, מערץ 1949.

בילד 54: קולטור־צענטער פון דער הסתדרות אין אילת, אויפן נאָמען פון פיליפּ מאַרי.

אַ רייזע קיין באר־שבע

א

דער וועג פון תל־אביב ביז באר־שבע אין דרום איז לענגער בלויז מיט אַ צען קילאָמעטער פון דעם וועג פון תל־אביב ביז חיפה אין צפון. אָבער קיינער קוקט נישט אויף אַ רייזע קיין חיפה ווי אויף עפּעס אַן אומ־געוויינלעכקייט. גאַנץ אַנדערש איז אָבער אַ רייזע קיין באר־שבע — אפילו היינט, שוין 5 חדשים נאָכדעם ווי באר־שבע איז אין יידישע הענט און דער וועג אַהין איז אַ גוטער און אַ באַקוועמער און איז נישט פאַרבונדן מיט קיין באַזונדערע שוועריקייטן אָדער אומזיכערקייט. דאָס צווייבער־וואָרט באר־שבע, וואָס האָט ביי יעדן פון אונדז אין די קינדער־יאָרן אַרויסגערופן בילדער פון דער אור־אַלטער פאַרגאַנגענהייט, האָט נאָך תמיד די זעלבע צוציאונגס־קראַפט. קיין באר־שבע פאָרט מען נישט סתם, ווי קיין חיפה אָדער אַפילו אין דער נאָך ווייטערער טבריה. קיין באר־שבע הייסט שוין מאַכן אַ רייזע; גרייט מען זיך דערצו און מען איז געשפּאַנט. דערווייל פאָרן ווייניקע אַהין געשעפטלעך, ווייל לעת־עתה האָבן נאָך ווייניקע דאָרטן געשעפטלעכע ענינים. אָבער אַ סך פאָרן איצט אַהין טאָג־טעגלעך זען די שטאָט.

עס רעדט זיך וועגן די באַדינגונגען אין מערץ 1949. באר־שבע איז מיליטעריש דעראָבערט געוואָרן דעם 22־טן אָקטאָבער 1948, אָבער קאַמפן מיט מצרים אין דרום, צייטנווייז אויך אויף די וועגן קיין באר שבע, האָבן זיך נאָך געפירט אָנהויב דעצעמבער און סוף דעצעמבער 1948. ערשט דעם 6־טן יאַנואַר 1949 האָט ד״ר ר. באַנטש, דער פאָרשטייער פון יו״ען, געמאָלדן, אַז מצרים איז גרייט צו פירן פאַרהאַנדלונגען, וועגן אַ וואָפן־שטילשטאַנד.

אינעם פאַרבליבענעם טאָג־בוך פונעם אַזוי טראַגיש אומגעקומענעם, לאַנג־יאָריקן, מיליטער־אַדיוטאַנט פון ד. בן־גוריון — נחמיה ארגוב,

ווערט געשילדערט אַ רייזע פון פרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער ד. בן־גוריון און יגאל ידין קיין באר שבע, בעת די קאַמפּן מיט מצרים, סוף דעצעמבער 1948 (אין באר־שבע איז אין יענע טעג געווען „דער פראָנט־שטאַב). צוליב זיכערקייט און כדי שנעלער אָנצוקומען, זענען זיי נישט געפאָרן מיטן שאָסיי, וואָס דאָס מיליטער האָט באַנוצט, נאָר איבער פעלד־וועגן. אין אַ געוויסן אָרט, זענען די מאַשינען (2 מיליטער דזשיפּן) געבליבן שטעקן אין די בלאָטעס און אַ טייל פון די פּאָרער (צווישן זיי ד. בן־גוריון, ידין, נחמיה און נאָך איינער), זענען געגאַנגען צופוס אין די בלאָטעס 5—6 קילאָמעטער, ביז זיי זענען צוגעקומען צום שאָסיי און אַ מיליטער־אויטאָ האָט זיי אויפגענומען. באַמערקט נחמיה וועגן דער געפאַר, וואָס האָט געדראָט: עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, אַז אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין יענער געגנט אַרומגעדרייט אַ באַוואָפנטע גרופּע פון 15 מצרישע סאָלדאַטן.

מיט 20 — 25 יאָר צוריק, אַז מען איז געקומען אויף אַ קורצן באַזוך אין ארץ־ישראל, זענען עין־חרוד און דגניה געווען די הויפּט־אַטראַקציעס פאַר טוריסטן; מיט 11 — 12 יאָר צוריק, זענען די דעמאָלט ניי־געגרינדעטע פּונקטן חניתה לעבן דער לבנונישער גרענעץ און דן און דפנה לעבן דער סירישער גרענעץ, געווען די צוציאונג־פּונקטן. היינט איז עס באר־שבע. און נישט נאָר פאַר טוריסטן, נאָר אויך פאַר ארץ־ישראל איינוווינער. אויך אין די צייטן ווען ארץ־ישראל יידן פלעגן באַזוכן אַראַבישע שטעט, האָט מען באַזוכט אַנדערע אַראַבישע שטעט מער ווי באר שבע. אַראַבישע שטעט ווי טול־כרם, דזשענין, בית־שאָן, נצרת און אַפילו די אַביסל אין אַ זייט ליגנדיקע שכם, זענען געווען נאָענטער צו די יידישע יישובים, אָדער, זיי זענען געלעגן אויפן וועג. באר שבע איז געווען אינגאַנצן אָפּגעזונדערט, אין וויטן דרום. און עס קומט נאָך צו, וואָס זינט 1936 האָט מען כמעט אויפגעהערט צו באַזוכן אַראַבישע שטעט; ווילן איצט אויך ארץ־ישראל־יידן הנאה האָבן און זיי באַמיען זיך צו באַזוכן באר שבע.

ב

דער קבוץ נגבה, איז אַרום 60 קילאָמעטער פון תל־אביב. דער וועג פון תל־אביב ביז נגבה פירט איבער די אַלט־באַקאַנטע יידישע קאָלאָניעס,

וואָס אונטערשיידן זיך שוין כמעט נישט פון מאָדערנע קלענערע שטעט: ראשון־לציון, נס־ציונה, רחובות. נאָך רחובות, אויף דער לינקער זייט פון שאָסיי, ליגט דער גרויסער מיליטערישער פלי־פּלאַץ תל־נוף, וואָס די ענגלענדער האָבן אויסגעבויט אין די מלחמה־יאָרן. ווייטער קומט די באַקאַנטע קאָלאָניע גדרה מיט איר מילדן קלימאַט און אירע אָפּרו־הייזער. און אָט פאָרט מען פאַרביי דאָס אַראַבישע דאָרף מסמיה פון וועלכן די אַרומיקע יידישע ישובים האָבן נישט ווייניק געליטן (בעת די אומרוען אין די יאָרן 1936 — 1938 האָבן די דאָרטיקע אַראַבער דערמאָרדעט 8 אַרבעטער פון דער עלעקטריציטעט־געזעלשאַפט, וואָס האָבן געאַרבעט ביים פאַריכטן די עלעקטריציטעט־ליניע). איצט איז דאָרטן נישטאָ קיין סימן פון אַראַבער. ווייטער זעט מען די סימנים פון דעם פריער ריזיקן בריטישן מיליטער־קעמפּ און פלי־פּלאַץ קסטיניה און פונדערווייטנס די יידישע דערפער באר־טוביה און כפר ווארבורג, און ווידער ווייטער רעשטן פון אַ פריערן גרויסן בריטישן מיליטערישן קעמפּ, לעבן געוועזענעם אַראַבישן דאָרף דזשוליס. אַ סך זכרונות פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, און נישט תמיד אָנגענעמע, רופן אַרויס אָט די רעשטן פון די בריטישע מיליטערישע לאַגערן.

מסמיה: אחוץ דעם מושב פון פועלי אגודת ישראל — בני ראָם (געגרינדעט 1949) וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט, איז אין מסמיה אויך געווען אַ מעברה פון איבער 100 משפחות. אין פעברואַר 1958 איז די מעברה ליקווידירט געוואָרן און אויף איר אָרט איז געקומען אַן אַרבעטער־דאָרף — בני עי"ש (אויפן נאָמען פון ר' עקיבא יוסף שלעזינגער, פון די חלוצים פון דעם אַלטן ישוב און די בויער פון פּתח־תקוה). פאַר די באַוווינער פון דער מעברה און נייע עולים האָט מען אין דעם דאָרף אויסגעבויט 148 דירות.

קסטיניה: איצט קרית מלאכי (געגרינדעט 1951), אַ גרעסערער דאָרפישער ישוב — אַרום 4000 נפשות (אָנהויב 1958); אויפן שטח פון דזשוליס: 2 מושבי עובדים — ברכיה (געגרינדעט 1950), הודיה (געגרינדעט 1949, אַ מושב עולים פון עולים פון אינדיע) און אַ קבוץ „ניר ישראל" (געגרינדעט 1949).

אָט זענען מיר שוין אין נגבה: דער קבוץ נגבה איז געגרינדעט געוואָרן האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך, אין יאָר 1939. אין די אַכט יאָר,

ביז אָנהויב 1948 האָבן די חברים פון קבוץ אַריינגעלייגט אַ סך מי און אויסגעבויט אַ הערלעכע ווירטשאַפט. אין 1946 — 324 נפשות, פון זיי 110 קינדער; 2700 דונאַם באָדן; אין שטאַל 90 קעפּ; די יערלעכע גערע־טעניש: 207 טאָן תבואה, 100 טאָן קאַרטאָפל, 250 טאָן גרינוואַרג, 840 טויזנט איַיער, 160 טויזנט ליטער מילך. איצט איז אַלץ צעשטערט און מען מוז אַלץ בויען פונדאָסניי. די געשיכטע פון דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון נגבה איז גוט באַקאַנט. טויזנטער גוט באַוואָפנטע עגיפּטער האָבן במשך חדשים, פון מאַי ביז אָקטאָבער 1948, זיך באַמיט צו דעראָבערן דעם פונקט. אין חודש מאַי האָבן דעם פונקט פאַרטיידיקט סך־הכל אַרום 120 חברים פון קבוץ און 80 סאָלדאַטן פון אונדזער אַרמיי, מיט זייערע דעמאָלט אָרעמע וואָפן, קעגן פילפאַכיק שטאַרקערע אָנפאַלער. דער פונקט איז נישט דעראָבערט געוואָרן. פון די מצרים זענען געפאַלן במשך פון די אָנגריפן אַרום 600 סאָלדאַטן, און אַ סך פאַרוווּנדעטע. די מצרים האָבן טאָג און נאַכט באַשאָסן דעם פונקט; טאָג־טעגלעך פלעגן עגיפּטישע פליער באָמ־באַרדירן דעם קליינעם שטח. אויף שריט און טריט זעט מען די סמנים. דער וואַסער־טורם מיט הונדערטער לעכער, וואָס באַנוצן אים קען מען נישט מער און מען גייט בויען אַ נייעם. יעדער בנין, יעדעס הויז דורכגע־לעכערט און האַלב צעשטערטע, אַזוי, אַז מען מוז אַלץ בויען פונדאָסניי. מען שאַצט אָפּ דעם שאָדן אויף אַרום אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. די חברים פון קיבוץ און מיט זיי צוויי גרופּן פון ניי־אָנגעקומענער יוגנט, — איינע פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, מעקסיקע, קובאַ, בראַזיל, און די צווייטע פון אונגאַרן — צוזאַמען אַרום 150 מענטשן, בויען צוריק אויף דעם משק. עס גייט לאַנגזאַם, צו לאַנגזאַם, ווייל עס פעלן מענטשן און מיטלען.

די קינדער מער ווי הונדערט — כן ירבו און אַ טייל פון פרויען זענען נאָך אין נס־ציונה. מען האָט זיי אַהין איבערגעפירט דעם 17־טן מאַי 1948. דאָס איז געווען אין דער סאַמע לעצטער מינוט, וואָרים דעם 18־טן מאַי האָט מען דעם פונקט שווער באָמבאַרדירט. די קינדער־היים איז צעשטערט געוואָרן און דער לעבעדיקער אינווענטאַר איז פאַרניכטעט געוואָרן.

אַרום 40 נייע קברים זענען צוגעקומען אין יענע שווערע חדשים אויפן קליינעם בית הקברות אין נגבה.

נגבה איז ניי אויפגעבויט געוואָרן. אין תשי״ז לעבן דאָרטן 578 נפשות, פון זיי 247 קינדער. דער שטח באַדן איז פּאַרפּיראַקט — 10730 דונאם; אין שטאַל 185 קעפּ; דער הינערשטייג איז מער ווי צוואָנציקפאַכיק פאַרגרעסערט — 26013 עופות. דאָס גערטעטעניש פון קערנער — 842 טאָן; 280 טויזנט ליטער מילך; איין און דריי־פערטל מיליאָן אייער; 114 טאָן טרויבן, עפּל און באַרן; 348 טאָן גרינוואַרג, 497 טאָן קאַרטאָפל במקום 100 טאָן אין תש״ו אאז״וו. אויפן אָרט פון 3 טראַקטאָרן אין תש״ו — היינט 16 טראַקטאָרן.

ג

אַנטקעגן נגבה, אין אַ מרחק פון קוים אַנדערטהאַלבן־צוויי קילאָ־מעטער, שטייט אַ ריזיקער פעסט־געבויטער בנין — די פּאָליציי־סטאַציע עיראַק־סואידן. פאַרן 14־טן מאַי 1948 האָבן די ענגלענדער צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן דעם בנין איבערגעבן די יידן. זיי האָבן אים אָבער איבערגעגעבן די אַראַבער און ער האָט געדינט אַלס גוטער שטיץ־פונקט פאַר מצרים. די יידן האָבן אָבער אויך נישט געשוויגן. זיבן מאָל האָט מען דעם פונקט אַטאַקירט, ביז מען האָט אים דעראָבערט. דאָס מערקט מען זייער גוט אין אַלע טיילן פון דעם ברייט פאַרצווייגטן בנין. פון דאָרט פירט אַ וועג איבער פאַלודזשיאַ קיין חברון, אָבער מיר פאָרן דאָ אַרום און אַרום, 25 קילאָמעטער אין דער ריכטונג צו עזה, נישט מיטן הויפּט־שאָסיי, נאָר מיט אַ צווייטן שאָסיי אַביסל דערווייטערט פון ים־ברעג, כדי צו באַזוכן ניר־עם, וואָס ליגט אינגאַנצן אַרום 8 קילאָמעטער פון עזה. אויפן וועג פאָרן מיר פאַרביי פריערע אַראַבישע פונקטן, וואָס זענען שטאַרק באַקאַנט געוואָרן בעת די קאַמפן אין דרום — כאוכבה, חוליקאת, ברייר. פון די אַראַבישע דערפער כאוכבה און ברייר האָט מען אָנהויב 1948 אָרגאַניזירט די איבער־פאַלן אויף די יידישע קאַראַוואַנען, וואָס זענען געפאָרן צו די יידישע פונקטן אין נגב. באַזונדערס שטאַרק זענען געוואָרן די שטערונגען אין מערץ 1948, ווען זיי האָבן באַקומען הילף פון מצרים. געוועזן טעג, ווען די יידישע פונקטן זענען געווען לגמרי אָפּגעשניטן. דעם 19־טן אַפּריל 1948, האָט זיך באַזעצט די קבוצה „ברור חיל״ פונקט קעגנאיבער דעם גרויסן אַראַ־בישן דאָרף ברייר און דעם 13־טן מאַי האָט די „הגנה״ איינגענומען דעם

אָרט. איצט איז שטיל אין דער געגנט, און די הערלעכע אַרומיקע לאַנד־שאַפט פון סוף מערץ דערמאָנט גאָר נישט די שווערע שלאַכטן וואָס זענען דאָ געפירט געוואָרן.

כאוכבה: איצט אַ מושב עובדים — כוכב (שטערן) — געגרינדעט 1950; חלץ — איצט אַ מושב עובדים אויף דעם שטח פון חוליקאת. אין שכנות פון חלץ און ברור חיל, האָט מען אין 1955 געפונען נאַפט. די 20 ברונעמער, פון וועלכע מען שעפּט נאַפט, גיבן סוף 1957 5—6 טויזנט טאָן רוי־נאַפט אַ חודש. דאָס איז אַרום 5% פונעם היינטיקן נאַפט־באַדאַרף פון מדינת־ישראל. דאָס אימפּאָר־טירן די אַנדערע 95% נאַפט, וואָס ווערן יערלעך פאַרברויכט אין דער מדינה, האָבן אין יאָר 1957 אָפּגעקאָסט אַרום 40 מיליאָן דאָלאַר.

פאַרן 15־טן מאַי 1948 איז ניר־עם געווען דער קאָנצענטראַציע־פּונקט פון דער יידישער אַרמיי אין יענעם ווינקל. די אָנגריפן קעגן דעם פּונקט זענען געווען גאָר שווערע. דעם 19־טן מאַי האָט מען איבערגעפירט די 70 קינדער און 45 פרויען אין קבוצת שילר, לעבן רחובות, שפּעטער קיין תל־אביב און דאַן קיין ראשון לציון. דער וועג איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַרשפּאַרטער און מען האָט עס אַדורכגעפירט אין דער נאַכט, מיט גרויסער פאַרזיכטיקייט.

אין דעם טאָג פון אונדזער באַזוך דאַרפן צוריקקומען די קינדער. איז אַ יום־טוב אין משק. פּוצט מען דעם עס־זאַל, וואָס מען האָט שוין באַוויזן צו רעמאָנטירן און פאַריכטן די הונדערטער לעכער פון שיסערייען. גרויסע אויפשריפטן באַדעקן די פראָנט־וואַנט: ברוכים החוזרים לביתם; מנדודים וסבל לחיי יצירה ושלוה (זייט באַגריסט צו אייער אַהיימקומען; פון וואָגלעניש אוןליידן צו אַ לעבן פון שאַפן און רו). 90 חברים זענען אויפן אָרט און אַ חוץ זיי אַרום 50 יוגנט פון טערקיי, אין עלטער פון 14 ביז 17 יאָר. אַ טייל בנינים האָט מען שוין באַוויזן צו רעמאָנטירן און דער פּונקט הויבט אָן פאַמעלעך קומען צו זיך. ניר־עם האָט אַ גרויסן פאָרצוג, פאַראַן וואַסער בשפע. מען האָט געפונען אַ סך וואַסער אין דער טיף פון 110 — 120 מעטער און מען קען אַפילו געבן וואַסער אַנדערע פּונקטן. אַקעגנאיבער ניר־עם איז טאַקע פאַראַן אַ צענטער פון „מקורות", די גע־זעלשאַפט פאַר וואַסער־פאַרזאָרגונג פון דער יידישער אַגענטור און דער הסתדרות.

פאַר דער אויפריכטונג פון דער מדינה האָבן אין ניר עם (געגרינ־דעט 1943) געלעבט 181 נפשות, סוף 1957 — 375. דער יערלעכער ווערט פון די פּראָדוצירטע פּראָדוקטן איז געווען אין יאָר 1947 — 48 טויזנט פונט און אין 1957 — 830 טויזנט פונט.

פון ניר־עם פאָרט מען אַרום 45 קילאָמעטער קיין באר שבע. אויפן וועג זעט מען פון דערווייטנס דעם קבוץ סעד (געגרינדעט 1947). מען פאָרט אַ געוויסע צייט אין אַ ים פון גרינקייט, וואָס איז אַדורכגעוועבט ווי אַ שיינער טעפּיך מיט בלוט־רויטע, ראָזע און אַנדערע פאַרביקע בלומען. מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז דאָס זענען עס די סטעפּעס פון פאַר באר שבע. די גרינקייט און בלומען־רייכקייט דויערט אָבער דאָ גאָר אַ קורצע צייט. אין אַ צוויי חדשים אַרום וועט שוין נישט זיין קיין סימן דערפון. ברייטע נישט באַזעצטע ווייטקייטן, וואָס וואַרטן אויף באַאַרבעט צו ווערן. נישט ווילנדיק אַפילו מוז מען מאַכן חשבונות, וואָס מען קען דאָ אויפטאָן. וואָס מער מען דערנענטערט זיך צו באר שבע, ווערט די גרינקייט און דער פאַרביקער בלומען־טעפּיך בלאַסער און זעלטענער. און פּלוצים זעט מען פאַר זיך באר שבע, וואָס איז כמעט ביז דעם לעצטן מאָמענט אינגאַנצן פאַרדעקט פאַרן אויג פונעם וועגפאָרער.

האַרבסט 1957 זענען שוין פאַראַן אויף דעם וועג פון ניר־עם קיין באר שבע נאָענט צוויי צענדליק לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים. נישט ווייט פון ניר־עם דער גרעסערער ישוב שדרות.

ד

מיט פופציק יאָר צוריק האָבן די טערקן אָנגעהויבן אויסבויען די „מאָדערנע" באר־שבע. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אַראַבישע שטעט איז זי געבויט געוואָרן פּלאַנמעסיק. אַ גראַדליניקע הויפּט־גאַס, און גלייכע גאַסן, וואָס שניידן זי אַדורך. אַ גרויסער מעטשעט ביים אַריינגאַנג אין שטאָט און אַ מאָדערנע שול אַביסל ווייטער. פאַרן אַריינגאַנג אין דער שטאָט שטייען די בנינים פון דער באַן־סטאַציע (די באַן אַליין גייט שוין נישט זינט אַ סך יאָרן).

באַלד ביים אַריינגאַנג אין דער שטאָט, צו דער רעכטער זייט, אַ מיליטערישער בית הקברות, נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט 1300 קברים און באַלד דערביי אַ גרויסער בנין, דער זיץ־אָרט פון די מאַכט־אָרגאַנען, צוערשט די טערקן, שפּעטער די ענגלענדער

און איצט פון מדינת ישראל. מער ווי אַרום 3000 איינוווינער האָט די שטאָט נישט דערגרייכט. אַמאָל פלעגן דאָרט לעבן אַביסל יידן. אין 1923 האָבן דאָרט געלעבט אַרום 100 יידן. דאָס איז געווען די העכסטע צאָל. אָבער אין 1929 בעת די דעמאָלטיקע אומרוען, האָבן די לעצטע 4 יידישע משפחות פאַרלאָזן די שטאָט. באר שבע איז געווען די הויפּטשטאָט פונעם געאָגראַפיש גרעסטן באַצירק אין ארץ־ישראל, מיט אַ שטח פון איבער 12 מיליאָן דונאַם, מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 50 טויזנט וואַנדערנדיקע בעדואינער אין דעם ריזיקן שטח. אין די מאַרק־טעג פלעגן זיי קומען קויפן און פאַרקויפן קיין באר שבע. פאַר זיי איז דאָס געווען די מאָדערנע גרויס־שטאָט. אויך איצט זענען פאַרבליבן ניין בעדואינער שבטים אין דער סביבה.

די באַן פון תל־אביב קיין באר־שבע גייט איצט רעגולער צוויי מאָל אין טאָג אין יעדער ריכטונג, נאָכדעם ווי מען האָט רעמאָנטירט דעם אָפּשניט נען—באר־שבע (73 קילאָמעטער) וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט 9,5 מיליאָן פונט. די באַן גייט פון תל־אביב איבער לוד, רמלה, נען, קרית־גת — אַ נייער שטאָטישער ישוב (געגרינדעט 1954), אויפן וועג קיין באר־שבע וואָס אַנטוויקלט זיך צו אַ וויכטיקן אינדוסטריע־צענטער; סוף 1957 לעבן אין קרית־גת נאָענט 6000 יידן, פון זיי הונדערטער קינדער, וואָס באַזוכן די אָרטיקע שול. אַחוץ פּאַסאַזשירן האָט די באַן באר־שבע — תל־אביב אין 1957 אויך איבערגעפירט 380 טויזנט טאָן משאות, דערפון אַרום 130.000 טאָן פאָספאַטן און 80 טויזנט טאָן פּאָטאַש (אשלג). די רעגירונג האָט שוין באַשטימט אַ בודזשעט צו בויען אַ באַן־ליניע (39 קילאָמעטער) פון באר־שבע אין דער דרום־ריכטונג, ביז קיין דימונה. — אַ נייער שטאָטישער ישוב־פּונקט אין נגב, אויפן וועג קיין סדום, געגרינדעט 1955, סוף 1957 אַרום 3000 איינוווינער. די דאָזיקע ליניע איז דער ערשטער עטאַפּ פון אַ באַן־ליניע באר־שבע — אילת. דער צווייטער עטאַפּ וועט זיין די ליניע דימונה—אורון (35 קילאָמעטער) — ווו עס זענען די פאָספאַטן־פעלדער. אין יאָר 1955 איז אויך גע־גרינדעט געוואָרן אַ שטאָטישער ישוב אופקים, אַרום 25 קילאָמע־טער דרום־מערב פון באר־שבע, צווישן דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אויפן נאָמען פון חיים ווייצמאַן „אשל הנשיא" און דער קבוצה

אורים. סוף 1957 לעבן אין אופקים אַרום 3500 אײַנוווינער. נישט ווײַט פון אופקים, אין דער ריכטונג צו אשקלון, איז אין 1956 געגרינדעט געוואָרן אַ דאָרפישער ישוב — עזתה, וואָס ציילט סוף 1957 איבער 2000 אײַנוווינער. נאָך ווײַטער אַרויף, אין דער ריכטונג צו אשקלון, איז אין 1951 געגרינדעט געוואָרן אַ דאָרפישער צענטער — שדרות (סוף 1957 — נאָענט 3500 אײַנוווינער). אין קרית־גת און אויך אין דימונה ווערן געמאַכט באַמיִונגען אויפצושטעלן אַ גרויסע טעקסטיל־אינדוסטריע. אין קרית־גת איז פאַראַן אַ וועבערײַ וואָס באַשעפטיקט 250 אַרבעטער, מען האָט אין דער אונטערנעמונג אינוועסטירט ½5 מיליאָן פונט. די רעגירונג גיט גרויסע הילף די אינוועסטירער (ביז 75% הלוואות פונעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל). אויך אין כפר־ירוחם (געגרינדעט 1951, אין דער דרום־ריכטונג פון באר־שבע, אויפן וועג קיין שדה־בוקר), ווערן געמאַכט באַמיִונגען צו גרינדן אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — קרישטאָל־כלים און קרישטאָל־גלאָז (דער זאַמד אין דער געגנט איז פאַסיק דערצו), טעקסטיל־דרוק וכדומה. בערך 52 קילאָמעטער דרום־מזרח פון באר־שבע געפינען זיך די פאָספאַטן־פעלדער. די רעגירונגס־געזעלשאַפט „אורון" האָט באַלד נאָכדעם ווי מען האָט דאָרטן פעסטגעשטעלט פאָספאַטן, באַקומען אין 1951 אין פאַכט 88 טויזנט דונאַם באָדן וואָס מען שאַצט אָפּ, אַז מען קען פון זײַ אויסשניידן אַרום 75 מיליאָן טאָן פאָספאַטן פון אינטערנאַציאָנאַלער קוואַליטעט. זינט 1953 אימפּאָרטירט מען מער נישט פון אויסלאַנד קיין פאָספאַטן, נאָר מען באַנוצט די אָרטיקע פּראָדוקציע. אין לאַנד פאַרנוצט מען בערך 75 טויזנט טאָן פאָספאַטן יערלעך און דער פאַרברויך האַלט אין שטײַגן. אין יאָר 1955/56 האָט מען פּראָדוצירט 85 טויזנט טאָן פאָספאַטן; אין יאָר 1956/57 114 טויזנט און אין יאָר 1957/58 — 180 טויזנט טאָן. מען רעכנט, אַז אין יאָר 1958/59 וועט מען דערגרייכן אַ פערטל מיליאָן טאָן. ביז 1955/56 האָט מען די פאָספאַטן פאַרווענדט נאָר פאַרן אינערלעכן געברויך. אין יאָר 1956/57 האָט מען שוין עקספּאָרטירט 29 טויזנט טאָן; אין יאָר 1957/58 — 55 טויזנט טאָן און אין יאָר 1958/59 רעכנט מען מיט אַן עקספּאָרט פון אַרום 150 טויזנט טאָן.

אין קרייז באר־שבע זענען געווען סוף 1957 אַרום 14.000 בעדואי־נער. אין גאַנצן לאַנד האָבן די בעדואינער שבטים געציילט סוף 1957 — 22.000 נפשות.

באר שבע איז איצט ווייניק באַפעלקערט. אינגאַנצן אַרום 70 — 60 יידישע משפחות זענען דערוויל אַהערגעקומען. פאַראַן אַרום 70 — 80 אַרבעטער פון „סולל־בונה". די שטאָט איז ווייניקער צעשטערט ווי מען האָט גערעכנט אָבער ס'איז פאַראַן וואָס צו רעמאָנטירן און אויסצובעסערן. די רוטענבערג־עלעקטריציטעט־געזעלשאַפט אַרבעט ביים אינסטאַלירן עלעקטריש ליכט אין שטאָט. פאַראַן אַ גוט־איינגעאָרדנטע אַרבעטער־קיך פון דער הסתדרות און אַ גרויסער פריוואַטער רעסטאָראַן און קאַפע. ביס־לעכווייז עפענען זיך פאַרשידענע געשעפטן. מען גרייט צו נייע דירות, מען וויל בויען אַ קינאָ. די יידישע אַגענץ האָט געעפנט איר ביוראָ — דאָס הויפט־ביוראָ פאַרן נגב. פאַראַן אַ ריי פריערע און נייע יידישע לאַנדווירטשאַפט־לעכע פונקטן וואָס רינגלען אַרום באר שבע. און דאָס איז ערשט אַן אָנהויב. מען רעכנט, אַז אין די נעכסטע וואָכן וועלן צוקומען 8 — 10 פונקטן. די מרחקים זענען גרויסע און אַלץ איז ליידיק און וואַרט אויף באַפעלקערט צו ווערן. באר שבע איז דאָך למעשה ערשט דער אָנהויב פון די אמתע נגב־סטעפעס. פון באר־שבע ביז אילת, דעם ברעג פון דער אילת־בוכטע (ים סוף), איז דאָך מער ווי טאָפּלט אַזוי ווייט ווי פון באר שבע קיין תל־אביב (237 קילאָמעטער).

סוף 1949 זענען געווען אין באר־שבע 1800 איינוווינער. סוף 1957 עטלעכע און דרייסיק טויזנט. עס זענען אויסגעבויט געוואָרן אַ גאַנצע ריי נייע וווין־קוואַרטאַלן, חוץ דעם פריערן שטח פון דער שטאָט. אויך פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע בנינים און אַן אינדוס־טריע־ראַיאָן. דער יערלעכער בודזשעט פון דער שטאָט־פאַרוואַל־טונג אין 1957 — 2,8 מיליאָן פונט. 8000 קינדער באַזוכן די שטאָ־טישע שולן, נאָר דאָס לעצטע יאָר (1957), זענען צוגעקומען אין די שולן 2700 שילער. פאַראַן 15 שולן (אַנשטאָט נאָר 9 מיט 2 יאָר צוריק). פאַראַן אויך אַ מיטל־שול (200 תלמידים) און אַ לערער־סעמינאַר, וואָס מען האָט געעפנט דאָס לעצטע יאָר.

אין דיסטריקט באר־שבע (איינגעשלאָסן די שטאָט באר־שבע) האָבן

געלעבט סוף 1951 — 22,861 ייִדן, סוף 1956 — 53,032, און סוף 1957 — 65,000.

אַרום באר־שבע, אין אַ ראַדיוס פון בערך 30 — 35 קילאָמעטער זײַנען אין 1957 פאַראַן בערך 35 לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן. אינעם דיסטריקט באר־שבע, וואָס נעמט אויך אַרום אילת, זײַנען אין 1957 פאַראַן 89 פּונקטן (סוף 1949 — 39 פּונקטן). באר־שבע און דער דיסטריקט באר־שבע, האָבן בעיקר אַן אַרבעטנדיקע אײַנוווינערשאַפט. די מערהייט פון די הסתדרות־מיטגלידער אינעם גאַנצן דיסטריקט באר־שבע, זײַנען געבוירענע אין לענדער פון אַזיע אָדער אַפריקע. אָבער ווען מען נעמט באַזונדער נאָר די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן פונעם דיסטריקט, איז די לאַגע אַנדערש: 15% געבוירענע אין ארץ־ישראל, 9% פון די אַמעריקאַנער לענדער — בעיקר די לענדער פון דרום־אַמעריקע. דער פּראָצענט נישט פאַרהיירעטע איז אין דעם דיסטריקט גרעסער ווי אין לאַנד בכלל, דער פּראָצענט פרויען איז דאָקעגן קלענער ווי אין לאַנד בכלל.

האָט אָנהויב 1950 געפירט געהיימע שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט אילת ערשט אין יאָר 1951. סוף 1957 האָט אילת אַרום 4000 אײַנוווינער. 1500 אַרבעטער און באַאַמטע זײַנען באַשעפטיקט אין 43 אונטערנעמונגען און אַמטן. סולל־בונה באַשעפטיקט 350 אַרבעטער; אין האַפן אַרבעטן 70; די „מחצבי ישראל" (קופּער־גרובן) אין תמנע, 27 קילאָמעטער פון אילת, האָבן אָנהויב 1958 באַשעפטיקט 350 אַרבעטער, שפּעטער איז געקומען אַן איבעררײַס אין דער אַרבעט.

סוף 1957 איז פאַרטיק געוואָרן דער אַספאַלטירטער שאָסיי באר־שבע — אילת (237 קילאָמעטער). דער שאָסיי גייט בעיקר, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך, אין צענטער פון נגב — כפר ירוחם, שדה בוקר, מצפה רמון, באר מנוחה, יטבתה, תמנע, באר אורה, אילת. דער נײַער שאָסיי האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אילת און דעם גאַנצן ריזיקן שטח פון באר־שבע ביז אילת. דער וועג איז פאַרקירצט געוואָרן מיט 11 קילאָמעטער. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס מען קען איצט פאָרן אַרום 4 שעה מיטן אויטאָ פון באר־שבע ביז אילת, אַנשטאָט אַרום 7 שעה פריער. דערווײַל

האָבן מיר ערשט 11 ישובים אויף דעם גאַנצן וועג פון די 237 קילאָמעטער — באר־שבע — אילת. מוזן וואָס גיכער צוקומען נייע ישובים, און דער שאָסיי פאַרלייכטערט עס. דער טראַנספּאָרט פון לאַסטן קיין אילת איז באַדייטנדיק ביליקער געוואָרן און דאָס וועט דערמעגלעכן, אַז די פּרייזן אין אילת זאָלן ווערן ביליקער. מיר האָבן איצט אין לאַנד אַ דורכגייענדיקע שאָסיי־נעץ פון אילת ביז מטולה — אונדזער צפונדיקסטן ישוב — 550 קילאָמעטער. פאַראַן אַ טעגלעכער אויטאָבוסן־פאַרקער צווישן תל־אביב און אילת.

אויב מען לאָזט זיך אין וועג אַריין פון תל־אביב קיין באר שבע גאַר פרי, קען מען נאָך באַוויזן אויפן צוריק־וועג באַזוכן 2—3 ערטער. מיר האָבן טאַקע אַזוי געטאָן און געהאַט אַ מעגלעכקייט אויפן צוריק־וועג, אויסמיידנדיק, פאַרשטייט זיך, דעם הויפּט־שאָסיי באר שבע — עזה, אַריינצופאָרן אין קיבוץ יד־מרדכי (אויפן נאָמען פונעם קאָמענדאַנט פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד מרדכי אַניעלעוויטש). דער קיבוץ ליגט אַרום 4—5 קילאָמעטער פונעם ים־ברעג, גישט ווייט פון עזה, האַרט לעבן דער דעמאַרקאַציע־ליניע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אינעם ישראל־עגיפּטישן וואָפנשטילשטאַנד. יד־מרדכי איז געווען פון די איינצלנע פונקטן, וואָס יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן, בעת דער מלחמה, און די מצרים זענען דאָרטן געווען פון סוף מאַי ביז ענדע אָקטאָבער 1948. האָבן מיר אַ געלעגנהייט צו זען, וואָס עס ווערט פון אַ ישוב, וואָס די מצרים באַזעצן. מיט איין וואָרט אַ פולער חורבן. וואָס עס האָט זיך געלאָזט צעשטערן איז צעשטערט געוואָרן. זינט אָנהויב נאָוועמבער 1948 זענען די קיבוץ־חברים צוריקגעקומען, מיט זיי יוגנט־גרופּן פון בולגאַריע און רומעניע, זיצן זיי דאָרטן, אַרום 130 יידישע מענטשן, און באַמיען זיך מיט עקשנות און ליבע צוריק אויפצובויען, וואָס עס איז פאַרניכטעט געוואָרן.

אין יד מרדכי האָבן געלעבט אין יאָר תש״ח — 276 נפשות, און איצט, תשי״ח — 484. די יערלעכע גערעטעניש פון תבואה איז דעמאָלט געווען 55 טאָן און היינט 850 טאָן; קאַרטאָפל: דעמאָלט 80 טאָן, היינט 440 טאָן; קי־מילך: פריער 137.000 ליטער — היינט 260.000 ליטער; אייער: פריער 246.000 — היינט 1.400.000.

פון יד־מרדכי, צוריק קיין תל־אביב, פירט דער וועג פאַרביי דער אַראַבישער שטאָט מידזשדאל. אַמאָל האָבן דאָרטן געלעבט אַרום 15—16

טויזנט אַראַבער. זענען פאַרבליבן נאָר 2200—2500. אין אַ צווייטן שטאָט־טייל זענען דערוויל פאַראַן ווייק יידישע משפחות. אָבער אין אַ יידישער קאַפע, וואָס אַ ירושלימער משפחה האָט דאָרט געעפנט (נאָכדעם ווי זייער הויז אין ירושלים איז צעשטערט געוואָרן) האָט מען אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ דאָרטיקן אַראַבישן תושב וועגן עניני דיומא.

2־טן אַפּריל 1949.

מידזשדאל — מגדל־אשקלון, איצט אשקלון, צוזאַמען מיט דער האָרט ביים ים־ברעג אויפגעבויטער נייער, מאָדערנער פאַרשטאָט אַפרידר. אין האַרבסט 1957 — אַרום 24.000 יידן. די אַראַבער זענען אַוועק אין אַנדערע געגנטן. אַ 12 קילאָמעטער צפונדיק פון אשקלון איז 1956 געגרינדעט געוואָרן אַ נייער ישוב — אשדוד ים. אָנהויב 1958 — 2300 איינוווינער. דאָרט פלאַנט מען צו בויען דעם גרויסן האַפן אין דרום. מען בויט די גרויסע קונסט־זייד פאַבריק און אַן עלעקטריציטעט־סטאַציע (די גרעסטע אין לאַנד). אשדוד האָט שוין צוויי שולן, אין זיי לערנען 450 קינדער.
צווישן די איינצלנע פונקטן וואָס די אַראַבער האָבן דעראָבערט אין 1948 איז געווען ניצנים, צווישן מידזשדאל און אסדוד (אשדוד). אַן איינצלנער יידישער פונקט אין אַ סביבה פון 20,000 אַראַבער. שטאַרקע אַראַבישע כחות האָבן אַטאַקירט ניצנים. זיי האָבן דעראָבערט דעם אָרט מיט דער הילף פון אַרטילעריע און שווערע טאַנקען ערשט דעם 7־טן יוני (4 טעג פאַרן קאַמף־איבעררייס). 32 יידן זענען געפאַלן, די אַנדערע אַוועק אין געפאַנגענשאַפט. די קינדער האָט מען באַוויזן אַרויסצופירן דעם 14־טן מאַי אין דער נאַכט־פינצטערניש. אויפן אָרט פונעם חרוב־געוואָרענעם משק עקזיסטירט היינט אַ קינדער־דאָרף פון עלית הנוער. די צוריקגעקומענע פון געפאַנגענשאַפט האָבן 2־3 קילאָמעטער ווייטער אויפגעבויט אַ נייעם בליענדיקן משק. מען באַאַרבעט 5000 דונאַם באָדן. אין דער סביבה זענען צוגעקומען אַ ריי משקים: משואות יצחק און ניר ישראל אין 1949; בית עזרא אמונים, גבעתי — אין 1950; כרמון — 1952 אאז״וו. לויט דעם יר־ען באַשלוס האָט ניצנים נישט געזאָלט זיין אינעם שטח פון דער יידישער מדינה.

בילד 55 : פרעזידענט חיים ווייצמאַן אין באר־שבע (אָנהויב 1949): עס באַגריסט אים בעני עדעלמאַן, פאַראַנטוואָרטלעכער אָפיצער פונם מיליטער־שטאַב אין דרום, לעבן אים יצחק שדה. לעבן פרעזידענט, לינקס יגאל אלון, רעכטס זיין אַדיוטאַנט רב סרן ארנון.

בילד 56 : 65 טויזנט עולים זענען געקומען אין יאָר תשי״ח אין מדינת ישראל מיט שיפן פון „צים״. יעדע שיף ווערט אָפּגעוואַרט אינעם חיפהער האַפן פון אַ סך הונדערטער קרובים און פריינט פון די עולים.

בילד 57 : יום העצמאות 1957, אין די גאַסן פון תל־אביב.





בילדער 58 און 59 : שאָסיי באר־שבע—אילת (237 קילאָמעטער), שווערסטער טייל פון דער אַרבעט, אַדורכהאַקן אַ וועג אין פעלדזן פין אַ קייט בערג (אַרום 60 קילאָמעטער פאַר אילת). דאָס אויבערשטע בילד : געזען פון דעם אָרט ווי די עפענונגס־פּייערונג פאַר־נעם שאָסיי איז פאָרגעקומען. רעכטס צווישן דער קייט בערג דער וועג וואָס מען האָט אַדורכגעהאַקט, ווייטער אין הינטערגרונט דער מדבר פאַר אילת און גאַנץ אין הינטער־גרונט די אדום־בערג אין עבר־הירדן. דאָס אונטערע בילד : דער אַדורכגעהאַקטער וועג אין די פעלדזן פון דער נאָענט. ביים בוי פון שאָסיי האָט מען באַנוצט 70 טאָן דינאַמיט, מען האָט אָפּגערוימט 260 טויזנט טאָן ערד און פעלדזן, הוצאות פון לייגן דעם שאָסיי — 3,7 מיליאָן פונט.

בילד 60 : יידן אין ניו־יאָרק מאַניפעסטירן זייער פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל.

בילד 61: לויה פון 300 געפאַלענע אין גוש־עציון, לאטרון און אַנדערע ערטער. לכתחילה האָט מען זיי מקבר געווען אין פּין אַראַבער באַזעצטע געביטן; דעם 17־טן נאָוועמבער 1950 האָט מען זיי איבערגעפירט אין מדינת ישראל און געבראַכט צו אייביקער רו אויפן הר הרצל.



בילד 62 : קופער־גרובן אין תמנע (מכרות שלמה), 27 קילאָמעטער פון אילת, אין ווייטן הינטערגרונט די אדום־בערג אין עבר־הירדן.



בילד 63 : אין די בערג פון נצרת, עטלעכע קילאָמעטער פון דער אַלטער נצרת, האָט זיך סוף 1956 אָנגעהויבן בויען אַ יידישער יישוב — קרית נצרת (מאי 1958, אַרום 1500 איינוווינער).

אין גליל העליון

א

אויב מען באַזוכט ארץ־ישראל און מען זעט נישט דעם גליל — און עס רעדט זיך וועגן גאַנצן גליל — האָט מען אַ סך פאַרלוירן. מען האָט נישט געזען איינעם פון די וויכטיקסטע טיילן פון לאַנד, יענעם טייל פון ארץ־ישראל, וואָס האָט געעפנט פאַר אונדז מעגלעכקייטן פון באַלדיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע; וואָס 20 נייע פונקטן זענען דאָרט געגרינדעט געוואָרן אינעם ערשטן יאָר פון דער יידישער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

אין אַ מרחק פון 550 קילאָמעטער בערך, אינעם אַנדערן עק פונעם לאַנגן, שמאָלן ערד־שטריף, וואָס בילדעט אונדזער מדינה, (די מאַקסימאַלע ברייטקייט פון מדינת־ישראל — 66 קילאָמעטער, די מינימאַלע (אין שרון) — 15 קילאָמעטער), באַהערשן דאָס בילד די ווייטע זאַמד־סטעפּעס פונעם נגב. דאָ, אינעם אויבערשטן גליל, אינעם ווייטן צפון־טייל פון מדינת־ישראל, האָבן מיר אָבער אַ גאָר אַנדערע לאַנדשאַפט. גרינע בערג און טאָלן, דעם ים כנרת און די חולה — לאַנדשאַפטן, וואָס דערמאַנען אַ סך שיינע ווינקלען אין דער וועלט, און עס פאַרדריסט, וואָס מען ווייסט אַזוי ווייניק וועגן דער דאָזיקער שיינקייט. און דער עיקר פאַרוואָס יידן ווייסן וועגן דעם אַזוי ווייניק.

וואָלטן יידן געוווּסט וועגן דער שיינקייט פון גליל, וועגן דער פּרוכטבאַרקייט פון זיין באָדן, אפשר וואָלטן זיי דעמאָלט נישט אַלע אַזוי געלאָפן דווקא קיין תל־אביב און איר אומגעגנט. וואָלטן אפשר אויך די שטעט פונעם גליל, טבריה און צפת, וואָס זייער שיינקייט איז דאָך אין לשער, און וואָס דער מילדער קלימאַט פון טבריה אין ווינטער און די קילקייט פון צפת אין זומער, זענען דאָך אַ שם־דבר — וואָלטן אפשר אויך זיי צוגעצויגן צו זיך נייע איניציאַטיוו־רייכע כוחות, וואָס זוכן אַן אינטע־

רעסאַנטן, נוצלעכן און צוקונפט־רייכן טעטיקייטס־געביט. און מען קען דאָרטן גאָר אַ סך אויפטאָן.

אין פאַרגלייך צו די אַנדערע טיילן פון לאַנד, איז אין גליל העליון די אַנטוויקלונג געווען גאָר אַ לאַנגזאַמע. יאָרן־לאַנג האָבן מיר דאָרטן געהאַט נאָר געציילטע פונקטן, וועלכע האָבן זיך קנאַפּ אַנטוויקלט. ראש פנה, יסוד המעלה, משמר הירדן, מחניים, מטולה — געגרינדעט נאָך ביים ערשטן באַגינען פון דער ניי־צייטיקער שיבת־ציון־באַוועגונג — אין די יאָרן 1882 — 1892. ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין יאָר 1917, זענען צוגעקומען עטלעכע נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־פונקטן — כפר־גלעדי, תל־חי, אילת השחר, און אויך מחניים וואָס מען האָט אין דער צווישן־צייט געהאַט פאַר־לאָזן, איז באַנייט געוואָרן. און ווידער איז געקומען אַ לאַנגע פּויזע פון אַ סך יאָרן און ערשט הארט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, (אַחוץ חולתה וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1936) האָבן אָנגע־הויבן צוצוקומען אין ווייטן צפון־טייל, אין דעם ענגן שטח וואָס צווישן סיריע און לבנון, אַ ריי ישובים. צוערשט די קבוצים דן און דפנה (ביידע אין מאי 1939), הארט לעבן דער סירישער גרענעץ, און עטלעכע חדשים שפּעטער עמיר, און שפּעטער אין 1940 שאר ישוב, בית הלל, שדה נחמיה. עטוואָס שפּעטער כפר סאלד (סוף 1942) און אָנהויב 1943 כפר בלום, און אויך מנרה (היינט רמים) לעבן דער לבנונער גרענעץ (1943); 1945 משגב עם, לעבן דער לבנונער גרענעץ; 1947 מעין ברוך, 1948 — הגושרים, לעבן דער סירישער גרענעץ.

אויף דער צווייטער זייט, הארט לעבן דער לבנונער גרענעץ, אָבער אין דעם ברייטערן שטח פון גליל, וואָס אויף דער מזרח־זייט ציט ער זיך פון דער חולה ביזן ים כנרת לענגויס דער סירישער גרענעץ, און פון דער מערב־זייט ציט ער זיך פון ראס־אל־נאקורא (ראש הנקרה) ביז עכו, לענג־אויס דעם מיטללענדישן ים־ברעג — האָבן מיר ווייניק אויפגעטאָן. נאָר איינצלנע פונקטן זענען געגרינדעט געוואָרן, לעבן דער לבנונער גרענעץ: חניתה און אילון אין 1938 און מצובה אין 1940, נישט ווייט פון ים־ברעג. שפּעטער, 1945, עברון נעענטער צו עכו, ביריה (1945) און עין זיתים (1946) אין צענטראַלן גליל, אין שכנות פון צפת, און רמות נפתלי (1945, קדש נפתלי) ווייטער אַרויף. אָט דער גאַנצער רייכער שטח, וואָס מען האָט אים

געוואָלט לויט דעם יו־ען־באַשלוס פון נאָוועמבער 1947 אַרויסנעמען פון דער יידישער מדינה, און וואָס ער איז איצט אינגאַנצן אין מדינת־ישראל, וואַרט אויף ברייטער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט. נישטאָ איצט קיין שום שטערונג צו גרינדן דאָרטן נאָך אַ סך צענדליקער נייע יידישע ישובים.

אין יענעם ווינקל פון ראס־אל־נאקורא (ראש הנקרה) — ביים ים־ברעג און לענג־אויס דער לבנונישער גרענעץ, זענען צוגעקומען אַ גאַנצע ריי נייע פונקטן: גשר הזיו (1949); צהל (1949); בצת (1949); כפר ראש הנקרה (1949), יערה (1950), שומרה (1949) און אַנדערע. וועגן נייע פונקטן זע אויך ביים סוף פונעם קאַפּיטל.

ב

דער נאָענטסטער וועג פון תל־אביב אין גליל העליון פירט איבער חדרה, עפולה, טבריה. פון חדרה קיין עפולה גייט אַ נאָענטערער וועג איבער וואדי ערה (נחל עירון), אַ טאָל צווישן אַ קייט בערג. זינט סוף 1947 קען מען דעם וועג נישט באַנוצן. צוערשט אַראַבישע באַנדעס און שפּעטער דאָס עיראַקישע און עבר־הירדנישע מיליטער וואָס האָבן באַהערשט דעם וועג. מוז מען פאָרן מיט אַ צווייטן, לענגערן וועג, מיטן חיפהער שאָסיי ביז לעבן זכרון יעקב, און פון דאָרטן איבער וואדי מילק. לויטן וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט עבר־הירדן דאַרפן די לעצטע בקרוב באַפרייען דעם וועג איבער וואדי ערה און עס וועט ווידער זיין אָפן דער קירצערער וועג קיין גליל. אָבער אויך דער לענגערער וועג נעמט נישט מער ווי אַרום 4 ביז 4½ שעה רייזע מיטן אויטאָבוס פון תל־אביב ביז טבריה, מיט אַ קליינעם אויטאָ נאָך ווייניקער.

דער וועג חדרה־עפולה איבער וואדי ערה האָט באַדאַרפט ווערן פריי 7 וואָכן נאָכן חתמענען דעם וואָפנשטילשטאַנד מיט ירדן. דער וואָפנשטילשטאַנד איז געחתמעט געוואָרן דעם 3־טן אַפּריל 1949. אַ קורצע צייט שפּעטער איז דער וועג איבער וואדי ערה (נחל עירון) געעפנט געוואָרן.

פון עפולה פירן עטלעכע וועגן קיין טבריה. איבער נצרת, אָדער מיטן שאָסיי לעבן כפר תבור (אין שכנות פון בארג תבור — 588 מעטער). פון כפר תבור ווידער קען מען פאָרן קיין טבריה איבער סעדזשערא אָדער איבער יבנאל, עמק הירדן. וועלכן וועג מען זאָל נישט נעמען, פאָרט מען פאַרביי באַקאַנטע פּלעצער און מען געניסט פון דער שיינער לאַנדשאַפט.

מען שטויסט זיך אָפּט אָן אויף אַראַבער, וועלכע באַאַרבעטן דאָרטן זייערע פעלדער און זיצן אין זייערע דערפער. אין יענער געגנט זענען די אַראַבער נישט אַנטלאָפן. אויב מען פאָרט איבער נצרת זעט מען די פון פריער באַקאַנטע גאַסן. אויסערלעך האָט זיך דאָרט ווייניק געענדערט. אַראַבער האַנדלען און וואַנדלען געמיטלעך (מען האַנדלט דאָרטן אַ סך מיט פון סיריע, לבנון און עבר־הירדן אַריינגעשמוגלטע סחורות). אַלע גאַסן, אַמטן און געשעפטן האָבן איצט לעבן די אַראַבישע אויך העברעאישע (אַנשטאָט ענגלישע) אויפשריפטן. צבא הגנה לישראל היט די אָרדענונג אין דער שטאָט, און קיין שום קריסטלעך הייליקטום פון דער שטאָט איז נישט פאַרלעצט געוואָרן.

נצרת האָט געהאַט ביי דער ציילונג דעם 8־טן נאָוועמבער 1948 — 16994 איינוווינער. דעם 31־טן דעצעמבער 1956 — 23,000. נצרת האָט אויך אויפגענומען עטלעכע טויזנט אַראַבישע פּליטים. די באַפעלקערונג איז פאַרבליבן אַראַביש. קרוב צו 10 טויזנט מוסול־מענער; 6500 קאַטאָליקן; 4800 גריכיש־קאַטוילישע (אָרטאָדאָקסן) און אַנדערע. אויסערהאַלב דער אַראַבישער שטאָט, אויף די שכנות־דיקע בערג, האָט זיך סוף 1956 אָנגעהויבן בויען אַ מאָדערנע יידישע שכונה — קרית נצרת. סוף 1957 לעבן שוין אין דער שכונה 300 יידישע משפחות און עס זענען שוין אויסגעבויט אַ גאַנצע ריי וווין־הייזער, אויך פאַראַן אין דער שכונה אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס, וואָס די איינוווינער האָבן געשאַפן. 1796 אַראַבער פון נצרת זענען סוף 1957 מיטגלידער פון דעם פּראָפעסיאָנעלן סעקטאָר פון דער הסתדרות. זיי צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל און געניסן פון אַלע אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף (אויך קופּת־חולים — קראַנקן קאַסע), גלייך ווי אַלע מיטגלידער פון דער הסתדרות. 1110 פרויען פון די אַראַבער אין נצרת זענען אויך פאַרזיכערט מיט דער פולער פאַמי־ליען־הילף אין קופּת־חולים פון דער הסתדרות. צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער געניסן 6623 אַראַבער אין נצרת פון אַלע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות, גלייך מיט אַלע הסתדרות־מיט־גלידער.

נאָך היפּשלעך ווייט פון טבריה זעט מען שוין אין טיפן טאָל דעם ים כנרת און דאַן שפּעטער דאָס הערלעכע בילד פון דער שטאָט אינעם

טאָל. וויפיל מאָל און ווי אָפט מען זאָל נישט באַזוכן טבריה קען מען זיך גאָרנישט געגנוג אָנזעטיקן מיטן בילד פון אָט דער ווונדערבאַרער לאַנד־שאַפט. וואַסער און בערג און אַן אויסגעבענקטע רויקייט נאָכן הו־האַ פון תל־אביב און חיפה. פון די 4000 אַראַבער אין טבריה איז קיינער נישט פאַרבליבן. דער יידישער ישוב האָט זיך כמעט נישט פאַרגרעסערט. פאַראַן אַ 6000 יידן. סך־הכל אַרום 100 עולים־משפחות זענען צוגעקומען, צווישן זיי בעלי מלאכות וועלכע האָבן זיך שנעל און גוט איינגעאָרדנט. פאַראַן אַ סך ארבעט אין די שכנותדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין עמק הירדן. פריער האָט טבריה געפירט אַ לעבהאַפטן מסחר מיט עבר־הירדן און סיריע. טעגלעך פלעגן פאַרקערן אויטאָבוסן פון טבריה קיין דמשק און פון עבר־הירדן. איצט איז שוואַך אין מסחר.

טבריה אַנטוויקלט זיך צו אַ וויכטיקן קור־אָרט. היי־יאָר, הגם דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט, ערשט אָנהויב פעברואר (צוליב דער אומזיכערער לאַגע ביז דעמאָלט), האָבן פונדעסטוועגן ביז פסח אַרום 6000 געסט באַזוכט דאָס אָרט. פאַראַן גאָר אַ סך מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען די שטאָט און באַדייטנדיק צו פאַרגרעסערן איר באַפעלקערונג. אָבער יידן ווילן לעת עתה נאָר גיין קיין תל־אביב.

לויט דער ציילונג דעם 8־טן נאָוועמבער 1948, האָט טבריה געהאַט 5.566 איינוווינער. סוף 1955 — 16.800, סוף 1957 אַרום 19.500. דער צוּוואוקס איז בעיקר פון נייע עולים. דער בודזשעט־פאָרשלאַג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פאַרן יאָר 1958/59 איז 1,3 מיליאָן פונט. פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט האָט מען אינוועס־טירט זינט 1949 — $7\frac{1}{2}$ מיליאָן פונט. אין דעם קור־סעזאָן, דעצעמבער — אַפּריל, באַזוכן טבריה אַרום 20 — 25.000 געסט.

ג

אויב מען פאָרט פון טבריה אין גליל העליון (מען קען אויך פאָרן פון חיפה מיטן שאָסיי עכו־צפת), געניסט מען באַלד פונעם הערלעכן וועג וואָס פירט האַרט לעבן כנרת. באַלד נאָך טבריה זעט מען די קאָלאָניע מגדל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1910, אָבער זי האָט זיך נישט קיין סך אַנטוויקלט (ווייניקער ווי 300 איינוווינער). האַרט לעבן כנרת־ברעג ליגט דער באַזיץ פון לאָרד מעלטשעט און באַלד ווייטער ביים כנרת־ברעג די קבוצה גנוסר, וואָס איר קערן באַשטייט פון פריערע חברים פון הנוער

העובד. אָנהויב 1937 זענען זיי אַרויף אויפן באָדן און כמעט אָן וועלכן עס איז בודזשעט פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן (דער באָדן האָט געהערט צו פיק״א) אויפגעשטעלט אַ בליענדיקעווירטשאַפט, וואָס ציילט היינט־צו־טאָג איבער 350 נפשות. (אין 1957 — 547, צווישן זיי 291 קינדער אין עלטער ביז 15 יאָר). אַקעגנאיבער גנוסר, אויפן מזרח ברעג פון ים־כנרת, הגם עס איז אַ מרחק פון 12 קילאָמעטער, זעט מען עין־גב (אַרום 400 נפשות), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין זעלבן יאָר 1937, און וואָס האָט אויסגעהאַלטן אין לעצטן יאָר גאָר שווערע אָנגריפן און איז נישט אָפּגעטראָטן. לינקס פונעם שאָסיי זעט מען עטלעכע אַראַבישע דערפער, וואָס פלעגן פריער גורם זיין נישט ווייניק צרות. איצט זענען זיי ליידיק און האַלב צעשטערט. דער שאָסיי קיין ראש פנה הייבט זיך אָן דערווייטערן פונעם ים־כנרת און מען פאָרט כסדר באַרג־אַרויף. פון ביידע זייטן שאָסיי ווייטע באָדן־שטחים, נישט באַזעצטע. פאָרנדיק זעט מען פונדערווייטנס דעם הר־תבור פון איין זייט און דעם מיט שניי באַדעקטן חרמון (אין לבנון) פון דער צווייטער זייט. מען דערנענטערט זיך צו דער גרענעץ־וואַך אין דער מאַנדאַט־צייט, לעבן ראש־פנה. וואָס פון דאָרטן פירט דער וועג קיין ביירוט און דמשק, היינט איז נישטאָ קיין פאַרקער אין יענער ריכטונג.

מען פאָרט ווייטער, פאַרביי מחניים ביז אילת השחר, וואָס איז אַרום 40 קילאָמעטער פון טבריה. אין אילת השחר זענען געפירט געוואָרן שווערע קאַמפן און דאָס אָרט האָט אַ סך געליטן. אינמיטן דער קבוצה, לעבן קינדער־היים, ליגן די רעשטן פון אַ סירישן עראָפּלאַן, וואָס די פאַרטיידיקער פון דער קבוצה האָבן אַראָפּגעשאָסן בעת די קאַמפן. אינגאַנצן אַרום 7—8 קילאָמעטער פון אילת השחר, אין טאָל צו מזרח־זייט — משמר הירדן, די אַלטע מושבה (געגרינדעט 1890) וואָס די סיריער האָבן דעראָבערט אַ טאָג פאַרן ערשטן קאַמף־איבעררייס. פון די איינצלנע יידישע פונקטן וואָס דער בייזער גורל האָט זיי געפירט אין אַראַבישע הענט. אילת השחר דערהאַלט זיך שנעל פון די שווערע ווונדן, וואָס די קאַמפן האָבן איר געבראַכט. פונעם שאָסיי וואָס פירט ווייטער פון אילת השחר, לענג־אויס דער חולה, זעט מען פונדערווייטנס די גרויסע צעלטן פון די ישראל־דיקע, סירישע און יו־ען דעלעגאַציעס, וואָס פון די אונטערהאַנדלונגען וועגן וואָפנשטילשטאַנד. מען זעט אויך די חולה און דעם גרויסן שטח זומפּן וואָס

צוליב זיי ווערט פאַרשווענדט אַ סך וואַסער, וואָס איז אַזוי נייטיק אין ארץ־ישראל.

לפי דעם וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך דעם 20־טן יולי 1949, מיט סיריע, האָבן די לעצטע צוריק באַפרייט משמר הירדן. אַ געוויסער שטח אין יענעם ווינקל (דער געביט פון דרדרה), איז באַשטימט געוואָרן אינעם וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך אַלס דעמאַביליזירטע זאָנע, ביז צום שלום־אָפּמאַך. דער דאָזיקער געביט גרעניצט מיט דער חולה. באַנוצן די סיריער דעם פאַקט צו שטערן די חולה־אויסטריי־קענונגס־אַרבעטן, הגם די אַרבעט ווערט געטאָן אויף יידישן באָדן און פאַר יעדן איז קלאָר, אַז דאָס איז נישט קיין מיליטערישע אָפּע־ראַציע און ציווילע כוחות פירן אויס די אַרבעטן. דאָס איז די סיבה פון די אָפטע צוזאַמענשטויסן און דער שפּאַנונג אין יענעם ווינקל. מיט די אויסטריקענונגס־אַרבעטן פון דער חולה (5,5 קילאָמעטער לאַנג, 4,3 קילאָמעטער ברייט, אַרום דריטהאַלבן מעטער טיף), האָט מען אָנגעהויבן באַלד נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה. די אַרבעטן האָבן, מיט פאַרשידענע אונטערברעכונגען געדויערט 6 יאָר, און אָפּגעקאָסט 8 מיליאָן פונט. עס קומען דערמיט צו אַרום 60.000 דונאַם באָדן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער באַאַרבעטונג, וואָס 40.000 פון זיי האָט מען נאָך קיינמאָל לאַנדווירטשאַפטלעך נישט באַאַרבעט. אַחוץ דעם ווערן נוציק אַרום 56 מיליאָן קוביק־מעטער וואַסער, וואָס פריער האָבן זיי די חולה־בלאָטעס איינגעזאַפּט. בכלל איז דער חולה־געביט איינער פון די גרעסטע וואַסער־אוצרות אין לאַנד. שוין אין לעצטן יאָר האָט מען געקענט באַאַרבעטן 13.000 דונאַם באָדן, וואָס דער ווערט פון זייער גערעטעניש איז אַרום 1.650.000 פונט. עס האָט זיך, למשל, גוט איינגעגעבן דער פאַרזוך פון פאַרזייען רייז. מען האָט באַקומען, אַרום 400 קילאָ פון אַ דונאַם (אין ווייטן מזרח — 200 ; אין איטאַליע — 400 ; אין שפּאַניע — 550). מען האָט פאַרזייט 500 דונאַם און נאָכן איינגעגעבענעם פאַר־זוך וועט מען שוין איצט פאַרזייען 3000 דונאַם (אין גאַנצן לאַנד 5000). אין לאַנד פאַרברויכט מען 12 ביז 15 טויזנט טאָן רייז יער־לעך. דאָס הייסט, אַז עס איז פאַראַן אַן אָרט פאַר אַרום 40 טויזנט דונאַם רייז אויף צו דעקן דעם אייגענעם באַדאַרף. מען האָט

פאַרזייט געוויקסן פון וועלכע מען אַרבעט אויס פּאַרפומען, מענטאל אאז״וו. ווי אויך בוימוואָל. אין האַרבסט 1957 האָט אָנגע־הויבן דער פּראָצעס פונעם פאַרשווינדן פון חולה־ים. מען נעמט אָן, אַז אין יאָר תשי״ח וועט מען באַאַרבעטן אַ באַדייטנד גרעסערן שטח פונעם אויסגעטרוקנטן באָדן און דער ווערט פון דער גערע־טעניש וועט בערך פאַרטאָפּלט ווערן.

ד

מיר פאָרן ווייטער נישט מיטן שאָסיי וואָס פירט אינעם סאָמע צפונדיקן טייל פון גליל העליון — דן, דפנה און אַנדערע פונקטן פון איין זייט און מטולה, כפר גלעדי פון דער צווייטער זייט, נאָר מיר הויבן אָן אַריינפאָרן לינקס פונעם שאָסיי אין די בערג פון צענטראַלן גליל. אַן אויסערגעוויינלעך שיין בילד אַנטפּלעקט זיך דאָרטן פאַרן באַזוכער. מען זעט קלאָר דעם גאַנצן ריזיקן שטח, אָנגעהויבן פון משמר־הירדן — אילת השחר ביז דן — דפנה און די חולה אינמיטן. און עס קומט קלאָר צום באַוווסטזיין וואָס מען קען נאָך אַלץ אויפטאָן אין יענעם געבענטשטן געביט.

אין יאָר 1949 איז געגרינדעט געוואָרן אין ווייטן גליל, לעבן פריערן אַראַבישן דאָרף חלסה, 8 קילאָמעטער פאַר מטולה (דעם גרענעץ־פונקט מיט סיריע), אַ שטאָטישער ישוב — קרית שמונה (אויפן נאָמען פון די 8 געפאַלענע ביי דער פאַרטיידיקונג פון תל־חי אין מערץ 1920, וואָס די אַנפאַלער זענען געקומען פונעם דאָרף חלסה). סוף 1949 זענען געווען אין קרית שמונה 175 איינוואוינער, סוף 1957 איז די צאָל איינוווינער מער ווי 10.000. דער יאָר־בודזשעט פון דער אָרטיקער מועצה פאַרן יאָר 1958/59, איז 780 טויזנט פונט. 35 פּראָצעט דערפון זענען באַשטימט פאַר דערציונג־ און קולטור־טעטיקייט. 1750 קינדער באַקומען מיטאָג־עסן אין די שולן און קינדער־גאָרטנס.

מיר פאָרן אַזוי באַרג־אַרויף ביז דעם אָרט, וואָס די אַראַבער האַלטן אים פאַרן קבר פון יהושע בן־נון — נבי יושע און דאָן, ווייטער די פּאָליציי־סטאַציע, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען (היינט מצודת ישע). אַ ריזיקער בנין אויף אַ באַרג מיט אַ הערלעכן אויסבליק. מיט אַ יאָר צוריק זענען דאָרטן געפירט געוואָרן גאָר שווערע קאַמפן און די סימנים פון די קאַמפן

מערקט מען דייטלעך אינעם בנין. די אַראַבער האָבן געהאַלטן די פּאָליציי־סטאַציע און האָבן באַדראָט דעם פֿאַרקער פֿון ראש פּנה ביז מתולה. האָט די „הגנה" איבערגענומען די אויפֿגאַבע זיי צו פֿאַרטרייבן פֿון דאָרטן. אַ פּלמ"ח־אָפּטיילונג האָט איבערגענומען די געפֿערלעכע אויפֿגאַבע. און אין איינער אַ נאַכט, דעם 20־טן אַפּריל 1948, האָבן מיר דאָרטן באַצאָלט אַ טייערן קרבן — 22 פֿון אונדזערע בעסטע קעמפֿער, מיט זייער קאָמענדאַנט זענען געפֿאַלן. אַ געדענק־שטיין ביים פֿראָנט פֿונעם פּאָליציי־בנין דערמאַנט וועגן דעם שווערן קרבן.

פֿון מצודת ישע פֿירט אַ וועג, הגם זייער אַ שווערער, ווייטער אַרויף אין אויבערשטן גליל, צום ניי־געגרינדעטן קיבוץ יפתח (געגרינדעט אויגוסט 1948) און ווייטער צום קיבוץ רמים (מנרה), וואָס נישט ווייט פֿון כפר־גלעדי, אָבער וואָס דער צוגאַנג אַהין פֿון רמים איז גאָר שווער. כדאי צו באַזוכן רמים, ווייל, זעלטן האָט מען אַ געלעגנהייט צו זען אַזאַ וווּנדער־באַרע לאַנדשאַפֿט. מען פֿאָרט דאַן צוריק און מען פֿאַרנעמט זיך מיטן שאָסיי וואָס פֿירט צווישן די בערג אין צענטראַלן גליל. אַ לאַנגע צייט פֿאָרט מען לענגויס דער לבנונער גרענעץ. דער שאָסיי געהערט צו ישראל אָבער די פֿעלדער אויף איין זייט פֿונעם שאָסיי זענען שוין לבנון. זעט מען פֿון־צייט־צו־צייט די אַראַבער אויף דער לבנונער זייט, ווי זיי באַאַרבעטן די פֿעלדער אָדער גייען זייערע וועגן. איז טאַקע שווער אָפּצוהיטן אַזאַ גרענעץ און דער שמוגל בליט דאָרטן. מען פֿאָרט פֿאַרביי אַ גאַנצע ריי אַראַבישע, דרוזישע און טשערקעסישע דערפֿער. אין מאַנכע פֿון זיי, אָדער לעבן זיי, זענען שוין געגרינדעט געוואָרן יידישע ישובים און זיי דינען אַלס וויכטיקע זיכערקייטס־באַזעס און אַלס קאָלאָניזאַציע־פֿאַקטאָרן. מען פֿאָרט כסדר צווישן ריזיקע בערג און מען זעט קלאָר דעם עצמון־באַרג, דעם העכסטן באַרג אין מדינת־ישראל (1208 מעטער), פֿון דאָרט פֿירט אַ וועג איבער דער גאַנצער ברייט פֿון צענטראַלן גליל, איבער תרשיחה קיין נהריה צום ים־ברעג. מיר פֿאָרן אָבער קיין מירון און פֿון דאָרטן קיין צפֿת.

אין מירון האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַלץ אַזוי ווי אין די פֿריערע יאָרן. צפֿת האָט יאָ געליטן פֿון די קאַמפֿן. באַזונדערס דער אַראַבישער טייל. דאָס זעט מען באַלד ביים אַריינגאַנג אין שטאָט און שפּעטער אין דער שטאָט גופֿא. דאָס האָט אָבער נישט געמינערט די שיינ־

קײט פֿון דער שטאָט און איר סביבה און די גוטע סגולות פֿון איר קלימאַט. די אָפּרו־הײזער אויפֿן הר כנען, לעבן צפֿת, האָבן בכלל נישט געליטן. איצט קען מען אין שטאָט אַלץ װידער גוטמאַכן און נאָך באַדײַטנדיק אויס־ברײטערן און באַפּעסטיקן. מען מאַכט באַמיונגען אין דער ריכטונג, זײ גײען אָבער זײער לאַנגזאַם פֿאָרויס, צו לאַנגזאַם, און צפֿת װיל װאַקסן און װאַרט אויף אַ פֿיל שנעלערן טעמפּאָ.

אַפּריל, 1949.

אינעם באַפֿרײַאונגס־קריג האָבן מיר אין צפֿון געהאַט אַ פּילזײַטיקן פּײַנטלעכן פֿראָנט. אַ סירישער־פֿראָנט, אַ לבנונישער־פֿראָנט, עיראַ־קישע כחות און בעיקר די באַנדעס פֿון קאַוקאַדזשי. מיט לבנון זענען די קאַמפֿן געװען גאָר קורצע. זײ האָבן נאָר אײנמאָל געפּרוּװט צו אַטאַקירן אין דער געגנט פֿון רמות נפתלי, מיט אַרטילעריע און טאַנקען, האָבן אָבער באַקומען אַ געהעריקן ענטפֿער, פֿאַרלוירן אַרום 200 סאָלדאַטן, און מער נישט אָנגעגריפֿן. דערבײַ האָבן זײ פֿאַרלאָזן 14 דערפֿער (װאָס זײ האָבן צוריקבאַקומען נאָכן שליסן װאָפֿנשטיל־שטאַנד). דער גליל העליון איז ענדגילטיק אָפּגערײניקט געװאָרן פֿון די פֿײַנטלעכע כוחות אין האַרבסט 1948, באַלד נאָך די קאַמפֿן מיט מצרים אין דרום (אָקטאָבער 1948). דאָרט האָבן אָפּערירט די אַראַבישע גרופּן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון קאַוקאַדזשי. זײ האָבן זיך גערופֿן — „הירמוק״־פֿאַרמאַציע. נאָך אין חודש אַפּריל 1948, האָט מען אָפּגעשטױסן זײערע אָנגריפֿן אויף „משמר העמק״, שפּעטער האָט מען זײ אַרויסגעטריבן פֿונעם אונטערשטן גליל און צום סוף פֿונעם אויבערשטן גליל, װוּ זײ האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די בערג, לעבן דער לבנונישער גרענעץ. מען נעמט אָן, אַז די פֿאַרמאַציע פֿון קאַוקאַדזשי, האָט געצײלט אַרום 3000 סאָלדאַטן, צװישן זײ אויך אָנגעהעריקע פֿון פֿאַרשידענע רעגולערע מיליטער־פֿאָרמאַציעס פֿון די אַראַבישע לענדער.

אין יאָר 1951, איז צװישן רמים און כפר גלעדי געגרינדעט געװאָרן דער מושב עובדים — מרגליות. אין יאָר 1951 איז אויך געגרינדעט געװאָרן אַ נײַער קיבוץ — גונן, לעבן דער סירישער גרענעץ, אין שכנות פֿון דפנה, אין דער ריכטונג צו דער חולה. נאָך פֿריער אין

1949, איז געגרינדעט געוואָרן דער קבוץ גדות (הגוברים), אויך לעבן דער סירישער גרענעץ, אויף דער צווייטער זייט, ביי דער לבנונער גרענעץ זענען צוגעקומען זינט דעמאָלט אַ גאַנצע ריי יידישע פונקטן, צווישן זיי: דער קבוץ — מלכיה (1949); דער מושב עולים — דישון (1953); דער קבוץ — יראון (1949); דער קבוץ — בר־עם (1949); דער מושב עובדים — עלמא (1949); אַ מושב עובדים פון „הפועל המזרחי" — כרם בן זמרה (1949); אַ קבוץ אין סאסא און אַ מושב עובדים אין ספסופא, ביידע אין 1949. אָנהויב 1958 איז ביי דער לבנונער גרענעץ, צפון־מזרח פון בר־עם, געגרינדעט געוואָרן אַ יישוב דובב, אויפן נאָמען פון דוד בלאַך־בלומענפעלד און אויך אַ יישוב אבידום

בילד 64 : ישראל־דעלעגאַציע שרייבט אונטער דעם 3־טן אַפּריל 1949 דעם וואָפן־שטילשטאַנד מיט ירדן. פון רעכטס צו לינקס (זיצן) : סגן אלוף דן פיינער, סגן אלוף משה דייך, ראובן שילוח (דער פאָרזיצער פון דער דעלעגאַציע), שבתי ראָזען און יעקב שמעוני, אָפּטיילונג־לייטער אין אויסערן־מיניסטעריום (שמעוני, אַ געוועסע צייט ישראל־געזאַנדטער אין בורמאַ).

דער שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן

(קעגן דער יקרות־געפאַר)

א

מען דאַרף שוין היינט קיינעם נישט איבערצייגן, אַז דער יקרות אין לאַנד איז איינער פון אונדזערע גרעסטע שונאים, אַחוץ אפשר אַ קליי־נעם שיכט ספּעקולאַנטן, וואָס קלערן נישט וועגן די קאָנסעקווענצן דערפון פאַר דער מדינה און פאַר דער מעגלעכקייט פון אויפנעמען נייע עולים. דעריבער ווילן אַלע אַן ענדערונג. אַלע פילן, אַז עס פאָדערן זיך ראַדיקאַלע שריט; אָבער נאָר וויניקע האָבן אַ קלאָרע מיינונג, וועגן דעם וואָס עס דאַרפן זיין די ראַדיקאַלע שריט. כדי צו דערגרייכן עפּעס ממשותדיק אינעם קאַמף קעגן יקרות און איינפירן שפּאָרזאַמקייט, מוזן אָנגענומען ווערן דראַסטישע שריט, וואָס וועלן ארויפלייגן אויף אַ סך גרויסע באַגרע־ניצונגען. מוז מען פון פאָרויס רעכענען דערמיט, אַז יעדער פּלאַן און יעדע טעטיקייט אויף דעם געביט, וועט אויפגענומען ווערן מיט קריטיק.

פּרייזן זענען אין ארץ־ישראל שוין זינט אַ סך יאָרן גאַנץ הויך. דאָס האָט זיך גענומען דערפון וואָס מיר האָבן אַליין נישט געקענט פּראָ־דוצירן אונדזער באַדאַרף. האָבן מיר געמוזט אימפּאָרטירן לעבנס־מיטל און סחורות, וואָס האָבן פילפאַכיק איבערגעשטיגן דעם ווערט פון דעם וואָס מיר האָבן געקענט עקספּאָרטירן. די בריטישע אדמיניסטראַציע האָט נישט געקעמפט קעגן דעם. אָפטמאָל האָט זי אפילו פאַוואָריזירט דעם אימפּאָרט — ערשטנס, כדי צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון צאָל, והשנית, כדי צו פאַרגרעסערן אונדזערע קניות אין ענגלאַנד. אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, ווען דער באַדאַרף איז כסדר געשטיגן און דאָס ברענגען לעבנסמיטלען און סחורות פון אויסלאַנד, איז כסדר געוואָרן טייערער, זענען די פּרייזן געשטיגן אָן אויפהער. דער ווערט פונעם געלט איז געפאַלן. אין

די ערשטע חדשים פון אונדזער זעלבשטענדיקייט, זענען צענדליקער טויזנ־טער אינדוסטריע־ און לאַנד־אַרבעטער געווען ביים מיליטער און נישט געקענט פּראָדוצירן. די באַדערפענישן זענען צוליב דעם קריג און דער מאַסן־עליה שטאַרק געוואַקסן, איז דער אונטערשיד צווישן דעם וואָס מען האָט פּראָדוצירט אין לאַנד און דעם באַדאַרף נאָך אַ סך גרעסער געוואָרן — און דערפון דער יקרות.

אין די 12 חדשים יולי 1948 — יוני 1949 האָט מען אימפּאָרטירט פאַר 61,2 מיליאָן פונט. אין דורכשניט אויף יעדן יידישן איינוווינער 78 פונט, אַנשטאָט 45 פונט אין יאָר 1947. דער עקספּאָרט אין יאָר 1949 האָט קוים דערגרייכט 11,7% פונעם אימפּאָרט. אין יאָר 1957 האָט דער עקספּאָרט דערגרייכט בערך אַ דריטל פונעם אימפּאָרט.

ב

דער יקרות איז פאַר אונדז אַ גרעסערע געפאַר ווי פאַר אַנדערע לענדער. מיר דאַרפן אונדזער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט ערשט אַנטוויקלען. און דאָס קען געטאָן ווערן נאָר, אויב מיר וועלן באַקומען פון אויסלאַנד גאָר גרויסע מיטלען — נאַציאָנאַלע און פּריוואַטע. אויב דער יקרות האַלט אָן, קען מען מיט די נאַציאָנאַלע מיטלען וואָס מיר באַקומען אויפטאָן אַ סך וויניקער — און אויך פּריוואַטע מיטלען קומען דעמאָלט פיל וויניקער. מיר קענען אָבער נישט וואַרטן מיט דער אַנטוויקלונג פון אונדזער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, ווייל טאָג־טעגלעך קומען אָן נייע עולים — און מיר האַלטן זיך דאָך ווייטער ביי דער שיטה פון כן ירבו. די נייע עולים פאַרגרעסערן דעם באַדאַרף פון לעבנסמיטלען און סחורות און זיי דאַרפן האָבן אַרבעט, וווינונגען, סאָציאַלע דינסטן, דערציונגס־אַנשטאַלטן אאז״וו. ביי אַ צושטאַנד פון יקרות איז די דערפילונג פון די אַלע נויטן שווערער ווי געוויינלעך. איינער פון אונדזערע באַהאַוונטע ווירט־שאַפטלער, דער פאַרטרעטער פונעם פינאַנץ־מיניסטער, דוד האָראָוויץ, (זינט אָנהויב 1956 דירעקטאָר פון דער בנק ישראל — מלוכה־באַנק). האָט לעצטנס קלאָר געמאַכט, אַז אויף איינצואָרדענען איין עולה, דאַרף מען האָבן דורכשניטלעך לכל הפחות 2.500 דאָלאַר. זינט דער גרינדונג פון מדינת־ישראל ביז צום 25־טן אַפּריל 1949, זענען אַריינגעקומען אין לאַנד 210 טויזנט נייע עולים. האָבן מיר, לכן, באַדאַרפט האָבן 525 מיליאָן

דאָלאַר, כדי זיי איינצואָרדענען. מיר האָבן אָבער, פאַר דעם צוועק, נאָר באַקומען אַ קלײנעם טײל פון דער סומע.

דערפון נעמען זיך די גרויסע שוועריקייטן. די אויפנעם־לאַגערן פאַר עולים זענען איבערפילט אין אַזאַ מאָס, אַז מען קען דאָרטן שווער אָפּהיטן די כללים פון ריינקייט, אָרדענונג און באַקוועמלעכקייט; מען קען די עולים נישט אַזוי גיך איינאָרדענען ביי אַרבעט, און מיר זענען עדות פון דעמאָנסטראַציעס פון עולים־גרופּן, וואָס פאָדערן אַרבעט. פון די 210 טויזנט נייע עולים, האָט מען פאַר איבער 150 טויזנט באַוויזן צו באַזאָרגן דירות און אַרבעט. דער דאָזיקער פאַקט וואַרפט זיך נישט אין די אויגן און מען נעמט אים אָן אַלס״ אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. אָבער דער פאַקט וואָס בערך אַ פערטל פון זיי זיצן נאָך אין די עולים־לאַגערן און זענען נאָך נישט איינגעאָרדנט ביי אַרבעט, איז שטאַרק בולט, מען דער־מאָנט אים גאָר אָפט און ער דריקט שטאַרק אויף אַלעמען.

ג

דער שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן פון דער רעגירונג, וואָס ד״ר דב יוסף האָט דעם 26־טן אַפּריל פאָרגעשלאָגן אין דער כנסת, מיינט: איינפירן אַ סיסטעם, אַז יעדער זאָל קענען באַקומען דעם נויטיקן מינימום, און קיינער זאָל נישט קענען באַקומען מער. נישט אַרויפלייגן הויכע שטייערן אָדער הויכע צאָלן אויף גוטע שטאָפן, לוקסוס־אַרטיקלען, דעליקאַטעסן — נאָר בכלל אָפּשטעלן זייער אימפּאָרט און אפילו דאָס פּראָדוצירן זיי אין לאַנד, סיידן פאַר עקספּאָרט. אין זיין רעדע אין דער כנסת האָט דער פּרעמיער־מיניסטער ד. בן־גוריון געזאָגט: דאָס מיינט אַראָפּדריקן די עקזיסטענץ־קאָסטן. די רעגירונג וועט באַשטימען, וואָס דאַרף זיין דער שפּייז־צעטל פון אַ פאַמיליע — און קיינער וועט נישט קענען באַקומען מער: די רעגירונג וועט באַשטימען וועלכע קליידונג, מעבל, הויז־כלים אאז״וו, יעדער איינער דאַרף באַנוצן. די רעגירונג וועט באַשטימען די מאַקסימאַלע פּרייזן. מען וועט קאָנטראָלירן די פּרייזן פון האָטעלן, רעסטאָ־ראַנען, קאַפע־הייזער, טראַנספּאָרט אאז״וו — מיטן צוועק, אַז אַלץ זאָל ווערן ביליקער. דער מינימום וואָס די רעגירונג וויל באַשטימען, איז ענלעך צו דעם, וואָס עס איז באַשטימט געוואָרן אין ענגלאַנד אין יאָר 1944 און איז, לויט דער מיינונג פון פאַכלייט, פולשטענדיק גענוג. מען קען, זאָגט מען,

ביי אַזאַ פּלאַן איינשפּאָרן אַרום 12 מיליאָן פונט אַ יאָר נאָר אויף דעם געביט פון באַנוצן שפּייז־פּראָדוקטן.

פאַר יעדן איינעם איז קלאָר, אַז אַזאַ פּלאַן קען מען נאָר פאַרווירקלעכן, אויב די באַפעלקערונג היט אָפּ די מאַקסימאַלע דיסציפּלין ביים אויספירן די אָנווייזונגען; ווען זי וועט העלפן מיט אַלע כוחות באַקעמפן יעדע פאָרם פון שוואַרצן מאַרק. און דאָ איז טאַקע דער שוואַכער פונקט פון דעם פּלאַן, פונקט אַזוי ווי מיט אַלע ביזאַיצטיקע מאָסנאַמען פון רעגולירונג אויפן געביט פון שפּייז־און סחורות־פאַרזאָרגונג.

דער דאָזיקער ישוב וואָס איז גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות, ווען דאָס לאַנד איז אין אַ געפאַר, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ וווּנדערבאַרע דיסציפּלין, מוט און אויסדויער־קראַפט אין די שווערע טעג פון באָמבאַרדירונגען און קאַמפן, האָט ביז איצט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום דיסציפּלין און ווילן פון קאָאָפּעראַציע מיט דער רעגירונג אינעם קאַמף קעגן יקרות. מען באַשטימט, למשל, אַ פּרייז פאַר פליייש, די קצבים באַקומען צוגעטיילט פליייש פאַר אַלע זייערע קונים צו אַ באַשטימטן פּרייז — זיי פאָדערן אָבער אין פאַרשידענע פאָרמען אַ העכערן פּרייז, אָדער דער עולם באַקומט פון זיי נישט דעם קוואַנטום וואָס ער דאַרף באַקומען און קיינער וועט נישט גיין וועגן דעם מעלדן דער פּאָליציי. און אַזוי איז דער מצב אויף אַלע געביטן. עס איז טיף איינגעוואָרצלט דאָס געפיל פון אומווילן צו „מסרן" אַ ייד. מען פאַרגעסט דערביי, אַז איצט זענען דאָך לגמרי אַנדערע באַדינגונגען, און ס'איז גאָר נישטאָ קיין פאַרגלייך מיט דער צייט, ווען דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך ביי יידן אַזוי טיף איינגעוואָרצלט. זענען תמיד פאַראַן מענטשן, וואָס מיסברויכן מיט די דאָזיקע געוווינהייטן. זיי נעמען העכערע, נישט אָפיציעלע פּרייזן, גיבן די קונים אַ קלענערן קוואַנטום, ווי זיי באַקומען פאַר די קונים און שאַפן אַ שוואַרצן מאַרק פאַר זייער אייגענעם נוצן. ביי יעדער געלעגנהייט, ווען די רעגירונג וויל אָננעמען ענערגישע שריט קעגן אַזעלכע פּרייז־טרייבער, אָדער קעגן ענלעכע עלעמענטן — געפינען זיי תמיד מליצי־יושר און אַפילו פּאַרטייען, וואָס נעמען זיך אָן פאַר זיי (אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט: די רעגירונג האָט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן 121 פּאָליציאַנטן, ווייל זיי האָבן זיך בעת דעם מאַנדאַטרעזשים נישט פּאַסיק אויפגעפירט — און יעדער ווייסט דאָ, אַז עס זענען געווען אין דער פּאָליציי אויך יידן, וואָס האָבן דעמאָלט גענומען שוחד

און געטאָן אַנדערע „מעשים טובים״ — זענען איצט פאַראַן צייטונגען, וואָס אַטאַקירן דערפאַר די רעגירונג).

די מיניסטאָרן אין זייערע רעדעס אין דער כנסת, און אין דער פּרעסע, וואָס שטיצט דעם פּלאַן, האָבן שטאַרק אונטערגעשטראָכן די אַנטשיידנדיקע ראָל פונעם יישוב ביים פאַרזיכערן אַז דער גאַנצער פּלאַן זאָל זיך איינגעבן.

ד

די קריטיק פונעם שפּאָרזאַמקייט-געזעץ, בעת דעם ערשטן טייל פונעם וויכוח אין דער כנסת, איז אין אַלגעמיין נישט געווען אַזאַ שאַרפע ווי מען האָט לכתחילה גערעכנט. דאָס מיינט נאַטירלעך נישט, אַז דער פּלאַן האָט נישט קיין שוואַכע זייטן. יעדער פּלאַן פון דעם מין מוז האָבן שוואַכע זייטן, צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס אונדזער סיטואַציע איז אַן אויסעראָרדנטלעכע און קאָמפּליצירטע. עס קומט נאָך צו, אַז גראָד אַזוי ווי עס איז לייכט אויסצורעכענען די שוועריקייטן און אָנווייזן אויף פאַר־שידענע בלויזן, אַזוי איז שווער צו ברענגען אַנדערע עפעקטיווע פאָרשלאָגן, ווי אַזוי אַלץ שנעל צו ענדערן צום גוטן. האָבן אויך די אָפּאָזיציע־פאַר־טייען געמוזט זיין פאָרזיכטיק אין זייער קריטיק. דער פריערער האַנדלס־מיניסטער, פּ. בערנשטיין, האָט, למשל, פאָרגעשלאָגן, אַז אַנשטאָט באַגרע־נעצן דעם אריינפיר פון סחורות, זאָל מען, פאַרקערט, דערלויבן וואָס מער אַריינפירן סחורות, וועלן זיין אַ סך סחורות אין לאַנד און אַלץ וועט ממילא ווערן ביליקער. האָט אים דערויף באַלד געענטפערט דער באַקאַנטער ווירטשאַפטלער פון די פּראָגרעסיווע, ד״ר ה. פּערדער (זינט 1957, דירעקטאָר פון בנק־לאומי); כדי צו ברענגען אַ סך סחורות מוז מען דאָך האָבן אַ סך דעוויזן, און אונדזער הויפּט־שוועריקייט נעמט זיך דאָך טאַקע דערפון, וואָס מיר האָבן זיי נישט גענוג.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטענהעט, אַז די אַרבעטס־לוינען זענען צו הויכע. האָט מען דערויף אָנגעוויזן, אַז דער פאַקט וואָס דער פּרייזן־אינדעקס פאַרצייכנט נאָר די אָפיציעלע פּרייזן, בעת אין ווירקלעכקייט מוז מען צאָלן פאַר די פּראָדוקטן, און די אַרבעטער באַקומען זייער געהאַלט לויט דעם אָפיציעלן פּרייזן־אינדעקס, מיינט דאָך דאָס שוין ממילא אַ באַדייטנדיקע רעדוקציע פונעם לוין. דער פריערער לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער, א. ציזלינג האָט, אין נאָמען פון מפּ״ם, פאָרגעשלאָגן פאַרגרע־

סערטע הכנסה־ און פאַרמעגן־שטייערן און נאַציאָנאַליזירן דעם אימפּאָרט. זענען אָבער פאַראַן ערנסטע ספקות, אויב דאָס איז אַן עפעקטיווער וועג אין אונדזער לאַגע. די מיטלען, וואָס מיר מוזן האָבן אין די נאָענטסטע יאָרן זענען פילפאַכיק גרעסער ווי דאָס גאַנצע פּריוואַטע פאַרמעגן וואָס איז היינט פאַראַן אין לאַנד. און מיר מוזן דאַך שאַפן באַדינגונגען, אַז נייע קאַפּיטאַלן זאָלן אַריינקומען. פאַראַן אויך אַ פאָרשלאַג פון אַ ספּעציעלן איינמאַליקן שטייער פאַר עליה־צוועקן.

אינעם יאָר־בודזשעט 1949/50 איז פאַראַן אַ באַזונדערע פּאָזיציע — מס קליטה, איין און דרייפערטל מיליאָן פונט.

עס איז כמעט זיכער, אַז די כנסת וועט דירעקט אָדער אומדירעקט אַקצעפּטירן דעם פון דער רעגירונג פאָרגעשלאָגענעם שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן. די אַלגעמיינע ליניע פונעם פּלאַן וועט זיכער פאַרבלייבן. די רעגירונג באַטראַכט איצט דעם קאַמף קעגן יקרות און דאָס שאַפן מעגלעכקייטן פאַר עליה־איינאָרדענונג, פאַר איר וויכטיקסטער און דרינגנדיקסטער אויפגאַבע. דער מיניסטער דוב יוסף האָט גרויסע פאַרדינסטן ביים אָרגאַניזירן די ראַציאָנעלע שפּייז־פאַרטיילונג אין ירושלים אין די שווערע חדשים פון די קאַמפן און דער באַלאַגערונג. נעמט מען אָן, אַז ער וועט איצט, אויך אין לאַנד־פאַרנעם, מצליח־זיין.

לייכט וועט עס נישט זיין, און דער ישוב וועט מוזן נעמען אויף זיך אַ סך שוועריקייטן. די ערשטע רעאַקציע פונעם עולם, נאָך איידער די כנסת האָט באַשטעטיקט דעם געזעץ, איז געווען: אָנהויבן אין אַ שנעלן טעמפּאָ איינקויפן סחורות, וואָס מען וועט אפשר שפּעטער נישט קענען גענוג באַקומען. דער פּלאַן וועט אפשר אויך פירן צו אַ געוויסער פּראָדוק־ציע־פאַרקלענערונג אין ווירטשאַפט־צווייגן וואָס מען וועט האַלטן אַז מען קען איצט אויסקומען אָן זיי. דער פּלאַן איז אָן ספק פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן און טראָגט אויך אין זיך געוויסע געפאַרן. מען קען אָבער נישט וואַרטן לענגער און זיך פּאַסיוו צוקוקן צו דער פאַטאַלער אַנטוויקלונג פון וואַקסנדיקן יקרות.

תל־אביב, 29־טן אַפּריל 1949.

די אויספירונג פונעם שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן איז געלעגן אין די הענט פונעם באַזונדערן מיניסטעריום פאַר פּראָדוקטן־פאַרזאָרגונג און־

צוטײלונגען. די רעזולטאַטן זענען נישט געווען קײן שלעכטע. דער אַלגעמײנער פּרײַזן־אינדעקס, וואָס איז אין אַפּריל 1949 שוין געווען 371 פּונקטן, איז ביז פעברואַר 1950 געפאַלן מיט 52 פּונקטן. דאָס האָט אפילו אין דער צווישן־צײַט געפירט צו אַ רעדוקציע פון דער יקרות־הוספה, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אַרבעטס־לוין (וועגן דעם אין אַ ווײַטערדיקן קאַפּיטל: „געפאַלן דער פּרײַזן־אינדעקס". אין זײַן רעדע אין דער כנסת, סוף אָקטאָבער 1949, 6 חדשים נאָכן אײַנפירן דעם ! שפּאָרזאַמקײט־פּלאַן, האָט ד. בן־גוריון אויפגעצײלט אַ רײ דערגרײכונגען, וואָס די אַדורכפירונג פונעם פּלאַן האָט געבראַכט: די יקרות־כוואַליע איז געבראָכן; מען וואָרצלט־אויס הפקרות אינעם עקאָנאָמישן לעבן, איבערגעטריבענע און ספּעקולאַציע פאַרדינסטן; אַן אָנזעעוודיקע פאַרביליקונג פון אַ רײ וויכטיקע שפּײַז־פּראָדוקטן און סחורות; די פאַרקלענערונג פון דער יקרות־הוספה וועט פאַרווענדט אינגאַנצן כדי צו פאַרביליקערן די פּראָדוקטן; עס זענען ביליקער געוואָרן נישט נאָר שפּײַז־פּראָדוקטן, נאָר אויך קלײדונג, מעבל אאז"וו. אַ פאַרגלײַכונג צווישן די פּרײַזן אין מערץ 1950, אַנטקעגן די פּרײַזן אין מערץ 1949, ווײַזט אויף אַ באַדײַטנדיקער פאַרביליקונג פון אַ סך שפּײַז־ און אַנדערע וויכטיקע אַרטיקלען. גלײַכצײַטיק איז אָבער אין אַ סך קרײַזן געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן די רעגולאַציע־מאָסנאָמען פון דער רעגירונג אויף דעם געביט, און דער אמת איז, אַז די באַפעלקערונג האָט זײער אומווילִיק זיך באַצויגן צו די רעגולאַציע־באַשטימונגען און מאָסנאָמען, הגם דאָס איז געטאָן געוואָרן פון איר טובה וועגן. ווען עס איז געקומען אין אָקטאָבער 1950 צום רעגירונגס־קריזיס האָט מען ביי דער בילדונג פון דער נײַער רעגירונג אָפּגעשאַפט, דאָס באַזונדערע מיניסטעריום פאַר דעם צוועק. די פונקציעס האָט מען איבערגעגעבן דעם מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע, וואָס איז פריער געווען אין די הענט פונעם פינאַנץ־מיניסטער. אינעם האַנדל־ און אינדוסטריע־מיניסטעריום האָט מען נישט פאַרגעזעצט די שאַרפע רעגולאַציע־מאָסנאמען פונעם פריערן מיניסטעריום פאַר פּראָדוקטן־פאַרזאָרגונג און צוטײלונגען.

די זיבעטע הסתדרות־קאָנפערענץ

1) עקאָנאָמישע און פראפעסיאנעלע פראַגן

א

קאָנפערענצן פון דער הסתדרות האָבן תמיד אַרויסגערופן אַ סך אויפמערקזאַמקייט און נישט נאָר אין די אַרבעטער־קרייזן. דאָסמאָל איז דער אינטערעס נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע קאָנפערענץ אין מדינת־ישראל. יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז די באַראַטונגען און באַשלוסן פון דער הסתדרות, וואָס איז געווען אַזוי דאָמי־נירנדיק אינעם קאַמף פאַר אונדזער זעלבשטענדיקייט און ביי דער בילדונג פון דער יידישער מדינה, האָבן אַ וויכטיקע השפעה אויף די האַנדלונגען פון דער ישראל־רעגירונג. 70 פון די 120 דעפוטאַטן פון דער כנסת, זענען מיטגלידער פון דער הסתדרות. די וויכטיקסטע פאַרטיי פון דער רעגי־רונגס־קאָאַליציע, מפא״י, איז די מערהייט־פאַרטיי פון דער הסתדרות. זי האָט געהאַט ביי דער קאָנפערענץ 287 פון די 501 דעלעגאַטן. די ערשטע פאַרטיי פון דער רעגירונגס־אָפּאָזיציע אין דער כנסת, מפ״ם, איז די צווייטע פאַרטיי אין דער הסתדרות און זי האָט געהאַט 176 דעלעגאַטן. יעדע מילדערונג אָדער פאַרשאַרפונג פון די אינערלעכע באַציונגען אין דער הסתדרות, שפיגלט זיך גלייך אָפּ אין דער כנסת אין די באַציונגען צווישן דער רעגירונגס־קאָאַליציע און דער אָפּאָזיציע.

עס איז נאָך צוגעקומען, וואָס אין די לעצטע וואָכן האָט די רעגירונג אָנגעהויבן אַן ענערגישע טעטיקייט, כדי איינצוצוימען דעם כסדר שטייגנ־דיקן יקרות אין לאַנד, וואָס טראָגט אין זיך אַזוי פיל געפאַרן פאַר דער מדינה. די רעגירונג וויל איינפירן אַ סיסטעם פון שפּאָרזאַמקייט, פרייז־קאָנטראָל און פאַרגרעסערטער אייגן־פּראָדוקציע. יעדער פאַרשטייט, אַז דאָס איינגעבן זיך פון דעם פּלאַן, איז אַ סך אָפּהענגיק פון דער מאָס הילף, מיט וועלכער די אַרבעטער וועלן אוטערשטיצן, אויף דעם געביט, די

פלענער פון דער רעגירונג. אויך אין דער פראַגע פון אויפנעמען און איינאָרדענען די איצטיקע גרויסע מאַסן־עליה, איז די הסתדרות אַ גאָר וויכטיקער פאַקטאָר. די רעגירונג דאַרף דערביי האָבן די פולע קאָאָפּעראַציע פון דער הסתדרות, און די הסתדרות שטרעבט צו דערגרייכן די מאַקסימאַלסטע אַקטיוויטעט פון דער רעגירונג אויף דעם געביט. איז דאָך די הסתדרות אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ די פאַרקעמפערין פאַר אַ וואָס ברייטערער מאַסן־עליה.

די דריי הויפּט־פּונקטן פון סדר־היום זענען געווען: א) עקאָנאָמישע און פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק פון דער הסתדרות; ב) עליה און איר איינאָרדנונג; ג) דער געווערקשאַפטן־אינטערנאַציאָנאַל. די ערשטע צוויי פּונקטן האָבן אַ גאָר ענגע פאַרבינדונג צווישן זיך. מען קען זיי אפילו רעכענען פאַר איין פּונקט. די האַנדלונגען אויפן ערשטן געביט האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף די מעגלעכקייטן, וואָס ווערן געשאַפן ביים רעאַליזירן די שווערע אויפגאַבע פון איינאָרדענען די פיל טויזנטער עולים, וואָס קומען איצט יעדן חודש אין לאַנד.

ב

פאַראַן קרייזן אין מדינת־ישראל, וואָס האָבן אַ פאַרטיקע תשובה ווי צו באַקעמפן די טייערונג: אַראָפּדריקן די אַרבעטס־לוינען, זאָגן זיי, און דאָס גאַנצע פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן. דאָס איז אַ קורצזיכטיקער און עגאָצענטרישער ענטפער. אמת, די אַרבעטס־לוינען זענען געשטיגן, אָבער די טייערונג איז אַ סך מער געשטיגן. אפילו לויט דעם פּרייזן־אינדעקס, וואָס נעמט נאָר אין אַכט די אָפיציעלע פּרייזן, און נישט די פּרייזן פון שוואַרצן מאַרק, זענען זינט 1939 די שפּייז־פּראָדוקטן כמעט פינף־פאַכיק געשטיגן, און די פּרייזן פאַר קליידונג מער ווי זיבן־פאַכיק. ריכטיק איז אַז דער לעבנס־ניוואָ פון אַ טייל אַרבעטער איז זינט 1939 עטוואָס געשטיגן. עס איז אָבער אויך ריכטיק, אַז אַ גרויסער טייל אַרבעטנדיקע באַקומען היינט־צו־טאָג פאַרן הויכן לוין ווייניקער פּראָדוקטן ווי פריער פאַרן נידעריקן לוין. די טייערונג ביים בויען אַ הויז, למשל, הייבט זיך גאָרנישט אָן ביים אַרבעטס־לוין, נאָר נאָך פריער ביים פּרייז פון בוי־פּלאַץ, ביים אויסאַרבעטן די בוי־פּלענער, ביים קויפן די בוי־מאַטעריאַלן אאז"וו. אויך דער פּרייז פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן איז נישט אָפּהענגיק פונעם פּרייז וואָס דער לאַנדווירט באַקומט, נאָר אין אַ גרויסער

מאָס פון טראַנספּאָרט־ און פּאַרמיטלערײ־הוצאות. אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה האָבן זיך אונטערנעמער און פּאַרמיטלער צוגעוווינט צו קאַלקולירן מיט אַ גאָר גרויסן פּראָפיט. מיר געפינען זיך לכן אין אַ פאַר־כישופטן קרייז. יעדער קרייז לייגט אַרויף די שולד פאַר דער טייערונג אויפן צווייטן, און ווייל אַז דער צווייטער זאָל צוערשט אַראָפּדריקן דעם פּרייז, אַנשטאָט קודם־כל צו זען וואָס ער אַליין דאַרף און קען טאָן.

מיר מוזן אַליין אַ סך מער פּראָדוצירן און אַ סך ווייניקער ברענגען פון אויסלאַנד. מיר זענען געווען עדות פון אַן ענלעכן פּראָצעס אין צוויי גרויסע, וויכטיקע לענדער, מיט גאָר קעגנזעצלעכע סאָציאַלע סיסטעמען — סאָוויעט־רוסלאַנד און ענגלאַנד. מען האָט איןביידע לענדער מיט ענערגיע און מיט שאַרפע מאָסנאָמען אדורכגעפירט דעם פּלאַן פון שטרענגער שפּאָרזאַמקייט, פאַרגרעסערטער אייגן־פּראָדוקציע און פאַרקלענערטן אימפּאָרט. און אין ביידע לענדער האָט עס זיך אַרויסגעוויזן פאַר וויכטיק און נוצלעך. ביי אונדז איז לעצטנס נאָך צוגעקומען אַ זאָרגפולע דערשיי־נונג: די פּראָדוקטיוויטעט אין געוויסע אַרבעטס־סעקטאָרן איז געזונקען. די אַרבעטס־מכשירים און מאַשינען זענען אַ לאַנגע צייט נישט באַנייט געוואָרן. מען האָט זיי צופיל באַנוצט און צו שנעל געוואָלט וואָס מער פאַרדינען, די נייע עולים האָבן זיך נישט אַזוי שנעל אַריינגעפּאַסט אינעם אַרבעטס־גאַנג. קען זיין, אַז די מלחמה־יאָרן האָבן בכלל געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף דער באַציונג צו דער מאָס פון פּראָדוקטיוויטעט.

צווישן די פיל מאָסנאָמען וואָס די ישראל־רעגירונג פּלאַנט, כדי צו ברעכן די טייערונג און פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, מוזן אויך פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט די פראַגן פון אַרבעטס־לוין און אַרבעטס־פּראָדוקטיווי־טעט. אויף די פראַגן האָט די הסתדרות־קאָנפערענץ געדאַרפט געבן אַ קאָנקרעטע תשובה.

ג

אין פּלוג, האָבן די פראַגן וואָס די הסתדרות־קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט נישט קיין דירעקטע שייכות דערצו, אויב מפ״ם נעמט יאָ אָדער נישט אָנטייל אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע. פונדעסטוועגן האָט דווקא די דאָזיקע פראַגע פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן אָרט ביי די קאָנפערענץ־באַראַטונגען. נישטאָ קיין צווייפל, אַז ווען מפ״ם איז יאָ אין דער רעגי־רונגס־קאָאַליציע, וואָלט מען אַ סך פראַגן באַהאַנדלט אין דער הסתדרות

מיט אַ סך ווייניקער ליידנשאַפט און מען וואָלט צווישן מפא״י און מפ״ם דערגרייכט אין אַ סך קאָנקרעטע ענינים אַ געמיינזאַמע שפּראַך. די פאָרשטייער פון מפ״ם לייקענען עס גאָרנישט. אמת, איז אויך, אַז זיי האָבן נישט געבראַכט קיין ווירקלעכן אַלטערנאַטיוון פּלאַן, נאָר זיי טענהען: ווען מיר זענען אין דער רעגירונג, וואָלט געווען מער זיכערקייט, אַז מען וועט נישט באַעוולען די אַרבעטער.

פאַרוואָס זענען זיי אָבער נישט אין דער רעגירונג? וועגן דעם האָט מען אויף דער קאָנפערענץ געהערט אַ סך רעדעס און אויפקלערונגען. אָבער אַלע אויפקלערונגען האָבן זיך בעיקר געדרייט אַרום פּראָצעדורעלע איינצלהייטן, בעת דעם גאַנג פון די קאָאַליציע־פאַרהאַנדלונגען, מיט דריי חדשים צוריק, וועגן די פּאָרטפעלן וואָס מען האָט מפ״ם יאָ אָדער נישט פאָרגעלייגט אאז״וו. קיינער פון מפ״ם האָט נישט געזאָגט, אַז צוליב פּרינציפּיעלע פראַגן האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע. שטייט דאָך דעריבער נאָך פיל שאַרפער די פראַגע: פאַרוואָס זענען זיי פאָרט נישט אין דער רעגירונג? פּרעסטיזש־פראַגן זענען זיכער אַ וויכטיקע זאַך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס האָט נישט קיין ווערט ווען איינער פּרעדיקט דעם צווייטן מוסר, פאַרוואָס ער איז נישט מותר אויף זיין פּרעסטיזש. מען האָט אָבער אויף דער הסתדרות־קאָנפערענץ באַקומען די איבערצייגונג, אַז מפ״ם האָט זיך אַליין אַריינמאַנעווורירט אין אַ זייער נישט באַקוועמער און געפערלעכער לאַגע, דערמיט וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע (לויט איר מיינונג, ווייל זי האָט נישט באַקומען יענע פּאָרטפעלן, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר דעם מינימום, וואָס זי דאַרף באַקומען). מפ״ם איז, ווי עס ווייזט אויס, אויך ווייטער גרייט אַריין אין דער רעגירונג. זי וויל עס אָבער דערגרייכן דערמיט, וואָס זייענדיק מחוץ דער רעגירונג, פירט זי אַ שאַרפע אָפּאָזיציע און אויף אַלע אָן אויסנאַם געביטן, אַז מען זאָל פריער אָדער שפּעטער מוזן נאָכגעבן אירע פאָדערונגען. זי נעמט נישט אין אַכט, אַז דאָס קען אַמאָל פירן צו אַ פאַרקערטן רעזולטאַט.

ליגט דערין אַ געפאַר סיי פאַר דער הסתדרות, סיי פאַר דער מדינה און סיי פאַר מפ״ם אַליין. פאַר דער הסתדרות און פאַר דער מדינה איז עס געפערלעך, ווייל עס האַנדלט זיך מכוח לעבנס־וויכטיקע ענינים, וואָס פאָדערן די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונג פון אַלע קאָנסטרוק־

טיוּר־חלוצישע כּוחות. און קיינער וועט נישט לייקענען, אַז אין די רייען פון מפּ״ם זענען פאַראַן טרייע שאַפערישע חלוצישע כּוחות. די געפערלעכ־קייט פאַר מפּ״ם אַליין באַשטייט אין דעם, וואָס אָט די שאַפערישע חלוצישע כּוחות ווערן טאָג און נאַכט געשפּייזט מיט אומצוטרוי און מיט נעגאַציע צו אַלעמען, וואָס עס זאָגט און וואָס עס טוט די ישׂראל־רעגירונג. קעגן איר ווילן געפינט זיך מפּ״ם פּלוצים אין געוויסע פראַגן אין פראָנט מיט די קאָמוניסטן, אַזוי ווי מיר האָבן עס געזען ביי דער לעצטער הסתדרות־קאָנפערענץ. און מיר וויסן דאָך, אַז מפּ״ם האַלט נישט פון דער מעגלעכקייט צו פעסטיקן אונדזער מדינה און פאַרווירקלעכן קיבוץ־גלויות מיט די ארץ־ישׂראל־קאָמוניסטן אַלס שותּפים.

ד

מיט די שטימען פון מפּא״י און פון די קליינע פּאַרטייען אין דער הסתדרות — העובד הציוני, העובד הדתי — האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן צו קאָאָפּערירן מיט דער רעגירונג אינעם קאַמף פאַר שפּאָרזאַמקייט, אינעם קאַמף קעגן דער טייערונג, פאַר פאַרקלענערן די פּראָפיטן, פאַר פאַרזיכערן אַלעמען די נויטוועדיקסטע פּראָדוקטן. דער באַשלוס האָט אין זיין אַריינ־פיר געזאָגט: „די הסתדרות זעט אַלס איר נאָענטסטע און צענטראַלע אויפגאַבע צו העלפן, אַז די ווירטשאַפט און די עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין מדינת־ישׂראל, זאָלן אין זייער וועזן און אַנטוויקלונג זיין צוגעפּאַסט צו די נויטן פון אויפנעמען די עליה. דעריבער וועט די הסתדרות שטיצן און העלפן פאַרווירקלעכן דעם עקאָנאָמישן פּלאַן פון דער רעגירונג. 294 דעלעגאַטן האָבן געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע. 159 דעלעגאַטן פון מפּ״ם האָבן געשטימט פאַר אַ קעגן־רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך דער־עיקר אָפּגעשטעלט אויף דעם פאַקט, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אַ רעגירונג אָן מפּ״ם, און אויף דער מסקנה, וואָס דער סאָציאַלער און פּאָליטישער מהות פון דער רעגירונג שטייט אין קעגנזאַץ צו די פאַרלאַנגען און באַדערפענישן פונעם אַרבעטער־קלאַס.

וועגן דעם עפעקט פון דעם שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן, זע די שלוס־באַמערקונג אין פריערדיקן קאַפּיטל: דער שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן.

מפּ״ם וואָלט עווענטועל אפשר מסכּים געווען צו קומען צו אַן איינהייטלעכן נוסח וועגן אַ גאַנצער ריי קאָנקרעטע ענינים, וואָס זענען

נוגע דער פּראָפעסיאָנעלער און עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער הסתדרות, אָבער בתנאי, מען זאָל נישט זאָגן קיין פּאָזיטיווע מיינונג וועגן דער רעגירונג־טעטיקייט און מען זאָל די באַשלוסן נישט פאַרבונדן מיט דער רעגירונג־איניציאַטיוו. מפא״י האָט דערצו נישט געקענט מסכים־זיין. האָט מען אויך אין די מערסטע אַנדערע פראַגן וועגן אַרבעטס־ביוראָען, אַרבי־טראַזש אאז״וו. אָפּגעשטימט און באַשלאָסן מיט אַ מערהייט.

די הסתדרות־קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן צו זוכן נייע וועגן, כדי צו שטאַרקן די פּראָדוקטיוויטעט אין די פאַבריקן און אין אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער. די הסתדרות וועט דערמוטיקן דאָס שאַפן פון פּאַריטע־טע פּראָדוקציע־קאָמיטעטן (פון די אַרבעטער און אַרבעטס־געבער), וואָס זאָלן אונטערזוכן די סיבות פון דער עווענטועל צוריקגעשטאַנענער פּראָ־דוקטיוויטעט און זוכן וועגן דאָס אויסצובעסערן; די רעגירונג זאָל קאָנ־טראָלירן און באַשטימען די הויך פון די פּראָפיטן און די קאַלקולאַציעס פון די אונטערנעמער. די באַשטימונג פונעם אַרבעטס־לוין פאַרבלייבט דער פּרעראָגאַטיוו פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. עס איז אָבער קלאָר, אַז די הסתדרות וועט אַ געוויסע צייט זיך צוריקהאַלטן מיט לוין־פאָדערונ־גען פאַר די אַרבעטער אין די העכערע לוין־שטאַפּלען, כדי צו געבן דער רעגירונג אַ שאַנס אַדורכצופירן איר קאַמף קעגן יקרות. אויב די רעגי־רונגס־אַקציע וועט זיך איינגעבן, און די לעבנס־קאָסטן וועלן אַנזעעוודיק פאַלן, וועט דאָך ממילא זיך העכערן דער לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער, הגם דער אַרבעטס־לוין וועט נישט שטייגן. די הסתדרות וועט אויך דער־מוטיקן נייע אַרבעטס־מעטאָדן: מינימום־נאָרמעס (פאַרזיכערנדיק אַ מיני־מום לוין) וואָס דאַרפן פּראָדוצירט ווערן און פּרעמיעס פאַר פאַרגרעסער־טער לייסטונג.

דער לעצטער באַשלוס, וואָס איז זינט יאָרן רעאַליזירט געוואָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד און לעצטנס אין די לענדער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד, איז איצט אין ארץ־ישראל שאַרף באַקעמפט געוואָרן פון מפ״ם און קאָמוניסטן. עס האָבן נישט גענוצט אַלע אַרגומענטן און אויפקלערונגען, אַז די פּראָדוקטיוויטעט מוז ביי אונדז פאַרגרעסערט ווערן. זייער ענטפער איז געווען, אַז אַזעלכע אַרבעטס־שיטות ווי נאָרמעס און פּרעמיעס קען מען נאָר באַנוצן אין אַ סאָציאַליסטישערווירטשאַפט. די מערהייט האָט נישט אָנגענומען די מיינונג פון מפ״ם. מפ״ם איז זיך טועה ווען זי עצהעט

די אַרבעטער נישט צו באַטראַכטן די ישראל־ווירטשאַפט אַלס איר אייגע־נע זאַך, וואָס אין איר שטאַרקונג און אַנטוויקלונג איז זי אַליין, די אַרבע־טערשאַפט, צום מערסטן פאַראינטערעסירט. די גרויסע מערהייט פון דער הסתדרות האָט עס באַשטעטיקט.

סוף 1957 זענען געווען 132 פּראָדוקציע־ראַטן (פון אַרבעטער און אַרבעטסגעבער) אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און נאָך 20 ענלעכע ראַטן אין אַנדערע פּראָדוקציע־צווייגן. די ראַט פון די אינדוסטריעלע־פּראָדוקציע־ראַטן האָט אַרומגענומען 27.000 אַרבע־טער. די ראַט פון אַרבעטס־לוין אין דער אינדוסטריע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם קוואַנטום פון דער פּראָדוקציע, האָט אַרומגע־נומען 25.000 אַרבעטער. די דורכשניטלעכע הויך פון די פּרעמיעס, וואָס די אַרבעטער האָבן דערגרייכט, איבערשטייגנדיק די אַרבעטס־נאָרמעס, איז געווען אַרום 23% פונט רעגולערן לוין.

2) די הסתדרות אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ארענע

די הסתדרות האָט אַ וויכטיקן אַנטייל אינעם שווערן געראַנגל, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געפירט אין דער וועלט, פאַר אונדזער פּאָליטישער אַנערקענונג און זעלבשטענדיקייט אין די לעצטע 20 — 30 יאָר. פאָרמעל איז די הסתדרות נישט קיין טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין איר קענען זיין מיטגלידער אויך נישט ציוניסטן. זינט 1940 צאָלט יעדער הסתדרות־מיטגליד אויך פאַר דעם ציוניסטישן שקל. מען באַפרייט אָבער פון דעם אָפּצאָל יעדן איינעם, וואָס מעלדט, אַז ער וויל נישט נעמען קיין שקל. איר טעטיקייט אויף דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרענע, האָט אָבער די הסתדרות תמיד געפירט אין קאָאָפּעראַציע מיט דער יידישער אַגענץ. עס איז קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, אַז די לעצטע זאָל זיך באַקלאָגן וועגן דער באַזונדערער, אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער הסתדרות. די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע איז געוואָרן נאָך שטאַרקער זינט דעם יאָר 1931, ווען דער טראַגיש אומגעקו־מענער ד״ר חיים ארלאזאראָוו, האָט איבערגענומען דעם פּאָליטישן דעפּאַר־טעמענט פון דער יידישער אַגענץ, און אין יאָר 1933 איז משה שרת (שערטאָק) געוואָרן זיין נאָכפאָלגער.

די פּילזייטיקע טעטיקייט פון דער הסתדרות במשך יאָרן, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, האָט אונדז געהאָלפן באַקומען פריינט צווישן די אַרבעטער־פירער אין אַ ריי לענדער. זיי האָבן אונדז אַ סך געהאָלפן אין דער אַנטשיידנדיקער שעה, בעתן פּאָליטישן קאַמף פאַר אונדזער זעלבשטענדיקייט. די פיינטלעכע בעווין־האַנדלונגען, אין די שווערסטע שעהען פון אונדזער קאַמף, ענדערן נישט דעם פאַקט, אַז די פריער פּאָזי־טיווע שטעלונג פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, האָט בשעתו פאַרלייכטערט אונדזער טעטיקייט אין אַ ריי אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אונדז געבליבן געטריי, אויך נאָכדעם ווי די בריטישע לייבאָר־פּאַרטיי, האָט אין 1945, איבערנעמענדיק די רעגירונג, אַזוי ראַדיקאַל געענדערט איר ארץ־ישראל־פּאָליטיק.

די פּאָליטישע ליניע פון דער הסתדרות אויף דער אינטערנאַציאָנאַ־לער אַרענע, האָט במשך אַ סך יאָרן נישט אַרויסגערופן אין דער הסתדרות קיין ערנסטע וויכוחים. די הסתדרות איז געווען פאַרבונדן מיטן אַמסטער־דאַמער געווערקשאַפטן־אינטערנאַציאָנאַל, און הגם אַלע יאָרן האָט אויך עקזיסטירט דער מאָסקווער געווערקשאַפטן־אינטערנאַציאָנאַל, איז קיינמאָל נישט אויפגעשוואומען די פראַגע, פאַרוואָס די הסתדרות איז דוקא פאַרבונדן נאָר מיטן אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. ביז דעם יאָר 1944 (ארום דער פראַגע וועגן אויפריכטן באַלד אַ יידישע מדינה), איז אויך נישט געשטעלט געוואָרן אין צווייפל די פראַגע פון קאָאָפּעראַציע און איינהייט־לעכקייט מיט דער פּאָליטישער ליניע פון דער יידישער אַגענץ.

ו

ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן, אין חודש פעברואַר 1945, דער נייער פאַרייניקטער געווערקשאַפטן־אינטערנאַציאָנאַל, מיטן אָנטייל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז די הסתדרות געווען צווישן די גרינדער און אָנטיילנעמער. אַחוץ דער אַלגע־מיינער וויכטיקער געשעעניש, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן איין וועלט־פעדעראַציע פון אַרבעטער, וואָס אין איר זענען אָרגאַניזירט איבער 60 מיליאָן מיטגלידער, איז פאַר די ארץ־ישראל־אַרבעטער געווען נאָך באַזונ־דערס וויכטיק דער פאַקט, וואָס דער גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער נייער וועלט־פעדעראַציע פון די געווערקשאַפטן האָט אָנגענומען אַ פּאָזיטיוון

ארץ־ישראל־באַשלוס: „צו דערמעגלעכן דעם יידישן פאָלק פאַרצווזעצן דאָס צוריקאויפבויען ארץ־ישראל אַלס זיין נאַציאָנאַלע היים, וואָס איז אַזוי דערפאָלגרייך אָנגעהויבן געוואָרן דורך עליה, לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג". באַזונדערס וויכטיק איז דערביי געווען, וואָס אויך די סאָוויעט־רוסישע דעלעגאַציע האָט געשטימט פאַר דעם באַשלוס. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פון דער ענדערונג אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק לגבי ארץ־ישראל. עס איז דאָך פאַר יעדן קלאָר געווען, אַז די סאָוויעטישע דעלעגאַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן, וועט נישט שטימען אין אַזאַ פראַגע אָן דער בפירושער הסכמה פון איר רעגירונג.

דער נייער געווערקשאַפטן־אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט תמיד זיך געשטעלט אויף אונדזער זייט. ביי דער וואַל פון דער עקזעקוטיווע, האָט מען מיט די שטימען פונעם פּראָ־סאָוויעטישן בלאָק אויסגעקליבן אל־אריס פון לבנון אַלס דעם פאַרשטייער פון נאָענטן מזרח און דעם פאַרשטייער פון דער הסתדרות — ב. לאָקער, נאָר אַלס זיין פאַרטרעטער, הגם פאַר יעדן איז דאָך געווען קלאָר, אַז די הסתדרות איז אַ סך אַ שטאַרקערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין נאָענטן מזרח. ביי די זיצונגען פונעם ראַט פון דער וועלט־פעדעראַציע אין יוני 1947, אין פּראַג, ווען מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק געגוויטיקט אין אַ קלאָרער פּריינציפּלעכער שטעלונג, האָבן מיר עס נישט געקענט דערגרייכן. דאָס האָט אָבער בשום־אופן נישט געענדערט די אַלגעמיין־פּאָזיטיווע באַציונג פון דער הסתדרות צו דער וועלט־פעדעראַציע פון די געווערקשאַפטן.

די איינהייט פון דער וועלט־פעדעראַציע, איז אין דער לעצטער צייט גאָר ערנסט דערשיטערט געוואָרן. אין מילאַן (איטאַליע) דאַרף פאַרקומען, בקרוב, דער צוזאַמענפאָר פון די טיילן, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער אַלטער וועלט־פעדעראַציע (די פּראָ־סאָוויעטישע), און אין זשענעווע (שווייץ) וועט פאַרקומען אַ צוזאַמענפאָר פון 17 געווערקשאַפט־צענטראַלעס (פון די לענדער פון דער מערב־העמיספער), וואָס האָבן פאַרלאָזן די וועלט־פעדעראַציע. ווייזט אויס, אַז אין דעם צוזאַמענפאָר אין זשענעווע וועלן אָנטיילנעמעןביידע גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון נאָרד־אַמעריקע. אין דער וועלט־פעדעראַציע געגרינדעט אין יאָר 1945 האָט זיך, ווי באַקאַנט, נאָר באַטייליקט איינע — די סי.אַי.או.

ז

עס איז אַ קורצזיכטיקער צוגאַנג צו דיסקוטירן וועגן דער פֿאָרמע־לער זייט פֿון דעם דורכפֿאַל פֿון ערשטן ערנסטן פּרוּוו פֿון אַרבעטער־אייניקייט אין דער וועלט, נאָך 25 יאָר שפּאַלטונג. עס איז נישט אינטערע־סאַנט ווער עס איז דער ערשטער אַרויס און ווער עס האָט געהאַנדלט קעגן די סטאַטוטן. אויב עמעץ איז אַרויס, איז וויכטיקער נאָכצוקלערן, אויב עס זענען נישט געווען קיין גורמים, וואָס האָבן אים דערצו געשטויסן. דווקא אין ארץ־ישראל, אין דער קורצער צייט פֿון אונדזער זעלבשטענדיקייט, האָבן מיר גוט געלערנט ווי דרינגנדיק נויטיק עס איז פֿאַר אַ דעמאָקראַ־טישער רעגירונג, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפֿט — די געווערק־שאַפֿטן — זאָלן מיט איר קאָאָפּערירן; אַז דער געווערקשאַפֿטלעכער קאַמף זאָל נישט ווערן קיין ווערקצייג אינעם פּאָליטישן קאַמף פֿון איין אַרבעטער־פּאַרטיי קעגן דער צווייטער. די הסתדרות באַדויערט אויפֿריכטיק די דראָענדיקע שפּאַלטונג. קודם־כּל אַלס אַרבעטער, ווייל יעדע צעשפּליטע־רונג שוואַכט אָפּ דעם כּוח פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. אָבער אויך אַלס יידן, אַלס בירגער פֿון מדינת־ישראל, וואָס ווילן שלום און זענען קעגן אַ פּאָלי־טיש־צעשפּאָלטענער וועלט, וואָס פֿאַרגרעסערט די סכּנה פֿון קריג. איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך איר רוף צו אייניקייט. ווי זאָל אָבער די הסתדרות האַנדלען, אויב איר רוף פֿאַרבלייבט אַ קול קורא במדבר? האָט די מערהייט פֿון דער הסתדרות געזאָגט: מיר מוזן האַנדלען לויט דער ליניע פֿון אונדזער אַלגעמיינער אויסערן־פּאָליטיק, עווענטועל אפֿילו אונטערדריקן סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס, זוכן אַ פֿאַרבינדונג מיט ביידע צדדים. דאָס מיינט אָנטיילנעמען אינעם קאָנגרעס אין מילאַן. אָבער אויך שיקן באָאַבאַכטער צו דעם ערשטן צוזאַמענקונפֿט פֿון די געווערקשאַפֿטן, וואָס קומען זיך צונויף אין זשענעווע. אונדזערע אייגענע אינטערעסן פֿאָדערן עס — און זיי דאַרפֿן באַשטימען (און דאָס איז אויך ביי יעדן אַנדערן פֿאָלק).

די ישראל־רעגירונג איז די גאַנצע צייט ביז גאָר אָפּגעהיטן איינ־צוהאַלטן דעם קאָנטאַקט און פֿריינטשאַפֿט מיט ביידע בלאָקן. דאָס שטערט אָבער נישט מפּ״ם, און ערשט רעכט נישט די קאָמוניסטן, צו טענהן, אַז די ישראל־רעגירונג איז איינזייטיק, צו שטאַרק פֿריינטלעך צו די לענדער פֿון מערב־בלאָק. אָבער יעדעס מאָל, ווען עס קומט צו אַ קאָנקרעטער פֿראַגע שלאָגן זיי פֿאָר אַן איינזייטיקע אַנטשיידונג אין דער ריכטונג פֿון

מזרח־בלאָק. דאָס זעלבע האָט זיך איצט איבערגעחזרט אין דער הסתדרות. מפ״ם און קאָמוניסטן האָבן פאָרגעלייגט צו טאַדלען די געווערקשאַפטן, וואָס האָבן פאַרלאָזן די וועלט־פעדעראַציע און נישט אָנערקענען אין קיין שום פאָרם דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס די „שפאַלטער״ וועלן אָרגאַניזירן אין זשענעווע.

ח

דער וויכוח אויף דער זיבעטער הסתדרות־קאָנפערענץ, איז דער צווייטער גרויסער וויכוח, וואָס איז געפירט געוואָרן אין דער הסתדרות, אויב זי זאָל זיך רעכענען אין אירע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען מיט דער אויסערן־פּאָליטיק — פריער פון דער יידישער אַגענץ און איצט פון דער ישראל־רעגירונג. אָנהויב 1944, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צום קאָנגרעס פון דער וועלט־פעדעראציע פון די געווערק־שאַפטן, וואָס האַלט זיך איצט ביים שפּאַלטן, איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער וויכוח: וואָס זאָל זיין דאָס פּראָגראַם מיט וועלכן די הסתדרות קומט צום קאָנגרעס. מפא״י האָט דעמאָלט געפאָדערט, אַז צווישן אַנדערע זאָל אויך זיין די פאָדערונג פון אַ יידישער מדינה. השומר הצעיר און לינקע פועלי ציון זענען געווען קעגן. אַ גרויסע מערהייט אין דער הסתדרות האָט דעמאָלט באַשטעטיקט די שטעלונג פון מפא״י.

ביי דער איצטיקער זיבעטער הסתדרות־קאָנפערענץ, איז נאָך פאַרן וויכוח וועגן אינטערנאַציאָנאַל, געקומען צו אַ דראַסטיש פּאָליטישן וויכוח. אינמיטן די באַראַטונגען וועגן דער עקאָנאָמישער און פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיק פון דער הסתדרות, איז אָנגעקומען די טעלעגראַפישע ידיעה, אַז די כינעזישע קאָמוניסטישע אַרמיי האָט פאַרנומען שאַנכיי. מפ״ם און קאָמוניסטן האָבן פאָרגעשלאָגן צו שיקן אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע צו דער קאָמוניסטישער אַרמיי. מפא״י איז געווען קעגן. נישט צוליב וועלכער עס איז סימפּאַטיע צום רעזשים, וואָס ברעכט איצט צוזאַמען אין כינע. אויך נישט ווייל מיר ווילן נישט קיין פריינטשאַפט און פאַרבינדונג מיט דעם נייעם רעזשים. אין כינע פירן זיך די אינערלעכע קאַמפן זינט יאָרן. מיר האָבן קיינמאָל קיין באַגריסונגען נישט געשיקט. שיקן דוקא איצט אַזאַ באַגריסונג קען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ סאָלידאַריזירונג מיט אַ באַשטימטן בלאָק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס עס איז קעגן דער ליניע פון דער ישראל־פּאָליטיק אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער

אַרענע. דערצו קומט נאָך, וואָס הגם נישט האָבנדיק קיין שום געפיל פון שותפותדיקייט און סימפּאַטיע צום רעזשים, דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן, אַז די אַלטע כינעזישע רעגירונג האָט בעת די היטלער־רדיפות געעפנט אירע טויערן פאַר די פאַרפאָלגטע יידן; זי האָט דערמעגלעכט די יידן אַרויסצופאָרן פון כינע, מיט זייער האָב־און־גוטס קיין ארץ־ישראל; זי איז געווען די ערשטע מדינה אין אַזיע וואָס האָט אָנערקענט ישראל און האָט געשטימט אין דער יו־ען פאַר אויפנעמען ישראל, הגם, בעת דער אָפּשטימונג אין יו־ען וועגן אויפריכטן די יידישע מדינה, האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען — טאָרן מיר אויך אַזעלכע זאַכן נישט פאַרגעסן. די מערהייט פון דער הסתדרות האָט אָנערקענט פאַר ריכטיק די מיינונג פון מפא״י און באַשלאָסן אַראָפּנעמען פונעם סדר־היום דעם באַגריסונגס־פאָרשלאָג.

אין יאַנואַר 1950 האָט מדינת־ישראל אָנערקענט די כינעזישע פאָלקס־רעפּובליק. ביז סוף 1957, האָט די לעצטע נישט אָנגעקניפּט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט ישראל. הגם, אין פעברואַר 1955 האָט באַזוכט אין פּעקינג אַ דעלעגאַציע פון גוטן־ווילן פון מדינת־ישראל.

אין דעם וויכוח אַרום דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געשאַפן אַן איינהייטלעכקייט צווישן מפ״ם און קאָמוניסטן. זיי האָבן אַריינגעטראָגן אַ געמיינזאַמע רעזאָלוציע: טאַדלען די געווערקשאַפטן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די וועלט־פעדעראַציע; די הסתדרות פאַרבלייבט געטריי דער וועלט־פעדעראַציע; די הסתדרות וועט אין קיין שום פאָרם נישט אָנערקענען די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט געשאַפן פון די „שפּאַלטער". די באַגרינדונג איז געווען: די מיוחסדיקע געווערקשאַפטן ווילן נישט זיין צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון די קאָלאָניאַלע פעלקער; זיי שפּאַלטן דעם אינטערנאַציאָנאַל צוליב פיינטשאַפט צו סאָוויעט־רוס־לאַנד; עס איז נישט ריכטיק, אַז דער געווערקשאַפטן־אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן אַ פּאָליטיש ווערקצייג אין די הענט פון די קאָמוניסטן. די רעדנער פון מפא״י האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז דער קאָמוניסטישער צד טראָגט אַ היפּש ביסל שולד אין דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן; עס וועט נישט זיין קיין אַרבעטער־איינקייט, אויב די קאָמוניסטן ווילן נאָר דעמאָלט אָנערקענען די איינקייט ווען אַלע זענען מסכים מיט זיי; די

פאַרבינדונג מיט 15 מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַמעריקע און די הילף וואָס מדינת־ישראל האָט אין שווערע טעג באַקומען פון אָט דעם וויכטיקן כוח, איז פאַר דער הסתדרות נישט קיין קלייניקייט; מען קען נישט פירן קיין צוויי פאַרשידענע פּאָליטישע ליניעס — איינע אין לייק־סאַקסעס און איינע אינעם געווערקשאַפטן־אינטערנאַציאָנאַל. אונדזער מדינה קען זיך דאָס אוודאי און אוודאי נישט דערלויבן. אין דער אָפּשטי־מונג האָבן 264 דעלעגאַטן געשטימט פאַרן פאָרשלאַג פון מפא״י; 162 פאַרן בשותפותדיקן פאָרשלאַג פון מפ״ם און קאָמוניסטן.

די הסתדרות האָט באַשלאָסן, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, אָנטייל־צונעמען אינעם צוזאַמענפאָר פון דער וועלט־פעדעראַציע אין מילאַן און שיקן באַאָבאַכטער צו דער קאָנפערענץ אין זשענעווע. וועגן איר ענדגיל־טיקער שטעלונג וועט די הסתדרות באַשליסן ערשט נאָך דיביידע צוזאַמענ־פאָרן. אין דער רעזאָלוציע וועלכע דריקט אויס צער און אומרויקייט צוליב דער געשפּאַלטנער לאַגע און אַ רוף צו איניקייט, ווערט אויך געזאָגט: „נאָר אַן איינהייטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין יעדן לאַנד, און אַ פאַר־אייניקטע אַרבעטער־באַוועגונג אין גאַר דער וועלט, געבויט אויף מיינונגס־און געוויסן־פרייהייט, אויף דיסציפּלין וואָס דרינגט אַרויס פון פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, — נאָר זי וועט קענען דערפילן די גראַנדיעזע אויפגאַבע פון באַפרייען די פעלקער פון קריגס־געשפּענסט און באַפרייען דעם אַרבע־טער־קלאַס פון אויסנוצונג און פאַרשקלאַפונג".

תל־אביב, אָנהויב יוני 1949.

אין יאָר 1954 האָט די הסתדרות זיך אָנגעשלאָסן אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָנפעדעראַציע פון די פרייע געווערקשאַפטן. סוף 1957 זענען פאַרבונדן מיט דער קאָנפעדעראַציע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס פון 49 לענדער און זי ציילט אַרום 60 מיליאָן מיטגלידער.

די כנסת אין איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט

(וועגן יסודות פון דער געזעצגעבונג)

א

די כנסת איז פּאָפּולער און באַליבט. אפשר צוליב דעם ווייל עס איז נאָך אַ נייע זאַך און זי פּערזאָניפיצירט אין אַזאַ בולטער פאָרם אונדזער זעלבשטענדיקייט. ווי עס זאָל נישט זיין, אַ פאַקט איז, אַז די כנסת האָט זיך אין אַ בערך קורצער צייט באַליבט געמאַכט ביי אַלע קרייזן אין לאַנד. פאַראַן שטענדיק מער בעלנים צו באַקומען גאַסט־קאַרטן צו די זיצונגען, ווי מען קען אַרויסגעבן; אין די טעג פון זיצונגען — און זיצונגען קומען פאָר רעגולער יעדן מאָנטיק, דינסטיק און מיטוואָך — פאַרזאַמלט זיך תמיד אַן עולם פאַרן כנסת־בנין; די צייטונגען ברענגען אויספירלעכע באַריכטן פון די זיצונגען — און אויף דער ערשטער זייט; אויך צו די רעגולערע אַרבעטס־זיצונגען קומען די דעפּוטאַטן צאָלרייכער ווי עס איז אָנגענומען אין אַנדערע פּאַרלאַמענטן; בדרך־כלל קריטיקירט מען די כנסת נישט קיין סך, און אויב שוין יאָ, דאַן מיט באַזונדערער מילדקייט. אויך ווען זי מאַכט פעלערן און איז נישט שטאַרק עקאָנאָמיש מיט דער צייט. מיט איין וואָרט, לאָמיר זיך נישט שעמען אָפּן מודה צו זיין: מיר האָבן פשוט הנאה און זענען שטאָלץ פון דער עצם זאַך, וואָס מיר האָבן אַן אייגענעם, אמתן פּאַרלאַמענט. האָט דער עולם אפילו נישט קיין תרעומות, וואָס ער קאָסט אָפּ די מדינה 350 טויזנט פונט אַ יאָר.

אינעם ערשטן יאָר פון דער כנסת, האָט מען אַרויסגעגעבן 76.276 גאַסט־קאַרטן צו כנסת־זיצונגען; אין דעם פּרט פון צאָלרייכן קומען פון די דעפּוטאַטן צו זיצונגען, האָט זיך די כנסת אין משך פון די יאָרן צוגעפּאַסט צו אַנדערע פּאַרלאַמענטן.

דער בודזשעט פון דער כנסת אינעם בודזשעט־יאָר 1958/59, איז 2,15 מיליאָן פונט.

בילד 65 : נאָוועמבער 1952, כנסת פּאָרזיצער, י. שפּרינצאַק, נעמט אָפּ די שבועה ביים ניי־אויסגעקליבענעם מדינה־פּרעזידענט, יצחק בן־צבי. רעכטס : מ. ראָזעטי (כנסת סעקרעטאַר) ; י. שפּרינצאַק ; אַדיוטאַנט פֿונעם פּרעזידענט סגן אלוף נתנאל לאָרך (1957/58 ישראל קאָנסול אין לאָס־אַנזשעלעס), דער פּרעזידענט מיט דער האַנט אויפֿן תנ״ך ; זאב שפר, וויצע פּאָרזיצער פֿון דער כנסת.

בילד 66 : פּאָטער פֿון מדינה־פּרעזידענט, ר׳ צבי שמשי (שימשילעוויץ) נפטר געוואָרן נאָוועמבער 1953, קומט אין כנסת, ווען זיין זון גיט אָפּ די שבועה. רעכטס : כנסת־אָפּיצער הלבן, פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער אָרדענונג.

בילד 67 : **אליעזר קאַפּלאַן,** שרייבט אונטער דעם 14־טן מאַי 1948 די מגילת העצמאות. הינטער אים : **זאב שרף,** סעקרעטאַר פון דער רעגירונג אין די יאָרן 1948—1957 ; באַפולמעכטיקטער אין ענינים פון די מדינה־הכנסות.

בילד 68 : אַראַבישע כנסת־מיטגלידער הערן די סימולטאַנטע (גלייכצייטיקע) אַראַבישע איבערזעצונגען פון די פאַרהאַנדלונגען.
ערשטע שורה, רעכטס צו לינקס כנסת מיטגלידער : **י. קליבאַנאָוו, אלימלך רימאַלט, מגורי כהן, יעקב מערידאָר.** צווייטע שורה : **מסעד קסין פונעם אַראַבישן דאָרף מעיליא ; סלימאַן צאלח סלים פון נצרת ; ג׳בר דאהש מעדי פונעם דרוזישן דאָרף ירכא ; צאלח כניפס פון שפרעם לעבן עכו.**



בילד 69 : אַרבעטער און מאַשינען פֿון סולל בונה בויערן אין די פעלדזן פון תמנע (27 קילאָמעטער פון אילת), כדי צו לעגן יסודות פאַר די בנינים פון די קופער־גרובן.



בילד 70 : אין די ערשטע יאָרן פון דער מאַסן עליה — עולים לאַגערן.



בילד 71 : עטלעכע יאָר שפּעטער — אַ סך צענדליקער טויזנטער אַזעלכע און ענלעכע דירות זענען געבויט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד פאַר נייע עולים.

בעצם האָט די איצטיקע ערשטע כנסת, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דעם 25־טן יאַנואַר 1949 און האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַר־זאַמלט דעם 14־טן פעברואַר, געדאַרפט זיין די אסיפה מכוננת — די קאָנסטיטואַנטע, וואָס באַשליסט וועגן דער קאָנסטיטוציע פון אונדזער מדינה און באַשטימט נייע וואַלן. מען האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַזוי שנעל וועט דאָס נישט גיין, מען מוז באַהאַנדלען לויפנדיקע ענינים. האָט די כנסת באַשלאָסן, אַז די „אסיפה מכוננת" וועט זיין די "כנסת ראשונה" (די ערשטע כנסת). עס איז געווען נישט נאָר אַ פאָרמעלער באַשלוס. דאָס באַהאַנדלען לויפנדיקע ענינים האָט לעת עתה נאָך נישט דערמעגלעכט אָנצוהייבן מיט די באַראַטונגען וועגן אונדזער קאָנסטיטוציע. און עס איז אַזוי נאַטירלעך און זעלבפאַרשטענדלעך, אַז דעם פשוטן עולם פאַלט גאָר נישט איין צו האָבן צוליב דעם טענות צו דער כנסת.

ב

די פיר חדשים וואָס זענען פאַרביי זינט די וואַלן, זענען נאָך אַ צו קורצע צייט, כדי צו קענען זאָגן אַ דעפיניטיווע מיינונג וועגן די אַרבעטס־מעטאָדן און דער טעטיקייט פון דער כנסת. אמת, זי האָט אין דער צייט שוין אָפּגעהאַלטן נאָענט אַ האַלבן הונדערט זיצונגען און איר פלייס איז לכל הדעות לויבנסווערט. אָבער עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען קען מען שוין מאַכן. די כנסת האָט נאָך נישט קיין פעסטן רעגולאַמין. ליידט דערפון די אַרבעט. עס איז אָנגענומען, אַז די רעגירונג שלאָגט פאָר דעם סדר־היום פון די כנסת־זיצונגען, אָבער די כנסת האָט נאַטירלעך אַ רעכט אים צו ענדערן. קומט אָפּט פאָר, אַז ביים אָנהויב פון אַ זיצונג שלאָגן פאָר דעפּוטאַטן אַוועקצושטעלן אויפן סדר־היום פאַרשידענע פראַגן און זיי באַלד באַהאַנדלען. פירט זיך אַ וויכוח וועגן דעם. קומט אויס פון צייט־צו־צייט, אַז עס איז געווען אָנגעזאָגט אַ באַשטימטער סדר־היום, די באַטרעפנדיקע מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן האָבן צוגעגרייט מאַטעריאַל און דאָ פּלוצים פאַרנעמט מען אַ גרויסן טייל פון דער זיצונג אַרום אַן ענין, וואָס קיינער אַחוץ דעם פאָרשלאָג־געבער (און זיין פראַקציע) האָבן אַ האַל־בע שעה פריער גאָרנישט געוווּסט, אַז אַזאַ ענין וועט באַהאַנדלט ווערן. די אָפּאָזיציע נוצט עס שטאַרק אויס, כדי צו איבעראַשן די רעגירונג. דערווייל שרייבט די פרעסע נאָר וועגן די טענות פון איין צד. דאַרף מען

נאַטירלעך געפונען עפּעס אַן אויסבעסערונג אין דער פּראָצעדור, כדי צו פאַרמיידן אַזעלכע האַנדלונגען, נישט צונעמענדיק ביי די דעפּוטאַטן די מעגלעכקייט פון איניציאַטיוו, ביים פעסטשטעלן דעם סדר־היום.

אין משך פון יאָרן זענען, פאַרשטייט זיך, די ענינים רעגולירט געוואָרן, פאַראַן אַ געוויער רעגולאַמין; אַ באַזונדערע כנסת־קאָמי־סיע און אויך דאָס פּרעזידיום פון דער כנסת, באַהאַנדלען אַזעלכע פּראָצעדור־פראַגן. אָנהויב 1958 האָט די כנסת אָנגענומען אַ גרונט־געזעץ וואָס רעגולירט פראַגן פון קאָמפּעטענצן און רעגולאַמין פון דער כנסת.

פאַראַן ווייטער אַ גוטער מנהג פון אינטערפּעלאַציעס (שאילתות). דער דעפּוטאַט שטויסט זיך אָן אויף עפּעס אַ דערשיינונג וואָס ווייזט אויס צו זיין נישט געזעצלעך אָדער נישט פּאַסיק, פרעגט ער דעם באַטרעפנדיקן מיניסטער און דער לעצטער איז מחויב צו ענטפערן. האָבן אָבער די אינ־טערפּעלאַציעס אָנגענומען אָפט דעם כאַראַקטער פון גאַנצע רעדעס און שפּעטער ענטפערט אויך דער מיניסטער מיט אַלע פּרטים. אויך די זאַך דאַרף געענדערט ווערן. פראַגן זאָל מען נאָר שטעלן בקיצור און אַזוי אויך דער ענטפער. און אין דעם פּרט איז פאַראַן אַ טראַדיציע אין אַנדערע פּאַרלאַמענטן, וואָס מען קען אָנווענדן אויך ביי אונדז.

ביי אונדז זענען די מיניסטאָרן אַליין, אין אַ פּיל גרעסערער מאָס ווי אין אַנדערע לענדער, די פּאַקטישע לייטער פון די ביוראָען פון זייערע דעפּאַרטאַמענטן. דאָס לייגט אַרויף אויף זיי אַ גרויסע אַרבעט־לאַסט. אויב זיי זיצן דריי טעג אין וואָך אין דער כנסת, ווערט אָן אַ ספק די אַרבעט פון זייערע ביוראָען שטאַרק ליידן. מאידך, עקזיסטירט נישט ביי אונדז דער מנהג פון פּאַרלאַמענטאַרישע סעקרעטאַרן, אָדער פאַרטרעטער פונעם מיניסטער, וואָס רעדט אין פּאַרלאַמענט אין זיין נאָמען. מיר האָבן אויך נישט די פאָרם פון אַ מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל — למשל ווי הערבערט מאָריסאָן אין ענגלאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין קאַבינעט און ער איז בדרך כלל דער שפּרעכער פון דער רעגירונג אין פּאַרלאַמענט. מען האָט, אמת, וועגן דעם געטראַכט, אָבער לעת עתה נישט באַוויזן צו רעאַלי־זירן. קומט נישט תמיד אין דער כנסת די באַלדיקע תשובה אָדער אויפ־קלערונג מצד דער רעגירונג. און דאָס איז אַ סך מאָל נישט גוט. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין קיין שום לאַנד קומען נישט אַזוי פּיל געסט

פון חוץ־לארץ, וואָס ווילן דוקא, אַז דער אָדער יענער מיניסטער זאָל מיט זיי רעדן. יעדער ייד וואָס פּלאַנט עפּענען אַ פאַבריק אָדער בויען אַ האָטעל, וויל רעדן נאָר מיט דעם פינאַנץ־מיניסטער. יעדער גרעסערער שפּענדער פאַר די פאָנדן וויל רעדן נאָר מיט שרתן אָדער בן־גוריון, און דאָס איז אויך נוגע אַנדערע פירנדיקע מענטשן, וואָס זענען פאַרנומען מיט לויפנ־דיקער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. איז טאַקע אַביסל שווערלעך אַלעמען אויפ־צוקלערן, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע פיזישע גרעניצן, מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט אין אַ פריערער באַמערקונג, זענען אין משך פון די יאָרן אַ סך פון די ענינים געענדערט געוואָרן.

די ערשטע כנסת האָט אין די 30 חדשים פון איר אַמטירן — 14־טן פעברואַר 1949 ביז דעם 20־טן אויגוסט 1951, אָפּגעהאַלטן 271 זיצונגען.

ג

עס איז בכלל קיין סוד נישט, אַז עס זענען פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנ־הייטן וועגן דעם, אויב די כנסת זאָל באַלד אָנהייבן באַראַטונגען, וועגן אַ קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, אָדער זי זאָל זיך אין דער ערשטער ריי פאַר־נעמען מיט לויפנדיקע ענינים און מיט באַהאַנדלען אַ ריי דרינגנדיקע אַקטועלע געזעץ־פּראָיעקטן. אין אַ געוויסער מאָס איז דער וויכוח אַ טעאָרע־טישער. קיינער אין דער כנסת, בפרט נישט די אָפּאָזיציע־פּאַרטייען, וועלן נישט מותר זיין אויף דעם פאַרנעמען זיך מיט לויפנדיקע ענינים. און וויכטיקע לויפנדיקע ענינים פעלן דערווייל נישט און וועלן אונדז נישט פעלן נאָך אַ גענוג לאַנגע צייט. אויב מען וועט דערצו נאָך צוגעבן די באַהאַנדלונג פון געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס מען קען זיי נישט אָפּלייגן, וועט די כנסת ממילא אַזוי שנעל נישט קומען צו באַהאַנדלען און צו באַשליסן אַ קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט.

אין די איינצלנע פּאַרטייען ווערט וועגן דעם גערעדט און עס ווערט געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי מכוון צו זיין די אַרבעט פון דער כנסת. די אַרגו־מענטן אָפּצולייגן די באַראַטונגען וועגן קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט זענען: מיר זענען איצט נאָר אַ טייל פון דעם פאָלק וואָס וועט לעבן אין לאַנד אין עטלעכע יאָר אַרום. לאָמיר אויך יענעם טייל משתף זיין ביי דער באַשטי־מונג פון אונדזער קאָנסטיטוציע; מיר זענען איצט אַזוי שטאַרק פאַרנומען

מיט פעסטיקן די ראַם פון אונדזער מדינה, מיט אויפנעמען אַ מאַסן־עליה, אַז מיר קענען נישט אָפּגעבן אַנדערע ענינים ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט; לאָמיר איבערלאָזן די טעאָרעטישע וויכוחים פאַר אַ מער רויקער צייט, ווען אונדזערע מוחות וועלן זיין אַביסל פרייער. אַ קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט מוז פירן צו לעבהאַפטע טעאָרעטישע וויכוחים. דערווייל האָט די כנסת געגנוג און איבערגענוג אַרבעט. אַחוץ די לויפנדיקע פּאָליטישע און אַנדערע ענינים וועט די רעגירונג ברענגען אין דער נאָענטסטער צייט אַ גאַנצע ריי געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס מוזן וואָס גיכער באַהאַנדלט ווערן — אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן אומזיסטער און פאַרפליכטנדיקער שול־בילדונג; אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן זיכערקייט; אַ נויט־שעה געזעץ־פּראָיעקט; אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן מוניציפּאַליטעטן; אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן פרויען־גלייכבאַרעכטיקונג; אַ פּרעסע געזעץ־פּראָיעקט; די ראָל פון דער צענזור; ירושה־שטייער געזעץ־פּראָיעקט; געזעץ־פּראָיעקט וועגן רעליגיעזן־ראַט; געזעץ־פּראָיעקט וועגן אונדזער מיליטער. און דערצו קומט נאָך דער יערלעכער בודזשעט, וואָס נעמט אַרום די טעטיקייט פון אַלע מיניסטעריומס און גיט אַ מעגלעכקייט צו באַהאַנדלען אַלע זייערע ענינים. הלואי זאָל די כנסת באַוויזן שנעל צו באַהאַנדלען די אַלע פראַגן און אָננעמען באַשלוסן.

אָבער אַ צווייטע מיינונג זאָגט: בעת די וואַלן האָט מען גערעדט וועגן דעם, אַז דער פּאַרלאַמענט וועט דינען אַלס קאָנסטיטואַנטע — צו באַשטימען די קאָנסטיטוציע פון דער מדינה. דאַרף מען האַלטן דעם צוזאָג; אַ טייל פון די פריער אויסגעאַרבעטע געזעץ־פּראָיעקטן קענען אַריינגענומען ווערן אין ראַמען פון קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט; דוקא דער אַרגומענט, אַז אין אַ 2—3 יאָר אַרום וועלן זיין אין לאַנד הונדערטער טויזנטער נייע ווילער, וואָס מיר ווייסן גאָרנישט וואָס איז זייער ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע דערציונג און מענטאַליטעט, מאַכט נייטיק, אַז די קאָנסטיטוציע פון אונדזער מדינה זאָל באַשטימט ווערן ביים היינטיקן טאָג. די אָפּאָזיציע באַנוצט דעם ענין, כדי צו טענהען: אַז דער רעגירונג איז באַקוועמער אָן אַ קאָנסטיטוציע, דערפאַר לייגט מען אָפּ די באַראַטונגען. דאָס איז אַ ביליקער אַרגומענט און עס האָט נישט קיין זין צו דיסקוטירן אויף דער פלאַך.

ד

די כנסת אַליין האָט נאָך וועגן דער פראַגע נישט באַשלאָסן. עס איז ערשט פאָרגעקומען אַן ערשטער מיינונגס־אויסטויש אין אַ קאָמיסיע. פאַראַן אויך מיינונגען, אַז ביים באַהאַנדלען דעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, וועט אָן ספק קומען צו מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן די קאָאַליציע־פאַרטייען אַליין (מיטן רעליגיעזן בלאָק). דערפאַר איז בעסער עס אויסצו־מיידן אין איצטיקן מאָמענט. דער דאָזיקער מאָטיוו איז אָבער פאַר די אָפּאָזיציע־פאַרטייען דוקא וויכטיק, כדי צו פאָדערן אַ וואָס גיכערע באַהאַנדלונג. הגם, ווי געזאָגט, אויך זיי ווייסן, אַז ווען מען נעמט אין אַכט די ענינים, וואָס די כנסת מוז באַהאַנדלען אין דער נאָענטסטער צייט און דעם לאַנגזאַמען טעמפּאָ פון באַהאַנדלען ביי אונדז פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַ קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, איז פאַר יעדן קלאָר, אַז פּאַקטיש איז נישטאָ קיין אויסזיכט די כנסת זאָל קענען באַשליסן אונדזער קאָנסטיטו־ציע אין אַ קורצער צייט. דערפאַר איז ראַטזאַמער די כנסת זאָל אָנהייבן באַהאַנדלען די פאָרשלאָגן וועגן פאַרשידענע אַקטועלע און דרינגענדיקע געזעץ־פּראָיעקטן. אויב די כנסת טוט עס נישט, מוז מען הערווייל באַנוצן די געזעצן פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, וואָס עס רופט אָפטמאָל אַרויס נישט נייטיקע אויפרעגונג און שטוינונג. די רעגירונג, כל־זמן זי האָט נישט קיין אַנדערע געזעצן, מוז האַנדלען לפי אָט די אַלטע געזעצן פון דער מאַנדאַט־צייט, וואָס יעדער איינער וואָלט וועלן וואָס גיכער פון זיי פּטור ווערן.

תל־אביב, 20־טן יוני 1949.

די ערשטע כנסת (געקליבן דעם 25־טן יאַנואַר 1949), איז נישט פאַרבליבן אין אַמט 4 יאָר; דעם 30־טן יולי 1951 זענען פאָרגעקו־מען וואַלן צו דער צווייטער כנסת, וואָס האָט אַמטירט פולע 4 יאָר און די וואַלן צו דער דריטער כנסת זענען פאָרגעקומען אין חודש יולי 1955.

דער ערשטער יאָר-בודזשעט פון מדינת-ישראל

א

דער צייטווייליקער מלוכה־ראט, וואָס האָט ביז די כנסת־וואַלן, דעם 25־טן יאַנואַר 1949, דערפילט די פונקציעס פון אונדזער פּאַרלאַמענט, האָט זיך אַ סך פאַרנומען מיט בודזשעט־ און שטייער־פראַגן. אויך די כנסת האָט זיך דערמיט באַשעפטיקט, אָבער נאָר ביים באַהאַנדלען דרינגנדיקע בויט־פאַראָרדענונגען: צו געבן דער רעגירונג אַ בודזשעט־פולמאַכט אויף אַ קורצער צייט, ביז מען וועט באַהאַנדלען דעם רעגולערן יאָר־בודזשעט, אָדער געבן דער רעגירונג אַ פולמאַכט פאַר אַ געוויסן שטייער־פאַרשלאַג. די מער־אויספירלעכע פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן זיך געפירט האַרבסט 1948 אינעם צייטווייליקן מלוכה־ראַט, זענען געווען אַרום דעם האַלב־יאָר־בודזשעט יולי—דעצעמבער 1948. שפּעטער איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פערטל־יאָר־בודזשעט יאַנואַר—מערץ 1949. איצט האָט די רעגירונג צום ערשטן מאָל געבראַכט אַ פולן יאָר־בודזשעט, פאַר דער צייט פונעם ערשטן אַפּריל 1949 ביז דעם 31־טן מערץ 1950.

וועגן דעם בודזשעט ביז דעם 1־טן אַפּריל 1949 זע אַ פריערן קאַפּיטל — דער אָנהויב: מלוכה־בודזשעט און מלוכה־שטייערן.

דער לויפנדיקער בודזשעט פאַרן צווייטן האַלב־יאָר 1948 האָט באַשטימט סך־הכל אַרום 1,3 מיליאָן פונט הוצאות אַ חודש (פאַרשטייט זיך אָן די זיכערקייט און מלחמה־אויסגאַבן); פאַר די דריי ערשטע חדשים פון 1949 האָט מען שוין באַשטימט 1.610.000 פונט רעגולערע הוצאות אַ חודש. איצט שלאָגט פאָר די רעגירונג אַרום 36 מיליאָן פונט יערלעכע הכנסות און לפי דעם אויך אירע יערלעכע הוצאות, וואָס עס מיינט 3 מיליאָן פונט רעגולערע לויפנדיקע הכנסות און הוצאות אַ חודש.

פאַקטיש איז דער בודזשעט אַ סך גרעסער. אין די 36 מיליאָן פונט ווערן, למשל, נישט אַריינגערעכנט די נאָענט 5 מיליאָן פונט הכנסות און

אַזוי פיל הוצאות פאַר באַן, פּאָסט, חיפהער פּאָרט וכדומה, ווייל די הכנסות פון די דערמאָנטע טעטיקייט־צווייגן דעקן די הוצאות. אינעם בודזשעט פון די 36 מיליאָן וועלן נאָר אַריינגערעכנט $7\frac{1}{2}$ מיליאָן פונט פאַר דער אַרמיי און 4 מיליאָן פונט פאַר רעקאָנסטרוקציע־צוועקן (איינאָרדענען די באַפרייטע סאָלדאַטן און גוטמאַכן מלחמה־שאָדנס). יעדער ווייסט, אַז די הוצאות פון דער אַרמיי זענען אַן אַ פאַרגלייך גרעסער ווי $7\frac{1}{2}$ מיליאָן פונט יערלעך און מען מוז זוכן אַ באַזונדערע הכנסה פאַר דער גאָר אַנזעעוודיקער הוצאה.

פאַקטיש איז דער יאָר־בודזשעט 1949/50 געווען גרעסער. מען האָט צווישן די אויסגאָבן אַריינגערעכנט די פּאָזיציע זיכערקייט נישט מיט $7\frac{1}{2}$ מיליאָן פונט, נאָר מיט 23,8 מיליאָן. אויב מען זאָל נאָך צורעכענען די הוצאות פון די קאָמוניקאַציע־דינסטן — 5,4 מיליאָן פונט און סובסידיעס אויף צו פאַרביליקערן לעבנסוויכטיקע פּראָדוקטן — 1,6 מיליאָן פונט, איז די אַלגעמיינע הוצאה געווען 58,6 מיליאָן פונט. אויך די הכנסה איז געווען גרעסער ווי מען האָט פאָרויסגעזען. אָבער נאַטירלעך נישט אין אַזאַ מאָס. צווישן די הכנסות איז אויך צוגעקומען אַ פונקט הלוואות — אַרום 14 מיליאָן פונט.

אַחוץ דעם שלאָגט פאָר די רעגירונג, אַ גאָר גרויסן אַנטוויקלונס־פּלאַן, אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און גרויסע בוי־אַרבעטן. צום אויספירן דעם פּלאַן דאַרף מען 60 מיליאָן פונט: דערפון 18 מיליאָן פונט פאַר דער לאַנדווירטשאַפט; 6 מיליאָן פונט פאַר דער אינדוסטריע; 18 מיליאָן פונט פאַר וווינונג־בוי: $11\frac{1}{2}$ מיליאָן פונט פאַר מאָדערניזירן און פאַרגרעסערן אונדזער קאָמוניקאַציע־וועזן (באַן, לופט־פּאַרקעך, פּאָרטן, שיף־פאַרקער, פּאָסט, טעלעפאָן, ראַדיאָ); $2\frac{1}{2}$ מיליאָן פונט צו בויען שולן, שפּיטעלער און אַנדערע אינוועסטירונגען. די דאָזיקע ריזיקע סומע פּלאַנט די רעגירונג צו דעקן מחוץ דעם בודזשעט: אַ דריטל פון דער אַמעריקאַנער הלוואה; 20 מיליאָן פונט פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, באַנקען וכדומה, און 20 מיליאָן פונט פון אַנדערע רעגירונג־קוועלן. דער פּלאַן וועט נישט רעאַליזירט ווערן אין איין יאָר.

אינעם בודזשעט־יאָר 1949/50 האָט מען אויסגעגעבן אויפן חשבון פון אַנטוויקלונגס־פּלאַן 35,865.000 פונט.

ב

עטלעכע פאַרגלייכן קענען אילוסטרירן אין וועלכער ריכטונג עס גייט די פאַרגרעסערונג פונעם בודזשעט. אין די חדשים יולי־דעצעמבער זענען באַשטימט געוואָרן פאַרן געזונטהייטס־וועזן 75 טויזנט פונט אַ חודש; אין די דריי חדשים יאַנואַר—מערץ 1949 זענען געווען באַשטימט 105 טויזנט פונט אַ חודש. איצט, אינעם יאָר־בודזשעט — 165 טויזנט פונט אַ חודש און אַחוץ דעם נאָך 120 טויזנט פונט אַ חודש פאַר נייע עולים. דערציונגס־וועזן: 1948 — 50 טויזנט פונט אַ חודש; יאַנואַר—מערץ 1949 — 65 טויזנט פונט אַ חודש; איצט 165 טויזנט פונט אַ חודש. דער ישראל־דיקער דערציונגס־בודזשעט, באַטרעפט למעשה מינימום אַ האַלבן מיליאָן פונט אַ חודש און די מוניציפּאַליטעטן דעקן די גרעסערע העלפט. אויך דער פריער דערמאַנטער בודזשעט פון געזונטהייטס־וועזן איז פאַקטיש גאָר אַ סך גרעסער. מיר האָבן דאָ נישט אַריינגערעכנט די הוצאות פון „הדסה", קופּת־חולים פון דער הסתדרות אאז"וו. לאַנדווירטשאַפט: צוערשט 48 טויזנט פונט אַ חודש, שפּעטער 80 טויזנט פונט און איצט 100 טויזנט פונט אַ חודש, אַחוץ דעם אַנטוויקלונגס־פּלאַן און דעם בודזשעט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אַרבעטס־מיניסטעריום (אויך סאָציאַלע פאַרזיכערונג): פריער 92 טויזנט פונט, שפּעטער 108 טויזנט פונט; איצט 150 טויזנט פונט אַ חודש. סאָציאַלע הילף: פריער 55 טויזנט פונט אַ חודש, איצט 85 טויזנט פונט אַ חודש. עס איז אויך צוגעקומען דאָס אויסהאַלטן די כנסת: אַרום 30 טויזנט פונט אַ חודש. מיט דער פאַרפעסטיקונג פון דער מדינה און אויסברייטערונג פון אירע פונקציעס האָט זיך אויך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט דער אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט. די רעגירונג באַשעפטיקט היינט־צו־טאָג אַרום 13 טויזנט מענטשן (צוזאַמען מיט דער פּאָליציי), אָבער אָן די לערער, דערפון פּאָליציי אַליין אַרום 3 טויזנט אַנשטאָט 12.000 בעת דער מאַנדאַט־רעגירונג, (די מאַנדאַט־רעגירונג האָט באַשעפטיקט אַרום 27.000 מענטשן), וואָס קאָסטן אָפּ (די פּאָליציי) 215 טויזנט פונט אַ חודש, וואָס דאָס איז פּראָצענטועל בערך אַ דריטל, פון דעם וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אויסגעגעבן פאַר פּאָליציי.

פאַרן געזונדהייטס־וועזן האָט מען אויסגעגעבן פאַקטיש אַרום 220 טויזנט פונט מער, במשך דעם בודזשעט־יאָר; פאַר דערציונג אַרום

300 טויזנט פונט מער; פאַר לאַנדווירטשאַפט 200 טויזנט פונט מער; דאָס אַרבעטס־מיניסטעריום און דאָס מיניסטעריום פאַר סאָציאַלער הילף האָבן פאַקטיש באַקומען 567 טויזנט פונט מער, במשך דעם בודזשעט־יאָר.

די הוצאות פאַר אויסהאַלטן די כנסת זענען נישט געווען, ווי מען האָט בודזשעטירט — 360 טויזנט פונט, עס זענען אויסגעגעבן געוואָרן נאָר 316 טויזנט פונט.

אינעם בודזשעט־פאָרשלאָג פאַרן יאָר 1957/58 זענען באַשטעטיקט געוואָרן פאַר אַלע רעגירונגס־אַמטן (און רעגירונגס־דינסטן 41,402 אָנגעשטעלטע, שוין צוזאַמען מיט לערער, קינדער־גערטנערינס און פאָליציי. אינעם בודזשעט־פאָרשלאָג פאַרן יאָר 1958/59 זענען פאָרויסגעזען 43,349 מענטשן. די פאַרגרעסערונג קומט אויסשליסלעך צוליב דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל לערער און קינדער־גערטנערינס, מעדיצינישן־פערסאָנאַל און אין אַ קליינער מאָס אויך פאָליציי. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז, אינעם לעצטן יאָר זענען, למשל, צוגעקומען 1400 שול־קלאַסן אאז״וו. דעם 31־טן מערץ האָט די רעגירונג באַשטעטיקט מער ווי 15 טויזנט לערער; 7372 פאָליציי; מער ווי 3000 וואָס פאַרנעמען זיך מיט איינמאָנען די שטייערן אאז״וו, פאַראַן נאָך אַ געוויסע צאָל נישט סטאַבילע באַאַמטע, וואָס יעדעס מיניסטעריום האָט אַ רעכט צו באַשטעטיקן צייטווייליק, אין ראַמען פון אייגענעם בודזשעט.

זעלבפאַרשטענדלעך באַפרידיקן נישט די איינצלנע פונקטן פונעם בודזשעט, הגם מען האָט זיי שטאַרק פאַרגרעסערט. עס איז גאָרנישט שווער אויפצווייזן, אַז דער דערציונגס־ אָדער געזונטהייט־בודזשעט, אָדער דער אַרבעטס־בודזשעט אאז״וו. זענען נישט גענוג. אינעם וויכוח אין דער כנסת, וואָס הייבט זיך אָן די טעג און וועט דויערן עטלעכע וואָכן, וועט די אָפּאָזיציע אויף דעם געביט האָבן אַ גאָר לייכטע אַרבעט. אויך די אָנהענגער פון דער רעגירונג, אפילו די רעגירונגס־מיטגלידער אַליין, וועלן מסכים־זיין, אַז מען דאַרף פאַרגרעסערן די הוצאות. מיר זענען אַלע אומגעדולדיק און וואָלטן שטאַרק וועלן שוין באַלד אין דער ערשטער תקופה פון אונדזער זעלבשטענדיקייט פאַרווירקלעכן אין דער מדינה די בעסטע טראַדיציעס

אויפן געביט פון דערציונג, געזונטהייט, סאָציאַלע הילף, געזעצלעכע פאַרזיכערונג.

מען קען אפשר אויך אין חוץ־לארץ פרעגן מיט פאַרוווּנדערונג — וואָס — אין דער יידישער מדינה איז דאָס און דאָס נאָך אַלץ נישט פאַראַן? מען פירט נאָך אַ ויכוח וועגן פול באַפרידיקן די אָדער אַנדערע וויכטיקע נויטן? מען פאַרגעסט שטענדיק די געוואַלטיקע לאַסט, וואָס ליגט אויף אונדזער מדינה. בעת מען זאָגט אַרויס דאָס כישוף־וואָרט מדינה, זאָל מען נישט פאַרגעסן, אַז אויך איצט זענען מיר נישט מער ווי קוים אַ מיליאָן איינוווינער, פון זיי אַרום 300 טויזנט פרנסה־געבער, פון וועלכע ווייניקער ווי די העלפט קומען אין באַטראַכט אַלס דירעקטע שטייער־צאָלער. דער דאָזיקער מיליאָן איינוווינער וועט איצט דאַרפן צאָלן דער רעגירונג 34,4 מיליאָן פונט דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן. אַחוץ דעם זענען פאַראַן נישט קיין קליינע מוניציפּאַליטעטן־שטייערן און גאַנץ אַנזעעוודיקע שפּענדן פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. אַ גרויסער טייל פונעם ישוב צאָלט בערך 6% פונעם פאַרדינסט הסתדרות־מיטגליד־אָפּצאָל (איינשליסלעך קראַנקן־קאַסע), ווידער אַנדערע צאָלן פאַר פאַרשידענע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. עס איז דעריבער לייכט אויפצווייזן, אַז די הוצאות זענען נישט גענוג און מען דאַרף זיי דאָ און דאָרט פאַרגרעסערן, אָבער אַ סך שווערער איז אָנווייזן, ווי אַזוי קען מען שוין איצט דעקן די פאַרגרעסערטע הוצאות, נישט פאַרגרעסערנדיק דערביי די אַזוי אויך גענוג געשפּאַנטע פינאַנציעלע לאַגע פון דער מדינה, פון אונדזער ווירטשאַפט.

די פּאַקטישע יאָר־הכנסות זענען געווען $36\frac{1}{4}$ מיליאָן פונט. מען האָט, למשל, גערעכנט מיט 8,6 מיליאָן פונט הכנסה־שטייער און די פּאַקטישע הכנסה איז געווען 9,3 מיליאָן; פון צאָל, ברענשטאָף, וכדומה האָט מען גערעכנט אויף 16,5 מיליאָן פונט הכנסה, און די הכנסה איז געווען גרעסער.

דער אָבליגאַטאָרישער מיטגליד־אָפּצאָל אין דער הסתדרות, איינשליסלעך קופת־חולים, איז אין 1957/58 — 4 אָדער $4\frac{1}{2}$%, און נאָר פון דעם פאַרדינסט ביז 265 פונט אַ חודש.

ג

מען טאָר אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז מלוכה־זעלבשטענדיקייט פאַר אַ קליינער מדינה — און בפרט, אַז זי שטרעבט אָפּצוהיטן

אַ הויכן קולטורעלן און סאָציאַלן ניוואָ, איז אַ גאָר טייערע זאַך און פאָדערט אַ סך פון די בירגער. מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אַז נאָר אַ טייל פון די הוצאות פאַר זיכערקייטס־צוועקן זענען אַריין אינעם לויפנדיקן רעגולערן בודזשעט. צוליב זיכערקייט־טעמים האַלט די רעגירונג, אַז מען דאַרף נישט פאַרעפנטלעכן וויפיל מיר גיבן אויס פאַר דער אַרמיי. די הויך פונעם זיכערקייטס־בודזשעט ווערט נישט באַשטימט לפי דער גרויס פון דער באַפעלקערונג, נאָר לפי דער געאָגראַפישער לאַגע, דער לענג פון די גרענעצן און די באַציונגען פון דער מדינה מיט אירע שכנים. אַט האָבן מיר געלייענט, אַז מצרים אַליין פלאַנט איצט אַ מיליטער־בודזשעט פון 52 מיליאָן פונט יערלעך. אונדזער אויסערן־מיניסטעריום, למשל, וועט אונדז היי־יאָר קאָסטן 100.000 פונט אַ חודש און מיר האָבן נאָך נישט קיין פאַרטרעטונגען אין אַ סך לענדער. די הוצאות — זיכערקייט, אויסערן־מיניסטעריום, כנסת — וועלן נישט דאַרפן זיין אַ סך גרעסער, אויב מיר וועלן האָבן אַ פיל גרעסערע באַפעלקערונג. דערווייל מוז אָבער די קליינע באַפעלקערונג טראָגן די גרויסע לאַסט. און אויב מיר ווילן נאָר האַלבוועגס אָפּהיטן די עפעקטיווקייט פון דער פינאַנציעלער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, מוזן מיר שלום מאַכן מיט פאַרגרעסערטע שטייערן און אַ פאַרגרעסערטער שפּאָרזאַמקייט.

אויפן ערשטן פּייער גייט דער פאַרגרעסערטער הכנסה־שטייער, וואָס דאַרף היי־יאָר אַריינברענגען כמעט דאָס טאָפּלטע ווי פריער — דאָס מיינט 8,6 מיליאָן פונט אַ יאָר. אָבער אויך נאָך דער דאָזיקער באַדייטנדיקער פאַרגרעסערונג, איז דער הכנסה־שטייער ביי אונדז נידעריקער ווי אין ענגלאַנד, למשל. דאָרטן האָט געגעבן דער איינקונפט־שטייער צוזאַמען מיטן קריגס־שטייער און שטייער פון די פאַרדינסטן פון פּריוואַטע געזעלשאַפטן אינעם בודזשעט־יאָר 1947/48 — 1.739 מיליאָן פונט, דאָס מיינט 30 סטערלינג אויף יעדן נפש אין לאַנד. ביי אונדז קומט אויס אַרום 9 פונט אויף יעדן נפש אין לאַנד. די רעגירונג האָט דערביי באַשלאָסן מאַכן ווייטערדיקע הנחות פאַר פאַמיליעס מיט מער קינדער; פאַר פאַמיליעס וואָס די פרוי אַרבעט, פאַר פאַמיליעס וואָס וועלן אויפווייזן אַז זיי שפּאָרן אַ טייל פונעם פאַרדינסט אאז״וו. אין אַלגעמיין קען מען אָננעמען, אַז אין דורכשניט זענען די ערשטע 500 — 600 פונט יערלעכע הכנסה באַפרייט פון הכנסה־שטייער און נאָר אַרום 130 — 140 טויזנט פאַרדינער צאָלן

דעם הכנסה־שטייער. עס איז באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן דער לוקסוס־שטייער — פון בערך 35 טויזנט (די פאַקטישע הכנסה איז געווען העכער) ביז 80 טויזנט פונט אַ חודש. דער טאַבאַק־שטייער איז מער ווי פאַרדרייפאַכט געוואָרן: פון 135 טויזנט פונט ביז 330 טויזנט פונט אַ חודש. אויך דער שטייער פון געטראַנקען איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון 90 טויזנט ביז 112 טויזנט פונט אַ חודש.

אין אַ פריערן קאַפּיטל: „דער אָנהויב: מלוכה־בודזשעט און מלוכה־שטייערן", ברענגען מיר ציפערן, וועגן דער טאַבעלע פון הכנסה־שטייער־צאָלונגען אינעם ערשטן מדינה־יאָר און אין 1958. סוף 1957 איז די צאָל פון די וואָס קומען אין פראַגע אַלס צאָלער פון מס־הכנסה — 435.370. דערפון: 281 טויזנט לוין־אַרבעטער און אָנגעשטעלטע; 147.195 — זעלבשטענדיקע און 7.175 געזעלשאַפטן. די הכנסה פון טאַבאַק־שטייער איז נישט געווען 4 מיליאָן פונט, ווי מען האָט גערעכנט, נאָר 3.2 מיליאָן פונט.

עס זענען צוגעקומען עטלעכע נייע שטייערן: דער ירושה־שטייער וואָס עקזיסטירט אין אַלע לענדער. די הכנסה פון דעם שטייער ווערט אָפּגעשאַצט אויף אַ האַלבן מיליאָן פונט יערלעך. דאַן קומט אַ שטייער אויף דעם פאַרגרעסערטן ווערט פון שטאָטישן באָדן. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז אין ארץ־ישראל האָט מען אַ סך ספּעקולירט מיט קויפן פּלעצער, באַזונדערס מיט בוי־פּלעצער. מען האָט געקויפט אַ פאַרצעלע און געוואַרט ביז דער פּרייז וועט שטייגן און דאַן האָט מען זי ווייטער פאַר־קויפט. די רעגירונג וועט איצט אַרויפלייגן שטייערן אויף אַזעלכע רווחים, אויב דער אייגנטימער פון באָדן וועט נישט בויען. מען שאַצט אָפּ דעם שטייער אויף אַ מיליאָן פונט יערלעך.

דער ירושה־שטייער האָט כמעט גאָרנישט געגעבן — 17 טויזנט פונט. פונעם שטייער אויף רווחים פון שטאָטישן באָדן, איז אַריינגעקומען $1\frac{1}{4}$ מיליאָן פונט.

אינעם בודזשעט־פאָרשלאָג איז פאַראַן אַ באַזונדערער שטייער אויף וווינונגען, אין הייזער פון פאַר דעם יאָר 1939, וואָס די הויך פון דירה־געלט איז געזעצלעך געשיצט און דער בעל־הבית קען נישט פאָדערן קיין הוספה. ס'האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז יענע וואָס וווינען אין ביי־געבויטע הייזער צאָלן אַ פיל העכער דירה־געלט. דער שטייער וועט

זיין ביז 25 פּראָצענט פונעם געזעצלעך געשיצטן דירה־געלט. מען רעכנט, אַז עס זענען פאַראַן אין לאַנד 150 ביז 180 טויזנט אַזעלכע צימערן און זיי וועלן צאָלן יעדן חודש אַ פונט פון אַ צימער. 20% דערפון וועט פאַר־וועגדט ווערן, כדי צו רעמאָנטירן די הייזער און 80% פאַר דער רעגירונג, וואָס האָפט צו באַקומען דערפון $1\frac{3}{4}$ מיליאָן פונט יערלעך. די פולע הכנסה פון דעם שטייער וועט פאַרווענדט ווערן פאַר אויפנעמען נייע עולים. רופט זיך טאַקע דער שטייער מס־קליטה. בכלל רעכנט מען איצט, אַז 50% פון די הכנסות וועלן קומען פון דירעקטע שטייערן, אַנשטאָט 37% ביים פריערן בודזשעט.

ד

די שטייערן מיינען אַן ערנסטן פאַרזוך אָפּצושטעלן גרויסע ספּעקו־לאַטיווע פאַרדינסטן פון יחידים, אָדער פון אַ קליינער שיכט. זיי זענען אָבער אויך אַ געגוג שווערע לאַסט פאַר ברייטע פאָלקס־שיכטן. פאַכמענער זאָגן, אַז אין אַ ריי לענדער (צווישן זיי אויך בעלגיע, האָלאַנד), איז דער פּראָ־צענט פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה, וואָס די רעגירונגען נעמען דאָרטן אין פאַרשידענע פאָרמען אַלס שטייערן, העכער ווי ביי אונדז. מען קען נישט קעמפן קעגן אינפלאַציע, אויב מען זיכערט נישט אין פאָרויס זיכערע הכנסות פאַר הוצאות. אינפלאַציע איז אַ פיל גרעסער שלעכטס פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן ווי אפילו אַ פאַרגרעסערונג פון שטייערן. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די הוצאות פון אויפנעמען די עליה, פון לאַנדווירטשאַפט אאז״וו., זענען אין פאַרגלייך מיט די ווירקלעכע נויטן גאָר קליינע. אַ גרויסן טייל דעקט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. מוז מען די אַלע מאָמענטן נעמען אין אַכט ווען מען וויל אָפּשאַצן דעם ערשטן יאָר־בודזשעט פון אונדזער מדינה.

תל־אביב, 26־טן יוני 1949.

נאכשריפט:

די מדינה-בודזשעטן אין די יאָרן 1956/57 — 1958/59

דער בודזשעט פון דער מדינת־ישראל פאַרן יאָר 1־טער אַפּריל 1956 — 31־טער מערץ 1957, איז געווען 766,2 מיליאָן פונט און 71,5 מיליאָן פונט די קאָמוניקאַציע־דינסטן — פּאָסט, באַן, אונטערנעמונגען פון

אַנטװיקלונגס־סעקטאָר, האָפּנס וכדומה, צוזאַמען 837,7 מיליאָן פּונט. דערפון די רעגולערע הכנסות אַרום 430 מיליאָן פּונט; די הכנסות פון די קאָמוני־קאַציע־דינסטן $54\frac{1}{4}$ מיליאָן פּונט (דערפון די פּאָסט 32 מיליאָן); די הכנסות פונעם אַנטװיקלונגס־בודזשעט (שילומים פון דײטשלאַנד, סובװענצן און פּראָדוקטן פון נאָרד־אַמעריקע, באַנדס (מלווה העצמאות), אינערלעכע הלוואות און אַנדערע הכנסות) 318,5 מיליאָן פּונט.

צװישן די רעגולערע הכנסות גײט אויפן ערשטן אָרט דער מס־הכנסה: 166,5 מיליאָן פּונט; צאָל: 80,5 מיליאָן פּונט; אָפּצאָלן פון ברען־שטאָף, טאַבאַק, גומי־רעדער, צעמענט און משקאות — אַרום 90 מיליאָן פּונט; קויף־שטײער: 40 מיליאָן פּונט; שטאָטישער באַזיץ־שטײער, נסיעות קײן חוץ־לארץ, פּאַרװײלונגס־מאַרקן; ראַדיאָ־אָפּצאָלן — 9,2 מיליאָן פּונט אאז״װ.

פון די רעגולערע הוצאות גײט אויפן ערשטן אָרט דאָס זיכערקײט־מיניסטעריום מיט 142,5 מיליאָן פּונט; דערציִונג און קולטור: 42,3 מיליאָן פּונט; געזונטהײט: 29,3 מיליאָן; אַרבעטס־מיניסטעריום: 28,3 מיליאָן; פּאָליצײ: 25,7 מיליאָן; סאָציאַלע הילף: 11,9 מיליאָן; סובװענצן צו פּאַר־ביליקערן לעבנסװיכטיקע פּראָדוקטן און דערמוטיקן פּראָדוקציע: 34,5 מיליאָן; געריכטס־װעזן: 4,2 מיליאָן (די הכנסה פון געריכטס־װעזן איז געװען 4,4 מיליאָן); דאָס ביוראָ פונעם פּרעזידענט 91.500 פּונט (דריט־האַלבן טויזנט פּונט װײניקער װי מען האָט באַשטעטיקט אינעם בודזשעט); לאַנדװירטשאַפט: 7,4 מיליאָן פּונט; פּאַר אינװאַלידן און משפּחות פון געפאַלענע: 5,7 מיליאָן פּונט; פּראָצענטער פּאַר הלוואות 41,7 מיליאָן פּונט אאז״װ.

די הוצאות פונעם אַנטװיקלונגס־בודזשעט אינעם בודזשעט־יאָר 1956/57 זענען געװען. לאַנדװירטשאַפט: 76,6 מיליאָן פּונט; אינדוסטריע און האַנטװערק: 35,4 מיליאָן; קאָמוניקאַציע: 26,8 מיליאָן; װױנונג־בוי: 25,1 מיליאָן; עלעקטריציטעט: 16 מיליאָן; גרובן און שטײן־האַקערײען: 14,8 מיליאָן; נאַפט־ליניעס: 8,2 מיליאָן; עפנטלעכע אַרבעטן און אַרבעט־פאַרזאָרגונג: 8,1 מיליאָן; פּאָסט־אויסשטאַטונג: 6,6 מיליאָן; בנינים פאַר רעגירונג־ און געזעלשאַפטלעכע־אינסטיטוציעס: 5,2 מיליאָן; ירדן־קאַנאַל און קולטיװירונג פון מדבר־שטחים: 4,6 מיליאָן; צוריקצאָלן חובות: 47,5 מיליאָן אאז״װ.

אין דער תקופה פון אַפּריל 1949 ביז מערץ 1957, איז אויסגעגעבן

געוואָרן פאַר אַנטוויקלונגס־צוועקן איין מיליאַרד און 407 מיליאָן פונט. דער רעגולערער הוצאות־בודזשעט פון דער מדינה, פון דעם 14־טן מאי 1948 ביז דעם 31־טן מערץ 1957, איז געווען איין מיליאַרד און 988 מיליאָן פונט. דערפון די קאָמוניקאַציע־דינסטן — 219 מיליאָן פונט הוצאות (און 224 מיליאָן פונט הכנסות). אין די רעגולערע הוצאות זענען אַריינגערעכנט די פולע זיכערקייטס־הוצאות פאַר דער צייט פונעם 1־טן אַפּריל 1951 ביז סוף מערץ 1955. די דירעקטע זיכערקייטס־הוצאות ביז דעם 1־טן אַפּריל 1957, לויט די פּרייזן פון 1956, זענען געווען נאָענט 2 מיליארד פונט.

דער יאָר־בודזשעט אַפּריל 1957 — מערץ 1958 וועט איבערשטייגן איין מיליאַרד פונט. לכתחילה האָט די כנסת באַשטעטיקט אַ בודזשעט פון 969 מיליאָן פונט, אָבער סוף 1957 האָט די כנסת באַשטעטיקט צוגאָב־בודזשעטן (הן אויפן געביט פון הכנסות און הן אויפן געביט פון הוצאות) פאַרן רעגולערן בודזשעט און פאַרן אַנטוויקלונגס־בודזשעט, וועט עס דערגיין צו אַ בודזשעט פון אַרום 1 מיליאַרד און 53 מיליאָן פונט, אַחוץ די הכנסות און אויך הוצאות פון די קאָמוניקאַציע־דינסטן (פּאָסט, באַן, האַפנס און רעגירונגס־אונטערנעמונגע פונעם אַנטוויקלונגס־סעקטאָר — 101 מיליאָן פונט). עפּעס ווייניקער ווי צוויי־דריטל זענען באַשטימט פאַרן רעגולערן בודזשעט און מער ווי איין דריטל פאַרן אַנטוויקלונגס־בודזשעט. אינעם רעגולערן־בורזשעט גייט אויפן ערשטן אָרט אין די הכנסות, דער הכנסה־שטייער מיט 204 מיליאָן פונט, אַחוץ דעם דער באַזונדערער אָפּצאָל פאַר זיכערקייט־ענינים „יהב־מגן" — אַרום 50 מיליאָן פונט (וואָס זיין דירעקטער־אָפּצאָל ווערט אָפּגעשאַפט דעם 1־טן אַפּריל 1958). דאַן קומען די הכנסות פון צאָל — 109 מיליאָן; אָפּצאָלן פון ברענשטאָף, טאַבאַק, משקאות, צעמענט וכו׳ — 97 מיליאָן; קניות־שטייער — 52 מיליאָן אאז״וו. די הויפּט הוצאה איז פאַר זיכערקייט־צוועקן — 183 מיליאָן פונט. דערציאונג און קולטור — 63 מיליאָן; אַרבעטס־מיניסטעריום — 45 מיליאָן; סובסידיעס צו פאַרביליקן לעבנסוויכטיקע פּראָדוקטן — 42 מיליאָן פונט; צו שטאַרקן דעם אימפּאָרט — 29 מיליאָן; געזונדהייטס־מיניסטעריום — 33 מיליאָן פונט (אָבער דאָס איז נאָר אַ טייל פון די הוצאות פאַר געזונדהייט אין מדינת ישראל. קופּת־חולים פון דער הסתדרות, למשל, האָט אין 1957 אַ יאָר־בודזשעט פון אַרום 70 מיליאָן פונט); פּאָליציי — 25 מיליאָן;

סאָציאַלע הילף — 14 מיליאָן אאז״וו. פאַר באַזונדערע אויסגאַבן 65 מיליאָן פונט.

אין די הוצאות פונעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט אין יאָר 1957/58 גייט אויף דעם ערשטן אָרט די לאַנדווירטשאַפט מיט 98,4 מיליאָן פונט (און אחוץ דעם 9 מיליאָן פונט אינעם רעגולערן־בודזשעט); וווינונגען־בוי — 98 מיליאָן פונט; אינדוסטריע און האַנטווערק — 46 מיליאָן; שטיין־האַקערייען און גרובן — 25,6 מיליאָן; קאָמוניקאַציע — 25,2 מיליאָן; עלעקטריציטעט — 20,6 מיליאָן אאז״וו. אויך צאָלן חובות און פראָצענטער — 57 מיליאָן פונט.

דער בודזשעט־פאָרשלאָג פאַרן יאָרן 1958/59 דערגרייכט די סומע פון איין מיליאַרד און 198 מיליאָן פונט. דערפון 717,5 מיליאָן פונט דער רעגולערער בודזשעט; 461,2 מיליאָן פונט דער אַנטוויקלונגס־בודזשעט און 9,2 מיליאָן פונט פאַר די מוניציפּאַליטעטן. ווען די שורות ווערן געשריבן ווערט דער בודזשעט־פאָרשלאָג באַהאַנדלט אין דער כנסת און עס קענען נאָך קומען געוויסע ענדערונגען. לכתחילה האָט די רעגירונג געהאַט פאָרגעשלאָגן אַ בודזשעט פון איין מיליארד און 162 מיליאָן פונט, אָבער באַלד זענען געקומען ענדערונגען. מען האָט פאַרגרעסערט דעם אַנטייל פון דער רעגירונג פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע און אויף לייגן די נאַפט־רערן פון אשדוד קיין חיפה, אַלס פאָרזעצונג פון די נאַפט־רערן פון אילת קיין אשדוד וואָס זענען אין דער לעצטער צייט גע־לייגט געוואָרן. אין דעם בודזשעט־פאָרשלאָג זענען צום ערשטן מאָל נישט אַריינגערעכנט די בודזשעטן פון — פּאָסט, ראַדיאָ, באַן, אונטערנע־מונגען פונעם אַנטוויקלונגס־סעקטאָר, האַפנס, אאז״וו. דער רווח אָדער הפסד פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען ווערט פעסטגעשטעלט נאָכ־דעם ווי זיי צאָלן דער רעגירונג אַלע אָפּצאָלן און אויך אַ באַזונדערן אָפּצאָל פאַר די אַלייניקע רעכט וואָס זיי באַקומען פאַר געוויסע דינסטן וואָס זענען אין זייער רשות. זייער יאָר־בודזשעט איז 107,8 מיליאָן פונט.

אויפן ערשטן אָרט פון די פּרעלימינירטע הכנסות גייט ווידער דער הכנסה־שטייער. דאָסמאָל מיט 250 מיליאָן פונט, אַנשטאָט 204 מיליאָן מיט אַ יאָר פריער. מען וויל דאָס דערגרייכן נישט דורך העכערן די שטייערן, נאָר דורך אַ בעסערן און אינטענסיווערן אויפמאָנען דעם הכנסה־שטייער. די אַנדערע הויפּט־הכנסות זענען: צאָל, ארום 120 מיליאָן פונט; די

אַקציז־אָפּצאָלן פון ברענשטאָף, טאַבאַק, צעמענט, משקאות אאז״וו אויך אַרום 120 מיליאָן, במקום 97 מיליאָן מיט אַ יאָר צוריק. קויף־שטייער — 71 מיליאָן (אָנשטאָט 52 מיליאָן). „יהב מגן״, במקום 50 מיליאָן דירעקטע שטייערן אין 1957/58, ווערן פאָרגעשלאָגן 15 מיליאָן דירעקטע שטייערן אין יאָר 1958/59, פון אויפמאָנען די חובות, וואָס זענען נישט באַצאָלט געוואָרן, און 12 מיליאָן אומדירעקטער אָפּצאָל פאַר „יהב מגן״. ביי די רעגולערע הוצאות גייט אויפן ערשטן אָרט דער זיכערקייט־בודזשעט, וואָס צוזאַמען מיט די באַזונדערע בודזשעטן דערגייט ער צו — 264 מיליאָן פונט (17 מיליאָן פונט מער ווי מיט אַ יאָר פריער); פּאָליציי — 27,5 מיליאָן; דערציונג און קולטור — 73 מיליאָן (11 מיליאָן מער ווי אינעם פאָרגאַנגענעם יאָר); געזונדהייט — 36 מיליאָן (4 מיליאָן מער); סובסידיעס צו פאַרבילִיקן לעבנסוויכטיקע פּראָדוקטן און דינסטן — 38,5 מיליאָן פונט; צו שטאַרקן דעם עקספּאָרט — 49 מיליאָן; צאָלן פּראָצענ־טער — 53 מיליאָן.

וועגן דערציונג־ און קולטור־בודזשעט איז כדאי צוצוגעבן, אַז די צאָל יידישע שילער אין יאָר תשי״ח איז 377 טויזנט. אין יאָר תש״ט — 102.064. אין די מיטל־שולן איז די צאָל שילער געשטיגן פון 8.271 אין יאָר 1948, ביז 23.617 אין יאָר 1957 (אריינגערעכנט לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן). הויך־שולן: 1.704 אין תש״ט און 8.300 אין תשי״ח. די באַפעלקערונג איז געשטיגן 2,7 מאָל, די צאָל שילער מער ווי $3\frac{1}{2}$ מאָל. פאַראַן אַרום 30.000 אַראַבישע שילער אין די רעגירונגס־שולן. 115 פאָלקס־שולן, 6 מיטל־שולן און 115 קינדער־גערטנער מיט אַראַבישער אונטעריכט־שפּראַך און 928 לערער. 9000 אַראַבישע שילער לערנען אין אַראַבישע קריסטלעכע שולן און אַ געוויסע צאָל אין העברעישע שולן. אין 1948 — 7.417 אַראַבישע שילער. אין 1947 האָט די מאַנדאַט־רעגירונג זיך באַטייליקט מיט 300 טויזנט פונט אינעם דערציונגס־בודזשעט. 97 פּראָצענט פון קינדער אין מדינת ישראל וואָס האָבן אַ חוב צו באַזוכן שולן, לויט דעם גע־זעץ, האָבן אין יאָר תשי״ח זיך פאַרשריבן אין די פאָלקס־שולן. דאָס איז אַ הויכער פּראָצענט אפילו פאַר קולטורעל הויך־אַנטוויקלטע לענדער. אין מצרים באַזוכן שולן נאָר 43% פון קינדער וואָס זענען פאַרפליכטעט דערצו; אין עיראַק — 35%; אין סאודיע — 8,5%; תימן — 6%. נאָר אין סיריע און לבנון דערנענטערט זיך דער פּראָצענט

צו 70. אין דער צייט ווען אין מצרים זענען 99,9% פון די איינ־וואוינער אַזוי באַוווסטזיניק, אַז זיי ווייסן צו שטימען ביי די וואַלן פאַר אַ פאַרייניקונג מיט סיריע און פאַר אַ דיקטאַטור־פּרעזידענט — באַזוכן אָבער נאָר 43% פון זייערע קינדער פאָלקס־שולן.

מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט אויפגעקלערט, אַז דער געזונד־הייט־בודזשעט פון דער רעגירונג נעמט נאָר אַרום אַ טייל פון דעם וואָס עס ווערט אויסגעגעבן אין מדינת ישראל פאַרן געזונדהייטס־וועזן. דער בודזשעט פון קופּת־חולים, למשל, די קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות, איז אַרום 80 מיליאָן פונט פאַרן יאָר 1958. דער געזונדהייטס־מיניסטער י. ברזילי, האָט ביים באַהאַנדלען זיין בודזשעט אין דער כנסת (מערץ 1958), אַנגעוויזן דערויף, אַז דער הויכער פּראָצענט פון קראַנקע צווישן די נייע עולים האָט באַדייטנדיק שווערער געמאַכט דעם מצב פון האָספּי־טאַליזאַציע אין לאַנד און פאַרגרעסערט דעם בודזשעט. דאָס געזונדהייטס־מיניסטעריום האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג צווישן 88 טויזנט עולים וואָס זענען געקומען אין דער צייט צווישן 1־טן אָקטאָבער 1956 ביז סוף 1957. האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז 9290 זענען קראַנקע. פון זיי 5876 כראָניש־קראַנקע; 3238 — לונגען־קראַנקע און 176 גייסטיק־קראַנקע. דער פּראָ־צענט פון אַקטיווער לונגען־קראַנקהייט (238 צווישן 3238), איז בערך דער גלייכער צווישן עולים פון צפון־אַפריקע און פון אייראָפּע אין יאָר 1957. ער איז צענפאַכיק גרעסער ווי דער פּראָצענט לונגען־קראַנקע אינעם אַלטן ישוב אין לאַנד.

אין די הוצאות פונעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט גייט לאַנדווירטשאַפט אויפן ערשטן אָרט — 130,6 מיליאָן (און 10,2 מיליאָן אינעם רעגולערן בודזשעט)*; אינדוסטריע און האַנטווערק — 55 מיליאָן (46 מיליאָן אין פאַרגאַנגענעם יאָר); עלעקטריציטעט** — 35 מיליאָן (אַנשטאָט 20,6

* עס קומען נאָך צו לכל לפּחות 30 מיליאָן פונט פון דער יידישער אַגענץ. פון דעם סכום פונעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט פאַר לאַנדווירטשאַפט איז אַ גרויסער טייל באַשטימט פאַר באַוואַסערונגס־צוועקן, כמעט דאָס טאָפּלטע ווי אינעם לעצטן יאָר. דאָס האָט נישט קיין שייכות צו דעם באַזונדערן בודזשעט פאַר וואַסער־פאַרזאָרגונג.

** די ישראלדיקע אינדוסטריע האָט פאַרברויכט אין 1949 — 315 מיליאָן קילאָוואַט; אין יאָר 1957 איין מיליאַרד און 170 מיליאָן קילאָוואַט.

מיליאָן) ; וווינונג־בוי — 55,5 מיליאָן (ווייניקער ווי מיט אַ יאָר פריער) און נאָך 10 מיליאָן פונט פאַר וווינונג־בוי אין דער פּאָזיציע לאַנדווירט־שאַפט — צוזאַמען מיט די לעצטע צוויי יאָר־בודזשעטן (1956/57 און 1957/58), וועלן עס זיין גאָענט 200 מיליאָן פונט פאַר וווינונג־בוי אין דריי יאָר. (איין מיליאַרד און 320 מיליאָן פונט זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה ביז סוף מערץ 1957). וואסער־פאַרזאָרגונג — 11,2 מיליאָן במקום 3,5 מיליאָן) — דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל פון די הוצאות פאַר וואַסער־פאַרזאָרגונג פון דער מדינה. צאָלן חובות און פּראָצענטער זענען אויך אין דעם בודזשעט־פאַרשלאַג פאַרן יאָר 1958/59 פאַרגעשלאָגן 57,6 מיליאָן פונט, בערך דער גלייכער סכום ווי מיט אַ יאָר פריער. די הכנסות פונעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט: שילומים פון דייטשלאַנד — 72 מיליאָן; אַמעריקאַנישע סובסידיעס און שפּייז־עודפים — 74 מיליאָן; באָנדס און אַנדערע אויסלענדישע הלוואות — 128 מיליאָן; אינקאַסאָ פון חובות — 35,5 מיליאָן; קאָמוניקאַציע־דינסטן 13,5 מיליאָן; פון דער אינערלעכער הלוואה פאַר וווינונג־בוי — 25 מיליאָן; געפּלאַנטע אינדוס־טריע־הלוואות — 20 מיליאָן אאז״וו.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַזוי ווי אין די פריערע יאָרן, וועט אויך אין דעם בודזשעט־יאָר 1958/59, קומען שפּעטער אַ צוגאָב־בודזשעט און דער פאַקטישער בודזשעט וועט לסוף זיין עטוואָס גרעסער ווי דער להתחילה פּרעלימינירטער. ווען מיר רעכענען צוזאַמען דעם רעגולערן און דעם אַנטוויקלונס־בודזשעט פאַר יאָר 1958/59, איז די טיילונג פאָלגנדיקע: 31,3% פון אַלע הוצאות זענען פאַר אַנטוויקלונגס־צוועקן; זיכערקייטס־בודזשעט, איינשליסלעך באַזונדערע בודזשעטן און רעזערוון — 27,7% (28,7% אַ יאָר פריער); סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע, אדמיני־סטראַטיווע דינסטן, סובסידיעס צו פאַרביליקערן פּראָדוקטן און שטאַרקן דעם עקספּאָרט — 30,1%; צאָלן חובות, פּראָצענטער פון הלוואות און פאַרשידענע — 10,9%. ביי די סאָציאַלע דינסטן (דערציונג, געזונדהייט, סאָציאַלע הילף, אַרבעט־פאַרזאָרגונג אאז״וו), און שטאַרקן דעם עקספּאָרט, איז פאַראַן אין 1958/59 אַ פאַרגרעסערונג אין פאַרגלייך מיט דעם יאָר 1957/58, סאָציאַלע דינסטן: 156 מיליאָן — 13,4%, במקום 133 מיליאָן — 12,6%; סובסידיעס און שטאַרקן דעם עקספּאָרט: 87,5 מיליאָן — 7,5% במקום 70,5 מיליאָן — 6,7%.

ווי דערמאנט, ווערן היי־יאָר אינעם בודזשעט נישט אַריין די הוצאות און הכנסות פון די קאָמוניקאַציע־דינסטן — פּאָסט, באַן, האַפנס, זיי דעקן בדרך כלל אַליין זייערע הוצאות און האָבן שוין אַ מעגלעכקייט צוריקצוצאָלן דער מדינה איפן חשבון פון דער אויסשטאַטונג, וואָס זיי האָבן באַקומען פונעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט (פּרטים אינעם קאַפּיטל: קאָמוניקאַציע־נויטן און פּלענער).

אין דער אַלגעמיינער הכנסה אינעם בודזשעט־פאָרשלאַג פאַרן יאָר 1958/59 (אַריינגערעכנט אַנטוויקלונגס־בודזשעט) בילדן הכנסה־ און פאַרמעגן־שטייער — 23,5%; אָפּצאָלן אויף הוצאות — 33,4%; פון ליצענצן און דערלויבענישן — 1,6%. צוזאַמען 58,5%. איבערלעכע הלוואות, אויפמאָנען חובות וכדומה — 17,9%. פון אויסלענדישע קוועלן — 23,6%. דער פאַקט וואָס פון די 56,9% שטייערן און אָפּצאָלן ווערט כסדר גרעסער דאָס אָרט פון די אָפּצאָלן אויף הוצאות (1954/55 — 22%; 1955/56 — 24,6%; 1956/57 — 27,3%; 1957/58 — 31,2% און איצט 1958/59 — 33,4%) נעמט זיך דערפון וואָס די רעגירונג־פּאָליטיק גייט אין דער ריכטונג פון פאַרקלענערן, לויט מעגלעכקייט, דעם פאַרברויך פון פּראָדוקטן וואָס מען דאַרף זיי אימפּאָרטירן, אָדער אַזעלכע, וואָס מען קען זיך עווענטועל אָן זיי באַגיין. דאָס גיט אויך אַ מעגלעכקייט אַרויפצולייגן העכערע אָפּצאָלן אויף טייערע געברויך־אַרטיקלען פון וועלכע עס זענען פאַראַן בעסערע און ביליקערע אויסאַרבעטונגען.

29,201 רעגירונגס־באַאַמטע אין יאָר 1957/58 (אַחוץ 12200 לערער), אַריינגערעכנט דעם מדינה־פּרעזידענט, די מיניסטאָרן און די מיטגלידער פון דער כנסת, האָבן באַקומען במשך דעם יאָר געהאַלט 104,3 מיליאָן פונט. דערפון 22,6% די פּאָליציי 18,6% דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום; 18,4% געזונדהייטס־מיניסטעריום; מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט, אַרבעט, קאָמוניקאַציע, דערציונג — 14,5%; געריכטס־וועזן — 4,1%; אויסערן־מיניסטעריום — 5,8% (דערפון 4,7% אין חוץ־לארץ און 1,1% אין לאַנד); מיניסטעריומס פאַר סאָציאַלער הילף, רעליגיע, אינערן — 6,6% אאז״וו. דער געהאַלט פונעם מדינה־פּרעזידענט איז 450 פונט אַ חודש (אין יאָר 1957/58).

תל־אביב, מערץ 1958.

פראַגן פון אונדזער אויסערן-פּאָליטיק

1) דעמאָנסטראַטיווע צעשפּליטערונג

א

עס איז אָנגענומען אין אַ סך לענדער, אַז אין פראַגן פון דער אויסערן־פּאָליטיק, פאַרגעסן פּאַרטייען די חשבונות, וואָס זיי האָבן צווישן זיך אין ענינים פון דער אינערן־פּאָליטיק. אויך די אָפּאָזיציע איז פאַראינ־טערעסירט, אַז די פאָרשטייער פון דער מדינה זאָלן דערשיינען כלפּי־חוץ מיט דער גרעסטער אויטאָריטעט און עס זאָל פאַר אַלעמען זיין קלאָר, אַז דאָס וואָס זיי זאָגן, איז דער ווילן פון לאַנד, אַחוץ אין זעלטענע אויסנאַם־פאַלן פון גאָר טיפגייענדיקע חלוקי־דעות. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס רעדט זיך וועגן פרייע לענדער, ווייל אין אַנדערע, איז דאָך ממילא נישטאָ קיין אָפּאָזיציע און די רעגירונג האָט אין אַלע פראַגן, תמיד און אין פאָרויס, פאַרזיכערט אַן איינשטימיקע הסכמה. צו דעם דאָזיקן געזונטן געפיל פון פרייוויליקער מלוכהשער אייניקייט, האָבן מיר ליידער נישט זוכה געווען ביי דער אָפּשטימונג דעם 29־טן יוני 1949 אין דער כנסת וועגן אונדזער אויסערן־פּאָליטיק.

אין די ענינים, וועגן וועלכע מען האָט אָפּגעשטימט, זענען אויך די וויכטיקע אָפּאָזיציע־פּאַרטייען מסכים מיט דעם אינהאַלט פון די פאָר־שלאָגן פון דער מערהייט. זיי זענען מסכים, אַז דאָס אַריינגעמען מדינת־ישראל אין יו־ען איז אַ פּאָזיטיווע זאַך און אַ דערגרייכונג פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק; זיי זענען מסכים צו דער מיינונג פון דער רעגירונג, קעגן יעדן פּאָליטישן דרוק, וואָס רירט אָן די גרענעצן און די זיכער־קייט פון דער מדינה, און וואָס רירט אָן דעם מעמד פון ירושלים אַלס טייל פון דער מדינה; זיי זענען מסכים, אַז יעדער ייד דאַרף האָבן רעכט עולה־צו־זיין, אַז די ישראל־רעגירונג דאַרף מאַכן באַמיונגען צו העלפן אין דעם אַלע יידן, אין יעדן לאַנד.

וועגן דעם, און נאָר וועגן דעם, האָט מען אָפּגעשטימט אין דער כנסת. האָבן די אָפּאָזיציע־פּאַרטייען, אַנשטאָט זיך צו פּאַרייניקן אַרום די פאַרשלאַגן, וואָס פאַרייניקן אַלעמען, אַריינגעבראַכט אייגענע פאַרשלאַגן. טיילווייז פון אַן ענלעכן אינהאַלט, נאָר אין אַן אַנדערן נוסח; טיילווייז אין אַזאַ נוסח, וואָס זיי וויסן אין פאָרויס, אַז קיינער, אַחוץ זיי אַליין, וועט פאַר אים נישט קענען שטימען. האָט מען דעמאָנסטרירט פאַר דער וועלט אַ צעשפּליטערונג אין פראַגן, אין וועלכע מען האָט דווקא געקענט און געדאַרפט שאַפן מאַקסימאַלע איינינקייט.

דאָס איז פאָרגעקומען דעם 29־טן יוני 1949. אינעם דריטן יאָר־טאָג פון יענעם 29־טן יוני 1946, דעם שוואַרצן געדענק־טאָג פאַר דער בריטישער אדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל, ווען זי האָט אַרעסטירט די מיטגלידער פון דער יידישער אַגענץ, אַדורכגעפירט ברוטאַלע זוכונגען אין אַ גאַנצער ריי אַרבעטער־ווירטשאַפטן און אַרעסטירט מער ווי 2.000 אַקטי־ווע הגנה־מיטגלידער. דער פאַרגלייך אַליין צווישן אונדזער לאַגע דעמאָלט — ערשט מיט דריי יאָר צוריק, ווען מען האָט די 2000 אַרעסטירטע געפירט קיין לאַטרון, רפיח און אַנדערע ערטער — מיט דעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט, איז דאָך דער בעסטער ענטפער, אויב אונדזער אויסערן־פּאָליטיק איז געווען אַ ריכטיקע אָדער אַ פאַלשע. די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן דעמאָלט באַשטימט אונדזער פּאָליטיק, פירן מיט איר אָן אויך היינט, און זיי געניסן, גראָד ווי דעמאָלט, פונעם צוטרוי פון דער מערהייט פון פאָלק — קען מען אויך דערפון לערנען, אויב דאָס פאָלק איז פאַר אָדער קעגן זייער אויסערן־פּאָליטיק.

ב

אין זיין רעדע אין דער כנסת, פאַרן אָנהויב פון דער פּאָליטישער דעבאַטע, האָט דער אויסערן־מיניסטער משה שרת באַרירט אַקטועלע ענינים: אונדזער אויפנאַמע אין יו־ען; גוטע באַציונגען אין אונדזער אויסערן־פּאָליטיק מיט די צוויי וועלט־בלאָקן; וועגן דעם, אַז קיין שום דרוק פון גרויסע לענדער און קיין שום דראָונג פון די אַראַבישע לענדער, וועלן נישט אויספּרעסן ביי אונדז וויתורים, וואָס רירן אָן אונדזער טעריטאָריע און אונדזער זיכערקייט; וועגן אַראַבישע פּליטים; ירושלים; קאָנפערענץ אין לאָזאַן אאז״וו. אין זיין ענטפער־רעדע אין דער כנסת, מיט פינף טעג שפּעטער, שוין נאָכן פּאָליטישן וויכוח, האָט דער אויסערן־

מיניסטער באַרירט אַ נייע פראַגע, וואָס מיט אַזאַ קלאָרקייט האָט מען זי נאָך ביז איצט אין דער כנסת נישט באַהאַנדלט — די פראַגע פון די רדיפות קעגן ציוניזם און דעם פאַרבאָט פון עליה קיין ארץ־ישראל אין געוויסע לענדער. די פראַגע איז אויך געשטאַנען אויפן סדר היום, ווען מען האָט אַכט טעג שפּעטער (דעם פריער דערמאָנטן 29־טן יוני) אָפּגע־שטימט די באַשלוסן וועגן אונדזער אויסערן־פּאָליטיק.

אין דער פראַגע פון דער באַציונג פון די רעגירונגען צו דער ציוניס־טישער באַוועגונג פון זייערע לענדער האָט די ישראל־רעגירונג די גאַנצע צייט געהאַנדלט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט. לויטן פּאַרמעלן געזעץ האַנדלט עס זיך מכוח ענינים, וואָס זענען נוגע בירגער פון יענע לענדער. די יונגע קליינע מדינת־ישראל מוז אָפּהיטן דאָס אָנגענומענע פּאָרמעלע געזעץ פון נישט אַריינמישן זיך אין אינערלעכע ענינים פון אַ צווייטער מדינה. מעכטיקערע פון איר מוזן עס אָפּהיטן. אָבער דאָס האַרץ האָט נישט איינמאָל געטריפט מיט בלוט, ביים אָפּהיטן זאָט דאָס אָנגענומענע פּאָרמע־לע געזעץ, לויט וועלכן אויך יידן, וואָס זייער איינציקע האָפענונג און רעטונג, איז צו קענען אַמאָל קומען קיין ארץ־ישראל, דאַרפן פּאָרמעל באַהאַנדלט ווערן, מצד די ישראל־געזאַנדשאַפטן, ווי פרעמדע אונטערטאַ־נען, וואָס די ישראל־רעגירונג טאָר זיי נישט העלפן און נישט זיין קיין שותף צו זייער זאָרג.

עס איז פאַר אַלעמען אין לאַנד (אַחוץ פאַר דעם קליינעם הייפל קאָמוניסטן) געווען אַ מאָראַלישע נויטווענדיקייט אַרויסצושרייען אין דער וועלט, דאָס וואָס משה שרת האָט אין דער פראַגע געזאָגט אין דער כנסת: „מיר באַטראַכטן די שטערונג פון עליה ווי צונעמען דאָס רעכט אויף לעבן און גלייכהייט; די אונטערדריקונג פונעם ציוניזם מיינט צונעמען דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג. דער ציוניזם איז די נשמה פון מדינת־ישראל און די עליה איז איר דם־התמצית".

ג

פאַר יענע, וואָס קענען געניוער די ענינים איז געווען באַקאַנט, אַז נאָך די וואַלן צו דער כנסת און צו דער הסתדרות, וועט מען אין די אייראָפּעאישע דרום־מזרח־לענדער מן הסתם פאַרגרעסערן די עליה־שוועריקייטן. די ישראל קאָמוניסטן האָבן בעת די וואַלן זיך אָנגעטאָן

אַ פּאַטריאָטישע מאַסקע און זיך באַמיט, אַז די יידישע קאָמוניסטן אין די דרום־מזרח־לענדער זאָלן אָפּלייגן, אויף אַ קורצער צייט, די דאָרט באַשלאָסענע אַנטי־ציון־העצע. זיי האָבן געהאָפט, אַז זייער פּאַטריאָטישע מאַסקע וועט מאַכן פאַרגעסן יידישע אַרבעטער אין מדינת־ישראל, וואָס עס איז זייער אמתער פּנים. זיי זענען אָבער ביי די כנסת־וואַלן אַדורכגעפאַלן, און נאָך פיל שטאַרקער ביי די הסתדרות־וואַלן, דריי וואָכן שפּעטער. ארץ־ישראל־אַרבעטער האָבן נישט אַזאַ קורצן זכרון. עס איז אויך בולט געוואָרן אַ צווייטער דורכפאַל פון די קאָמוניסטן: יידישע קאָמוניסטן אין די דרום־מזרח־לענדער האָבן געמאַכט גרויסע באַמיונגען, כדי משפּיע צו זיין אין זייער גייסט די עולים פון זייערע לענדער, אויף וויפיל די עליה איז דאָרטן דערלויבט געוואָרן. מען האָט בשעתו נישט פאַרעפנטלעכט אַלע וועגן, וואָס די יידישע קאָמוניסטן האָבן דערביי באַנוצט. פאַקטיש איז דער אויסוואַל פון די עולים געלעגן אין אַ גרויסער מאָס אין זייערע הענט. זיי האָבן איינגעאָרדנט וואָכן־לאַנגע צוואַנגס־קורסן פאַר די עולים אאז"וו. אָבער עס האָט נישט גענוצט. אמת, זיי האָט זיך איינגעגעבן צו ברענגען אין לאַנד אַ געוויסע צאָל פונקציאָנאַרן און עסקנים, אָבער די גאָר גרויסע מערהייט פון די עולים, וואָס זיי אַליין האָבן אויסגעקליבן און אויף וועלכע זיי האָבן געבויט, ווילן דאָ אין לאַנד פון זיי נישט וויסן.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל און זייער אייגענע אינער־לעכע סיטואַציע, און מן־הסתם אויך אַ ווינק פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן פאַרשטאַרקט ביי די יידישע קאָמוניסטן דעם באַשלוס וועגן זייער אַנטי־ציון־טעטיקייט און זייער קעגנערשאַפט צו עליה. עס איז באַקאַנט, אַז די יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן באַמיען זיך שטאַרק אויסצופּועלן ביי דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (די קאָמוניסטישע פּאַרטיי) און ביי דער פּוילישער רעגירונג אַ פולשטענדיקן עליה־פאַרבאָט. ביז איצט האָבן זיי נישט מצליח־געווען. עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז די רדיפות אין אונגאַרן האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך דעם באַזוך פונעם פירער פון די יידישע קאָמוניסטן אין רומעניע, כדי „אויפצוקלערן" די אונגאַרישע קאָמוניסטן. און היות ווי דער קאָמינפאָרם איז איצט אין רומעניע, האָבן, ווייזט אויס, די רומענישע יידישע קאָמוניסטן אין יידישע ענינים אַ געוויסע באַזונדערע השפּעה אויף דעם קאָמינפאָרם.

עס איז דעריבער געווען די העכסטע צייט, אַז אין דער מדינת־

ישראל זאָל געזאָגט ווערן אינעם העכסטן אויטאָריטאַטיוון אָרט, אַז עס איז שווער צו פאָרייניקן פריינטשאַפט צו מדינת־ישראל מיטן צונעמען ביי איר דאָס וואָס עס איז איר נשמה און דם־התמצית — ציוניזם און עליה.

ד

די לאָזונגען וואָס מפ״ם שטעלט איצט אַרויס, קען מען, דאַכט זיך, היינט־צו־טאָג נאָר דערגרייכן מיט באַוואָפנטער קראַפט. זי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די כנסת זאָל באַשליסן נישט אָנערקענען די איינגלידערונג פון דעם אַראַבישן טייל פון מערב ארץ־ישראל אין עבר־הירדן און פאָדערן, אַז דאָס עבר־הירדנישע מיליטער זאָל אַרויס פון יענע שטחים. יעדער ווייסט, אַז די ישראל־רעגירונג וואָלט וועלן אַזאַ לייזונג און זי האָט עס אַ סך מאָל אָפן געזאָגט. לעצטנס האָט אפילו אונדזער פאָרשטייערשאַפט אין לאָזאַן (דאָרטן באַראַט זיך די אויסגלייך־קאָמיסיע, וואָס די פול־זיצונג פון יו־ען האָט באַשטימט אין דעצעמבער 1948) פאָרגעשלאָגן אַדורכצופירן אַן אָפשטימונג אין יענעם טייל. אויב מען שטעלט אין כנסת אַזאַ פאָדערונג מוז מען אויך ענטפערן: וואָס וועט זיין אויב מיר וועלן עס נישט דערגרייכן; זאָלן מיר צוליב דעם פירן קריג מיט עבר־הירדן? (אין דער זעלבער רעדע באַטאָנט דער מפ״ם־רעדנער אויך וועגן דעם, אַז ענגלאַנד שיקט וואָפן קיין עבר־הירדן). דער חרות־פירער מ. בעגין, וואָס פאָדערט עס אויך, ווייזט אָן אויף דעם פאַראַגראַף פונעם אָפמאַך צווישן ענגלאַנד און עבר־ירדן, וועגן קעגנזייטיקער מיליטערישער הילף. מוז מען אוודאי און אוודאי געבן אַ קלאָרע תשובה — זאָלן מיר צוליב דעם פירן אַ קריג מיט עבר־הירדן און מיט ענגלאַנד? די איינציקע טרייסט דערביי איז נאָר, וואָס אויך מפ״ם וועט וועגן דעם נישט פאָדערן קיין קריג. ווען נישט איר איצטיקע רעגירונגס־אָפּאָזיציע פאַר יעדן פרייז, און די זיכערקייט, אַז אַזאַ באַשלוס וועט נישט אָנגענומען ווערן, וואָלט זי אַזאַ פאָרשלאָג נישט געמאַכט.

די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס זענען נישט אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע האָבן אויך אַריינגעטראָגן אַן אייגענעם פאָרשלאָג און באַקומען זעקס שטימען. שווער צו זאָגן מיט וואָס זייער באַזונדערער פאָרשלאָג איז געווען באַזונדער און פאַרוואָס זיי האָבן נישט געקענט קומען צו אַן איינהייטלעכן נוסח מיט דעם פאָרשלאָג פון דער מערהייט. אויך די קאָמוניסטן

און די שטערניסטן־לח״י האָבן געהאַט אייגענע פאָרשלאָגן, וואָס יעדער פון זיי האָט באַקומען צו איין שטימע. די „חרות״־פּאַרטיי האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אַלע פאָרשלאָגן שטימען פונקטנווייז (65 אָפּשטימונגען), און נישט יעדן פאָרשלאַג אַלס אַ גאַנצן, ווי עס האָט באַשלאָסן די קאָמיסיע. היות מען האָט זייער פּראָצעדור נישט אָנגענומען, האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך אין דער אָפּשטימונג נישט באַטייליקן. אינעם וויכוח אין דער כנסת האָט מ. בעגין דערקלערט, אַז די אויסערן־פּאָליטיק פון דער רעגירונג דינט נישט די אינטערעסן פון פאָלק, זי איז אימפּרעסיאָניסטיש און דילעטאַנטיש. דער דעפּוטאַט י. הררי פון די פּראָגרעסיווע ציוניסטן, האָט אים שפּעטער געענטפערט, אויב מיט דילעטאַנטיזם האָבן מיר דער־גרייכט, וואָס מיר האָבן דערגרייכט — שלאָגט ער פאָר צו ענדערן אונדזער באַציונג צו די דילעטאַנטיזם.

עס איז געווען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן איינהייט־לעכקייט אין פראַגן אין וועלכע מען האָט אין תוך־גענומען אַן איינהייט־לעכע מיינונג. לײַדער האָט מען עס נישט געטאָן.

2) פּאָליטישער דרוק אויף מדינת־ישראל

ה

אין דער פּאָליטישער כנסת־דעבאַטע, האָט געשפּילט אַ באַדייטנדי־קע ראָל די פראַגע פון דעם דרוק, וואָס קומט פון געוויסע קרייזן אינעם „סטייט־דעפּאַרטאַמענט״ אין וואַשינגטאָן. זיי רעדן וועגן אַ נייער רעגולי־רונג פון אונדזערע גרענעצן און וועגן דער פראַגע פון צוריק אויפנעמען אַראַבער אין מדינת־ישראל, וואָס זענען אַנטלאָפן בעת דעם אַראַבישן איבערפאַל און בעת די שפּעטערע קריגס־האַנדלונגען. דער ענטפער פון די אָנטיילנעמער אין דער כנסת־דעבאַטע איז געווען, אַז מיר וועלן זיך נישט קענען רעכענען אין דער פראַגע מיט די ווונטשן און דרוק פון דרויסן.

דער דרוק הערט נישט אויף. ער איז איינער פון די גורמים — נישט דער איינציקער — וואָס פאַרלאַנגזאַמען שטאַרק דעם גאַנג פון די פארהאנדלונגען פון דער יו־ען אויסגלייך־קאָמיסיע אין לאָזאַן, מיט די אַראַבישע לענדער און מיט אונדז, מיטן צוועק צו דערפירן צו שלום־פאַרהאַנדלונגען.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז די אויסגלייך־קאָמיסיע פון יו־ען באַשטימט געוואָרן אין דעצעמבער 1948. זי איז באַשטאַנען פון 3 מיטגלידער, פאָרשטייער פון נאָרד־אַמעריקע, פראַנקרייך און טערקיי. דעם פאָרזיץ האָט יעדן חודש געפּירט אַן אַנדערער מיטגליד פון דער קאָמיסיע. אין יאַנואַר 1949 איז די קאָמיסיע געקומען קיין ירושלים און געפּירט שמועסן מיט דער ישראל־רעגירונג, שפּעטער איז זי אַוועק קיין בירות צו באַראַטונגען מיט די אַראַבישע רעגירונגען. דאַן האָט זי איינגעלאַדן די ישראל־רעגירונג און די אַראַבישע רעגירונגען צו שיקן פאָרשטייער קיין לאָזאַן (שווייץ) צו אַלגעמיינע באַראַטונגען וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין אַפּריל 1949. עס איז אָבער צו קיין אָפּיציעלע בשותפותדיקע באַראַטונגען מיט די אַראַבער נישט געקומען, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זיצן צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון מדינת־ישראל (הגם בסוד סודות, און אפילו די קאָמיסיע זאָל דערפון נישט וויסן, פלעגן זיך ישראל־פאָרשטייער טרעפן מיט געוויסע אַראַבישע פאָרשטייער). די קאָמיסיע איז אויך אַ געוויסע צייט געזעסן אין זשענעווע און אויך אין פּאַריז. קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן האָט די קאָמיסיע נישט דערגרייכט. די אַראַבער האָבן נישט געוואָלט באַהאַנדלען קיין קאָנקרעטע ענינים, אַחוץ דעם ענין פון צוריק־ברענגען אַלע פּליטים אין מדינת־ישראל, מיט דער אויסרעכענונג, אַז דערויף קען מדינת־ישראל נישט מסכים זיין. געווען אַ סטאַדיע, ווען די ישראל־פאָרשטייער זענען מסכים געווען אויפצונעמען די אַראַבער פון עזה־געביט, און אויך די פּליטים פונעם עזה־געביט, אויב מצרים ציט זיך צוריק צו דער פריערער גרענעץ צווישן ארץ־ישראל און מצרים. סוף אויגוסט 1949, האָט די קאָמיסיע פאָרגעשלאָגן צו באַשטימען אַ שטודיר־קאָמיסיע וועגן דערווירטשאַפט־לעכער זייט פון דער פּליטים־פראַגע, אין דער ראַם פון אַן אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פונעם מיטעלן מזרח. די פאָרשטייער פון מדינת־ישראל האָבן אויך געמאַכט פאָרשלאָגן וועגן צאָלן אַנטשעדיקונג די אַראַבער וואָס האָבן געהאַט באַדן; וועגן פאַראייניקן משפחות אאז״וו. אויף אירע קאָנסטרוקטיווע פאָרשלאָגן האָט די ישראל־דעלעגאַציע נישט באַקומען קיין שום תשובה. מיט

דער צײַט איז די קאָמיסיע אַרײַן אין אַ מצב פֿון פּערמאַנענטער גסיסה.

פֿאַראַן קרײַזן, וואָס זאָגן, אַז בעצם האָבן מיר זיך נישט וואָס צו אײַלן מיט שלום־אונטערהאַנדלונגען. מיר האָבן איצט וואָפֿנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן מיט אַלע אַראַבישע לענדער, וואָס האָבן דירעקטע גרענעצן מיט מדינת־ישראל. די וואָפֿנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן זענען צושטאַנד געקומען לויט באַשלוסן פֿון דער יו־ען און מיט איר אָנטייל. די יו־ען האָט אַקצעפּ־טירט די וואָפֿנשטילשטאַנד־באַדינגונגען, די גרענעצן אאז"וו. אויב עס איז, לכן, פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט צו קומען צו אַן ענדגילטיקן אָפֿיציעלן שלום־אָפּמאַך — מה טוב, אויב נישט — האָבן די וואָפֿנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן נישט ווייניקער אינטערנאַציאָנאַלע גילטיקייט און רעכט אויף אינטערנאַציאָנאַלן שוץ, ווי ענדגילטיקע שלום־אָפּמאַכן. הגם די דאָזיקע טענה איז טיילווײַז ריכטיק, וויל אונדזער אויסערן־פּאָליטיק נישט גיין דעם וועג, נאָר טאַקע אַקטיוו שטרעבן צו פֿאַרשנעלערן דאָס אָפֿיציעלע שליסן שלום. דעם ווילן צו אַ שלום־אָפּמאַך האָט אויך אויסגעדריקט משה שרת אין זײַן פֿריער דערמאָנטער רעדע אין דער כנסת.

די וואָפֿנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן זענען נישט באַגרענעצט אין צײַט און מען דאַרף זיי נישט פֿאַרלענגערן (די אָפּאָזיציע אין דער כנסת האָט געהאַט טענות צו דער רעגירונג, פֿאַרוואָס מען האָט זיי נישט באַגרענעצט אין צײַט). פֿאַראַן אָבער אַ גאַנצע רײ ווירטשאַפֿטלעכע ענינים, וואָס וועלן רעגולירט ווערן ערשט נאָך די שלום־אָפּמאַכן. מיר וועלן קענען און מוזן אויסקומען אויך אָן דעם, אויב עס וועט נישט זײַן קיין אַנדערע ברירה. אָבער עס קען פֿאַר אונדז זײַן צום נוצן אויב מיר וועלן קענען שיקן אונדזערע אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען אין די אַראַבישע לענדער, און בכלל, אויב דער פֿאַרקער וועט זײַן אַ פֿרײַער.

זענען מיר, דעריבער, פֿאַראינטערעסירט אין שלום־אָפּמאַכן, סײַ צוליב דעם שטרעבן פֿון אָפּהיטן גוטע שכנים־באַציונגען מיט די אַרומיקע אַראַבישע לענדער, ווי אויך צוליב אַ גאַנצער רײ עקאָנאָמישע ענינים, וואָס זענען נישט באַגרענעצט נאָר אויף דער פֿאַרבינדונג מיט די אַראַבישע לענדער.

די אַראַבער שטעלן אַוועק די פּליטים־פֿראַגע אויפֿן ערשטן אָרט. דאָס איז פֿאַר זיי פֿיל באַקוועמער, ווײַל דאָס איז כמעט די איינציקע פֿראַגע

אין וועלכער עס איז פאַראַן צווישן זיי אַ געוויסע אייניקייט; אין דער פראַגע קענען זיי גיכער דערגרייכן די שטיצע פון דער אויסערלעכער וועלט, וואָס איז נישט אַזוי באַהאַוונט אין די ענינים און זי זעט פאַר זיך קודם כל אַ פּראָבלעם פון ליידנדיקע פּליטים, וואָס מדינת־ישראל לאָזט זיי נישט צוריק. די וועלט ווייסט נישט ווי שווער און געפּאַרפּול די פראַגע איז פאַר אונדז און זי באַמיט זיך גאָרנישט דאָס צו וויסן. עס קומט נאָך צו, וואָס די קאַטוילישע קירך, וועלכע וויל פון אונדז אַרויסבאַקומען די הסכמה צו דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון ירושלים, באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו שלאָגן ישראל אויפן געביט פון אַראַבישע פּליטים, אַוועק־שטעלנדיק עס אין איר פּראָפּאַגאַנדע אַלס אַ פראַגע פון רחמנות, מענטשן־ליבע וכדומה. זי וויל אונדז אַזוי אַרום צווינגען צו נאָכגיביקייט אין ענין ירושלים.

די צייטונגען מעלדן, אַז די ישראל־דעלעגאַציע האָט אין לאָזאַן מסכים געווען צו מאַכן פאָרשלאָגן אין דער פּליטים־פראַגע, אויב די אַראַבישע מדינות וועלן מסכים זיין אָנצוהויבן ענדגילטיקע שלום־פאַר־האַנדלונגען. זי האָט אויך פאָרגעשלאָגן אַ באַזיס פאַר שלום־פאַרהאַנדלונ־גען: די ענדגילטיקע ליקווידירונג פונעם קריגס־צושטאַנד און נאָרמאַלע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע באַציונגען מיט די אַראַבישע שכנים־לענדער. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די דערקלערונגען, וואָס די ישראל־רעגירונג האָט געמאַכט די גאַנצע צייט, אַז די פראַגע פון די פּליטים, איז אַ פּראָבלעם וואָס קען נאָר באַהאַנדלט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענדגילטיקער שלום־שליסונג.

ו

וועגן דער צאָל אַראַבישע פּליטים זענען די מיינונגען גאָר פאַרשידן. דער אמת איז, ווייזט אויס, אַז זייער צאָל איז אַרום זעקס הונדערט טויזנט; אָדער נאָך אַ 50 טויזנט, דאַכט זיך נישט מער. אַלע גרעסערע צאָלן, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט, האָבן אַ ריין פּראָפּאַגאַנדיסטישן ציל, אָדער, כדי אַרויסצובאַקומען מער הילף־געלטער. נישט אַלע אַראַבישע לענדערליידן אין אַ גלייכער מאָס פון דעם פּליטים־צושטראָם. אַמשווערסטן איז די פראַגע פאַר דעם קליינעם אָרעמען, שטאַרק באַפעלקערטן לבנון, די אַרום 80 טויזנט אַראַבישע פּליטים זענען פאַר איר אַ שווערע לאַסט

און אַ געפאַר פון כסדרדיקע אינערלעכע אומרוען. פיל לייכטער איז דער ענין פאַר סיריע, וועלכע האָט אויך אַרום 80 טויזנט פליטים. זי האָט אָבער קאָלאָסאַלע שטחים און קען די פליטים צעשפּרייטן איבערן לאַנד. אָבער אויך סיריע האָט נישט קיין צוטרוי צום פליטים־עלעמענט און האָט מורא, אַז ער איז עלול צו פאַרשאַרפן די אינערלעכע באַציונגען. עיראַק, מיט אירע גרויסע שטחים און מאַנגל אין מענטשן, האָט נאָר ווייניק פליטים. דאַקעגן האָט עבר־הירדן אויך אַרום 80 טויזנט פליטים אין דער אייגענער מדינה און נאָענט 200 טויזנט פליטים — אַזוי זאָגט מען — געפינען זיך אינעם אַראַבישן טייל פון מערב ארץ־ישראל, וואָס איז איצט אונטער אבדאלאס הערשאַפט. אבדאלא וואָלט דווקא גרייט געווען אויפצונעמען די פליטים אין עבר־הירדן, ווייל ער האָט דאָך אַ גאָר קליינע באַפעלקערונג און אַ סך ליידיקע שטחים. ער וואָלט אפילו גיכער גרייט געווען, ווי די אַנדערע אַראַבישע מדינות, צו שליסן שלום מיט ישראל.

אבדאלאס גרייטקייט צו שליסן שלום מיט ישראל האָט אים געקאָסט דאָס לעבן. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דעם 20־טן יולי 1951, בעת אַ באַזוך אין דער ירושלימער אַלט־שטאָט אויף דער שוועל פונעם עומר מעטשעט. צווישן די פאַרדעכטיקטע אינעם אָרגאַניזירן דעם אַטענטאַט איז אויך פאַראורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף (אין זיין אָפּוועזנהייט) דער פריערער אַראַבישער קאָמאַנדיר פון דער ירושלימער אַלט־שטאָט אַבדאַלאַ אל תל, צו וועמען קעניג אבדאלא האָט געהאַט צוטרוי און וואָס איז פריער נישט געווען צווישן די פאַנאַטישע קעגנער פון אַ פאַרשטענדיקונג מיט מדינת־ישראל. אבדאלא אל תל איז רעכטצייטיק אַנטלאָפן קיין מצרים און דינט איצט דעם עגיפּטישן הערשער. קעניג אבדאלא האָט אָנהויב 1950 געפירט געהיימע שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט ישראל, מען האָט אפילו שוין געהאַט געחתמעט אין ראשי־תבות אַן אָפּמאַך. צוליב מורא פאַר די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן האָט אַבדאַלאַ דעם אָפּמאַך נישט רעאַליזירט.

אין מצרים גופא איז די צאָל פליטים נישט גרויס — אַרום 15—20 טויזנט. אָבער אין דעם עזה־געביט, וואָס איז אין די הענט פון מצרים, איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל פליטים, וואָס מען שאַצט צווישן 150 ביז 200 טויזנט און מאַנכע זאָגן אפילו נאָך מער. מצרים קלערט גאָרנישט וועגן

אַריינלאָזן די פּליטים, אָדער אפילו אַ טייל פון זיי, קיין מצרים. דער עזה־געביט איז אָפּגעטיילט פון מצרים מיט אַ ברייטן מדבר־שטח.

אין מדינת־ישראל זענען ביים היינטיקן טאָג שוין פאַראַן אַרום 170—175 טויזנט אַראַבער. דאָס מיינט אַרום 25—30 טויזנט מער ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק.

עס וועלן נאָך צוריקקומען אַראַבישע משפחה־אַנגעהעריקע, וואָס די ישראל־רעגירונג איז גרייט אַריינצולאָזן. און ביי די אַראַבער איז אַפילו דער באַגריף פון נאָר פרויען און קינדער צאָלמעסיק נישט קיין ענגער. פאַראַן אַראַבער, וואָס זייערע פרויען און קינדער זענען צוויי צענדליק און מער נפשות. אַ גרויסע אַראַבישע באַפעלקערונג אין מדינת־ישראל, וועלכע איז אַרומגערינגלט נאָר פון אַראַבישע לענדער, און פון לענדער וואָס זענען פיינטלעך צו איר, איז פאַר אונדז אַ קאָמפּליצירטע פראַגע און אַ געפאַרפול פּראָבלעם. אונדזער זיכערקייט קען צוליב דעם ליידן. דערצו קומט נאָך די פראַגע ווי זיי צו באַזעצן. פאַר אַ שטאַטישן אַראַבישן עלעמענט, איז נישט פאַראַן קיין פּלאַץ, אויב מיר זאָלן נישט אַרויסוואַרפן די נייע עולים פון יפו, רמלה, לוד און אַנדערע פּונקטן — און דאָס וועלן מיר נישט טאָן. דערפאַר וועט מן הסתם די צאָל, וואָס די ישראל־רעגירונג איז גרייט צוריק אויפצונעמען זיין ווייט פון דער צאָל, וואָס די אַראַבישע מדינות וועלן פאָדערן, אַז מען זאָל זיי צוריק אַריינלאָזן אין מדינת־ישראל. עס איז אויך וואַרשיינלעך, אַז מדינת־ישראל וועט פאַרבינדן איר פאָרשלאָג מיטן באַדינג, אַז איר צושטייער איז נאָר חל אויב דערמיט ווערט ענדגילטיק געלעזט דאָס גאַנצע פּראָבלעם. אויך די אַראַבישע לענדער וועלן מוזן זאָגן, וואָס זיי נעמען אויף זיך אויף דעם געביט.

איז פאַראַן אַ סכנה פון אַ באַנייטער העצע מצד די אַראַבישע מדינות. עס קען אפילו זיין, אַז די אַראַבישע מדינות, מיט דער הילף פון דער קאַטוילישער קירך און אַנדערע פאַקטאָרן, וועט זיך איינגעבן צו מאָביליזירן אַן עפנטלעכע מיינונג קעגן אונדז. וועט עס פאַר אונדז זיין אַ גרויסע שוועריקייט, אָבער עס וועט נישט קענען ענדערן די קעגנער־שאַפט פון מדינת־ישראל צו אַ וועג וואָס איז געפערלעך פאַר איר. ישראל האָט אין דעם פּרט פאָרגעשלאָגן דעם מאַקסימום, וואָס איז פאַר איר מעגלעך. די אַראַבישע לענדער, וועלכע האָבן אַן אַ פאַרגלייך גרעסערע מעגלעכקייטן צו לייזן דאָס פּראָבלעם, און זיי זענען קודם כל שולדיק אין

דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די אַראַבישע פּליטים, זיי האָבן דער־ווייל נאָך נישט געטאָן דאָס מינדעסטע, כדי צוצואיילן, אָדער פאַרלייכטערן די לייזונג פון דעם פּראָבלעם.

אין גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען אין לאָזאַן, האָט מען געהערט אַ פאָרשלאָג, אַז מדינת־ישראל זאָל איבערנעמען דעם עזה־געביט, מיט די אַראַבישע פּליטים, וואָס זענען דאָרטן. מען האָט בשעתו אָנגעפרעגט בײַ די ישראל־פאָרשטייער, אויב זיי וואָלטן מסכים־געווען דערצו און דער ענטפער איז געווען פּאָזיטיוו, הגם דאָס איז נישט אַזוי לייכט פאַר מדינת־ישראל (צוליב די פּליטים). נישט מדינת־ישראל האָט געמאַכט דעם פאָרשלאָג, און עס איז קלאָר, אַז זי וועט נישט זען פאַר זיך קיין שום קאָנצעסיע, אויב דער פאָרשלאָג וועט באַנייט ווערן.

ביי דער ערשטער ציילונג אין מדינת־ישראל — 8־טן נאָוועמבער 1948 — זענען פאַררעגיסטרירט געוואָרן 69 טויזנט אַראַבער. אין פעברואַר 1949 איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ ציילונג אין די סוף 1948 ניי באַזעצטע געביטן אין גליל און דרום, און שפּעטער אַ צוגאָב־ציילונג אין נגב, ס׳זענען צוגעקומען 47 טויזנט. פון די געביטן, וואָס זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין מדינת־ישראל, לפי דעם אָפּמאַך אין ראָדאָס, אין אַפּריל — 1949 — נאָך 31,000. דאָן זענען צוגעקומען דערלויבנישן צו פאַראייניקן משפחות; אַזעלכע וואָס האָבן זיך אַריינגעשמוגלט און מען האָט זיי דערלויבט צו פאַר־בלייבן; נאַטירלעכער צוּוואַקס וכו׳ — סוף 1957 זענען פאַראַן אין מדינת־ישראל 214.000 אַראַבער. אַרום 147.000 מוסלמענער — 24.000 אין די שטעט, 101 טויזנט אין דערפער און 22 טויזנט בעדואינער; אַרום 45 טויזנט קריסטלעכע אַראַבער, 30 טויזנט אין די שטעט און 15 טויזנט אין די דערפער. בערך 21 טויזנט דרוזן לעבן אין דערפער. די אַראַבער לעבן אין 103 דערפער און 8 שטעט.

ז

אין דער פראַגע פון די גרענעצן, איז, ווי מען גיט איבער, איצט אַ גאָר משונהדיקע סיטואַציע. ווען מען רעדט וועגן גרענעצן, איז אַחוץ דעם ענין ירושלים, די כוונה קודם כל צום דרום־טייל פון נגב. מיר ווייסן, אַז אין דעם ענין איז די גאַנצע צייט ענגלאַנד געווען גאָר אַקטיוו. זי האָט



בילד 72: רעגירונג נאָך די וואַלן אין 1955 —ביים מדינה פּרעזידענט. זיצן רעכטס צו לינקס: פּרץ נפתלי, פּנחס רוזן, דוד בן־גוריון, פּרעזידענט יצחק בן־צבי, גאָלדע מאיר, ישראל בן־יהודה, לוי אשכול. שטייען: משה כרמל, מרדכי בנטוב, ד״ר יוסף בורג, ישראל ברזילי, קדיש לוז, בכור שלום שיטרית, פּנחס ספּיר, זלמן ארן, מרדכי נמיר.

בילד 73: אין יר־ען, אין לייק־סאַקסעס, מערץ 1949, מדינת ישראל איז אָפּיציעל אויפגענומען געוואָרן 11־טן מאַי 1949. רעכטס צו לינקס: ס. ראָזענטאַל (ישראל ערן־קאָנסול אין באָגאָטאַ); גדעון רפאל (ישראל געזאַנדטער אין בעלגיע); ב. ווייזער (יידישע אַגענץ אין ניו־יאָרק); אבא אבן; י. זרובבל (צו גאַסט אין ניו־יאָרק); מ. ר. קדרון (פאַרטרעטער פון ישראל־באַפּולמעכטיקטן אין יר־ען) און פּרו׳ ר. האמבורגער.



בילד 74: ביים ערשטן צוזאַמענפאָר פון איחוד עולמי פועלי ציון (צ. ס.) — התאחדות נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה (אפריל 1950 אין בית ברל אין צופית). רעכטס צו לינקס: א. קאצענעלסאָן — ניסן (ערשטער ישראל־געזאַנדטער אין די סקאַנדינאַווישע לענדער); חיים שורער (רעדאַקטאָר פון „דבר״); ישראל עפרויקין (פאריז) און מ. נוי (ניישטאַדט).



בילד 75 : יום העצמאות 1958 אין ירושלים. דעפילאַדע פון צה״ל אינעם נייעם אַמפיטעאַטער. אין הינטערגרונט די נייע בנינים פון דער אוניווערזיטעט. אַ פערטל מיליאָן מענטשן פון גאַנצן לאַנד האָבן אין ירושלים אינעם צענטן יום העצמאות אָנטייל גענומען אין די פייערונגען.



בילד 76 : סיני־אקציע (נאָוועמבער 1956) אָפּטיילונגען פון צה״ל האָבן דערגרייכט דעם באַרג סיני. די ישראלדיקע פאָן פלאַטערט אויפן הר־סיני. ערשטער לינקס — אלוף משנה רחבעם זאבי, דער שטעלפאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר אין דרום. צווייטער : רב סרן יקותיאל אַדאַמאָוויץ.

נישט געוואַלט, אַז מיר זאָלן זיצן ביי דעם גאָלף פון עקבה, זי האָט געוואָלט האָבן אַ דירעקטע לאַנד־פאַרבינדונג צווישן עבר־הירדן און מצרים. אילת, אַלס אַ טייל פון מדינת ישראל איז דערצו אַ שטער־רונג. איצט איז גאָר דער „סטייט־דעפּאַרטאַמענט" געוואָרן דער הויפּט־פאָדערער פון קאָנצעסיעס אויף דעם געביט, און ענגלאַנד, ווי מען זאָגט, שטייט אין אַ זייט. און נישט נאָר וואָס זי שטייט אין אַ זייט, נאָר מעלדונ־גען פון לאָנדאָן זאָגן אפילו, אַז ענגלישע פּאָליטיקער פאָדערן עס נישט מער און זיי זענען גרייט משלים צו זיין דערמיט, אַז ישראל זיצט אין אילת. שטייען מיר פאַר אַ רעטעניש: האָט די ענגלישע פּאָליטיק, אַזוי ווייט באַוויזן איינצושפּאַנען אַמעריקע אין איר פּאָליטישער נעץ? אָדער שטייען מיר פאַר אַן ענדערונג פון דער ענגלישער פּאָליטיק לגבי אונדז?

איין זאַך איז קלאָר: ווי שטאַרק מיר זאָלן נישט וועלן און זיך נויטיקן אין דער פריינטשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן — און מיר ווילן די פריינטשאַפט און מיר נויטיקן זיך אין איר — וועט נישט נוצן דער דרוק צו פאַרשמעלערן די גרענעצן פון מדינת־ישראל. עס איז נישט קיין קאַפּריז און עס איז ביי מדינת־ישראל נישט קיין סתם ווילן צו האָבן מער שטח, עס איז אַ זייער ערנסטע נויטווענדיקייט — צוליב עקאָנאָמישע און זיכערקייטס־טעמים. און אַזוי ווי ישראל וועט פריווויליק דערויף נישט מסכים זיין, פאַרבלייבט דעם „סטייט־דעפּאַרטעמענט" נאָר איין ברירה: צו ברענגען דעם ענין צו דער סעסיע פון יו־ען, וואָס עפנט זיך דעם 20־טן סעפּטעמבער. פרעגט זיך צי וועלן זיי עס טאָן. אָן ספק וועט אין אַמעריקע גופא זיין אַ גאָר גרויסע קעגנערשאַפט דערצו. פּרעזידענט טרומאַן אַליין, האָט בשעתו קלאָר געזאָגט, אַז אָן דער הסכמה פון ישראל, וועלן נישט פאָרקומען קיין שום גרענעץ־ענדערונגען. דערביי דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אויב דעם „סטייט־דעפּאַרטעמענט" זאָל זיך אפילו איינגעבן גובר זיין די אינערלעכע שוועריקייט, וואָס עס איז נישט אַזוי לייכט — פרעגט זיך ווידער, צי יו־ען קען בכלל באַשליסן צו ענדערן גרענעצן פון אַ מדינה, וואָס איז אַ מיטגליד אין יו־ען? נישט ווייניק מדינות וועלן זיכער זען אין דעם אַ גאָר געפערלעכן פּרעצעדענט, וואָס מען קען מאָרגן עווענטועל אָנווענדן אויך קעגן זיי. וועלן זיי קעמפן צוזאַמען מיט ישראל קעגן אַזאַ באַשלוס פון יו־ען, נישט נאָר צוליב פריינטשאַפט צו אונדז, נאָר צוליב זיכערקייט פאַר זיך אַליין.

דער פּראַקטישער עפעקט פון אַזאַ מין אַגיטאַציע איז אײנער: שטאַרקן די עקשנות פון די אַראַבער און שווערער מאַכן די פאַרהאַנדלונגען אין לאָזאַן. אויף דעם געביט פעלן נישט קיין באַמיונגען. לעצטנס ווערן פאַרשפּרייט אין די אַראַבישע לענדער ידיעות, וועגן אַ ווירטשאַפטלעכן קריזיס אין מדינת־ישראל. די אָריענטאַלישע פאַנטאַזיע אַרבעט דערביי אינטענסיוו און מען דערציילט זיך, אַז מיר שטייען האַרט פאַר אַ ווירט־שאַפטלעכן צוזאַמענברוך. אויב די קאָמוניסטן גיט זיך ביי אונדז איין צו אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע פון עטלעכע צענדליק אָדער גאַר אפילו פון עטלעכע הונדערט נייע עולים — איז עס פאַר די אַראַבער די וויכטיקסטע טאָג־נייעס, וואָס ווערט הונדערט־פאַכיק איבערגעטריבן. די אַראַבישע הערשער דערציילן זייערע בירגער, אַז נאָר צוליב דעם באַנייען זיי נישט די מלחמה, ווייל מדינת־ישראל האַלט סיי־ווי־סיי ביים צוזאַמענפאַלן. דאָס בינדט אָבער גלייכצייטיק זייערע הענט ביי די פאַרהאַנדלונגען אין לאָזאַן.

די אָפּטימיסטישע ידיעות פון לאָזאַן זענען אַ גוטער סימן. מען מוז אָבער נאָך אָפּוואַרטן, ביז מיר וועלן קענען פאַרצייכענען אַ גוטע ענדערונג.

תל־אביב, יולי 1949.

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָבן די לאָזאַנער פאַרהאַנדלונ־גען נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאַטן.

געפאַלן דער פּרייזן-אינדעקס

(זאָל די הסתדרות האַלטן איר אָפּמאַך?)

א

די הסתדרות וועט אין די נאָענטסטע וואָכן דאַרפן מסכים זיין, צו אַ באַשטימטער רעדוצירונג פון דער טייערונגס־הוספה, וואָס די אַרבעטער באַקומען, הגם דאָס איז צווישן די אַרבעטער נישט קיין פּאָפּולערע זאַך. די הסתדרות וועט דאַרפן גובר זיין דעם אינסטינקטיוון אומווילן פון די אַרבעטער דערצו, וואָס ווערט שוין זינט וואָכן געשטאַרקט פון מפ״ם און קאָמוניסטן. זיי שטעלן אַוועק די רעדוקציע פון דער יקרות־הוספה אַלס אַ פאַרזוך אַראָפּצודריקן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער און רעאַליזירן דעם רעגירונגס־פּלאַן פון שפּאָרזאַמקייט און קאַמף קעגן יקרות, נאָר אויפן חשבון פון די אַרבעטער.

אין דער זעלבער צייט טענהען די הויז־באַזיצער, אַ טייל פאַבריקאַנטן און סוחרים, אַז די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, האָט נאָר איין ציל, אַרויפצולייגן אויף זיי אַלע לאַסטן פונעם שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן און קאַמף קעגן יקרות (און אין חוץ־לארץ פירט מען אין דער ריכטונג אַן אמתע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע). טענהען מפ״ם און קאָמוניסטן פונקט דאָס פאַרקערטע: די רעגירונג לייגט אַרויף אַלע לאַסטן נאָר אויף די אַרבעטער.

זע אין אַ פריערן קאַפּיטל: דער שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן.

ביידע זענען נישט גערעכט. זיי טענהען, דאָס וואָס זיי טענהען, כדי צו מאַכן שווערקייטן דער רעגירונג און פאַרקלענערן איר פּאָפּולאַריטעט. עס איז נישט קיין עוולה, אויב די מדינה, וואָס קעמפט אַזוי שווער פאַר איר עקזיסטענץ, פאָדערט פון אירע פאַרמעגלעכע בירגער אַ געוויסן טייל פון זייערע פאַרדינסטן אין דער פאָרם פון שטייערן. אַנדערע לענדער האָבן עס געטאָן און טוען עס אין אַ פיל שאַרפערער פאָרם און עס איז דאָרטן

קיינעם נישט איינגעפאַלן צו זען אין דעם אַן עוולה. די זעלבע פאַרמעגלע־כע יידן, אין יעדן אַנדערן לאַנד, פאַלט גאַרנישט איין צו זאָגן אַ וואָרט קעגן אַזעלכע און נאָך העכערע שטייערן.

אויך פון די אַרבעטער פאָדערט די מדינה, אין איר איצטיקער לאַגע, גרויסע מאַטעריעלע קרבנות אויפן געביט פון שטייערן, שפּאָרזאַמ־קייט און פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע. נישטאָ קיין ספק, אַז ווען נישט די אינערלעכע פּאַרטייאישע חשבונות, וואָלט אויך די צווייט־גרויסע ישראל־אַרבעטער־פּאַרטיי, — מפ"ם, מסכים געווען צו דער פאָדערונג פון באַזונדע־רער פינאַנציעלער אָפּפערווילליקייט מצד די אַרבעטער, כדי צו שטאַרקן די מדינה; גראָד ווי זי האָט עס געטאָן מיט אַ יאָר צוריק, ווען מען האָט געדאַרפט מאַכן אַזאַ איבערמענטשלעכע מיליטערישע אָנשטרענגונג. דער היינטיקער עקאָנאָמישער קאַמף פון דער מדינה, איז פאַר איר עקזיסטענץ און פעסטיקונג נישט ווייניקער וויכטיק, ווי דער פאַריאָריקער מילטערי־שער קאַמף.

ביי דעם ערנסטן שטרייט, וואָס מען זעט פאָרויס, אַז ער וועט אויסברעכן נאָך דעם 15־טן יולי, און וואָס ער איז עלול צו פירן צו אַ באַדייטנדיק פאַרשאַרפטן וויכוח אין דער הסתדרות, גייט עס נישט וועגן אַ פּאַקטישער רעדוצירונג פונעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער. עס גייט וועגן דעם: זענען מיר פעיק צו אַ געאָרדנטער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס זאָל אונדז פאַרהיטן פון גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן אין דער ריכטונג פון אָפּגרונט, צי איז די הסתדרות בכוח אָפּצוהיטן די דערפילונג פון אירע אָפּמאַכן, אָדער אינערלעך־פּאַרטייאישע חשבונות וועלן באַשטימען די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער הסתדרות?

ב

אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, ווען די פּרייזן האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן און דער אַרבעטער־לוין האָט נישט נאָכגעיאָגט דעם יקרות, איז די הסתדרות, נאָך לאַנגע באַמיונגען, געקומען צו אַן אָפּמאַך מיט דעם פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלער, וואָס האָט רעגולירט די אויטאָמאַטישע באַשטימונג פון די אַרבעטער־לוינען, צוגעפּאַסט צום אינ־דעקס פון די הוצאות. לויט דעם אָפּמאַך, איז די טייערונג־הוספה צום גרונט־לוין יעדע 3 חדשים אויטאָמאַטיש צוגעפּאַסט געוואָרן צו דעם פּרייזן־אינ־דעקס. אין אויגוסט 1939 האָט די יידישע אַגענץ אַדורכגעפירט אַן אויס־

פאַרשונג, לויט וועלכער עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די אויסגאַבן פון אַ דורכשניט־משפחה פון 4 פערזאָן מוז זיין לכל הפּחות 10,653 פונט אַ חודש. דערפון 53% פאַר שפּייז־פּראָדוקטן; 22.5 פּראָצענט דירה־געלט און שטייערן; 5% קליידונג און בערך 20% אַלע אַנדערע הוצאות. נעמענדיק אַלס באַזע די אויסגאַבן פון אויגוסט 1939, דאָס מיינט די פריערדיערמאַנטע 10,653 פונט אַלס 100 פּראָצענט, האָט מען פאַרעפנטלעכט די אַנטוויקלונג פון דער טייערונג: אין יאָר 1941 — 140 פונקטן; אין 1943 — 232; אין 1945 — 253; 1947 — 271; יאַנואַר 1948 — 291; מאַי 1948 — 336; אַפּריל 1949 — 371. דאָס מיינט, אַז דער אַרבעטער האָט פאַר די ערשטע 10 פונט פון זיין גרונט־געהאַלט אין אויגוסט 1939 באַקומען אין 1943 — 23,200 פונט; אין 1945 — 25,300 פונט און אין אַפּריל 1949 — 37,100 פונט. די דאָזיקע אויטאָמאַטישע יקרות־הוספה איז געווען צוערשט חל אויף דעם גרונט־געהאַלט פון די ערשטע $8\frac{1}{2}$ פונט. אין יאָר 1948 האָט מען עס אויסגעברייטערט אויף די ערשטע $10\frac{1}{2}$ פונט גרונט־געהאַלט און 40% פון אינדעקס אויף נאָך ווייטערע 2 פונט פונעם גרונט־געהאַלט — (פון $10\frac{1}{2}$ פונט ביז $12\frac{1}{2}$ פונט).

דאָס זענען נישט געווען די איינציקע לוין־אויסבעסערונגען, וואָס די הסתדרות האָט דערגרייכט אין די לעצטע יאָרן. ווי באַקאַנט האָט אין ארץ־ישראל געהערשט ביים אָנהויב פון וועלט־קריג אַן עקאָנאָמישע דעפּרעסיע, אַ רעזולטאַט פונעםווירטשאַפטלעכן קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סוף 1935, נאָכן איבערפאַל פון איטאַליע אויף אַביסיניע. נאָכן אויסברוך פון די אַראַבישע אָנפאַלן אין אַפּריל 1936, האָט זיך דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס פאַרשאַרפט. דער אַרבעטס־לוין איז לכן אין יאָר 1939 געווען מיט אַ 20% נידעריקער ווי מיט 5 יאָר פריער, אין 1934, אין דער צייט פון דער גוטער ווירטשאַפטלעכער קאָניונקטור אין ארץ־ישראל. די הסתדרות האָט דעריבער, צוזאַמען מיט דער זאָרג צו פאַרזיכערן די אויטאָמאַטישע טייערונגס־הוספה, לויט דער שטייגערונג פונעם אינדעקס, אויך געזאָרגט צו ענדערן דעם גרונט־לוין. דאָס האָט זיך איר נאָר פּאַמעלעך איינגעגעבן. מען נעמט אָן, אַז ערשט נאָכן סוף פון דער וועלט־מלחמה, אָנהויב 1946, האָבן די אינדוסטריע־אַרבעטער ווידער דערגרייכט דעם רעאַלן לוין פון די יאָרן 1934/35. אָבער אויך אין די יאָרן 1946/1947 איז געקומען אַ ווייטערע שטייגערונג פונעם גרונט־לוין. עס

זענען אַחוץ דעם אויך אין אַ ריי אונטערנעמונגען צוגעקומען צוגאָב־צאָלונגען, וואָס די אונטערנעמער האָבן גיכער אָנגענומען ווי העכערן דעם גרונט־לוין: פאַמיליע־צוגאָב, נויט־צולאַגע, פּרעמיעס, באָנוס, דרייצנטער חודש־געהאַלט (ביי באַנק־באַאַמטע) וכדומה. מערץ 1947 האָבן די צוגאָבן אויסגעמאַכט אין דורכשניט 10% פון די הכנסות פון די אינדוסטריע־אַרבעטער, דער אַנטייל פונעם גרונט־לוין אין דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַרדינסט איז געוואָרן כסדר קלענער און איז אַראָפּגעזונקען אין סעפּטעמבער 1947 ביז 41%.

ג

אַ דאַנק דעם אָפּמאַך פון דער הסתדרות מיטן פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלער, וועגן דער אויטאָמאַטישער יקרות־הוספה, האָט מען אין די לעצטע 6 יאָר, זינט 1943, אויסגעמיטן אַ סך אַרבעטס־קאָנפליקטן, אַחוץ איין מאָל — אין 1944, האָט יעדע ענדערונג געמייגט פאַרגרעסערן די יקרות־הוספה, ווייל דער אינדעקס איז כסדר געשטיגן. איצט שטייען מיר דאָס צווייטע מאָל פאַר אַ פאַקט, אַז דער אינדעקס איז געפאַלן. אין חודש מאי איז אַ דאַנק דער ענערגישער אַקציע פון דער רעגירונג, דער פּרייזן־אינדעקס געפאַלן מיט 12 פונקטן — פון 371 ביז 359. מען רעכנט, אַז אין חודש יוני איז ער געפאַלן מיט ווייטערע 10 פונקטן. דאָס מיינט, אַז ווען עס וועלן זיך ענדיקן דעם 15־טן יולי 1949 די דריי חדשים, וועט מען דאַרפן צופאַסן די טייערונגס־הוספה, צום נידעריקערן אינדעקס. מען וועט דאַרפן רעדוצירן די יקרות־הוספה מיט בערך דריטהאַלבן פונט אַ חודש. נאָכדעם ווי די דאָזיקע רעדוקציע וועט אַדורכגעפירט ווערן, פלאַנט די רעגירונג ווייטערע ברייט־פאַרמאָסטענע פּרייזן־רעדוצירונגען אויף אַנדערע געביטן. קען אַמאָל אפשר קומען דער אויסגעבענקטער נס, אַז מיר זאָלן אַרויס פונעם פאַרכישופטן קרייז פון גרויסן יקרות וואָס האָלט זינט יאָרן אין וואַקסן און וואָס באַדראָט איצט אַזוי שווער אונדזער ווירטשאַפט און אונדזער מדינה.

אויב דאָס זאָל טאַקע געשען, וועט עס זיין אַ דערפאָלג פון דער רעגירונג און וועט באַדייטנדיק שטאַרקן איר פּאָפּולאַריטעט. דערמיט דערקלערט זיך דער שאַרפער קאַמף, וואָס די אָפּאָזיציע פירט קעגן דעם גאַנצן פּלאַן. אין דעם פּרט האָט זיך געשאַפן אַ משונהדיקע, אומנאַטירלעכע קאָאַליציע צווישן רעכטע און לינקע.

אין פלוג דאַכט זיך, אַז עס איז אַ פּשוטע זאַך: אַרבעטער, באַאַמטע און די אָרעמע פאָלקס־שיכטן זענען אממערסטן פאַראינטערעסירט צו ברעכן דעם יקרות. דער אומאויפהערלעכער שנעל־שטייגנדיקער יקרות מיינט דאָך אין דער אמתן אינפלאַציע — דאָס גרעסטע שלעכטס פאַר אָט די שיכטן. דער סוחר און פאַבריקאַנט, זיי קענען זיך נאָך ווי עס איז שיצן. זיי קויפן סחורות, מאַשינען, בויען פאַבריקן און פאַרזיכערן זייער פאַר־דינסט און פאַרמעגן פון צערונען ווערן. דער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, איז ביי אַן אינפלאַציע מאַכטלאָז. דער אַרבעטער ווערט פאַרבלענדעט פון די עטלעכע פונט, וואָס ער באַקומט עווענטועל מער אַרבעטס־לוין; פון דער פּערספּעקטיוו, אַז ער וועט אפשר קענען עפּעס אָפּשפּאָרן, אָבער זיין קליינע אָפּשפּאָרונג קען ער נישט פאַרזיכערן פון צעשמאָלצן ווערן. נאָך אַ געווויסער צייט שטייט ער מיט זיין אָפּגעשפּאָרטן האָב פון עטלעכע הונדערט פונט, וועלכע האָבן דערוויילי פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון זייער פריערן ווערט. פונדעסטוועגן האָבן מפ״ם און קאָמוניסטן דערקלערט אַ קאַמף קעגן די פאַרזוכן פון דער רעגירונג צו פאַרקלענערן דעם יקרות, כדי אָפּצושטעלן אַזאַ אַנטוויקלונג.

אויף די קאָמוניסטן איז נישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל און עס איז נישט דאָס ערשטע לאַנד, ווו זיי פירן אַן עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס איז קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פון דער מדינה. אויב זיי האָבן דערביי פּאָליטישע חשבונות פון דיסקרע־דיטירן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אָדער מאַכן שוועריקייטן פאַר די זיי נישט סימפּאַטישע רעגירונגען — איז עס כשר. זיי זאָגן אָפן און קלאָר, אַז נאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין די לענדער, וואָס זענען פאַר־בונדן מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, איז די אַרבעטער־באַוועגונג מחויב צוצופּאַסן איר עקאָנאָמישע פּאָליטיק און די אַרבעטער זייערע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, צו די באַדערפענישן פון דער מדינה. אָבער די פּאָליטיק פון מפ״ם איז אַ רעטעניש. זי ווייסט וואָס עס שטייט אין שפּיל, זי ווייסט די גרויסע סכנות וואָס דראָען דערביי דער ישראל־אַרבעטערשאַפט, דער מדינה און אָן ספק אויך איר אַליין, אויב זי וועט גיין דעם גליטשיקן וועג פון ריקזיכטלאָזער אָפּאָזיציע, וואָס נעמט נישט אין אַכט די עווענטועלע קאָנסעקווענצן פון אַזעלכע האַנדלונגען. דאָסמאָל שטייט אויך אין שפּיל די אויטאָריטעט פון דער הסתדרות, וואָס האָט געחתמעט דעם אָפּמאַך מיט

די אינדוסטריעלער. ווען דער אינדעקס איז געשטיגן האָט די הסתדרות שטרענג געפאָדערט צופּאַסן דערצו די טייערונגס־הוספה, איצט, ווען דער אינדעקס איז געפאַלן, זאָל די הסתדרות נישט האַלטן דעם אָפּמאַך?

ד

איינער פון די וויכטיקע אַרגומענטן, וואָס מפ"ם און קאָמוניסטן באַנוצן צו פאַרענטפערן זייער האַנדלונג, איז פאָלגנדיקער: סוף 1948 האָט די רעגירונג באַשטימט אַ קאָמיסיע, אויסצופאָרשן, אויב דער אינדעקס שפּיגלט פּינקטלעך אָפּ דעם גאַנג פון דער טייערונג. די קאָמיסיע האָט דעמאָלט פעסטגעשטעלט, אַז די אויסרעכענונגען פון אויגוסט 1939 זענען איצט אין מאַנכע פּרטים נישט פּינקטלעך; אַז למעשׂה, אויב מען נעמט אויך אין אַכט די פּרייזן פון שוואַרצן מאַרק, איז דער יקרות געשטיגן מיט 25 ביז 47 פּונקטן מער, ווי דער אינדעקס פאַרעפנטלעכט. דעריבער, טענהען מפ"ם און קאָמוניסטן, אויב אפילו דער אינדעקס איז איצט געפאַלן מיט איבער צוואַנציק פּונקטן, דאַרף מען עס לעת־עתה נעמען אויפן חשבון פון דער נישט־פּינקטלעכער אויסרעכענונג און נישט פאַרקלענערן דעם טייערונגס־צוגאָב, וואָס די אַרבעטער באַקומען.

דערויף זענען פאַראַן אַ ריי תשובות: בכלל קען נישט זיין קיין אינדעקס, וואָס זאָל פּינקטלעך אָפּשפּיגלען יעדע פּרייזן־באַוועגונג, בפרט נישט ביי אונדז אין לאַנד. אָט האָט דער אינדעקס אין יאָר 1939 באַשטימט אַ הויכן הוצאות־פּראָצענט פאַר דירה־געלט. אין משך פון די יאָרן, נאָכדעם ווי מען האָט געזעצלעך איינגעפרוירן דאָס דירה־געלט, איז דער פּראָצענט באַדייטנדיק געפאַלן לגבי אַלע, וואָס וווינען אין דירות זינט 1939. אינעם צעטל שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס מיינט 53% פון די הוצאות, זענען פאָרגעקומען אַ ריי ענדערונגען. געוויסע פּראָדוקטן באַקומט מען היינט איבערהויפּט נישט און מען באַנוצט אַנדערע. דער אינדעקס קען, לכן, נאָר דינען אַלס לערכדיקער באַראָמעטער פון די פּרייזן. אויב מען האָט דעריבער געמאַכט אַן אָפּמאַך פעסטצושטעלן די יקרות־הוספה לפי דעם לערכדיקן באַראָמעטער און מען האָט אַזוי געהאַנדלט זעקס יאָר, ווען דער באַראָמעטער איז בדרך־כלל געשטיגן, קען מען אים נישט פּסלען גראָד ווען ער איז געפאַלן. צווייטנס, מען האָט שוין גענומען אין אַכט די אומפּינקטלעכקייטן פונעם אינדעקס. אָנהויב 1949, איז מען געקומען צו אַ הסכם, אַז אַחוץ דער יקרות־הוספה און די אַנדערע צאָלונגען, באַקומען די אַרבעטער אַ הוספה

פון 15 ביז 20 פּראָצענט אויפן אַלגעמיינעם לוין. אַן אויספאַרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אָנהויב 1949 דורכן אַרבעטס־מיניסטעריום (דעמאָלט מ. בן־טוב פון מפ״ם), האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין פאַרגלייך מיט די לוינען פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען די לוינען פון די אינדוסטריע־אַרבעטער געשטיגן בערך פינף־פאַכיק (בוי־אַרבעטער עטוואָס מער) בעת דער יקרות איז געשטיגן פיר־פאַכיק.

נישטאָ קיין חילוקי־דעות וועגן דעם, אַז טראָץ דער לוין־פאַרבע־סערונג איז די לאַגע פון די אַרבעטער אַ שווערע. כמעט יעדע אַרבעטער־משפחה אין לאַנד האָט הוצאות פון העלפן קרובים, וואָס קומען אין לאַנד וכדומה, וואָס קיין שום אינדעקס פאַרשרייבט עס נישט און קיין שום אַרבעטער אין אַ צווייט לאַנד האָט עס נישט אין אַזאַ מאָס. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר געפינען זיך. קיינער קען נישט לייקענען, אַז די פּרייזן אויף אַ גאַנצער ריי פּראָדוקטן זענען ביליקער געוואָרן; פאַר יעדן איז קלאָר אַז צופּאַסן די יקרות־הוספה צום אַראָפּגע־זעצטן אינדעקס מיינט איצט נישט פאַרקלענערן דעם רעאַלן לוין און אַראָפּנידערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער — פאַרקערט, עס מיינט אַ באַלדיקע מעגלעכקייט פון ווייטערער פּרייזן־רעדוצירונג, וואָס די אַרבעטער וועלן דערפון געניסן. ערשט אין דריי חדשים אַרום — דעם 15־טן אָקטאָבער, קען קומען אַ נייע צופּאַסונג פון דער טייערונגס־הוספה צום עווענטועל ווייטער געפאַלענעם פּרייזן־אינדעקס. און דער עיקר, יעדער ווייסט ווי זינלאָז, פאַלש און באַליידיקנדיק עס איז פאַר די ארץ־ישראל־אַרבעטער די קאָמוניסטישע קאָנצעפּציע, אַז נאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין די לענדער, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, דאַרפן די אַרבעטער זיך רעכענען אין זייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק מיט די אינטערעסן פון דער מדינה, ווייל נאָר אין יענע לענדער איז עס זייער מדינה.

תל־אביב, 10־טן יולי 1949.

וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם פּרייזן־אינדעקס און די רעזולטאַטן פון דעם שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן, זע די שלוס־באַמערקונג אינעם קאַפּיטל: דער שפּאָרזאַמקייט־פּלאַן. סוף 1951 האָט די רעגירונג אַדורכגעפירט אַ נייע אויספאָרשונג. די דעמאָלטיקע יקרות־הוספה איז איינגעגלידערט געוואָרן אינעם גרונט־לוין, פון

אָנהויב 1952 ביז יוני 1957, איז דער אינדעקס געשטיגן מיט 158 פונקטן. איצט ווערט די יקרות־הוספה פאַר די 158 פונקטן גערעכנט אַלס איינהייט מיטן גרונט־לוין. ווייטערדיקע יקרות־הוספות, אויב דער אינדעקס שטייגט, ווערן געצאָלט לגבי דעם פולן לוין (גרונט־לוין און יקרות־הוספה). די ענדערונגען ווערן געמאַכט נישט אַלע 3 חדשים, נאָר אַלע 6 חדשים.

בילד 77: אָפיציעלע באַשטימונג פון רב אלוף משה דיין אַלס רמטכ״ל (הויפּט־קאָמאַנדיר) פון צה״ל (צבא הגנה לישראל) אין דעצעמבער 1953. פון לינקס צו רעכטס: מרדכי מקלף, ביז־דעמאָלטיקער רמטכ״ל; נחמיה ארגוב, מיליטערישער אַדיוטאַנט פון ד. בן־גוריון; דער פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער לייענט דעם באַשטימונגס־דעקרעט; משה דיין און משה שרת.

דער ערשטער רמטכ״ל — יעקב דורי איז געווען אין אַמט ביז נאָוועמבער 1949; יגאל ידין פון נאָוועמבער 1949 ביז דעצעמבער 1952; מרדכי מקלף פון דעצעמבער 1952 ביז דעצעמבער 1953; משה דיין, פון דעצעמבער 1953 ביז יאַנואַר 1958. זינט יאַנואַר 1958: רב אלוף חיים לאַסקאָוו.

זיכערהייטס-דינסט

(געזעץ־פּאָרשלאָג אין דער ערשטער כנסת)

א

צווישן די דרינגנדיקע פּראָגן, וואָס די כנסת וויל זיי באַלד באַהאַנדלען, פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט דער „געזעץ־פאָרשלאַג וועגן זיכערהייטס־דינסט". דעם 10־טן אויגוסט 1949 האָט די רעגירונג נאָך אַ סך צוגרייטונגען אַריינגעטראָגן דעם פאָרשלאַג און דעם 15־טן אויגוסט האָט אים באַגרינדעט דער פּרעמיער און זיכערקייטס־מינסיטער ד. בן־גוריון. אויך אין די באַראַטונגען פון דער זיכערקייטס־קאָמיסיע פון דער כנסת פאַרנעמט דער געזעץ־פאָרשלאַג אַ וויכטיקן אָרט, און אויך די איינצלנע פּאַרטייען, האָבן באַהאַנדלט ביי זיך דעם פאָרגעשלאָגענעם געזעץ, נאָך פאַר דעם וויכוח אין דער כנסת. דאָס איז פאַרשטענדלעך. עס האַנדלט זיך דאָ נישט, וועגן אַ טאָג־טעגלעכן ענין; עס רעדט זיך, וועגן איינעם פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען די צוקונפט פון אַ סך מדינות — ביי אונדז, אין איצטיקן מאָמענט, נאָך מער ווי אין אַנדערע לענדער.

מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אונדזער גאַנץ באַזונדערע געאָגראַפישע לאַגע. אונדזער מדינה בילדעט אַ קליינעם אינדזל אין אַ ים פון אַראַבישע לענדער, וואָס אַרום אונדז. מיר האָבן געפירט שווערע קאַמפן מיט די אַרומיקע אַראַבישע לענדער פאַר אונדזער זעלבשטענדיקייט; זיי זענען אונדז איבערגעפאַלן און מיר האָבן זיי באַזיגט. זיי וועלן דאָס נישט פאַרגעסן אַזוי שנעל און מיר ווייסן גוט, אַז אין דעם ערשטן מאָמענט, ווען זיי וועלן נאָר דערשפּירן, אַז מיר זענען שוואַך, וועלן זיי זוכן אַ געלעגנהייט פון רעוואַנזש. טאָרן מיר נישט זיין שוואַך.

אין פאַרגלייך מיט די אַרומיקע לענדער, וואָס זענען אונדז איבערגעפאַלן, זענען מיר אַ גאַנץ קליינער ישוב. מוזן מיר וואָס גיכער פאַרגרעסערן

אונדזער ישוב. אויך דעמאָלט מוזן מיר אויסגלייכן די צאָלמעסיקע גרעס־ערקייט פון די לענדער, וואָס זענען אונדז איבערגעפאַלן, מיט דער סופּעריאָריטעט פון אונדזערע זיכערהייטס־כוחות אין טעכנישער אויסריכטונג, מיליטערישער אויסבילדונג, אינטעליגענץ, קאַמף־גייסט און מאָראַלישער הויך. אין זיין פריער דערמאַנטער רעדע אין דער כנסת, האָט ד. בן־גוריון ווידעראַמאָל געוואָרנט, אַז די מיליטערישע נצחונות, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין די קאַמפן פון יאָר 1948, זאָלן אונדז נישט פאַרבלענדן. נישט תמיד וועלן זיין גענוג די כוחות און די מיטלען, וואָס זענען דעמאָלט געשטאַנען אין אונדזער רשות. אמת, מיר שטרעבן איצט אויפריכטיק צו אַ דויערהאַפטן שלום. אָבער דערווייל וועלן מיר, אין בעסטן פאַל, נאָר קענען דערגרייכן אַ באַוואָפנטן שלום מיט אונדזערע שכנים. אַזוי לאַנג ווי קריג צווישן פעלקער, איז אין דער וועלט דערלאָזבאַר, דראָט אונדז די געפאַר פון אַ נייעם אָנגריף.

ב

אונדזער אַרמיי איז אָן ספק דער עיקרדיקסטער פאַקטאָר אויף אָפּצוהיטן אונדזער זיכערקייט. אָבער נישט דער איינציקער פאַקטאָר. עליה און קאָלאָניזאַציע זענען נישט ווייניקער וויכטיקע פאַקטאָרן פאַר אונדזער זיכערקייט אין לאַנד. נישט איינמאָל פרעגן מענטשן, וואָס קענען נישט אַזוי גענוי אונדזערע ענינים, פאַרוואָס זענען מיר אַזוי אומגעדולדיק און אַזוי אומפּשרותדיק אין דער פראַגע פון אַ באַלדיקער און וואָס גרעסערער עליה? פאַרוואָס פאַרלאַנגזאַמען מיר אַליין נישט דעם טעמפּאָ פון דער עליה, כדי צו שפּאָרן די נייע עולים שוועריקייטן פון דער ערשטער איינאָרדענונג און זיך פאַרגרעסערטע זאָרג, וואָס אַ מאַסן־עליה ברענגט מיט זיך? איז אונדזער ענטפער אַ פּשוטער: א) מיר ווייסן קיינמאָל נישט אויב די יידן, וואָס קענען היינט קומען צו אונדז, וועלן אויך מאָרגן זיין אין דער לאַגע דאָס צו טאָן; ב) מיר מוזן וואָס גיכער צאָלמעסיק זיין אַ סך מער אין לאַנד ווי מיר זענען איצט. דערווייל זענען ערשט 10 פּראָצענט פונעם יידישן פאָלק מיט אונדז (אָנהויב 1958 — 15%). אונדזער זיכערקייט פאָדערט, אַז אַ פיל גרעסערער טייל פונעם פאָלק זאָל זיין מיט אונדז. איצט איז נישטאָ קיין מאַנדאַטן־מאַכט, וואָסט שטערט אונדז דערביי.

אויך די פראַגע פון קאָלאָניזאַציע איז אַ גאָר וויכטיקער זיכערקייטס־פאַקטאָר. יעדער פון אונדז ווייסט די וויכטיקע באַדייטונג פון אונדזערע

לאַנדווירטשאַפטלעכע משקים ביי די גרענעץ־פּונקטן, בעת אונדזער אַפּווער־קאַמף. זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פעסטונגען. וואָס דער שונא האָט נישט באַוויזן בייצוקומען, אַחוץ אין גאָר פאַראיינצלטע פאַלן. איצט, ווען אונדזערע יבשה־גרענעצן אַליין ציען זיך איבער 950 קילאָמעטער, מוזן מיר וואָס גיכער שאַפן אַ גרויסע נעץ נייע פּונקטן, לענגאויס אונדזערע גרענעצן. מיר טאָרן דערביי נישט פאַרגעסן, אַז נאָר 8 פּראָצענט פון באָדן ווערט דערווייל פון אונדז באַאַרבעט. מיר טאָרן אויך נישט פאַרגעסן, אַז אונדזער באַפעלקערונג איז זייער נישט גלייך פאַרטיילט צווישן די פאַר־שידענע געביטן פון לאַנד, און אונדזער זיכערקייט פאָדערט אַ מער גלייכמעסיקערע פאַרטיילונג איבער אַלע טיילן פון לאַנד.

אין 1957 זענען באַאַרבעט געוואָרן נאָענט 19%, פונעם באָדן. מער ווי פירפאַכיק פון ביז דער גרינדונג פון דער מדינה. דערביי מוז מען נעמען אין אַכט אַז פון די 20,7 מיליאָן דונאַם, דער שטח פון דער מדינת־ישראל, איז בערך די העלפט אין נגב, וווּ מען מוז אַריינלייגן אַ סך מי, כדי דעם באָדן פּרוכטבאַר צו מאַכן. עטלעכע מיליאָן דונאַם זענען בערג, וואָס אויך דערצו איז נויטיק אַ גרויסע צוגרייטונגס־אַרבעט, כדי מען זאָל דעם באָדן קענען לאַנדווירטשאַפטלעך אינטענסיוו אויסנוצן. אַז דאָס איז מעגלעך, קען מען לערנען דערפון, וואָס אין 1957 זענען פאַראַן 70 לאַנדווירטשאַפטלעכע ווירטשאַפטן אין די בערג. עס איז פאַרפיל־פאַכט געוואָרן דער שטח פון באַוואַלדונג. אויספירלעכער וועגן די ענינים אין די באַמערקונגען צו די פריערע קאַפּיטלעך: עליה און לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע און שוועריק״טן וואָס מען קען גובר זיין.

לויט דער ציילונג דעם 8־טן נאָוועמבער 1948 זענען 541.973 יידן געווען קאָנצענטרירט אין די ראַיאָנען פון תל־אביב, חיפה, ירושלים. דאָס מיינט 75,6% פון אַלע יידן אין מדינת־ישראל. דעם 31־טן דעצעמבער 1956 זענען אין די דריי ראַיאָנען געווען קאָנצענטרירט 1.026.587 יידן, דאָס מיינט 61,6% פון אַלע יידן אין מדינת־ישראל. בעת די דריי ראַיאָנען האָבן כמעט פאַרטאָפּלט זייער איינוווינער־שאַפט, האָבן די אַנדערע טיילן פון לאַנד ביז סוף 1956 כמעט פאַר־פירפאַכט זייער צאָל איינוווינער — פון 174.705 צו — 640.868.

אַט די אַלע מאָמענטן מוז מען נעמען אין אַכט ביים באַהאַנדלען די פראַגע פון אונדזער זיכערקייט און צופּאַסן דערצו די אַלגעמיינע ווירט־שאַפטלעכע־ און אויפבוי־פּאָליטיק פון דער מדינה און בפרט דעם אויפבוי פון אונדזער אַרמיי. אונדזער געאָגראַפישער מצב איז אַזעלכער, אַז ביי אַ קאָנפליקט מיט אונדזערע שכנים, איז דער לאַנד־וועג פאַר אונדז לגמרי אָפּגעשניטן. מוזן מיר באַצייטנס זאָרגן דערפאַר, אַז מיר זאָלן קענען אַליין אויפהאַלטן אַ ים־וועג און אַ לופט־וועג. מיר האָבן דאָך שוין אַ ביטערע דערפאַרונג ווי פרעמדע שיף־און לופט־געזעלשאַפטן, האָבן ווען מען האָט אָנגעהויבן קריג קעגן אונדז, קודם־כל אָפּגעשטעלט זייער פאַר־בינדונג מיט אונדז (זע די באַמערקונגען אינעם קאַפּיטל: קאָמוניקאַציע־נויטן און פּלענער). צוליב זיכערקייטס־טעמים מוזן מיר אָבער אויך באַ־צייטנס זאָרגן, אַז מיר זאָלן אין אונדזער באַשפּייזונג וואָס ווייניקער זיין אָפּהענגיק פון דרויסן; מיר זאָלן קענען אַליין פּראָדוצירן די סאַמע נויטיקסטע לעבנס־מיטל: גרינסן, פּרוכטן, מילך, ברויט, פיש אאז״וו. און מיר קענען עס היינט־צו־טאָג באַווייזן, לפי דער קוואַליטעט און כמות פון באָדן און וואַסערן, וואָס זענען איצט אין אונדזער רשות.

אונדזער לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע איז אין יאָר תשי״ז — 1956/57, געוואָקסן 3½ מאָל אַזוי גרויס ווי אין ערשטן יאָר פון דער אויפריכטונג פון מדינת־ישראל. דער באַדאַרף אין שפּייז, ווערט געדעקט פון דער אייגענער לאַנדווירטשאַפט אין אַ פיל גרעסערער מאָס (הגם די באַפעלקערונג איז כמעט פאַרדרייפאַכט), ווי אינעם ערשטן יאָר פון דער מדינה. מער פּרטים זע אין די קאַפּיטלעך: עליה און לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע און שוועריקייטן וואָס מען קען גובר זיין.

דער געזעץ־פּראָיעקט שלאָגט פאָר, אַז אונדזער 18־יאָריקע יוגנט (יינגלעך און מיידלעך) זאָלן נעמען אויף זיך דעם מיליטער־דינסט פאַר צוויי יאָר. דאָס זעלבע בנוגע נייע עולים ביז 26 יאָר. דאָס מיינט אָבער נישט נאָר מיליטער־דינסט. דער געזעץ־פאָרשלאָג וועגן זיכערהייט־דינסט, זאָרגט אין אַ גלייכער מאָס, סיי וועגן דער מיליטערישער ווי אויך וועגן דער חלוצישער צוגרייטונג. אינעם ערשטן יאָר פון מיליטער־דינסט, וועלן די סאָלדאַטן נאָר באַקומען אַ גאַנץ קורצע מיליטערישע אויסבילדונג. ביין חדשים און מער פונעם ערשטן דינסט־יאָר, וועלן זיין געווידמעט דער

לאַנדווירטשאַפטלעכער צוגרייטונג. עס וועט אויך געפירט ווערן אַן אינ־טענסיווע קולטורעלע צוגרייטונג. נייע עולים וועלן לערנען העבראיש, עס וועט געלערנט ווערן לאַנד־קענטעניש און נאַטור־וויסנשאַפט. דער יונגער דור וועט דערצויגן ווערן צו אַ געמיינזאַם לעבן און געמיינזאַמער אַרבעט, צו קעגנזייטיקער הילף, צו פאַראַנטוואָרטונג, דיסציפלין, אָרדענונג.

זומער 1952 איז די מיליטער־דינסט־צייט פאַרלענגערט געוואָרן ביז 30 חדשים.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה אינעם ערשטן מיליטערישן דינסט־יאָר, וועט דערמעגלעכן די גרינדונג פון אַ גאַנצער ריי גרענעץ־פונקטן, וואָס זייער וויכטיקייט פאַר אונדזער זיכערקייט האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט. עס וועט געשאַפן ווערן אַ לעבעדיקע שוץ־וואַנט לענג־אויס אונדזערע לאַנגע יבשה־גרענעצן. די יוגנט וועט זיך צוגעוווינען צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט און אַ טייל וועט מן הסתם אויך שפּעטער פאַרבלייבן דערביי. מיר וועלן אַזוי אַרום באַווייזן אויפצולעבן וויסטע געביטן און פרוכטבאַר מאַכן פאַרוואָרלאָזטע באָדן, וואָס עס איז פאַר אונדז אַזוי וויכטיק.

אונדזער אַרמיי וועט, לויט דעם געזעץ־פאָרשלאָג, אויך האָבן אַ באַגרענעצטן קערן פון פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן, אין ראַמען פון די לוין־באַדינגונגען, וואָס זענען אָנגענומען ביי די אַנדערע לוין־נעמער אין דער מדינה. עס וועלן נאַטירלעך אויך זיין רעזערוון — רעזערוויסטן וואָס וועלן יערלעך דאַרפן אָפּגעבן 30 טעג פאַר מיליטערישע איבונגען און רעזערוויסטן, וואָס וועלן נאָר דאַרפן אָפּגעבן 14 טעג אין יאָר.

מיר וועלן שאַפן אַן אייגנאַרטיקע אַרמיי, צוגעפּאַסט צו אונדזערע ספּעציעלע נויטן. אַן אמתע פאָלקס־אַרמיי, וואָס זאָל אָבער אויך זיין אַ דערציונג־אָרט פאַר אונדזער יוגנט, אַן אָרט צו פאַרפולשטענדיקן זייער וויסן אויף אַ ריי געביטן. אַ צוגרייטונגס־שול צו אַ שפּעטערדיקן לעבן פון אַרבעט און פּראָדוקטיווער שאַפונג.

ג

דאַכט זיך אַלץ איז אַזוי פשוט און נאַטירלעך, אַז עס קענען גאָר־נישט זיין קיין חילוקי־דעות, און די כנסת וועט אַלעס איינשטימיק באַשליסן. איז עס אָבער נישט אַזוי. די שווערקייט בנוגע דעם דינסט פון

די פרויען האָט מען גובר געווען. אין רעליגיעזע קרייזן, איז מען שטאַרק קעגן דעם אָבליגאַטאָרישן דינסט פון פרויען. איז מען געקומען צו א פשרה, אַז מיידלעך, וועלכע וועלן מעלדן, אַז צוליב רעליגיעזע טעמים קענען זיי נישט נעמען אויף זיך דעם זיכערקייטס־דינסט און זיי פאַרזיכערן, אַז זיי פירן אַ רעליגיעז לעבן — וועלן באַפרייט ווערן. אויך מאַמעס פון קינדער און שוואַנגערע פרויען זענען פריי פון זיכערקייטס־דינסט. האָט מען געמיינט, אַז מער קיין שוועריקייטן זענען נישטאָ. איז עס אָבער נישט אַזוי.

עס איז נישט אָנצונעמען, אַז דער וויכוח אין דער כנסת, וועט גיין, וועגן די איינצלהייטן פון דער מיליטערישער צוגרייטונג. אויך נישט וועגן די פריער געשילדערט׳טע פרינציפּן פון אַרבעט און מיליטערישער אויסביל־דונג, וואָס כאַראַקטעריזירט די באַזונדערקייט פון אונדזערע זיכערקייטס־כוחות. ווייזט אויס, אַז דער הויפּט־וויכוח וועט געפירט ווערן וועגן דער מאָס פון פרייהייט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט, וואָס עס זאָלן האָבן אונדזע־רע סאָלדאַטן, אין דער צייט פון זייער אַקטיוון מיליטערישן דינסט.

די פראַגע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער מאָס דעמאָקראַטישקייט פונעם רעזשים. אָט, למשל, אין ענגלאַנד, מיט איר טיף איינגעוואָרצלטער דעמאָקראַטישער טראַדיציע, איז סאָלדאַטן אין אַקטיוון דינסט פאַרבאָטן יעטוועדע פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטלעכע, אָדער אפילו קינסטלערישע און ספּאָרטלעכע אַקטיוויטעט, אָן דער דערלויבעניש פון דער מיליטערי־שער מאַכט. ביי אונדזער מענטאַליטעט, פּאַרטייאישערליידנשאַפט און דיפערענצירונג, קלינגט עס זייער נישט אָנגענעם ווען מען הערט אַזאַ וואָרט, ווי פאַרבאָט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט, אפילו ווען דאָס איז נאָר צייטווייליק און נאָר פאַר אַ באַשטימטן שיכט און נאָר פאַר אַ באַשטימטער צייט. עס רעדט זיך דאָ נישט וועגן דעם, אַז סאָלדאַטן אין אַקטיוון דינסט זאָלן נישט קענען זיין קיין מיטגלידער פון פּאַרטייען; אַז זיי זאָלן נישט קענען באַקומען יעדע צייטונג און יעדעס בוך, וואָס זיי ווילן נאָר; אַז זיי זאָלן נישט קענען אָנטיילנעמען אין וועלכע עס איז וואַלן — מלוכהשע, שטאָטישע, וואַלן פון זייער ספּעציעלער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, פון זייער פּאַרטיי. דאָס זענען רעכט, וואָס דער סאָלדאַט וועט האָבן אויך אין אַקטיוון דינסט, אַזוי ווי יעדער אַנדערער בירגער אין דער מדינה. עס רעדט זיך נאָר וועגן דעם, אויב ער זאָל אויך קענען זיין אַקטיוו פּאַרטיי־פּאָליטיש — אין דער צייט פון זיין אַקטיוון מיליטער־דינסט: רעדן אויף

פאַרזאַמלונגען, שרייבן אין צייטונגען, מיטאַרבעטן אין די אינסטאַנצן פון די פאַרטייען. אַ סך זעען אַ געפאַר פאַרן כוח און פּרעסטיזש פון אונדזער אַרמיי, אויב אַקטיווע סאָלדאַטן און אָפיצירן וועלן זיין פּאַרטיי־פּאָליטיש אַקטיוו, אמאָל אויך קעגן דער רעגירונג. בפרט אין דער איצטיקער צייט, ווען מיר דאַרפן נאָך איינבירגערן דעם באַגריף פון מלוכהשקייט. מיר האָבן נאָך נישט קיין טראַדיציע פון מלוכהשן לעבן און מיר דאַרפן זי ערשט שאַפן. קען מען עס נישט אָנהויבן דערמיט, אַז אויך אין אונדזער מיליטער זאָלן זיך אויסבילדן פּאָליטישע שטרעמונגען. מיר ווייסן דאָך וואָס עס איז געווען דער אומגליק פון דער העלדישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי אין שפּאַניע אין איר געראַנגל קעגן פראַנקאָ — דאָס עקזיסטירן פון פאַרשידענע אָרגאַניזירטע ריכטונגען אין דער אַרמיי. מוזן מיר זיין דערפון אָפּגעהיטן ווי פון פייער, בפרט אין דער תקופה פון דער פאַרפעסטיקונג פון אונדזער מדינה און אין דער צייט פון דער פּערמאַנענטער געפאַר, וואָס דראָט אונדז.

ווען אָט דער פראַגע וועט, ווייזט אויס, אין דער כנסת געפירט ווערן אַ לעבהאַפטער וויכוח ביים באַהאַנדלען דעם געזעץ־פאָרשלאָג וועגן זיכערהייטס־דינסט.

תל־אביב, דעם 26־טן אויגוסט 1949.

די כנסת האָט באַשטעטיקט דעם געזעץ־פּראָיעקט דעם 6־טן סעפּטעמבער 1949.

אָנהויב 1958, ווען עס איז באַהאַנדלט געוואָרן דער גרונט־געזעץ וועגן דער כנסת, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיליטער־לייט אין העכערע ראַנגען און רעגירונגס־באַאַמטע פון די ערשטע ראַנגען, קענען נישט זיין קיין מיטגלידער פון דער כנסת. כדאי צוצוגעבן, אַז דווקא די וואָס האָבן אין 1949 אַזוי שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דער מכלומרשטער באַגרענעצונג פון באַשטימטע פּאָליטישע רעכט, זענען איצט געווען הייסע אָנהענגער פון דער גרעסערער באַגרענעצונג און די וואָס האָבן דעמאָלט פאָרגעשלאָגן דעם געזעץ, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער צוגאָב־באַגרעניצונג.

„להוציא דִבה על הארץ״

(ווער איז שולדיק אין די שוועריקייטן?)

א

ידיעות פון חוץ־לארץ דערציילן, אַז אין דער לעצטער צייט האָבן זיך דאָרטן שטאַרק פאַרמערט „אויטענטישע״ אינפאָרמאַציעס פון מדינת־ישראל, פון קוועלן, וואָס, כאילו, מען קען זיך שטיצן אויף זיי, וואָס זייער אינהאַלט רופט אַרויס ביי אַ סך יידן צער, זאָרג און אומרויקייט. יענע ידיעות דערציילן, לרוב, וועגן אומאָרדענונג אין מדינת־ישראל; וועגן דעם, אַז אַלצדינג הענגט דאָ אָפּ פון פּראָטעקציע; אַז די נייע עולים אין די לאַגערן פילן זיך נישט גוט — ועל כולם, וועגן אַן עקאָנאָמישן רעזשים פון דער ישראל־רעגירונג, וואָס איז געווענדעט קעגן סוחרים, פאַבריקאַנטן און פּריוואַט־קאַפּיטאַל בכלל. אַזעלכע אינפאָרמאַציעס קומען אַמאָל פון טוריסטן, וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד; אַמאָל שרייבן דאָס קיין חוץ־לארץ ניי־געקומענע עולים. אויך פון מאַנכע שרייבער און כלל־טוער אין ישראל, וואָס שרייבן אין דער חוץ־לארץ־פּרעסע, הערט מען אָפט אַ טאָן פון ברוגז און בייזקייט, לגבי די מערסטע מעשים פון דער ישראל־רעגירונג; נאָך מער קומט עס צום אויסדרוק ביי פּאָליטישע עסקנים, וואָס זייערע פּאַרטייען זענען אין ארץ־ישראל נישט אין דער רעגירונג.

עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס יידן אין חוץ־לארץ ווערן פאַרפּלייצט מיט בייזע ידיעות. דאָס דויערט אַ געוויסע צייט און הערט ווידער אויף. דאָס קומט געוויינלעך אין צייטן פון ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן אין לאַנד. איצט אָבער קומט נאָך צו אַ פּאָליטישער מאָטיוו — צו פאַרשווארצן דאָס פּנים פון דער ישראל־רעגירונג. מיר האָבן עס אין אַ בולטער פאָרם איבערגעלעבט מיט מער ווי צוואַנציק יאָר צוריק, אין די יאָרן 1926 — 1927. דעמאָלט זענען אָבער בעיקר געווען ווירטשאַפט־לעכע סיבות. נאָך עטלעכע ווירטשאַפטלעך גוטע יאָרן איז געקומען א

דעפּרעסיע. יידן, וואָס זיי איז שווער געווען און עס האָבן זיי געלאָקט בעסערע מעגלעכקייטן אין חוץ־לארץ, האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד. זיי האָבן זיך אָבער דערמיט געשעמט, האָבן זיי קומענדיק קיין חוץ־לארץ, געשילדערט דאָס לאַנד אין וואָס שוואַרצערע פאַרבן, כדי זייער אַוועקפאָרן זאָל אַרויסקומען אין אַ בעסערן ליכט. ווער געדענקט עס נישט, ווי שטאַרק די זעלבע יידן האָבן שפּעטער געליטן, פון חרטה־געפיל, פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און פאַרוואָס זיי האָבן פאַרשפּרייט בייזע ידיעות וועגן לאַנד; וויפל מי זיי האָבן שפּעטער אָנגעווענדט כדי צוריקצוקומען קיין ארץ־ישראל!

הײנט איז די שלעכטע אייגנשאַפט פון פּאָליטישער נקמה אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער „אינפאָרמאַציע". און נאָך אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט: עס קומען אין לאַנד אַ סך, וואָס האָבן עפּנטלעך געמאָלדן וועגן דעם, אַז זיי קלייבן זיך פאַרבלייבן אין לאַנד, אָדער לכל הפחות אינוועסטירן דאָ אַ געוויסן טייל פון זייער קאַפּיטאַל. מען האָט זיי געמאַכט באַנקעטן, אָדער זיי האָבן געזאָרגט, אַז מען זאָל זיך מיט זיי עפּנטלעך געזעגענען. קומענדיק אַהער זעען זיי, אַז דער ענין איז שווערער און קאָמפּליצירטער, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט. נישט תמיד קען מען דאָ אַזוי באַקוועם לעבן; נישט תמיד קען מען דאָ אַזוי לייכט פאַרדינען; מען מוז האָבן מער פאַכמענישע קוואַליפיקאַציעס, ווייל אויף אַלע געביטן איז קודם־כל מאָסגעבנדיק די קוואַליטעט, די פאַכמענישקייט; אַ סוחר אָדער אַ פאַבריקאַנט מוז דאָ האָבן מער קאַפּיטאַל ווי אָפּטמאָל אין אַנדערע לענדער. און עס זענען אויך פאַראַן אַ סך אַנדערע אָביעקטיווע שוועריקייטן, וואָס נאָר דער וואָס האָט ליב דאָס לאַנד, האָט אויסדויער און גלויבן אין אונדזער צוקונפט — נאָר דער האָט געדולד, ביז ער איז גובר די שוועריקייטן. דאָס זענען אייגנשאַפטן וואָס מען קען זיי קינסטלעך נישט איינפלאַנצן.

אויב איינער קלערט נאָר וועגן גוטע פּראָפיטן, קען ער מן־הסתם קומען צו אַ מסקנה, אַז עס זענען פאַראַן אין אַנדערע לענדער בעסערע געשעפטן. מיר זענען טאַקע זיכער, אַז דער ייד מאַכט אַ ביטערן טעות. ווייל אויב ער מאַכט אַ לענגערן חשבון, איז זיין אינוועסטיציע דאָ מן־הסתם זיכערער און עפעקטיווער. אָבער פאַראַן יידן וואָס קלערן אַנדערש. באַדויערן מיר עס און זאָגן, חלילה, נישט קיין שלעכטס וועגן זיי. אָבער מאַנכע יידן ווילן דוקא אויפווייזן, אַז נישט זיי זענען שולדיק, וואָס זיי האָבן געענדערט זייער מיינונג, נאָר דאָס לאַנד איז שולדיק. שילדערן זיי

די שווערקייטן אין גאַר שוואַרצע פאַרבן. האָבן מיר אויך צו זיי נישט קיין טענות, הגם דערווייל פאַרגרעסערן זיי דערמיט אונדזערע שווערקייטן. זיי וועלן אָן ספק, אין אַ צייט אַרום, באַדויערן זייערע שלעכטע רייד און זיך שעמען דערמיט.

מיר האָבן אויך נישט קיין טענות צו נייע עולים, וואָס שרייבן אין דער ערשטער צייט שלעכטע בריוו. נישטאָ אַ לאַנד אין דער וועלט, וואָס אַ ניי־איינגעוואַנדערטער זאָל זיין אַזוי אומגעדולדיק ווי ביי אונדז, ביים וואַרטן אויף אַן אַרבעטס־פּלאַץ, אַ סטאַבילער דירה אאז״וו. דער שרייבער פון די שורות האָט במשך עטלעכע און צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן אין לאַנד, געהאַט דירעקט צו טאָן מיט אַ סך, אַ סך הונדערטער נייע עולים, גוטע פריינט און חברים, גוטע און אפילו פירנדיקע ציוניסטן. זיי זענען היינט אַלע פיין איינגעאָרדנט — הלואי אויף אַלע היינטיקע עולים געזאָגט. און הגם די דעמאָלטיקע לאַגע איז געווען ממש אַן אידיליע, אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע שווערקייטן, האָבן אַלע אין דער ערשטער צייט גע־טענהעט די זעלבע רייד: מען נעמט זיי אויף נישט גוט, מען אינטערעסירט זיך נישט מיט זייער גורל — אַלצדינג וואָס מיר הערן אויך היינט פון נייע עולים. זיי האָבן אויך דעמאָלט בשום אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַ געוויסע צייט וועלן זיי מוזן לעבן שטאַרק בדוחק, וואַרטן חדשים אָדער אַפילו לענגער, ביז זיי וועלן זיין איינגעאָרדנט.

מיר האָבן אפילו נישט קיין טענות צו נייע עולים און טוריסטן, וואָס נישט אַלע האָבן זיי שוין תופס געווען, אַז מיר האָבן איצט אַן אייגענע רעגירונג, וואָס ראַנגלט זיך מיט אומגעהויערע שווערקייטן, כדי צו באַ־פעסטיקן און פאַרזיכערן אונדזער מדינה. יעדער פאַרגלייך מיט אַלטע, שטאַרקע, רייכע לענדער איז דאָך אַן אַבסורד. יעדער בירגער און יעדער באַזוכער מוז אָפּהיטן די באַשטימונגען פון דער מדינה; נישט יעדער איינער קען לויט זיין אייגענעם שכל באַשליסן, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט פאַרן לאַנד.

מען קען אָבער נישט מוחל זיין און מען טאָר נישט מוחל זיין, ווען כלל־טוער און שרייבער, וואָס זענען באַקאַנט מיט אַלע שווערקייטן און זיי ווייסן די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, וואָס די ישראל־רעגירונג מאַכט כדי די שווערקייטן גובר צו זיין — נעמען עס נישט אין אַכט. היות זיי האָבן פּאָליטישע חשבונות מיט דער רעגירונג, ווייל זייער פּאַרטיי

איז צוליב וועלכע עס איז טעמים אין איר נישט באַטייליקט, איז ביי זיי רעכט ביי יעדער געלעגנהייט צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון דער רעגי־רונג. ביי זיי איז אַפילו רעכט, זיך צו שטעלן אין איין שורה מיט יענע מרגלים — ווי עס ווערט באַשריבן אין פרשה שלח, אין ספר במדבר: „והאנשים אשר שלח משה לתור את הארץ וישבו וילונו את כל העדה להוציא דבה על הארץ" — און די מענטשן וואָס משה האָט געשיקט אויס־קוקן דאָס לאַנד, און זיי זענען צוריקגעקומען און האָבן געמאַכט מורמלען אַקעגן אים די גאַנצע עדה מיט אַרויסלאָזן אַ שלעכטן קלאַנג אויפן לאַנד (לויט דער איבערזעצונג פון יהואש).

ב

מיינט עס, אַז אַלצדינג איז ביי אונדז גוט און אין אָרדענונג, און עס זענען נישטאָ קיין שאָטן־זייטן? ווייט דערפון. הלואי האָבן מיר דאָס אַלץ וואָס עס פעלט אונדז נאָך — ווי עס זאָגט דאָס באַקאַנטע פאָלקס־ווערטל. עס גייט וועגן דעם ווי אַזוי מען דערציילט וועגן די שוועריקייטן, און נישט אין פאַרשוויגן די שוועריקייטן אָדער בייזע דערשיינונגען. נעמען מיר, למשל, דעם ענין עליה. אין די 12 חדשים יולי 1948 — יוני 1949 זענען געקומען אין מדינת־ישראל אַרום 260 טויזנט עולים. אויף אַלע 5 יידן אין לאַנד זענען צוגעקומען נאָך 2 נייער יידן, במשך איין איינ־ציק יאָר! וואָסער רייך, שטאַרק לאַנד אין דער וועלט, וואָלט בכוח געווען אויפצונעמען אַן איינוואַנדערונג פון 400 טויזנט עמיגראַנטן אויף יעדן מיליאָן פון אירע איינוווינער אָן שווערע אויפטרייסלונגען? אונדז איז אויסגעקומען דאָס צו טאָן אין דעם ערשטן יאָר פון אונדזער זעלבשטענ־דיקייט, בעת אונדזער מדינה האָט געפירט אַ ביטערע מלחמה קעגן אירע שונאים, וואָס זענען דרייסיק מאָל צאָלרייכער פון אונדז. בעת אונדזערע קינדער האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אויף די שלאַכט־פעלדער און אונדזערע אַלע מאַטעריעלע ווערטן האָבן מיר געמוזט שטעלן אינעם דינסט פון דער מלחמה. פאָדערט דאָך דער פשוטער יושר, און דער שטאָלץ דערמיט וואָס מיר האָבן עס באַוויזן, שוין אָפּגערעדט פונעם געפיל פון טרייקייט צו דער מדינה, צו דערציילן קודם־כל, אַז אָט אין דעם יאָר האָבן מיר באַוויזן ווי־נישט־איז איינצוֹאָרדענען 190 טויזנט פון די ניי־געקומענע יידן — הונדערט און נײַנציק טויזנט! — צוגעבנדיק, אַז עס איז נאָך פאַרבליבן אַ גאַר

שווער, ערנסט פּראָבלעם פון 70 טויזנט אין די לאַגערן. אַנשטאָט דעם רעדט מען נאָר וועגן די 70 טויזנט (וואָס זייער לאַגע איז זייער שווער און אין אַזאַ טאָן, ווי מען וואָלט לחלוטין גאָרנישט געטאָן פאַר די נייע עולים, פאַר קיינעם נישט געזאָרגט און קיינעם נישט איינגעאָרדנט. מען מאַכט אָנצוהערעניש, אַז די ישראל־רעגירונג איז אין דעם שולדיק. וואָלט די רעגירונג געשטרעבט צו אַ באַקוועם לעבן, האָט זי געקאָנט אַזוי רעגו־לירן די עליה, אַז דער טעמפּאָ זאָל זיין אַ לאַנגזאַמער און די שוועריקייטן קלענער. זי האָט עס נישט געטאָן און וועט עס נישט טאָן. זי זאָרגט נישט פאַר איר באַקוועמלעכקייט. זי מאַכט איבערמענטשלעכע באַמיונ־גען, צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, כדי עס זאָלן קומען וואָס מער עולים און מען זאָל זיי וואָס גיכער איינאָרדע־נען. אָבער מען דאַרף דערצו אַזעלכע קאָלאָסאַלע סכומים, וואָס דער ישוב אין מדינת־ישראל האָט זיי נישט. און מערקווירדיק, די זעלבע קרייזן אין לאַנד, וואָס באַנוצן די שילדערונגען פונעם שווערן לעבן אין די עולים־לאַגערן און פון די נייע עולים בכלל, מיט דער כוונה צו פאַר־שוואַרצן די ישראל־רעגירונג, די זעלבע קרייזן שרייען בקולי קולות, אַז מען באַעוולט זיי שווער, ווען מען וויל פאַרגרעסערן די שטייערן, כדי צו פאַרלייכטערן די מעגלעכקייטן פון איינאָרדענען נייע עולים.

ביז דעם 1־טן מאַי 1957, האָט די רעגירונג צוזאַמען מיט דער יידישער אַגענץ, געשאַפן פאַר מער ווי 546 טויזנט עולים סטאַבילע, געבויטע דירות. דערביי זענען נישט אַריינגערעכנט די עולים אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן. אָנהויב 1953 האָבן אַרום 200.000 עולים (63.300 משפחות) געלעבט אין צייטווייליקע דירות — באַראַקן, פּאַלאַטקעס, וכדומה. ביז דעם 1־טן אָקטאָבער 1957 האָבן 67% פון זיי באַקומען סטאַבילע, געבויטע דירות. סוף 1957 (האַרבסט) לעבן אין 46 מעברות אַרום 20 טויזנט משפחות. עס ווערן געמאַכט גרויסע באַמיונגען צו שאַפן פאַר זיי סטאַבילע, געבויטע דירות. זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה ביז סוף 1957 זענען געבויט געוואָרן פון דער רעגירונג און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אַרום 200 טויזנט סטאַבילע וווינונגען פאַר 800 טויזנט מענטשן. דערפון אין 1956 — 17 טויזנט דירות און אין 1957 — 39 טויזנט דירות, אחוץ 7 טויזנט פּריוואַטע דירות. דאָס

איז געווען אַ רעקאָרד־יאָר אויפן געביט פון דירות־בוי. אין די לאַנדווירטשאַפטן האָט מען אין יאָר 1957 געבויט 5700 נייע דירות, דערפון 2700 פאַר נייע עולים. די פּלענער פאַר 1958 זענען: בויען 50 טויזנט דירות. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז זינט דער אויפ־ריכטונג פון דער מדינה ביז דעם 1־טן אַפּריל 1957 האָט די רעגי־רונג אויסגעגעבן פאַר וווינונגען־בוי איין מיליאַרד און 322 מיליאָן פונט. מער ווי אַ דריטל פון אַלע רעגירונגס־אינוועסטירונגען.

ג

אין דעם בלאָק פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ, אויף אַלענבי־גאַס, לעבן דער הויפּט־פּאָסט, אינעם ועד הפועל פון דער הסתדרות, זענען ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, געווען נאָר 3 קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען. (זינט עטלעכע יאָר איז דער ועד הפועל פון דער הסתדרות אין אַן אַנדערער געגנט — אין צפון פון תל־אביב). אין יענער צייט האָט דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־רעסטאָראַן וואָס איז געווען אין אַ דערבייאיקן בלאָק, גענומען אַ נייע דירה, אין דעם זעלבן בלאָק וואָס דער ועד הפועל פון דער הסתדרות. די דריי קאַפע־הייזער האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער קאָנקורענץ און האָבן אָרגאַניזירט דעם פאַר־באַנד פון קאַפע־הייזער־באַזיצער און דעם סוחרים־פאַרבאַנד און די בירגערלעכע פּרעסע און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלד: מען נעמט צו דאָס ברויט פון פּריוואַט־באַזיצער! מען פירט אַן אויסטראָטונגס־אַקציע קעגן סוחרטום און פּריוואַטן־קאַפּיטאַל! און מן הסתם זענען אויך דעמאָלט געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד נישט ווייניק טעלעגראַמעס און בייזע בריוו אַרום דעם ענין. היינט־צו־טאָג זענען פאַראַן אין דעם זעלבן בלאָק אַרום 10 פּריוואַטע קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען און דער איינער קאָאָפּעראַטיווער רעסטאָראַן בתוכם, און אַלע מאַכן גוטע געשעפטן. כ'וויס נאָר נישט אויב די מחברים פון יענע פּראָטעסט־געשרייען שעמען זיך היינט, לכל הפחות, ווען זיי דערמאָנען זיך וועגן דעם וואָס זיי האָבן דעמאָלט געשריבן.

דער „המשביר" — די איינקויף־ און פאַרקויף־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות, האָט געעפנט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ שיך־געשעפט אויף דער הערצל־גאַס אין תל־אביב. אין יענער גאַס זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי שיך־געשעפטן. מען האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין פּראָטעסטן, אַז עס

איז צוגעקומען אַ נײַ שיך־געשעפט. אָבער, אַז דאָס געשעפט פון „המשביר״ האָט זיך געעפנט, האָבן זיך אָפּגעשפּילט די זעלבע סצענעס ווי בײַם אַריבערפירן די קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־קיך פון איין בלאָק אינעם צווייטן (אַלע שיך־געשעפטן גייט עד היום נישט שלעכט!).

אין יפו, אינעם גרויסן צענטער פון די נײַע עולים, האָט דער „המשביר״ געעפנט דרײַ געשעפטן, כדי די עולים זאָלן קענען באַקומען ביליקערע פּראָדוקטן. האָט מען אָרגאַניזירט אַן איינטאָגיקן פּראָטעסט־שטרייק פון די יפוער סוחרים, נײַע עולים, מיטן אויסרייד, אַז די רעגירונג שטיצט כאילו דעם „המשביר״ מער ווי פּריוואַטע סוחרים און מען גייט צורויבן (קיין אַנדערן אויסדרוק קען מען דאָך נישט געפינען) זייער פּרנסה. זאָל מען נישט באַשולדיקן דוקא די נײַע עולים־סוחרים, אינעם שטרייק, מן הסתם האָט מען זיי אינסטרואירט און מן הסתם האָט מען געזאָרגט, אַז עס זאָלן גיין קיין חוץ־לארץ טעלעגראַמעס וועגן דעם „רויב״.

דער יפוער סוחרים־שטרייק איז נאָך אינטערעסאַנטער דערמיט, וואָס צווישן די מאָטיוון פונעם שטרייק, איז אויך געווען, וואָס די רעגירונג נעמט הויכע דירה־געלט (די יפוער הײַזער שטייען אַלס „פאַרלאָזן פאַר־מעגן״ אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דער רעגירונג). דאַרף מען וויסן, אַז אויף צו באַקומען אַ געשעפט אין תל־אביב אָדער ערגעץ אַנדערש, מוז מען צאָלן טויזנטער פונטן אָפּטרעט־געלט, וואָס גייען אין פּריוואַטע קעשענעס. קעגן דעם אָרגאַניזירט מען נישט קיין שטרייק. אויב מען וויל אַ געשעפט אין אַ נײַעם בנין, ווו עס איז נישט חל דאָס אײַנגעפרוירענע דירה־געלט, צאָלט מען ממש לעגענדאַרע פּרײַזן. אין יפו, דאַקעגן, האָט די רעגירונג פאַרדינגען 1494 געשעפטן, צאָלן 53% פון זיי אַ מאָנאַטלעך דירה־געלט פון איין ביז 8 פונט; 22 פּראָצענט פון $8\frac{1}{2}$ ביז 12 פונט אַ חודש; 18 פּראָצענט ביז 20 פונט אַ חודש און נאָר 7 פּראָצענט מער ווי 20 פונט אַ חודש. דאָס דורכשניטלעכע דירה־געלט פון אַ שפּײַז־געשעפט איז נישט מער ווי $7\frac{1}{2}$ פונט אַ חודש; גאַלאַנטעריע־געשעפט — $8\frac{1}{2}$ פונט אַ חודש; רעסטאָראַנען — 12 פונט; קאַפע־הײַזער — 15 פונט. דאָס איז דער רויב!

ד

די וואָס זענען באַקאַנט מיט דער לאַגע אין לאַנד גיבן צו, אַז פאַרן באַשטאַנד און פעסטיקונג פון דער מדינה, איז דאָס גובר זײַן די קאָמפּלי־

צירטע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד, צוליב דעם אַלץ שטייגנדיקן יקרות, פאַר מדינת־ישראל נישט ווייניקער וויכטיק, ווי דאָס גובר זיין פאַראַיאָרן די מיליטערישע שוועריקייטן. יאָרן־לאַנג איז דער יקרות געוואקסן און מען האָט גאַרנישט געטאָן קעגן דעם. אין ערשטן יאָר פון מדינת־ישראל, איז דער פרייזן־אינדעקס געשטיגן מיט 65 פונקטן. האָט די רעגירונג געמוזט האַנדלען שנעל און ראַדיקאַל.

יעדער ווייסט אַז אין די מלחמה־יאָרן און אין די נאָך־מלחמה־יאָרן האָט זיך איינגעבירגערט אַן אַנאַרכישער צוגאַנג ביים באַשטימען פרייזן. דוקא יידן פון חוץ־לארץ, וואָס האָבן באַזוכט ארץ־ישראל, קענען וועגן דעם אַ סך דערציילן. כדי צו פאַרביליקערן די פרייזן זענען נויטיק אַ גאַנצע ריי מאָסמיטלען. צווישן זיי אויך פעסטצוזעצן דעם פאַרדינסט פון סוחרים, פאַבריקאַנטן, פאַרמיטלער, בעלי־מלאכות אאז״וו. — לויט אַ געוויסן אָנגענו־מענעם, אָנשטענדיקן באַזיס. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די שוועריקייט: יעדער איז מסכים, אַז דער צווייטער זאָל אַראָפּנידערן זיין פאַרדינסט. דערביי זאָל מען בשום אופן נישט באַשולדיקן נאָר די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס אונטערנעמער און סוחרים. נאָך אַלעמען זענען זיי נישט אַזעלכע שלעכטע יידן און ווילן חלילה נישט דערפירן די מדינה צו אַ דורכפאַל. אָבער פאָליטישע גרופּן, וואָס האָבן געהאַט חשבונות מיט דער רעגירונג, האָבן געקערט וועלטן, כדי צו דערווייזן, אַז די מדינה דאַרף כלל נישט דאָס, וואָס איר רעגירונג פאָדערט. אויב מען קען, לכן, זיין אַ גוטער פאַטריאָט און דערצו פאַרדינען מער, פאַרוואָס זאָל מען זיך דערפון אָפּזאָגן?

מען האָט, למשל, געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די טעקסטיל־גראָסיסטן און אימפּאָרטירער. די רעגירונג האָט פאַרגעלייגט פאַר זיי אַ ברוטאָ־פאַרדינסט פון 10 פּראָצענט; ביים פאַראַרבעטן זיידן־שטאָפן — 12 פּראָצענט. האָט מען תיכף געהערט, נישט מער און נישט ווייניקער: די רעגירונג וויל ליקווידירן די גראָסיסטן און אימפּאָרטערן! די רעגירונג האָט באַשלאָסן איינצופירן אַ פאַרמעגן־שטייער, וואָס דאַרף געבן סך־הכל 900.000 פונט אַ יאָר (אין 1957 — 6 מיליאָן פונט). גיט דער לייטער פונעם פאַרבאַנד פון די הויז־באַזיצער אַן אינטערוויו, וואָס זאָגט: די דערקלערונג פון פינאַנץ־מיניסטער, אַז דער שטייער ווערט באַשטימט נאָר צוליב פיסקאַלע טעמים איז נישט ריכטיק, דער ציל איז צו

ליקווידירן פּריוואַט־אײַגנטום אין לאַנד; די רעגירונג האָט באַשטימט, אַז אין אַלע רעסטאָראַנען, אויך אין האָטעל־רעסטאָראַנען, זאָל אײַנגעפירט ווערן דער פּרינציפּ פון שפּאָרזאַמקייט. באַלד זעען מיר אין אַ באַ־שטימטער פּרעסע גרויסע קעפּלעך: די רעגירונג באַדראָט די טוריסטיק, די גרויסע האָטעלן דראָען צו שליסן זייערע רעסטאָראַנען, אויב די רעגירונג וועט אויך ביי זיי אײַנפירן דעם שפּאָרזאַמקייט־פּרינציפּ און דער אויסרייד איז אָן ספק אַן אויסגעטראַכטער און באַליידיקנדיקער פאַר יעדן ייִדישן טוריסט — ווייל עס איז דאָך בפירוש אַ באַליי־דיקונג צו זאָגן, אַז ייִדן, טוריסטן וועלן נישט וועלן קומען אין מדינת־ישׂראל, אויב זיי וועלן דאַרפן עסן, אַזוי ווי עס עסן ישׂראל־בירגער.
כדי צו שאַפן מיטלען אויף צו פאַרלייכטערן דאָס אויפנעמען נייע עולים, האָט די רעגירונג פאָרגעשלאָגן, אַז די וואָס וווינען אין הייזער, אין וועלכע עס פאַרפליכטעט דאָס אײַנגעפרוירענע נידעריקע דירה־געלט פון יאָר 1940, זאָלן צאָלן אַ געוויסן צוגאָב־שטייער צום דירה־געלט, פאַר אײַנאָר־דענען נייע עולים. צוואַנציק פּראָצענט דערפון וועט גיין אויף צו רעמאָנ־טירן די הייזער. האָט מען אויף צומאָרגנס געזען גרויסע פּלאַקאַטן אין די גאַסן, פונעם פאַרבאַנד פון די הויז־באַזיצער, וואָס פּראָטעסטירן קעגן דער רעגירונג, און דאָס וואָרט „גזילה" איז אין דעם פּלאַקאַט געווען פון צווישן די מילדע אויסדרוקן. לויט דער קרומער לאָגיק פון די, וואָס רעדן אין נאָמען פון די הויז־באַזיצער, קומט אויס אַזוי: אויב די רעגירונג האָט באַשטימט אַ שטייער, מיינט דאָך, אַז זי אָנערקענט, אַז מען דאַרף העכערן דאָס דירה־געלט, און אויב מען העכערט דאָס דירה־געלט, קומט עס דאָך די בעלי־בתים, און נישט פאַר שטייערן — און אויב עס גייט פאַר שטייערן, אפילו פאַר עליה־שטייער, איז עס לויט זייער לאָגיק — גזילה.

מען קען דעם צעטל פאַקטן פאָרזעצן אָן־אַ־סוף. פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַ נישט באַהאַוונטער ייִד קומט אין לאַנד אויף אַ קורצן באַזוך, און הערט די אַלע געשיכטעס, און ער אַליין קען זיך נישט אויס אין דער לאַגע, ער קען נישט פאָרשן אויף וויפיל זיי זענען ריכטיק אָדער גוזמאות אָבער שווערקייטן זעט ער, און פאַראַן פּאָליטישע עלעמענטן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט נאָר צו פאַרשוואַרצן די רעגירונג און נאָר צו שטאַרקן ביי אים דאָס געפיל, אַז אַלץ איז אויסגערעכנט, כדי אים צו באַעוולען און צונעמען ביי אים זיין קאַפּיטל — איז דען אַ וווּנדער, אַז

אַזאַ ייִד דערציילט נאָכדעם שוין אַליין די משונהדיקסטע זאַכן וועגן דעם, וואָס אין לאַנד קומט פאָר?

ה

מען הערט אָפט אַ טענה: אין די געזעלשאַפטלעכע און אין די רעגירונגס־אַמטן, איז מען נישט פריינטלעך צו די, וואָס ווענדן זיך וועגן וואָס־עס־איז. און דער וואָס באַקלאָגט זיך דערויף גיט געוויינלעך נאָך צו: אָנגענומען, אַז מען קען נישט דערפולן זיין ווונטש, זאָל מען לכל הפחות דעם נעגאַטיוון ענטפער געבן אין אַ פריינטלעכער פאָרם, און נישט אָפּשלעפּן דעם ענטפער אַזוי לאַנג, און צווינגען צו קומען עטלעכע מאָל.

דערמיט ווערט באַרירט אַ וויכטיקער פּונקט, וואָס איז אַקטועל נישט נאָר פאַר טוריסטן און נייע עולים, נאָר אויך פאַר די וואָס לעבן שוין אין לאַנד אַ לענגערע צייט. דער שרייבער פון די שורות וועט זיך נישט אונטערנעמען צו זאָגן, אַז אונדזערע מענטשן אין די געזעלשאַפטלעכע און רעגירונגס־אַמטן זענען שטאַרק פריינטלעך. ווען זיי וואָלטן באַנוצט די מאָס פריינטלעכקייט און געדולד, וואָס עס פעלט זיי נאָך, וואָלט אונדז זיכער געווען אַ סך אָנגענעמער און בעסער. מען דאַרף אָבער דערביי זיך אַליין שטעלן צוויי פראַגן: זענען נאָר די מענטשן אין די אַמטן שולדיק אין דעם און דער עיקר, וואָס איז מדינת־ישראל שולדיק דערין?

קודם־כל ווער זענען די מענטשן אין די ישראל־אַמטן, וואָס מען באַקלאָגט זיך אויף זיי? אויב מען זאָל רעכענען דעם וואָס לעבט אין לאַנד אָן ערך 20 יאָר, פאַר אַן אַלטן ארץ־ישראל־תושב, און קעגן דעם עלטערן ארץ־ישראל־תושב, זענען דאָך געווענדט אַלע טענות וועגן די שלעכטע מידות וואָס ארץ־ישראל אַלס ארץ־ישראל טראָגט פאַר זיי די שולד, זאָל מען נישט פאַרגעסן, אַז אויף יעדן ייִד אין מדינת־ישראל, וואָס איז אין לאַנד אַרום 20 יאָר (זינט 1927, למשל), זענען איצט פאַראַן אין לאַנד לכל הפחות נאָך 5 אַנדערע ייִדן (כן ירבו!). (סוף 1957 — אויף יעדן איינעם, נאָך 11 אַנדערע ייִדן (כן ירבו!). אויב מען זאָל מאַכן אַ רעגיסטראַציע פון אונדזערע מענטשן אין די אַמטן, לויט דער צייט, וואָס זיי זענען אין לאַנד, וועלן אָן ספק אַ סך וויניקער ווי אַ זעקסטל פון זיי זיין צווישן יענע וואָס זענען מער ווי 20 יאָר אין לאַנד. דאָס מיינט, אַז אין אַלע מעלות און חסרונות פון אונדזערע מענטשן אין די אַמטן, האָט די ייִדישע סביבה און די ייִדישע און אַלגעמיינע דערציִונג אין ברוקלין און אין וואַרשע, אין

לאָנדאָן און אין פּינסק, אין מאָנטרעאָל און אין לעמבערג, אין יאָהאַניסבורג און אין קעשענעוו — נישט ווייניקער זכות אָדער שולד ווי ארץ־ישראל.

ביים היינטיקן טאָג (1957), איז נאַטירלעך דער פּראָצענט „ותיקים" אין לאַנד נאָך אַ סך קלענער, און אויך זייער פּראָצענט אין דער באַאַמטנשאַפט איז אַ סך קלענער.

מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן אַ סך לענדער, קומען צו מיר אַ סך ניי־געקומענע חברים און באַקאַנטע. מערסטנס קומען זיי אין דער ערשטער צייט פון זייער קומען אין לאַנד, ווען זיי איז נאָך שווער און זיי זענען אומגעדולדיק און פאַרביטערט און האָבן אַ סך טענות. ווייס איך שוין, אויב איך זע נישט אַ ניי־געקומענעם פריינט אַ לענגערע צייט, איז אַ סימן, אַז ער איז שוין איינגעאָרדנט. געוויינלעך הייבט זיך אָן אונדזער שמועס אַזוי: אָט האָב איך, זאָגט צו מיר דער ניי־געקומענער פריינט, כך וכך יאָרן געאַרבעט פאַר ארץ־ישראל, אַגיטירט, געזאַמלט פאַר די ארץ־ישראל־פאָנדן, וועגן זיך אַליין נישט געזאָרגט. איצט בין איך אַהערגעקומען און זיך געווענדט, צום ערשטן מאָל, מכוח מיינעם אָן אייגענעם ענין אין דעם און דעם ביוראָ, און גאָרנישט געפּועלט; זיך געווענדט דאָרטן מכוח מיינעם אַ צווייטן ענין און ווידער נישט געפּועלט, און מען האָט מיך געלאָזט וואַרטן שעהן־לאַנג און מען האָט זיך באַצויגן צו מיר זייער נישט פריינטלעך אאז"וו. אאז"וו.

פאַרשטייט זיך, אויב מען וואָלט נאָר געקענט שנעל דערפילן די ווונטשן פון מיין ניי־געקומענעם פריינט, וואָלט ער מן הסתם נישט באַמערקט קיין באַזונדערע אומפריינטלעכקייט און אַנדערע חסרונות. אָבער היות מען קען אין אַ סך פאַלן זיינע ווונטשן נישט דערפילן, אַזוי ווי ער וויל עס, און אַזוי שנעל ווי ער וויל עס, ווירקט די עווענטועלע, לרוב, אפילו כלל נישט אומפריינטלעכע תשובה, נאָך אַ סך אַ סך שמערצלעכער און דאָס לאַנגע וואַרטן אַ סך אַ סך אויפרעגנדיקער. און פאַרשטייט זיך, אַז באַלד קומט דער באַקאַנטער פּסוק: אַזוי זעט אויס דיין מדינת־ישראל (אין יענעם מאָמענט ווערט עס מיין מדינת־ישראל...)

זאָג איך דעמאָלט צו מיין באַזוכער, לאָמיר זיך אָוועקזעצן און פאַר־צייכענען ווער זענען געווען די מענטשן פון „מיין" מדינת־ישראל, וואָס האָבן דיך אַזוי שלעכט אויפגענומען און זיך אַזוי נישט געוואָלט רעכענען מיט דיינע שוועריקייטן. און עס קומט אַ שורה פון נעמען. הויבן מיר אָן

נאָכצוקוקן זייער יחוס. אָט דער, איז סך־הכל 6 — 5 יאָר אין לאַנד, פריער געווען אַן אַקטיווער עסקן אין פּוילן, אָדער אין רומעניע, אָדער אין פראַנק־רייך, כמעט אַ בן־עיר פון מיין פריינט, איך געדענק נאָך זייער גוט ווי מיט 6 — 5 יאָר צוריק, איז ער געזעסן אויף דעם זעלבן אָרט ווו מיין פריינט זיצט איצטער, און ער האָט געהאַט די זעלבע טענות ווי מיין פריינט היינט. דערציילט איך דאָס מיין פריינט און פרעג אים: וואָס איז שולדיק מדינת־ישראל אין דעם, וואָס ער איז אַזוי ווי ער איז? פונוואַנען ווייס איך, אַז אויב דו וועסט קומען אויף זיין אָרט וועסטו אין עטלעכע יאָר אַרום זיין מיט אַ האָר אַנדערש ווי ער איז היינט? פאַרקערט, איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיין גראָד אַזוי ווי ער איז. איר ביידע האָט דאָך געהאַט די זעלבע דערציונג און דורכגעגאַנגען די זעלבע געזעלשאַפטלעכע שול. און אַזוי קוקן מיר אַדורך די גאַנצע רשימה און די מערסטע פון די מענטשן, וואָס זענען אַזוי נישט פריינטלעך אין די אויגן פון דעם פריינט, און האָבן, כאילו אַזוי וויניק אינטערעס פאַר נייע עולים, זענען ערשט נישט לאַנג אַליין געווען נייע עולים און האָבן דעמאָלט געהאַט די זעלבע טענות, ווי עס האָט היינט דער ניי־געקומענער עולה אָדער טוריסט.

וועט מען מיך פרעגן: הייסט עס, אַז אַלץ איז גוט און אַלע טענות זענען נישט באַגרינדעט? ניין, בשום אופן נישט. עס האָבן זיך אָבער לײדער צוזאַמענגעטראָפן צווי שוועריקייטן, וואָס זענען אונדז אַלעמען גורם צרות און עגמת נפש. ערשטנס: דער נייער עולה און דער טוריסט האָבן גאָר שטאַרק איבערגעטריבענע פאָרשטעלונגען וועגן אונדזערע מעג־לעכקייטן. אויב איינער איז נאָך פעיק צו זען אָביעקטיוו די שוועריקייטן, אויף וויפיל דאָס איז נוגע דעם כלל, און אָפּצושאַצן, אַז טראָץ די קאָלאָסאַ־לע שוועריקייטן, זענען אויפגעטאָן געוואָרן גרויסע זאַכן — פאַרשווינדט ביי אים לחלוטין יעדע אָביעקטיוויטעט אין דעם מאָמענט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אים אַליין. ער זעט קודם כל זיך, און אויך דאָס איז פאַרשטענד־לעך. ער קען נישט און וויל נישט אין דעם מאָמענט געדענקען, אַז אַזעלכע ווי ער זענען פאַראַן טאָג־טעגלעך הונדערטער, אָמאָל טויזנטער. צווייטנס: מיר האָבן דערוויילע, נישט תמיד דעם אַזוי דרינגנדיק־נייטיקן טיפּ פון אַ באַאַמטן, וואָס זאָל ביי אַלע אומשטענדן אָפּהיטן דעם כלל פון מאַקסי־מאַלער פריינטלעכקייט און געדולד און הילף־גרייטקייט לגבי דעם וואָס קומט אין דער אינסטיטוציע אָדער אַמט. נישט מדינת־ישראל איז שולדיק

אין דעם, ווייל נישט מדינת־ישראל און אירע געוועזנהייטן האָבן באַשטימט די מענטאַליטעט פון די מענטשן, וואָס זיצן אין די אַמטן. מיר האָפן, אַז מדינת־ישראל וועט באַווייזן מיט דער צייט צו ענדערן זייער מענטאַליטעט און אויסצובילדן אויף אַלע געביטן אַזאַ טיפּ פון אַ באַאַמטן און לייטער, קעגן וועלכן עס וועלן זיין דער מינימום טענות וועגן נישט־פריינטלעכ־קייט — אָבער דאָס וועט דויערן, דאָס מוז נעמען צייט.

דערביי זאָל מען נישט פאַרגעסן נאָך אַ מאָמענט: דאַכט זיך, אַז מיר אַלע זענען בדרך הטבע נישט קיין עלעמענט, וואָס מאַכט לייכטער פאַר באַאַמטע די אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אויב מיר באַקומען אַ פּאָזיטיווע תשובה, איז אַלץ אין אָרדענונג. אָבער ווער פון אונדז באַגנוגנט זיך דער־מיט, ווען ער באַקומט פון יידישע מענטשן אין אַ יידישן אַמט אַ תשובה, וואָס באַפרידיקט אים נישט. ווער פון אונדז איז דעמאָלט משלים מיט דער נעגאַטיווער תשובה און הייבט נישט אָן קיין גאַנג פון איין ביוראָ אין צווייטן, נישט וויכטיק, צי געהערט דער ענין אַהין אָדער נישט? פאַר־שטייט זיך, אויך דאָס פאַרענטפערט נישט קיין אומפריינטלעכע באַציונג. ווי זאָגט מען אין אַמעריקע: דער קונה איז תמיד גערעכט, און מיר דאַרפן לערנען פון דעם צוגאַנג. אָבער עס דערקלערט אַביסל, עווענטועלע, נישט פריינטלעכע רעאַגירונגען אין געזעלשאַפטלעכע אָדער רעגירונגס־ביוראָען.

ו

פאַראַן נאָך אַ טענה וואָס מען הערט אָפט, ווען מען וויל רעדן אַביסל לשון הרע אויף מדינת־ישראל. די טענה איז, אַז כדי עפּעס צו דערגרייכן, מוז מען קודם־כל האָבן אַ גוטע פּראָטעקציע. דאָס מיינט האָבן אַ קרוב אָדער אַ גוטן באַקאַנטן אַ בעל השפעה, אָדער זיין אַ פּאַרטיי־מענטש, און פאַרשטייט זיך פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי. דעמאָלט דאַרף מען שוין גאָרנישט זאָרגן און מען וועט לייכט דערגרייכן, וואָס מען וויל. די דאָזיקע טענה, ווערט קודם־כל פאַרשפּרייט, צוליב פּאָליטישע טעמים, כדי צו דיסקרעדיטירן דעם געזעלשאַפטלעכן כוח, וואָס באַשטימט, אין אַ געוויסער מאָס, דעם גאַנג פון די ענינים אין לאַנד.

אַז נישט דווקא מאָראַלישע און גערעכטיקייטס־מאָטיוון באַשטימען די מכלומרשטע אויפרעגונג פון יענע, וואָס פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען, קען מען מיט לייכטקייט זען פון דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ, בעת וועלכע

עס איז פון די קלענערע פּאָליטישע גרופּן, וואָס שטורעמען אַזוי קעגן מכלומרשטער פּאַרטיי־הערשאַפט, באַקומען ערגעץ־ווו אין דער האַנט אַריין אַ לייטנדיקע פּאָזיציע. צי איז דאָס אין דער יידישער אַגענץ אָדער אין דער רעגירונג, אָדער אין אַן אַנדערער קערפּערשאַפט. זייער איינזייטיקייט און פּאַרטייאישע עגאָצענטרישקייט איבערשטייגט דעמאָלט אַלע גרענעצן. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז די לשון־הרע־פאַרשפּרייטער, האָט זיך, אויף דעם געביט, איינגעגעבן היפּשלעך צו פאַרסמען די מוחות פון ברייטע קרייזן. עס קומט אָן שווער איינעם צו איבערציינגן אין דער אַבסורדאַלקייט פון דער טענה, אַז דאָס איז אַן אַלגעמיינער כלל, וואָס הערשט אין לאַנד.

דער כלל, וואָס הערשט ביי אונדז איז, שטרענג אָפּצוהיטן, אַז צו אַרבעט, למשל, סיי אין פאַבריק און סיי אין ביוראָ, זאָל מען נעמען מענטשן נאָר פונעם אַלגעמיינעם אַרבעטס־ביוראָ. די רעגיסטראַציע פון אַלע אַרבעט־זוכנדיקע ווערט אינעם אַרבעטס־ביוראָ עפנטלעך קאָנטראָלירט. דאָס נעמט נישט אַרום הונדערטפּראָצענטיק אַלע אין לאַנד פאַראַנענע אַרבעטס־פּלעצער — אָבער דאָך אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי אין אַנדערע לענדער. און די געפערלעכקייט פון פּראָטעקציאָניזם איז דאָך קודם־כל אויפן געביט פון אַרבעט.

קומט פאָר, אַז מען מאַכט אַן אויסנאַם פאַר איינעם, וואָס האָט אין חוץ־לארץ, במשך אַ סך יאָרן, אָפּגעגעבן זיין גאַנצע צייט און זיינע כוחות פאַר ארץ־ישראל. איז אַזוי גרויס די עוולה? ליידער קען מען עס נישט טאָן אין אַלע פאַלן גענוג שנעל. פאַראַן גענוג שפיכת דמים, ווען אַ באַקאַנטער טרייער מענטש פון חוץ־לארץ, מוז זיך אַרומדרייען לאַנגע חדשים, ביז מען קען אים איינאָרדענען. בין איך גרייט פאַר יעדן משפּט צו פאַרענטפערן, פאַרוואָס אַזאַ מענטש פאַרדינט אַ געוויסן פאָרצוג. עס ווערט אָבער שווער, ווען יעדער מיינט, אַז אויך ער איז באַרעכטיקט דערצו.

אויך אין דער פראַגע קומט מיר אָפט אויס צו האָבן שמועסן מיט ניי־געקומענע פריינט. און איך מוז ווייטער מודה זיין, אַז כל זמן דער פריינט איז נישט אַליין פולשטענדיק איינגעאָרדנט מיט אַרבעט, מיט אַ דירה וכדומה, האָב איך נאָר זעלטן באַוויזן אַזאַ איינעם צו איבערציינגן, אַז נישט אַלצדינג הענגט אָפּ פון פּראָטעקציע. שפּעטער יאָ, פריער נישט. און דער שמועס הויבט זיך בדרך כלל אָן אַזוי: ווען דו וואָלסט נאָר

געוואָלט — זאָגט מיר דער פריינט — וואָלט איך געקענט תיכף באַקומען דאָס און דאָס (אַרבעט, אַ דירה, אַן אָרט אין קראַנק־הויז, אַן אַפּרו־פּלאַץ, אַ הלוואה אאז"וו.), עס הענגט אָפּ נאָר פון דיר. און איך מוז מודה זיין, אַז אָט די הקדמה, וועלכע ווערט געזאָגט אין גוטן גלויבן, ברענגט מיך תיכף אַרויס פון די כלים. און מיין ענטפער צום פריינט איז געוויינלעך: וואָס פאַר אַ שלעכטס קען מיר, למשל, געשען, אַז דו וועסט האָבן אַרבעט, אַ דירה, וועסט באַקומען אַ הלוואה? אויב דו זאָגסט, אַז עס הענגט נאָר אָפּ פון מיין ווילן, מיינט עס דאָך, אַז אויב דו דערגרייכסט נישט דאָס וואָס דו ווילסט, איז עס דערפאַר וואָס איך וויל עס נישט. ווי אַזוי קענסט דו אַרומגיין מיט אַזעלכע מחשבות און מיר צושרייבן אַזאַ שלעכטקייט? און איך בין ווייטער מודה, אַז אין אַ סך פאַלן באַמי איך זיך עפּעס צו טאָן פאַר חברים און פריינט. אין ווייניק פאַלן קען איך עפּעס דערגרייכן, פּשוט ווייל אין די מערסטע ערטער ענטפערט מען מיר, און מיט רעכט, דיין באַמיען זיך איז לגמרי איבעריק, וואָס מען קען טאָן, טוט מען ממילא. אָבער אָנגענומען, אַז ערגעץ־ווו דערגרייך איך עפּעס, לרוב נישט צוליב מיין באַמיונג, נאָר צוליב דעם וואָס דער ענין וואָלט אויך אָן מיר געוואָרן דערליידיקט. אָבער מיין באַמיונג קען דאָך מיט רעכט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ פּראָטעקציע. פרעג איך אייך מיינע פריינט אין חוץ־לארץ אַן עצה: וואָס זאָל איך טאָן ווען אַ חבר, אַ פריינט, אַ ניי־געקומענער עולה, קומט צו מיר? זאָל איך מיך באַמיען פאַר אים, (מיט דערפאָלג אָדער אָן דערפאָלג, איז אַ צווייטע זאַך) — אָדער זאָל איך אים זאָגן, גיי דיר געזונטערהייט, ווייל אויב איך וועל מיך באַמיען, וועט עס זיין פּראָטעקציע, און מען וועט עס אויסנוצן כדי צו רעדן לשון הרע קעגן מדינת־ישראל. וואָס וועט מען דעמאָלט זאָגן וועגן מיר און וועגן נאָך אַזעלכע יידן ביי אונדז, אויב מיר וועלן אַזוי ענטפערן?

אוודאי קען מען מיך פרעגן — און וואָס זאָל טאָן דער נייער עולה, וואָס האָט נישט קיין שום פריינט און האָט נישט קיין קרוב? איז עס טאַקע אַ האַרבע פראַגע און איך האָב דערויף נישט קיין ענטפער. אָבער דערמיט וועט מען דאָך נישט אונטערדריקן דאָס נאַטירלעכע געפיל ביי אַ נאָענטן חבר, אַ קרוב און פריינט, זיך צו באַמיען פאַר זיינע נאָענטע. עס וואָלט דאָך געווען מעשה סדום, ווען זיי זאָלן עס נישט טאָן.

זאָל מען בכלל זיין שטאַרק פאָרזיכטיק ביים צושרייבן דעם ענין

פראָטעקציע אומבאַגרענעצטע הערשאַפט ביי אונדז. דאָס וואָס אָט דער גלויבן איז אַזוי שטאַרק אָנגענומען מיינט נאָך נישט, אַז ער איז ריכטיק און איך עצה, לכל הפּחות מיינע פריינט און באַקאַנטע, בויט נישט דערויף!

תל־אביב, אויגוסט 1949.



בילד 78 : מ. ביילינסאָן קראַנקנהויז פון קופּת־חולים פון דער הסתדרות פאַרן תל־אביבער ראַיאָן, לעבן פּתח־תקוה. איבער 600 בעטן, 241 טויזנט קראַנקן טעג אין יאָר 1957. יערלעכער בודזשעט 4,5 מיליאָן פונט. געבויט פון „סולל בונה“.

אַ וואָרט צום שלוס

אין די ניין — צען יאָר, זינט דאָס רוב פון דעם דאָזיקן בוך איז געשריבן געוואָרן, האָט זיך גאָר אַ סך געענדערט אין ישראל. צום סוף פונעם צענטן יאָר זינט דער אויפריכטונג פון מדינת ישראל, לעבן אין איר בערך צוויי און דרייפערטל מאָל אַזוי פיל יידן ווי בעת איר גרינדונג; דער שטח באָדן וואָס יידן באַאַרבעטן איז מער ווי פיר מאָל אַזוי גרויס ווי פאַר דער גרינדונג; דער באַדאַרף פון דער אַזוי באַדייטנדיק פאַרגרעסערטער צאָל איינוווינער, ווערט אין אַ פיל גרעסערער מאָס געדעקט פון אייגענער פּראָדוקציע ווי דער באַדאַרף פון דער פריער קלענערער באַפעלקערונג. די ענדערונגען זענען נישט נאָר פיזישע און מאַטעריעלע: פאָלקסגעזונט, דערציונג, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, גייסטיק שאַפן בכלל — אויף אַט די אַלע געביטן זענען די דערגרייכונגען גאָר באַדייטנדיק. אויב בעת דער אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה זענען נאָך געווען יידן וואָס האָבן זי נישט באַטראַכט ווי זייער אייגנס, איז זייער צאָל איצטער גאָר איינגעשרומפּן. מדינת ישראל ווערט אַלץ מער און מער דער פון אַלעמען אָנערקענטער פאַקטישער גייסטיקער צענטער פונעם יידישן פאָלק.

דאָס בוך שילדערט פּראָבלעמען און שוועריקייטן פונעם ערשטן יאָר יידישער מדינה־זעלבשטענדיקייט. אַ צאָל פון די דאָזיקע שוועריקייטן זענען אינגאַנצן אָדער טיילווייז עלימינירט געוואָרן אין די פאַרגאַנגענע גורלדיקע צען יאָר. מיר האָבן גובר געווען די „קינדער־קראַנקהייטן" פון דער מדינה־אָרגאַניזירונג, פון שאַפן אַ רעגולער־פונקציאָנירנדיקע אדמיניסטראַציע, פון שאַפן נאָרמאַל־פונקציאָנירנדיקע, דעמאָקראַטיש־געקליבענע, פון אַלעמען אָנערקענטע געזעצגעבערישע אינסטאַנצן, זיכערהייטס־דינסט אאז"וו.

אָבער די מערסטע, און טאָקע די וויכטיקסטע פּראָבלעמען שטייען נאָך ווייטער פאַר אונדז מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, ממש אַזוי ווי אינעם

ערשטן יאָר. אויב עמעץ פון אונדז האָט מיט צען יאָר צוריק געטראַכט: זאָלן מיר נאָר האָבן אין לאַנד נאָך אַ מיליאָן יידן וועט אונדזער שנעלער וווּקס נישט זיין מער אַזאַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט — מוז ער היינט איינזען זיין טעות. היינט אַזוי ווי דעמאָלט, איז די פראַגע פון עליה די אַקטועלסטע נויטווענדיקייט פאַר יידן און פאַר דער מדינה. צוזאַמען דער־מיט זענען אַקטועל געבליבן די פּראָבלעמען פון אויפנעמען די עליה און זי איינאָרדענען. די צען יאָר מדינה־לעבן און די עליה פון 900 טויזנט יידן אין די דאָזיקע יאָרן האָבן אונדז אַ סך געלערנט אויף דעם געביט. זיי האָבן אונדז אויך געלערנט, אַז ביי אַ גאָר גרויסער אָנשטרענגונג פונעם גאַנצן פאָלק און געדולד פון די וואָס קומען אין לאַנד, קען מען די שווע־ריקייטן גובר זיין. מיר זענען אָבער נאָך אַלץ נישט געקומען פאָרויס וואָס שייך אַן ערנסטן אָנפאַנג פון אַ גרעסערער עליה פון יידן פון דער מערב־העמיספער. דאָס איז אויך שייך גרעסערע אינוועסטירונגען פון יידישן פּריוואַט־קאַפּיטאַל פון חוץ־לארץ אין ישראלדיקע אונטערנעמונ־גען. פאַראַן אַזעלכע וואָס באַשולדיקן דערביי די רעגירונג ווייל זי גיט נישט כאילו, קיין גענוגנדיקע הילף פריוואַטע אינוועסטירער. אָבער אַלע וויסן שוין די נישט ערנסטקייט פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם לימוד־זכות וועגן איינגעהאַלטנקייט פון פריוואַט־אינוועסטירער. די רעגירונג גיט איצט פריוואַטע אונטערנעמער אין די אַנטוויקלונגס־געביטן לאַנגיאָריקע קרעדיטן פון 75% פונעם אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל.

אויפן געביט פון זיכערקייט זענען מיר געגאַנגען שטאַרק פאָרויס. די סיני־אַקציע סוף 1956 איז געווען אַ באַלערנדיקער ביישפּיל פון דער קראַפט און אַקציע־פעיקייט פון אונדזערע זיכערקייט־כחות. אָבער דער צוואַנג וואָס פאָדערט פון אונדז פולע גרייטקייט, כדי צו קענען אָפּשלאָגן אָנגריפן פון אַרומיקע אַראַבישע שכנים־לענדער, וואָס פרעדיקן אונדזער פאַרניכטונג, איז פאַרבליבן אַזוי ווי אינעם ערשטן יאָר. די לאַסט וואָס דאָס לייגט אַרויף אויף דער מדינה איז נישט קלענער געוואָרן.

מיר האָבן אין די צען יאָר געמאַכט אַ גאָר וויכטיקן שריט פאָרויס וואָס שייך זעלבסט־פאַרזאָרגונג מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע שפּייז־פּראָדוקטן און אויך אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען. די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָ־דוקציע, למשל, איז געשטיגן אין די צען יאָר, בערך דריי און אַ האַלב מאָל. די יידישע באַפעלקערונג איז זינט דער אויפריכטונג פון דער מדינה

ביז סוף 1957 געשטיגן מיט מער ווי 170 פּראָצענט. דער אימפּאָרט איז אין 1957 געשטיגן מיט אַרום 92 פּראָצענט אין פאַרגלייך צו 1949. דער עקספּאָרט איז אין דער צייט געשטיגן מער ווי 4½ פאַכיק. אין יאָר 1949 איז אויסגעקומען, אַז אויף יעדן נפש אימפּאָרטירן מיר יערלעך סחורות פאַר 233 דאָלאַר; אין 1957 איז דער אימפּאָרט אויף יעדן נפש 181 דאָלאַר. אָבער אויך נאָך דער בעסערונג אימפּאָרטירן מיר נאָך אַלץ יערלעך פאַר בערך 300 מיליאָן דאָלאַר מער (אין 1957) ווי מיר עקספּאָרטירן — אַ גרעסערער דעפיציט ווי אין יאָר 1956, הגם דער עקספּאָרט איז געשטיגן מיט 26% אין פאַרגלייך צו 1956. איז די פראַגע פון שפּאָרזאַמקייט און פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע נישט אַראָפּ פונעם סדר־היום און זי איז נאָך וויטער שאַרף און לעבנסוויכטיק ווי אינעם ערשטן יאָר פון דער מדינה.

יעדער עולה וואָס קומט אין לאַנד זעט פאַר זיך אויף שריט און טריט און אין אַלע עקן פון לאַנד פיל צענדליקער טויזנטער נייע דירות וואָס מען האָט געבויט פאַר עולים אין די צען־יאָר פון מדינת ישראל. ער ווייסט אַז דאָס איז נישט געשען אין איין טאָג — נישט ווייל מען האָט נישט געוואָלט, נאָר ווייל עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט דאָס צו מאַכן שנעלער. האָבן אַ סך טויזנטער משפחות געמוזט וואַרטן יאָרן ביז עס איז געקומען זייער ריי צו באַקומען אַ דירה. און ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען — עס איז אַ סך, אַ סך שווערער, פאַר אַן אין לאַנד געבוירן יונג פּאָרפאָלק, וואָס האָט נישט קיין מיטלען אָדער פאַר אַן אַלט־איינגעזעסענעם וואָס האָט נישט קיין מיטלען, צו באַקומען אַ דירה, ווי פאַר אַ נייעם עולה. וואָס ווייטער ווערט קירצער די צייט וואָס עולים דאַרפן אָפּוואַרטן כדי צו באַקומען אַ דירה. די וואָס קומען איצט אין לאַנד וואַרטן אַ סך ווייניקער צייט ווי די וואָס זענען געקומען מיט 6—8 יאָרן צוריק. דאָס ענדערט אָבער נישט די אומגעדולדיקייט און אומצופרידנקייט פון די וואָס קומען היינט, וואָס מאָלן זיך אפשר אויס, אַז פאַרטיקע, ליידיקע דירות וואַרטן אויף זיי, נאָך איידער זיי קומען אין לאַנד. שטייען מיר אויף דעם געביט פון באַזאָרגן עולים באלד מיט דירות פאַר גלייכע שוועריקייטן ווי אין די פריערדיקע יאָרן. דאָס זעלבע איז אמת וועגן שאַפן שטענדיקע אַרבעט פאַר די עולים. די פינאַנציעלע שוועריקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט בויען ווױנונגען פאַר עולים און שאַפן נייע אַרבעטס־מעגלעכקייטן זענען פאַרבליבן, זייער פאַרנעם איז איצט פיל גרעסער, ווייל מען וויל מיט

אַלע כחות אויסמיידן עולים־לאַגערן מיט געצעלטן און באַראַקן. אָבער קיינער טראַכט נישט וועגן זיך פאַרלייכטערן אין טראָגן דעם דאָזיקן עול.

אַזוי ווי פון סאַמע אָנהויב פון דער נײַ־צײַטיקער שיבת ציון, זענען אויך איצט פאַראַן גרופּן וואָס קענען זיך נישט אײַנלעבן אין לאַנד, און זיי פאַרלאָזן אויך איצט די ייִדישע מדינה. במשך די צען יאָר פון דער מדינה האָבן אַרום 9 פּראָצענט פון דער צאָל עולים פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָס איז בדרך־כלל אַ נישט הויכער פּראָצענט אין אײַנוואַנדערונגס־לענדער. אָבער פאַר אונדז שטייט אויך די פראַגע וועגן דער ווירקונג דערפון אין די אײַנוואַנדערונגס־לענדער פון די יורדים. אין אַלגעמיין איז די ליבע און צוגעבונדנקייט פון ייִדן אין חוץ־לארץ צו מדינת־ישראל שטאַרקער ווי די השפּעה פון די רייד פון יענע, וואָס באַמיען זיך פאַרענטפערן זייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד מיט באַשולדיקן מדינת־ישראל און איר רעגירונג, אָנשטאָט זיך מודה זײַן אין זייער אומווילן אָדער אומפעיקייט צו לעבן אונטער די באַדינגונגען וואָס דאָס לאַנד לייגט אויף אונדז אַרויף אין דער איצטיקער תקופה.

אין די צען יאָר מדינה איז אַ סך געטאָן געוואָרן אויפן געביט פון צעשפּרייטן אירע אײַנוווינער דורך דער באַמיונג, אַז די גרויסע מערהייט ייִדן זאָל זיך נישט קאָנצענטרירן אין די צענטראַלע שטעט און אינעם שמאָלן פּאַס — דעם ים־ברעג פון ישראל.

סוף 1948 האָבן אַרום 55 פּראָצענט פון אַלע ייִדן אין מדינת־ישראל געלעבט אין די דריי שטעט ירושלים, תל־אביב, חיפה. סוף 1957 זענען עס נאָר אַרום 40% פון אַלע ייִדן אין דער מדינה. אויב מיר נעמען די 15 וויכטיקערע שטאָטישע און כמעט שטאָטישע פּונקטן, בעיקר ביים ים־ברעג — תל־אביב־יפו, בת־ים, חולון, רמת גן, בני ברק, פתח־תקוה, גבעתיים, הרצליה, נתניה, חדרה, חיפה, ראשון לציון, נס־ציונה, רחובות און אויך ירושלים, האָבן זיי סוף 1948 קאָנצענטרירט 74,4 פּראָצענט פון אַלע ייִדן — סוף 1956 נאָר 63,1 פּראָצענט, הגם צאָלמעסיק האָט זיך זייער באַפעלקערונג פאַרטאָפּלט. אָבער פיל, פיל מער מוז נאָך געטאָן ווערן. עס איז נישט קיין קאַפּריז, נאָר אַ נאַציאָנאַלער מוז, וואָס פאַרוועדט צו קאָנצענטרירן אַ גאָר הויכן פּראָצענט אײַנוווינער אין אַ גאָר קליינעם טייל פון דער מדינה, וואָס איר שטח איז גענוג קליין. מיר קענען זיך נישט דערלויבן איבערצולאָזן ליידיקע, נישט באַוווינטע שטחים אין נגב און אין

גליל; דאָס איז פאַר דער מדינה געפאַרפול און באַגרענעצט אויך די מעג־לעכקייט פון אויפנעמען נייע עולים. אויך דאָס דאַרף אין פאָרויס געזאָגט ווערן עולים וואָס ווילן קומען אין לאַנד. מען מוז איבערחזרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז נישט אַלע יידן קענען זיך קאָנצענטרירן אין און אַרום תל־אביב, כדי אויסצומיידן די שפּעטער שוואכגלויביקע טענה: מען האָט אונדז צוגעזאָגט דירות און איינאָרדענונג אין תל־אביב.

עס זענען געווען און עס זענען נאָך פאַראַן און עס וועלן מן־הסתם נאָך ווייטער זיין טענות, און אויך באַרעכטיקטע טענות. צען יאָר זענען נישט אַזאַ לאַנגע צייט, אַז אַ צוויי טויזנט יאָר מלוכהלאָז פאָלק זאָל מיט אַמאָל קענען אויסוואָרצלען אַלטע דענק־ און לעבנס־געוווינהייטן. דאָס איז אויך נוגע דער נויטווענדיקייט פון באַשיידנקייט ביי אַלע וואָס רעדן און האַנדלען אין נאָמען פון דער מלוכה־מאַכט און זענען איינגעהילט אין איר פּרעסטיזש. די יידישע מענטאַליטעט דאַרף זיך צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון אַ מלוכה־עקזיסטענץ. און דערווייל, לאָמיר זיך היטן פון גענעראַליזאַ־ציעס. בעת מיר באַגעגענען זיך מיט דערשיינונגען וואָס דאַרפן און קענען אויסגעבעסערט ווערן.

די צען יאָר מדינה האָבן נישט געענדערט די שטאַרקע פּאַרטיי־צעשפּליטערונג ביי אונדז. דער פאַקט וואָס עס האָט נישט אויפגעהערט דער ויכוח וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרקלענערן די דאָזיקע צעשפּליטע־רונג און דער נויטווענדיקייט צו פאַרהיטן די פעלערן דערפון, באַווייזט, אַז מען איז אין דער פראַגע נישט גלייכגילטיק. מען דאַרף אָבער אויך פאַרצייכענען אַ פאָרשריט אויפן געביט פון מלוכהשן דענקען. דאָס איז אַ באַשיידענער פאָרשריט — אָבער מען טאָר אים נישט גרינגשעצן. ער לערנט אונדז, אַז די וואָס האָבן געבראַכט צו דער גרויסער טראַנספאָרמאַציע אין דער יידישער געשיכטע, זענען אויך פעיק צו ענדערן זיך אַליין, ווי עס פאָדערט דאָס לאַנד, די צייט און די געפאַרן.

און לאָמיר טאָן אַלצדינג כדי זוכה צו זיין צום סוף פונעם צווייטן עשור פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל צו אַזעלכע דערגרייכונגען ווי מיר האָבן זוכה געווען ביים סוף פונעם ערשטן עשור.

תל־אביב, מאַי 1958.

פונעם זעלבן מחבר דערשינען:

15 יאָר פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, מיט אַ הקדמה פון שלמה קאפלאנסקי, תל־אביב, תרפ״ח (1928), 132 זייטן;

ערשטער קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל — בערלין 1930, (צוגעגרייט און רעדאקטירט), וואַרשע 1931, 324 זייטן;

דער װעג פון טאַט (צװיי אויפלאַגעס), װאַרשע 1934;

משק הכספים בתנועה המקצועית, הקדמה מאת ד. רמז, תל־אביב 1936;

מעבר לחומה, תל־אביב, תש״ג;

שנת השמדה, תל־אביב, תש״ד;

אַ יאָר פון אויסראָטונג, בוענאָס־איירעס, 1944;

װעגן יידישן לעבן אין אייראָפּע (איינדרוקן פון אַ רייזע), אויך העברעיש, תל־אביב, 1946;

חורבן ומרד של יהודי ורשה, מהדורה ראשונה, תל־אביב, 1946, 444 עמוד;

חורבן ומרד של יהודי ורשה, מהדורה שניה, תל־אביב, 1947, 496 עמוד;

חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין װאַרשע, ערשטער און צװייטער טייל, תל־אביב, 1948, 722 זייטן;

די אייגנאַרטיקייט פון דער הסתדרות, תל־אביב, 1952;

די נייע װירקלעכקייט (ציוניסטישע און אַרבעטער־ציוניסטישע באַװעגונג), תל־אביב, 1954, 340 זייטן;

געבוי, כאַראַקטער און אויפשטייג פון הסתדרות, צװיי אויפלאַגעס, אויך העברעיש, תל־אביב, 1955;

במערכה חדשה (מהדורה ראשונה), תל־אביב, 1955, 342 עמוד;

.Zionism Today and Tomorrow London 1956, 296 p.p

במערכה חדשה (מהדורה שניה), תל־אביב, 1956, 350 עמוד;

בראשית ובעשור למדינת ישראל, תל־אביב, 1958.

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדע ביכער;

י. זרבבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושינאָ
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
יוסף ראָזען:	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
יצחק פאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
יצחק לעוו:	אין געראַנגל